STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05666

ANTOLOGYE FUN DER VELT LITERATUR

*Permanent preservation of this book was made possible
by Barry & Stephen Sacks
in memory of
their parents, Edith & Louis Sacks*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָלאָגיע
פון דער
וועלט־ליטעראַטור

בוך

44

אַנטאָלאָגיע

פון דער

וועלט-ליטעראַטור

איבערגעזעצט און צוגעגרייט

דורך

יצחק איסאַקסאָן

פאַרלאַג ״יידבוך״

ביי דער

״געזעלשאַפט פאַר יידישע-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״

בוענאָס-איירעס

1961

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

בלומעז

מיין לעבנסבאַגלייטערין און
טרייסטן פריינד, מיט ליבע
און דאַנקבאַרקייט.

אַרײַנפֿיר

קודם דאַרף דערקלערט ווערן, אַז דאָס וואָרט אַנטאָלאָגיע שטאַמט פֿון גריכיש און באַטײַט אַ קראַנץ אָדער בוקעט בלומען. אין דעם פֿאַל ליטעראַרישע בלומען, שאַפֿונגען, וועלכע פֿאַרוועלקן קיין מאָל נישט און ווע־מענס אַראָמאַט איז תמיד פֿריש און אָנגענעם.

די ערשטע גריכישע אַנטאָלאָגיע האָט אַנטהאַלטן 4.500 פֿאָעמען פֿון 300 פֿאָעטן און איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק. די לייענער פֿון דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע וועלן זיך באַלד קענען טרייסטן, אַז זיי האָבן פֿאַר זיך קוים עטלעכע צענדליק דערציילונגען פֿון די גרויסמייסטער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. אין דער הײַנטיקער שטיקנדיקער אַטמאָספֿער, ווען איבערן קאָפּ פֿון דער מענטשהייט הענגט די אַטאָם־באָמבע, האָבן מענטשן נישט קיין געדולד צו לאַנגע מעשׂיות, מען פֿאָדערט צו דערציילן אַלץ בקיצור, און אָט דער איז געווען דער קריטעריום ביים קלײַבן די דערציילונגען איבערצוזעצן במשך פֿון די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר.

אָבער זוכנדיק קורצע דערציילונגען האָב איך נישט פֿאַרציכטעט אויך אויף דער קוואַליטעט; איך האָב שטענדיק אין זינען געהאַט, אַז דער מעט הכמות זאָל זײַן פֿון רב האיכות. אויף וויפֿל דאָס איז מיר געלונגען, וועלן אורטיילן די לייענער. וואָס איך וויל, איז עפּעס זאָגן וועגן דעם מהות פֿון ליטעראַטור בכלל, און וואָס איז דער זין און ציל פֿון דער אַנטאָלאָגיע.

ליטעראַטור איז דער סך־הכל פֿון די גײַסטיקע אָנשטרענגונגען פֿון דער מענטשהייט, פֿון אירע געפֿילן, געמיט־צושטאַנדן, קאַמפֿן, דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען. ליטעראַטור איז דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פֿונעם מענטשלעכן באַוווּסטזײַן, פֿונעם פּראָגרעס פֿון זײַן פֿאַרשטאַנד.

ליטעראַטור ברענגט אונדז אין קאָנטאַקט מיט עפּאָכעס לאַנג־פֿאַרגאַנגענע, מיט דורות לאַנג פֿאַרשוווּנדענע, ליטעראַטור און איר געשיכטע באַרײַכערן אונדז מיט גרויסע געדאַנקען, מיט הערלעכע זעונגען און פֿילט אונדז אָן מיט קלאַנגען פֿון זיסע לידער.

ליטעראַטור איז די בריק, וואָס פירט אונדז איבערן אָפּגרונט פון דער צייט, פון די וועלדער פון אַזיע, ווו אונדזערע אורעלטערן האָבן אויסגעקריצט זייערע געפילן אויף דער קאָרע פון ביימער און אויף שטיינער; איבער דער בודיסטישער נירוואַנע ביז צום גריכישן עפּאָס און דעם פייער-פלאַמיקן קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און אַן עטיש לעבן פון די יידישע נביאים; איבער דעם פעאָדאַל-ראָמאַנטישן מיטלאַלטער מיט איר דעגענערירטן רענעסאַנס, ביז דעם קאָכיקן, צעשטורעמטן און כאַאָטישן היינט פון אַ וועלט אין אַן אויף טויט און לעבן געראַנגל, און ביז אַ ליכטיקן מאָרגן, וואָס מוז דאָך סוף כל סוף קומען, און דאַן וועט די ליטעראַטור דינען צו אַנטפּלעקן די גייסטיקע חשיבות פונעם מענטש און וועט באַרייכערן דעם אַלגעמיינעם ברידערלעכן קולטור-אוצר.

דער שטעמפּל פון גאָט, האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים, איז אמת („חותמו של הקב״ה אמת״). דאָס ווירדיקע וואָרט פון אַן עכטן קינסטלער, פון אַ שעפערישן מענטשן, איז אויך אמת, איז דער פּראָדוקט פון בלוט און מאַרך, דער לעבעדיקער אָטעם, דער זין פון זיין גייסטיקער עקסיסטענץ. וואָרט און ווערט זענען גלייכווערטיק. די גרויסע אמתן, די טיפע געפילן, די גרויסע געדאַנקען, די אומשטערבלעכע ווערטער פון פייערדיקע קעמפער, טיפע דענקער און צאַרטע זינגער זענען פאַרשלאָסן אין ווערטער, פאַרזיגלט אין ביכער. אַ דאַנק די ביכער קענען מיר ווי מיטקעמפן, מיטמאַכן און מיטפילן די דערפאַרונגען און דעם גאַנצן פּראָצעס פון אונדזערע גרויסע פאָרגייער, דעריבער איז ליטעראַטור אויך די געשיכטע פון דער וועלטס בעסטע ביכער.

אָבער די דאָזיקע ליטעראַטור איז ברייט ווי אונדזער פּלאַנעט און אַלט ווי די באַוווסטזיניקע פאַרגאַנגענהייט פון דער מענטשהייט, דעריבער דאַרף דאָס בוך באַטראַכט ווערן מיט איינזען, ווי אַ באַשיידענע אָנשטרענגונג אַרויפצוברענגען פון די טיפענישן פונעם אָקעאַן וועלט-ליטעראַטור איניקע פּערל, אָדער לפּחות, דערציילונגען, וועלכע האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען צו זיין אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. אויב דער לייענער וועט, נאָכן איבערלייענען די אַנטאָלאָגיע, דערפילן אַ פאַרלאַנג צו גיין זוכן די ווייטערדיקע שאַפונגען פון די קינסטלער, וועלכע זענען אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע, און פון פיל אַנדערע, וועלכע, מחמת פאַרשידענע וואָגיקע טעמים, עס איז געווען אוממעגלעך אין דעם בוך איינצושליסן, וועט דאָס זיין מיין שכר.

וויפל גילגולים עס האָט דורכגעמאַכט דאָס בוך ביז עס האָט אָנגענומען די היינטיקע פאָרעם! ווי איך האָב דערמאָנט, האָבן די אַזיאַטן און אויך די רוימער אויסגעקריצט זייערע אויפשריפטן אויף דער קאָרע פון די ביימער. דערפון קומט דאָס וואָרט בוך אין פאַרשידענע לשונות. אין לאַטיין האָט „ליבער״ באַטייט אינערלעכע קאָרע, פאָלגלעך איז געוואָרן

אין די לאַטיינישע שפּראַכן, אין איטאַליעניש און שפּאַניש דאָס וואָרט „ליבראָ", אין פראַנצויזיש „ליוור". דאָס דייטשן וואָרט „בוך" קומט פון דעם בוים „בוכע", וועלכער הייסט אין רוסיש „בוק", און אין ענגליש האָבן מיר פון דעם זעלביקן שורש פאַרן וואָרט בוך — „בוק". איז דאָך באַוווּסט, אַז מען האָט גענוצט פאַר שרייב־מאַטעריאַל אויך די בלעטער פון פּאַלמען־בוים, פונעם צוקער־בוים (קליאָן) און פון דעם אולמבוים.

דער בוים בוכע, בוק, ביטש, לעבט 250 יאָר. עס זענען פאַראַן ביימער, וועלכע לעבן פון **פינף** ביז **אַכט טויזנט** יאָר. קיין וווּנדער נישט, וואָס די ערשטע ליטעראַטן, אַזוי צו זאָגן, האָבן אויסגעקריצט זייערע געדאַנקען און געפילן אויף די ביימער־שטאַמען — דער דראַנג צו אומשטערבלעכ־קייט, צו פאַראייביקן זייערע ווערטער, האָט זיי געשטויסן דערצו, און אַר־מעטום זענען די ערשטע שריפטן „דערשינען", באַנוצנדיק אַ מאָדערנע טערמין, אויף ביימער, פעלדזן, מאָנומענטן, וועלכע האָבן געזאָלט דויערן אַמלענגסטן.

די עשרת הדברות זענען אויסגעקריצט געוואָרן אויף שטיין. די ווערק פונעם גריכישן דיכטער העזיאָד, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פון ישעיה הנביא (אינעם אַכטן יאָרהונדערט פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג) זענען אויסגעקריצט געוואָרן אויף בלייענע טאָוולען; די גריכן און רוימער פלעגן אויך נוצן צום שרייבן פּלאַטן פון העלפאַנטביין און מעטאַל. שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן שרייבן אויף הילצערנע טאָוולען, וועלכע זענען באַדעקט געוואָרן מיט וואַקס. מצרים האָט גענוצט די פלאַנץ פּאַפּירוס, וואָס איז געוואַקסן ביים נילוס, און דורך וואָס מיר האָבן דאָס וואָרט **פּאַפּיר**.

פיל גלגולים, זינט דער מגילה פון פּאַפּירוס, שפּעטער פון פּאַרמעט, און העט־העט ביז גוטענבערגס דרוק־פּרעס, איז דאָס בוך דורכגעגאַנגען ביז עס איז געוואָרן אַ דויערנדיק, מאָדערנע, באַקוועם און פּרעכטיק בוך, וועלכעס מען קען באַקומען פאַר אַ שוה לכל נפש פּרייז.

מיט אַ פּאָר און פערציק יאָר איידער קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמע־ריקע, איז געבוירן געוואָרן די דרוק־קונסט און די קולטור־אוצרות פון דורות און פעלקער זענען געוואָרן צוטריטלעך פאַר די וואָס האָבן איג־טערעס און נייגער.

***

פון דעם ברייטן און טיפן ים, וואָס הייסט וועלט־ליטעראַטור, האָבן מיר, ווי געזאָגט, געשעפּט קוים איין טראָפּן אָבער וואָס, לאָמיר האָפן, גיט צו פילן דעם ריכטיקן טעם, און וועקט דעם דורשט ביים לייענער ווייטער צו שעפּן און טרינקען.

ח. נ. ביאַליק

(געבוירן אין 1873 — געשטאָרבן אין 1934)



דער גרויסער פּאָעט פון אונדזער נאַציאָ־נאַלן רענעסאַנס, חיים נחמן ביאַליק, איז געבוירן געוואָרן אין 1873 אין וואָלין (רוס־לאַנד) און איז נפטר געוואָרן דעם 4טן יולי (כ״א תמוז) פון 1934.

ביאַליק איז, ווי באַוווסט, געווען אויסער געניאַלער פּאָעט, עסעיסט, איבערזעצער פון וועלט־פּאָעזיע (ער האָט איבערזעצט סער־וואַנטעסעס „דאָן קיכאָט״, שילערס „ווילהעלם טעל״, שעקספּירס „יוליוס צעזאַר״), אַרויס־געבער און מיטרעדאַקטאָר מיט י. ח. ראַוו־ניצקי פון דעם מאָנומענטאַלן „ספר האגדה״, פון שלמה אבן גבירולס און אבן עזראס שירים, אויך אַ מייסטערהאַפטער דערציילער.

מיר האָבן, דעריבער, געדענקט פאַר פּאַסיק אָנצוהייבן אונדזער אַנטאָלאָגיע פון וועלט־ליטעראַטור מיט ביאַליקס ערלעכער „לעגענ־דע פון 3 און 4״.

די לעגענדע פון דריי און פיר

איין נוסח

— א —

אַ זיסע, פּראַכטפולע טאָכטער האָט געהאַט שלמה המלך. וואָס אין דער גאַנצער וועלט איז נישט געווען צו איר קיין גלייכן, און דער קעניג האָט זי ליב געהאַט ווי זיין לעבן, און האָט זי געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. און דאָס מיידל איז געווען מאָדנע און האָט זיך אונטערשיידט פון קליינוויז אָן מיט אירע וועגן פון אַלע טעכטער פון איר עלטער, און עס איז איר נמאס געוואָרן דער רעש פון לוק־

סוריעזע פּאַלאַצן, און זי האָט בעסער געוואָלט אומשפּאַצירן איינזאַם און שטיל אין גאָרטן פון קעניג אָדער אַוועק פאַרטאָג אין די וויינגערטנער און אומשפּאַצירן איבער זייערע סטעזשקעס, און איר נשמה האָט געברויזט, און אירע אויגן זיינען געווען געהויבן צו דער ווייט, און זי האָט אויסגעזען ווי איינע וואָס חלומט אויף דער וואָר אַלע טעג, און קיין מענטש האָט נישט געוווסט איר האַרץ. און ווען עס האָט זיך דערנעבנטערט איר צייט פון ליבע, זיינען געקומען פּרינצן פון נאָענט און פון ווייט צו ריידן וועגן איר מיט איר פאָטער. אָבער דאָס מיידל, דעם קעניגס טאָכטער, האָט באַהאַלטן איר פּנים פון זיי און האָט נישט גענומען אין אַכט זייערע ווערטער און זיי האָבן זיך אַלע אומגעקערט אין זייער לאַנד פאַרשעמטע און באַליידיקטע. און אַז ס׳איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און דאָס מיידל האָט געמאַכט האַרט איר האַרץ, האָבן זיך פון איר מיאש געווען די פּרינצן און האָבן זי אויפגעהערט צו זוכן. און דער קעניג איז געווען באַזאָרגט פון איר און איז געוואָרן טרויעריק. און ער איז אַרויף ביינאַכט אויף דער טעראַסע און האָט געקוקט אויף די שטערן, צו זען אין זיי ווער איז דער פּרינץ וואָס גאָט האָט אים באַשטימט פאַר זיין טאָכטער, און ווען וועט ער קומען. און ער האָט פאַרשטאַנען די צייכנס פון הימל און ער האָט געזען — אַז נישט קיין קעניג און נישט קיין פּרינץ איז גרייט פאַר זיין טאָכטער פון גאָט, נאָר אַ יינגל אַן עני ואביון פון די אָרעמע לייט פונעם פאָלק, און ער וועט קומען אין דער באַשטימטער צייט און וועט איר נעמען פאַר זיין פרוי.

איז דעם קעניג זייער שלעכט געוואָרן און ער האָט געזוכט אַ מיטל צו צעשטערן דעם פּלאַן פון הימל, און ער האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: לאָמיך באַהאַלטן דאָס מיידל ביז ס׳וועט איבערגיין די באַשטימטע צייט, וואָס איך האָב געזען אין די שטערן, וועט איבערגיין די גזרה. און ער האָט זיך אויסגעזוכט אַן איינזאַמען אינדזל אין מיטן ים ווייט פון דאָרט ווו ס׳גייען די שיפן, און ער האָט זיך דאָרט אויסגעבויט אַ הויכן שלאָס און פיל זאַלן און צימערן זענען געווען אין אים, און ער האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער מויער פון זיינע פיר זייטן און ער האָט אַריינגעזעצט זיין טאָכטער אינעם שלאָס. און זיבעציק באַדינער האָט ער באַשטימט פאַר איר פון די יידישע זקנים זי צו היטן און באַדינען. און אַ סך שפּייז האָט ער אָנגעגרייט פון אַלע מאכלים און פון אַלע געטראַנקען און פון אַלע דעליקאַטעסן פון דער וועלט, עס האָט גאָרנישט געפעלט. און ער האָט פאַרשלאָסן אַלע טויערן פונעם שלאָס און זיינע טירן מיט אייזערנע רוקערס און שלעסער אַז מ׳האָט נישט געקענט אַרויס און אַריין, און ער האָט געזאָגט: אַצינד לאָמיך זען גאָטס ווערק צי וועט מקוים ווערן דער פּלאַן פון די שטערן צי נישט.

איז געזעסן דעם קעניגס טאָכטער אין יענעם שלאָס, און די זיבעציק באַדינער היטן איר בעסער פון יעדער תפיסה און וואַכן איבער איר טאָג ווי נאַכט און פלייסן זיך צו דערפילן דעם קלענסטן און דעם גרעסטן פון אירע פאַרלאַנגען; און אויך קיין שום פרייד האָבן זיי נישט פאַרמיטן פון איר האַרצן, ווייל אַזוי האָט באַפוילן

דער קעניג צו פאַרמערן אירע פאַרוויילונגען אין איר איינזאַמקייט. נאָר איינס איז זיי נישט דערלויבט געוואָרן איר צו געבן: זי אַרויסצופירן פונעם מויער פון שלאָס אין דרויסן אַרויס, ווייל דער שלאָס איז געווען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן, קיינער איז נישט אַרויס און קיינער איז נישט אַריין.

און ווען עס פלעגט ענג ווערן איר גייסט צו זיין אינעווייניק, פלעגט זי אַרויף אויפן דאַך פונעם שלאָס און דאָרט אַרומשפּאַצירן, אָדער זי פלעגט זיך אָנשפּאַרן אויף דעם באַלקאָן פונעם דאַך און קוקן אויף דעם ברייטן ים אַרום, זיך צוהערן צום גערויש פון זיינע כוואַליעס, און ס'איז איר לייכטער געוואָרן.

און אַ וועכטער איז געשטאַנען אויף דער מויער טאָג ווי נאַכט און זיינע אויגן זיינען געווען צעעפנט צום ים אַרום, און ער האָט געהיט דאָס אינדזל עס זאָל זיך צו דעם נישט דערנענטערן קיין שיף און קיין פּיאַטע פון אַ מענטשנס פוס זאָל נישט באַטרעטן זיין גבול אַרום און אַרום. בלויז צוויי מאָל אין טאָג — אין דער פרי און פאַרנאַכט — פלעגט זיך באַווייזן אַ לייכט שיפל אויף דער אויבערפלאַך פון ים, ווייט ווי די שליידער־שטרעקע פון אַ בויגן, און אַ מענטשלעך געשטאַלט איז געווען אין שיפל, אַ געשיקטער שליח פונעם קעניג צו פרעגן וואָס דאָס מיידל מאַכט. און דער מענטש האָט געפאָכעט פון ווייטן מיט אַ ווייסער פאָן אין זיין האַנט, ס'הייסט: איז שלום צום קעניגס טאָכטער? און דער וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער אים האָט אויך געפאָכעט מיט אַ ווייסער פאָן, ס'הייסט: שלום! און דאָס שיפל האָט זיך תיכף פאַרקירעוועט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אויפן האָריזאָנט.

און וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די צייט, פאַר וועלכער דער קעניג האָט מורא געהאַט, האָבן די באַדינער אַלץ מער פאַרגרעסערט די וואַך. און זיי זיינען געבליבן וואַכזאַם אויף זייערע פּאָסטנס ביי די טויערן און די פאַרשלאָסענע טירן, און זייערע אויגן זיינען געווען צעעפנט, זייערע אויערן אָנגעשפּיצט און זייער נאָז האָט געשמעקט, און זיי האָבן אויפגעציטערט פונעם זשומען פון אַ פליג, וועלכע קלאַפּט זיך אין פענצטער און פון אַ מייזל וואָס גריזשעט אין וואַנט; ווייל די מענטשן זיינען געווען ערלעך און דעם קעניגס שליחות האָבן זיי נישט געפעלשט.

— ב —

און אַן אָרעם יינגל, אַ בן טובים, פון אַ משפחה פון סופרים איז אַרויס פון זיין שטאָט עכו, ווייל עס איז אים ענג געווען אין דער שטוב פון זיינע אָרעמע על־טערן, און זיין נשמה האָט געבענקט אין די מרחקים. און דאָס יינגל איז אַרויס פון זיין שטוב מיט ליידיקע הענט. ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, נאָר זיין גוף און זיין שטעקן. דאָך איז ער ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן און האָט נישט געדאגהט; ווייל זיינע ביינער זענען פול געווען מיט יוגנט, זיין האַרץ מיט טרוימען און האָפענונגען און זיין קאָפּ מיט לאָקן. און דעם גאַנצן וועג האָט אים באַגייסטערט אַ גוטע שטימונג,

און ער איז געגאַנגען און האָט געזונגען. און ווען ער איז געגאַנגען אין פעלד האָט אים געצויגן דאָס האַרץ צום גראָז־שפּרינגער, צום לוסטיקן פייגעלע, צו דער פעלדזן־וועווערקע, וואָס שרעקט זיך און דער יאַשטשערקע, וואָס פאַנגט. און ס׳האָט אים צו זיך געצויגן יעדער פרישער בוים און יעדעס לידיק וויג־בעטל אין אַ פאַרלאָזענעם וויינגאָרטן. און ער האָט אין זיך דערהאַלטן די נשמה ווי אַ פויגל מיט דעם וואָס ער האָט אויפגעקליבן, פון דעם וואָס ער האָט געפונען אין די פעלדער פון גוטע מענטשן, און איז געשלאָפן אויף דער ערד מיט אַ שטיין צו קאָפּנס. און ווען ער האָט געוואַנדערט איבער דער ערד, און ווען ער איז אומגעגאַנגען אין שטעט און דערפער, האָט ער זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן פון וואַנדערער, און ער האָט געהערט תורה און משלים פונעם מויל פון פאָלק און זיינע זקנים און ער האָט זיי באַהאַלטן אין זיין האַרצן, און זיי זענען געווען פאַר אים אַ טרייסט אין זיין אָרעמקייט און אַ דערקוויקעניש אין די טעג פון זיינע וואַנדערונגען.

איין טאָג איז די זון פאַרגאַנגען, ווען ער האָט זיך געפונען אין פעלד אויף אַ פאַרלאָזטן און וויסטן אָרט. און די טעג זענען געווען רעגנדיקע און קאַלטע, און דאָס יינגל איז געווען הונגעריק און דורשטיק און נאַקעט און באָרוועס, און דער פראָסט האָט אים געביסן און זיין כוח האָט אים פאַרלאָזט. און ער האָט דערזען, אַז אָט ליגט אויפן פעלד אַ סקעלעט פון אַן אָקס. האָט זיך דאָס יינגל דערפרייט און האָט געזאָגט: „געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיר באַשערט אַ בעט אויף דעם דאָזיקן אָרט, אפשר וועל איך זיך אַ ביסל דערוואַרעמען״. און ער האָט זיך פאַרקליבן צווישן די זייטן פונעם סקעלעט און איז איינגעשלאָפן.

ער איז געשלאָפן און אַ שטאַרקער און גרויסער אָדלער האָט ביינאַכט אַראָפּ־געגנידערט אויפן סקעלעט, און האָט אים אַוועקגעטראָגן אין זיין מויל, אים און דעם וואָס איז געלעגן אין אים. און ער איז מיט זיי געפלויגן און ער האָט זיי געבראַכט צום שלאָס פונעם קעניגס טאָכטער און האָט דאָרט אַוועקגעלייגט די משא אויפן דאַך, און האָט זיך געשטעלט פּיקן די איבערגעבליבענע נבלה פון די ביינער. איז דאָס יינגל אַרויס און האָט אים אַוועקגעטריבן, און איז געזעסן אויפן דאַך אַ גאַנצע נאַכט, און ער איז זייער מיד געוואָרן און האָט געציטערט פון קעלט און פון רעגן.

עס איז געוואָרן טאָג. און די הימלען האָבן זיך אויסגעלייטערט, און די פּרינ־צעסן איז אַרויף אויפן דאַך, ווי איר שטייגער איז געווען יעדן טאָג, און זי האָט דערזען דאָס פרעמדע יינגל. איז זי שטיין געבליבן פון וויטנס און האָט געפרעגט: „ווער ביסטו און ווער האָט דיך געבראַכט אַהער?״

און דאָס יינגל האָט געענטפערט אין זיין אומשולד: „האָב נישט מורא מיידל, און זאָל דיך נישט פאַרדריסן אויף מיר. איך בין אַ ייִד, און אַ זון פון אָרעמע לייט, פון די איינוווינער פון עכו, און נעכטן האָט מיך פאַרכאַפּט דער רעגן אין פעלד, און איך בין געווען הונגעריק און דורשטיק און קיין קלייד אויף מיין לייב האָב איך נישט געהאַט. האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אין סקעלעט, און דער אָדלער האָט מיך

אַהער געבראַכט. און אַצינד ווייס איך נישט ווי אַזוי איך וועל פון דאַנען אַרויס, ווייל אַרום איז ים, און קיין שיף זעט מען נישט אין זיין גאַנצן גבול".

האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט דעם קעניגס טאָכטער און האָט אים אין דער שטיל אַראָפּגענומען צו זיך אין צימער, האָט אים אַרומגעוואַשן, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעטרונקען. און באַלד האָט זיך צו אים אומגעקערט דאָס שיינקייט פון זיין געזיכט און זיין גוטע שטימונג. און זי האָט אים געזען, אַז ער איז שיין און אָנגענעם, און זי האָט זיך מיט אים זייער געפרייט. און ס'איז אים זיס געווען צו זיין מיט איר. און זי האָט אים באַהאַלטן אין איר צימער, און די באַדינער האָבן נישט געוווּסט, ווייל זי האָט פאַרהוילן פון זיי די זאַך פון זיין קומען, און אויך זיי זענען נישט אַריינגעקומען צו איר אין צימער אויב מען האָט זיי נישט גערופן. און פון יענעם טאָג און ווייטער פלעגט זי אַרויסקומען צווייי מאָל אין טאָג און האָט זיי דערציילט וואָס זי מאַכט. און די זקנים האָבן דעם נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי האָבן געזאָגט: עס איז בלויז אַ צופאַל. און זיי זענען פאַרבליבן ווייטער וואַכן אויף זייערע פּאָסטנס מיט אַ שטאַרקער וואַכזאַמקייט, און זייערע אויגן האָבן גע־קוקט אין אַלע זייטן און זייערע אויערן האָבן זיך איינגעהערט און זייער נאָז האָט געשמעקט; ווייל די דאָזיקע מענטשן זענען געווען זייער און זייער ערלעך. און זיי האָבן געטאָן דעם קעניגס שליחות מיט געטריישאַפט און דעם גאַנצן האַרצן.

— ג —

און דעם קעניגס טאָכטער האָט געזען די חכמה פונעם אָרעמען יינגל און זיין גוטן פאַרשטאַנד און זיין לויטער האַרץ, און זי האָט אים ליב באַקומען מיטן גאַנצן האַרצן און מיט איר גאַנצער נשמה. און איין מאָל האָט זי געזאָגט צו אים:

— געפעל איך דיר דו זאָלסט מיך נעמען פאַר אַ פרוי?

און דאָס יינגל האָט געענטפערט:

— וואָס פרעגסטו? איך בין דיין קנעכט צו וואַשן דיר די פיס.

דאַן האָט אים דאָס מיידל דערציילט ווי שטאַרק איר ליבע איז צו אים, אַז ער איז בעסער און טייערער פאַר איר פון אַלע פּרינצן אויף דער וועלט, און אַז פון גאָט איז דאָס געווען צו ברענגען אים אַהער אויף אָדלער־פליגל. און אַז זינט זי האָט אים דערזען, איז איר נשמה צוגעקלעפּט געוואָרן צו אים, און אַז אָן אים איז איר לעבן קיין לעבן נישט. און נאָך אַ סך אַזעלכע ווערטער האָט גערעדט דאָס מיידל אין איר אומשולד, און אויך ער האָט איר אָפּגעענטפערט מיט ליבע־ווערטער זיבן און זיבעציק מאָל אַזוי פיל. און זיי האָבן ביידע פאַרשניטן אַן אייביקן ליבע־בונד. און דאָס יינגל האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט בלוט פון זיין האַנט און האָט מיט זיין בלוט אויפגעשריבן דעם בונד אויף פּאַרמעט. ער האָט אָנגעשריבן

און געחתמעט, אין האָט זי פאַרקנסט אַזוי ווי דער דין איז און האָט געזאָגט: גאָט איז אַן עדות און זענען זיינע מלאכים מיכאל און גבריאל.

און נאָך דעם האָט ער פאַרשפּרייט זיינע פליגלען אויף איר, און זיי האָבן געטרונקען גליק און זיך געפרייט אין ליבע אַ גאַנצע נאַכט. און די באַדינער האָבן גאָרנישט געוווּסט פון די אַלע זאַכן, ווייל עס זענען נישט געווען ווי זיי אַזעלכע ערלעכע און געטרייע מענטשן, און זיי האָבן דורך די נעכט געהיט ווי בייטאָג און זענען זייער וואַכזאַם געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס.

— ד —

אין איין טאָג האָבן די זקנים באַמערקט, אַז דעם קעניגס טאָכטער איז עטוואָס דיקער געוואָרן ווי פריער, אויף איין פינגער. האָבן זיי זיך געזאָרגט און האָבן זיך געשעפּטשעט. און ווען זי איז אַרויסגעקומען צו זיי האָבן זיי איר געפרעגט:

— וואָס איז דיר, פּרינצעסן, ביסטו נישט קראַנק?

האָט זיך געחידושט דעם קעניגס טאָכטער און האָט געזאָגט:

— פרידן איז צו מיר, האָט נישט מורא. זעט, אָט פליט אַ ראָב!

און ווען זי האָט געענדיקט רעדן איז זי אַנטלאָפן אין איר צימער אַריין מיט די הענט אויף איר בויך פון געלעכטער.

און דאָס האַרץ פון די אַלטע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט. און איינער פון זיי, אַ מאַן וואָס קען היילן און פאַרשטייט אַלץ, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט געזאָגט:

— ס׳איז גאָרנישט, ס׳נישט מער ווי דאָס מיידל איז עטוואָס דיקער געוואָרן פון אַ סך זיצן פאַרשלאָסן אין איר צימער. זאָל זי אַ סך אומשפּאַצירן הין און צוריק אויפן דאַך, וועט זי צוריק ווערן ווי געווען.

דאַן האָבן זיך די זקנים אין גאַנצן באַרויקט, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אויף זייערע פּאָסטנס און זייער וואַך. אָבער עס זענען נישט אַוועק קיין צוויי וואָכן און די זקנים האָבן דערזען, אַז דאָס מיידל איז דיקער געוואָרן אויף צוויי פינגער. האָבן זיי זיך שטאַרק געזאָרגט. און ווען זי איז אַרויס צו זיי, האָבן זיי באַטראַכט איר בויך און האָבן איר געפרעגט:

— וואָס איז דיר, פּרינצעסן, ביסט אפשר קראַנק?

און זי האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים און האָט געענטפערט:

— שלום איז צו מיר, דאגהט נישט: זעט, אַ שפּין איז דאָ אין ווינקל!

און נאָך דעם איז זי אַנטלאָפן אין איר צימער, מיט אירע הענט אויף אירע היפטן פון געלעכטער.

און די זקנים האָבן איר נאָכגעקוקט און האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ אין זייער

רו איז פאַרשווּונדן, ווייל זיי האָבן געזען, אַז דאָס מיידל האָט פּלוצעם געענדערט איר אויפפירונג און איר דרך מיט זיי. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס איז מיט איר געוואָרן.

איין מאָל איז צו זיי אַרויס אין דער פרי דעם קעניגס טאָכטער און זי האָט דערזען איינעם פון די זקנים איינטינקען זיין ברויט אין עסיק. האָט זיך איר פאַר־גלוסט און זי האָט געחלשט. עס זענען צו איר גיך צוגעלאָפן די באַדינער, כדי זי אויפצומונטערן, און בשעת־מעשה איז פאַר זיי אַנטפּלעקט געוואָרן דער סוד און זיי האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און האָבן געזאָגט:

— אָ, האַרנטע, אונדזער פּרינצעסן, דו ביסט טראָגנדיק!

און דעם קעניגס טאָכטער האָט זיי געענטפערט. און אירע אויגן זענען נאָך געווען פאַרמאַכט, און איר קול איז געווען שוואַך, אָבער אויף איר פּנים האָט גע־לויכטן אַ מילדע שיין:

— אמת, איך בין טראָגנדיק!

— פון וועמען? — האָבן געפרעגט די זקנים אַלע פאַר אַמאָל און זיי זענען געווען געפּלעפט.

— איר דאַרפט נישט וויסן — האָט געענטפערט דעם קעניגס טאָכטער.

זענען ביי זיך זייער אַראָפּגעפאַלן די זקנים און האָבן שטאַרק מורא געהאַט. און זייער האַרץ האָט זיך געטרייסלט, ווי עס טרייסלען זיך די פּאַרוועלקטע בלעטער פאַרן האַרבסט־ווינט, ווייל וואָס וועלן זיי ענטפערן דעם קעניג און וואָס וועלן זיי אים זאָגן?

און די זקנים האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד טרויעריקע און מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, פינצטערע און פאַרצווייפלטע און האָבן געוואַרט אויף זיי־ער פּסק.

אָ! ווי ריכטיק זענען די ווערטער פון תהילים: אויב גאָט היט נישט — האָט אומזיסט געוואַכט דער היטער.

— ה —

און אין יענעם טאָג, פאַרנאַכט, ווען דאָס שיפל איז געקומען אויפן ים צו פרעגן וואָס מאַכט דעם קעניגס טאָכטער — האָט דער וועכטער געפּאָכעט קעגן איר אַ רויטע פאָן, ס׳הייסט: ס׳איז נישטאָ קיין שלום.

און מ׳האָט דערציילט שלמהן און ער איז אויפגעציטערט געוואָרן, און האָט זיך געאיילט אַוועק מיט אַ שיף. און ער איז געקומען צום שלאָס און ער האָט געטראָפן די באַדינער זיצן אויף דער ערד אין זייער שווערן טרויער. און ער האָט געפרעגט מיט ציטערניש:

— וואָס איז געשען?

און די זקנים זענען געפאַלן פאַר אים מיטן פּנים צו דער ערד און זיי האָבן מורא געהאַט און זיי האָבן געזאָגט:

— אַ, אונדזער האַר, קעניג! באַשולדיק נישט דיינע קנעכט. אַזוי און אַזוי איז געשען מיטן קעניגס טאָכטער און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. מיר שווערן ביי גאָט, אַז מיט אונדזערע אַלע כוחות האָבן מיר געהיט דאָס מיידל, און מיר קענען נישט פאַרשטיין פון וואַנען איז אויף איר געקומען דער גרויסער אומגליק.

און דער קעניג האָט געצאַרנט, און האָט גערופן דאָס מיידל און האָט איר געפרעגט מיט ברענענדיקן כעס:

— ווידערשפּעניקע! דערצייל, ווי אַזוי איז דאָס געשען?

און דאָס מיידל איז געפאַלן דעם קעניג צו די פיס און האָט געזאָגט:

— זיי נישט אין כעס פאָטער מיינער, קעניג! ווייל נאָר מיט גאָטס רצון האָב איך געטאָן וואָס כ׳האָב געטאָן. ער האָט געשיקט זיין שליח און ער האָט מיר געבראַכט אַן אָנגענומענעם בחור, אַ שיינעם יונג, אַ זיסן און אַ גוטן און ער האָט אים מיר געגעבן אין מיין שויס. אָט איז ער באַהאַלטן אין מיין צימער, קוק אים אָן מיט דיינע אויגן, ווּעסטו אים בענטשן, פאָטער מיינער.

און זי האָט צו אים אַרויסגעבראַכט דאָס יינגל און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן קעניג. און שלמה האָט געזען זיין ליבלעך געשטאַלט און די שיין פון זיין פּנים און די לויטערקייט פון זיינע אויגן. און ער האָט געשענקט אים זיין גנאָד. און ער האָט מיט אים גערעדט און ער האָט געזען, אַז ער שטייגט צען מאָל אַריבער אין יעדער חכמה, משל און איידלקייט אַלע סופרים און חכמים פון זיין קעניגרייך. און דער קעניג האָט אים ווייטער געפרעגט אויף זיין נאָמען, אויף זיין שטאָט און אויף זיין משפחה. און דאָס יינגל האָט אים געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן מיט אמתע, באַשיידענע און ערלעכע ווערטער. און ער האָט אים דערציילט זיין גאַנצע אָרעמ־קייט און זיינע וואַנדערונגען, און ווי דער אָדלער האָט אים געבראַכט אויף אַ ווונ־דערלעכן אופן דאַך פונעם שלאָס און ווי אַזוי דאָס מיידל האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און איז געווען גוט צו אים. און ער האָט אַרויסגענומען פאַר שלמהן די כתובה, וואָס ער האָט געשריבן און געחתמעט מיט זיין בלוט אַלס אַ בונד־צייכן פון אייביקער ליבע צווישן אים און דעם קעניגס טאָכטער. און שלמה האָט געהערט די דאָזיקע ווונדערלעכע און אמתע ווערטער, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט דער איז דאָס אָרעמע יינגל, וואָס מ׳האָט אים געוויזן אין די שטערן אין יענער נאַכט. און ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און האָט געזאָגט:

— געלויבט איז גאָט, וואָס גיט אַ פרוי צו אַ מאַן. אַצינד ווייס איך אַז ס׳איז נישטאָ קיין חכמה, און קיין פאַרשטאַנד און קיין עצה קעגן גאָט.

און די זקנים האָבן געהערט די דאָזיקע ווונדערלעכע זאַכן און זיי האָבן זיך געחידושט און האָבן אַלע געענטפערט פאַר אַמאָל:

— פון גאָט איז געקומען די זאַך.

און שלמה האָט געגעבן זיין טאָכטער מיט איר מאַן און האָט זיי געבראַכט קיין

ירושלים, און ער האָט געמאַכט פאַר זיי אַ סעודה זיבן טעג און ער האָט זיך מיט זיי געפריייט. און ווען ס'האָבן זיך געענדיקט די טעג פון דער סעודה, האָט ער גערופן זיין אײדעם און האָט געזאָגט:

— דו ביסט דעם־קעניגס אײדעם און מיין מלוכה איז גרויס און ברייט, אַצינד קלייב דיר אויס אַ בכבודיקן אַמט. ווי דיין האַרץ גלוסט, וועל איך אים דיר געבן.

און דעם קעניגס אײדעם האָט געענטפערט:

— האַר מיינער! איך בין אַ מאַן פון ספר און אַ זון פון אָרעמע לייט, פון קליינ־ווייז אָן, און מיינע עלטערן זענען אַלע געווען סופרים און לומדים. זייער האַרץ האָט בישט געצויגן צו גרויסע זאַכן, און פון לוקסוריעזע פּאַלאַצן האָבן זיי נישט געוווּסט. און אַצינד, אויב איך געפעל דיר, גיב דיין קנעכט אַן איינזאַמע און שטילע וווינונג אויפן ברעג ים, וועל איך דאָרטן זיצן מיט מיין געליבטער, און וועל לער־נען ווי אַלע מיינע עלטערן גאָטס ווערק און דערקענען זיינע וועגן אַלע יאָרן.

האָט אים דער קעניג געגעבן זיין בקשה און האָט אים באַשטימט איבער די סופרים פונעם קעניג. האָבן זיך אויפגעקליבן ביים׳ קעניגס אײדעם אַ חבורה סופרים און חכמים וואָס קענען געטלעכע חכמה צווישן יידן, וואָס האָבן אַלע אַ קלאָרע שפּראַך און אַן אמתן גייסט, און מ'האָט אויפגעזאַמלט אַלע קלוגע משלים און אַלע לידער און מליצה און פילאָסאָפיע, וואָס שלמה האָט געלאָזט הערן, יעדע זאַך אין זיין צייט, און מ'האָט די ווערטער פאַרשריבן אין שיר השירים, אין משלי־שלמה און קוהלת ביז היינט צו טאָג. און אויך דאָס ביסל פון זיין אייגענער חכמה, וואָס ער האָט געוווּסט און וואָס ער האָט אויסגעטראָגן אין זיין האַרצן, האָט דעם קעניגס אײדעם אויפגעזאַמלט און זיי צוגעגעבן צו משלי־שלמה ביים סוף. דאָס זענען דאָך די ווערטער פון אגור בן יקה, ביז היינט, און ער זאָגט עס אין זיינע משלים:

דריי זענען אומבאַגרייפלעך פאַר מיר און פיר ווייס איך נישט.
דער וועג פון אָדלער אין הימל, דער וועג פון דער שלאַנג אויפן פעלדז,
דער וועג פון אַ שיף אין מיטן ים, און דער וועג פון אַ מאַן מיט אַ פרוי.

שאול טשערניכאָווסקי

(געבוירן אין 1875 — געשטאָרבן אין 1943)



שאול טשערניכאָווסקי, דער גרויסמייסטער פונעם סאָנעט און פון דער אידיליע אין דער מאָדערנער העברעישער פּאָעזיע, האָט געצויגן זיין יניקה אויך פון די אַלט־גריכישע, מאָדערנע אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער קלאַסיקער.

דער פּאָעט איז באַקאַנט אויך אַלס איבערזעצער אויף העברעיש פון האָמערס „איליאַדע", פונעם בבלישן „עפּאָס פון גלגמיש", פון דעם פינלענדישן „קאַלעוואַלא עפּאָס", פון דעם נ׳ אַמעריקאַנער לאָנגפעלאָס אומשטערבלעכער פּאָעמע „דאָס געזאַנג פון הייאַוואַטע" און אַנדערע, אָבער ווינציק קענען טשערניכאָווסקין אַלס דערציילער; באַזונדערס ווייסן ווינציק פון אים די יידיש־לייענער.

ש. טשערניכאָווסקי, וועלכער האָט אַ לעבן לאַנג געדינט דעם יידישן גאולה־אידעאַל, האָט זוכה געווען צו לעבן און שטאַרבן אין ארץ־ישראל, ער האָט אָבער אויך געטראָגן אין האַרצן בילדער פון קרים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, די נאַטור פון וועלכער ער האָט באַזינגען אין אַזאַ מייסטער־ליד, למשל, ווי „האָדם אינו אלא קרקע ארץ קטנה".

אַ דערציילונג פונעם שטייגער לעבן פון קרים, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר טשערניכאָווסקיס פּראָזע און ווייזט אַ ווינציק באַקאַנטן אַספּעקט פון דעם צווייטן גרויסן דיכטער פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור איז די דערציילונג „מאָסי סאַלאָוויי", וועלכע ווערט איבערגעזעצט פאַר אונדזערע לייענער.

מאַסי סאַלאָווײ

„מאַסי סאַלאָווײ!"

הינטער די אויגן און צווישן זיך, האָבן אונדזערע ייִדן אים אַזוי גערופן; אָבער זיי האָבן געוווּסט, אַז אַזוי רעדט זיך עס —

און שרײַבן שרײַבט זיך עס גאָר אַנדערש.

און אין דעם מאָמענט וואָס זיי האָבן אים אַזוי גערופן, איז געווען צו זען אויף זייערע פּנימער יענער באַזונדערער חן און יענער באַזונדערער קלאַנג האָט זיך געהערט, וואָס קלינגט אין ייִדישע מײַלער, וועלכע האָבן אַ שם אויף דער וועלט מיט זייערע וויצן:

„מאַסי סאַלאָווײ!..."

זײַנע עלטערן, דאָס הייסט, זײַן פֿאָטער און שטיף־מאַמע, האָט אַ ריס געטאָן ביים לייב, ווען זיי האָבן געהערט די פּויערים, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט, אַרויסרעדן קלאָר דעם דאָזיקן נאָמען.

ער איז געווען אַ תּבֿואה־הענדלער.

די דאָזיקע גויים, אייניקע פֿון אונדזער דאָרף, האָבן אים אַזוי גערופן אָן אַ שום מיין, און אַ טייל האָבן בשעת־מעשה אונטערגעווונקען גנביש מיטן אייגל: זיי האָבן געוווּסט אַז עפּעס שטעקט אין דעם.

ער אַליין, ווײַזט אויס, איז שוין צוגעוווינט צו דעם נאָמען. זײַנע זין, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן קומען צווישן מענטשן, האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי האָבן אַן אַנדער פֿאַמיליע־נאָמען. און זיי פֿלעגן אַזוי ענטפֿערן צו די וואָס האָבן זיי געפֿרעגט:

— וועמענס ביסטו?

— איך בין מאַסי סאַלאָווייס.

און אַלע זייערע יאָרן האָבן די דײַטשן נישט געוווּסט ווי נאָר פֿון דעם נאָמען.

און אַז זיי האָבן אויף אים געפֿרעגט ביי זײַנעם אַ שכן, האָבן זיי געפֿרעגט: ווו וווינט סאַלאָווײ?

איך האָב שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ תּבֿואה־הענדלער און פֿלעגט מיט זיי האַנדלען.

און אַ מאָל פלעגן די קאָלאָניסטן אויך פרעגן:

— וואו וואָהנט די סאָווע?

אַן אונטערגעטרונקענער צוליב חגא, פלעגט טרעפן, אַז אַ פויער, וואָס דער באָדן אונטער זיינע פיס איז עפּעס נישט געווען פעסט, האָט זיך אַנגעשלאָגן אין מאָסין. ער האָט זיך דאַן אָפּגעשטעלט, האָט זיך אַ ווײַלע גוט אין אים איינגעקוקט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיין קוק פון אונטן אַרויף, האָט באַטראַכט זיינע גרויע אויגן, וואָס זענען געווען שיין און האָבן באַזונדערס געפינקלט פון אונטער די ברילן, זיין געפוצט און געקרייזלט בערדל, און האָט עטוואָס שטאַמלענדיק געפרעגט:

— מאָסי, דו קויפסט אַ סאָלאָוויי?

אַן אַנדער נוסח:

— מאָסי, קויף אַ הינטל!

אַזוי האָט מען אים פאַרביטערט דאָס לעבן.

עפּעס אויף אַ משונה און ווונדערלעכן אופן זענען די דריי אַריין אין זיין לעבן. ווייל בכלל איז דאָך דאָס לעבן פשוט, אַפילו נאָך דעם ווי עס צעצווייגט זיך אין פאַרשידענע מינים לעבנס.

מען קען דאָס פאַרשטעלן אין דריי סאָרטן, דריי קאַטעגאָריעס וואָס זענען אָפּגעטיילט איינס פונעם אַנדערן.

ממש ווי יענע ספרים.

מאָסי קען דריי מינים ספרים:

איין מין ספרים זענען אַזוי ווי דעם רבס ספר, דער „יורה דעה" — אין גאַנצן פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן. בלויז געציילטע מענטשן ווייסן וואָס ס'טוט זיך אין דעם.

דער צווייטער מין — דאָס זענען קליינע ספרימלעך: מחזורים, סידורים, סליחות, תחינות, תהילים, פסחדיקע הגדות, און אויך יענע קליינע ספרימלעך, וואָס שטייען אויף פּאָליצעס אין שטוב פונעם גבירס אידעם.

מען קען נישט זאָגן, אַז זיי זענען אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעך; עטלעכע פּסוקים און שטיקלעך פּסוקים זענען אויך היימיש מאָסין. גרסא דינקותא.

דער דריטער מין — דאָס זענען ביכער וועלכע מען קען לייענען מיט גרויס פאַרגעניגן.

און דאָס לעבן איז אויך אַזוי.

דריי וועלטן זענען פאַראַן, יעדע וועלט איז אַ באַזונדערע. מען קען זיי בולט זען אין מאָסיס דריי שכנים.

איין שכן: קוזקאָ דער אַלמנהס.

זיין לעבן — איז דאָס לעבן פון אַ פויער, אַ לעבן פון אַ „גוי", אַ לעבן פון בלויז אַרבעט, עסן און שלאָפן, און ווידער אַ סך האָרעוואַניע, שלאָפן און עסן, און אַזוי כסדר.

און געוויסע טעג — חגאות, ווען מען עסט און מען שלאָפֿט מער ווי מען אַר־בעט, און קוזקאָ שיכורט זיך אָן.

אָבער אויך חגא שטייט ער אויף פֿאַרטאָג, זומער צי ווינטער, גייט אַריין אין שטאַל, און פֿאַרמישט אַ צעבער היי מיט גערשטן מיט אַ שטעקן; ער קאָכט עפּעס אָפּ פֿאַרן חזיר, רייניקט אויס די שטאַל. אין דער פֿרי און פֿאַרנאַכט פּירט ער די פֿערד פּויען.

אין האַרבסט קלעפּן זיך אים אָן שטיקלעך אייז אויף די פֿינגער.

קוזקאָ איז נישט פֿון די אָרעמע לייט, און ער האַלט אַ שייגעץ, אָבער ווי אַזוי וועט ער אין אַזעלכע זאַכן זיך פֿאַרטרויען אויף אַ שייגעץ.

זומער, תיכף נאָך צוועלף גייט ער אַוועק אין פֿעלד אַריין. און פֿאַרנאַכט, ווען די זון פֿאַרגייט און רירט אָן די ערד ווייט ביים סוף סטעפּ, קערט ער זיך אום און קען נישט רירן די הענט פֿון מידקייט.

און ער פֿאַלט אַוועק אַ שלאָפֿנדיקער נאָך איידער ער האָט געענדיקט די וועטשערע.

עס הייבט זיך אָן דער פֿרילינג מיט אַקערן און זייען. עס ענדיקט זיך דער זומער מיט שניט. עס קומט דער ווינטער — און ער ווייעט און דרעשט און אַקערט ווידער — און צווישן איין גרויסער אַרבעט און דער אַנדערער גראָבט ער אין גאָרטן און פֿאַרזייט דאָרט, קנעט ליים מיט מיסט פֿון בהמות.

שלאָף, עסן און האָרעוואַניע.

אַרבעט אין בלאָטע, ליים, מיסט און קויט.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס לעבן פֿון חיים פֿויגל, זיין שכן.

פֿויגל האָט אַ שטוב און האָט אַ קלייט...

אָבער וויפֿל פֿאַרמאָגט ער אייגנס אין קלייט, און וויפֿל פֿרעמדס? חיים אַליין ווייסט דאָס נישט קלאָר.

ער לעבט פֿון דער קלייט. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז ער ווערט אַנטשלאָפֿן, טריקנט אים דער מוח און ער ווערט שיעור נישט משוגע.

— ווי אַזוי קומט מען אויס!

— זומער זענען נישטאָ קיין קונים.

און אין מאַרק, זאָגט דאָס ווייב, געטרויט מען נישט, אַנהייב ווינטער דאַרף מען אַרייברענגען אין קלייט אַריין נייע סחורה.

דער פּויער פֿאַרקויפֿט די תבואה און קומט אין קלייט אַריין קויפֿן —

וווּ נעמט מען געלט?

און אין שטוב?

פֿון באַגינען ווערט פֿול זיין שטוב מיט קולות פֿון קינדער, וואָס לאַכן, קריגן זיך, — גוואַלדן, יללות מיט קללות.

קינדער האָט ער פון צוויי ווייבער. איינע איז געשטאָרבן און האָט אים אי־בערגעלאָזט צוויי אידיאָטן.

אַ גאַנצן טאָג גריבלען זיי זיך ווי הינער, אין מיסט.ביידע מאָגערע, הויכע און אויסגעטריקנטע. מיט קליינע, אַפּגעגאָלטע קעפּלעך, פאַרשפּיצטע נעזלעך און שמאָלע ליפּן. זייערע אויגן זענען גרויסע און קיילעכדיקע, אָן אַ שום אויסדרוק, און אין גאַנצן זעען זיי אויס ווי רויב־פייגל.

זייער גאַנץ אָנטועכץ באַשטייט פון אַ לאַנג העמד, פון עפּעס אַ ווילד־גרויען קאָליר אויפן נאַקעטן לייב. און אַזוי גריבלען זיי זיך אין מיסט, רייצן זיך מיט די הינט, וואָס טשעפּען זיי נישט.

ווייזט אויס, די הינט פאַרשטייען אַז מאָדנע באַשעפענישן זענען פאַר זיי.

און די געזונטע קינדער פונעם צווייטן ווייב: איז איינס האָט קאַליע אויגן, דעם צווייטן — רינט פון די אויערן, דעם דריטן האָט זיך אויסגעשאָטן אויפן קאָפּ עפּעס אַן אָנשטעקנדיקע צרעת, — דעם פערטן רינט פון דער נאָז נישט כדרך הטבע. דאָס הייסט ס'רינט זיי אַלעמען פון דער נאָז, סיי זומער, סיי ווינטער. און ווינטער באַפאַלט זיי עפּעס אַ מין הוסט, אַז ס'העלפט זיי נישט קיין רפואה אין דער וועלט אַפילו הייסע מילך, וואָס איז געוועלט אויף הינטישער צואה.

און ברײנע, זיין ווייב, וואָס רעדט ווי אַ מאַנסביל, און איז אַ קליינטשיקע, ווייסט נישט פון קיין רו אַ גאַנצן טאָג.

זי דראַפּעט, קוויטשעט און שעלט די קינדער, דעם מאַן און איר גורל.

און זי האָט נישט אין איר וועלט מער פון שלאָף, דאָס ביסל שלאָף און רו פאַר די פיס, דעם מוח, דער צונג און אירע הענט — — — —

און פאַרנאַכט, ווען זי שטייט אָנגעשפּאַרט ביים פאַרקאַן פון איר שטוב (ס'איז איר אַ שאָד די נאַפּט), רוט זי אָפּ אַ ביסל.

— ווי פרי אַ מענטש זאָל זיך נישט לייגן שלאָפן, וועט ער פאַר זיבן קיין מאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן.

ווען די ימים־טובים זאָלן געווען בלויז צוליב איר באַשאַפן געוואָרן וואָלט געווען כדאי.

אמת, ערב יום־טוב אַרבעט זי דאָפּלט.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ לעבן.

דאָס לעבן פון זייערע שכנים אויף לינקס.

אין דער דאָזיקער שטוב, אַרום וועלכער ס'איז דאָ ביימער, כאָטש ס'איז אַ ייִדישע שטוב, זענען די ווענט אויסגעקאַלכט, און שטרויענע פאַרהענגלעך מיט בילדער אויסגעמאָלטע אויף זיי הענגען איבער די פענצטער, אין דער שטוב איז אייביק פריילעך, פרייד און פאַרגעניגן—שטענדיק.

איינער פון די דריי גבירים פון שטאָט וווינט דאָרט.

לייב מיסאַלסקי, אַ הויכער און אַ קרעפּטיקער, מיט אַ בייז פּנים וואָרפט ער אָן אַן אימה אויף יעדן וואָס דערנענטערט זיך צו אים.

אין דער היים איז ער גאָר אַן אַנדערער.

פיר טעכטער זענען דאָ אין שטוב, פיר צוקונפטיקע כלות, שיינע בריאות און תמיד פריילעכע.

ביי האַלבן טאָג און די לאָדן זענען נאָך פאַרמאַכט דאָרט. דערפאַר זענען זיי אָפן און עס לייכטן זיך די פענצטער שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

קלאַנגען פון דער פּיאַנאָ רייסן זיך פון דאָרט אַרויס און אַ סך ליכט פאַרגיסט די גאַנצע גאַס.

און אין דער שטוב קומט זיך צונויף דאָס בעסטע און שענסטע פונעם דאָרף.

דער וואָס דאַרף אין אָוונט דעם דאָקטאָר וואָס איז נאָך אַ בחור, גייט גלייך אַהין. די יונגע אויסגעפּוצטע און שלאַנקע „אינטעליגענטן" קומען זיך דאָרט צונויף.

דער פּריסטאַוו טרעט אויך דאָרט אָפּ, געקליידעט אין זיין שענסטן מונדיר, און דער פרידנס־ריכטער איז אויך דאָרט אַ בן־בית.

און דווקא דאַן ווען דאָס גאַנצע לעבן אין דאָרף פאַרגייט — וואַכט עס אויף אין ד ע ר שטוב.

פאַרלעכוויז, פאַרלעכוויז לאָזן זיי זיך פון דאָרט אַרויס מיט געזאַנג און געלעכטער, גייען שפּאַצירן צו די ווייטע לאָנען און ביז די מילן ביים אַנדערן עק דאָרף.

און מאַסי ווייסט און קען דעם וועג איבער וועלכן זיין לעבן וועט אַדורך. דער וועג איז אַ באַשטימטער, באַקאַנטער און קלאָרער עט ביז צום סוף — אין אָרון וועט מען אים טראָגן איבער דער יידישער גאַס, מען וועט זיך פאַרנעמען רעכטס צום מאַרק צו, דאַן ווידער רעכטס צום לאָן, און מיט דער לענג פון דער שטיינערנער מויער אַרום זייער צווינטער וועט ער געבראַכט ווערן צום אַריינגאַנג פונעם נידעריקן טויער וואָס ביים יידישן בית־עלמין, — מיט דער פּינקטלעכקייט פון דער באַן וואָס גייט קיין מעליטאָפּאָל, ווהין ער איז געוווינט צו פאָרן צוויי מאָל אַ יאָר — אַלץ באַקאַנט און באַשטימט פון פריער.

יעדע סטאַנציע אויף איר אָרט. יעדער צייכן אויף זיין אָרט, יעדער סעמאַפאָר, יעדער זשאַנדאַרם אויף זיין פּלאַץ.

דאָס איינציקע וואָס מען קען נישט וויסן איז דעם פּרצוף זיינעם: צי וועט דאַן שטייען דער וואָס מיט די גרויע וואָנצעס אָדער דער יונגער, דער דאַרער; צי ס'וועט דיך באַגלייטן דער בייכיקער קאָנדוקטאָר, אָדער עס וועט נעמען שכר הליכה דער צווייטער, דער רויטער. און מען קען אויך נישט וויסן ווער עס וועט לעבן דיר זיצן: אַ פאַרהייראַטע אָדער אַ מיידל, אַ בלאָנדע אָדער אַ שוואַרצע.

מיט דער צייט וועט ער חתונה האָבן.

און וועט האָבן קינדער —

מען קען נישט וויסן וויפל, אָבער ער וועט האָבן.

יינגלעך צי מיידלעך — דאָס קען מען אויך נישט וויסן.

קיין גביר וועט ער קיינמאָל נישט זיין, און וועט שטענדיק האַנדלען מיט תבואה.

מען קען נישט וויסן ווער עס וועט זיין זיין שותף; מען קען נישט וויסן ווען ער וועט פאַרדינען און ווען ער וועט דערלייגן, אַזוי ווי מען קען נישט וויסן וואָס פאַר אַ נייער קאָנטאָר ס׳וועט אויסוואַקסן, און וועלכער פון זיי וועט מאַכן פּליטה.

אָבער אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ „אָמור" וועט דורכגיין זיין גאַנץ לעבן, און יעדן ווינטער וועט זיין קאָפּ פאַרטון זיין מיט תבואה און ער וועט דאגהן מיט וועמען צו מאַכן שותפות.

זיין ווייב וועט מיטברענגען נדן.

אָן נדן וועט ער קיין מאָל קיין ווייב נישט נעמען.

און אַז ער וועט האָבן אַ ביסל געלט, וועט ער זיך צונעמען אַ מער פלייסיקן שותף.

צו ענדערן דאָס לעבן פולשטענדיק — איז אוממעגלעך.

פאַרן לעבן האָט ער מורא. די דאָזיקע מורא איז אים געקומען בירושה פון זיין טאַטן.

פון זיין טאַטן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ מבין אויף תבואה, קיין אַנדער זאַך האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט.

חוץ דעם ווייסט ער גאָרנישט.

אויך זיין טאַטע איז ווייט געווען פון צו זיין אַ למדן.

ווען ס׳איז נישטאָ וואָס צו טון אויף דעם מאַרק פון תבואות מאַכט מען חוזק פון זיין טאַטן. די דאָזיקע באַלעבאַטים פון די שפּייכלערס וואָס האָבן נישט וואָס צו טון, שאַרפן זיך די ציינגער „אויף גאָט, זיין משיח און אויף ננתקה".

און ווער שמועסט ווען סענדער איז דאָרט דאָ, דער דאָזיקער סענדער, „וואָס שטעלט צונויף דאָס צעטל פון די קבצנים".

זייענדיק אַ פולשטענדיקער עם־הארץ פלעגט זיין טאַטע שטעלן דעם טראָפּ דאָרט, ווו מען האָט נישט באַדאַרפט, מאַכן גראָבע גרייזן און נישט אַכטונג געבן ווו ס׳הייבט זיך אָן אַ פּסוק און ווו ער לאָזט זיך אויס.

און ביי אַ סעודת מצוה, ווען דער עולם איז געווען אויפגעלייגט, פלעגט דעם גבירס חתן אַנהייבן מיט זיינע ניגונים און ענדיקן מיט אַ תפילה לויט „נוסח פיאַטיגאָרסקי" (אַזאַ איז געווען זיין פאַמיליען־נאָמען), האָט פאַרמאַכט די אויגן, האָט געשעפּטשעט און געשעפּליאַוועט, און האָט זיך פלוצלינג צעשריגן אויף אַ קול — ממש ווי אַ לייב:

— יחסר לנו מזון לעולם ועד!

דאָס לעבן וואָלט באַדאַרפט זיין אַנדערש.

דאָס לעבן וואָלט באַדאַרפט זיין שענער.

געבענקט האָט ער אין דער שטיל נאָך דער שיינקייט און דעם אויסערגעווײנ־לעכן, נאָך דעם וואָס הייבט זיך אַרויס פון דער וואָכעדיקייט.

מאָסי גלעט זיך זיין צאַרט בערדל, וואָס איז ווי אַ שיין רעמל צו זיין אײדל פּנים.

זיינע אויגן זענען גרוי און גרויס, און אַ באַזונדערן גלאַנץ געבן זיי צו זיינע ברילן.

צווישן אַלע מוכרי תבואה איז בלויז אויף אים אויסגעגאָסן אַ חן און אײדלקייט.

זיין האַלדז־שלייפל איז קיין מאָל נישט סתם אַן אַ האַלדז־שלייפל, צום אויס־בינדן, ווייל מען קען זיך אָן דעם נישט באַגיין.

זיין האַלדז־שלייפל איז שטענדיק פון די בעסטע, עס איז אין דעם פאַראַן עפּעס אַ חשיבות.

דאַכט זיך אַ האַלדז־שלייפל — איז וואָס איז דער רעש?

אַ בחור גייט אין קראָם און קויפט זיך אַ האַלדז־שלייפל.

אַ סטאָליאַר־יונג אָדער אַ משרת אין אַ קלייט קלייבט זיך אויס איינס, מיט שרייענדיקע פאַרבן, וואָס גלאַנצן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. אַז ער איז איינ־געלאַדן אויף אַ חתונה, ווייסט ער אַז מען דאַרף אָנטאָן אַ ווייס. ער מאַכט אַ באַנטיק. יום־טוב איז ער ממש אַ פּראַנט.

דער אַנצוג איז שוואַרץ, זיין וועסטל ווייס, דאָס היטל בלוי, דאָס האַלדז־שטיקל רויט.

נישט אַזוי מאָסי. אין שול איז זיין האַלדז־שלייפל לאַנג און ברייט ביים קנופּ. עס איז אין דעם פאַראַן דרך־ארץ און ישוב־הדעת און דער קאָליר איז אַ טונקעלער. דאָס שוואַרץ איז מער פון די בלימעלעך און פּאַסיקלעך. צווישן מיידלעך איז זיין האלדזשטיקל אויסגעבונדן אין דער פאָרעם פון אַ באַנטיק. עס איז אין דעם פאַראַן עטוואָס לייכטזין, אַזוי ווי אין זיינע וואָנסעס — וואָס זייערע שפּיצן זענען פאַרדרייט אַרויף, אַזוי ווי צוויי פליגלעך פון אַ זומער־פייגעלע. מיטן בייטן דעם אַנצוג זומער, ווערט זיין האַלדז־שלייף העלער: דער זומערדיקער חן ליגט אויף דעם.

צאַרטער אַש און זילבערנע שטערנדלעך זענען אויף דעם צעשאָטן: ווען עס איז ווייס — איז דאָס אַ ווייסקייט פון געדיכט געוועבטער זייד, נישט די ווייסקייט פון אָרעמען קאַלך, וואָס זעט זיך אויף אָרעמער לייוונט.

מאָסי קויפט נישט זיין האַלדז־שלייף אין דאָרף, נאָר אין שטאָט.

וואָס פאַר אַ אינטערעס האָט ער מיט די האַלדז־בענדער וואָס משה ליפשיץ ברענגט אין זיין קראָם פון וואַרשע? דאָס האַלדז־שטיקל איז דער מענטש.

אויך אַזוי איז ער געווען פּאַרזיכטיק|מיט די מאַנקעט־קנעפּלעך.

מער ווי איין סעזאָן פלעגט ער זיי נישט טראָגן.

זיינע קליידער זענען געווען נעט און ער האָט מקפּיד געווען אויף זייער ריינ־קייט.

אָבער אין דער היים איז אַלץ געווען וואָכעדיק, וואָכעדיק — — —

זייער שטוב איז געווען ווי אַלע אַנדערע הייזער פון דער געגנט. פון איין זייט האָט אַ גרויס צימער געדינט פּאַר אַ קיך און עס־צימער, און פון דער צווייטער זייט — איז געווען דער זאַל; און צווישן דיביידע צימערן, איז געווען אַ קליין צי־מערל — דאָס שלאָף־צימער פון זיינע עלטערן.

אַ ביסל פּאַרגעניגן האָבן זיי פונעם גערטנדל, וואָס איז נישט ווי די איבעריקע גערטנער אָנהייב פרילינג.

זייער הויף גייט אַרויס צו אַ טיפן טאָל און איז נאָענט פון אַ גראָבן, און אָנ־הייב פרילינג פילט זיך אָן דער גאַנצער גראָבן מיט וואַסער. אויב עס פּאַלט אַ סך שניי פאַרטרינקען די וואַסערן די גערטנער וואָס זענען נאָענט פונעם גראָבן און באַזונדערס זייער גאָרטן. דאַן זינגען די זשאַבעס פון דאָרט אַרויס אַ גאַנצע נאַכט.

עס קומען אין גאָרטן אַריין שטאָרכן, און אַ מאָל שטאָט דאָרט אָפּ אַ באַזונד אַ בושעל און שפּאַצירט אַרום אַהין און אַהער.

דער גראָבן איז פול מיט קליינטשיקע זשאַבקעלעך — מיט די דאָזיקע פלינקע באַשעפּענישלעך, וואָס תחילת זענען זיי גרויס ווי אַ גאַרשיצע־קערנדל און נאָך דעם וואַקסן זיי אונטער און זעען אויס ווי קליינע פישעלעך.

קומען קליינוואַרג און כאַפּן זיי.

די אַנדערע יידישע גערטנער זענען וויסטע ערד, קיין זשאַבעס גייען דאָרט נישט אויף.

און אַוודאי קומען אַהין נישט קיין שטאָרכן.

ווי זיין האַרץ בענקט נאָך עפּעס אויסערגעוויינלעכס!

דעריבער האָט ער זיך אויך פאַרדינט דעם נאָמען סאָלאָוויי.

געטראָפן האָט דאָס אויפן וואָקזאַל. ער האָט באַגעגנט אַ גוי וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פויגל.

אַזאַ פויגל האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געזען: אַ גרויסער אַזאַ, מיט אַ סך פעדערן, מיט גרויע אויערן, פאַרשפּיצטע, מיט צוויי גרויסע קיילעכדיקע אויגן, אַזוי ווי צוויי געלע ברילּיאַנטן. ער האָט אַזעלכע אויגן נישט געזען ביי קיין פויגל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל? — האָט ער געפרעגט דעם גוי.

דער גוי איז געווען אַ מיכאַילאָווקער גוי, דאָס הייסט: אַ גנב שבגנבים.

האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מאָסין, האָט אים באַלד דערקענט און האָט זיך אַ זאָג געגעבן:

—אַ סאָלאָוויי. וואָס, ווילסט קויפן? איך דאַרף אים נישט!

— וויפל ווילסטו?

— צען קערבלעך.

מאָסי האָט געטראַכט, אַז דאָס איז צו פיל און האָט אים געגעבן אַ העלפט. דער גוי האָט נישט געוואָלט. אָבער ענדלעך האָט ער גענומען דאָס פינפערל און איז אַוועק.

האָט מאָסי אָפּגעזוכט זיין פורמאַן און דעם פויגל האָט ער געהאַלטן אין האַנט.
האָט אים דער פורמאַן געפרעגט:

— מאָסי, צו וואָס דאַרפסטו די דאָזיקע סאָווע?

איז מאָסי אין כעס געוואָרן: — סאָווע?! דו ביסט אַליין אַ סאָווע! אַ סאָלאָוויי האָסטו אַ מאָל געזען?

און דאָס גאַנצע דאָרף האָט געקאָכט, דאָס הייסט עס איז נישט געווען קיין ייִדישע שטוב, וווּ מען זאָל נישט געווען רעדן וועגן דער סאָווע וואָס מאָסי פּיאַטי־גאָרסקי האָט געבראַכט.

אין יענעם טאָג איז ער געוואָרן מאָסי סאָלאָוויי.

פון דאַן האָט מען אים אָנגעהויבן דערקוטשען:

— מאָסי, קויף אַ סאָווע!

אַן אומגליקלעכער מקום איז געווען דער וואָקזאַל.

מאָסי האָט דאָרט אַ מאָל באַגעגנט אַ שייגעצל, וואָס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ הינטל.

בכלל איז דער ענין הינט נישט פאַר קיין ייִדן.

סתם אַ הונט קען נישט סובל זיין קיין ייִדן. דער הונט איז אַן אַנטיסעמיט פון געבוירן, אויב ער האָט זיך נישט אויפגעהאָדעוועט ביי אַ ייִדן אין הויף.

עס זענען פאַראַן פאַרשידענע מינים הינט.

דער קלענערער טייל פון זיי, דער וואָס פאַרליידט אויך נישט דעם ריח פון פויער, דער וואָס האָט באַקומען עטוואָס דערציִונג אין הויף פונעם פּריסטאַוו, וועמענס ווייב עס האָט ליב אַ שוואַרצע צויג, זעט אויס ווי אַ לייב אין מיניאַטור, און זי באַגייט זיך מיט אים ווי מיט אַ קינד.

אַ ריזיקער הונט, גרויס ווי אַ קאַלב, איז דאָ ביים גבירס אייניקלעך. זיי זענען אַריסטאָקראַטן.

מען זאָגט, אַז דער הונט שטאַמט פון נוי־פאַונדלענד, ווייל ער האָט צווישן די פינגער אַ הייטל און קען שווימען.

און אַלע הינט האָבן שרעקלעך פיינט דעם בריוו־טרעגער. און ווען דו הערסט דאָס בילן פון הינט אין דאָרף, ווען איינער הערט אויף און אַ צווייטער הייבט אָן — זאָלסטו וויסן: דאָס קומט דער בריוו־טרעגער.

פון וואָס די דאָזיקע אייגנשאַפט זייערע נעמט זיך, ווייס איך נישט.

האָט מאָסי זיך איינגעקוקט אין דעם „צוציק", אַ שיינער אַזאַ, עטוואָס לענגער ווי מען דאַרף, אַ שוואַרצער מיט געלע פלעקן, און קורצע פיס, נאָר צום לאַכן: ממש ווי אַ וווּרשטל אויף די פיס.

האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט געפרעגט אויף אַ פּרייז.

— זיי נישט קיין קאַרגער — האָט אים געענטפערט דאָס שייגעצל — ס'איז נישט קיין סאָווע, דאָס איז אַ הונט — טאַקסאַ.

איז מאָסי אין כעס געוואָרן, ווען ער האָט געהערט דאָס וואָרט סאָווע, און האָט שוין נישט געוואָלט דעם הונט, אָבער ער האָט זיך איבערגעבעטן, ווייל דער גוי האָט קיין סך נישט געוואָלט פאַר דעם הונט, און ער האָט אים געקויפט.

ער האָט צוגעבונדן דעם הונט מיט אַ שטריק הינטער דער בריטשקע און איז אַוועקגעפאָרן.

איז דער שטריק געווען קורץ, צי דער הונט איז נאָך געווען קליין — דער סוף איז געווען, אַז מאָסי איז געקומען אַהיים, איז אַ פּגרל געווען צוגעבונדן צום שטריק.

האָט ער זוכה געווען, אַז פון דאַן אָן זאָל מען אים פרעגן:

— טאָמער קויפסטו אַ הינטל?

מען קען זיך נישט פאָרשטעלן מאָסיס גרויסן צער, וויפל ער האָט דאַן געליטן.

***

זיין שטיף־מאַמען האָט אָנגעהויבן ווי־טאָן דער קאָפּ און דאָס האַרץ, און זי האָט באַשלאָסן: „כּל־זמן איך לעב וויל איך זען, אַז מאָסי זאָל חתונה האָבן" — און די לצים פון דאָרף האָבן געוואַרט אַז מאָסי זאָל זיך אומקערן פון דער חתונה מיטן ווייב.

די האָבן געזאָגט: ס׳וועט אים טרעפן די מעשה מיטן סאָלאָוויי און אַ סאָווע וועט ער ברענגען אַהיים.

און יענע האָבן געזאָגט: ניין, ס׳וועט זיין ווי מיטן הינטל.

אָבער מאָסי האָט אַהיימגעבראַכט אַ ווייב און די לצים זענען שטיל געבליבן, ווען זיי האָבן זי דערזען. אַ מויד נישט איבעריק קיין יונגע, אַ הויכע מיט האָר ווי רויט קופּער, זייער אַ מאָגערע, אָבער אַ הויכע און ברייט־ביינערדיקע.

אירע גרויסע, גרוי־בלויע אויגן האָבן געקוקט ענערגיש און מיט זעלבסט־ווירדע, — און אירע אַלע באַוועגונגען זענען געווען געלאַסענע און פול מיט ישוב־הדעת.

מאָסי איז איר אַזוי נאָכגעגאַנגען, פול מיט ליבע און צאַרטקייט, און זי האָט אויף אים געקוקט ווי אַ מאַמע, וואָס האָט רחמנות אויף איר גרויסן זון.

מען האָט געזען אַז זי וועט גיין אין די הויזן.

און ווי דאָס האַרץ האָט געזאָגט מאָסין אַזוי איז געווען.

אַ סטאַנציע האָט/ער באַדאַרפט דורכגיין — און ער איז איר דורכגעגאַנגען.

נאָך דער וועלן שוין קומען אויך די איבעריקע סטאַנציעס.

איינס נאָכן אַנדערן זענען געבוירן געוואָרן פיר „סאָלאָווייטשיקעס".

און ס׳איז קיין אונטערשיד נישט געווען צווישן זיי און די איבעריקע קינדער פונעם דאָרף; פון די נעזלעך האָט זיי גערונען, זיי האָבן געהוסט, שוואַך געווען צום חדר.

אמת, זיי זענען געווען שיינע קינדער, — און זייער סוף איז געווען צו ווערן תבואה־הענדלער.

ער האָט נאָך געהאָפט דאָס לעבן זאָל זיך ענדערן.

דער נדן וואָס ער האָט גענומען האָט אים געהאָלפן באַקומען אַ שותף, וואָס האָט אויך געהאַט אַ ביסל געלט. דאָס יאָר איז געווען אַ גוראַטנס.

זיי האָבן פאַרדינט.

און נאָך דעם ווי ס׳זענען געשטאָרבן די אַלטע, האָט ער זיך אויסגעבויט אַ דירה.

איינע פון זיינע האָפענונגען איז מקוים געוואָרן.

ער האָט אַריינגענומען ניי מעבל.

ער האָט אַוועקגעשיקט דריי קערבלעך און האָט באַקומען אַלע וואָך די זשורנאַלן „ניוואַ״. איין מאָל אין חודש האָט ער באַקומען, אויסער דעם, אַ בוך צום לייענען, אַ געוויסע טייל פון עפּעס אַ שריפטשטעלערס שריפטן, אַ העפט פון מאָדעס און צושניידן אא״וו — צוויי און פופציק ביכער אַ יאָר — — — —

ער האָט אויך געהאַט אַ ביבליאָטעק.

ווי שיין די „ניוואַ״ איז!

היינט די דערציילונגען און אירע אילוסטראַציעס!

און יענע צוויי לעצטע זייטן, די זייטן פון די אַנאָנסן — וויפל מען קען פון זיי לערנען.

און ער זיצט זיך אין אָוונט. דער סאַמאָוואַר זידט און זינגט זיך אַ וואַרעמען ניגון. זיין יונג ווייבל גרייט צו וועטשערע און ער זיצט און קוקט אַריין — אין די לעצטע זייטן פון דער „ניוואַ״.

אַ וווּנדערלעכע וועלט איז פאַראַן פון יענער זייט דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף; אַ וווּנדערלעכע וועלט, וואָס איז אין גאַנצן באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשנס הנאה; ווייזט אויס, אַז ס׳זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס זאָרגן פאַר אַנדערע.

אָט איז אַן אַנאָנס: „איך בין געווען אַ פליכעוואַטער״ — — און דער גוטער און ערלעכער מענטש דערציילט וויפל ער האָט געליטן, וויפל געלט ער האָט אויסגעגעבן אויף דאָקטוירים און אויף רפואות, ביז ער האָט ענדלעך געפונען דאָס מיטל, די ריכטיקע רפואה — און ער איז גרייט דיר צו דערציילן אַלץ וואָס ער ווייסט — אומזיסט, אָן געלט, אויס ליבע צו מענטשן און אויס רחמנות אויף זיי טוט ער דאָס.

„אַ פּרעכטיקער זייגער״ קומט פון די בעסטע פירמעס אין דער וועלט. דער ציפערבלאַט — פאַנטאַסטיש, די ווייזערס — געשניצט. איין רובל מיט 99 קאָפּיקעס איז דער פּרייז. אַ גאַראַנטיע אויף דריי יאָר. פּאָרטאָ אויפן חשבון פון קונה...

„אַ סגולה צו רעוומאַטיזם״. אויסגעפּרוווט אויף פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַליין געליטן און וואָס האָט מיטלייד מיט די מענטשן — אַ גאַנץ בוך שיקט ער אומזיסט

און אין אים זענען פאַראַן אַ סך דאַנק־בריוו פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגע־היילט אַ דאַנק אים. בלויז אַ פּאָסט־מאַרקע פון זיבן קאָפּיקעס — מער גאָרנישט.

אָט איז אויסגעמאָלט „אַ רינגעלע מיט אַ בריליאַנט" און שטראַלן שפּאָרן פון דעם אין אַלע עקן וועלט — מען קען נישט וויסן דעם אונטערשייד פון דעם שטיין צו אַ נאַטירלעכן בריליאַנט. איין רובל, פּאָרטאָ און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן חשבון פון קונה. אויב עס וועט נישט געפעלן — קערט מען אום דאָס געלט.

„הונדערט מיט איין זאַך", וואָס זענען נייטיק פאַר יעדער שטוב־ווירטשאַפט פון אַן אינטעליגענטן מענטשן — דריי רובל.

ווען מאָסי זאָל האָבן געלט... דאָס הייסט: מער וויפל ער האָט... צום באַדויערן, האָט ער נישט אַזוי פיל, און זיין ווייב האָט אויך נישט קיין חשק אויפצובינדן ס'קניפּל.

אָבער — אָבער ער האָט מורא עס זאָל זיך נישט איבערחזרן... די מעשה מיטן „סאָלאָוויי" און די מעשה מיטן „הינטל".

האָט ער הנאה בלויז פונעם לייענען.

און איין מאָל האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אָט דעם אַנאָנס:

„לעווינסאָן אין אָדעס — גאַס רישעליע — צוטריטלעך פאַר יעדן. שרייב־מכשירים פאַר יעדן מענטשן: אַ מאַרמעלנער טאָפל (אַ שוואַרצער אָדער מיט פלעקן — לויטן גוסט פון קונה), צוויי טינטערס... איין שטעמפּל פון קינסטלערישער אַר־בעט, שיינע זאַכן... דער פּרייז מיט פּאָרטאָ —"

מאָסי האָט זיך באַראָטן מיטן ווייב. און אויף מאָרגן האָט ער אָוועקגעטראָגן ס'געלט אויף דער פּאָסט.

נאָך דעם ווי ס'זענען אַריבער אַכט טעג, האָבן אין אָוונט די הינט אָנגעהויבן בילן. די בילעריי האָט זיך דערנענטערט: עס איז געקומען דער בריוו־טרעגער און האָט געבראַכט אַ הילצערן קעסטעלע איינגעוויקלט אין לייוונט.

מיט שטראַלנדיקע אויגן האָט מאָסי אַרויסגענומען דעם טאָפל, די טינטערס — און דעם שטעמפּל.

ער האָט פון אים אַראָפּגענומען דאָס פּאַפּיר, אין וועלכן ער איז געווען איינ־געוויקלט און דאָס הענטל פונעם שטעמפּל איז געווען געמאַכט אין דער פאָרעם... עס איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זיינע באַקן זענען רויט געוואָרן — מען וועט נישט גלייבן... אין דער פאָרעם פון דער פאַרשאָלטענער סאָווע!...

צומאָרגנס האָט דאָס גאַנצע דאָרף געוווּסט וואָס מאָסי האָט באַקומען.

***

אַז ס'האָבן זיך פאַרמערט די סאָלאָווייטשיקעס, האָט מאָסיס לעבן אָנגעהויבן אויסזען ווי דאָס לעבן פון אַלע אַנדערע אין דאָרף.

דאָס לעבן פון דעם גאַנצן דאָרף איז פאַרבליבן ווי געווען. נאָר די שטוב פון גביר איז וויסט געוואָרן: די שיינע טעכטער זענען אַוועק, די זין האָבן זיך באַזעצט אין שטאָט — זיינע פענצטער האָבן נישט געלויכטן ביינאַכט און קיין פיאַנאָ־שפּילן האָט זיך נישט געהערט מער.

די איבעריקע שכנים זענען פאַרבליבן אין זייערע הייזער אַזוי ווי פריער. און מיט דער צייט האָבן מאָסין אָנגעהויבן אויספאַלן די האָר, און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו שרייבן צו דעם מענטשן פונעם אַנאַנס: „אַ פליכטוואָטער בין איך געווען"... זיין ווייב איז דיק און גראָב געוואָרן; אירע ברייטע ביינער האָבן אויף זיך אַרויפגענומען אַ סך שמאַלץ מיט פלייש, און ווען זי איז געגאַנגען האָבן איר אַרויסגעשטעקט די קיילעכדיקע היפטן. אין גאַנצן איז זי געווען אַ ברייטע און וואַרעמע — אַזוי ווי יענע גרויסע און פעטע הון אין אירע בעסטע יאָרן, ווען זי פאַר־שפּרייט אירע פליגל איבער די הינדעלעך, וועלכע קומען זיך צונויף צווישן אירע פיס און אונטער אירע פליגל.

ווען ס'איז געקומען דער ווינטער און די פויערים האָבן אַריינגענומען די תבואה אין שייער, האָט מאָסין ווי געטאָן דער קאָפּ פון אַ סך דאגות און טראַכטן, מיט וועמען וועט ער דאָס יאָר מאַכן שותפות —

און אַ מין מרה שחורה האָט אים אָנגעכאַפּט:

— אָט איז דער אויסגעטראָטענער וועג... פון אייביק... פון שטענדיק...

און דאַן —

פלעגט ער זיך איינקוקן אין זיין ברייט־ביינערדיקער און פעטער ייִדענע, אין אירע גרויסע און קיילעכדיקע אויגן און דעם גרויען קלייד, און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט ווידער אַמאָל פאַר זיך... אַ גרויסע סאָווע — יענע סאָווע, וואָס האָט אים אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבן.

אָסקאַר אוּאײַלד

(געבוירן אין 1856 — געשטאָרבן אין 1900)

אָסקאַר אוּאײַלד, אײנער פון די גלענצנ־דיקסטע, אָריגינעלסטע ענגלישע שריפט־שטעלער, איז געווען אַ פירער פון דער עס־טעטישער באַוועגונג פון די 90ער יאָרן פו־נעם פאַריקן יאָרהונדערט.

אין זײַנע דערצײלונגען, קאָמעדיעס און פאָעמען קומט צום אויסדרוק זײַן טאַלענט פון סאָציאַלן סאַטיריקער און עפּיגראַמאַטישן סטיליסט.

פון זײַנע ווערק זענען די אַמײנסטן באַ־קאַנט: „סאַלאָמע", „דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי", די קאָמעדיע „לײדי ווינדערמירס „פעכער" און אַנדערע, אָבער די וויכטיקסטע ווערק פון אָסקאַר אוּאײַלד זענען זײַן ווידוי „דע פּראָפונדיס", די „באַלאַדע פון דער רע־דינג־טורמע" און זײַנע דערצײלונגען — אין די לעצטע האָט דעם מײסטערס טאַלענט אויפגעשײַנט מיט אַלע קאָלירן.

דער יונגער מלך

ס'איז געווען די נאַכט פאַר זײַן קרוינונג. דער יונגער מלך איז געזעסן אַלײן אין זײַן פּרעכטיקן זאַל. אַלע זײַנע הויפלײַט האָבן געגומען אָפּשײד פון אים און האָבן געבייגט זײערע קעפּ ביז צו דער ערד לויט דער צערעמאָניע פון טאָג. זײ האָבן זיך צוריקגעצויגן אין גרויסן זאַל פון פּאַלאַץ צו נעמען די לעצטע עטלעכע לעקציעס פון עטיקעט־לערער, ווײַל אַ טײל פון זײ האָבן נאָך פאַרמאָגט גאַנץ נאַטירלעכע מאַ־נירן, וואָס אין הויפלײַט, איז איבעריק צו זאָגן, — איז אַן ערנסטער פעלער.

דאָס ייִנגל — ווײַל ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, זיבעצן זעכצן יאָר אַלט —

איז נישט געװען טרויעריק איבער זײער אָפּשייד, און ער האָט זיך אַ װאָרף געטאָן אויף צוריק אין די װייכע קישנס פון זײַן רײַך געשטיקטן געלעגער און איז דאָרט געבליבן ליגן מיט װילדע אויגן און אַ צעעפנט מויל װי אַ ברוינער װאַלד־פאַון אָדער װי עפּעס אַן אַנדער יונג װאַלד־חיהלע, װאָס איז נאָר װאָס געכאַפּט געװאָרן פון די יעגערס.

און װירקלעך זענען עס געװען די יעגערס, װעלכע האָבן אים געפונען. זײ זענען איבער אים געקומען צופעליק, װען אַ באָרװעסער מיט אַ פּײַפל אין האַנט, האָט ער נאָכגעפאָלגט דער טשערעדע בעק פון אָרעמען בעק־פּאַסטעך, װעלכער האָט אים דערצויגן, און װעמענס זון ער האָט שטענדיק געמײנט אַז ער איז. דאָס קינד פונעם אַלטן מלכס אײנציקער טאָכטער, דורך אַ סעקרעטער חתונה מיט אײנעם פון פיל נידעריקערן שטאַנד — אַ פרעמדן, לויט אַ טייל זאָגן, װעלכער האָט דורכן װוּנדערלעכן צויבער פון זײַן פלייט־שפּילן געװירקט אויף דער יונגער פּרינצעסן, און זי האָט זיך אין אים פאַרליבט. אַנדערע װידער האָבן גערעדט פון אַ קינסטלער רימיני, װעמען די פּרינצעסן האָט אַרויסגעװיזן פיל און אפשר צו פיל כבוד, און װעלכער איז פּלוצלינג פאַרשװוּנדן געװאָרן פון שטאָט, איבערלאָזנדיק זײַן אַרבעט אין קאַטעדראַל פאַרענדיקט. װען ער איז קוים אַ װאָך אַלט געװען, איז ער צוגעגנבעט געװאָרן פון זײַן מוטערס שויס, װען זי איז געשלאָפן, און איז איבערגעגעבן געװאָרן אונטער דער השגחה פון אַן אײנפאַכן פויער און זײַן פרוי, װעלכע האָבן נישט געהאַט קײן אײגענע קינדער, און האָבן געלעבט אין אַ פאַרװאָרפן װינקל אין װאַלד, װײַט אַ טאָג גאַנג פון שטאָט. צער אָדער די פּעסט, װי עס האָט באַריכטעט דער הויף־דאָקטער, אָדער װי אײניקע װילן האָבן, אַ שנעלע גיפט דערלאַנגט אין אַ גלאָז שמעקנדיקן װײַן, האָבן אַװעקגעהרגעט, אין אַ שעה אַרום נאָך איר דערװאַכונג, די װײַסע פרוי װעלכע האָט אים געבוירן און פונקט דאַן, װען דער באַגלייטער שליח, װעלכער האָט געפירט דאָס קינד פאָפערעק דעם זאָטל, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זײַן פאַרמאַטערטן פערד און האָט אָנגעקלאַפּט אין דער אײנפאַכער טיר פונעם פּאַסטוכס הײַזקע איז דער קערפּער פון דער פּרינצעסן אַראָפּגעלאָזט געװאָרן אין אַן אָפענעם קבר, װעלכן מ׳האָט אויסגעגראָבן אויף אַ פאַרװאָרלאָזטן צװינטער, הינטער די טויערן פון שטאָט: אַ קבר, װוּ מען האָט געזאָגט, ס׳איז אויך געלעגן אַן אַנדער קערפּער פון אַ יונגערמאַן פון װוּנדערלעכער שײנקײט, װעמענס הענט זענען געװען געבונדן הינטן מיט אַ קניפּיקן שטריק און װעמענס ברוסט ס׳איז געװען צעשטאָכן מיט אַ סך רויטע װוּנדן.

אַזוי אַמװײניקסטנס, איז געגאַנגען די געשיכטע, װאָס לויט האָבן אַרײַנגעשושקעט אײנער דעם אַנדערן. זיכער איז אָבער געװען, אַז דער אַלטער מלך, װען ער איז געלעגן אויפן טויטן־בעט, געטריבן פון חרטה פאַר זײַן גרויסן חטא, אָדער אײנפאַך, װײַל ער האָט נישט געװאָלט, אַז די מלוכה זאָל אַװעק פון זײַן ליניע, האָט

געשיקט נאָכן יינגל און אין דער אַנוועזנהייט פונעם ראַט, אים אַנערקענט אַלס זיין געזעצלעכן יורש.

און ס׳דאַכט זיך, אַז פון דער ערשטער רגע פון זיין אַנערקענונג, האָט ער אַרויסגעוויזן סמנים פון יענער מאָדנער ליידנשאַפט צו שיינקייט, וועלכער ס׳איז באַשערט געווען צו האָבן אַזאַ שטאַרקן איינפלוס אויף זיין לעבן. יענע וועלכע פלעגן אים באַגלייטן אין די סאַלאָנען, וואָס זענען אים אָפּגעגעבן געוואָרן, פלעגן אָפט רעדן וועגן דעם פרייד־אויסגעשריי וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל, ווען ער האָט דערזען דאָס פיינע קלייד און די רייכע צירונג, וואָס מ׳האָט צוגעגרייט פאַר אים, און וועגן דער כמעט ווילדער פרייד, מיט וועלכער ער האָט אַוועקגעשליידערט זיין גראָבן לעדערנעם אַנצוג און זיין מגושמדיקן שמויסענעם פעלץ.אמת, צייטנוייז פלעגט אים פעלן די זיסע פרייהייט פונעם וואַלד־לעבן, און ער פלעגט שטענדיק געצייגט זיין זיך אויפצורעגן פון די לאַנגווייליקע הויף־צערעמאָניעס, וועלכע האָבן ביי אים צוגענומען אַזוי פיל צייט פון יעדן טאָג זיינעם, אָבער דער וואונדערלעכער פאַלאַץ — Joyeux (פרייד) — ווי זיי האָבן אים גערופן — פון וועלכן ער איז איצט באַלעבאָס, האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ נייע, פאַר זיין פאַרגעניגן וועגן, ספּעציעל געשאַפענע וועלט. און אַזוי גיך ווי נאָר ער האָט געקענט אַנטלויפן פונעם ראַט־טיש, אָדער אוידיענץ־זאַל, איז ער אַראָפּ איבער דעם גרויסן לייטער מיט זיינע לייבן פון געגילטער בראָנדז און מיט זיינע שטאַפּלען פון בליאַסקענדיקן פּאָרפיר און ער האָט געוואַנדערט פון זאַל צו זאַל און פון קאָרעדאָר צו קאָרעדאָר, ווי איינער וואָס זוכט צו געפינען אַ דערלייכטערונג פון ליידן, אַ מין רפואה פאַר אַ קרענק.

אויף די דאָזיקע אַנטפּלעקונגס־שפּאַצירן, ווי ער וואָלט זיי אָנגערופן, און באמת זענען זיי געווען פאַר אים ווירקלעכע רייזעס איבער אַ וואונדערלעכן לאַנד, אין וועלכע ער פלעגט צומאָלס באַגלייט ווערן פון די שלאַנקע, בלאָנד־האָריקע הויף־פּאַזשן, אין מאַנטלען וואָס האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט, מיט העלע שוועבנדיקע סטענגעס. אָבער אָפטער פלעגט ער וועלן זיין אַליין, פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז די סודות פון דער קונסט קען מען אַמבעסטן באַגרייפן אין דער שטיל און אַז שיינקייט ווי חכמה ליבן דעם איינזאַמען פאַרערער.

אַ סך קוריאָזע געשיכטעס האָט מען דערציילט וועגן אים, אין דער צייט ווען מ׳האָט געזאָגט, אַז עפּעס אַ דיקער בירגערמייסטער, וועלכער איז געקומען האַלטן אַ מליצה־דרשה לטובת די בירגער פון זיין שטאָט, האָט אים באַמערקט קניען מיט אמתער פאַרערונג פאַר אַ געוויס בילד וואָס מ׳האָט ערשט געבראַכט פון ווענעציע. און אין אַן אַנדער פאַל איז ער פאַרלוירן געגאַנגען אויף עטלעכע שעה. און נאָך דעם ווי מ׳האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט, האָט מען אים געפונען אין אַ קליינעם צימער אין איינעם פון די צפונדיקע טורעמס פון פּאַלאַץ, קוקן ווי אין אַ חלום אויף אַ גריכישן ברילִיאַנט, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט דאָס בילד פון אַדאָניס. מען

האָט אים געזען — אַזוי איז געגאַנגען די געשיכטע — דריקן זײַנע הייסע ליפּן צו אַ מאַרמאָרענעם שטערן פון אַן אַלטער סטאַטוע, וואָס מ׳האָט געפונען אין טײַך, ווען מען האָט געבויט די שטיינערנע בריק, און אויף וועלכער עס איז געווען אויס־געקריצט דער נאָמען פון אַדריאַנוסעס אַביסינישן שקלאַף. ער האָט אויך איין מאָל פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט שטודירנדיק דעם עפעקט פון לבנה־שיין אויף אַ זילבער־נעם בילד פון ענדימיאָן.

אַלע זעלטענע און קאָסטבאַרע חפצים האָבן אים שטאַרק באַצויבערט און איבערן שטאַרקן פאַרלאַנג זיי צו קריגן, האָט ער צעשיקט אַ סך סוחרים. אַ טייל איינ־צוהאַנדלען בורשטין בײַ דעם פּראָסטן פישער־עולם פון די צפון־ימים, אַ טייל קיין מצרים, צו זוכן יענעם קוריאָזן גרינעם בירויזא־שטיין, וועלכן מ׳קען נאָר געפינען אין די קברים פון די מלכים, און וועגן וועלכן מ׳זאָגט, אַז ער באַזיצט וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן; אַנדערע קיין פּערסיע נאָך זײַדענע טעפּיכער און געמאָלן געשיר; און אַנדערע קיין אינדיע צו קויפן גאַזע און געפּאַרבטן העלפאַנט־ביין, לבנה־שטיינער און בראַסלעטן פון נעפריט, סאַנדאַל־האָלץ, בלויע עמאַל און שאַלן פון פיינער וואָל.

וואָס ס׳האָט אים אָבער מער פון אַלעמען אינטערעסירט, איז געווען דער לבוש וועלכן ער האָט באַדאַרפט טראָגן בעת זײַן קרוינונג. דער לבוש פון געוועבטן גאָלד און די מיט רובינען באַזעצטע קרוין און די קעניגלעכע רוט מיט אירע רייען און רינגען פּערל. ווירקלעך פון דעם איז דאָס געווען, וואָס ער האָט געטראַכט יענע נאַכט, ווען ער איז געלעגן אויף זײַן לוקסוריעזן געלעגער און האָט געקוקט אויף אַ גרויסן סאָסנאָווע קלאָץ וואָס האָט געברענט אין אָפענעם קאַמין. די מאָדעלן וואָס האָבן געהערט צו די באַרימטסטע קינסטלער פון דער צייט זענען אים צוגעשטעלט געוואָרן אַ סך חדשים פריער, און ער האָט באַפוילן אַז די בעלי־מלאכות זאָלן אַר־בעטן טאָג און נאַכט זי אויסצופירן. און אין דער גאַנצער וועלט האָט מען באַדאַרפט אַרומזוכן אויסצוגעפינען צירונג ס׳זאָל ווערט זײַן זײַן אַרבעט. ער האָט זיך געזען אין טרוים ווי ער שטייט ביים הויכן אַלטאַר פון קלויסטער, אין די ליכטיקע בגדי־מלכות, און אַ שמייכל שפּילט אויף זײַנע יינגלשע ליפּן און צינדט אָן מיט אַ העלן גלאַנץ זײַנע טונקעלע וואַלד־אויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זײַן פּלאַץ און אָנשפּאַרנדיק זיך אינעם געשניצטן דעכל פונעם קאַמין, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין דעם טונקל־באַלויכטענעם צימער. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט רײַכע גאָבעלינען, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט דעם נצחון פון שיינקייט. אַ גרויסע שאַפע פון אַגאַט און לאַפּיס־לאַזולי האָט אָנגעפילט אַ ווינקל, און אַנטקעגן פענצטער איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקער קאָמאָד מיט פּאַליטורטע ווענטלעך פון גאָלד־מאָזאַיקעס, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען עטלעכע פיינע בעכערס פון ווענעציאַנער גלאָז און אויך אַ באָקאַל פון טונקל אָדערדיקן אָניקס. בלאַסע מאָן־בלומען זענען געווען אויסגעהעפּט אויף דער זײַדענער דעק פון בעט, גלייך ווי זיי וואָלטן אַרויסגעפאַלן פון מידע הענט

פון שלאָף: הויכע רערלעך פון העלפאַנט־ביין האָבן געשטרייפט די סאַמעטענע חופּה איבערן בעט פון וועלכער ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן גרויסע בינטלעך שטרויס־פּע־דערן, ווי ווייסע שוים, צום בלייכן זילבער פון דער פיין־געשניצטער סטעליע. אַ לאַכנדיקער נאַרציס אין גרינעם בראָנדז האָט געהאַלטן אַ געשליפענעם שפּיגל איבער זיין קאָפּ. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַכער בעכער פון אַמעטיסט.

אין דרויסן האָט ער געקענט זען דעם גרויסן קופּאָל פון קלויסטער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פענכער איבער די טונקעלע הייזער, און די מידע וועכטער האָבן געשפּאַנט הין און צוריק אויף דער פאַרנעפּלטער טעראַסע נעבן טייך. ווייט ערגעץ אין אַ גאָרטן האָט אַ נאַכטיגאַל געזונגען. אַ שאַרפער ריח פון זשאַסמין איז אַריין דורכן אָפענעם פענצטער. ער האָט פאַרשאַרט זיינע שוואַרצע לאָקן פונעם שטערן און נעמענדיק דעם פידל אין האַנט, האָט ער געלאָזט זיינע פינגער בלאָנדזשען איבער די סטרונעס. זיינע שווערע אויגן־לעפלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און עפּעס אַ מאָדנע מתיקות איז אים באַפאַלן. קיין מאָל פריִער האָט ער נישט געפילט אַזוי שאַרף, אָדער מיט אַזאַ הייליקער פרייד דעם צויבער און די מיסטעריע פון שיינע זאַכן.

ווען דער שטאָט־זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, האָט ער אַ דריק געטאָן אַ גלעקל און זיינע פּאַזשן זענען אַריין און האָבן אים אויסגעטאָן מיט גרויס פּאַראַד און האָבן געגאָסן רויזן־וואַסער אויף זיינע הענט און צעשאָטן בלומען אויף זיין געלעגער. אין עטלעכע מינוט נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזן דעם צימער, איז ער איינגעשלאָפן געוואָרן.

ווען ער איז געשלאָפן האָט ער געחלומט אַ חלום און דאָס איז געווען זיין חלום:

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט אויף אַ לאַנגן, נידעריקן בוידעם צווישן דעם געווירבל און גערויש פון אַ סך וועב־שטולן. די קנאַפּע טאָג־ליכט האָט אַריינ־געקוקט דורך די גראַטעס פון די פענצטער, און האָט אים געוויזן די מאָגערע פיגורן פון די וועבער, איבערגעבויגענע איבער זייער אַרבעט. בלאַסע קינדער פון קראַנקן אויסזען איינגעדרייט ביי דער געקרייצטער ליכט. זייערע פּנימער זענען געווען צו־נויפגעצויגן פון הונגער און זייערע דינע הענט האָבן זיך געטרייסלט און געציטערט. אייניקע איינגעשרומפּענע פרויען זענען געזעסן ביי אַ טיש און האָבן גענייט. אַ שרעקלעכער ריח האָט אָנגעפילט דאָס פּלאַץ. די לופט איז געווען געדיכט און שווער און די ווענט האָבן געקאַפּעט און געגאָסן מיט פייכטקייט. דער יונגער מלך איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די וועבערס און האָט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן אים און אים באַטראַכט.

און דער וועבער האָט אים אָנגעקוקט צאָרנדיק, און ער האָט געזאָגט:

— וואָס קוקסטו אויף מיר? ביסט אפשר אַ שפּיאָן אָוועקגעשטעלט איבער אונדז פון אונדזער באַלעבאָס?

— ווער איז דיין באַלעבאָס? — האָט געפרעגט דער יונגער מלך.

— אונדזער באַלעבאָס! — האָט אויסגעשריגן דער וועבער ביטערלעך — ער

איז אַ מאַן ווי איך, אָבער מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס ער טראָגט פיינע קליידער׳ דעמאָלט ווען איך בין געקליידט אין שמאַטעס; און בעת איך בין קראַנק פון הונגער, ליידט ער נישט ווייניקער פון איבערגעזעטיקטקייט.

— דאָס לאַנד איז אַ פריי לאַנד, — האָט געזאָגט דער מלך, און דו ביסט נישט קיינעמס שקלאַף.

— אין צייט פון קריג — האָט געענטפערט דער וועבער — הערשט דער שטאַרקער איבערן שוואַכערן און אין צייט פון פרידן פאַרשקלאַפט דער רייכער דעם אָרעמען. מיר מוזן אַרבעטן צו קענען לעבן, און זיי גיבן אונדז אָזעלכע שכירות, אַז מיר שטאַרבן פון הונגער. מיר אַרבעטן פאַר זיי אַ גאַנצן טאָג און זיי זאַמלען אָן געלט אין זייערע קופערטס און אונדזערע קינדער קומען אַוועק פאַר דער צייט. די פּנימער פון די וועלכע מיר ליבן ווערן האַרט און שלעכט. מיר טרעטן די טרויבן און אַנדערע טרינקען דעם ווײַן. מיר זייען די תבואה און אונדזער שפּייז־אַלמער איז ליידיק; מיר טראָגן קייטן, כאָטש קיין אויג זעט זיי נישט און מיר זענען שקלאַפן כאָטש לייט רופן אונדז פרייע.

— געשעט דאָס זעלבע מיט אַלעמען? — האָט דער קעניג געפרעגט.

— מיט אַלעמען — האָט געענטפערט דער וועבער — מיט די יונגע ווי מיט די אַלטע; מיט די פרויען ווי מיט די מענער; מיט די קליינע קינדער אַזוי גוט ווי מיט די וועלכע זענען זאַט אין יאָרן. די סוחרים נאָגן אונדז און מיר מוזן אונטערקומען זייערע פּרייזן; דער גלח רייט דורך און דערציילט זיינע פזמונות און קיינער האָט אונדז נישט אין זינען. דורך אונדזערע זונלאָזע גאַסן גנבעט זיך די נויט, און די זינד מיטן פאַרבלאָזן פּנים פאָלגט איר נאָך. פּיין וועקט אונדז אויף באַגינען און שאַנדע לייגט זיך מיט אונדז אין אָוונט. אָבער וואָס גייט דאָס אַלץ דיך אָן, דו ביסט נישט איינער פון אונדז, דיין פּנים איז צו גליקלעך.

און ער האָט זיך אַוועקגעדרייט אַ פאַרכמורעטער און האָט אַ שליידער געטאָן דאָס וועבער־שיפל איבער דער וועב־שטול, און דער יונגער מלך האָט דערזען, אַז ס׳איז אָנגעוויקלט מיט גאָלדענע פעדעם.

אַ גרויסע שרעק איז אים באַפאַלן און ער האָט געזאָגט צום וועבער:

— וואָס פאַר אַ מלבוש וועבסטו?

— ס׳איז דער מלבוש פאַר דער קרוינונג פון יונגן מלך — האָט ער געענטפערט

— וואָס האָט עס צו דיר?

און דער יונגער מלך האָט אַ געשריי געטאָן און ער האָט אויפגעוואַכט, און צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער זיך דערזען אין זיין אייגענעם שלאָף־צימער. דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט די גרויסע האָניק־פאַרביקע לבנה.

**

ער איז ווידער איינגעשלאָפן און ער האָט געחלומט. און דאָס איז געווען זיין חלום:

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז געלעגן אויפן דעק פון אַ גרויסער שיף, וועלכע ווערט געטריבן פון הונדערט שקלאַפן. אויף אַ טעפּיך אַנטקעגן אים איז געזעסן דער באַלעבאָס פון דער שיף. ער איז געווען שוואַרץ ווי קויל און זיין טורבאַן איז געווען פון רויטער זייד. גרויסע זילבערנע אויררינגען האָבן אַראָפּגעוויגן זיינע דיקע אויערן־לעפּלעך. אין זיינע הענט האָט ער געהאַלטן אַ העלפאַנטביינערנע וואָגשאָל.

די שקלאַפן זענען געווען כמעט נאַקעט, נאָר שמאַטישע לענדן־גאַרטלען האָבן צוגעדעקט זייערע קערפּערס און איינער איז געווען צוגעשמידט צום אַנדערן. די הייסע זון האָט געברענט איבער זייערע קעפּ און די נעגערס זענען געלאָפן הין און צוריק איבערן דעק און האָבן זיי געשניטן מיט לעדערנע בייטשן. די שקלאַפן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע מאָגערע אָרעמס און האָבן באַוויגן די שווערע רודערס אין דעם וואַסער.

צום סוף האָבן זיי דערגרייכט אַ קליינעם אויסגוס. אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן פונעם ברעג און האָט באַשיט די דעק און די גרויסע זעגלען מיט אַ דינעם רויטן שטויב. דריי אַראַבער אויף ווילדע אייזלען זענען געקומען צו רייטן און האָבן גענומען שלײַדערן שפּיזן. דער באַלעבאָס פון שיף האָט גענומען אַ געפאַרבטן בויגן אין זיין האַנט און האָט איינעם פון זיי דערשאָסן. זיין קערפּער איז אַריינגעפאַלן אין שטראָם, און זיינע חברים האָבן אַוועקגעריטן. אַ פרוי געהילט אין אַ געלן שלייער, האָט פּאַמעלעך נאָכגעפאָלגט אויף אַ קעמל, קוקנדיק אויף צוריק פון צייט צו צייט אויפן טויטן קערפּער.

אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער און אַראָפּגענומען די זעגלען, זענען געקומען די נעגערס און האָבן מיט זיך געבראַכט אַ לאַנגן שטריק־לייטער, אַ שווער־באַהאָנגענעם מיט בליי. דער באַלעבאָס פון שיף האָט אים אַראָפּגעוואָרפן און צוגעפעסטיקט זיינע בײדע עקן צו צוויי אייזערנע האָקן. דאַן האָבן די נעגערס געכאַפּט דעם יינגסטן פון די שקלאַפן און האָבן אָפּגעשלאָגן זיינע קייטן, פאַרשטאָפּט זיינע נאָזלעכער און אויערן מיט וואַקס און זיי האָבן צוגעבונדן אַ גרויסן שטיין צו זיין טאַליע. אַ פאַרמאַטערטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון לייטער און ער איז פאַרשוואונדן אין ים. עטלעכע בלעזלעך האָבן זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך, וווּ ר׳האָט געזונקען. אייניקע פון די איבעריקע שקלאַפן האָבן נייגעריק זיך איבערגעקוקט. ביי דער נאָז פון שיף איז געזעסן אַ באַצויבערער פון ים־הינט און האָט מאָנאָטאָן געקלאַפּט אין אַ פויק.

אין אַ צייט אַרום האָט דער טויכער זיך אַרויסגעוויזן פון וואַסער און האָט אַ ציטערנדיקער זיך געקלאַמערט אין לייטער. אין זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּערל. די נעגערס האָבן זי ביי אים צוגענומען און האָבן אים אַ שלײַדער געטאָן צוריק. די שקלאַפן זענען איינגעשלאָפן געוואָרן איבער די רודערס.

װידעראַמאָל און אָבעראַמאָל איז ער אַרױפֿגעקומען און יעדעס מאָל האָט ער מיט זיך געבראַכט װוּנדערשײנע פּערל. דער באַלעבאָס פֿון דער שיף האָט זײ אָפּגעװױגן און האָט זײ אַרײַנגעלײגט אין אַ גרינעם לעדערנעם זעקעלע.

דער יונגער מלך האָט געפּרוּװט רײדן, אָבער זײַן צונג איז געװען װי צוגעהעפּט צום גומען, און זײַנע ליפּן האָבן זיך אַנטזאָגט צו באַװעגן. די נעגערס האָבן געפּלאַפּלט אײנער מיטן אַנדערן און האָבן זיך אָנגעהױבן צו קריגן איבער אַ שנירל גלאַנציקע פּאַציערקעס. צװײ ים־פֿײגל האָבן זיך געדרײט אַרום שיף.

דאַן איז דער טױכער אַרױפֿגעקומען צום לעצטן מאָל און די פּערל װאָס ער האָט מיט זיך אַרױפֿגעבראַכט איז געװען ליכטיקער פֿון אַלע פּערל אָרמוזדס, װײל זי איז געװען אױסגעפֿורעמט װי די פֿולע לבֿנה, זי איז געװען װײַסער פֿון מאָרגנשטערן. אָבער זײַן געזיכט איז געװען מאָדנע בלאַס. ער איז געפֿאַלן אױפֿן דעק און דאָס בלוט האָט זיך אים אַ לאָז געטון פֿון זײַנע אױערן און נאָזלעכער. די נעגערס האָבן געצױגן מיט די אַקסלען און האָבן אַרױסגעשלײדערט דעם קערפּער פֿון יענער זײַט דעק. און דער באַלעבאָס פֿון דער שיף האָט זיך צעלאַכט און ער האָט זיך אָנגעבױגן און אױפֿגעהױבן די פּערל, און װען ער האָט זי דערזען האָט ער איר צוגעדריקט צום שטערן און זיך פֿאַרנײגט. „זי װעט טױגן״, האָט ער געזאָגט, „פֿאַרן יונגן מלכס מלכות־רוט״, און ער האָט געמאַכט אַ צײכן צו די נעגערס זײ זאָלן אױפֿהײבן דעם אַנקער.

און װען דער יונגער מלך האָט דאָס דערהערט האָט ער אַ געשרײ געטון און ר׳האָט זיך אױפֿגעכאַפּט, און דורכן פֿענצטער האָט ער געזען װי די גרױע פֿינגער פֿונעם פֿרימאָרגן פֿאַרשאַרן די בלאַס־געװאָרענע שטערן.

און ער איז װידער אײַנגעשלאָפֿן געװאָרן און ער האָט געחלומט און דאָס איז געװען זײַן חלום.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז ער בלאָנדזשעט אין אַ פֿינצטערן װאַלד, װעלכער איז געװען באַהאַנגען מיט מאָדנע פֿרוכטן און מיט װוּנדערשײנע גיפֿטיקע בלומען. די עקדישן האָבן אױף אים געהודזשעט װען ער איז דורכגעגאַנגען. די פֿאַרביקע פּאַפּוגײען זענען געפֿלױגן שרײַענדיק פֿון צװײַג צו צװײַג. גרױסע טשערעפּאַכעס זענען געלעגן שלאָפֿנדיק אין דער הײסער בלאָטע. די בײמער זענען פֿול געװען מיט מאַלפּעס און פּאַװעס. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער האָט דערגרײכט דעם עק פֿון װאַלד, און דאָרטן האָט ער דערזען אַ גרױסן המון מענטשן אַרבעטן אין אַ בעקן פֿון אַן אױסגעטריקנטן טײַך. זײ האָבן געקלעטערט אױף די פֿעלדזן װי מוראַשקעס; זײ האָבן אױסגעגראָבן טיפֿע גריבער אין דער ערד און האָבן אין זײ אַראָפּגענידערט. אַ טײל פֿון זײ האָבן געהאַקט די פֿעלדזן מיט גרױסע העק, אַנדערע האָבן געשאַרט אין זאַמד, זײ האָבן אױסגעריסן מיט די װאָרצלען די קאַקטוס־בײמער און האָבן געטראָטן מיט די פֿיס די רױטע בלומען.

זיי האָבן זיך געאײַלט אונטערטרייבנדיק איינער דעם אַנדער און קיינער איז נישט געווען פויל.

פון דער פינצטערניש פון אַ הייל האָבן זיי נאָכגעקוקט טויט און געלט. און טויט האָט געזאָגט: איך בין מיד; גיב מיר אַ דריטל פון זיי און איך וועל אַוועקגיין".

אָבער געלט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„זיי זענען מיינע דינער", האָט עס געענטפערט.

און טויט האָט ווידער געזאָגט: „וואָס האָסטו אין דיין האַנט?"

„איך האָב דריי קאָרן־קערנער" — האָט געענטפערט געלט, „אַנטקעגן וואָס דאַרפסטו עס וויסן?"

„גיב מיר איינס פון זיי" — האָט אויסגעשריגן טויט — „צו פלאַנצן אין מיין גאָרטן; נאָר איינס פון זיי און איך וועל אַוועק".

„איך וועל דיר גאָרנישט געבן", האָט געזאָגט געלט, און ס'האָט פאַרבאַהאַלטן די האַנט אין די פאַלדן פון זיין בגד.

טויט האָט געלאַכט, און האָט גענומען אַ גלאָז און האָט עס אָנגעשעפּט אין טייכל און פון גלאָז איז אַרויס ס'קדחת און ס'איז אַדורך דעם גרויסן עולם און אַ דריטל פון זיי זענען געבליבן ליגן טויט. אַ קאַלטער נעפּל האָט איר נאָכגעפאָלגט, און די וואַסער־שלאַנגען זענען געקראָכן ביי איר זייט.

און ווען געלט האָט דערזען אַז אַ דריטל פון המון איז געווען טויט, האָט עס זיך געשלאָגן אין האַרצן און האָט געוויינט. עס האָט געשלאָגן זיין עקרדיקן שויס און ס'האָט אויף אַ קול גערעוועט. „דו האָסט דערהרגעט אַ דריטל פון מיינע דינער", האָט עס געשריען, „אַוועק פון דאַנען. אין די בערג פון טאַטערלאַנד קומט פאָר אַ מלחמה און די מלכים פון יעדן צד רופן דיך. די אפגאַנער האָבן דערהרגעט דעם שוואַרצן אָקס און זיי גייען אין שלאַכט. זיי האָבן אויף זיך גענומען זייערע פאַנצערס מיט זייערע שפּיזן און האָבן אָנגעטאָן די אייזערנע העלמען, וואָס פאַר אַ ווערט קען האָבן מיין טאָל פאַר דיר, דו זאָלסט זיך אין אים פאַרזאַמען. אַוועק פון דאַנען און קום אַהער נישט מער".

„ניין, — האָט געענטפערט טויט, — ביז דו וועסט מיר נישט געבן אַ קערן וועל איך נישט אַוועק פון דאַנען".

אָבער געלט האָט פאַרמאַכט די האַנט און האָט פאַרשטשעמעט די ציין: „איך וועל דיר גאָרנישט געבן", האָט עס געברומט.

און טויט האָט געלאַכט און האָט אויפגעהויבן אַ שוואַרצן שטיין, און אים אַריינגעשליידערט אין וואַלד אַריין, און פון דער געדיכטעניש פון ווילדע מאַן־בלומען איז געקומען די כאָלערע אין אַ קלייד פון פייער־פלאַמען. זי איז דורכגעלאָפן דעם המון און האָט זיי אָנגערירט, און יעדן וועמען זי האָט אָנגערירט איז געשטאָרבן. דאָס גראָז איז פאַרטרוקנט געוואָרן אונטער אירע פיס בשעת זי איז געגאַנגען.

און געלט האָט געציטערט און האָט געשיט אַש אויפן קאָפּ. „דו ביסט אכזריותדיק", האָט עס געשריִען; „דו ביסט אכזריותדיק. דער הונגער געפינט זיך אין די אַרומגעמויערטע שטעט פון אינדיע, און די ברונימער פון סאַמאַרקאַנד זענען אויסגעטרוקנט געוואָרן. דער הונגער געפינט זיך אין די אַרומגעמויערטע שטעט פון מצרים, און דער היישעריק איז אַהין געקומען פונעם מדבר. דער נילוס איז נישט אַריבער די ברעגן, און די פּריסטער האָבן געשאָלטן איזיס און אָזיריס. אַוועק צו יענע וואָס נייטיקן זיך אין דיר, און לאָז אָפּ מײַנע דינער!"

„ניין", האָט געענטפערט טויט, „ביז דו וועסט מיר נישט געבן אַ קערנדל וועל איך נישט אַוועקגיין".

„איך וועל דיר גאָרנישט געבן", האָט געזאָגט געלט.

טויט האָט ווידער געלאַכט און האָט דורך די פינגער אַ פּיף געטאָן, און אַ פרוי איז געקומען צו פליִען אין דער לופט — פּעסט איז געווען אָנגעשריבן אויף איר שטערן, און אַ מחנה מאָגערע רויב־פייגל האָט זיך געדרייט אַרום איר. זי האָט באַדעקט דעם טאָל מיט אירע פליגל און קיין מענטש איז נישט לעבן געבליבן.

און געלט איז אַוועק קוויטשנדיק דורכן וואַלד, און טויט האָט געשפּרונגען אויף זיין רויטן פערד און האָט אַוועקגעיאָגט, און זיין גאַלאָפּ איז געווען גיכער פונעם ווינט.

און פון דער בלאָטע אַרויס, אין דער טיפעניש פונעם טאָל זענען אַרויסגע־קראָכן דראַקאָנען און שרעקלעכע באַשעפענישן, מיט וואָגשאָלן אין זייערע הענט. און די שאַקאַלן זענען געקומען צולויפן איבערן זאַמד, ניוכענדיק די לופט מיט זייערע נאָזלעכער.

און דער יונגער מלך האָט געוויינט און געזאָגט:

„ווער זענען די דאָזיקע און וואָס זוכן זיי?"

„רובינען פאַר אַ קעניגס קרוין", האָט געענטפערט איינער וואָס איז גע־שטאַנען הינטער אים.

און דער יונגער מלך האָט אויפגעציטערט, און אַרומקוקנדיק זיך האָט ער דערזען אַ מאַן געקליידעט ווי אַ וואַנדערער און אין האַנט האַלט ער אַ זעלבער־נעם שפּיגל.

און ער איז בלאַס געוואָרן און ער האָט געפרעגט: „פאַר וואָסעראַ קעניג?"

און דער וואַנדערער האָט געענטפערט: „קוק אַריין אין דעם דאָזיקן שפּיגל און דו וועסט אים דערזען".

ער האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגל און דערזעענדיק זיין אייגן געזיכט, האָט ער אַ גרויסן געשריי געטאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט, און די העלע זונשיין האָט אַריינגעשטראָמט אין צימער, און פון די ביימער פון גאָרטן האָבן די פיי־געלעך געזונגען.

***

דער ערשטער מיניסטער און די העכסטע אָפיצירן פונעם שטאַט זענען אַריינגעקומען און האָבן זיך פאַרנייגט פאַר אים און די פּאַזשן האָבן אים געבראַכט צו טראָגן דאָס קלייד פון געוועבטן גאָלד און האָבן אַוועקגעשטעלט די קרוין און די מלכות־רוט פאַר אים.

און דער יונגער מלך האָט געקוקט אויף זיי, און זיי זענען געווען זייער שיין. שענער זענען זיי געווען פון אַלץ וואָס ער האָט ווען געזען. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע חלומות און ער האָט געזאָגט צו זיינע לאָרדן: „נעמט אַוועק פון מיר די אַלע זאַכן ווייל איך וועל זיי נישט טראָגן".

און די הויפליית זענען דערשטוינט געוואָרן, און אַ טייל פון זיי האָבן געלאַכט, ווייל זיי האָבן געמיינט אַז ער שפּאַסט.

אָבער ער האָט גערעדט צו זיי שטרענג און ער האָט געזאָגט: „נעמט אַוועק די זאַכן און פאַרבאַהאַלט זיי פאַר מיר. אַפילו אין טאָג פון דער קרוינונג וועל איך זיי נישט טראָגן, ווייל אויפן וועבשטול פון אומגליק און מיט די בלאַסע הענט פון ליידן איז דאָס דאָזיקע קלייד מיינס אויסגעוועבט געוואָרן. בלוט איז אין האַרצן פון רובין, און טויט אין האַרצן פון די פּערל". און ער האָט זיי דערציילט זיינע דריי חלומות.

און ווען די הויפליית האָבן זיי געהערט, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און האָבן געשעפּטשעט און געזאָגט: „זיכער איז ער פונעם זינען; ווייל וואָס איז אַ חלום און אַ טרוים? זיי זענען דאָך נישט קייןווירקלעכע זאַכן, אַז עמעץ זאָל זיי דאַרפן נעמען אין אַכט. און וואָס גייען אונדז אָן די לעבנס פון יעניקע וועלכע אַרבעטן פאַר אונדז? צי זאָל אַ מאַן נישט עסן זיין ברויט ביז ער וועט נישט זען דעם זייער, אָדער נישט טרינקען זיין ווייַן ביז ער וועט נישט רעדן מיטן וויינטרעטער?"

און דער ערשטער מיניסטער האָט גערעדט צום יונגן מלך און ער האָט אים געזאָגט: „מיין האַר, איך בעט דיך, טרייב אַוועק דידאָזיקע שוואַרצע מחשבות דיינע און טו אָן דאָס דאָזיקע ליכטיקע קלייד און לייג אַרויף די דאָזיקע קרוין אויף דיין קאָפּ. ווייל ווי אַזוי וועט דאָס פאָלק וויסן אַז דו ביסט אַ קעניג אויב דו טראָגסט נישט קיין קעניגלעכע קליידער?"

און דער יונגער מלך האָט אים אָנגעקוקט: „איז עס טאַקע ווירקלעך אַזוי?", האָט ער געפרעגט, „וועלן זיי מיך נישט דערקענען פאַרן מלך אויב איך וועל נישט טראָגן קיין קעניגלעכע קליידער?"

„זיי וועלן דיך נישט דערקענען, מיין האַר!", האָט אויסגערופן דער ערשטער מיניסטער.

„און איך האָב געמיינט אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס זייער גופא זעען אויס מאַיעסטעטיש", האָט ער געענטפערט, „אָבער מעגלעך, אַז ס'איז ווי דו זאָגסט. און דאָך וועל איך נישט טראָגן דאָס קלייד און וועל אויך נישט געקרוינט ווערן מיט דער דאָזיקער קרוין. נאָר אַזוי ווי איך בין געקומען אין דאָזיקן פּאַלאַץ,

אַזוי װעל איך אַרויסגײן פון אים", און ער האָט זײ אַלעמען באַפוילן זײ זאָלן אים פאַרלאָזן, אויסער זײַן פּאַזש, װעמען ער האָט געהאַלטן אַלס חבר, אַ ייִנגל מיט אַ יאָר ייִנגער פאַר אים. אים האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן דינער. און װען ער האָט זיך אויסגעבאָדן אין קלאָרן װאַסער, האָט ער געעפֿנט אַ גרויסן געפּאַרבטן קופערט און ער האָט פון אים אַרויסגענומען דעם לעדערנעם אַנצוג און דעם גראָבן שמוי־סענעם פעלץ, װעלכע ער האָט געטראָגן װען ער האָט געהיט אויפן באַרג די האַריקע בעק פון דער טשערעדע. די דאָזיקע קלײדער האָט ער אָנגעטאָן און אין זײַן האַנט האָט ער גענומען זײַן גראָבן פּאַסטוך־שטעקן.

און דער קלײנער פּאַזש האָט צעעפֿנט זײַנע גרויסע בלויע אויגן מיט פאַר־װוּנדערונג און שמײכלענדיק האָט ער צו אים געזאָגט: „מײַן האַר, איך זע דײַן קלײד און דײַן מלכות־רוט, אָבער װוּ איז דײַן קרוין?"

און דער יונגער מלך האָט אַראָפּגעריסן אַ צװײַגל פון װילדן דאָרן, װאָס איז געוואַקסן אויפן באַלקאָן און ער האָט עס אויסגעבויגן װי אַ רינג און האָט עס אויף זײַן קאָפּ אָנגעטאָן.

„דאָס װעט זײַן מײַן קרוין", האָט ער געענטפערט און אַזוי פאַרפּוצט איז ער אַרויס פון זײַן צימער און איז אַרײַן אין גרויסן זאַל, װוּ די אַדללײַט האָבן אויף אים געוואַרט.

און די אַדללײַט האָבן זיך געװוּיצלט און עמעץ פון זײ האָט זיך אָנגערופן:

„מײַן האַר, דאָס פאָלק װאַרט אויף זײַן קעניג, און דו װײַזט אים אַ בעטלער"; און אַנדערע האָבן ברוגזלעך געברומט און געזאָגט: „ער ברענגט שאַנדע אויף אונדזער שטאַט, און ער איז נישט װערט צו זײַן אונדזער האַר". אָבער ער האָט זײ נישט געענטפערט קײן װאָרט, און ער האָט פאַרגעזעצט זײַן גאַנג, און ער האָט אַראָפּגענידערט זײַן בליאַסקענדיקע פאַרפיר־לײטער, און ער איז אַרויסגעגאַנגען דורך די בראָנזענע טויערן און ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זײַן פערד און ער האָט אַװעקגעריטן צום טעמפּל, און דער קלײנער פּאַזש האָט געריטן לעבן אים.

און דאָס פאָלק האָט געלאַכט און ס'האָט געזאָגט: „דאָס איז דעם קעניגס נאַר, װאָס רײַט פאַרבײַ". און זײ האָבן פון אים געחוזקט.

און ער האָט אײַנגעהאַלטן זײַן פערד און ער האָט געזאָגט: „נײן, איך בין דער קעניג" און ער האָט זײ דערצײלט זײַנע דרײַ חלומות.

און אַ מאַן איז אַרויסגעקומען פונעם המון און ער האָט מיט אַ פאַרביטערונג גערעדט צו אים און ער האָט אַזוי געזאָגט: „האַר, װײסט דו דען נישט אַז פונעם לוקסוס פון די רײַכע קומט דאָס לעבן פון די אָרעמע? אַ דאַנק זײַער עשירות האַלטן מיר זיך אויף, און אײַערע תאוות גיבן אונדז ברויט. צו אַרבעטן פאַר אַ שלעכטן באַלעבאָס איז ביטער, אָבער גאָר קײן באַלעבאָס נישט האָבן פאַר װעמען צו אַרבעטן איז נאָך ערגער. דענקסט אַז די ראָבן װעלן אונדז שפּײַזן? און װאָס פאַראַ מיטל האָסטו צו די זאַכן? װעסטו זאָגן דעם קויפער „זאָלסט קויפן פאַר אַזוי

פיל" און צו דעם פּאַרקויפער „דו זאָלסט פּאַרקויפן פּאַראַ אַזאַ פּרייז?" איך גלייב נישט. דעריבער גיי צוריק אין דיין פּאַלאַץ און טו אָן דיינע פּורפּורענע און פיינע קליידער. וואָס האָסטו צו אונדז און פּאַרוואָס זאָלן מיר ליידן?"

— זענען דען נישט די רייכע און אָרעמע ברידער? — האָט געפרעגט דער יונגער מלך.

— יאָ — האָט געענטפערט דער מאַן — און דער נאָמען פונעם רייכן ברודער איז קין.

און דעם יונגן מלכס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און ער האָט געריטן אין מיטן מורמלען פון פּאָלק. דער קליינער פּאַזש האָט זיך דערשראָקן און האָט אים פּאַרלאָזן.

און ווען ער האָט דערגרייכט דעם גרויסן טויער פון טעמפּל, האָבן די סאָלדאַטן אַנגעשטעלט זייערע שפּיזן קעגן אים און זיי האָבן געזאָגט:

— וואָס זוכסטו דאָ? קיינער אויסער קעניג קומט דורך דעם טויער נישט אַריין.

און זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון צאָרן און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איך בין דער קעניג! און ער האָט אַוועקגעשטויסן זייערע שפּיזן און ער איז אַריינגעגאַנגען.

און ווען דער אַלטער בישאָף האָט אים דערזען אַריינקומען אין זיין שמויסענעם פּעלץ, האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דערשטוינונג פון זיין פּלאַץ, אים צו אַנטקעגן גיין און ער האָט צו אים געזאָגט:

— מיין זון, איז דאָס אַ קעניגלעכער הילוך? און מיט וואָס פאַר אַ קרוין וועל איך דיך קרוינען, און וואָס פאַר אַ מלכות־רוט וועל איך אַריינלייגן אין דיין האַנט? דער טאָג דאַרף פאַר דיר זיין אַ טאָג פון פרייד און נישט פון דערנידעריקונג.

— זאָל פרייד נוצן דאָס וואָס ווייטיק האָט געשאַפן? — האָט געזאָגט דער יונגער מלך און ער האָט אים דערציילט זיינע דריי חלומות.

און ווען דער בישאָף האָט זיי געהערט, האָט ער פאַרכמורעט זיינע ברעמען:

— מיין זון, איך בין אַן אַלטער מאַן, און בין אין ווינטער פון מיין לעבן, און איך ווייס, אַז פיל שלעכטע זאַכן ווערן אָפּגעטאָן אין דער ברייטער וועלט. די שרעקלעכע רויבער קומען אַראָפּ פון די בערג און שלעפּן אַוועק די קליינע קינדער און פאַרקויפן זיי צו די מורינעס. די לייבן לויערן פון זייערע באַהעלטענישן אויף די קעמלען. דער ווילדער חזיר וואַרצלט אויס די תבואה פונעם טאָל און די פוקסן פרעסן אויף די טרויבן אויפן באַרג. די ים־רויבער פאַרוויסטן דעם ים־ברעג און פאַרברענען די שיפן פון די פישער און נעמען ביי זיי צו זייערע נעצן. אין די געזאַלצענע בלאָטעס לעבן די קרעציקע; זיי לעבן אין הייזער פון שטעכיקע דערנער און קיינער קען צו זיי נאָענט נישט צוקומען. די בעטלערס וואַנדערן איבער די שטעט און עסן זייער שפּייז מיט די הינט. קענסטו מאַכן אַז די אַלע זאַכן זאָלן נישט זיין

מער? ווּעסטו נעמען דעם מצורע פאַר דיין בעט־חבר און זעצן דעם בעטלער ביי דיין טיש? וועט דער לייב טאָן דיין באַפעל און דער ווילדער חזיר וועט דיך הערן? איז דען נישט ער, וואָס ס׳האָט געשאַפן אָרעמקייט קלוגער פאַר דיר? דעריבער לויב איך דיך נישט פאַר דעם וואָס דו האָסט געטאָן, און איך ראָט דיך צוריקקריכן צום פּאַלאַץ, ווייזן דעם פאָלק אַ פריילעכן פּנים, אָנטאָן די קליידער, וואָס פאַסן זיך פאַר אַ קעניג און מיט אַ גאָלדענער קרוין וועל איך דיך קרוינען און דעם מלכות־רוט פון פּערל וועל איך אַריינלייגן אין דיין האַנט. און וואָס באַלאַנגט דיינע חלומות, טראַכט פון זיי נישט מער. די לאַסט פון דער וועלט איז צו שווער פאַר איין מענטשן זי צו דערטראָגן, און דער וועלטס אומגליק איז צו גרויס פאַר איין האַרץ צו ליידן.

— דו זאָגסט דאָס אַלעס און אין דעם דאָזיקן הויז? — האָט געזאָגט דער יונגער מלך, און ער האָט אָוועקגעשפאַנט פון בישאָף און ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שטאַפּלען פונעם אַלטאַר און ער איז דאָרט שטיין געבליבן.

ער איז געשטאַנען און אין זיינע הענט — דער רעכטער און לינקער — האָט ער געהאַלטן די וווּנדערלעכע גאָלדענע כּלים, דעם בעכער מיטן געלן וויין, און די פלאַש מיט הייליקן בוימל. ער האָט געקניט און די גרויסע ליכט האָבן העל געברענט לעבן מיט בריליאַנטן באַזעצטן אָרון און דער רויך פונעם ווייִרויך האָט זיך געדרייט אין דינע קרענצלעך איבערן טעמפּל. ער האָט געבויגן זיין קאָפּ אין תּפילה און די פּריסטער אין זייערע שטייפע מיצן האָבן זיך אָפּגערוקט פונעם אַלטאַר.

און פּלוצלינג האָט זיך דערטראָגן פון גאַס אַ ווילדער גערויש און ס׳זענען אַריין די נאָבל־לייט מיט בלויזע שווערדן און אין פאַנצערס פון פיינעם שטאָל.

— ווּ איז דער בעל־החלומות? — האָבן זיי געשריגן. — ווּ איז דער קעניג, וועלכער איז געקליידט ווי אַ בעטלער — דאָס יינגל, וועלכער ברענגט שאַנדע אויף אונדזער שטאָט? מיר וועלן אים דערהרגענען, ווייל ער איז נישט ווערט צו הערשן איבער אונדז.

און דער יונגער מלך האָט פאַרנייגט זיין קאָפּ און האָט מתפּלל געווען. און ווען ער האָט געענדיקט זיין תּפילה, איז ער אויפגעשטאַנען. און אויסדרייענדיק זיך צו זיי, האָט ער זיי אָנגעקוקט טרויעריק.

און אָט איז דורך די באַמאָלטע פענצטער אַריין די זונשיין און האָט אים פאַר־גאָסן. און די זון־שטראַלן האָבן אויף אים אויסגעוועבט אַ פיין קלייד, וואָס איז געווען ליכטיקער פון יענעם, וועלכעס איז געמאַכט געוואָרן פאַר זיין פאַרגעניגן. דער טויטער שטעקן האָט געבליט און געבוירן ליליעס, וועלכע זענען געווען ווייסער פון פּערל. דער טרוקענער דאָרן האָט געבליט און האָט געבוירן רויזן, וועלכע זענען געווען רויטער פון רובינען. ווייסער פון פיינע פּערל זענען געווען די ליליעס און זייערע שטאַמען זענען געווען פון בליאַסקעדיקן זילבער. רויטער פון די רובינען זענען געווען די רויזן, און זייערע בלעטער זענען געווען פון אויסגעקלאַפּטן גאָלד.

ער איז דאָרט געשטאַנען אין די קליידער פון אַ מלך. און די טויערן פונעם

מיט בריליאַנטן אינקרוסטירטן אָרון, האָבן זיך ברייט צעעפנט און פון דאָרט האָט אַרויסגעשטראַלט אַ וווּנדערלעך און מיסטיש ליכט. ער איז געשטאַנען אין בגדי־מלכות און גאָטס כבוד האָט אָנגעפילט דעם היכל. אין די ליכטיקע בגדי־מלכות איז ער געשטאַנען פאַר זיי און דער אָרגל האָט געשפּילט זיין מוזיק, און טראָמפּייטן האָבן געשאַלט, און דער קינדער־כאָר האָט געזונגען.

און דאָס פאָלק איז געפאַלן אויף זיינע קני פאַר שרעק, און די אַדל־לייט האָבן זייערע שווערדן אַריינגעלייגט אין די שיידלען און האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד און דעם בישאָפס געזיכט איז בלאַס געוואָרן, און זיינע הענט האָבן געציטערט.

— אַ גרעסערער פאַר מיר האָט דיך געקרוינט — האָט ער אויסגערופן. און ער האָט געקניט פאַר אים.

און דער יונגער מלך האָט אַראָפּגענידערט פונעם הויכן אַלטאַר, און איז אַהיימגעגאַנגען דורכן געדיכטן פאָלק. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו קוקן אין זיין געזיכט, ווייל ער איז געווען ענלעך צו אַ מלאך.

דער געטרייער פריינד

איין מאָל אין דער פרי האָט דער אַלטער וואַסער־שטשור אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון זיין לאָך. ער האָט געהאַט גלאַנציקע גלעזערנע אויגן און שטייפע גרויע וואָנצעס, און זיין ווידל איז געווען ווי אַ לאַנג שטיק שוואַרצע רעזינע. די קליינע קאַטשקעלעך זענען אַרומגעשווומען אינעם טייכל, און האָבן אויסגעזען פּונקט ווי אַ מחנה קליינע קאַנאַריקלעך, און זייער מוטער, וואָס איז געווען קלאָר־ווייס מיט עכט רויטע פיס, האָט זיי געלערנט זיך שטעלן אויף די קעפּלעך אין וואַסער.

— איר וועט קיין מאָל נישט קענען זיין אין דער בעסערער געזעלשאַפט אויב איר׳ט נישט קענען זיך שטעלן אויף אייערע קעפּלעך — האָט זי זיי געזאָגט — און אַלע ווילע האָט זי זיי געוויזן ווי מ׳מאַכט דאָס. אָבער די קליינע קאַטשקעלעך זענען נישט געווען אויפמערקזאַם. זיי זענען געווען אַזוי יונג, אַז זיי האָבן נישט גע־וווּסט וואָס איז פאַר אַ נוץ אין אַלגעמיין צו זיין אין דער געזעלשאַפט.

— וואָס פאַר אַ נישט געהאָרכזאַמע קינדער! — האָט אויסגערופן דער אַלטער וואַסער־שטשור — זיי האָבן באמת די ווערט מ׳זאָל זיי דערטרינקען.

— גאָרנישט אַזוי — האָט געענטפערט די קאַטשקע — יעדער אָנהייב איז שווער. און עלטערן מוזן זיין געדולדיק.

— אָ! איך ווייס גאָרנישט פון עלטער־געפילן — האָט געזאָגט דער וואַסער־שטשור — איך בין נישט קיין פאַמיליע־מענטש. באמת, איך האָב קיין מאָל נישט חתונה געהאַט, און האָב עס אויך קיין מאָל נישט אין זינען געהאַט צו טאָן. ליבע איז זייער גוט אויף איר שטייגער, אָבער פריינדשאַפט איז פיל העכער. ווירקלעך, איך קען נישט עפּעס אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין איידעלער אָדער זעל־טענער פון אַ געטרייער פריינדשאַפט.

— און וואָס איז, כ׳בעט אייך, אייער באַגריף וועגן די פליכטן פון אַ געטרייען פריינד? — האָט געפרעגט אַ גרין לייך־פייגעלע, וואָס איז געזעסן נישט ווייט אויף אַ ווערבע און האָט אונטערגעהערט דעם געשפּרעך.

— יאָ, דאָס איז טאַקע וואָס איך וויל וויסן — האָט געזאָגט די קאַטשקע —

און זי איז אַוועקגעשוווּמען ביז דעם עק פונעם טייכל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף איר קאָפּ, כדי צו ווייזן אירע קינדער אַ גוטן ביישפּיל.

— וואָס פאַר אַ נאַרישע פראַגע! — האָט אויסגערופן דער וואַסער־שטשור — איך וואָלט דערוואַרט פון מיין געטרייען פריינד ער זאָל מיר זיין געטריי, פאַרשטייט זיך.

— און מיט וואָס וואָלט איר אים אָפּגעצאָלט? — האָט געפרעגט דאָס קליינע פייגעלע, וואָס האָט זיך געוויגט אויף אַ זילבערנעם צווייגעלע, און האָט געקלאַפּט מיט די קליינע פליגעלעך.

— איך פאַרשטיי אייך נישט! — האָט געענטפערט דער וואַסער־שטשור.

— דערלויבט מיר אייך צו דערציילן אַ געשיכטע אויף דער טעמע — האָט געזאָגט דאָס ליין־פייגעלע.

— איז די געשיכטע וועגן מיר? — האָט געפרעגט דער וואַסער־שטשור. — אויב יאָ, וועל איך זי אויסהערן, ווייל איך האָב זייער ליב ליטעראַטור.

— מ׳קען זי אָנווענדן אויף אייך — האָט געענטפערט דאָס ליין־פייגעלע, און איז אַראָפּגעפלויגן. און שטעלנדיק זיך אויף אַ באַנק האָט דאָס דערציילט די געשיכטע פונעם געטרייען פריינד.

— אַמאָל — האָט אָנגעהויבן דאָס ליין־פייגעלע, איז געווען אַן אָרנטלעך קליין יינגל וואָס האָט געהייסן האַנס.

— איז ער געווען פון גרויס יחוס? — האָט געפרעגט דער וואַסער־שטשור.

— ניין — האָט געענטפערט דאָס ליין־פייגעלע — איך גלייב נישט ער זאָל זיך האָבן מיט עפּעס באַרימט געמאַכט, מער ווי מיט זיין איידל האַרץ, און זיין פריילעך, קיילעכדיק און גוט געשטימט געזיכט. ער האָט געלעבט אין אַ קליין שטיבל איינער אַליין, און יעדן טאָג פלעגט ער אַרבעטן אין זיין גאָרטן. אין גאַנצן דאָרף איז נישט געווען אַזאַ שיינער גאָרטן ווי זיינער. שמעקנדיקע וויליאַם־בלומען זענען דאָרט געוואַקסן; לעווקאָיען און קרייץ־בלומען. דאָרט האָבן זיך געפונען רויזן פון דמשק און געלע רויזן, זאַפרן, גאָלדענע, פּורפּורענע און ווייסע פיאָלקעס. קאָלומבינען און שוים־קרויט, מאַיאָראַן און ווילדע וואַסיל־בלומען; שליסל־בלומען און ליכט־בלומען; מאַרגאַריטקעס און געווירץ־נעגעלעך זענען געוואַקסן און געבליט יעדע אין איר צייט, איינע איז געקומען נאָך דער אַנדערער, אַזוי אַז שטענדיק זענען דאָרט געווען שיינע זאַכן אויף וואָס צו קוקן, און אָנגענעמע ריחות צו שמעקן.

דער קליינער האַנס האָט געהאַט זייער פיל פריינד. אָבער דער געטרייסטער פון אַלע איז געווען דער דיקער היוג דער מילנער. און ווירקלעך אַזוי געטריי איז געווען דער רייכער מילנער האַנסן, אַז ער איז קיין מאָל נישט פאַרבייגעגאַנגען זיין גאָרטן ער זאָל זיך נישט אַריבערבייגן איבער דער וואַנט און אָנרייסן אַ גרויסן בוקעט, אָדער אַ הויפן זיסע גרעזער, אָדער אָנפילן זיינע קעשענעס מיט פלוימען און ווייַנשל, אויב עס איז געווען די צייט פון פרוכטן.

אמתע פֿרײַנד דאַרפֿן אַלץ האָבן געמײנזאַם, פֿלעגט דער מילנער זאָגן, און דער קלײנער האַנס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געשמײכלט, פֿילנדיק זיך זײער שטאָלץ, וואָס ער האָט אַ פֿרײַנד מיט אַזעלכע אײדעלע אידעען.

צומאָל האָבן אַפֿילו די שכנים געטראַכט, אַז עס איז מאָדנע, וואָס דער רײַכער מילנער האָט קײן מאָל מיט גאָרנישט אָפּגעצאָלט דעם קלײנעם האַנסן, כאָטש ער האָט פֿאַרמאָגט אַ הונדערט זעק מעל באַהאַלטן אין זײַן מיל און זעקס מילך־קי און אַ גרויסע טשערעדע וואָל־שאָף. אָבער האַנס האָט זיך קײן מאָל וועגן דעם אַלעמען נישט געקימערט, און קײן זאַך האָט אים פֿאַרשאַפֿט קײן גרעסערן פֿאַרגעניגן ווי צו הערן די אַלע ווונדערלעכע זאַכן, וואָס דער מילנער פֿלעגט זאָגן וועגן דער אומ־אײגננוציקײט פֿון דער אמתער פֿרײַנדשאַפֿט.

אַזוי פֿלעגט דער קלײנער האַנס אַרבעטן אין זײַן גאָרטן. פֿרילינג, זומער און האַרבסט איז ער געווען זײער גליקלעך. אָבער ווען דער ווינטער איז געקומען, און ער האָט נישט געהאַט קײן פּרוכטן אָדער בלומען אַרויסצופֿירן אויפֿן מאַרק, האָט ער זײער געליטן פֿון קעלט און הונגער, און אָפֿט איז אים אויסגעקומען צו גײן שלאָפֿן אָן וועטשערע, באַגנוגענענדיק זיך בלויז מיט עטלעכע טרוקענע באַרלעך אָדער אַ פּאָר האַרטע ניס. ווינטער איז ער אויך געווען אײנזאַם, ווײַל דער מילנער איז אים די גאַנצע צײַט נישט געקומען זען.

— ס'האָט נישט קײן זין איך זאָל גײן זען דעם קלײנעם האַנס כּל־זמן דער שנײ ליגט נאָך — האָט דער מילנער געזאָגט צו זײַן ווײַב — ווײַל ווען מענטשן זענען באַזאָרגט, דאַרף מען זײ לאָזן אַלײן און נישט זײ נודיען מיט וויזיטן. דאָס איז ווײ־ניקסטנס מײַן אידעע וועגן פֿרײַנדשאַפֿט און איך בין זיכער, אַז איך בין גערעכט. דעריבער וועל איך וואַרטן ביז דער פֿרילינג וועט קומען און דאַן מאַך איך אים אַ וויזיט, און ער וועט מיר קענען געבן אַ גרויס קײשל שליסל־בלומען און דאָס וועט אים מאַכן אַזוי גליקלעך.

— דו ביסט ווירקלעך זײער אויפֿמערקזאַם צו אַנדערע — האָט געענטפֿערט דאָס ווײַב, בעת זי איז געזעסן אין איר באַקוועמען שטול בײַם פֿײַער. באמת זײער אויפֿמערקזאַם. עס איז ממש אַ פֿאַרגעניגן דיך צו הערן רעדן וועגן פֿרײַנדשאַפֿט. איך בין זיכער, אַז דער גלח אַלײן קען נישט רעדן אַזוי שײן ווי דו, כאָטש ער באַוווינט אַ דרײַ־שטאָקיק הויז, און טראָגט אַ גאָלדענעם רינג אויף זײַן מינדסטן פֿינגער!

— אָבער וואָלטן מיר נישט געקענט אײַנלאַדן דעם קלײנעם האַנס אַהער? — האָט געזאָגט דעם מילנערס ייִנגסטער זון. אַז דער קלײנער האַנס איז אין אַ נויט, וועל איך אים אַוועקגעבן אַ העלפֿט פֿון מײַן קאַשע און וועל אים ווײַזן מײַנע ווײַסע קראָליקעס.

— וואָס פֿאַר אַ נאַריש ייִנגל דו ביסט! — האָט אויסגערופֿן דער מילנער. איך ווײס ווירקלעך נישט וואָס איז די פּעולה פֿונעם שיקן דיך אין שולע. עס זעט נישט אויס זאָלסט האָבן דאָרטן עפּעס געלערנט. וואָס הײסט, אויב דער קלײנער האַנס

זאָל קומען אַהער און זאָל דערזען אונדזער וואָרעמע הרובע און אונדזער גוטע דועטשערע, און אונדזער גרויס פּאָס רויטן ווייַן, קען ער דאָך נאָך אונדז מקנא זייַן, און קנאה איז די שרעקלעכסטע זאַך און פֿאַרדאַרבט יעדנס נאַטור. איך וועל קיין מאָל נישט דערלויבן האַנס כאַראַקטער זאָל פֿאַרדאָרבן ווערן. איך בין זייַן בעסטער פֿרייַנד און איך וועל שטענדיק וואַכן איבער אים און זען ער זאָל נישט געבראַכט ווערן צו קיין נסיון. אויסער דעם, אויב האַנס זאָל קומען אַהער, קען זיך מאַכן ער זאָל מיך בעטן אויסבאָרגן אים אַ ביסל מעל און דאָס וואָלט איך נישט געקענט טאָן. מעל איז איין זאַך און פֿרייַנדשאַפֿט — אַ צווייטע, און מ׳דאַרף זיי נישט פֿאַרבייַטן. און טאַקע, די ווערטער לייגן זיך אויס פֿאַרשידן און באַדייטן גאַנץ פֿאַרשידענע זאַכן. יעדער קען דאָס פֿאַרשטיין.

— ווי גוט דו רעדסט! — האָט געזאָגט דעם מילנערס ווייַב, אָנגיסנדיק זיך אַ גרויס גלאָז ביר. באמת פֿיל איך זיך זייער שלעפֿעריק, פּונקט ווי ווען איך בין אין קלויסטער.

— אָן אַ צאָל מענטשן האַנדלען גוט — האָט געענטפֿערט דער מילנער; אָבער זייער ווייניק רעדן גוט, וואָס ווייַזט אַז רעדן איז פֿיל שווערער פֿון די דאָזיקע ביידע זאַכן, און אַ פֿייַנערע זאַך אויך. און ער האָט שטרענג געקוקט איבערן טיש צו זייַן קליינעם זון, וועלכער האָט זיך אַזוי געפֿילט פֿאַרשעמט, אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט זייַן קאָפּ, און איז געוואָרן זייער רויט און האָט אָנגעהויבן אַרייַנצווייַנען אין זייַן טיי אַרייַן. אָבער ער איז געווען אַזוי יונג, אַז איר מוזט אים אַנטשולדיקן.

— איז דאָס דער סוף פֿון דער געשיכטע? — האָט געפֿרעגט דער וואַסער־שטשור.

— געוויס נישט — האָט געענטפֿערט דאָס לייַן־פֿייגעלע — דאָס איז דער אָנהייב.

— אויב אַזוי זענט איר דאָך גאָרנישט מאָדערנע — האָט געזאָגט דער וואַסער־שטשור — יעדער גוטער דערציילער, הייַנט צו טאָג, הייבט אָן מיטן סוף, און קומט נאָכהער צום אָנהייב און פֿאַרענדיקט מיט דער מיט. דאָס איז דער נייַער מעטאָד. איך האָב אַלץ געהערט וועגן דעם צוריק מיט אַ פּאָר טעג פֿון אַ קריטיקער, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט לעבן טייַכל מיט אַ יונגנמאַן. ער האָט גערעדט וועגן דעם ענין באַריכות, און איך בין זיכער אַז ער האָט געמוזט זייַן גערעכט, ווייל ער האָט געטראָגן בלויע ברילן און האָט געהאַט אַ פּליכוואַטע קאָפּ. און ווען דער יונגער־מאַן האָט געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג, האָט ער יעדעס מאָל געענטפֿערט פֿוּף! אָבער — איך בעט אייך — דערציילט ווייטער די געשיכטע. דער מילנער געפֿעלט מיר אומענדלעך. איך אַליין פֿאַרמאָג אַלערליי שיינע געפֿילן, אַזוי אַז אַ גרויסע סימפּאַטיע איז פֿאַראַן צווישן אונדז.

— יאָ — האָט געזאָגט דאָס לייַן־פֿייגעלע, שפּרינגענדיק אַט אויף איין פֿיסל און אַט אויפֿן אַנדערן — אַזוי שנעל ווי דער ווינטער איז אַוועק, און די שליסל־

בלומען האָבן אָנגעהויבן צו עפענען זייערע בלאָס־געלע שטערן, האָט דער מילנער געזאָגט צו זיין ווייב, אַז ער וועט אַראָפּגיין זען דעם קליינעם האַנס.

— אַך, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ דו האָסט! — האָט אויסגערופן זיין ווייב — דו טראַכסט שטענדיק וועגן אַנדערע. און פאַרגעס נישט מיטצונעמען דאָס גרויסע קיישל אויף בלומען.

און דער מילנער האָט צונויפגעבונדן די זעגלען פון דער ווינט־מיל מיט אַ שטאַרקער אייזערנער קייט, און האָט אַראָפּגענידערט דעם באַרג מיטן קיישל אין זיין האַנט.

— גוט מאָרגן, קליינער האַנס — האָט געזאָגט דער מילנער.

— גוט מאָרגן — האָט געזאָגט האַנס, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין רידל און האָט געשמייכלט פון אויער צו אויער.

און וואָס האָסטו געטאָן אַ גאַנצן ווינטער? — האָט געזאָגט דער מילנער.

— ווירקלעך גוט — האָט אויסגערופן האַנס. עס איז זייער גוט פון אייער זייט צו פרעגן, זייער גוט באמת. איך מיין אַז כ׳האָב געהאַט אַ ביטער שטיקל צייט; אָבער איצט איז געקומען דער פרילינג און איך בין זייער גליקלעך, און אַלע מיינע בלומען וואַקסן און בליִען.

— מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן אייך אין פאַרלויף פון ווינטער, האַנס — האָט געזאָגט דער מילנער, און מיר זענען געווען נייגעריק צו וויסן ווי איר קומט דורך.

— דאָס איז געווען איידל פון אייך — האָט געזאָגט האַנס. איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז איר האָט אין מיר אין גאַנצן פאַרגעסן.

— האַנס, מיך וווּנדערט אויף אייך — האָט געזאָגט דער מילנער. פריינדשאַפט פאַרגעסט זיך קיין מאָל נישט. דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם. אָבער איך האָב מורא, אַז איר פאַרשטייט נישט די דיכטונג פון לעבן. ווי שיין ס׳זעען אויס אייערע שליסל־בלומען!

— זיי זענען באמת זייער שיין — האָט געזאָגט האַנס, און עס איז פאַר מיר אַ גרויס גליק וואָס איך האָב אַזוי פיל. איך קלייב זיך זיי אַרויסצופירן אויפן מאַרק און זיי פאַרקויפן דעם בירגערמייסטערס טאָכטער און צוריק אָפּקויפן מיין טאַטשקע פאַרן געלט.

— אָפּקויפן צוריק אייער טאַטשקע? איר ווילט נישט זאָגן, אַז איר האָט זי פאַרקויפט? וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איז עס אַזוי צו טאָן!

— ליידער, דער אמת איז — האָט געזאָגט האַנס — אַז איך בין געווען גע־צוווּנגען דאָס צו טאָן. איר פאַרשטייט, דער ווינטער איז געווען אַ זייער שלעכטע צייט פאַר מיר און איך האָב פּשוט נישט פאַרמאָגט קיין געלט פאַר וואָס צו קויפן ברויט. דעריבער האָב איך צוערשט פאַרקויפט די זילבערנע קנעפּ פון מיין זונטיק־רעקל, און נאָך דעם האָב איך פאַרקויפט מיין זילבערנע קייט, און נאָך דעם האָב

איך פאַרקויפט מיין גרויסע ליולקע, און ענדלעך האָט איך פאַרקויפט מיין טאַטשקע. אָבער איצט וועל איך דאָס אַלץ צוריק אָפּקויפן.

— האַנס — האָט געזאָגט דער מילנער — איך וועל אייך געבן מיין טאַטשקע. זי געפינט זיך נישט אין אַן איבעריק גוטן צושטאַנד. איין זייט איז אַפילו אויפגעבראָכן, און אויך די שפּיצעס פון ראָד זענען נישט אין גאַנצן אין אָרדענונג; אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען וועל איך זי אייך אוועקגעבן. איך ווייס אַז עס איז זייער איידל פון מיר, און אַ סך מענטשן וואָלטן עס געהאַלטן פאַר אַן אויסערגעוויינלעך נאַרישקייט זיך צו צעשיידן מיט איר, אָבער איך בין נישט ווי אַלע אַנדערע מענטשן. איך דענק אַז פריינגיביקייט איז דער תוך פון פריינדשאַפט. און אויסער דעם האָב איך פאַר זיך דערוואָרבן אַ נייע טאַטשקע. יאָ, איר מעגט זיך אויפהערן זאָרגן, איך וועל אייך געבן מיין טאַטשקע.

— יאָ, ווירקלעך, דאָס איז איידל פון אייך — האָט געזאָגט דער קליינער האַנס, און זיין פריילעך קיילעכדיק געזיכט האָט געשיינט פון פאַרגעניגן. איך קאָן זי לייכט צורעכט מאַכן, אַזוי ווי כ'האָב אַ ברעט אין שטוב.

— אַ ברעט! — האָט געזאָגט דער מילנער — אַך, דאָס איז דאָך אייגנטלעך וואָס איך דאַרף פאַרן דאַך פון מיין שפּייכלער. עס איז אין אים דאָ אַ גרויסער לאָך, און די תבואה וועט זיך פאַרנעצן אויב איך וועל אים נישט פאַרשטעלן. ווי גוט וואָס איר האָט עס געזאָגט. עס איז ממש מערקווירדיק ווי איין גוטער טאַט ברענגט דעם אַנדערן. איך האָב אייך געגעבן מיין טאַטשקע און איצט גיט איר מיר אייער ברעט. פאַרשטייט זיך, מיין טאַטשקע איז אַ סך מער ווערט פון דער ברעט, אָבער אמתע פריינדשאַפט נעמט קיין מאָל נישט אין אַכט אַזעלכע זאַכן. זייט אַזוי גוט, גיט זי מיר גלייך, און איך וועל זיך נעמען פאַרריכטן מיין שפּייכלער נאָך היינט.

— אוודאי — האָט אויסגערופן דער קליינער האַנס, און ר'איז אַריינגעלאָפן אונטער דער סטריכע און אַרויסגעשלעפּט די ברעט.

— ס'איז נישט קיין איבעריק גרויסע ברעט — האָט געזאָגט דער מילנער, קוקנדיק אויף איר, און איך האָב מורא, אַז נאָך דעם ווי איך וועל האָבן צורעכט געמאַכט מיין שפּייכלער־דאַך וועט גאָרנישט בלייבן פאַר אייך מיט וואָס צו פאַרריכטן די טאַטשקע. אָבער פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט מיין שולד. און אַצינד, אַז איך האָב אייך געגעבן מיין טאַטשקע, בין איך זיכער, אַז איר וועט מיר וועלן געבן דערפאַר עטלעכע בלומען. אָט האָט איר ס'קיישל און פאַרגעסט עס נישט אָנצופילן!

— אָנצופילן? — האָט געזאָגט דער קליינער האַנס, באַצערט, ווייל דאָס איז באמת געווען אַ זייער גרויס קיישל, און ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט דאָס אָנפילן וועט אים נישט בלייבן קיין בלומען פאַרן מאַרק, און ער האָט זייער שטאַרק געגאַרט צוריקבאַקומען זיינע זילבערנע קנעפּ.

— יאָ, אַוודאי — האָט געענטפערט דער מילנער — אַזוי ווי איך האָב אײַך געגעבן מײַן טאַטשקע, מײַן איך אַז ס׳איז נישט פיל צו בעטן פון אײַך עטלעכע בלו־מען. מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות, אָבער איך האָב גערעכנט, אַז פרײַנדשאַפט איז אין גאַנצן פרײַ פון וואָס פאַר נישט איז עגאָיזם.

— מײַן טײַערער פרײַנד, מײַן בעסטער פרײַנד — האָט אויסגערופן דער קליי־נער האַנס — איר האָט די רעכט אויף אַלע בלומען פון מײַן גאָרטן. איך וויל בעסער האָבן אײַער גוטע מיינונג איידער צוריק מײַנע זילבערנע קנעפּ ווען ס׳נישט איז, און ער איז געלאָפן און האָט אָנגעריסן אַלע פּרעכטיקע שליסל־בלומען און האָט אָנגע־פילט דעם מילנערס קײַשל.

— אַ גוטן טאָג, קלײנער האַנס — האָט געזאָגט דער מילנער, בעת ער איז אַרויפגעגאַנגען דעם באַרג מיט דער ברעט אויף זײַן אַקסל און גרויסן קײַשל אין זײַן האַנט.

— אַ גוטן טאָג — האָט געזאָגט דער קלײנער האַנס און ער האָט אָנגעהויבן צו גראָבן פרײלעך. ער איז געווען זײער צופרידן מיט דער טאַטשקע.

דעם צווייטן טאָג האָט ער צוגענעגלט אייניקע קלעטער־פלאַנצן אין פאָדער־הויז, ווען פּלוצלינג האָט ער דערהערט דעם מילנערס קול רופט אים פונעם וועג. גלײַך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם לײטער און איז אַראָפּגעלאָפן אין גאָרטן און האָט איבערגעקוקט פון יענער זײַט וואַנט.

דאָרט איז געשטאַנען דער מילנער מיט אַ גרויסן זאַק מעל אויף זײַן פּלײצע.

— טײַערער קלײנער האַנס — האָט געזאָגט דער מילנער — וואָלט פאַר אײַך שווער געווען אָפּצוטראָגן דעם זאַק מעל פאַר מיר אויפן מאַרק?

— אַך, איך באַדויער אַזוי — האָט געזאָגט האַנס — אָבער איך בין ווירקלעך הײַנט זײער פאַרנומען. איך מוז צונעגלען מײַנע אַלטע קלעטער־פלאַנצן און באַוואַ־סערן אַלע מײַנע בלומען, און אַרומשנײַדן דאָס גאַנצע גראָז.

— מילא, נו — האָט געזאָגט דער מילנער — איך האָב געמײנט, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז איך שענק אײַך אַוועק מײַן טאַטשקע, וואָלט עס געווען אומ־פרײַנטלעך פון אײַך מיר אָפּצוזאָגן.

— אַך, זאָגט עס נישט — האָט אויסגערופן דער קלײנער האַנס — איך וואָלט פאַר קײן זאַך אין דער וועלט נישט געקענט זײַן אומפרײַנדלעך און ער איז אַרײַנ־געלאָפן נאָך זײַן היטל און האָט אַוועקגעשפּאַנט מיטן שווערן זאַק אויף זײַנע פּלײצעס.

ס׳איז געווען זײער אַ הײסער טאָג, און דער וועג איז געווען שרעקלעך שטױ־ביק, און איידער האַנס האָט דערגרײכט דעם זעקסטן מײל־שטײן, איז ער געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט געמוזט זיך אַוועקזעצן אָפּרוען. דאָך איז ער ווײַטער געגאַנגען העלדיש ביז ער האָט ענדלעך דערגרײכט דעם מאַרק. נאָך דעם ווי ער האָט דאָרט געוואַרט אַ ווײלע, האָט ער פאַרקויפט דעם זאַק מעל פאַר אַ זײער גוטן פּרײַז

און דאַן האָט ער זיך גלייך אומגעקערט אַהיים, ווייל ער האָט מורא געהאַט ס׳זאָלן אים נישט באַפאַלן רויבער אויפן וועג אויב ער זאָל זיך אָפּשטעלן צו שפּעט.

— ס׳איז באמת געווען אַ שווערער טאָג — האָט צו זיך אַליין געזאָגט דער קליינער האַנס, ווען ר׳איז געגאַנגען שלאָפן — אָבער איך בין צופרידן וואָס איך האָב נישט אָפּגעזאָגט דעם מילנער, ווייל ער איז מיין בעסטער פריינד און אויסער דעם וועט ער דאָך מיר געבן זיין טאַטשקע!

גאַנץ פרי, דעם צווייטן פרימאָרגן, איז אַראָפּגעקומען דער מילנער אָפּצונעמען דאָס געלט פאַר זיין זאַק מעל. אָבער דער קליינער האַנס איז געווען אַזוי מיד, אַז ר׳איז נאָך געלעגן אין בעט.

— אויף מיין וואָרט — האָט געזאָגט דער מילנער — איר זענט זייער פויל. באמת, ווען מ׳האָט אין זינען, אַז איך וועל אייך געבן מיין טאַטשקע, מיין איך, אַז איר וואָלט געמעגט אַרבעטן אַ ביסל בעסער. פוילקייט איז אַ גרויסע זינד, און איך וויל בפירוש נישט, אַז עמעץ פון מיינע פריינד זאָלן זיין פויל אָדער נישט רירעוודיק. איר דאַרפט נישט קיין פאַריבל האָבן וואָס איך רעד צו אייך גאַנץ אָפנהאַרציק. פאַרשטייט זיך, איך וואָלט נישט געחלומט אַזוי צו טאָן ווען איך זאָל נישט זיין אייער פריינד. וואָס איז עס פאַר אַ פריינדשאַפט, אויב מ׳קען נישט זאָגן עקזאַקט וואָס מ׳דענקט? יעדער איינער קען מאַכן קאָמפּלימענטן און פּרוון געפעלן און חנפענען; אָבער אַן אמתער גוטער פריינד זאָגט שטענדיק אומאָנגענעמע זאַכן, און ס׳אַרט אים נישט ווען ער פאַרשאַפט פיין. פאַרקערט, אויב ער איז ווירקלעך אַן אמתער פריינד, געפעלט דאָס אים בעסער, ווייל ער ווייסט אַז ער טוט גוט!

— איך באַדויער זייער — האָט געזאָגט דער קליינער האַנס, אויסרייבנדיק זיך די אויגן און אויסטוענדיק זיין נאַכט־מיצל — אָבער כ׳בין געווען אַזוי מיד, אַז כ׳האָב גערעכנט צו ליגן אַ ביסל אין בעט און הערן די פייגעלעך זינגען. איר ווייסט, איך אַרבעט שטענדיק בעסער נאָך דעם ווי כ׳הער די פייגעלעך זינגען.

— גוט, איך בין זייער צופרידן — האָט געזאָגט דער מילנער קלאַפּנדיק דעם קליינעם האַנס אין פּלייצע — ווייל איך דאַרף אייך איר זאָלט קומען אין מיל אַריין גלייך ווי איר וועט זיך אָנטאָן און צורעכט מאַכן מיין שפּייכלער־דאַך פאַר מיר.

דער אָרעמער קליינער האַנס האָט זייער געהאַט חשק צו גיין אַרבעטן אין זיין גאָרטן, ווייל זיינע בלומען זענען שוין נישט באַגאָסן געוואָרן צוויי טעג, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אָפּזאָגן דעם מילנער, זייענדיק אים אַזאַ גרויסער גוטער פריינד.

— מיינט איר אַז ס׳וואָלט געווען אומפריינדלעך פון מיר, ווען איך זאָל זאָגן אַז איך בין פאַרנומען — האָט ער געפרעגט מיט אַ זייער באַשיידענער און שרעקעדיקער שטימע.

— נו, פאַרשטייט זיך — האָט געענטפערט דער מילנער — איך ווייס נישט צי ס׳איז אַזוי פיל בעטן פון אייך, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז איך וועל אייך געבן מיין טאַטשקע, אָבער אויב איר ווילט נישט, וועל איך גיין און עס טאָן אַליין.

— אַך, בשום אופן! — האָט אויסגערופן דער קלײנער האַנס — און ר׳איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק צום שפּײַכלער.

ער האָט דאָרט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג ביז זון־אונטערגאַנג, און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען איז דער מילנער געקומען זען וואָס ער מאַכט.

— האָט איר שוין פאַרריכט דעם לאָך אין דאַך, קלײנער האַנס? — האָט פרײלעך אויסגערופן דער מילנער.

— אין גאַנצן פאַרריכט — האָט געענטפערט דער קלײנער האַנס, אַראָפּגײענדיק פון דעם לײטער.

— אַך! — האָט געזאָגט דער מילנער, — ס׳איז נישט פאַראַן קײן מער אָנגענעמע אַרבעט ווי יענע וואָס אַ מענטש טוט פאַר אַנדערע!

— ס׳איז באמת אַ גרויס פאַרגעניגן צו הערן אײַך שמועסן, — האָט געענטפערט דער קלײנער האַנס, אָוועקזעצנדיק זיך און ווישנדיק זײַן שטערן, — אַ זײער גרויס פאַרגעניגן. אָבער איך האָב מורא אַז כ׳וועל קײן מאָל נישט האָבן אַזעלכע שײנע אידײען ווי איר האָט.

— אַך! — זײ וועלן צו אײַך קומען, — האָט געזאָגט דער מילנער, — אָבער איר מוזט זיך מער סטאַרען. דערווײַל האָט איר בלויז די פּראַקטיק פון פרײנטשאַפט; מיט דער צײַט וועט איר זיך אויך באַקענען מיט דער טעאָריע.

— רעכנט איר אויף אַן אמת, אַז איך וועל זיך באַקאַנען? — האָט געפרעגט דער קלײנער האַנס.

איך צווײפל נישט אין דעם, — האָט געענטפערט דער מילנער, — אָבער איצט, אַז איר האָט פאַרריכט דעם דאַך, וואָלט איר בעסער באַדאַרפט אַהײם גײן אָפּרוען, ווײל איך דאַרף אײַך איר זאָלט טרײַבן מײַנע שאָף צום באַרג מאָרגן.

דער אָרעמער קלײנער האַנס האָט מורא געהאַט עפּעס צו זאָגן קעגן דעם, און גאַנץ פרי דעם צווײטן טאָג האָט דער מילנער געבראַכט זײַנע שאָף צום שטיבל, און האַנס איז אַוועק מיט זײ צום באַרג. ס׳האָט בײ אים צוגענומען דעם גאַנצן טאָג צו קומען אַהין און צוריק; און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט איז ער געווען אַזוי מיד, אַז ער איז אײַנגעשלאָפן אויף זײַן בענקל און האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט ביז ס׳איז שוין געווען גוטער טאָג.

„וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע צײַט איך וועל האָבן אין מײַן גאָרטן", האָט ער געזאָגט און ער איז גלײַך אַוועק צו דער אַרבעט.

אָבער עפּעס האָט ער קײן מאָל נישט געהאַט ווען אַ קוק צו טאָן צו זײַנע בלומען, ווײל זײַן פרײנט דער מילנער איז אַלע מאָל געקומען און האָט אים אַרומגעשיקט אויף לאַנגע שליחותן, אָדער אים געבעטן העלפן אין מיל. דער קלײנער האַנס האָט זיך צײַטנווײז געפילט זײער אומגליקלעך, ווײל ער האָט מורא געהאַט אַז זײַנע בלומען וועלן מײנען, אַז ער האָט אין זײ פאַרגעסן, אָבער ער האָט זיך געטרײסט מיטן געדאַנק, אַז דער מילנער איז זײַן בעסטער פרײנד.

אויסערדעם, פּלעגט ער זאָגן, וועט ער דאָך מיר אָוועקגעבן זיין טאַטשקע און דאָס איז אַ טאַט פון לויטער אײדלקייט!

אַזוי האָט דער קליינער האַנס געאַרבעט פאַרן מילנער, און דער מילנער האָט געזאָגט אַלע שיינע ווערטער וועגן פריינדשאַפט, וועלכע האַנס האָט פאַר־צייכנט אין אַ נאָטיץ־ביכל און פלעגט זיי איבערלייענען פאַרן שלאָף, ווי ער וואָלט געווען זייער אַ גוטער שילער.

און אָט האָט געטראָפן איינמאָל אין אָוונט, ווען דער קליינער האַנס איז געז־עסן ביי דער הרובע האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר. ס׳איז געווען זייער אַ ווילדע נאַכט, און דער ווינט האָט געבלאָזן און געברומט אַרום דעם הויז אַזוי שרעקלעך אַז תחילת האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז בלויז דער שטורעם. אָבער ס׳האָט זיך דערהערט אַ צווייטער קלאַפּ און אַ דריטער, העכער פון די פריערדיקע.

ס׳איז עפּעס אַן אָרעמער וואַנדערער, האָט געזאָגט צו זיך אַליין דער קליינער האַנס, און ר׳איז געלאָפן צו דער טיר.

דאָרט איז געשטאַנען דער מילנער מיט אַ לאַמטערנע אין איין האַנט און מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער צווייטער.

— טייערער קליינער האַנס — האָט געוויינט דער מילנער — איך בין אין אַ גרויסער צרה, מיין קליין יינגל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ לייטער און האָט זיך צעקלאַפּט, גיי איך נאָך אַ דאָקטאָר. אָבער ער ווינט אַזוי ווייט און עס איז אַזאַ שרעקלעכע נאַכט, איז מיר ערשט איינגעפאַלן, אַז ס׳וואָלט געווען פיל בעסער ווען איר זאָלט גיין אַנשטאָט איך. איר ווייסט, אַז איך וועל אייך געבן מיין טאַטשקע און דעריבער וואָלט עס בלויז געווען פיין איר זאָלט מיר עפּעס דער־פאַר אָפּדינען.

— געוויס, — האָט אויסגערופן דער קליינער האַנס, — איך נעם עס אָן פאַר אַ גרויסן קאָמפּלימענט דאָס וואָס איר זענט געקומען צו מיר, און איך וועל גלייך גיין. אָבער איר מוזט מיר אַנטלייען אייער לאַמטערנע, ווייל די נאַכט איז אַזוי פינצטער און איך האָב מורא איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ גרוב.

— איך באַדויער זייער — האָט געענטפערט דער מילנער, — אָבער ס׳איז מיין נייע לאַמטערנע, און ס׳וואָלט געווען פאַר מיר אַ גרויסער שאָדן, ווען עפּעס זאָל מיט איר טרעפן.

— גוט, ס׳מאַכט נישט אויס, איכל זיך באַגיין אָן איר, — האָט אויסגערופן דער קליינער האַנס, און ר׳האָט אַראָפּגענומען זיין גרויסן פּעלץ און זיין וואַרעמע רויטע קוטשמע און האָט אַרומגעבונדן מיט אַ שאַל זיין האַלדז און איז אַוועק.

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע נאַכט ס׳איז געווען! די נאַכט איז געווען אַזוי פינצ־טער, אַז דער קליינער האַנס האָט קוים געקענט זען, און דער ווינט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס. פון דעסטוועגן

איז ער געװען זײער מוטיק, און נאָכדעם װי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ דרײַ שעה, איז ער געקומען צום דאָקטאָרס הױז און ר'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— װער איז דאָרט? — האָט אַ געשרײ געטאָן דער דאָקטאָר, אַרױסשטעקנ־דיק זײַן קאָפּ פֿונעם שלאָפֿצימער־פֿענצטער.

— דער קלײנער האַנס, — דאָקטאָר.

— װאָס װילסטו, קלײנער האַנס?

— דעם מילנערס זון איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ לײטער און ר'האָט זיך צעקלאַפּט און דער מילנער װיל, אַז איר זאָלט גלײַך קומען.

— זײער גוט! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, און ער האָט געהײסן זיך ברענ־גען זײַן פֿערד און זײַנע גרױסע שטיװל און זײַן לאַמטערן, און ער איז אַראָפּגע־גאַנגען, און ער האָט אַװעקגעריטן אין דער ריכטונג צום מילנערס הױז. דער קלײנער האַנס איז אים נאָכגעגאַנגען הינטן.

אָבער דער שטורם איז געװאָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און דער רעגן האָט געגאָסן שטראָמענװײַז, און דער קלײנער האַנס האָט נישט געקענט זען װוּ ער גײט אָדער נאָכגײן זײַן פֿערד. ענדלעך האָט ער פֿאַרלױרן זײַן װעג און ר'האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צום זומפּ, װאָס איז געװען אַ זײער געפֿערלעך אָרט, װײַל ער איז פֿול געװען מיט טיפֿע גריבער, און דאָרט איז דער אָרעמער קלײנער האַנס דערטרונקען געװאָרן. זײַן קערפּער האָבן געפֿונען דעם צװײטן טאָג די פּאַסטוכער, אַרומשװימען אין אַ גרױסער לוזשע װאַסער, און זײ האָבן אים צוריקגעבראַכט אין שטיבל.

יעדער אײנער איז געגאַנגען צו דעם קלײנעם האַנס לויה, װײַל ער איז געװען אַזױ באַליבט, און דער מילנער איז געװען דער הױפּט־אבל.

— אַזױ װי איך בין געװען זײַן בעסטער פֿרײַנט, — האָט געזאָגט דער מילנער — איז עס בלױז נאַטירלעך, אַז איך זאָל פֿאַרנעמען דאָס בעסטע פּלאַץ. — און אַזױ איז ער געגאַנגען אין דער שפּיץ פֿון דער לויה אין אַ לאַנגן שװאַרצן מאַנטל, און אַלע װײַלע האָט ער זיך געװישט די אױגן מיט אַ גרױס נאָז־טיכל.

— דער קלײנער האַנס איז װירקלעך אַ גרױסע אבדה פֿאַר יעדן אײנעם, — האָט געזאָגט דער שמיד נאָך דער לויה, און אַלע האָבן זײ זיך באַקװעם אױס־געזעצט אין שענק און האָבן געטרונקען באַװירצטן װײַן און געגעסן זיסן קוכן.

— יעדנפֿאַלס איז עס פֿאַר מיר אַ גרױסע אבדה, — האָט געענטפֿערט דער מילנער. — װי הײסט, איך האָב אים געזאָלט אַװעקגעבן מײַן טאַטשקע און איצט װײס איך באמת נישט װאָס צו טאָן מיט איר. זי שטײט מיר אין װעג און זי געפֿינט זיך אין אַזאַ שלעכטן צושטאַנד, אַז איך װאָלט פֿאַר איר גאָרנישט גע־קענט קריגן, װען איך זאָל זי װעלן פֿאַרקױפֿן. מער װעל איך קײן מאָל גאָרנישט שענקען. ס'קומט אױס בלױז צו לײַדן װען מ'איז פֿרײגעביק.

— נו? — האָט געזאָגט דער וואַסער־שטשור, נאָך אַ לאַנגער פויזע.

— נו, דאָס איז די ענדע — האָט געזאָגט דאָס לײנפײגעלע.

— אָבער וואָס איז געוואָרן מיטן מילנער? — האָט געפרעגט דער וואַסער־שטשור.

— אָך! איך ווייס נישט. — האָט געענטפערט דאָס לײנפײגעלע, — און עס אינטערעסירט מיך אויך נישט.

— ס'איז גאַנץ קלאָר אויב אַזוי, אַז איר פאַרמאָגט גאָרנישט קײן מיטגעפיל אין אײער כאַראַקטער, — האָט געזאָגט דער וואַסערשטשור.

— איך האָב מורא אַז איר פאַרשטייט נישט די מאָראַל פון דער געשיכטע, — האָט באַמערקט דאָס לײנפײגעלע.

— די וואָס? — האָט אַ פישטשע געטון דער שטשור.

— די מאָראַל.

— מיינט איר צו זאָגן, אַז די געשיכטע האָט אַ מאָראַל?

— געוויס, — האָט געזאָגט דאָס לײנפײגעלע.

— גוט, יאָ, — האָט געזאָגט דער וואַסער־שטשור זייער אַ ברוגזער. — איך רעכן, אַז איר האָט עס מיר באַדאַרפט זאָגן אײדער איר האָט אָנגעהויבן. ווען איר זאָלט אַזוי געווען טאָן, וואָלט איך אײך זיכער נישט געווען געוואָלט אויס־הערן; פאַקטיש וואָלט איך געווען אַ זאָג געטאָן „פו", ווי דער קריטיקער. נאָר איך קען עס נאָך זאָגן איצט. — און ער האָט אויסגעשאָסן אַ „פו" אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקענט און איז אַוועק צוריק אין זיין לאָך.

— ווי געפעלט אײך דער וואַסער־שטשור? — האָט געפרעגט די קאַטשקע, וואָס איז געקומען שווימענדיק אַ פּאָר מינוט שפּעטער. — ער האָט אַ סך גוטע באַגריפן, אָבער איך פערזענלעך האָב מוטער־געפילן, און כ'קען קײן מאָל נישט קוקן אויף אַ פאַרזעסענעם בחור, אַז טרערן זאָלן מיר נישט קומען אין מיינע אויגן.

— איך האָב מורא, אַז כ'האָב אים אויפגערעגט, — האָט געזאָגט דאָס לײנפײגעלע. — דער אמת איז, אַז איך האָב אים דערציילט אַ מעשה מיט אַ מאָראַל!

— אָך! דאָס איז שטענדיק אַ זייער געפערלעכע זאַך צו טאָן. — האָט געזאָגט די קאַטשקע.

און איך בין פולשטענדיק מיט איר מסכים.

די נאַכטיגאַל און די רויז

— זי האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט געטאַנצט מיט מיר, ווען איך וואָלט איר גע־בראַכט רויטע רויזן — האָט אויסגערופן דער יונגער סטודענט — אָבער אין מיין גאַנצן גאָרטן איז נישט פאַראַן קיין רויטע רויז.

פון איר נעסט אין גרינעם דעמב האָט אים די נאַכטיגאַל געהערט און זי האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די בלעטער און האָט זיך געוווּנדערט.

— קיין רויטע רויז איז נישטאָ אין מיין גאַנצן גאָרטן! — האָט ער געוויינט — און זיינע וווּנדערשיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן — אַך, פון וואָסערע קליינינקייטן דאָס גליק הענגט אָפּ! איך האָב דורכגעלייענט אַלץ וואָס די קלוגע מענטשן האָבן אָנגעשריבן, און אַלע סודות פון דער פילאָסאָפיע זיינען פאַר מיר קלאָר, און דאָך, צוליבן מאַנגל פון איין רויטער רויז, איז מיין לעבן אומגליקלעך.

— דאָס איז ענדלעך אַן אמתער ליבהאָבער — האָט געזאָגט די נאַכטיגאַל. — נאַכט־איין נאַכט־אויס האָב איך וועגן אים געזונגען, כאָטש כ׳האָב אים נישט געקענט. נאַכט־איין נאַכט־אויס האָבן זיך דערציילט זיין געשיכטע די שטערן און איצט זע איך אים. זיינע האָר זיינען טונקל ווי די בליטן פונעם היאַצינט און זיינע ליפּן זיינען רויט ווי די רויז, וואָס ער זוכט. ליידנשאַפט האָט געמאַכט זיין געזיכט ענלעך צו בלאַסן העלפאַנט־ביין און פּיין האָט געלייגט אויף דעם איר שטעמפּל.

— דער פּרינץ פּראַוועט אַ באַל מאָרגן אין אָוונט — האָט געשעפּטשעט דער יונגער סטודענט — און מיין געליבטע וועט זיין אין דער קאָמפּאַניע. אויב איך ברענג איר אַ רויטע רויז, וועט זי טאַנצן מיט מיר ביזן פרימאָרגן. אויב איך ברענג איר אַ רויטע רויז, וועל איך זי האַלטן אין מיינע אָרעמס און זי וועט אָנשפּאַרן איר קאָפּ אויף מיין אַקסל, און איר האַנט וועט האַלטן מיינע. אָבער עס איז נישטאָ קיין רויטע רויז אין מיין גאָרטן. און איך וועל זיצן אַליין און זי וועט מיך פאַרבייגיין. זי וועט מיך נישט באַמערקן און מיין האַרץ אין מיר וועט פּלאַצן.

— דאָס איז ווירקלעך דער אמתער ליבהאָבער — האָט געזאָגט די נאַכטיגאַל. — וועגן וואָס איך זינג,ליידט ער; וואָס איז פרייד פאַר מיר, איז פּיין פאַר אים. וואָר־

שײנלעך איז די ליבע אַ וווּנדערלעכע זאַך. זי איז קאָסטבאַרער פון עסמעראַלדן און טײַערער פון פײַנע אָפּאַלן. פּערל און מילגרוימען קענען איר נישט קויפן; אויך זי איז נישט אויסגעשטעלט אין מאַרק. מ'קען זי נישט קויפן בײַ די סוחרים, נישט זי אויסוועגן אויף דער וואָג פאַר גאָלד.

— די מוזיקער וועלן זיצן אויף זײַערע פּלעצער — האָט געזאָגט דער יונגער סטודענט — און זײ וועלן שפּילן אויף זײַערע סטרונע־אינסטרומענטן און מײַן געליבטע וועט טאַנצן אין קלאַנג מיט דער האַרפּע און פידל. זי וועט טאַנצן אַזוי לײַכט, אַז אירע פיס וועלן נישט באַרירן דעם פּאָל, און די הויף־לײַט אין זײַערע העלע קלײדער וועלן זיך דרײען אַרום איר. אָבער מיט מיר וועט זי נישט טאַנצן, ווײַל איך האָב נישט קײן רויטע רויז איר צו געבן. און ער האָט פאַרבאַהאַלטן זײַן פּנים אין זײַנע הענט און ער האָט געוויינט.

— פאַר וואָס וויינט ער? — האָט געפרעגט אַ קלײנע, גרינע יאַשטשערקע — ווען זי איז דורכגעלאָפן פאַרבײַ מיטן עק אין דער לופטן.

— פאַר וואָס טאַקע? — האָט געזאָגט אַ שמעטערלינג, וואָס האָט אַרומגעפלאַטערט, יאָגנדיק זיך נאָך אַ זונענשטראַל.

— פאַר וואָס? — האָט אײַנגעפליסטערט אַ מאַרגאַריטקע איר שכנטע, מיט אַ צאַרטער און נידעריקער שטימע.

— ער וויינט נאָך אַ רויטער רויז — האָט געזאָגט דער נאַכטיגאַל.

— נאָר אַ רויטע רויז? — האָבן זײ אויסגעשריגן — ווײ ווי לעכערלעך. און די קלײנע יאַשטשערקע, וואָס איז געווען עטוואָס ציניש האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

אָבער די נאַכטיגאַל האָט פאַרשטאַנען דעם סוד פון סטודענטס לײדן און זי איז געזעסן שטיל אין דעמב און געטראַכט וועגן דער מיסטעריע פון ליבע.

פּלוצלינג האָט זי צעשפּרייט אירע ברוינע פליגל צו פליִען און האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט. זי איז דורך דעם וואַלד ווי אַ שאָטן און ווי אַ שאָטן האָט זי דורכגעשוועבט דעם גאָרטן.

אין מיטן פון דער גראָז־לאָנקע איז געשטאַנען אַ פּראַכטפולער רויזן־שטרויך, און ווען זי האָט אים דערזען איז זי צוגעפלויגן צו אים און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ צווײַגעלע.

— גיב מיר אַ רויטע רויז! — האָט זי אויסגערופן — איך וועל דיר זינגען מײַן זיסט ליד.

אָבער דער רויזן־שטרויך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מײַנע רויזן זענען געל, — האָט ער געענטפערט — געל ווי די האָר פון דער וואַסער־פרוי, וואָס זיצט אויפן טראָן פון בורשטין, און געלער פון דער נאַרציס, וואָס בליט אין פעלד אײדער דער שניטער קומט מיט זײַן שנייד־מעסער. אָבער גײ צו מײַן ברודער, וואָס וואַקסט אונטערן סטודענטס פענצטער, אפשר וועט ער דיר געבן וואָס דו דאַרפסט.

און אַזוי איז די נאַכטיגאַל אַריבערגעפֿלויגן צום רויזן־שטרויך, וואָס איז געוואַקסן אונטערן סטודענטס פֿענצטער.

— גיב מיר אַ רויטע רויז — האָט זי אויסגערופֿן — און איך וועל דיר זינגען מיין זיסט ליד.

— אָבער דער רויזן־שטרויך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיינע רויזן זענען רויט — האָט ער געענטפֿערט — רויט ווי די פֿיס פֿון דער טויב, און רויטער פֿון די גרויסע פֿעכערס פֿון קאָראַל, וואָס וויגן זיך און וויגן זיך אין די היילן פֿון דעם אָקעאַן. אָבער דער ווינטער האָט פֿאַרגליווערט מיינע אָדערן, און דער פֿראָסט האָט געטייט מיינע קנאָספּן, און דער שטורעם האָט צעבראָכן מיינע צווייגן, און איכ׳ל נישט האָבן קיין רויזן אַ גאַנץ יאָר.

— איין רויטע רויז איז וואָס איך דאַרף — האָט אויסגערופֿן די נאַכטיגאַל — נאָר איין רויטע רויז! איז נישט פֿאַראַן קיין אופֿן ווי אַזוי איך זאָל זי קענען קריגן?

— ס׳איז יאָ פֿאַראַן אַן אופֿן — האָט געענטפֿערט דער רויזן־שטרויך — אָבער ס׳איז אַזאַ שרעקלעכער, אַז איך וואַג דיר נישט צו זאָגן.

— זאָג מיר — האָט געזאָגט די נאַכטיגאַל — איך שרעק זיך נישט.

— אויב דו דאַרפֿסט אַ רויטע רויז — האָט געזאָגט דער רויזן־שטרויך — מוזטו זי שאַפֿן דורך מוזיק ביי דער לבנה־שיין און זי באַפֿאַרבן מיטן בלוט פֿון דיין האַרצן. דו מוזט איר זינגען מיט דיין ברוסט קעגן אַ דאָרן. אין פֿאַרלויף פֿון אַ גאַנצער נאַכט מוזטו איר זינגען. און דער דאָרן מוז שטעכן דיין האַרץ און דיין לעבנס־בלוט מוז אַריינפֿליסן אין מיינע אָדערן און ווערן מיינס.

— טויט איז אַ גרויסער פּרייז צו באַצאָלן פֿאַר אַ רויז — האָט אויסגערופֿן די נאַכטיגאַל — און לעבן איז אַלעמען זייער טייער. ס׳איז אַ פֿאַרגעניגן צו זיצן אין גרינעם וואַלד און צו באַאָבאַכטן די זון אין איר גאָלדענער קאַרעטע, און די לבנה אין איר קאַרעטע פֿון פּערל. זיס איז דער ריח פֿון ווייס־דאָרן, און זיס זענען די בלויע גלאָקן־בלימלעך, וואָס וואַקסן אין טאָל און די היידע־בלומען וואָס בליִען אויפֿן בערגל. אָבער ליבע איז בעסער ווי לעבן און וואָס איז דאָס האַרץ פֿון אַ פֿייגעלע אין פֿאַרגלייך מיטן האַרץ פֿון אַ מענטשן?

און זי האָט צעשפּרייט אירע ברוינע פֿליגל צו פֿליִען און האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן. זי האָט זיך געטראָגן איבערן גאָרטן ווי אַ שאָטן, און ווי אַ שאָטן איז זי דורכגעפֿלויגן דעם וואַלד.

דער יונגער סטודענט איז נאָך געלעגן אויפֿן גראָז, וווּ זי האָט אים איבערגעלאָזט, און די טרערן האָבן נאָך נישט אויסגעטריקנט אין זיינע וווּנדערשיינע אויגן.

— זיי גליקלעך! — האָט אויסגעשריגן די נאַכטיגאַל — זיי גליקלעך! וועסט האָבן דיין רויטע רויז. איך וועל זי שאַפֿן דורך מוזיק ביי דער לבנה־שיין, און איר באַפֿאַרבן מיט מיין אייגן האַרץ־בלוט. אַלץ וואָס איך פֿאָדער דערפֿאַר, איז זאָלסט זיין אַן אמתער ליבהאָבער, ווייל ליבע איז קליגער פֿון חכמה, און דער וואָס ליבט איז

אויך קלוג. און זי איז מעכטיקער פון מאַכט, און דער וואָס ליבט, איז אויך מעכטיק. פון פלאַמען־קאָליר זענען זיינע פליגל און דער קאָליר פון פלאַמען איז זיין קערפּער. זיינע ליפּן זענען זיס ווי האָניק און זיין אָטעם איז ווי ווייַרויך.

דער סטודענט האָט אַרויפגעקוקט פונעם גראָז און האָט געהערט, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס די נאַכטיגאַל האָט אים געזאָגט, ווייל ער האָט נאָר געוווּסט זאַכן, וואָס זענען פאַרשריבן אין ביכער.

אָבער דער דעמב האָט פאַרשטאַנען און איז געוואָרן טרויעריק, ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט די קליינע נאַכטיגאַל, וואָס האָט אויסגעבויט איר נעסט אויף זיינע צווייגן.

— זינג מיר איין לעצט געזאַנג — האָט ער געשעפּטשעט — איך וועל זיך פילן זייער עלנט ווען דו וועסט אַוועק.

און די נאַכטיגאַל האָט געזונגען דעם דעמב, און איר קול איז געווען גלייך ווי וואַסער, וואָס גיסט זיך פון אַ זילבערנעם קרוג.

ווען זי האָט געענדיקט איר געזאַנג, האָט זיך דער סטודענט אויפגעהויבן און האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ בלייפעדער פון זיין טאַש.

— זי האָט אַ געשטאַלט — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, ווען ער איז אַוועק־געגאַנגען דורכן וואַלד — דאָס קען מען ביי איר נישט צונעמען; אָבער פאַרמאָגט זי עפּעס געפיל? כ׳האָב מורא אַז נישט. אין אמתן איז זי ווי דאָס רוב קינסטלער: זי האָט סטיל אָן עטוואָס אויפריכטיקייט. זי וואָלט זיך נישט מקריב געווען פאַר אַנדערע. זי טראַכט נאָר פון מוזיק, און יעדער איינער ווייסט, אַז די קונסטן זענען אייגננוצלעך. פון דעסטוועגן מוז מען מודה זיין, אַז זי האָט אייניקע פּראַכטפולע טענער אין איר שטימע. וואָסאַראַ שאָד, וואָס זיי טראַכטן גאָרנישט, אָדער ברענגען נישט עפּעס אַ פּראַקטישן נוץ! און ער איז אַריין אין זיין צימער און האָט זיך אַוועק־געלייגט אויף זיין קליינעם שטריק־בעטל און האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון זיין ליבע און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער איינגעשלאָפן.

און ווען די לבנה האָט געשיינט אין הימל איז די נאַכטיגאַל געפלויגן צום רויזן־שטרויך און האָט אָנגעשטעלט איר ברוסט קעגן דעם דאָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געזונגען, מיט איר ברוסט קעגן דעם דאָרן, און די קאַלטע קרישטאָלענע לבנה האָט זיך אַראָפּגעבויגן און זיך איינגעהערט. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער נאַכט האָט זי געזונגען און דער דאָרן איז אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין איר ברוסט און איר לעבנס־בלוט האָט פון איר אויסגערונען.

זי האָט צוערשט געזונגען פונעם געבורט פון דער ליבע אין האַרץ פון אַ יינגל און אַ מיידל און אויפן העכסטן צווייגעלע פונעם רויזן־שטרויך האָט זיך צע־בליט אַ ווונדערלעכע רויז, איין בלומען־בלעטעלע איז אויסגעוואַקסן נאָכן אַנדערן, ווייל איין געזאַנג איז געקומען נאָכן אַנדערן. בלאַס איז זי געווען צוערשט ווי דער

נעפּל וואָס הענגט איבערן טייך — בלאַס ווי די פּיס פונעם מאָרגן, און געזילבערט ווי די פליגל פון דעם ערשטן ליכט-שטראַל. ווי דער שאָטן פון אַ רויז אין שפּיגל פון זילבער, ווי דער שאָטן פון אַ רויז אין אַ וואַסער-טײַכל, אַזוי איז געווען די רויז, וואָס האָט געבליט אויפן העכסטן צווייגעלע פונעם רויזן-שטרויך.

אָבער דער שטרויך האָט געשריגן צו דער נאַכטיגאַל זי זאָל זיך נענטער צו-דריקן צום דאָרן.

— דריק זיך צו נענטער, קליינע נאַכטיגאַל — האָט געשריגן דער שטרויך — אַז נישט וועט קומען דער טאָג איידער די רויז איז פאַרענדיקט.

און די נאַכטיגאַל האָט זיך נענטער צוגעדריקט צום דאָרן און העכער און העכער איז געוואַקסן איר געזאַנג, ווײַל זי האָט געזונגען פון געבורט פון דער ליידנ-שאַפט אין דער נשמה פון אַ מאַן און אַ פרוי.

און אַ פיינע רויזן-רויטע פאַרב איז אַרײַן אין די בלעטעלעך פון דער רויז, ווי די פאַרב אין פּנים פון אַ חתן, ווען ער קושט די ליפּן פון זיין כלה. אָבער דער דאָרן האָט נאָך נישט דערגרייכט איר האַרץ, און דעריבער איז דער רויזס האַרץ געבליבן ווייס, ווייל נאָר אַ נאַכטיגאַלס האַרץ-בלוט קען רויט מאַכן דאָס האַרץ פון אַ רויז.

און דער שטרויך האָט געשריגן צו דער נאַכטיגאַל זי זאָל זיך אַלץ נענטער צוהדריקן צום דאָרן.

— דריק זיך צו נענטער, קליינע נאַכטיגאַל — האָט אויסגערופן דער שטרויך — אַז נישט וועט קומען דער טאָג איידער די רויז איז פאַרענדיקט.

און די נאַכטיגאַל האָט זיך צוגעדריקט נענטער קעגן דאָרן, און דער דאָרן האָט אָנגערירט איר האַרץ. און אַ גרויזאַמער, פיינלעכער ווייטיק האָט איר דורכגענומען. ביטער, ביטער איז געווען איר פּיין, און ווילדער און ווילדער איז געוואַקסן איר געזאַנג, ווייל זי האָט געזונגען פון דער ליבע, וואָס ווערט פאַרפאָלקאָמט דורך טויט, פון ליבע וואָס שטאַרבט נישט אין קבר.

און די ווונדערלעכע רויז איז געוואָרן קאַרמעזין-רויט, ווי די רויט פונעם מזרח-הימל. קאַרמעזין-רויט זענען געווען די רויזן-בלעטלעך, און קאַרמעזין-רויט ווי אַ רובין, איז געווען איר האַרץ.

אָבער די שטימע פון דער נאַכטיגאַל איז געוואָרן אַלץ שוואַכער, און אירע קליינע פליגל האָבן אָנגעהויבן צו צאַפּלען. אַ נעפּל האָט פאַרצויגן אירע אויגן. שוואַכער און שוואַכער איז געוואָרן איר געזאַנג, און זי האָט דערפילט ווי עפּעס שטיקט איר אין האַלדז.

דאַן איז געקומען איר לעצטער מוזיקאַלישער אויסברוך.

די ווייסע לבנה האָט אים געהערט, און זי האָט פאַרגעסן דעם מאָרגן-רויט און האָט זיך פאַרזאַמט אין הימל. די רויטע רויז האָט אים געהערט און זי האָט אויפ-

געציטערט פון עקסטאַז און זי האָט צעעפנט אירע בלעטלעך צו דער קאַלטער מאָרגן־לופט. דאָס ווידערקול האָט אים אָוועקגעטראָגן אין זיין פורפורענער הייל אין די בערג און האָט אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע פאַסטוכער פון זייערע חלומות. ער האָט געפלאָטערט דורך די טראַסטינעס פונעם טייך און זיי האָבן אים געבראַכט צום ים.

— זע, זע — האָט אויסגערופן דער שטרויך — די רויז איז איצט פאַרענדיקט — אָבער די נאַכטיגאַל האָט נישט געענטפערט, ווייל זי איז געלעגן טויט אין הויכן גראָז מיטן דאָרן אין האַרץ.

און מיטאָג־צייט האָט דער סטודענט געעפנט זיין פענצטער און ער האָט אַרויס־געקוקט.

— אַך, וואָס פאַר אַ גליק! — האָט ער אויסגעשריגן — אָט איז אַ רויטע רויז! איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ רויטע רויז. זי איז אַזוי פּראַכט־פול, אַז איך בין זיכער, אַז זי האָט אַ לאַנגן לאַטייניש נאָמען — ער האָט זיך אַרי־בערגעבויגן און זי אָפּגעריסן.

דאַן האָט ער אָנגעטאָן זיין הוט, איז אַרויפגעלאָפן אין פּראָפעסאָרס הויז מיט דער רויז אין זיין האַנט.

דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער איז געזעסן ביים אַריינגאַנג, אָנוויקלענדיק בלוי זיידנס אויף אַ קלעצל און איר קליין הינטל איז געלעגן ביי אירע פיס.

— איר האָט געזאָגט, איר וואָלט געטאַנצט מיט מיר, ווען איך זאָל אייך ברענ־גען אַ רויטע רויז — האָט אויסגערופן דער סטודענט — אָט איז די רויטסטע רויז אויף דער גאָרער וועלט. איר וועט זי טראָגן היינט אין אָוונט לעבן אייער האַרץ; און ווען מיר וועלן טאַנצן צוזאַמען וועט זי אייך דערציילן ווי כ׳האָב אייך ליב.

אָבער דאָס מיידל האָט זיך אָנגעכמורעט.

— איך האָב מורא, אַז זי וועט נישט פּאַסן צו מיין קלייד — האָט זי געענט־פערט — און אויסער דעם האָט דעם קאַמערהערס פּלימעניק מיר געשיקט אייניקע עכטע שמוק־זאַכן, און יעדער ווייסט, אַז צירונג קאָסט אַ סך מער ווי בלומען.

— אָבער, אויף מיין וואָרט איר זענט זייער אומדאַנקבאַר — האָט געזאָגט דער סטודענט מיט צאָרן און ער האָט אַוועקגעשליידערט די רויז אויף דער גאַס, ווו זי איז אַריין אין אַ קאַנאַל און אַ וואָגן־ראָד איז איר איבערגעפאָרן .

— אומדאַנקבאַר! — האָט געזאָגט דאָס מיידל — איכ׳ל אייך זאָגן אָט וואָס: — איר זענט זייער גראָב; און נאָך אַלעמען, ווער זענט איר? אַן איינפאַכער סטודענט. איך גלייב נישט איר זאָלט אַפילו פאַרמאָגן זילבערנע שפּאָנציקעס צו די שיך ווי דעם קאַמערהערס פּלימעניק האָט — און זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר בענקל און איז אַריין אין הויז.

— וואָס פאַר אַ נאַרישע זאַך ליבע איז! — האָט געזאָגט דער סטודענט, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען. — זי איז אַ העלפט נישט אַזוי נוצלעך ווי לאָגיק, ווייל זי דערווייזט גאָרנישט. און זי רעדט שטענדיק פון זאַכן, וואָס טרעפן נישט, און מאַכט איינעם גלייבן אין זאַכן, וואָס זענען נישט אמת. ווירקלעך איז זי זייער אומפּראַקטיש. היות ווי היינטיקע צייטן צו זיין פּראַקטיש איז אַלעס, וועל איך זיך צוריק נעמען צו פילאָסאָפיע און שטודירן מעטאַפיזיק.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין צימער, אַרויסגענומען אַ גרויסן פאַרשטויבטן בוך און האָט אָנגעהויבן לייענען.

דער מוסטערהאפטער מיליאנער

אז מ׳איז נישט רייך, קומט גארנישט ארויס פון דעם, וואס מ׳איז רייצנד. ראמאנטיק איז די פריווילעגיע פון די רייכע, נישט די זאך פון די ארבעטלאזע. די ארעמע דארפן זיין פראקטיש און פראזאיש. ס׳לוינט זיך בעסער צו האבן א שטענדיקע הכנסה איידער צו זיין באצויבערנד — זענען די גרויסע אמתן וועגן מאדערנעם לעבן וועלכע ערסקיין האט קיין מאל נישט באגריפן. ארעמער היוגי! אינטעלעקטועל, מוזן מיר מודה זיין, איז ער נישט געווען פון גרויסער וויכטיקייט. ער האט קיין מאל אין זיין לעבן נישט געזאגט קיין גרויסע חכמה ווי אויך קיין גרויס נארישקייט. דערפאר אבער האט ער אויסגעזען וואונדערלעך שיין, מיט זיינע געקרייזלטע טונקעלע האר, זיין פיין געשניצטן פראפיל און זיינע גרויע אויגן. ער איז געווען אזוי פאפולער ביי מענער, ווי ביי פרויען, ער האט פארמאגט אלע מעלות א חוץ איינער — צו מאכן געלט. זיין פאטער האט אים איבערגעלאזט זיין ריטערלעכע שווערד און א געשיכטע פון דער מלחמה מיט נאפאלעאנען אין פופצן בענדער. היוגי האט אויפגעהאנגען די ערשטע איבערן שפיגל און די צווייטע האט ער אוועקגעשטעלט אויף א פאליצע צווישן „רופס וועגווייזער" און „ביילים מאגאזין". געלעבט האט ער פון רענטע — צווי הונדערט יערלעך — וואס אן אלטע מומע האט אים איבערגעלאזט. ער האט געפרווט אלץ. ער איז אוועק אויף דער בירזשע אויף זעקס מאנאטן. אבער וואס האט צו טאן א זומער־פייגעלע צווישן אקסן און בערן? ער איז אויך געווען א סוחר א לענגערע צייט. אבער ער איז באלד מיד געווארן פון פיקא און סוקאנג. נאכהער האט ער געפרווט פארקויפן שטארקן כערעס וויין און ס׳איז אים אויך נישט געגאנגען — דער כערעס איז געווען נישט גענוג שטארק. ענדלעך איז ער געווארן א גארנישט, אן אנגענעמער בוצלאזער יונגערמאן מיט א פערפעקטן פראפיל און אן שום פראפעסיע.

צו דעם אלעם איז ער נאך געווען פארליבט אויך. דאס מיידל, וועמען ער האט ליב, איז געווען לאורא מערטאן, די טאכטער פון א צוריקגעצויגענעם פאלקאווניק, וועלכער האט פארלוירן זיין טעמפעראמענט און זיין פארדייונג אין אינדיע און האט

זיי מער קיין מאָל נישט צוריק געפונען. לאָוראַן האָט ער פאַרגעטערט און איז גע־וועזן גרייט צו קושן אירע שיך־שטריקלעך. זיי זענען געווען דאָס שענסטע פּאָרל אין לאָנדאָן און האָבן נישט פאַרמאָגט קיין סענט ביי דער נשמה. דער פאַלקאָוניק האָט זייער ליב געהאַט היוגין, אָבער פון פאַרלאָבונג האָט ער נישט געוואָלט הערן.

— קום צו מיר, זון מיינער, ווען דו וועסט פאַרמאָגן דיינע אייגענע צען טויזנט און דאַן וועלן מיר זען — פלעגט ער זאָגן — און היוגי האָט אויסגעזען זייער באַ־צערט אין יענע טעג און האָט באַדאַרפט גיין צו לאָוראַן זוכן אַ טרייסט.

איין מאָל אין דער פרי, אויפן וועג צום האָלאַנד פּאַרק, ווו די מערטאָנס האָבן געוווינט, איז ער אַריין צו איינעם פון זיינע בעסטע פריינד, אַלאַן טרעוואָר. טרעוואָר איז געווען אַ מאָלער. אמת ווייניק מענטשן זענען היינט נישט קיין מאָלערס, אָבער ער איז אויך געווען אַ קינסטלער און קינסטלערס זענען שוין פאַראַן זעלטענער. פּערזענלעך איז ער געווען אַ מאָדנער, אומגעלומפּערטער בחור, מיט אַ געשפּרענקלט פּנים און אַ רויטער קאַלטענעוואַטער באָרד. נאָר קוים האָט ער גענומען דעם פּענדזל אין האַנט, איז ער געוואָרן אַ וואַרעמער מייסטער און זיינע בילדער האָט מען מיט ענטו־זיאַזם געזוכט. ער איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו היוגין פאַר אַלעמען, מוז מען מודה זיין, איבער זיין פּערזענלעכער שיינקייט. — די איינציקע מענטשן, וועמען אַ מאָלער דאַרף קענען — פלעגט ער זאָגן — זענען די יעניקע, וועלכע זענען נאַריש און שיין. מענטשן אויף וועלכע ס'איז קינסטלעריש אַ פאַרגעניגן צו קוקן און אַן אָפּרו פאַרן מוח מיט זיי צו רעדן. מענער וואָס זענען דענדיס, און פרויען וואָס זענען רייצנד, רעגירן די וועלט. ווייניקסטנס וואָלטן זיי באַדאַרפט רעגירן. דאָך, נאָך דעם ווי ער האָט היוגין בעסער דערקענט, האָט ער אים פונקט אַזוי ליב באַקומען אויך פאַר זיין ליכטיקן, פריילעכן געמיט און זיין נאָבעלן זיכערן כאַראַקטער און האָט אים געגעבן אַ פרייען אַריינגאַנג אין זיין סטודיע.

ווען היוגי איז אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן טרעוואָרן געבן די לעצטע שטריכן אַ וווּנדערלעך בילד, אין מענטשלעכער גרויס, פון אַ בעטלער. דער בעטלער אַליין איז געשטאַנען אויף אַן אויפגעהויבענער פּלאַטפאָרמע אין אַ ווינקל פון סטודיע. ער איז געווען אַ מאָגערער אַלטער, מיט אַ פּנים פון אַ געקנייטשטן פאַרמעט און פון זייער אַ נעבעכדיקן אויסזען. איבער זיינע אַקסלען איז געווען אריבערגעוואָרפן אַ ברוינער שמאַטישער מאַנטל, אין גאַנצן אַ צעשאָטענער, אין לאַטעס. זיינע גראָבע שטיול זענען געווען פאַרריכט און פאַרלאַטעט. מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגע־שפּאַרט אויף אַ גראָבן שטעקן, בעת מיט דער צווייטער האָט ער געהאַלטן אויס־געשטרעקט זיין צעשאָסענעם קאַפּעלוש, בעטנדיק אַ נדבה.

— וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער מאָדעל! — האָט געשעפּטשעט היוגי, ווען ער האָט געדריקט זיין פריינדס האַנט.

— אַ וווּנדערלעכער מאָדעל? — האָט אויסגעשריגן טרעוואָר מיטן גאַנצן כוח — איך דענק אַזוי! אַזעלכע בעטלערס ווי ער באַגעגנט מען נישט אַלע טאָג. (אַ זעלטנ־

הייט, ליבער פריינד), אַ לעבעדיקער וועלאַסקעס! מיין גאָט! וואָס פאַר אַ גראַוויער רעמבראַנדט וואָלט געמאַכט פון אים.

— אַרעמער אַלטער! — האָט געזאָגט היוגי — ווי שלעכט ער זעט אויס! אָבער איך גלייב, אַז פאַר אייך, מאָלערס, איז זיין געזיכט זיין אוצר.

— אַוודאי, — האָט געענטפערט טרעוואָר — מ'דאַרף דאָך נישט, אַז אַ בעט־לער זאָל אויסזען גליקלעך.

— וויפל קריגט אַ מאָדעל פאַר זיצן? — האָט געפרעגט היוגי נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן.

— אַ שילינג אַ שעה.

— און וויפל קריגט איר פאַר אייער בילד, אַלאַן?

— אָ, פאַר דעם קריג איך צוויי טויזנטער!

— פונט?

— גיניס. — מאָלערס, דיכטער און דאָקטוירים קריגן שטענדיג גיניס.

— גוט. איך רעכן, אַז דער מאָדעל קריגט אַ פּראָצענט — האָט אויסגערופן היוגי לאַכנדיק — זיי אַרבעטן אַזוי שווער ווי איר.

— שטותים, שטותים! פאַרוואָס? באַטראַכט איר נאָר 'די אַרבעט פונעם מאָלן אַליין און דאָס שטיין אַ גאַנצן טאָג ביים מאָלברעט! ס'איז אייך, היוגי, זייער גרינג צו רעדן. אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז ס'זענען פאַראַן מאָמענט ווען קונסט דער־גרייכט כמעט די ווערט פון פיזישער אַרבעט. אָבער איר מוזט אויפהערן פלאַפּ־לען. איך בין זייער פאַרנומען. פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און בלייבט שטיל.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריין דער דינער און האָט געמאָלדן טרעוואָרן, אַז דער ראַמען־מאַכער וויל מיט אים רעדן.

— אַנטלויפט נישט, היוגי — האָט ער געזאָגט אַרויסגייענדיק — איך וועל אין אַ מינוט אַרום זיין צוריק.

דער אַלטער בעטלער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון טרעוואָרס אַוועקזיין, אָפּצורוען אַ מינוט אויף אַ הילצערנער באַנק, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים. ער האָט אויסגעזען אַזוי פאַרלוירן און אומגליקלעך, אַז היוגי האָט נישט געקענט נישט רחמנות האָבן אויף אים און האָט גענומען זוכן אין די קעשענעס צו זען, וואָס ער האָט דאָרט. אַלץ וואָס ער האָט געפונען איז געווען אַ סאָווערין*) און עטלעכע קופּערנע סענטן.

— אַרעמער אַלטער — האָט ער געטראַכט — ער נייטיקט זיך אין דעם גיכער ווי איך. אָבער דאָס מיינט פאַר מיר נישט האָבן אויף קיין רייזע־הוצאות צוויי וואָכן צייט — און ער איז דורכגעגאַנגען די סטודיע און האָט אַריינגערוקט דעם סאָווערין אין בעטלערס האַנט.

---

*) אַן ענגלישע מטבע.

דער אַלטער האָט אַ ציטער געטאָן און אַ שוואַכער שמייכל איז דורכגעלאָפן איבער זיינע פאַרוועלקטע ליפּן.

— איך דאַנק אייך, הער, — האָט ער געזאָגט — איך דאַנק אייך.

נאָך דעם איז טרעוואר אַריין און היוגי האָט זיך געזעגנט, פאַררויטלענדיק זיך אַ ביסל איבער דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט דעם טאָג פאַרבראַכט מיט לאַוראַן, געקראָגן איידל אויסגעזידלט פאַר זיין פאַרשווענדערישקייט און באַדאַרפט גיין אַהיים צופוס.

יענע נאַכט איז ער אַריין אין מאַלער־קלוב אַרום עלף און האָט געפונען דאָרט טרעוואָרן זיצן אַליין אין רויכער־צימער און טרינקען וויין מיט סאָדע־וואַסער.

— נו, אַלאַן, האָט איר גוט פאַרענדיקט דאָס בילד? — האָט ער געפרעגט פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— געענדיקט און איינגעפאַסט, מיין פריינט! — האָט געענטפערט טרעוואָר. — און נישט ווילנדיק האָט איר געמאַכט אַ דעראָבערונג. יענער אַלטער מאָדעל, וועמען איר האָט געזען איז פאַרליבט אין אייך. איך האָב אים געמוזט דערציילן אַלץ וועגן אייך, ווער איר זענט, וווּ איר וווינט, וואָס ס'איז אייער פאַרדינסט, וואָסערע פּערספּעקטיוון איר האָט —

— מיין טייערער אַלאַן — האָט אויסגעשריגן היוגי — איך וועל אים זיכער געפינען וואַרטן אויף מיר ווען איך וועל גיין אַהיים. אָבער איר שפּאַסט דאָך נאָר. אָרעמער אַלטער שלימזל! איך וואָלט געוואָלט עפּעס קענען טאָן פאַר אים. איך רעכן, אַז ס'איז שרעקלעך צו זיין אַזוי אָרעם. איך האָב גאַנצע הויפנס אַלטע מלבושים אין דער היים. ווי רעכנט איר, ער וואָלט פון זיי עפּעס אויסגעקליבן? זיינע שמאַטעס צעפאַלן זיך דאָך אויף שטיקלעך.

— אָבער ער זעט אויס וווּנדערבאַר אין זיי — האָט געזאָגט טרעוואָר. — איך וואָלט אים נישט געמאָלן אין אַ פראַק פאַר קיין געלט. וואָס איר רופט שמאַטעס, רוף איך ראָמאַנטיק. וואָס עס שיינט אייך צו זיין אָרעמקייט, איז ביי מיר בילדערלעכקייט. דאָך וועל איך אים איבערגעבן אייער פאַרשלאָג.

— אַלאַן — האָט געזאָגט היוגי ערנסט, — איר מאָלערס זענט אַן אכזריותדיקע באַנדע.

— אַ קינסטלערס האַרץ איז זיין מוח — האָט געענטפערט טרעוואָר. — און אויסער דעם איז אונדזער זאַך צו באַגרייפן די וועלט ווי מיר זעען זי. נישט צו רעפאָרמירן איר ווי מיר ווייסן A chacun son metier. (יעדער איינער דאַרף זיך אָפּגעבן מיט זיין פאַך). און איצט דערציילט מיר וואָס מאַכט לאַוראַ, דער אַלטער מאָדעל האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט איר.

— איר מיינט נישט צו זאָגן, אַז איר האָט גערעדט מיט אים וועגן איר — האָט געזאָגט היוגי.

— אַוודאי האָב איך גערעדט. ער ווייסט אַלץ וועגן דעם אומדערבאַרעמדיקן פּאָלקאָווניק, פון דער שיינער לאַוראַ און וועגן די צען טויזנטער.

— איר האָט דערציילט יענעם אַלטן בעטלער אַלע מיינע פּערזענלעכע אינטערעסן? — האָט אויסגעשריגן היוגי, ווערנדיק רויט און צאָרנדיק.

— מיין טייערער בחור — האָט געזאָגט טרעוואָר שמייכלענדיק. — יענער אַלטער בעטלער, ווי איר רופט אים, איז איינער פון די רייכסטע לייט אין אייראָפּע. ער וואָלט מאָרגנדיקן טאָג געקענט אָפּקויפן גאַנץ לאָנדאָן אָן קיין שום אָנשטרענגונג. ער פאַרמאָגט אַ הויז אין יעדער הויפּטשטאָט, מיטיקט אין גאָלדן געשיר און קאָן אָפּהאַלטן רוסלאַנד פון מלחמה, ווען ער וויל דאָס.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט אויסגערופן היוגי.

— דאָס וואָס איך רעד — האָט געזאָגט טרעוואָר. — דער אַלטער, וועמען איר האָט געזען אין סטודיע איז געווען באַראָן אַוזבערג. ער איז מיינער אַ גוטער פריינט, קויפט מיינע אַלע בילדער און האָט געמאַכט ביי מיר אַ באַשטעלונג מיט אַ מאָנאַט צוריק צו מאָלן אים אַלס ב ע ט'ל ע ר, Que voulez-vous? La fantasie d'un millionaire! (וואָס ווילט איר? די פאַנטאַזיע פון אַ מי־ליאָנער!) און איך מוז אָנערקענען, ער האָט פאָרגעשטעלט אַ פּרעכטיקע פיגור אין זיינע שמאַטעס, אָדער אפשר וואָלט איך געדאַרפט זאָגן אין מיינע שמאַטעס; ס'איז אַן אַלטער אָנצוג, וואָס איך האָב געקראָגן אין שפּאַניע.

— באַראָן אַוזבערג! — האָט אויסגעשריגן היוגי. — גאָט אין הימל! איך האָב אים געגעבן אַ סאָווערייןֹ! — און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול אין גרויס פאַרצווייפלונג.

— איר האָט אים געגעבן אַ סאָווערייןֹ! — האָט אויסגעשריגן טרעוואָר און האָט אויסגעשאָסן אַ גרויס געלעכטער. — מיין טייערער, איר וועט אים קיין מאָל נישט זען אויף צוריק. Son affaire c'est l'argent des autres (זיין געשעפט איז דאָס געלט פון אַנדערע).

— איך רעכן, אַז איר האָט מיר באַדאַרפט זאָגן, אַלאַן — האָט היוגי געזאָגט ברוגזלעך — און מיך נישט לאָזן זיך מאַכן צו נאַר.

— גוט, היוגי — האָט געזאָגט טרעוואָר. — ס'איז מיר קיין מאָל נישט געקומען אויפן זינען אַז איר טיילט נדבות מיט אַזאַ ברייטער האַנט. איך קען באַך פאַרשטיין, ווען איר קושט אַ רייצנדן מיידל, אָבער אַוועקגעבן אַ סאָווערייןֹ אַן אָפּשטויסנדיקן אַלטן, שווער איך ביי יופּיטערן, אַז דאָס פאַרשטיי איך שוין נישט! אויסער דעם, דער אמת איז, אַז פאַר קיינעם בין איך היינט נישט געווען אין דער היים און ווען איר זענט געקומען האָב איך נישט געוווסט צי אַוזבערג וואָלט געוואָלט זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן. איר ווייסט דאָך, ער איז נישט געווען אָנגעטאָן.

— פאַר וואָס פאַר אַ טפש ער מוז מיך האַלטן! — האָט געזאָגט היוגי.

— גאָרנישט אַזוי. ער איז געווען אין דער בעסטער שטימונג, נאָך דעם ווי איר זענט אַוועק. ער האָט געלאַכט און געריבן זײַנע געקאָרטשעטע הענט אײנע אין דער אַנדערער. איך האָב נישט געקענט פאַרשטײן פאַרוואָס ער איז אַזוי פאַר־אינטערעסירט געווען צו וויסן וועגן אײַך. אָבער איצט פאַרשטײ איך שוין. ער וועט דעפּאָזיטירן אײַער סאָווערײן פאַר אײַך, היוגי. ער וועט אײַך צאָלן פּראָצענט אַלע זעקס חדשים און וועט האָבן אַ פּרעכטיקע געשיכטע צו דערצײלן נאָכמיטיק.

— איך בין אַן אומגליקלעכער טײוול — האָט געברומט היוגי. — די בעסטע זאַך וואָס איך קען טאָן, איז צו גײן שלאָפן, און איר, מײַן טײַערער אַלאַן, דאַרפט קײנעם נישט דערצײלן. איך וועל נישט וואַגן צו ווײַזן מײַן פּנים אין גאַס.

— שטותים! דאָס ווײַזט די פײַנקײט פון אײַער פילאַנטראָפּישער נאַטור, היוגי, און אַנטלויפט נישט. נעמט נאָך אַ פּאַפּיראָס און רעדט פון לאַוראַן וויפל אײַער האַרץ גלוסט.

דאָך, האָט היוגי נישט געוואָלט בלײַבן און ער איז אַוועק אַהײם, פילנדיק זיך זײער אומגליקלעך און ער האָט איבערגעלאָזט אַלאַן טרעוואָר קאַטשענדיק זיך פאַר געלעכטער.

אויף מאָרגן, ווען ער האָט געפרישטיקט, האָט אים דער דינער אַרײַנגעבראַכט אַ וויזיט־קאַרטע אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן: גוסטאַוו נאַדען, פון מאָנסיע באַראָן אַוזבערג". איך רעכן אַז ער איז געקומען זיך אַנטשולדיקן, האָט היוגי געזאָגט צו זיך אַלײן און האָט געהײסן דעם דינער אַרויפוווײַזן דעם גאַסט.

אַן אַלטער דזשענטעלמאַן מיט גאָלדענע ברילן און גרויע האָר איז אַרײַן אין צימער און מיט אַ לײַכטן פראַנצויזישן אַקצענט האָט ער געזאָגט:

— האָב איך די ערע צו רעדן מיט מאָנסיע ערסקײַן?

היוגי האָט זיך פאַרנײגט.

— איך קום פון באַראָן אַוזבערג, — האָט ער פאָרגעזעצט. — דער באַראָן

— איך בעט אײַך, הער, גיט אים איבער מײַן אַנטשולדיקונג — האָט גע־שטאַמלט היוגי.

— דער באַראָן — האָט געזאָגט דער אַלטער דזשענטעלמאַן מיט אַ שמײכל — האָט מיך געשיקט אײַך צו ברענגען דעם בריוו. — און ער האָט אים דערלאַנגט אַ פאַרזיגלטן בריוו.

אויף דער אויסערלעכער זײַט איז געווען אָנגעשריבן: אַ חתונה מתּנה פאַר היוגי ערסקײַן און לאַורא מערטאָן, פון אַן אַלטן בעטלער, און אינעווײניק איז געלעגן אַ טשעק אויף צען טויזנט פונט שטערלינג.

אויף דער חתונה איז אַלאַן טרעוואָר געווען דער געוווּנטשנסטער גאַסט און דער באַראָן האָט געהאַלטן אַ רעדע אויפן חתונה־מאָלצײַט.

— מיליאָנערן אַלס מאָדעלן — האָט באַמערקט אַלאַן, — זענען גענוג זעלטן; אָבער, בײַ גאָט, מוסטערהאַפטע מיליאָנערן זענען נאָך זעלטענער!

דער גליקלעכער פּרינץ

הויך איבער דער שטאָט, אויף אַ הויכן זייל, איז געשטאַנען די סטאַטוע פונעם גליקלעכן פּרינץ. ער איז געווען געדעקט אין גאַנצן מיט דינע בלעטלעך פון פיין גאָלד, אַלס אויגן האָט ער געהאַט צוויי בליאַסקנדיקע סאַפּירן, און אַ גרויסער רויטער רובין האָט געפלאַמט אין הענטל פון זיין שווערד.

ער איז געווען באמת זייער פאַרערט.

— ער איז שיין ווי אַ ווענטילאַטאָר, — האָט באַמערקט איינער פון די שטאָט־ראַטמענער, וועלכער האָט געוואָלט קריגן אַ רעפּוטאַציע אַלס אַ מענטש מיט אַ קונסט־געשמאַק. — ער איז נאָר נישט אַזוי נוצלעך — האָט ער צוגעגעבן, אויס מורא דאָס פאָלק זאָל אים נישט האַלטן פאַר אומפּראַקטיש, וואָס ער איז באמת נישט געווען.

— פאַר וואָס קענסטו נישט זיין ווי דער גליקלעכער פּרינץ? — האָט געפרעגט א קלוגע מוטער איר קליינעם יינגל, וואָס האָט געוויינט, ווייל ער האָט געוואָלט די לבנה.

— דער גליקלעכער פּרינץ קלערט קיין מאָל נישט צו וויינען צוליב עפּעס.

—איך בין צופרידן, וואָס ס׳איז פאַראַן עמעץ אין דער וועלט, וואָס איז פול־קאָם גליקלעך — האָט געשעפּטשעט אַן אַנטוישטער מאַן, ווען ער האָט געקוקט אויף דער וואונדערפולער סטאַטוע.

— ער זעט אויס ווי אַ מלאך — האָבן געזאָגט די שול־קינדער, ווען זיי זענען אַרויס פון קלויסטער אין זייערע העלע רויטע מאַנטלען און ריינע, ווייסע פאַר־טעכלעך.

— ווי אַזוי ווייסט איר? — האָט געפרעגט דער לערער פון מאַטעמאַטיק — איר האָט קיין מאָל קיין איינעם נישט געזען.

— אָ! אָבער אין אונדזערע חלומות האָבן מיר געזען — האָבן געענטפערט די קינדער — און דער לערער פון מאַטעמאַטיק האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט אויס־געזען זייער שטרענג, ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון קינדערשע חלומות.

איין נאַכט איז געפֿלויגן איבער דער שטאָט אַ קלײן שוועלבעלע. זײַנע פֿרײַנד זענען אַוועק קיין מצרים פֿריִער מיט זעקס וואָכן, נאָר ער איז געבליבן הינטער־שטעליק, ווײַל ער איז געווען פֿאַרליבט אין דער שענסטער טראַסטינע. ער האָט זי באַגעגנט פֿרי אין פֿרילינג, ווען ער איז געפֿלויגן איבערן טײַך יאָגנדיק זיך נאָך אַ דיקער געלער מויל, און ער איז געוואָרן אַזוי צוגעצויגן דורך איר שלאַנקער טאַליע, אַז ר׳האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט איר צו רעדן.

— מעג איך אײַך ליב האָבן? — האָט געפֿרעגט דאָס שוועלבעלע, וואָס האָט ליב געהאַט צו גײן גלײַך צום ענין, און די טראַסטינע האָט זיך נידעריק פֿאַרנייגט. איז די שוואַלב געפֿלויגן אַרום און אַרום איר, האָט אָנגערירט דאָס וואַסער מיט זײַנע פֿליגל און האָט געמאַכט זילבערנע כוואַליעלעך; אַזוי איז געווען זײַן פֿרײַנדשאַפֿט און ס׳האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן זומער.

— דאָס איז אַ לעכערלעכע ליבע — האָבן געצוויטשערט די אַנדערע שוועל־בעלעך — זי האָט נישט קײן געלט און צופֿיל קרובים; און דער טײַך איז טאַקע פֿול געווען מיט טראַסטינעס. און ווען ס׳איז געקומען דער האַרבסט זענען זײ אַלע אַוועקגעפֿלויגן.

נאָך דעם ווי זײ זענען אַוועק האָט ער זיך דערפֿילט עלנט און האָט אָנגעהויבן מיד צו ווערן פֿון זײַן געליבטער. זי קען נישט פֿירן קײן געשפּרעך — האָט ער געזאָגט — און איך האָב מורא, אַז זי איז אַ קאָקעטע, ווײַל זי פֿלירטעוועט אַלע מאָל מיטן ווינט. און ריכטיק, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן האָט אים די טראַסטינע געמאַכט די העפֿלעכסטע פֿאַרנייגונגען. איך אָנערקען אַז זי איז אַ היימזיצערן — האָט ער פֿאַרגעזעצט — אָבער איך האָב ליב צו רעדן, און דעריבער, דאַרף מײַן פֿרוי אויך ליב האָבן צו רעדן.

— ווילט איר גײן מיט מיר? — האָט ער איר ענדלעך געפֿרעגט — אָבער די טראַסטינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף נײן, זי איז אַזוי צוגעבונדן געווען צו איר היים.

— איר האָט געלאַכט פֿון מיר! — האָט ער אויסגערופֿן. — איך לאָז זיך צו די פּיראַמידן. אַ גוטן! און ער איז אַוועקגעפֿלויגן.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געפֿלויגן און אין אָוונט איז ער געקומען אין שטאָט אַרײַן.

— וווּ זאָל איך זיך אָפּשטעלן? — האָט ער געפֿרעגט — איך האָף אַז די שטאָט האָט געמאַכט הכנות.

דאַן האָט ער דערזען די סטאַטוע אויף דעם הויכן זײַל.

— איך וועל זיך דאָרט אָפּשטעלן! — האָט ער אויסגערופֿן — ס׳איז אַ פֿײַן פּלאַץ מיט אַ סך פֿרישער לופֿט.

און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די פֿיס פֿונעם גליקלעכן פּרינץ.

— איך האָב אַ גאָלדן שלאָף־צימער — האָט ער געזאָגט שטיל צו זיך אַליין, ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און ער האָט זיך געגרייט צו גיין שלאָפן. אָבער פּונקט ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אונטער זיינע פליגל, איז אַ גרויסער טראָפּן וואַסער אויף אים אַראָפּגעפאַלן.

— וואָס פאַר אַ מאָדנע זאַך! — האָט ער אויסגערופן — קיין וואָלקנדל איז נישטאָ אין הימל, די שטערן זענען קלאָר און שטראַלנדיק, און דאָך רעגנט. דער קלימאַט אין צפון־אייראָפּע איזווירקלעך שרעקלעך. די טראַסטינע פלעגט ליב האָבן דעם רעגן, אָבער דאָס איז נאָר געווען צוליב איר עגאָיזם.

דאַן איז געפאַלן נאָך אַ טראָפּן.

— נאָך וואָס נוצט אַ סטאַטוע, וואָס קען נישט שיצן פון רעגן? — האָט ער געפרעגט — איך מוז זוכן אַ זיכער קוימענדעכל, און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופליען.

אָבער איידער ער האָט צעשפּרייט די פליגל, איז אַ דריטער טראָפּן געפאַלן. ער האָט אַרויפגעקוקט און דערזען — אָך! וואָס האָט ער דערזען?

די אויגן פונעם גליקלעכן פּרינץ זענען פול געווען מיט טרערן, און טרערן האָבן געראַנען פון זיינע גאָלדענע באַקן. זיין געזיכט איז געווען אַזוי שיין ביי דער לבנה־שיין, אַז דאָס קליינע שוועלבעלע האָט באַקומען גרויס רחמנות.

— ווער זענט איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין דער גליקלעכער פּרינץ.

— פאַר וואָס־זשע וויינט איר? — האָט געפרעגט דאָס שוועלבעלע. — איר האָט מיך אין גאַנצן דורכגענעצט.

— ווען איך האָב געלעבט און האָב געהאַט אַ מענטשלעך האַרץ — האָט געענטפערט די סטאַטוע — האָב איך נישט געוווּסט וואָס ס׳הייסט טרערן, ווייל איך האָב געלעבט אין פּאַלאַץ „סאַן סוסי״, ווו ליידן איז נישט דערלויבט אַריינצוקומען. בייטאָג האָב איך זיך געשפּילט מיט מיינע חברים אין גאָרטן און אין אָוונט האָב איך אָנגעפירט דעם טאַנץ אין גרויסן זאַל. אַרום דעם גאָרטן האָט זיך געצויגן אַ זייער הויכע וואַנט, אָבער איך האָב קיין מאָל נישט געטראַכט צו פרעגן, וואָס עס געפינט זיך הינטער איר. אַלץ אַרום מיר איז געווען אַזוי פּראַכטפול. מיינע הויפלייט האָבן מיך גערופן דער גליקלעכער פּרינץ, גליקלעך באמת בין איך געווען, אויב פאַרגעניגן הייסט גליק. אַזוי האָב איך געלעבט און אַזוי בין איך געשטאָרבן. און איצט, אַז איך בין טויט, האָבן זיי מיך דאָ אַוועקגעשטעלט אַזוי הויך, אַז איך קען זען אין גאַנצן די מיאוסקייט און אין גאַנצן די אָרעמקייט פון מיין שטאָט, און הגם מיין האַרץ איז פון בליי, האָב איך קיין ברירה נישט און מוז וויינען.

— וואָס! איז עס נישט פון עכט גאָלד? — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע צו זיך אַליין — ס׳איז געווען גענוג איידל ס׳זאָל נישט מאַכן פּערזענלעכע באַמערקונגען אין דער הויך.

— ווייט פון דאַנען — האָט פאַרגעזעצט די סטאַטוע מיט אַ שטילער, מוזיקאַ־

לישער שטימע — װײט פֿון דאַנען, אין אַ שמאָל געסל, שטײט אַן אָרעם הײזל. אײן פֿענצטער איז אָפֿן און דורך דעם זעט זיך אַ פֿרױ זיצן בײם טיש. איר געזיכט איז מאָגער און מיד, און אירע הענט זענען רױט און גראָב, אין גאַנצן צעשטאָכן פֿון דער נאָדל, װײל זי איז אַ נײטאָרן. זי נײט אױס ליבע־בלומען אױף אַן אַטלאַסן קלײד, װאָס די שענסטע הױף־פֿרײלן פֿון דער קעניגין דאַרף טראָגן אױפֿן נאָענטסטן הױף־באַל. אין בעט, אין װינקל פֿון צימער, ליגט איר קלײן ייִנגל קראַנק. ער פֿיבערט, בעט אַ מאַראַנץ. זײן מוטער האָט אים גאָר נישט צו געבן אױסער טײך־װאַסער, און דריבער װײנט ער. שװעלבעלע, שװעלבעלע, קלײן שװעלבעלע, װילסטו מיר נישט אַװעקטראָגן דעם רובין פֿון מײן שװערד־הענטל? מײנע פֿיס זענען צוגעשמידט צו דעם זײל און איך קען זיך נישט רירן.

— מ׳װאַרט אױף מיר אין מצרים —האָט געזאָגט דאָס שװעלבעלע — מײנע פֿרײנד פֿליִען אַרױף און אַראָפּ פֿון נילוס, און שמועסן מיט די גרױסע לאָטוס־בלומען. באַלד װעלן זײ גײן שלאָפֿן אין קבר פֿונעם גרױסן קעניג. דער קעניג זעלבסט ליגט אין זײן געמאָלטער טרונע. ער איז אײנגעהילט אין געלער לײװנט און פֿאַר־באַלזאַמירט מיט בשׂמים. אַרום זײן האַלדז הענגט אַ קײט פֿון בלאַסן גרינעם נעפֿריט, און זײנע הענט זענען װי פֿאַרװעלקטע בלעטער.

— שװעלבעלע, שװעלבעלע, קלײן שװעלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — װילסטו נישט בלײבן מיט מיר אײן נאַכט און זײן מײן שליח? דאָס ייִנגל איז אַזױ דאָרשטיק און די מוטער אַזױ טרױעריק.

— איך װײס נישט צי איך האָב ליב ייִנגלעך — האָט געענטפֿערט דאָס שװעל־בעלע — דעם לעצטן זומער, װען כ׳האָב געװױלט בײם טײך זענען דאָרט געװען צװײ גראָבע ייִנגלעך, דעם מילנערס זין, װעלכע פֿלעגן שטענדיק װאַרפֿן אין מיר שטײנער. זײ האָבן מיר קײן מאָל פֿאַרשטײט זיך, נישט געטראָפֿן, װאָרעם מיר שװאַלבן פֿליִען זײער הױך און אױסער דעם שטאַם איך פֿון אַ משפּחה, װאָס איז באַרימט מיט איר פֿלינקײט; אָבער פֿון דעסטװעגן איז דאָס אַ צײכן פֿון אומהעפֿלעכ־קײט.

אָבער דער גליקלעכער פּרינץ האָט אױסגעזען אַזױ טרױעריק, אַז דאָס קלײנע שװעלבעלע איז געװאָרן זײער באַ׳צער׳ט.

— ס׳איז דאָ זײער קאַלט — האָט געזאָגט דאָס שװעלבעלע — אָבער איכ׳ל בלײבן מיט אײך אײן נאַכט און װעל זײן אײער שליח.

— איך דאַנק דיר קלײן שװעלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ.

און דאָס שװעלבעלע האָט אַרױסגעפּיקט דעם גרױסן רובין פֿונעם פּרינצס שװערד און איז אַװעקגעפֿלױגן מיט אים אין זײן שנאָבל איבער די דעכער פֿון שטאָט.

ס׳איז דורכגעפֿלױגן איבערן קאַטעדראַל־טורעם, װוּ די װײסע מירמלשטײ־נערנע מלאכים זענען געשטאַנען. ס׳איז דורכגעפֿלױגן איבער דעם פּאַלאַץ און האָט

געהערט דעם גערויש פון טאַנצן. אַ קליין מיידל איז אַרויסגעקומען אויפן באַלקאָן מיט איר געליבטן.

— ווי פּראַכטפול די שטערן זענען — האָט ער געזאָגט צו איר — און ווי פּראַכטפול איז די מאַכט פון ליבע.

— איך האָף, אַז מיין קלייד וועט פּאַרטיק ווערן אין צייט פאַרן מלוכה־באַל — האָט זי געענטפערט — איך האָב געלאָזט אויסנייען ליבע־בלומען אויף דעם, אָבער די נייטאָרנס זענען אַזוי פויל.

דאָס שוועלבעלע איז דורכגעפלויגן דעם טייך און ס׳האָט געזען די לאַמטערנעס הענגען אויף די מאַסטביימער פון די שיפן. ס׳איז דורכגעפלויגן דעם געטאָ, און האָט געזען ווי די אַלטע ייִדן האַנדלען איינער מיטן אַנדערן, וועגן אויס גאָלד און קופּער אויף דער וואָגשאָל. ענדלעך איז עס געקומען צו דער אָרימער הייזקע און האָט אַהין אַריינגעקוקט. דאָס ייִנגעלע האָט געפיבערט און זיך געוואָרפן אין בעט, און די מוטער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. זי איז געווען אַזוי פאַרמאַטערט. ס׳איז אַריינגעפלויגן און האָט אַוועקגעלייגט דעם גרויסן רובין אויף דעם טיש לעבן דער פרויס פינגערהוט. דאַן איז עס צאַרט אַרומגעפלויגן אַרום בעט, פאָכענדיק דעם קינדס שטערן מיט זיינע פליגל.

— ווי קיל ס׳איז! — האָט געזאָגט דאָס קינד — ווייזט אויס ס׳ווערט מיר בעסער, און איז פאַרזונקען אין אַ זיסן שלאָף.

דאַן איז דאָס שוועלבעלע צוריקגעפלויגן צום גליקלעכן פּרינץ און ס׳האָט אים דערציילט, וואָס ס׳האָט געטאָן. — ס׳איז מאָדנע — האָט ער באַמערקט — אָבער מיר איז איצט וואַרעם כאָטש אַרום איז קאַלט.

— דאָס איז, ווייל האָסט געטאָן אַ גוטע זאַך — האָט געזאָגט דער פּרינץ.

און דאָס קליינע שוועלבעלע האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן און ס׳איז איינגעשלאָפן. טראַכטן מאַכט שטענדיק שלעפּערדיק.

ווען דער טאָג איז געקומען איז עס אַראָפּגעפלויגן צום טייך און האָט זיך אויסגעבאָדן.

— וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע דערשיינונג — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר פון אָרניטאָלאָגיע, ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען די בריק — אַ שוואַלב אום ווינטער. און האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו דער לאָקאַלער צייטונג. יעדער איינער האָט אים ציטירט, ער איז געווען פול מיט אַזוי פיל ווערטער, אַז זיי האָבן אים נישט געקענט פאַרשטיין.

— היינט אין אָוונט פלי איך קיין מצרים — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע — און ס׳איז געווען אין אַ הויכער שטימונג פון דער פּערספּעקטיוו. ס׳האָט באַזוכט אַלע געזעלשאַפטלעכע מאָנומענטן און ס׳איז געזעסן אַ לאַנגע צייט אויפן קלויסטער־טורעם. וווהין ס׳איז געקומען האָבן די שפּערלינגס געצוויטשערט און געזאָגט איי־נער דעם אַנדערן: „וואָס פאַר אַ געהויבענער אורח!" און ס׳איז געווען זייער צופרידן.

ווען די לבנה איז אויפגעגאַנגען איז עס צוגעפלויגן צום גליקלעכן פּרינץ.

— האָט איר עפּעס איבערצוגעבן קיין מצרים? — האָט עס געפרעגט — איך פלי באַלד אַוועק.

— שוועלבעלע, שוועלבעלע, קליין שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — ווילסטו נישט פאַרבלייבן מיט מיר נאָך איין נאַכט?

— מ׳וואַרט אויף מיר אין מצרים — האָט געענטפערט דאָס שוועלבעלע — מאָרגן וועלן מײַנע פרײַנד אַפּפליען צום צווייטן וואַסערפאַל. דער היפּאָפּאָטאַם ליגט דאָרט צווישן די טראַסטינעס און אויף אַ גרויסן טראָן פון גראַניט זיצט דער גאָט מעמנאָן. אַ גאַנצע נאַכט קוקט ער אויף די שטערן און ווען דער מאָרגנשטערן שײַנט אויף, לאָזט ער אַרויס אַ פרייד־אויסגעשריי און דאַן בלײַבט ער שטיל. אין האַלבן טאָג קומען אַראָפּ צום ברעג די געלע לייבן טרינקען. זיי האָבן אויגן ווי גרינע בע־רילן און זייער רעווען איז העכער פונעם געריוש פונעם וואַסערפאַל.

— שוועלבעלע, שוועלבעלע, קלייניקע שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — ווייט פון דאַנען, אין מיטן שטאָט, זע איך אַ יונגנמאַן אין אַ בוידעם־שטיבל. ער זיצט איבערגעבויגן איבער אַ שרייב־טיש, אַ פול אָנגעוואָרפענעם מיט פּאַפּירן און אין אַ בלומענטאָפּ לעבן אים שטייט אַ בוקעט פאַרוועלקטע פיאָלעט־בלומען. זײַנע האָר זענען ברוין און געקרייזלט און זײַנע ליפּן זענען רויט ווי אַ מילגרוים, און ער האָט גרויסע און פאַרחלומטע אויגן. ער אײַלט זיך צו פאַרענדיקן אַ דראַמע פאַרן טעאַטער־דירעקטאָר, אָבער ס׳איז זייער קאַלט צו שרײַבן ווײַטער. קיין פייער איז נישטאָ אין קאַמין, און דער הונגער האָט אים אָפּגעשוואַכט.

— איך וועל איבערבלײַבן מיט אײַך נאָך איין נאַכט — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע, וועלכער האָט באמת געהאַט אַ גוט האַרץ — זאָל איך אַוועקטראָגן אַן אַנדערן רובין?

— אַך! איך האָב נישט קיין רובין איצט — האָט געזאָגט דער פּרינץ. — דאָס אײנציקע, וואָס ס׳איז מיר געבליבן זענען מײַנע אויגן. זיי זענען געמאַכט פון זעל־טענע סאַפּירן, וועלכע מען האָט געבראַכט פון אינדיע מיט אַ טויזנט יאָר צוריק. פּיק אויס איינעם פון זיי און טראָג אים אַוועק צו אים. ער וועט אים אַוועקגעבן דעם יובעליר און וועט קויפן שפּייז און האָלץ און וועט פאַרענדיקן זײַן דראַמע.

— טײַערער פּרינץ — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע — איך קען דאָס נישט טאָן, און ס׳האָט אָנגעהויבן וויינען.

— שוועלבעלע, שוועלבעלע, קלייניקע שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — טו ווי איך הייס דיר.

און דאָס שוועלבעלע האָט אויסגעפּיקט דעם פּרינצ׳ס אַן אויג און איז אַוועק־געפלויגן צום שרײַבערס בוידעם־שטיבל. ס׳איז געווען גאַנץ לײַכט אַהין אַרײַנצו־קומען, ווײַל ס׳איז דאָרט געווען אַ לאָך אין דאַך. דורך אים איז עס אַרײַנגעשפּרונ־גען און איז אַרײַן אין צימער. דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן זײַן קאָפּ באַהאַלטן אין

זיינע הענט און דעריבער האָט ער נישט געהערט דאָס פלאַטערן פונעם פייגעלעס פליגל, און ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געפונען דעם פּראַכטפולן סאַפיר ליגן אויף די פּאַרוועלקטע פיאַלעט־בלומען.

— מ׳הייבט מיך אָן צו אָנערקענען! — האָט ער אויסגעשריגן — דאָס איז פון אַ גרויסן פאַרערער. איצט קען איך פאַרענדיקן מיין דראַמע, און ער האָט אויסגעזען זייער גליקלעך.

דעם צווייטן טאָג איז דאָס שוועלבעלע אַראָפּגעפלויגן צום האַפן. עס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן מאַסטבוים פון אַ גרויסער שיף און ס׳האָט געקוקט ווי די מאַטראָסן שלעפּן אַרויס גרויסע קאַרזינעס פונעם קעלער מיט שטריק. העבער! האָבן זיי געשריגן ביי יעדער קאַרזינע, וואָס איז אַרויפגעקומען.

— איך פלי קיין מצרים! — האָט אויסגערופן דאָס שוועלבעלע — אָבער קיינער האָט עס נישט געהערט. און ווען די לבנה איז אויפגעגאַנגען איז דאָס שוועלבעלע צוריקגעפלויגן צום גליקלעכן פּרינץ.

— איך קום זיך געזעגענען מיט אייך — האָט עס אויסגערופן.

— שוועלבעלע, שוועלבעלע, קליין שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — ווילסטו מיט מיר נישט בלייבן נאָך איין נאַכט?

— ס׳איז ווינטער — האָט געענטפערט דאָס שוועלבעלע — און דער קאַלטער שניי וועט באַלד דאָ זיין. אין מצרים וואַרעמט די זון. די גרינע פּאַלמען־ביימער און די קראָקאָדילן ליגן אין דער בלאָטע און קוקן פוילע אַרום זיך. מיינע חברים בויען אַ נעסט אין טעמפּל פון באַאַל בעק. און די רויטע און ווייסע טויבן קוקן אויף זיי און וואָרקען איינע צו דער אַנדערער. טייערער פּרינץ, איך מוז אייך פאַרלאָזן, אָבער איך וועל אייך קיין מאָל נישט פאַרגעסן, און דעם קומענדיקן פרילינג וועל איך אייך צוריקברענגען צוויי פּראַכטפולע שטיינער אַנשטאָט די, וואָס איר האָט אַוועקגעגעבן. דער רובין וועט זיין רויטער פון אַ רויטער רויז, און דער סאַפּיר וועט זיין אַזוי בלוי ווי דער גרויסער ים.

— אונטן אויפן פּלאַץ — האָט געזאָגט דער גליקלעכער פּרינץ — שטייט אַ קליין מיידעלע, וואָס פאַרקויפט שוועבעלעך. זענען אירע שוועבעלעך אַריינגעפאַלן אין וואַסער און זיי זענען אַלע פאַרדאָרבן געוואָרן. איר פאָטער וועט איר שלאָגן אויב זי וועט נישט אַהיימברענגען אַ ביסל געלט, און זי וויינט. זי האָט נישט קיין שיך און זאָקן, און איר קליין קעפּל איז אַנטבלויזט. פּיק אויס מיין צווייט אויג און גיב עס איר אַוועק, און איר פאָטער וועט איר נישט שלאָגן.

— איכ׳ל בלייבן מיט אייך נאָך איין נאַכט — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע — אָבער איך קען נישט אויספּיקן אייער אויג. איר וועט אין גאַנצן בלינד זיין און דאַן...

— שוועלבעלע, שוועלבעלע, קליין שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — טו ווי איך הייס דיך.

און דאָס שװעלבעלע האָט אױסגעפּיקט דעם פּרינצס אַנדערע אױג און איז דער־מיט אַװעקגעפֿלױגן. עס האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן מײדעלע פֿון די שװעבעלעך און האָט אַרײַנגעװאָרפֿן דעם בריליאַנט אין איר דלאָניע.

— װאָס פֿאַר אַ שײן שטיקל גלאָז! — האָט אױסגערופֿן דאָס קלײנע מײדעלע — און איז אַהײמגעלאָפֿן אַ פֿרײלעכע.

דאַן איז דאָס שװעלבעלע געקומען צוריק צום פּרינץ. — איר זענט בלינד איצט — האָט עס געזאָגט — און איך װעל מיט אײַך בלײַבן אױף שטענדיק.

— נײן, קלײן שװעלבעלע — האָט געזאָגט דער אָרעמער פּרינץ — דו מוזט פֿליען קײן מצרים.

— איך װעל מיט אײַך בלײַבן אױף שטענדיק — האָט געזאָגט דאָס שװעלבעלע — און האָט אַ שפּרונג געטאָן אױפֿן פּרינצס פֿיס.

אין פֿאַרלױף פֿונעם גאַנצן אַנדערן טאָג איז עס געזעסן אױפֿן פּרינצס אַקסל און ס׳האָט אים דערצײלט געשיכטעס, װאָס ס׳האָט געזען אין װײַטע לענדער. ס׳האָט אים דערצײלט װעגן די רױטע איבּיס־פֿײגל, װאָס שטײען אין לאַנגע רײען אױף די ברעגן פֿונעם נילוס און כאַפּן גאָלדענע פֿיש מיט זײערע שנאָבלען; װעגן ספֿינקס װאָס איז אַלט װי די װעלט און לעבט אין מדבר און װײסט אַלץ; װעגן די סוחרים װאָס גײען פּאַמעלעך בײַ דער זײַט פֿון זײערע קעמלען און טראָגן קאָראַלן פֿון בורשטין אין זײערע הענט; װעגן קעניג פֿון די לבנה־בערג װאָס איז אַזױ שװאַרץ װי דאָס עבן־האָלץ און פֿאַרגעטערט אַ גרױסן קרישטאָל; װעגן דער גרױסער שלאַנג, װאָס שלאָפֿט אין אַ פּאַלמען־בױם, און האָט צװאַנציק פּריסטער איר צו האָדעװען מיט האָניק־לעקעך, און װעגן די קאַרליקעס, װעלכע שװימען איבער אַ גרױסער אָזערע אױף גרױסע, פֿלאַכע בלעטער און זענען שטענדיק אין קריג מיט די זומער־פֿײגעלעך.

— טײַער קלײן שװעלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — דו דערצײלסט מיר װוּנדערלעכע זאַכן, אָבער װוּנדערלעכער פֿון אַלעמען זענען די לײדן פֿון מענער און פֿרױען. ס׳איז נישטאָ פֿאַראַן קײן מיסטעריע זאָל זײַן אַזױ גרױס װי אָרעמקײט. פֿלי איבער מײַן שטאָט, קלײן שװעלבעלע, און דערצײל מיר װאָס האָסט געזען דאָרט.

און דאָס שװעלבעלע איז געפֿלױגן איבער דער גרױסער שטאָט און האָט געזען װי די רײַכע מאַכן זיך פֿרײלעך אין זײערע פּראַכטפֿולע הײַזער, װערנד די בעטלערס זיצן בײַ די טױערן. ס׳איז געפֿלױגן איבער פֿינצטערע געסלעך, און ס׳האָט געזען די בלאַסע פּנימלעך פֿון הונגעריקע קינדערלעך, װאָס קוקן גלײַכגילטיק אױף די שװאַרצע גאַסן. אונטערן בױגנגאַנג פֿון אַ בריק זענען געלעגן צװײ קלײנע יינגלעך, אײנער אין אַנדערנס אָרעמס זיך אָנצװאַרעמען. — װי הונגעריק מיר זענען — האָבן זײ געזאָגט. — איר טאָרט דאָ נישט ליגן! — האָט אָנגעשריגן דער װעכטער און זײ האָבן אַװעקגעװאַנדערט אין רעגן.

דאָן איז עס צוריקגעפלויגן און דערציילט דעם פּרינץ, וואָס ס׳האָט געזען.

— איך בין באַדעקט מיט פיין גאָלד — האָט געזאָגט דער פּרינץ — דו מוזט עס אַראָפּנעמען בלעטל נאָך בלעטל און עס אַוועקגעבן מיינע אָרעמע; די לעבעדיקע מיינען שטענדיק, אַז גאָלד קען זיי מאַכן גליקלעך.

איין בלעטל נאָכן אַנדערן פונעם פיינעם גאָלד האָט דאָס שוועלבעלע אָפּגע־ריסן, ביז דער גליקלעכער פּרינץ האָט אויסגעזען אין גאַנצן קאָלירלאָז און גרוי. איין בלעטל נאָכן אַנדערן פונעם פיינעם גאָלד האָט עס געבראַכט צו די אָרעמע. די קינדערס פּנימער זענען געוואָרן פאַרביק און זיי האָבן געלאַכט און זיך געשפּילט אין גאַס. מיר האָבן ברויט איצט! האָבן זיי געשריגן.

דאָן איז געקומען דער שניי און נאָכן שניי איז געקומען דער פראָסט. די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געמאַכט געווען פון זילבער, אַזוי האָבן זיי געגלאַנצט און שעמערירט. לאַנגע אייז־שטעקעלעך ווי קרישטאָלענע שפּיזן האָבן אַראָפּגע־האַנגען פון די דעכער, יעדער איז געגאַנגען אין פוטער און די קליינע יינגלעך האָבן געטראָגן רויטע מיצן און האָבן זיך געגליטשט אויפן אייז.

דעם אָרעמען קליינעם שוועלבעלע איז געוואָרן אַלץ קעלטער און קעלטער, אָבער ס׳האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן דעם פּרינץ, ס׳האָט אים צו שטאַרק ליב געהאַט. ס׳האָט אויפגעקליבן ברעקלעך ביים בעקערס טיר, ווען דער בעקער האָט נישט געקוקט, און ס׳האָט געפּרוווט זיך דערוואַרעמען פאָכנדיק מיט די פליגל.

אָבער ענדלעך האָט עס דערשפּירט, אַז ס׳שטאַרבט. ס׳האָט נאָר פאַרמאָגט כוח נאָך איין מאָל אַרויפצופליען אויפן פּרינצס אַקסל.

— זייט געזונט, טייערער פּרינץ — האָט עס אַרויסגעשעפּטשעט — איר׳ט מיר דערלויבן אַ קוש טאָן אייך אין האַנט?

— איך בין צופרידן, וואָס דו פליסט ענדלעך קיין מצרים, קליין שוועלבעלע — האָט געזאָגט דער פּרינץ — האָסט דאָ צופיל געווילט, אָבער גיב מיר אַ קוש אין די ליפּן, ווייל כ׳ליב דיך.

— ס׳איז נישט קיין מצרים, וווהין איך גיי — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע — איך גיי צום טויט. טויט איז דער ברודער פונעם שלאָף, נישט אַזוי?

און ס׳האָט אַ קוש געטאָן דעם גליקלעכן פּרינץ אין זיינע ליפּן און עס איז געפאַלן טויט ביי זיינע פיס.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ מאָדנער קראַך אין דער סטאַטוע, ווי עפּעס וואָלט זיך צעבראָכן. אין אמתן האָט זיך דאָס בלייענע האַרץ צעשפּאָלטן אויף צוויייען. ס׳איז טאַקע געווען אַ שרעקלעך שטאַרקער פראָסט.

אין דער פרי, באַגינען אויפן צווייטן טאָג, איז דער אינטענדענט געגאַנגען אונטן אין דער קאָמפּאַניע פון שטאָט־ראַטמענער. ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם זייל האָבן זיי אַרויפגעקוקט אויף דער סטאַטוע.

— גאָט מיינער! ווי מיאוס דער גליקלעכער פּרינץ זעט אויס! — האָט ער געזאָגט.

— ריכטיק, ווי מיאוס! — האָבן אויסגערופֿן די שטאָט־ראַטמענער, וועלכע האָבן שטענדיק אײַנגעשטימט מיטן אינטענדענט און זיי זענען אַרויפֿגעגאַנגען אים צו באַטראַכטן.

דער רובין איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַן שווערד, זײַנע אויגן זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען, און ער איז מער קיין גאָלדענער נישט. — האָט געזאָגט דער אינטענדענט, — באמת זעט ער נישט אויס שענער פֿון אַ בעטלער.

— נישט שענער פֿון אַ בעטלער — האָבן געזאָגט די שטאָט־ראַטמענער.

— און אָט ליגט אַ טויט פֿייגעלע נעבן זײַנע פֿיס! — האָט פֿאַרגעזעצט דער אינטענדענט. מיר מוזן אַרויסגעבן אַ באַפֿעל, אַז פֿייגל זאָל נישט דערלויבט זײַן דאָ צו שטאַרבן. — און דער שטאָט סעקרעטאַר האָט זיך פֿאַרצייכנט דעם פֿאַרשלאָג.

און זיי האָבן אומגעוואָרפֿן די סטאַטוע פֿונעם גליקלעכן פּרינץ. אַזוי ווי ער איז מער נישט שיין איז ער אויך מער נישט נוצלעך, — האָט געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר פֿון קונסט פֿון אוניווערסיטעט.

דאַן האָבן זיי צעשמאָלצן די סטאַטוע אין אַן אויוון און דער אינטענדענט האָט גערופֿן אַן אַסיפֿה פֿון דער געזעלשאַפֿט צו באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן מעטאַל.

— מיר מוזן האָבן אַן אַנדערע סטאַטוע, פֿאַרשטייט זיך, — האָט ער געזאָגט, — און דאָס וועט זײַן אַ סטאַטוע פֿון מיר גופֿא.

— פֿון מיר, — האָט געזאָגט יעדער פֿון די ראַטמענער, און זיי האָבן זיך גע־קריגט. ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל געהערט פֿון זיי האָבן זיי זיך נאָך געקריגט.

— וואָסער מאָדנע זאַך! — האָט געזאָגט דער אויפֿזעער פֿון די אַרבעטער אין דער גיסערײַ, — דאָס דאָזיקע צעבראָכענע בלײַענע האַרץ וויל זיך נישט צעשמעלצן אין אויוון. מיר מוזן עס אַוועקוואַרפֿן. — און זיי האָבן עס אַוועקגעוואָרפֿן אויף אַ מיסט־הויפֿן, וווּ דאָס קליינע שוועלבעלע איז אויך געלעגן.

***

— ברענג מיר צוויי פֿון די טײַערסטע זאַכן אין שטאָט, — האָט גאָט געזאָגט צו איינעם פֿון זײַנע מלאכים; — און דער מלאך האָט אים געבראַכט דאָס בלײַענע האַרץ און דאָס טויטע פֿייגעלע.

— האָסט ריכטיק אויסגעוויילט — האָט גאָט געזאָגט, — ווײַל אין מײַן גן־עדן וועט דאָס קליינע פֿויגעלע שטענדיק זינגען און אין מײַן גאָלדענער שטאָט וועט דער גליקלעכער פּרינץ מיך לויבן.

***

זשאָרזש בערנאַרד שאָו

(געבוירן אין 1856 — געשטאָרבן אין 1950)



זשאָרזש בערנאַרד שאָו, דער געניאַלער דראַמאַטורג און סאָציאַלער קריטיקער, וועלכער האָט געלאָזט מייסטער־ווערק לדורות, האָט נישט געשאַפן צו „פאַרווײַלן" אַן עולם; ער איז געווען אַ סאַטיריקער, וועלכער האָט אַרײַנגעהויכט זײַנע אײַנפאַלן, שאַרפזין און אידעען אין די לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס ער האָט אויפגעלעבט אויף דער טעאַטער־בינע.

דער טעאַטראַל שאָו האָט נישט געמאַכט קיין גרימאַסן, נײַערט האָט פּראַקטיצירט גײַסטיקע היגיענע. אונטער דער השפעה פון סעמיועל באַטלער, ניטשע, איבסען, קאַרל מאַרקס און העגרי דזשאָרדזש, האָט זיך אויסקריסטאַליזירט זײַן אייגענער וועלט־באַנעם, פון אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַליזם, ווײַט פון מאַרקסיזם און נאָענט צו דער פאַביאַנער גרופּע, וועלכער קומט צום אויסדרוק אַזוי גוט אין זײַנע דראַמעס ווי אין די באַרימטע „הקדמות", מייסטערהאַפטע עסייען, „וועגווײַזער פון דער אינטעליגענטער פרוי צו סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם", און אנדערע.

אין אַ וועלט פון עקאָנאָמישער הפקרות, פון עקספּלאָאַטאַציע און צביעות, האָט בערנאַרד שאָו אַראָפּגעריסן מאַסקעס פון פאַלשע אילוזיעס און קאָנווענציאָנאַליזמען. אַזוי אַרום האָט ער ווי אַ געניטער כירורג אויפגעשניטן די פוילע, יאַטערבדיקע וווּנדן פון הייראַט, פאַמיליע, אייגנטום, רעליגיע און וויסנשאַפט.

וועגן גרויסן מאָלער טיציאַן, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַ פּעסט אין דער עלטער פון 98 יאָר, האָט מען געזאָגט, אַז ווען נישט די פּעסט וואָלט ער נאָך געווען ביים זינען און געמאָלן ביז הײַנט. אויך וועגן שאָו קען מען זאָגן דאָס זעלבע: ווען נישט דער אַקצידענט אין זײַן גאָרטן, בעת וועלכן ער איז געפאַלן און זיך געפערלעך צעשעדיקט אין דער עלטער פון 94 יאָר, וואָס האָט פאַראורזאַכט זײַן טויט, וואָלט ער מעגלעך נאָך הײַנט בעשאַפן, געשטורעמט און געוועקט די וועלט. זײַן אינספּיראַציע און טאַלענט האָט אים נישט פאַרלאָזט ביזן לעצטן מאָמענט.

אַלס דערציילער איז שאָו ווייניקער באַקאַנט, אָבער אין דער דערציילונג „דער קייסער און דאָס קליינע מיידל" קומט צום אויסדרוק דעם מייסטערס כּוח פון סאַטיריקער, וועלכער אַטאַקירט סאַרדאָניש מלחמה און שטעלט אויס אויף חוזק די מאַכטהאָבער.

די דערציילונג איז כאַראַקטעריסטיש און גלענצנדיק פאַר בערנאַרד שאָו און פאַרדינט צו פיגורירן אין אַן אַנטאָלאָגיע פון וועלט־ליטעראַטור.

דער קייסער און דאָס קליינע מיידל

(אַ קורצע מעשה)

דאָס איז געווען איינע פון יענע נעכט, ווען איר זענט נערוועז און עס דאַכט זיך אייך, אַז איר זעט מענטשן אין די שאָטנס, אָדער אַפילו געשפּענסטער, ווייל עס איז דאָ אַ לבנה און זי גייט אַריין און אַרויס פון די כמאַרעס. אָן אַ שיעור כמאַרעס האָבן זיך דאַן געאיילט איבערן הימל; אַ טייל פון זיי זענען געווען אַזוי ווייס, אַז איך האָב געקענט דורך זיי זעען די לבנה, אַנדערע, ווי ברוינע פעדערן, וואָס האָבן זי פאַרטונקלט. און אַ טייל זענען געווען פינצטערע כמאַרעס, אַזעלכע אַז איר האָט געוווסט זיי וועלן אין גאַנצן פאַרשוואַרצן די לבנה, ווען זיי וועלן זי כאַפּן. מענטשן דערשרעקן זיך אין אַזעלכע נעכט און זיי בלייבן זיצן אין שטוב אין דער ליכט און אין דער וואַרעם, ווו זיי זענען נישט אַליין, און די נאַכט ווערט פאַרשטעלט מיט פאָרהאַנגען. אַנדערע ווערן זייער אומרויִק און האָבן חשק אַרויסצוגיין, אומוואַנדערן און קוקן אויף דער לבנה. זיי האָבן ליב די פינצטערניש, ווייל זיי קענען זיך פאַר־שטעלן כל המינים זאַכן וועגן מקומות, וואָס זיי קענען נישט זען און פאַנטאַזירן, אַז מיני ווונדערלעכע ברואים וועלן אַרויסקומען פון דער פינצטערניש און וועלן זיך אַריינלאָזן אין אַוואַנטורעס מיט זיי.

אין דער דאָזיקער פינצטערער נאַכט איז נישט געווען אַ העלפט אַזוי געפער־לעך צו זיין אין דרויסן אין דער פינצטער ווי אין יענעם נאָכמיטאָג זיך צו געפינען אויף דער שיין, ווייל דאָס איז געשען אויף אַ פּלאַץ, ווו די ענגלענדער און פראַנ־צויזן האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן. בייטאָג האָט יעדער איינער זיך באַהאַלטן אין די טראַנשייען. אויב זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייערע קעפּ אויף איין מאָמענט — פּום! זענען זיי דערשאָסן געוואָרן. פאָרהאַנגען זענען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אייך צו שטערן איבערצוקרייצן געוויסע פעלדער; זיי זענען אָבער נישט געווען ווי פענצטער פאָרהאַנגען; דאָס זענען געווען עכטע גראַנאַטן, רעגנס פון אויפרייסנדיקע באָמבעס, וואָס גראָבן אויס גרויסע גריבער אין דער ערד און צעררייסן מענטשן, בהמות און ביימער אויף שטיקלעך. דעריבער האָט מען זיי גערופן פייער־גאַרדינען. ביינאַכט

זענען נישט געווען קיין פייער־גאַרדינען. און די סאָלדאַטן, וואָס זענען וואָך געווען אַ גאַנצע נאַכט אַרויסקוקנדיק אייך צו דערשיסן, האָבן אייך נישט געקענט זען אַזוי לייכט. דאָך איז זי געווען גענוג געפערלעך, עס זאָל אייך שטערן זיך פאַרצושטעלן געשפּענסטער און רויבער. דערפאַר אָבער האָט איר נישט געקענט אויפהערן טראַכטן פון די באָמבעס און קוילן, און פון די אַלע טויטע און פאַרווונדעטע מענטשן, וואָס זענען נאָך געלעגן דאָרט ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. עס איז נישט קיין חידוש, וואָס קיינער איז נישט אַרומגעגאַנגען צו געניסן פון דער לבנה־שיין, און צו קוקן אויף די פייער־ווערק. פון צייט צו צייט האָבן די מענטשן, וואָס האָבן אויס־געקוקט צו שיסן, געוואָרפן באָמבעס וואָס האָבן אַרויפגעשליידערט אַ צעשטראַלטן שטערן צום הימל און האָט באַלויכטן אַלץ און אַלעמען, וואָס מ׳האָט געקענט זען אויף דער ערד. ווען דאָס איז געשען, זענען אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך געגנבעט, נאָכשפּירנדיק דעם שונא, אָדער זוכנדיק פאַרווונדעטע, אָדער אויפשטעלנדיק צוימען פון שטעכיקע דראָטן צו פאַרטיידיקן זייערע טראַנשייען, אַ פאַל געטאָן אויף זייערע פּנימער און זיך געמאַכט טויט ביז דער שטערן האָט זיך פאַרלאָשן.

עטוואָס שפּעטער פון האַלב צוועלף, אויף אַ פּלאַץ, ווו קיינער פון די מענטשן האָט זיך נישט אונטערגעגנבעט און די שטערן־באָמבעס זענען געווען צו ווייט צו ווייזן די ערד זייער קלאָר, האָט עמעץ פאַרזיכטיק אַרומגעשפּאַנט מיט אַ משונהדיקן גאַנג. ווייל ער האָט נישט געזוכט קיין פאַרווונדעטע, האָט נישט נאָכגעשפּיאָנירט, האָט גאָרנישט געטאָן פון דעם וואָס די סאָלדאַטן טוען; ער האָט בלויז אַרומגעוואַנ־דערט, אָפּשטעלנדיק זיך און גייענדיק ווידער, אָבער קיין מאָל נישט אָנגעבויגן זיך עפּעס אויפצוהייבן. טייל מאָל, ווען אַ שטערן־באָמבע האָט דערלאַנגט אַזוי נאָענט, אַז איר האָט זי געקענט זען קלאָר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איז געבליבן זייער שטייף אויסגעצויגן און האָט פאַרלייגט זיינע הענט. ווען עס איז ווידער פינצטער געוואָרן, איז ער אַוועק מיט אַ מאָדנעם גאַנג, ווי דער גאַנג פון זייער אַ שטאָלצן מאַן, און דאָך האָט ער באַדאַרפט גיין לאַנגזאַם, קוקן ווו ער גייט, ווייל די ערד איז אין גאַנצן געווען אויפגעריסן אין גרויסע לעכער און גריבער פון די באָמבעס. אויסער דעם האָט ער געקענט פאַלן איבער אַ טויטן סאָלדאַט. די סיבה פאַר וואָס ער איז גע־ווען אַזוי שטייף און שטאָלץ איז, ווייל ער איז געווען דער דייטשער קייסער. ווען ער איז צוגעקומען צו אַ געוויסן קוק־ווינקל צווישן אייך און דער לבנה אָדער אַ שטערן־באָמבע, האָט איר געקענט זען דעם שפּיץ פון זיין וואָנסע, וואָס איז געווען פאַרדרייט אויף אַרויף, ריכטיק ווי איר זעט אים אויף די בילדער. אָבער אַממיינסטנס האָט איר אים אין גאַנצן נישט געקענט זען, מחמת די כמאַרעס און איבער דעם וואָס די גרעסטע טייל באָמבעס האָבן אויפגעריסן אַזוי וייט, האָט איר זייער זעלטן געקענט עפּעס זען ביז איר האָט זיך נישט געפונען גאָר נאָענט.

עס איז געווען אַזוי פינצטער, אַז כאָטש דער קייסער איז געגאַנגען זייער פאָר־זיכטיק, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן גרוב, וואָס ווערט אָנגערופן קראַטער

און איז געמאַכט געוואָרן פון אַן אויפגעריסענער מינע. ער איז שיעור נישט אַריין מיטן קאָפּ אַראָפּ אין דער סאַמע טיפעניש. אַ מערכה ער האָט זיך אַנגעכאַפּט אין עפּעס. ער האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ בינטל גראָז, אָבער דאָס איז געווען די באָרד פון אַ פראַנצויז, און דער פראַנצויז איז געווען טויט. דאַן איז די לבנה אַרויסגעקומען אויף אַ מאָמענט. דער קייסער האָט געזען אַ היפּשע צאָל סאָלדאַטן — אַ טייל פון זיי פראַנצויזן און אַ טייל דייטשן, זענען צעריסן געוואָרן אין דעם גרוב און זענען דאָרט געלעגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי אַלע קוקן אויף אים.

דער קייסער איז שרעקלעך דערשיטערט געוואָרן. איידער ער האָט זיך געקענט באַרעכענען וואָס ער טוט, האָט ער געזאָגט צו די טויטע מענטשן אויף דייטש: — איך האָבע עס ניכט געוואָלט — פונקט ווי איר זאָגט, ווען מען זידלט אייך אויס, פאַר וואָס איר האָט געטאָן אַ שלעכטע זאַך. דאַן איז ער אַרויסגעקראָכן פונעם גרוב און איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, אָבער ער האָט זיך דערפילט אַזוי שלעכט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוזעצן נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ קליין שטיקל וועג. ס'קען זיין ער וואָלט ווייטער געקענט גיין, ווען ער זאָל געווען פרווון; אָבער אַן אַמוניציע-קאַסטן, וואָס איז געלעגן אויף זיין וועג איז געווען אַזוי באַקוועם זיך אַוועקצוזעצן אויף אים, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורוען ביז ער וועט זיך דערפילן בעסער.

דאָס וואָס עס איז איצט געשען איז געווען זייער איבערראַשנדיק. אַ ברוין באַשעפעניש איז אַרויסגעקומען פון דער פינצטערניש. ער וואָלט עס געווען אָנגענומען פאַר אַ הונט, ווען עס זאָל נישט געווען קלאַפּן און טומלען בשעת ס'איז געגאַנגען. ווען עס איז צוגעקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז דאָס איז אַ קליין מיידעלע. זי איז געווען צו יונג צו זיין וואָך דריי פערטל צוועלף ביינאַכט. דאָס קלאַפּן איז געקומען פון אַ בלעכן קענדל, וואָס זי האָט געטראָגן. זי האָט געוויינט, נישט הויך, נאָר אַזוי געכליפּעט. ווען זי האָט דערזען דעם קייסער האָט זי זיך גאַרנישט דערשראָקן אָדער איבערראַשט. זי האָט בלויז אויפגעהערט וויינען מיט אַ גרויסן כליפּ און האָט געזאָגט:

— איך באַדויער, אָבער מיין וואַסער האָט זיך מיר אינגאַנצן אויסגעלאָזט.

— וואָס פאַר אַ שאָד! — האָט געזאָגט דער קייסער, וועלכער איז געוווינט געווען צו קינדער — ביסטו זייער דאָרשטיק? זעסטו, איך האָב אַ פלעשל. אָבער איך האָב מורא, אַז דאָס וואָס ס'איז דאָ אין דעם איז צו שטאַרק דו זאָלסט עס טרינקען.

— איך וויל נישט טרינקען — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל אַן איבערראַשטע.

— ווילט איר נישט טרינקען? זענט איר נישט פאַרוווּנדעט?

— ניין — האָט געזאָגט דער קייסער — פאַר וואָס וויינסטו?

דאָס קליינע מיידל האָט שיעור נישט אָנגעהויבן ווידער צו וויינען...

— די סאָלדאַטן זענען געווען זייער שלעכט צו מיר — האָט זי געזאָגט צוגייענ־

דיק נאָענט צום קייסער און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין קני. — פיר פון זיי ליגן אָט דאָרטן און אַ קראַטער. איינער אַן ענגלענדער, איין פראַנצויז און צוויי באָשן.

— דו דאַרפסט נישט אָנרופן אַ דייטשן סאָלדאַט באָש האָט שטרענג געזאָגט דער קייסער — דאָס איז זייער שלעכט.

— ניין — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — עס איז אמת, יעדער סאָלדאַט האָט זיך זיין צונאָמען. אַ דייטשער סאָלדאַט איז אַ באָש. מיין מאַמע רופט זיי אַזוי. איין באָש טראָגט ברילן און זעט אויס ווי אַ שול־לערער. די איבעריקע ליגן שוין דאָרט צוויי נעכט. קיינער פון זיי קען זיך נישט רירן. זיי זענען זייער שלעכטע. איך האָבן זיי געגעבן וואַסער. תחילת האָבן זיי מיר געדאַנקט און געזאָגט, אַז גאָט זאָל מיך בענטשן, מיטן אויסנאַם פונעם שול־לערער. דאַן איז געקומען צו פליען אַ באָמבע. און כאָטש זי איז געפאַלן גאַנץ ווייט, האָבן זיי מיך אָוועקגעטריבן און האָבן געזאָגט, אַז אויב איך וועל תיכף נישט אַהיימגיין וועט אַרויס אַ בער פון וואַלד און וועט מיך אויפעסן און מיין טאַטע וועט מיך שלאָגן מיט אַ רימען. דער שול־לערער האָט זיי קלאָר געזאָגט, אַז זיי זענען לעמעשקעס און אַז איך בין נישט וויכטיק; אָבער ער האָט מיר אַ שעפּטשע געטאָן איך זאָל גיך אַהיימגיין. מעג איך פאַרבלייבן מיט אייך? איך בעט אייך. מיין טאַטע וואָלט מיך נישט געשלאָגן, דאָס ווייס איך. אָבער כ'האָב מורא פאַרן בער.

— דו קענסט בלייבן מיט מיר — האָט געזאָגט דער קייסער — איך וועל נישט לאָזן דעם בער דיך אָנרירן. עס איז אין דער אמתן גאָר נישטאָ קיין בער.

— איר זענט זיכער? — האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידל — דער ענגלענדער האָט געזאָגט, אַז ס'איז יאָ דאָ. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער בער, וואָס קאָכט אָפּ קליינע קינדער אין בויך נאָך דעם ווי ער עסט זיי אויף.

— די ענגלענדער זאָגן קיין מאָל נישט קיין אמת — האָט זיך אָנגערופן דער קייסער.

— ער איז תחילת געווען זייער גוט — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל און אָנ־געהויבן ווידער צו וויינען. — איך רעכן נישט, אַז ער וואָלט דאָס געווען געזאָגט, ווען ער זאָל אין דעם נישט געווען גלייבן, סיידן איבער די ווייטאָגן פון זיין וווּנד האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט בערן.

— ווין נישט — האָט געזאָגט דער קייסער — ער האָט נישט געמיינט צו זיין גראָב. זיי האָבן אַלע מורא געהאַט דו זאָלסט נישט פאַרוווּנדעט ווערן אַזוי ווי זיי. זיי האָבן געוואָלט דו זאָלסט אַהיימגיין, כדי צו זיין אויסער געפאַר.

— אָ, איך בין גוט צוגעוווינט צו באָמבעס — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — איך גיי אַרום ביינאַכט און דערלאַנג אַ טרונק וואַסער די פאַרוווּנדעטע, ווייל מיין טאַטן האָט מען געלאָזט ליגן פינף נעכט און ער האָט שרעקלעך געליטן פון דאָרשט.

— איך האָב עס ניכט געוואָלט — האָט געזאָגט דער קייסער און עס איז אים ווידער נישט גוט געוואָרן.

— זענט איר אַ באַש? — האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידל — ווייל דער קייסער האָט פריִער גערעדט צו איר אויף פראַנצויזיש; איר רעדט זייער גוט פראַנצויזיש, אָבער איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַן ענגלענדער.

— דאָס איז זייער קאָמיש — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — איר מוזט זיין זייער פּאַרזיכטיק, ווייל ביידע צדדים וועלן אייך זוכן צו דערשיסן.

דער קייסער האָט געגעבן אַ מאָדנע לאַך. די לבנה איז אַרויסגעקומען און האָט אים געוויזן דאָס קליינע מיידל קלאָרער ווי פריִער.

— איר טראָגט זייער אַ שיינעם מאַנטל און אייער מונדיר איז זייער ריין — האָט זי געזאָגט — ווי אַזוי קענט איר אים האַלטן אַזוי ריין, אַז איר מוזט זיך אַוועקלייגן אין דער בלאָטע ווען עס שיינט אויף אַ באָמבע?

— איך לייג זיך נישט אַוועק. איך שטעל זיך אויף. אָט פאַר וואָס איך האָב מיין מונדיר ריין — האָט געזאָגט דער קייסער.

— אָבער איר טאָרט זיך נישט אויפשטעלן — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — אויב מען וועט אייך דערזען, וועט מען שיסן אויף אונדז.

— גוט — האָט געזאָגט דער קייסער — צוליב דיר וועל איך מיך איצט אַוועקלייגן. אָבער דו מוזט זיך לאָזן אַהיימפירן. — ווו איז דיין שטוב?

דאָס קליינע מיידל האָט זיך צעלאַכט:

— מיר האָבן נישט קיין שטוב — האָט זי געזאָגט — פריִער האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט אונדזער דאָרף, דאַן האָבן זיי דאָס פאַרנומען. שפּעטער האָבן די פראַנצויזן אונדז באָמבאַרדירט. דאַן זענען געקומען די ענגלענדער און האָבן אַרויס־באָמבאַרדירט דערפון די דייטשן. איצט באָמבאַרדירן עס אַלע דריי פאַר אַמאָל. אונדזער שטוב איז זיבן מאָל געטראָפן געוואָרן און אונדזער קי־שטאַל — ניינצן מאָל. זעט, די קו איז אַפילו נישט דערהרגעט געוואָרן. מיין טאַטע זאָגט, אַז ס'האָט געקאָסט פינף און צוואַנציק טויזנט פראַנק אומצעוואַרפן אונדזער קו־שטאַל. ער איז מיט איר זייער שטאָלץ.

— איך האָבע עס ניכט געוואָלט — האָט געזאָגט דער קייסער, און ער האָט זיך ווידער דערפילט שלעכט. ווען עס איז אים געוואָרן בעסער האָט ער געפרעגט:

— ווו האַלטסטו זיך אויף אַצינד?

— ווי עס מאַכט זיך — האָט געענטפערט דאָס מיידל — אַ דאָס איז זייער לייכט. איר ווערט שנעל געוווינט דערצו — וואָס זענט איר, אַ בעטל־טרעגער?

— ניין, קינד — האָט געזאָגט דער קייסער — איך בין דאָס וואָס מען רופט אַ קייסער.

— איך האָב נישט געוווּסט אַז עס איז דאָ מער פון איינעם — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל.

— עס זענען דאָ דריי — האָט געזאָגט דער קייסער.

— פאַרדרייען זיי אַלע די וואָנסעס אַרויף? — האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידל.

— ניין — האָט געזאָגט דער קייסער — עס איז זיי דערלויבט צו טראָגן בערד ווען זייערע וואָנסעס לאָזן זיך נישט פאַרדרייען אַרויף.

— זיי וואָלטן זיי באַדאַרפט אַריינלייגן אין אַ קרויז־שערל, ווי איך טו מיט מיינע האָר, ווען ס׳קומט פאַסכע — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — וואָס טוט אַ קייסער? קעמפט ער אָדער ער קלייבט אויף די פאַרווונדעטע?

— טוען, טוט ער גאָרנישט — האָט געזאָגט דער קייסער — ער טראַכט.

— וואָס טראַכט ער? — האָט געפרעגט דאָס מיידל, וועלכע האָט אַזוי ווי אַלע יונגע קינדער ווייניק געוווּסט וועגן מענטשן, אַז ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט זיי, האָט זי געהאַט צו פרעגן אָן אַ שיעור קשיות. טייל מאָל האָט מען איר געזאָגט זי זאָל נישט זיין בייגעריק, כאָטש איר מאַמע פלעגט געוויינלעך זאָגן: פרעג נישט קיין פראַגעס, וועט מען דיר נישט זאָגן קיין ליגנס

— ווען דער קייסער זאָל דערציילן דאָס וואָס ער טראַכט, וואָלט דאָך דאָס נישט געווען קיין טראַכטן — האָט געזאָגט דער קייסער — עס וואָלט געווען גערעדט.

— עס מוז זיין אינטערעסאַנט צו זיין אַ קייסער — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — אָבער יעדנפאַלס, וואָס טוט איר דאָ אַזוי שפּעט, ווען איר זענט נישט פאַרווונדעט?

— וועסט מיר צוזאָגן קיינעם נישט צו דערציילן, אויב איך וועל דיר זאָגן? — האָט געפרעגט דער קייסער — דאָס איז אַ סוד.

— איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט — האָט געענטפערט דאָס קליינע מיידל — איך בעט אייך, דערציילט מיר, איך האָב ליב סודות.

— דאָן — האָט געזאָגט דער קייסער — איך האָב באַדאַרפט זאָגן אַלע מיינע סאָלדאַטן היינט אין דער פרי, אַז איך באַדויער זייער, וואָס איך קען נישט גיין אין די טראַנשייען קעמפן אונטער פייער אַזוי ווי זיי אַלע. די סיבה איז דאָס, וואָס איך דאַרף שטאַרק טראַכטן וועגן זיי אַלע, אַז ווען מען זאָל מיך דערהרגענען, וואָלטן זיי נישט געוווּסט וואָס צו טאָן אָן מיר און זיי וואָלטן באַזיגט און אויסגעהרגעט געוואָרן.

— דאָס איז זייער נישט פיין פון אייך — האָט געזאָגט דאָס קליינע מיידל — איר ווייסט דאָך אַז ס׳איז נישט אמת. ווען מיין ברודער איז געהרגעט געוואָרן, איז גלייך אַ צווייטער אונטערגעקומען אויף זיין אָרט, און די שלאַכט איז געפירט גע־וואָרן ווייטער גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט. איך מיין, אַז זיי וואָלטן זיך כאָטש אויף איין מינוט געוווּן געקאָנט אָפּשטעלן. אָבער ניין, זיי האָבן דאָס נישט געטאָן. אויב איר זאָלט דערהרגעט ווערן, וועט נישט עמעץ אַנדערש פאַרנעמען אייער אָרט?

— יאָ — האָט געזאָגט דער קייסער — מיין זון.

— אויב אַזוי, פאַר וואָס־זשע האָט איר זיי געזאָגט אַזאַ גרויסן ליגן? — האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידל.

— איך האָב געמוזט — האָט געזאָגט דער קייסער — דערויף דאַרף מען זיין

אַ קייסער ער זאָל זיך אַוועקשטעלן און זאָגן זאַכן אין וועלכע נישט ער און נישט עמעץ אַנדערש קען גלייבן. איך האָב דאָס געזען אין די פּנימער פון אַ טייל סאָלדאַטן, אַז זיי גלייבן מיר נישט און האַלטן אַז איך בין אַ פּחדן, וואָס טראַכט אויס תירוצים. דעריבער ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און האָב געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. אָבער ווען אַלע זענען אַוועק, בין איך אויפגעשטאַנען, האָב זיך אַרויסגעגנבעט אַהערצו, כדי צו פּילן אַז איך האָב נישט מורא. אָט פאַר וואָס איך שטעל זיך אויף, ווען די באָמבעס שיינען אויף.

— פאַר וואָס טוט איר דאָס נישט בייטאָג? — האָט געפרעגט דאָס קליינע מיידל — כ׳מיין דעמאָלט ווען ס׳איז פאַראַן אַן אמתע געפאַר.

— זיי וועלן מיך נישט לאָזן — האָט געזאָגט דער קייסער.

— אָרעמער קייסער! — האָט אויסגערופן דאָס קליינע מיידל — איך באַדויער אייך אַזוי. איך האָף, אַז איר וועט נישט פאַרוואונדעט ווערן. אויב יאָ, וועל איך אייך ברענגען אַ טרונק וואַסער.

דער קייסער האָט זי אַזוי ליב באַקומען, ווען זי האָט דאָס געזאָגט, אַז ער האָט איר געגעבן אַ קוש איידער ער האָט זיך אויפגעהויבן און זי אַנגענומען פאַר דער האַנט אַוועקצופירן אויף אַ זיכערן פּלאַץ. זי האָט אים געפילט אַזוי נאָענט, אַז זי האָט פון גאָרנישט געטראַכט אין יענעם מאָמענט. דעריבער האָט קיינער פון זיי ביידע נישט באַמערקט, אַז אַ באָמבע וואָס האָט אויפגעריסן, האָט ריכטיק אויפגע־שיינט איבער זיי און די הויכע פיגור פונעם קייסער האָט מען געקענט זען ביי דער שיין פון זייער ווייט. דאָס מיידל, וואָס איז געווען קליין און אין אַ קויטיק ברוינעם קלייד און וועמענס געזיכט איז, דעם אמת געזאָגט, נישט געווען איבעריק ריין, האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אַ מוראַשניק.

דעם נאָענטסטן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ מוראַדיקער קנאַל. דער קנאַל פון אַ באָמבע, וואָס פליט אַזוי שנעל, אַז זי האָט געלאָזט דעם קנאַל פון דעם קאַנאָן הינטער זיך וואָס מער זי האָט זיך דערנענטערט צו זיי. דער קייסער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו זען. דאַן האָבן אויפגעריסן נאָך צוויי באָמבעס און אַ דריטע האָט זיך געלאָזט פליִען צו זיי פון אַ גרויסער דיסטאַנץ. די לעצטע איז געווען זייער אַ גרויסע. דער קייסער האָט געקענט זען ווי זי רייסט זיך דורך דער לופט ווי אַ גרוי־סער משוגע געוואָרענער העלפאַנט, מיט אַ רעש פון אַ באַן וואָס לויפט דורך אַ טונעל. די ערשטע באָמבע האָט געפּלאַצט נישט זייער ווייט, מיט אַזאַ קראַך אַז ס׳האָט אויסגעזען צו טרעפן גלייך אין קייסערס אויער. באַלד דערויף איז געקומען צו פליִען די צווייטע באָמבע מיט אַ שרעקלעכן קנאַל.

דער קייסער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זיין פּנים אויף דער ערד און זי אַנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַגראָבן פאַר דער געפאַר. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אינעם קליינעם מיידל. ס׳האָט אויסגעזען אַזוי שרעקלעך,

אַז זי זאָל צעריסן ווערן אויף שטיקער, אַז ער האָט פאַרגעסן אין זיך, געפּרוווט אויפ־שטיין און זיך אַרויפוואַרפן אויף איר, כדי זי צו באַשיצן.

אָבער איר טראַכט פון זאַכן אַ סך שנעלער ווי איר קענט זיי טאָן. און באַמבעס זענען כמעט אַזוי פלינק ווי געדאַנקען, נאָך איידער דער קייסער האָט אַרויסגע־שלעפּט זיינע פינגער פון דער בלאָטע און זיינע קני האָבן זיך צונויפגעבויגן צום אויפהייבן, האָט זיך דערהערט אַ שוידערלעכער קנאַל. דער קייסער האָט קיין מאָל נישט געהערט עפּעס ענלעכס, כאָטש ער איז געווען צוגעוווינט צו באַמבעס פון דער וויטנס. איר האָט דאָס נישט געקענט אָנרופן קנאַל אָדער בריל אָדער קראַך. דאָס איז געווען אַ מוראַדיקער פּלאַצנדיקער, צעשמעטערנדיקער, גוואַלדיקער קנאַלנדי־קער, ברילנדיקער, קראַכנדיקער, דונערנדיקער, ערדציטערנדיקער הילך ווי דער סוף פון דער וועלט. דער קייסער האָטווירקלעך געגלייבט אַ לאַנגע ווײַלע אַז מען האָט אים איבערגעקערט מיט אינעווייניק אויף דרויסן; ווייל באַמבעס קערן אָפט מאָל איבער מענטשן מיטן אינעווייניק אויף דרויסן ווען זיי טרעפן זיי נישט ממש.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער נישט געוווּסט צי שטייט ער אויפן קאָפּ אָדער אויף די אָפּצאָסן. פאַקטיש איז ער אויף ביידע נישט געשטאַנען, ווייל ער איז ווידער עטלעכע מאָל אומגעפאַלן. און ווען ס׳האָט זיך אים ענדלעך איינגעגעבן צו בלייבן שטיין אויף זיינע פיס, אָנשפּאַרנדיק זיך אין עפּעס, האָט ער געזען אַז דער עפּעס איז אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען זייער ווייט פון אים, ווען די באַמבע איז געקומען. דערפון האָט ער געוווּסט אַז פונעם אויפרייס האָט עס מיט אים אַ שליידער געטאָן ביז צו דעם בוים. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין איז געווען: — ווו איז דאָס קינד?

דאָ האָט זיך דערהערט אַ שטימע אין בוים איבער זיין קאָפּ. דאָס איז געווען די שטימע פונעם קליינעם מיידל.

— גאָט זיי דאַנק! — האָט געזאָגט דער קייסער מיט גרויס דערלייכטערונג — ביסטו נישט פאַרוווּנדעט, קינד? איך האָב געמיינט אַז דו ביסט צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

— איך בין צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך — האָט געזאָגט די שטימע פון דעם קליינעם מיידל — צעריסן געוואָרן אין צוויי טויזנט און זיבן און דרייסיק קליינע ברעקלדיקע פּיצלעך. די באַמבע איז מיר גלייך אַרויף אויפן שויס. די גרעסטע טייל וואָס איז פון מיר געבליבן איז מיין קליינער פוס־פינגער. ער ליגט אָט דאָרט מיט אַ האַלבן מייל ווייטער. אַ נאָגל פון מיין גראָבן פינגער ליגט אַ האַלבן מייל אין דער פאַרקערטער ריכטונג. די ברעמען ליגן אין דעם קראַטער, ווו די פיר מענטשן האָבן איבערגעלאָזט זייערע קערפּערס, און איינער פון מיינע פאָדערשטע ציינער שטעקט אין רימען פון אייער קאַסקע. דאָס איז מיר קיין וווּנדער נישט, ווייל ער האָט זיך געשאָקלט. ווייטער בין איך אין גאַנצן דורכגעברענט און צעבלאָזן אויף שטויב.

— איך האָבע עס ניכט געוואָלט — האָט געזאָגט דער קייסער מיט אַ קול וואָס וואָלט ביי יעדן איינעם אַרויסגערופן רחמנות. אָבער דאָס קליינע מיידל האָט גאָר קיין רחמנות נישט געהאַט אויף אים. זי האָט בלויז געזאָגט:

— אָ, ווער מען אינטערעסירט עס צי איר האָט יאָ געוואָלט אָדער נישט? איך האָב געלאַכט, ווען כ'האָב אייך געזען אַוועקפאַלן אויף דעם פּנים אין אייער שיינעם מונדיר. איך האָב אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז כ'האָב נישט געפילט די באָמבע, כאָטש זי האָט מיר געמוזט געבן דעם אמתן שטויס. איר זעט נאָך אויס קאָמיש אָנהאַלטנדיק זיך אין דעם בוים און וואַקלענדיק זיך פּונקט ווי מיין זיידע, ווען ער איז גע־ווען שיכור.

דער קייסער האָט געהערט ווי זי לאַכט. אָבער וואָס ס'האָט אים זייער דער־שטוינט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אויך געהערט אַנדערע מענטשן לאַכן, מענטשן מיט גראָבע קולות.

— ווער נאָך לאַכט? — האָט ער געפרעגט — איז עמעץ דאָ פאַראַן מיט דיר?

— אָ, זייער אַ סך זענען דאָ פאַראַן — האָט געזאָגט די שטימע פון דעם קליי־נעם מיידל. — די פיר מענטשן וואָס זענען געווען אין קראַטער זענען דאָ. די ערשטע באָמבע האָט זיי באַפרייט.

— דו האָסט עס ניכט געוואָלט ווילעם, וואָס? — האָט געזאָגט איינע פון די גראָבע שטימען. און דאַן האָבן זיך אַלע איבעריקע צעלאַכט, ווייל עס איז געווען קאָמיש צו הערן אַ געוויינלעכן סאָלדאַט רופן דעם קייסער, ווילעם.

— איר טאָרט זיך נישט אָפּזאָגן מיר אָפּצוגעבן דעם כבוד, וואָס איר האָט מיך געלערנט צו טראַכטן אַז ער קומט מיר — האָט געזאָגט דער קייסער — איך האָב זיך נישט געמאַכט אַליין פאַר קייסער. איר האָט מיך צו דעם דערצויגן און האָט מיר פאַרבאָטן די נאַטירלעכע גלייכהייט און די אומשולדיקע שפּיל פון אַ געוויינלעכן מענטשן. איך באַפעל אייך אַצינד מיך צו באַהאַנדלען ווי דעם אָפּגאָט אין וועלכן איר האָט מיך פאַרוואַנדלט און נישט ווי אַ פּשוטן מענטשן אַזוי ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן.

— עס איז איבעריק אַזוי צו רעדן צו זיי — האָט געזאָגט די שטימע פונעם קליינעם מיידל — זיי זענען אַלע אַוועקגעפלויגן. איר האָט זיי נישט אינטערעסירט זיי זאָלן אייך ווייטער אויסהערן. עס איז מער קיינער נישט פאַרבליבן ווי איך און דער באַש אין ברילן.

אַ מאַנס שטימע האָט זיך דערהערט פון דעם שפּיץ בוים.

איך גיי נישט מיט זיי. ווייל איך וויל זיך נישט חברן מיט סאָלדאַטן — האָט געזאָגט די שטימע — זיי ווייסן אַז איר האָט מיך געמאַכט פאַר פּראָפעסאָר צו דער־ציילן ליגנס וועגן אייער זיידן.

— טפּש! — האָט גראָב געזאָגט דער קייסער — האָסטו זיי ווען דערציילט דעם אמת וועגן דיין אייגענעם זיידן?

עס איז נישט געקומען קיין ענטפער. און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט די שטימע פון דעם קליינעם מיידל געזאָגט:

— אויך ער איז אַוועק. איך גלייב נישט, אַז זיין זיידע זאָל האָבן געווען בעסער איידער אייערער אָדער מיינער. מיר טוט זייער לייד, ווייל איך האָב אייך ליב געהאַט איידער כ׳בין באַפּרייט געוואָרן דורך דער באָמבע. אָבער אַצינד עפּעס זענט איר נישט וויכטיק.

— קינד מיינס — האָט געזאָגט דער קייסער פול מיט ווייטאָג, ווען ער האָט געזען, אַז זי וויל אים פאַרלאָזן. — איך בין אַזוי וויכטיק ווי שטענדיק.

— יאָ — האָט געזאָגט די שטימע פונעם קליינעם מיידל — אָבער פאַר מיר זענט איר נישט וויכטיק. איר זענט קיין מאָל נישט געווען וויכטיק, סיידן דאַן, ווען איך בין געווען גענוג נאַריש מורא צו האָבן, אַז איר וועט מיך דערמאָרדן. איך האָב געמיינט אַז איך וועל פאַרווונדעט אַנשטאָט פריי ווערן. אַצינד, ווען איך בין פריי, און דאָס איז שטענדיק אַ סך בעסער איידער צו זיין הונגעריק און פאַרפרוירן אין דערשראָקן, זענט איר אין גאַנצן איבעריק. אַלזאָ, אַדיע.

— וואָרט אַ מאָמענט — האָט געזאָגט דער קייסער מיט אַ תחנונים שטימע. — עס איז זיך נישטאָ וואָס צו איילן און איך בין זייער עלנט.

— פאַר וואָס באַפעלט איר נישט אייערע סאָלדאַטן צו שיסן אויף אייך פונעם גרויסן קאַנאָן, ווי זיי האָבן געטאָן אויף מיר? — האָט געזאָגט די שטימע פונעם קליינעם מיידל — דאַן וועט איר פריי ווערן און מיר וועלן קענען צוזאַמען אַרומ־פליִען. אויב איר טוט עס נישט קען איך מיט אייך נישט פאַרבלייבן.

— איך טאָר נישט — האָט געזאָגט דער קייסער.

— פאַר וואָס נישט? — האָט געפרעגט די שטימע פונעם קליינעם מיידל.

— ווייל דאָס איז נישט געוויינלעך — האָט געזאָגט דער קייסער; — און דער קייסער וואָס טוט עפּעס וואָס איז אומגעוויינלעך איז פאַרלוירן, ווייל ער גופא איז מער נישט ווי אַ געוויינלעכקייט.

— דאָס איז צו אַ לאַנג וואָרט. איך האָב עס קיינמאָל פריִער נישט געהערט — האָט געזאָגט די שטימע פונעם קליינעם מיידל. — מיינט דאָס אַ גליבע וואָס קען זיך קיין מאָל פון דער ערד נישט אָפּרייסן, ווי זי זאָל זיך נישט אָנשטרענגען?

— יאָ, — האָט געזאָגט דער קייסער. — ריכטיק אַזוי.

— אויב אַזוי, מוזן מיר וואַרטן ביז די ענגלענדער מיט די פראַנצויזן וועלן אייך אַ שטויס טאָן מיט אַ גרויסער באָמבע — האָט געזאָגט דאָס מיידל. — זייט נישט אַזוי נידערגעשלאָגן: איך דענק, אַז ס׳איז זייער וואַרשיינלעך זיי זאָלן עס טאָן אויב איר׳ט שטיין אין דער ליכט. איצט וועל איך אייך אַ קוש טאָן אַלס זיי גע־זונט, ווייל איר האָט מיר אַ גוטן קוש געטאָן איידער איך בין געוואָרן פריי. אָבער איך האָב מורא אַז איר וועט דאָס נישט קענען פילן.

און זי איז געווען גאַנץ גערעכט, ווייל כאָטש דער קייסער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו פילן דעם קוש האָט ער גאָרנישט געפילט. און וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויסע ליידן איז געווען עפּעס וואָס ער האָט דערזען. ווייל ער האָט אויפגעהויבן זיין פּנים אַהין פון וואַנען די שטימע איז געקומען ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אים אַ קוש טאָן; און דאַן האָט ער דערזען אַראָפּפליִען פונעם בוים אַ פּרעכטיק ראָזעווע קערפּערל פון אַ קליין מיידעלע מיט פליגעלעך, וואָס זענען געווען אַבסאָלוט ריין און נישט שעמענדיק זיך מיט איר מוטער־נאַקעט לייב; זי האָט פאַרוואָרפן אירע הענטעלעך אַרום זיין האַלדז, האָט אים אַ קוש געטאָן און איז אַוועקגעפלויגן. ער האָט זי געזען גאַנץ קלאָר: און דאָס איז געווען זייער מאָדנע, ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנדער ליכט אויסער דער שוואַכער לבנה־שיין אין וועלכער זי האָט באַדאַרפט אויסזען גרוי אָדער ווייס ווי אַ סאָווע, אָנשטאָט ראָזעווע און פּרעכטיק. ער האָט דערפילט אַ שרעקלעכן שאַרפן ווייטיק צעשיידנדיק זיך מיט איר. אָבער אַלץ איז צונישט געוואָרן דורך אייניקע רעאַלע מענטשן וואָס האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן צו אים. ער האָט די גאַנצע צייט פריִער נישט באַמערקט זייער אָנקומען. דאָס זענען געווען צוויי פון זיינע אָפיצירן; און זיי האָבן אים געפרעגט מיט גרויס דרך ארץ צי די באָמבע האָט אים פאַרוווּנדעט. דאָס קליינע מלאכל איז פאַרשווונדן ביים ערשטן וואָרט וואָס זיי האָבן אַרויסגערעדט. ער איז אַזוי בייז געוואָרן פאַרוואָס זיי האָבן דאָס פאַרטריבן, אַז ער האָט אַ גאַנצע מינוט נישט געקענט צו זיי רעדן; און דאַן איז דאָס איינציקע וואָס ער האָט געפרעגט ביי זיי געווען דער וועג צוריק אין תפיסה. דאַן, זעענדיק אַז זיי פאַרשטייען נישט וואָס ער מיינט, און אַז זיי קוקן אויף אים גלייך ווי ער וואָלט געווען משוגע, האָט ער ווידער געפרעגט דעם וועג צוריק צו זיין קוואַרטיר, מיינענדיק צו זיין געצעלט. זיי האָבן עס אים אָנגעוויזן. און ער האָט אַוועקגעשפּאַנט פאַר זיי ביז ער האָט עס דערגרייכט. די וועכטער האָבן זיך אים געשטעלט קעגן און דאַן באַגריסט ווען די אָפיצירן האָבן זיי דאָס געהייסן. דאַן האָט ער זיי געזאָגט אַ גוטע נאַכט, זייער קורץ, און איז אַריין שלאָפן, ווען איינער פון זיי האָט אים שרעקעדיק געפרעגט צי דאַרפן זיי מאַכן אַ ראַפּאָרט פון דעם וואָס ס׳איז געשען. און דאָס איינציקע וואָס דער קייסער האָט געזאָגט איז געווען: „איר זענט אַ פּאָר אידיאָטן", און: — דער שטריך איז געווען אַ שווידערלעך זידלוואָרט.

דאַן האָבן זיי זיך איבערגעקוקט, און איינער פון זיי האָט געזאָגט: „זיין מאַיעסטעט איז אַזוי שיכור ווי אַ בעס—", און אויך דער שטריך איז געווען אַ מיאוס זידלוואָרט. עס איז געווען אַ גליק וואָס דער קייסער האָט געטראַכט פון דעם קליינעם מיידל און האָט נישט דערהערט וואָס דער אָפיציר האָט געזאָגט. אָבער עס וואָלט פאַקטיש נישט געווען וויכטיק, ווייל אַלע סאָלדאַטן באַנוצן מיאוסע ווערטער נישט מיינענדיק גאָרנישט.

ראַדיאַרד קיפּלינג

(געבוירן אין 1865 — געשטאָרבן אין 1934)



ראַדיאַרד קיפּלינג איז געבוירן געוואָרן אין באָמבעי אין 1865 ביי ענגלישע עלטערן, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע לעבנס־יאָרן. די מיטל־שול האָט ער דורכגעמאַכט אין ענגלאַנד און אין עלטער פון 18 יאָר האָט ער זיך אומגעקערט קיין אינדיע, וווּ ער האָט תּחילת זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליזם, דאַן געדינט אין דער בריטישער אַרמיי אַלס אָפיציר.

דער גרויסער פּאָעט האָט זיין טאַלענט געשטעלט צו דינסט דער בריטישער אימפּעריע, וועקנדיק דעם באַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון די וויט־צעשפּרייטע טיילן וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט די אימפּעריע. קיינער האָט בישט אויסגעדריקט אַזוי פּאָעטיש עלאָקווענט דעם פּאָליטישן און מאָראַלן זין פון גרויסבריטאַניע אַלס אימפּעריע, ווי ראַדיאַרד קיפּלינג.

אין דער גרעסטער טייל פון קיפּלינגס שריפטן איז די הויפּט־טעמע די אימפּעריע, און אויף דעם פּאָן האָט ער געשאַפן מייסטער־ווערק. אין זיין "דזשאָנגל־בוך" פילט מען דעם הייסן אָטעם פון אינדיעס בראשית־וועלדער און די אומענדלעכע טיפקייט פון די דאָרטיקע הימלען.

קיפּלינגס לידער זענען באַהויכט מיט דער חכמה פון משלי און קוהלת, און זיינע קורצע מעשיות זענען מייסטערהאַפט און שפּאַנענדיק, אָפט געשריבן אין ביבלישן סטיל, ווי "דאָס זומער־פייגעלע וואָס האָט געטורפּעט מיטן פּיסל", פון זיין זאַמלונג "סתם אַזוי זיך מעשיות".

די דויערנדיקע ווערט פון קיפּלינגס פּאָעזיע און פּראָזע, אָביעקטיוו גערעדט, באַשטייט אין דעם וואָס די אינספּיראַציע פון זיין געניאַלן טאַלענט האָט אויפגעוועקט אין די ענגליש־רעדנדיקע קאָלעקטיוויטעטן וועלכע לעבן צעשפּרייט אויף שבעה ימים, דאָס געפיל, אַז גייסטיק זענען זיי אַלע קינדער פון איין מוטער — ענגלאַנד.

ראַדיאַרד קיפּלינג האָט באַקומען די נאָבל פּרעמיע אין 1907.

דאָס זומער־פײגעלע וואָס האָט געטופּעט מיטן פיסל

דאָס איז, מײַנע טײַערע, אַ מעשהלע, אַ נײַ און וווּנדערלעך מעשהלע — גאָר אַן אַנדער מעשהלע פֿון אַלע אַנדערע מעשׂיות — אַ מעשהלע וועגן דעם קלוגסטן מלך שלמה בן דוד — שלמה דער זון פֿון דוד.

ס׳זענען פֿאַראַן דרײַ הונדערט מיט פֿינף און פֿופֿציק מעשׂיות וועגן שלמה בן דוד; אָבער די דאָזיקע איז נישט אײנע פֿון זײ. דאָס איז נישט די מעשׂה פֿונעם גרינעם פֿײגעלע, וואָס האָט געפֿונען דעם טײַך; אָדער פֿונעם שוואַן, וואָס האָט פֿאַר־שטעלט שלמה בן דוד פֿון דער היץ. עס איז נישט די מעשׂה פֿונעם גלעזערנעם וועג, אָדער פֿונעם רובין מיט דער געדרײטער הײל, אָדער די גאָלדענע זײַלן פֿון דער קייסערן באַלקיס. עס איז די מעשׂה פֿונעם זומער־פֿײגעלע, וואָס האָט געטופּעט מיטן פֿיסל.

אַצינד לײגט צו קאָפּ און הערט זיך אײַן:

שלמה בן דוד איז געווען קלוג. ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס די חיות האָבן גע־רעדט, וואָס די עופֿות האָבן גערעדט און וואָס די אינזעקטן האָבן גערעדט. ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס די פֿעלזן האָבן גערעדט טיף אונטער דער ערד, ווען זײ האָבן זיך פֿאַרנײגט אײנס צום אַנדערן און געקראַכט; און ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס די בײמער האָבן גערעדט, ווען זײ האָבן גערוישט אין די פֿרימאָרגנס. ער האָט פֿאַר־שטאַנען אַלץ, פֿון דעם גרויסן טענענבוים ביזן קלענצטן גרעזל; און באַלקיס, זײַן הויפּט־קעניגין, די שענסטע קעניגין באַלקיס, איז געווען כמעט אַזוי קלוג ווי ער.

שלמה בן דוד איז געווען שטאַרק. אויפֿן דריטן פֿינגער פֿון זײַן רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ רינג. ווען ער האָט אים איבערגעדרײט אײן מאָל, זענען אַרויס פֿון דער ערד גײסטער און שרעטעלעך צו טאָן אַלץ וואָס ער האָט געהײסן. ווען ער האָט אים איבערגעדרײט צווײ מאָל, זענען צוויבערנס אַראָפּ פֿונעם הימל צו טאָן

אַלץ וואָס ער האָט זיי געהייסן; און ווען ער האָט אים אַ דריי געטאָן דריי מאָל, איז געקומען דער גרויסער מלאך עזריאל, דער ריטער פון דער שווערד, אָנגעטאָן ווי אַ וואַסערטרעגער און האָט אים דערציילט די נייעסן פון די דריי וועלטן, — אויבן, אונטן און דאָ, אין מיטן.

און דאָך איז שלמה בן דוד נישט געווען שטאָלץ. ער האָט זייער זעלטן זיך באַרימט און אויך דאָן, ווען ער האָט זיך אַ מאָל יאָ באַרימט, פלעגט ער באַלד חרטה האָבן. איין מאָל האָט ער געפּרוווט אָנהאָדעווען אַלע חיות פון דער גאַנצער וועלט אין איין טאָג. אָבער ווען דאָס עסן איז געווען ׳פאַרטיק, איז אַרויס אַ חיה פון די טיפענישן פון ים און האָט עס מיט דריי ביס אויפגעגעסן. שלמה בן דוד איז געווען זייער דערשטוינט און ער האָט געזאָגט:

—אָ, חיה, ווער ביסטו?

און די חיה האָט געזאָגט:

— אָ, קעניג, לאַנגע יאָרן אויף דיר! איך בין דער קלענסטער פון דרייסיק טויזנט ברידער, און אונדזער היים איז אין די טיפענישן פון ים. מיר האָבן געהערט, אַז דו קלייבסט זיך צו שפּייזן אַלע חיות פון דער גאַנצער וועלט, האָבן מיך מיינע ברידער געשיקט פרעגן ווען זייער מיטיק וועט פאַרטיק ווערן.

שלמה בן דוד איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן און ער האָט געזאָגט:

— אָ, חיה, דו האָסט אויפגעגעסן דעם גאַנצן מיטאָג וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר אַלע חיות פון דער גאַנצער וועלט.

און די חיה האָט געזאָגט:

— אָ מלך, לאַנגע יאָרן אויף דיר! מיינסטו באמת אַז דאָס איז אַ מיטאָג? דאָרט פון וואַנען איך קום, עסט יעדער צוויי מאָל אַזוי פיל בלויז פאַר צימעס.

דאָן איז שלמה בן דוד געפאַלן אויף זיין פּנים און האָט געזאָגט:

— אָ, חיה! איך האָב צוגעגרייט דעם מיטאָג צו ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער און רייכער מלך איך בין, און נישט ווייל איך האָב באמת געוואָלט גוט זיין צו די חיות. אַצינד בין איך פאַרשעמט און איך האָב עס פאַרדינט.

שלמה בן דוד איז ווירקלעך געווען אַן אמת קלוגער מאַן, טייערינקע. נאָך דער מעשה האָט ער קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נאַריש צו באַרימען זיך. און איצט הייבט זיך אָן די וויכטיקע געשיכטע פון מיין מעשה.

ער האָט געהאַט אַזוי פיל ווייבער! ער האָט געהאַט ניין הונדערט מיט ניין און ניינציק ווייבער, אויסער דער שענסטער באַלקיס. און אַלע האָבן זיי געלעבט אין אַ גרויסן גאָלדענעם פּאַלאַץ אין מיטן פון אַ פּרעכטיקן גאָרטן מיט פאָנטאַנען. ער האָט אין דער אמתן נישט באַדאַרפט ניין הונדערט מיט ניין און ניינציק ווייבער, אָבער אין יענע צייטן האָט יעדער איינער געהאַט אַ סך ווייבער און, פאַרשטייט זיך, אַז דער מלך האָט באַדאַרפט האָבן פיל מער, כדי צו ווייזן, אַז ער איז מלך.

איינינקע פון די ווייבער זענען געווען שיין, אָבער די איבעריקע זענען געווען

איינפאַך שרעקלעך. און די שרעקלעך מיאוסע האָבן זיך געקריגט מיט די שיינע און האָבן זיי אויך געמאַכט שרעקלעך, און דאַן האָבן זיי אַלע זיך געקריגט מיט שלמה בן דוד און דאָס איז פאַר אים אַליין שוין געוואָרן גאָר שרעקלעך. אָבער באַלקיס, די שענסטע, האָט זיך קיין מאָל נישט געקריגט מיט שלמה בן דוד. זי האָט אים צו שטאַרק ליב געהאַט. זי איז געזעסן אין אירע צימערן אין גאָלדענעם פּאַלאַץ, אָדער האָט אַרומגעשפּאַצירט אין גאָרטן, און עס האָט איר באמת וויי געטאָן פאַר אים.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער זאָל געוואָלט ווען אַ דריי טאָן זיין רינג אויפן פינגער און אַרויסרופן די גייסטער און שרעטעלעך, וואָלטן זיי געוואָלט פאַרוואַנדלט די אַלע ניין הונדערט ניין און נײַנציק קריגערישע ווײַבער אין ווײַסע מויל אייזלען פון דער מדבר, אָדער הינט אָדער מילגרוים-קערנדלעך. אָבער שלמה בן דוד האָט געמיינט, אַז דאָס וואָלט געהייסן באַרימען זיך. דעריבער פלעגט ער, ווען זיי האָבן זיך צו שטאַרק געקריגט, אַרומוואַנדערן אַליין ערגעץ אין וווּנדערשיינעם פּאַלאַץ־גאָרטן און שעלטן דעם טאָג פון זיין געבוירן.

איין מאָל, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געקריגט דריי וואָכן — אַלע ניין הונ־דערט מיט ניין און נײַנציק ווײַבער אין איינעם — איז שלמה בן דוד אַרויס אויפן שפּאַציר ווי געוויינלעך, און צווישן די מאַראַנצן־ביימער האָט ער באַגעגנט באַלקיס די שענסטע, זייער אַ טרויעריקע, ווייל שלמה בן דוד איז אַזוי טרויעריק געווען. און זי האָט אים געזאָגט:

— אָ, מיין האַר און ליכט פון מיינע אויגן, טו אַ דריי דעם רינג אויף דיין פינגער און ווייז די דאָזיקע מלכהס פון מצרים, ארם־נהרים, פּערסיע און כינע, אַז דו ביסט דער גרויסער און שרעקלעכער קעניג.

אָבער שלמה בן דוד האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַרנטע און גליק פון מיין לעבן, דערמאָן זיך אין דער חיה, וואָס איז אַרויס פון דעם ים און האָט מיך פאַרשעמט פאַר אַלע חיות אין דער וועלט, ווייל איך האָב זיך באַרימט. איצט אויב איך וועל זיך באַרימען פאַר די דאָזיקע מלכהס פון פּערסיע, מצרים, אַביסיניע און ארם־נהרים, בלויז דערפאַר ווייל זיי פּלאָגן מיך, וועט מען מיך אפשר נאָך מער פאַרשעמען ווי פריער.

און באַלקיס די שענסטע האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַר און אוצר פון מיין נשמה, וואָס וועסטו טאָן?

און שלמה בן דוד האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַרנטע און פרייד פון מיין האַרץ, איך וועל אויך אויף ווייטער זיך אונטערגעבן און ליידן פון די דאָזיקע ניין הונדערט ניין און נײַנציק מלכהס, וועלכע רעגן מיך אויף מיט זייערע אומאויפהערלעכע קריגערייען.

און ער איז ווייטער געגאַנגען צווישן די ליליען און רויזן און שמעקנדיקע אינגבער־פלאַנצונגען, וואָס זענען געוואַקסן אין זיין גאָרטן, ביז ער איז צוגעקו־מען צום גרויסן קאַמפער־בוים וואָס האָט געהייסן שלמה בן דודס קאַמפער־בוים.

אָבער באַלקיס האָט זיך באַהאַלטן צווישן די הויכע איריס־ליליעס, די געפלעקטע באַמבו־ביימער און די רויטע ליליעס אונטער דעם קאַמפאַר־בוים, כדי צו זיין נאָענט פון איר געליבטן שלמה בן דוד.

באַלד זענען געקומען צו פליִען אונטערן בוים צוויי זומער־פייגעלעך — זיי האָבן זיך געקריגט.

שלמה בן דוד האָט געהערט ווי איינס זאָגט צום אַנדערן:

— מיך וווּנדערט דיין חוצפּה רעדנדיק צו מיר אַזוי. ווייסטו דען נישט, אַז ווען איך זאָל אַ טופּע טאָן מיט מיין פוס וואָלט שלמה בן דודס פּאַלאַץ אין איינעם מיט דעם דאָזיקן גאָרטן גלייך פאַרשווונדן געוואָרן מיט אַ קראַך פון דונער?

דאַן האָט שלמה בן דוד פאַרגעסן אין זיינע ניין הונדערט ניין און ניינציק זליִדנעוואַטע ווייבער און האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, ביז דער קאַמפאַר־בוים האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען פונעם זומער־פייגעלעס באַרימען זיך. ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין פינגער און האָט געזאָגט: קליינער מאַנסביל, קום אַהער.

דאָס זומער־פייגעלע האָט זיך זייער דערשראָקן, אָבער ס׳האָט נאָך געקענט אַרויפפליִען אויף שלמה בן דודס האַנט, זיך איינגעקלאַמערט דאָרט און אָנגעהויבן זיך צו פאָכען. שלמה בן דוד האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ און האָט דעם זומער־פייגעלע זייער שטיל אַריינגעשעפּטשעט:

— קליינער מאַנסביל, דו ווייסט דאָך, אַז דיין גאַנץ טופּען וועט נישט איינ־בייגן אין קליין גרעזעלע. צו וואָס־זשע האָסטו דערציילט אַזאַ מוראדיקן ליגן דיין ווייב? — ווייל אָן צווייפל איז זי דאָך דיין ווייב.

דאָס זומער־פייגעלע האָט געקוקט אויף שלמה בן דוד און האָט געזען ווי די אויגן פונעם קלוגסטן קעניג פינקלען ווי שטערן אין אַ פראָסטיקער נאַכט און עס האָט אָנגענומען מוט מיט ביידע פליגעלעך, האָט אָנגעבויגן דאָס קעפּל אויף אַ זייט און האָט געזאָגט:

— אָ, מלך, לאַנגע יאָרן אויף דיר. זי איז מיין ווייב, און דו ווייסט דאָך וואָס ווייבער זענען.

שלמה בן דוד האָט געשמייכלט אין זיין באָרד אַריין און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, איך ווייס ברודערל.

— מ׳מוז זיי, ווי עס איז, האַלטן אין דער מורא — האָט געזאָגט דאָס זומער־פייגעלע. זי האָט זיך געקריגט מיט מיר היינט דעם גאַנצן פרימאָרגן. איך האָב עס געזאָגט זי זאָל ווערן שטיל.

און שלמה בן דוד האָט געזאָגט

— זאָל עס העלפן. גיי צוריק צום ווייב, ברודערל, און לאָמיר הערן וואָס דו זאָגסט איר?

דאָס זומער־פייגעלע איז צוריקגעפלויגן צו זיין ווייב, וועלכע האָט אין גאַנצן געציטערט אונטער אַ בלאַט און זי האָט געזאָגט:

— ער האָט דיך געהערט! שלמה בן דוד אַליין האָט דיך געהערט!

— ער האָט מיך געהערט — האָט געזאָגט דאָס זומער־פייגעלע, — פאַרשטייט זיך, ער האָט מיך געהערט. איך האָב אים געצווונגען ער זאָל מיך הערן.

— און וואָס האָט ער געזאָגט? יאָ, וואָס האָט ער געזאָגט?

— צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, טייערע — האָט געזאָגט דאָס זומער־פייגעלע, פאָכנדיק זיך מיט ערנסט — פאַרשטייט זיך, איך באַשולדיק אים נישט, ווייל זיין פּאַלאַץ מוז האָבן געקאָסט אַן אוצר און די מאַראַנצן ווערן פּונקט איצט צייטיק. ער האָט מיך געבעטן נישט צו טופּען און איך האָב אים צוגעזאָגט.

— גאָט! — האָט געזאָגט זיין ווייב — און איז געבליבן זיצן גאַנץ רויק.

און שלמה בן דוד האָט געלאַכט ביז די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין פּנים פון דער אומפאַרשעמטקייט פונעם קליינעם ליגנערישן זומער־פייגעלע.

באַלקיס, די שענסטע, האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן בוים, וואָס צווישן די רויטע ליליעס און האָט געשמייכלט, ווייל זי האָט געהערט דעם דאָזיקן גאַנצן געשפּרעך. זי האָט געטראַכט: אויב איך האָב שכל קאָן איך נאָך אָפּראַטעווען מיין האַר פון די באַלעסטיקונגען פון די דאָזיקע קריגערישע מלכהס, און זי האָט אויסגעשטרעקט איר פינגער און האָט שטיל אָ שעפּטשע געטאָן צום זומער־פייגעלעס ווייב. — ווייבעלע קום אַהער!

דאָס ווייבעלע, זומער־פייגעלע האָט זיך אויפגעהויבן זייער דערשראָקן און זי איז צוגעפלויגן און האָט זיך איינגעקלאַמערט אין באַלקיסעס ווייסער האַנט.

באַלקיס האָט אַראָפּגעבויגן איר שיינעם קאָפּ און האָט געשעפּטשעט:

— ווייבעלע, דו גלייבסט אין דעם, וואָס דיין מאַן האָט דיר געזאָגט?

דאָס ווייבעלע — זומער־פייגעלע האָט געקוקט אויף באַלקיס און האָט געזען, אַז דער שענסטער מלכהס אויגן שיינען ווי טיפע טייכעלעך אין וועלכע ס'שלאָגט אָפּ שטערן־שיין, און זי האָט אָנגענומען מוט מיטביידע פליגעלעך און האָט געזאָגט:

— אָ, מלכה, אייביק זאָלסטו שיין זיין. דו ווייסט וואָס מענער זענען.

און די מלכה באַלקיס, די קליגסטע מלכה פון שבא, האָט פאַרשטעלט מיט איר האַנט דאָס מויל צו באַהאַלטן אַ שמייכל, און זי האָט געזאָגט:

— שוועסטערל, איך ווייס.

— זיי ווערן אין כעס — האָט געזאָגט דאָס ווייבעלע — זומער־פייגעלע, פאָכענדיק זיך אויף שנעל — איבער גאָרנישט און מיר מוזן זיי נאָכגעבן. מלכה, זיי מיינען קיין מאָל נישט אַ העלפט פון דעם וואָס זיי זאָגן. אויב מיין מאַן האָט הנאה פון דעם, וואָס איך וועל אים גלייבן, אַז שלמה בן דודס פּאַלאַץ וועט פאַרשווינדן פון זיינעם אַ טופּ מיטן פוס, טאָ וואָס אַרט עס מיך. מאָרגן וועט ער עס במילא אין גאַנצן פאַרגעסן.

— שוועסטערל — האָט געזאָגט באַלקיס — דו ביסט גאַנץ גערעכט. אָבער דאָס אַנדערע מאָל, ווען ער וועט זיך אָנהייבן באַרימען, כאַפּ אים ביים וואָרט. הייס

אים, זאָל ער טופען און זע וואָס עס וועט געשען. מיר ווייסן וואָס מענער זענען, נישט אמת? ער וועט זיך זייער שעמען.

אַוועק איז דאָס זומער־פייגעלע צו איר מאַן און אין פינף מינוט אַרום האָבן זיי זיך ערגער געקריגט ווי ווען פריִער.

— געדענק! — האָט געזאָגט דער קליינער מאַנסביל — געדענק, וואָס איך קען טאָן אויב איכ׳ל אַ טופע טאָן מיט מיין פוס.

— איך גלייב נישט אַ וואָרט פון דעם וואָס דו זאָגסט — האָט געזאָגט דעם זומער־פייגעלעס ווייבעלע — איך וואָלט זייער געוואָלט עס זען. אַ נו, גיב אַ טופע.

— איך האָב צוגעזאָגט שלמה בן דוד דאָס נישט צו טאָן — האָט געזאָגט דאָס זומער־פייגעלע — און איך וויל נישט ברעכן מיין וואָרט.

— עס וואָלט נישט אויסגעמאַכט, אַז דו זאָלסט יאָ ברעכן דיין וואָרט — האָט געזאָגט זיין ווייב — דו קענסט נישט מיט דיין טופען אָנבייגן אַ גרעזעלע. איך הייס דיך עס טאָן. טופע! טופע! טופע!

שלמה בן דוד וואָס איז געזעסן אונטערן קאַמפאַר־בוים, האָט געהערט יעדעס וואָרט און ער האָט אַזוי געלאַכט ווי ער האָט נאָך קיינמאָל פריִער נישט געלאַכט. ער האָט אַלע צרות פאַרגעסן פון זיינע מלכהס. ער האָט פאַרגעסן אין דער חיה, וואָס איז אַרויס פון ים; ער האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געוווסט וועגן באַרימען זיך. ער האָט געלאַכט פאַר פרייד, און באַלקיס, פון דער אַנדערער זייט בוים, האָט געשמייכלט פון דעם וואָס איר געליבטער איז אַזוי פריילעך.

באַלד איז געקומען צו פליִען דאָס זומער־פייגעלע, זייער פאַרשוויצט און אָנגעבלאָזן. ס׳האָט זיך געדרייט אונטערן שאָטן פונעם קאַמפאַר־בוים און האָט געזאָגט צו שלמהן:

— זי וויל איך זאָל טופען! זי וויל זען וואָס עס וועט געשען, שלמה בן דוד! דו ווייסט דאָך, אַז איך קען עס נישט טאָן און אַצינד וועט זי שוין קיין מאָל מער נישט גלייבן אַ וואָרט פון דעם, וואָס איך זאָג. זי וועט פון מיר לאַכן ביזן לעצטן טאָג פון מיין לעבן!

— ניין, ברודערל — האָט געזאָגט שלמה בן דוד — זי וועט קיין מאָל מער פון דיר נישט לאַכן. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם רינג אויף זיין פינגער, בלויז צוליב דעם קליינעם זומער־פייגעלע, נישט כדי זיך צו באַרימען. און פיר גייסטער זענען אַרויס פון דער ערד!

— קנעכט! — האָט געזאָגט שלמה בן דוד — ווען דער דאָזיקער האַר אויף מיין פינגער (וויל דאָרט איז געזעסן דאָס ליגנערישע זומער־פייגעלע) וועט אַ טופע טאָן מיט זיין פאָדערשטן פיסל, זאָלט איר מיין פאַלאַץ מיט די דאָזיקע גערטנער מאַכן פאַרשווינדן אין אַ קנאַלן פון דונערן. ווען ער וועט נאָך אַ מאָל אַ טופע טאָן, זאָלט איר זיי צוריק אַרויפברענגען.

— אַ צינד, ברודערל — האָט ער געזאָגט — גיי צוריק צו דיין ווייב און טופּע וויפל דו ווילסט.

אַוועק איז דאָס זומער־פייגעלע צו זיין ווייב, וואָס האָט געשריגן: איך וויל עס זען! טופּע שוין טופּע! באַלקיס האָט געזען ווי די פיר גרויסע גייסטער בייגן זיך אַראָפּ צו די פיר ווינקלען פון די גערטנער מיטן פּאַלאַץ אין מיטן, און זי האָט שטיל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און האָט געזאָגט:

— ענדלעך וועט שלמה בן דוד טאָן צוליב אַ זומער־פייגעלע וואָס ער האָט באַדאַרפט שוין לאַנג טאָן פאַר זיינעטוועגן אַליין, און די קריגערישע מלכהס וואָלטן זיך געוועזן דערשראָקן.

דאַן האָט דאָס זומער־פייגעלע אַ טופּע געטאָן מיטן פיסל. די גייסטער האָבן אַ שליידער געטאָן דעם פּאַלאַץ מיט די גערטנער טויזנט מייל אין דער הויך. עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך דונערן און אַלץ איז געוואָרן שוואַרץ ווי טינט. ד,ם זומער־פייגעלעס ווייב האָט אַרומגעשוועבט אין דער פינצטער און האָט געשריגן:

— יאָ, איך וועל שוין זיין גוט! נאָך וואָס האָב איך עס געזאָגט! ברענג די גערטנער צוריק, מיין ליבער מאַן, און איך וועל דיר שוין קיין מאָל מער נישט ווידערשפּרעכן!

דאָס זומער־פייגעלע איז כמעט אַזוי געוועזן דערשראָקן ווי זיין ווייב און שלמה בן דוד האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט אַז עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט איידער ער האָט געקענט כאַפּן דעם אָטעם צו קענען אַ שעפּטשע טאָן דעם זומער־פייגעלע:

— גיב ווידער אַ מאָל אַ טופּע, ברודערל. קער מיר צוריק אום מיין פּאַלאַץ, גרויסער מכשף!

— יאָ, גיב אים צוריק זיין פּאַלאַץ — האָט געזאָגט דעם זומער־פייגעלעס ווייבעלע, אַרומפליִענדיק אין דער פינצטער ווי אַ פלעדערמויז — גיב אים צוריק זיין פּאַלאַץ און לאָמיר שוין אויף ווייטער באַהיט ווערן פון שרעקלעכן כישוף.

— גוט, מיין טייערע — האָט געזאָגט דאָס זומער־פייגעלע אַזוי שאַרף ווי עס האָט נאָר געקענט — דו זעסט וואָס דיין פלאָגן מיך האָט אָנגעמאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז מיך הייבט עס נישט אָן צו אַרן, איך בין געוווינט צו אַזעלכע זאַכן. אָבער כדי אַ טובה צו טאָן דיר און שלמה בן דוד, בין איך גרייט גוט צו מאַכן דעם שאָדן.

און אַזוי האָט עס ווידער אַ מאָל אַ טופּע געטאָן און אין אַ מאָמענט האָבן די גייסטער אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַלאַץ מיט די גערטנער, אָן דעם קלענסטן שאָדן. די זון האָט באַלויכטן די טונקל־גרינע מאַראַנצן־בלעטער; די פאָנטאַנען האָבן געשפּריצט צווישן די רויטע מיצרישע ליליעס; די פייגל האָבן ווייטער געזונגען און דעם זומער־פייגעלעס ווייב איז געלעגן אויף אַ זייט אונטערן קאַמפאַר־בוים און האָט זיך געפּאַכעט מיט די פליגלען און שווער געאָטעמט:

— אָ, איכ'ל שוין זיין אַ גוטע! איכ'ל שוין זיין גוט!

שלמה בן דוד האָט כמעט נישט געקענט רעדן פון געלעכטער. ער האָט זיך

אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים און אַ שוואַכער און פאַרהוסטנדיק זיך, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט זיין פינגער צום זומער־פייגעלע און האָט געזאָגט:

— אָ, גרויסער מכשף, וואָס קומט מיר אַרויס אַז דו קערסט מיר אום מיין פּאַלאַץ, אַז איך ווער צעפּלאַצט פון געלעכטער!

דאַן האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער גערודער, ווייל אַלע ניין הונדערט און ניין און ניינציק מלכהס זענען אַרויסגעלאָפן פונעם פּאַלאַץ, האָבן געקוויטשעט, געשריגן און גערופן זייערע קינדער. זיי זענען אַראָפּגעלאָפן איבער די גרויסע מירמלשטיינערנע טרעפּ אַראָפּ צום פּאַנטאַן, הונדערט אויף אַמאָל און די קליגסטע באַלקיס איז מאַיעסטעטיש אַוועק פאָראויס זיי צו באַגעגענען און האָט געזאָגט: וואָס איז מיט אייך געשען, מלכהס?

זיי זענען געשטאַנען אויף די מירמלשטיינערנע טרעפּ הונדערט אין אַ שורה און האָבן געשריגן: וואָס איז מיט אונדז געשען? מיר זענען רויק געלעגן אין אונדזער גאָלדענעם פּאַלאַץ, ווי אונדזער שטייגער איז, ווען פּלוצלינג איז דער פּאַלאַץ פאַרשוווּנדן געוואָרן און מיר זענען געבליבן זיצן אין אַ געדיכטער און שרעקלעכער פינצטערניש. ס'האָט געדונערט און גייסטער און שרעטעלעך האָבן זיך באַוועגט אין דער פינצטער! דאָס איז מיט אונדז געשען, הויפּט קעניגין, און מיר זענען אויסערגעוויינלעך דערשראָקן פון דער דערשרעקעניש, ווייל עס איז געווען אַ שרעקלעכע דערשרעקעניש, נישט ווי וואָס פאַר אַן אַנדערע דערשרעקעניש וואָס האָט אונדז ווען דערשראָקן.

דאַן האָט באַלקיס, די שענסטע מלכה, שלמה בן דודס גרעסטע געליבטע, די מלכה פון שבאָ, פון די גאָלדענע דרום־טייכן, פון דער מדבר צין ביז די טורעמס פון צימבעבווי — באַלקיס, וואָס איז געווען כמעט אַזוי קלוג ווי שלמה בן דוד אַליין, האָט געזאָגט: אָ מלכהס; עס איז גאָרנישט! אַ זומער־פייגעלע האָט זיך פאַרקלאָגט אויף זיין ווייב, ווייל זי קריגט זיך מיט אים. האָט זיך פאַרוואָלט אונדזער האַר שלמה בן דוד איר לערנען צו רעדן שטיל און מיט דרך־ארץ, ווייל דאָס רעכנט זיך פאַר אַ טוגנט צווישן די ווייבער פון די זומער־פייגעלעך.

דאַן האָט אויפגעעפנט איר מויל אַ מצרישע מלכה, פּרעהס טאָכטער, און זי האָט געזאָגט:

— אונדזער פּאַלאַץ טאָר נישט אויסגעריסן ווערן מיטן שורש ווי עפּעס אַ שלעכט גרעזל, צוליב אַ קליינעם אינזעקט. ניין! שלמה בן דוד מוז זיין טויט! און וואָס מיר האָבן געהערט און געזען, איז אַז די ערד האָט געדונערט און עס איז פינצטער געוואָרן.

דאַן האָט באַלקיס אַ ווונק געטאָן צו דער חוצפּהדיקער מלכה, נישט קוקנדיק אויף איר און האָט געזאָגט: קומט און זעט.

זיי זענען אַראָפּ פון די מירמלנע טרעפּ, הונדערט אין איין שורה,און אונטערן קאַמפאַר־בוים האָבן זיי דערזען, נאָך אַ שוואַכן און לאַכנדיקן, דעם קליגסטן מלך

שלמה בן דוד ווי ער קאַטשעט זיך הין און צוריק מיט אַ זומער־פייגעלע אויף יעדער האַנט, און זיי האָבן געהערט אים זאָגן:

— יאָ, ווייב פון מיין לופט־ברודערל, געדענק אַצינד צו פאָלגן אַלץ דיין מאַן, ער זאָל נישט געצווונגען זיין נאָך אַ מאָל אַ טופּע צו טאָן מיטן פוס, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז ער איז צוגעווינט צו דעם כישוף, און ער איזווירקלעך אַ גרויסער מכשף — אַזאַ איינער וואָס קען מאַכן פאַרשווינדן דעם פּאַלאַץ פון שלמה בן דוד אַליין. גייט בשלום קליינע ברואים! און ער האָט זיי אַ קוש געטאָן אין די פליגעלעך, און זיי זענען אַוועקגעפלויגן.

דאַן זענען אַלע מלכהס אויסער דער באַלקיס, דער שענסטער און חנעוודיקער באַלקיס, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט און האָט געשמייכלט, געפאַלן אויף זייערע פּנימער, ווייל זיי האָבן געזאָגט:

— אויב די דאָזיקע זאַכן געשעען, ווען אַ זומער־פייגעלע ווערט ברוגז אויף זיין ווייב, וואָס זשע קען שוין געשען מיט אונדז, וואָס מיר האָבן אויפגערעגט אונדזער מלך מיט אונדזערע חוצפּהדיקע דיבורים און אָפענע קריגערייען פאַר אַ לאַנגער צייט?

דאַן האָבן זיי אָנגעטאָן זייערע שלייערס אויף זייערע קעפּ, און האָבן אַרויפגעלייגט זייערע הענט אויף זייערע מיילער און אויף די שפּיץ־פינגער זענען זיי אַוועק צוריק אין פּאַלאַץ שטיל ווי די מייזעלעך.

דאַן איז באַלקיס, די שענסטע און אויסערגעוויינלעכע באַלקיס, אַרויס פאַר־אויס דורך די רויטע ליליעס, אונטערן שאָטן פונעם קאַמפאַר־בוים און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף שלמה בן דודס אַקסל און האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַר און אוצר פון מיין נשמה! זיי פריילעך, ווייל מיר האָבן געגעבן די מלכהס פון מצרים, עטיאָפּיע, ארם־נהרים, אַביסיניע, פּערסיע און כינע אַ גרויסע און אומפאַרגעסלעכע לעקציע.

און שלמה בן דוד קוקנדיק נאָך צו די זומער־פייגעלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט נישט ווייט אין דער זונענשיין, האָט געזאָגט:

— אָ, מיין דאַמע און קרוין פון מיין גליק, ווען איז עס געשען? ווייל איך האָב זיך געוויצלט מיט אַ זומער־פייגעלע די גאַנצע צייט זינט איך בין אַריין אין גאָרטן — און ער האָט דערציילט באַלקיסן, וואָס ער האָט געטאָן.

באַלקיס, די צאַרטסטע און ליבסטע באַלקיס האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַר און הערשער פון מיין לעבן — איך האָב זיך באַהאַלטן אונטערן קאַמפאַר־בוים און האָב דאָס אַלץ געזען. דאָס האָב איך געהייסן דעם זומער־פייגעלעס ווייב פאָדערן פון איר מאַן ער זאָל טופּען מיטן פוס, ווייל כ'האָב געהאָפט, אַז צוליב אַ שפּאַס וועט מיין האַר אָפּטאָן עפּעס אַ גרויסן כישוף און די מלכהס וועלן זען און וועלן זיך דערשרעקן. זי האָט אים דערציילט, וואָס די מלכהס האָבן געזאָגט, געזען און געטראַכט.

דאַן האָט שלמה בן דוד זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאַץ אונטערן קאַמפאָר־בוים, ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס, האָט זיך געפרייט און האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַרנטע און פאַרזיסערן פון מיינע טעג, זיי וויסן אַז ווען איך וואָלט אָפּגעטאָן כישוף מיינע מלכהס אויס שטאָלץ אָדער כעס, ווי דאָס איז געווען די סיבה, ווען איך האָב געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע חיות, וואָלט איך זיכער פאַרשעמט געוואָרן אָבער אַ דאַנק דיין חכמה האָב איך געטאָן כישוף צוליב אַ שפּאָס און צוליב אַ קליין זומער־פייגעלע און זע, עס האָט מיך באַפרייט פון די באַלעסטיקונגען פון מיינע איינגעגעסענע וויבער! זאָג מיר דעריבער, געליבטע פון מיין האַרצן, ווי קומט צו דיר אַזוי פיל חכמה?

און באַלקיס, די מלכה, שיין און הויך ווי זי איז געווען, האָט אַריינגעקוקט אין שלמה בן דודס אויגן, האָט אָנגעבויגן עטוואָס אויף אַ זייט איר קאָפּ, פונקט ווי דאָס זומער־פייגעלע האָט געטאָן, און האָט געזאָגט:

— אָ, מיין האַר, ערשטנס, ווייל כ׳האָב דיך ליב, און צווייטנס, ווייל איך וויס וואָס ווייבער זענען.

דאַן זענען זיי אַרויף אין פּאַלאַץ און האָבן נאָך דעם שטענדיק געלעבט גליקלעך.

אָבער איז זי, באַלקיס, דען נישט געווען אַ חכמה?

דזשאָן גאָלסוואָרטי

(געבוירן אין 1867 — געשטאָרבן אין 1933)



דער גרויסער ענגלישער נאָוועליסט און דראַמאַטורג, דזשאָן גאָלסוואָרטי. אין געבוירן געוואָרן אין סאָררעי, ענגלאַנד, אין 1867, האָט שטודירט אין אָקספאָרד, האָט געררייזט איבער דער וועלט, געלייענט און געלערנט די מאַנירן און קונסט פון פיל פעלקער. דזשאָן גאָלסוואָרטי איז באַזונדערס באַאיינפלוסט געוואָרן פון טשעכאָוון און פון טאָלסטאָי, ווי אויך פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

זיין מאָנומענטאַלע עפּאָפּעע „פאָרסאַייט־סאַגאַ", אין וועלכער עס דעפילירן עטלעכע דורות ענגלענדער מיט זייער סאָציאַלער סביבה, פסיכאָלאָגישע קאָמפּלעקסן און פּראָבלעמען, ליבע, טרוימען, יוגנט, זקנה, מיט זייערע געראַנגלען, פאַרבלייבט אַ געניאַל ווערק פון העכסטן הומאַנעם אינטערעס לדורות.

גאָלסוואָרטיס טעאַטער־פּיעסן „גערעכטיקייט", „שטרייק", „די זילבערנע טאַבאַק־פּושקע" און אַנדערע, ווייזן אונדז דעם קינסטלער־הומאַניסט, וואָס קעמפט אויף זיין אופן — מיט זיין פּאָעטישן טאַלענט און אינטואיציע — קעגן סאָציאַלע איבלען און אומרעכט.

זיינע קורצע דערציילונגען און איינדרוקן, אָנגעצייכנטע מיט דראַמאַטישן רעאַליזם, מאַכן אַן אומפאַרגעסלעכן רושם.

בערנאַרד שאָו האָט דערקלערט, אַז ווער עס וויל קענען דאָס לעבן פונעם ענגלישן פאָלק פאַר די ערשטע עטלעכע יאָרצענדליק פונעם היינטיקן יאָרהונדערט, מוז אָנקומען צו דזשאָן גאָלסוואָרטיס נאָוועלן.

איין יאָר פאַר זיין טויט (אין 1932) האָט גאָלסוואָרטי באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

דער געפאַנגענער

אין אַ פיינעם טאָג, אָנהייב זומער אין אַ לאָנדאָנער גאָרטן, איידער די פייגל האָבן פאַרלוירן זייער פרילינג־ליד, אָדער דיביימער זייער לעצטן צוויט, האָט אונדזער פריינד פלוצלינג אויסגערופן:

— אוי, אַ קאַנאַריקל! — דראָסלען, שוואַלבן און אינסעקטן זענען געווען אָן אַ שיעור. אַ סאָווע ביינאַכט און אַ קוקושקע, וואָס האָט על פי טעות איין מאָל אין יאָר, פייערלעך אָנגענומען דעם דאָזיקן גרינעם ביימער־אינדזל פאַר דער ערד פון קענט און סאָררײ, אָבער אַ קאַנאַריק — קיין מאָל!

— איך הער עס, אָט דאָרט, — האָט ער ווידער געזאָגט — און אויפשטייענדיק האָט ער זיך געלאָזט צום הויז.

ווען אונדזער פריינד איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך ווידער אָוועקגעזעצט און האָט באַמערקט:

— איך האָב נישט געוווסט, אַז איר האַלט אַ פייגעלע אין אַ שטייגל! — מיר האָבן אים געזאָגט, אַז אונדזער קוכער האָט אַ קאַנאַריק.

— אַ חמור! — האָט ער קורץ געענטפערט.

עפּעס אַ שטאַרק געפיל האָט קענטיק אין אים אויפגעברויזט, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט געקענט פאַרשטיין.

פלוצלינג האָט ער אויסגעשאָסן:

— איך קען נישט פאַרטראָגן קיין באַשעפענישן אין שטייגן: חיות, פייגל אָדער מענטשן. איך האָס צו זען זיי אָדער צו טראַכטן פון זיי. — און קוקנדיק ביז אויף אונדז, גלייך מיר זאָלן מיט געוואַלד געווען פון אים אַרויסרייסן דעם דאָזיקן ווידוי, האָט ער אויף גיך אָנגעהויבן רעדן ווייטער:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געוויילט אין אַ דייטשישער שטאָט, מיט אַ פריינד, וואָס האָט געפאָרשט סאָציאַלע פּראָבלעמען. איין מאָל האָט ער מיך געבעטן גיין מיט אים באַזוכן אַ תפיסה. איך האָב ביז דאַן נישט געהאַט געזען קיין איינע און כ׳האָב איינגעשטימט. עס איז פונקט געווען דאַן אַזאַ טאָג ווי היינט — אַ פּערפעקט קלאָרער הימל, און יענער קילער, טאַנצנדיקער פונק אויף אַלץ, וועלכן איר קענט בלויז זען אין אייניקע טיילן פון דייטשלאַנד. די תפיסה וואָס איז געשטאַנען

אין מיטן שטאָט, איז געווען איינע פון יענע אין דער פאָרעם פון אַ שטערן, וואָס זענען געבויט געוואָרן לויטן פּלאַן פון פּאַנטאָגנויל. די סיסטעם, האָט מען אונדז געזאָגט, איז די זעלבע, וואָס ביי אונדז אין לאַנד מיט אַ סך יאָרן צוריק. די דייטשן זענען דאַן געווען, און זענען נאָך, אָן ספק איצט ענטוזיאַסטיש פון דער אידייע צו פאַרמויערן זייערע אַרעסטאַנטן אין פולשטענדיקער איינזאַמקייט. אָבער עס איז פאַר זיי געווען דאַן אַ ניי שפּילעכל, און זיי האָבן זיך דערמיט געצאַצקעט מיט יענער פאַנאַטישער דורכאויסיקייט, וואָס די דייטשן ווייזן אַרויס צו אַלץ וואָס זיי נעמען זיך. איך וויל נישט שילדערן די דאָזיקע תפיסה, אָדער וואָס מיר האָבן דאָרט געזען. אויף וויפל אַ אינסטיטוציע, וואָס האַלט זיך אויף אַזעלכע שרעקלעכע יסודות, קען עס אויספירן, וואָג איך צו באַהויפּטן, אַז זי איז געווען גוט פאַרוואַלטעט. דער תפיסה־דירעקטאָר, יעדנפאַלס, האָט געמאַכט אויף מיר אַ גוטן רושם. איך וועל אייך בלויז דערציילן פון איין זאַך, וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווייל עס האָט פאַר מיר סימבאָליזירט אויף שטענדיק דאָס פאַרשליסן אין אַ שטייג פון אַלע ברו־אים, חיות און מענטשן, גרויסע אָדער קליינע.

אונדזער פריינד האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָך דעם האָט ער מיט מער אויפגע־רעגטקייט אין זיין שטימע, גלייך ער זאָל האָבן דעם באַוווסטזיין, אַז ער פאַרגוואַל־דיקט זיין באַטירלעכע צוריקגעהאַלטנקייט, פאָרגעזעצט:

— מיר זענען שוין געהאַט דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע מוראדיקע מקום, ווען דער תפיסה־דירעקטאָר האָט אַ פרעג געטאָן מיין פריינד, צי וואָלט ער אַ בעלן זיין זען איינעם אָדער צוויי פון די „לעבנסלענגלעכע" פאַרמשפּטע.

— איך וועל אייך ווייזן איינעם — האָט ער געזאָגט — וועלכער האָט דאָ שוין פאַרבראַכט זיבן און צוואַנציק יאָר. ער איז, פאַרשטייט זיך, עטוואָס מיד פון זיין לאַנגער אָפּגעשלאָסנקייט. איך געדענק עקזאַקט זיינע ווערטער. בעת מיר זענען געגאַנגען צו דעם געפאַנגענעמס צעל, האָט ער אונדז דערציילט זיין געשיכטע. ער איז געווען אַ סטאָליאַר־געזעל, און ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, איז ער צוגע־שטאַנען צו אַ באַנדע גנבים מיטן ציל צו באַגנבענען דעם אייגנעם באַלעבאָס. גע־כאַפּט ביי דער האַנט, איז ער בלינד אַרויסגעשפּרונגען און האָט דעם באַלעבאָס דערהרגעט אויפן שטעל. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אָבער דורך דער אינטערווענץ פון עפּעס אַ מלכות, וואָס איז געוואָרן נערוועז זינט ער האָט דערזען טויטע, דאַכט מיר ביי דער שלאַכט פון סאַדאָוואַ, איז זיין אורטייל פאַרביטן גע־וואָרן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה.

— ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין צעל, איז ער געשטאַנען שטאַר־שטיל קוקנדיק אויף זיין אַרבעט. ער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר זעכציק אַוודאי, כאָטש ער האָט נישט געקענט זיין עלטער פון זעקס און פערציק. אַ געבויגענע, ציטערדיקע חורבה פון אַ מענטשן, אָנגעטאָן אין אַ טונקעלן פאַרטוך. זיין געזיכט האָט געהאַט דעם מעל־קאָליר פון אַלע אַרעסטאַנטסקע פּנימער. עס האָט ווי נישט געהאַט קיין

שטריכן. זיינע באַקן זענען געווען איינגעפאַלן; זיינע אויגן גרויס, אָבער קוקנדיק אויף אינעווייניק. איך קען ניט געדענקען זייער קאָליר — אויב זיי האָבן בכלל געהאַט אַ קאָליר. ווען מיר זענען אַהין אַריין איינס נאָך ס'אַנדערע, דורך דער אייזערנער טיר, האָט ער אַראָפּגענומען זיין היטל, אויך אַ טונקלס, ווי אַלץ אַרום אים, וווייזנדיק זיין שטויביקן פליכעוואַטן קאָפּ, מיט עטלעכע גרויע האָר אויפן שפּיץ און איז געבליבן שטיין אויסגעצויגן קוקנדיק מיט באַשיידנקייט אויף אונדז. ער האָט אויסגעזען ווי אַ סאָווע, וועלכער ס'האָט פּלוצלינג פאַרבלענדט די זונשיין. האָט איר ווען געזען אַ קליין קינד, וואָס איז קראַנק צום ערשטן מאָל — פול מיט צעשראָקנקייט פון די אייגענע ליידן? — אָט אַזוי איז געווען זיין פּנים, אָבער אויסערגעווייינלעך צאַרט! מיר האָבן געזען אַ סך אַרעסטאַנטן און ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרמאָגט יענע שרעקלעכע צערטלעכקייט. אויך דער קלאַנג פון זיין שטימע: „יאָ, הער דירעקטאָר — ניין, הער דירעקטאָר". שטיל און האָפענונגסלאָז. איך געדענק עס איצט. קיין אַטאָם ווילנס־קראַפט איז נישט געווען אין דעם. אונדזער פריינד האָט זיך אָפּגעשטעלט, רינצלענדיק דעם שטערן אין זיין אָנשטרענגונג אויפצולעבן די סצענע.

— ער האָט געהאַלטן אין זיין האַנט — האָט ער ווייטער גערעדט — אַ בויגן שטייף פּאַפּיר, אויף וועלכן ער האָט איבערגעשריבן דעם נייעם טעסטאַמענט פאַר בלינדע. ווען ער האָט אַ פיר געטאָן מיט זיינע דינע פינגער איבער די אותיות, צו ווייזן ווי לייכט די בלינדע קענען דאָס לייענען, האָט איר באַמערקט, אַז זיינע הענט זענען געווען שטויביק, ווי ביי אַ מילנער. עס איז גאָרנישט געווען אין צעל פון וואָס עס זאָל קענען קומען אַזאַ שטויב, און איך גלייב אויך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין שטויב אויף זיינע הענט, נאָר עפּעס אַן אויסוועפונג פון דער מענטשלעכער פלאַנץ, וואָס ווערט צעשטויבט. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם בויגן פּאַפּיר, האָט ער געציטערט ווי אַ פליגל פון אַן אינסעקט. איינער פון אונדז האָט געפרעגט ווער ס'האָט דערפונדן די סיסטעם, לויט וועלכן ער האָט געאַרבעט, אָנרופנדיק עפּעס אַ נאָמען. „ניין, ניין", האָט ער געזאָגט, און ער האָט געשווידערט פון אייפער זיך צו דערמאָנען דעם ריכטיקן נאָמען. ענדלעך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט אַרויסגעמורמלט: „אַ, הער דירעקטאָר, איך קאַן ניכט!" דאַן איז פּלוצלינג אַרויס דער נאָמען פון זיינע ליפּן. אין יענעם מאָמענט האָט ער, צום ערשטן מאָל,ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ מאַן. איך האָב קיין מאָל פריִער נישט באַגריפן די ווערט פון פרייהייט; דעם אמתן זין פון אונדזערע באַציִונגען מיט אַנדערע מענטשלעכע וועזנס; די נויטווענדיקייט פון מוח צו ווערן פאָלירט יעדן מאָמענט פון לאַנדשאַפטן און קלאַנגען, דאָס מוזן געדענקען און נוצן וואָס מיר געדענקען. דעם מענטשן, זעט איר, האָט גאָרנישט גענוצט דער זכרון אין זיין לעבן. ער איז געווען ווי אַ פלאַנץ, וואָס שטייט אויף אַ פּלאַץ, וווּ קיין טוי קען אויף איר נישט פאַלן. צו זען יענעם בליק אויף זיין פּנים ביים איינפּאַכן דערמאָנען זיך אַ נאָמען, איז געווען ווי צו

דערזען אַ קליין שטיקל גרין בלעטעלע, אין מיטן פֿון אַ פֿאַרוועלקטן קוסט. „דער מענטש, זאָג איך אײַך, איז ווונדערלעך — ער איז דאָס געדולדיקסטע באַשעפֿעניש!"

אונדזער פֿרײַנד איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אומשפּאַנען הין און צוריק. „זײַן וועלט איז נישט געווען קיין גרויסע, בײַ אַ פֿערצן פֿוס אויף אַכט. ער האָט געלעבט דאָרט זיבן און צוואַנציק יאָר, אָן אַ מויז אַפֿילו פֿאַר אַ פֿרײַנד. זיי טוען אַלץ בשלימות אין די תּפֿיסות. גיט נאָר אַ קלער פֿון דער אומגעהײַערער לעבנס־קראַפֿט, וואָס דאַרף אָנפֿילן אַ מענטשלעכן אָרגאַניזם, מ'זאָל דאָס קענען איבערלעבן... — וואָס שטעלט איר זיך פֿאָר — האָט ער זיך פּלוצלינג אַ קער געטאָן צו אונדז — האָט געהאַלטן אַ סימן פֿון זײַן פֿאַרשטאַנד לעבעדיק? אַלזאָ, איכ'ל אײַך דערציילן: בשעת מיר האָבן נאָך געקוקט אויף זײַן שריפֿט פֿאַר די בלינדע, האָט ער אונדז פּלוצלינג אַרײַנגערוקט אין האַנט אַרײַן אַ שטיקל האָלץ די גרייס פֿון אַ גרויס פֿאָטאָגראַפֿיש בילד. דאָס איז געווען דאָס בילד פֿון אַ יונג מיידל, וואָס זיצט אין מיטן פֿון אַ גאָרטן, מיט העל־קאָלירטע בלומען אין איר האַנט. אין הינטערגרונט האָט גערונען אַ שמאָל געדרייט טײַכל, מיט אייניקע טשערעט אין דעם און עפּעס אַ משונה פֿויגל, אַ מין קראָ איז געשטאַנען אויפֿן ברעג. און לעבן דעם מיידל איז געשטאַנען אַ בוים מיט גרויסע אַראָפּהענגענדיקע פֿרוכטן, מאָדנע סימעטריש, נישט ענלעך צו קיין לעבעדיקן בוים, און דאָך איז עפּעס געווען אין אים ענלעכס צו אַלעביימער, ווי זיי וואָלטן געווען באַלעבט פֿון גײַסטער, און זענען די פֿרײַנד פּונעם מענטשן. דאָס מיידל האָט געקוקט גלײַך אויף אונדז מיט פֿערפֿעקט קיילעכדיקע, בלויע אויגן, און די בלומען וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט, האָבן אויך ווי געקוקט צו אונדז. דאָס גאַנצע בילד האָט מיר אויסגעוויזן איז פֿול געווען מיט — ווי זאָל איך אײַך אָנרופֿן? — אַ מין שטוינונג. עס האָט פֿאַרמאָגט אין גאַנצן דעם רויען קאָלאָריט און צייכענונג פֿון אַן איטאַליעניש געמעל, דעם אויסזען פֿון שווערקייטן באַזיגטע דורך לויטערער איבערגעגעבנקייט. איינער פֿון אונדז האָט אים געפֿרעגט, צי ער האָט זיך אויסגעלערנט מאָלן איידער ער איז פֿאַרזעצט געוואָרן אין תּפֿיסה? אָבער דער אומגליקלעכער האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען די פֿראַגע. „ניין, ניין", האָט ער געזאָגט, „דער הער דירעקטאָר ווייסט, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין מאָדעל. דאָס איז אַ פֿאַנטאַסטיש בילד". און זײַן שמייכל האָט געקענט בײַ אַ טייוול אַרויסרופֿן געוויין. ער האָט אַרײַנגעלייגט אין דעם בילד אַלץ נאָך וואָס זײַן נשמה האָט געבענקט — אַ פֿרוי, בלומען, פֿייגל, ביימער, אַ בלויער הימל, רינענדיק וואַסער. און די גאַנצע פֿאַרווונדערונג פֿון זײַן גײַסט, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון די אַלע זאַכן.

ער האָט דערויף געאַרבעט, האָבן זיי געזאָגט, אַכצן יאָר, צעשטערנדיק און מאָלנדיק איבער אַ נייס, ביז ער האָט געמאַכט דאָס בילד צום הונדערטסטן מאָל. עס איז געווען אַ מייסטער־ווערק. יאָ, דאָרט האָט ער פֿאַרבראַכט זיבן און צוואַנציק

יאָר, פאַרמשפּט אויף אייביק. צו דעם דאָזיקן לעבעדיקן טויט — אָן ריחות, זען, הערן, אָדער באַרירן וועלכן נישט איז נאַטירלעכן קעגנשטאַנד, אָן אַ געדעכעניש פון זיי, אַרויסציִענדיק פון זיין אויסגעהונגערטער נשמה די דאָזיקע וויזיע פון אַ יונג מיידל, מיט אויגן פולע מיט פאַרוווּנדערונג, און בלומען אין איר האַנט. דאָס איז דער גרעסטער טריומף פון דעם מענטשלעכן גייסט, און די גרעסטע עדות אויף דער מאַכט פון קונסט, וואָס איך האָב ווען געזען.

אונדזער פריינד האָט געגעבן אַ קורצן לאַך: פון דעסטוועגן איז דעם מענטשנס מוח אַזוי גראָבהויטיק, אַז איך האָב אַפילו דאַן נישט תיכף באַגריפן די גסיסה פון דעם מאַנס לעבן. אָבער שפּעטער איז עס מיר קלאָר געוואָרן. ס'האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז איך האָב געזען זיינע אויגן, בעת ער האָט געפּרוווּט ענטפערן אויף אַ פראַגע פון תפיסה־דירעקטאָר וועגן זיין געזונט. ביזן לעצטן טאָג פון מיין לעבן וועל איך זיי נישט פאַרגעסן. זיי זענען געווען די טראַגעדיע אַליין — אַלע אייבי־קייטן פון איינזאַמקייט און שוויגן האָט ער איבערגעלעבט, די אַלע אייביקייטן, וואָס ער דאַרף נאָך איבערלעבן איידער זיי וועלן אים באַגראָבן אויפן בית־עולם אין דרויסן, האָבן אַרויסגעקוקט פון די אויגן. זיי האָבן פאַרמאָגט מער נעבעכדיקן עלנט פון אַלע אויגן צוזאַמענגענומען פון אַלע פריִיע מענטשן, וואָס איך האָב ווען געזען. איך האָב נישט געקענט אויסהאַלטן זיין קוק און בין אַרויס איילנדיק פון דער צעל. איך האָב דאַן געפילט און שטענדיק זינט דאַן, דאָס וואָס די רוסן רופן אָן „די הייליקייט פון צער". איך האָב געפילט, אַז מיר אַלע האָבן זיך געדאַרפט בייגן פאַר אים. אַז איך, כאָטש איך בין געווען פריי און אָרנטלעך, בין אַ שאַרלאַטאַן און אַ פאַרברעכער, אין אַנבליק פון יענעם לעבעדיקן געקרייציקטן. וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ער איז נישט באַגאַנגען — מיך אינטערעסירט נישט וואָס — איז מען באַגאַנגען אַזאַ זינד קעגן דעם אָרעמען נפש, אַז איך בין געווען בלאָטע אונטער זיינע פיס. ווען איך טראַכט פון אים, וועלכער זיצט נאָך דאָרט, דערפיל איך אַזאַ צאָרן צו מיין מענטשלעכן מין. איך פיל דעם יאָמערלעכן וויטאָק פון אַלע פאַר־שפּאַרטע ברואים אויף דער וועלט.

אונדזער פריינד האָט אָפּגעקערט זיין קאָפּ און האָט אַ מאָמענט געשוויגן.

— אויף אונדזער וועג צוריק געדענק איך — האָט ער ענדלעך געזאָגט — זענען מיר דורכגעפאָרן דעם שטאָט־פּאַרק. דאָרט איז געווען פריי און גענוג ליכט; כל המינים ביימער: ליפּעס, בוקעס, דעמבעס, טאָפּאָלן, בערעזעס און עפּל־ביימער אין צוויט, האָבן פאַרשפּרייט זייערע ריחות. יעדע צווייג און יעדעס בלעטעלע האָט געשטראַלט מיט גליק. דער פּאַרק איז פול געווען מיט פייגל, די סימבאָלן פון פריי־הייט, וואָס זענען אַרומגעפלויגן און האָבן הויך געזונגען אויף דער זון. יאָ, אַ פאַר־כישופט פלאַץ. און איך געדענק גוט, אַז כ'האָב דאַן געטראַכט: אין דער גאַנצער נאַ־טור איז בלויז מענטשן און שפּינען, פּייניקן אַנדערע באַשעפענישן אַזוי לאַנג און לאַנגזאַם. און בלויז מענטשן טוען עס קאַלטבלוטיק מיט זייערע אייגענע מיטמענטשן.

אויף וויפל איך ווייס, איז עס אַ פּאַקט פון נאַטור־געשיכטע. און איך קען אייך זאָגן, אַז צו זען, אַזוי ווי איך האָב געזען, אין יענעם מענטשנס אויגן, די — נישט צום איבערגעבן — מוראדיקע עלנט, מיינט קיין מאָל מער נישט צו האָבן די זעלבע מיינונג וועגן דעם אייגענעם מענטשלעכן מין. אין יענעם אָוונט בין איך געזעסן ביי אַ קאַפּע־פּענצטער, הערנדיק די מוזיק, דאָס רעדן, דאָס געלעכטער, קוקנדיק ווי די מענטשן גייען אין גאַס — אַרבעטער, סאָלדאַטן, סוחרים, אָפיצירן, גלחים, בעטלער, אַריסטאָקראַטן, גאַסן־פרויען, און די שיין וואָס שטראָמט אַרויס פון די פענצטער, און די בלעטער, וואָס שאָקלען זיך אויפן פאָן פון ווונדערלעכן, טונקעלן, בלויען הימל. אָבער איך האָב גאָרנישט געזען און געהערט פון דעם אַלעמען. איך האָב בלויז געזען דאָס מילדע, מעל־געזיכט פון יענעם אומגליקלעכן. זיינע אויגן און זיינע שטויביקע, ציטערנדיקע הענט, און איך האָב געזען דאָס בילד וואָס ער האָט אויסגעמאָלט דאָרט אין גיהנום. איך זע עס שטענדיק, ווען איך זע אָדער הער אַ פאַרשפאַרט איינזאַם באַשעפעניש.

אונדזער פריינד האָט אויפגעהערט רעדן, און באַלד נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַוועק.

וויליאַם סאָמערסעט מאָם

(געבוירן אין 1874)

דער אָנגעזעענער ענגלישער נאָוועליסט און דראַמאַטורג איז אויך אַ מייסטער פון דער קורצער דערציילונג.

פּאַר סאָמערסעטס מייסטער־ווערק ווערט גערעכנט זיין „וועגן מענטשלעכער פּאַר־שקלאַפונג", אַ האַלב ביאָגראַפישע נאָוועלע; זיין נאָוועלע „רעגן" איז וועלט באַרימט.

דער רעדאַקטאָר פון דער אַנטאָלאָגיע האָט איבערזעצט אויף יידיש פון סאָמערסעט מאָם זיין נאָוועלע „טעאַטער" און זיין בוך מערק־ווירדיקע דערציילונגען פון לעבן פון די פאָלקס־מאַסן אין כינע מיטן טיטל „אויף אַ כינעזישן לייוונט".

די דערציילונגען אין דער אַנטאָלאָגיע זענען איבערזעצט פון דעם אויבן דערמאָנטן לעצטן בוך.

די לאַסט־בהמה

(פון בוך: „אויף אַ כינעזישן לייוונט")

ווען איר דערזעט צום ערשטן מאָל דעם קולי איבערן שליאַך, טראָגנדיק זיין משא, ווירקט ער אויף אייער אויג ווי אַן אָנגענעמער קעגנשטאַנד. אין זיינע בלויע שמאַטעס, אַ בלויקייט פון אַלע שאַטירונגען, פון אינדיגאָ און טורקיז־קאָליר ביז דער מילך־בלאַסקייט פונעם הימל, פּאַסט ער זיך אַריין אין דער לאַנדשאַפט. ער זעט אויס גאַנץ נאַטירלעך בשעת ער שלעפּט זיך איבערן שמאָלן שאָסיי צווישן די רייז־פעלדער אָדער ווען ער קלעטערט איבער אַ גרינעם באַרג אַרויף. זיין הלבשה באַשטייט אין אַ קורץ רעקל מיט אַ פּאָר הויזן; און אויב ער האָט גע־טראָגן אַן אָנצוג וואָס איז אין אָנהייב געווען פון איין שטיק, טראַכט ער קיין מאָל נישט ווען עס קומט צו פאַרלאַטן, אויסצוזוכן אַ שטיקל פון דעם זעלביקן שטאָף און קאָליר. עס איז ביי אים גוט אַלץ וואָס ס'קומט צו דער האַנט. פון זון און רעגן שיצט ער זיין קאָפּ מיט אַ שטרויענעם הוט וואָס האָט אויסערגעוויינלעכע ברייטע ראַנדן.

איר זעט אַ רייע קוליס אָנקומען איינס נאָך ס'אַנדערע, יעדער מיט אַ שטעקן איבער די אַקסלען, פון ביידע עקן שטעקן הענגען אַראָפּ צוויי גרויסע פּעק און זיי שטעלן פאָר אַ שיין בילד. עס איז אָנגענעם צו קוקן אויף זייערע איילנדיקע

שאָטנס אין דעם וואַסער. איר קוקט אויף זייערע פּנימער ווען זיי גייען איך פאַרביי. דאָס זענען גוטמוטיקע און אויפריכטיקע פּנימער, וואָלט איר געזאָגט, ווען מען זאָל אייך נישט געווען איינקלאַפּן אין קאָפּ, אַז די מזרח־לייט זענען געוויסנלאָז: און ווען איר זעט זיי ליגן מיט זייערע משאות אונטער אַ בעניען־בוים לעבן אַ טעמפּל ביים וועג, רויכערנדיק און פּלוידערנדיק פריילעך, אויב איר האָט נאָך געפּרוווט אויפהייבן די פּעק וואָס זיי טראָגן דרייסיק אָדער מער מייל אַ טאָג, איז נאַטירלעך וואָס איר פילט אַ פאַרערונג פאַר זייער געדולד און זייער גייסט. אָבער מען וועט אייך אָננעמען פאַר עטוואָס אידיאָטיש, אויב איר וועט אויסדריקן די דאָזיקע פאַרערונג אייערער פאַר די אַלטע איינוווינער פון כינע. מען וועט זאָגן מיט אַ טאָלעראַנטן צי מיט די אַקסלען, אַז די קוליס זענען בהמות. אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי געשלעפּט משאות, אַזוי אַז עס איז קיין וווּנדער נישט ווען זיי טוען עס מוטיק. און ריכטיק קענט איר אַליין זען, אַז זיי הויבן אָן פרי, ווייל איר וועט טרעפן קליינע קינדער מיט אַ יאָך אויף זייערע אַקסלען, בייגנדיק זיך אונטער דער וואָג פון קיישלעך גרינוואַרג.

דער טאָג שטייט נישט און עס ווערט הייסער. די קוליס טוען אויס זייערע רעקלעך און גייען האַלב נאַקעט. דאַן באַמערקט איר צומאָל אין איינעם וואָס רוט אָפּ אַ רגע, זיין משא אויף דער ערד, אָבער דער שטעקן נאָך אויפן אַקסל, אַזוי אַז ער מוז רוען עטוואָס אַראָפּגעבויגן, ווי דעם אָרעמענס מידע האַרץ קלאַפּט אין די ריפּן. איר זעט עס אַזוי קלאָר ווי אין געוויסע פאַלן פון האַרץ־קראַנקייטן אין די וואַרט־צימערן פון אַ שפּיטאָל. עס איז מאָדנע פיינלעך דאָס צו זען. דאַן זעט איר אויך דעם קוליס פּלייצעס. דער דרוק פון דעם שטעקן אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן, טאָג נאָך טאָג, האָט געמאַכט האַרטע רויטע שראַמען, און צומאָל זענען אַפילו פאַראַן דאָרט אָפּענע וווּנדן. גרויסע וווּנדן, נישט באַנדאַזשירטע אָדער קורירטע, וואָס רייבן זיך אין האָלץ. אָבער דאָס אַממייסטן מאָדנע איז וואָס צומאָל, גלייך די נאַטור זאָל זוכן אַדאָפּטירן דעם מענטשן צו די דאָזיקע גרויזאַמע אַרבעטן, וואַקסט אויס ווי אַ משונה אָנוווקס אַ מין האָרב ווי פון אַ קעמל דאָרט, ווו דער שטעקן ליגט. אָבער צי עס קלאַפּט דאָס האַרץ אָדער ס'ווייטיקן די וווּנדן, אין ביטערן רעגן אָדער ווען ס'ברענט די זון, האַלטן זיי אין אייביקן גיין, פון פרי־מאָרגן ביז פינצטער, יאָר איין יאָר אויס, פון קינדהייט ביז דער טיפער עלטער. איר זעט אַלטע לייט אָן אַ לויט פּעטקייט אויף זייערע קערפּערס; זייער הויט הענגט לויז איבער זייערע ביינער, מיט איינגעשרומפּענע, געקאָרטשעטע, קליינע מאַלפּי־שע פּנימער, מיט שיטערע און גרויע האָר; און זיי וואַקלען זיך אונטער זייער לאַסט ביז זיי דערשלעפּן זיך אַמאָל צום ראַנד פון קבר, ווו זיי רוען ענדלעך אָפּ. און שטיל גייען זיי, די קוליס, נישט לויפנדיק, אָבער אויך נישט גייענדיק פּאַמעלעך, מיט אַ זייטעלע אויף שנעל, די אויגן געווענדט צו דער ערד אויסצוקלייבן דעם פּונקט ווו צו שטעלן זייערע פיס, און אויף זייערע געזיכטער מערקט זיך אַן אָנגע־

שטרענגטער, אַנגסטלעכער אויסדרוק. איר קענט מער נישט הנאה האָבן פון זייער בילדערישקייט בעת זיי דערווייטערן זיך. זייער אָנשטרענגונג דערדריקט אייך. איר זענט פול מיט הילפלאָזן רחמנות.

אין כינע איז דער מענטש די לאַסט־בהמה.

'צי ווערן געקוועלט פון די פּלאָגן פון לעבן און עס דורכגיין שנעל נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן, — איז עס נישט באמת אַ שאָד? אַרבעטן אָן אויפהער און דאַן, נישט דערלעבנדיק צו געניסן די פּרוכטן פון דער אַרבעט, אַן אויסגעגנוצטער אַוועק פלוצלינג, נישט וויסנדיק וווהין, — איז עס נישט אַ ריכטיקער מאָטיוו פאַר גרויסן ווייטיק?"

אַזוי האָט געשריבן דער כינעזישער מיסטיקער.

אַ שטיין וואָס פליט

איך האָב געהערט זיין אויסערגעוויינלעכע געשיכטע איידער כ׳האָב אים געקענט און האָב דערוואַרט אַ מאַן פון איבעראַשנדיקן אויסזען. ער האָט מיר אויסגעוויזן, אַז יעדער וואָס האָט דורכגעלעבט אַזעלכע מערקווירדיקע דערפאַרונגען מוז פאַרמאָגן אויך אין זיין אויסערלעכקייט עפּעס מערקווירדיקס. ער איז קורצער פונעם דורכשניטלעכן מענטשן. עטוואָס צאַרט, אָפּגעבריענט פון דער זון, מיט האָר וואָס הייבן אָן גרוי ווערן, כאָטש ער איז נאָך אונטער דרייסיק, און מיט ברוינע אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי יעדער אַנדערער, און איר האָט אים געמוזט זען אַ מאָל צוועלף איידער איר האָט זיך געקענט דערמאָנען ווער ער איז. ווען איר זאָלט אים געווען טרעפן שטיין הינטער דער סטויקע פון אַ קראָם אָדער אויף אַ בענקל אין געשעפט פון איינעם וואָס באַרגט געלט אויף אַ משכון, וואָלט איר געזאָגט, אַז ער איז אויפן ריכטיקן פּלאַץ. אָבער איר וואָלט אים אַזוי ווייניק באַמערקט ווי די סטויקע אָדער דאָס בענקל. אַזוי ווייניק איז אין אים געווען וואָס עס זאָל רופן די אויפמערקזאַמקייט, אַז ענדלעך האָט עס פאַראינטריגירט. זיין געזיכט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אויסדרוק, האָט אייך דערמאָנט אין דער ווייסער וואַנט פון אַ מאַנטשו־פּאַלאַץ, אין אַ שמוציקער גאַס, הינטער וועלכער איר האָט געוווּסט אַז עס איז פאַראַן געמאָלטע הויפן, געשניצטע דראַגאָנען, און גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ ראַפינירט לעבן.

זיין גאַנצע קאַריערע איז געווען אַ מערקווירדיקע. אַליין אַ זון פון אַ וועטערינאַר־דאָקטאָר, איז ער געוואָרן אַ רעפּאָרטער אין די לאָנדאָנער פּאָליציי־געריכטן, שפּעטער איז ער אַוועק אַלס קעלנער אויף אַ האַנדלס־שיף קיין בוענאָס־איירעס. פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער זיד־אַמעריקע. פון אַ פּאָרט אין טשילע איז אים געלונגען צו קומען אויף די אינדזלען מאַרקעסאַס, ווו ער האָט זעקס חדשים געלעבט אויפן חשבון פון די איינגעבוירענע — שטענדיק גרייט אויפצונעמען גאַסטפריינטלעך אַ ווייסן — און דאַן האָט ער זיך פאַרשיפט ווי אַן אונטערשטורמאַן קיין אַמאָי, אויף אַן אַלטער שיף, וואָס האָט אַהין געפירט כינעזישע אַרבעטער.

נײַן יאָר זענען אַוועק איידער איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, און די גאַנצע צײַט האָט ער געלעבט אין כינע. צוערשט האָט ער געאַרבעט בײַ אַ געוויסער קאָמפּאַניע, אָבער נאָך אַ פּאָר יאָר איז אים די אַרבעט געוואָרן מאָנאָטאָן, און אַזוי ווי ער האָט שוין אין אַ געוויסן גראַד געהאַט געכאַפּט די שפּראַך, איז ער געוואָרן אַ באַאַמטער פון אַ פירמע, וואָס האָט פאַרטיילט פּאַטענטירטע רפואות איבער דער לענג און ברייט פונעם לאַנד. אין משך פון דריי יאָר האָט ער געוואַנדערט פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ, פאַרקויפנדיק פילן און האָט אָפּגעשפּאָרט פאַר דער צײַט אַכט הונדערט דאָלאַר. דאַן האָט ער זיך ווייטער אַוועקגעלאָזט וואַנדערן.

ער האָט דאָס מאָל אָנגעהויבן די מערקווירדיקסטע פון זײַנע אַוואַנטורעס. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון פּעקין אויף אַ רייזע איבערן גאַנצן לאַנד, פאַרבנדיק אין בגדים פון אַן אָרעמען כינעזער, מיטן פּעקל בעטגעוואַנט, אַ כינעזישע ליולקע, און אַ צײַן־בערשטעלע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין כינעזישע שענקען, איז גע־שלאָפן אויף נאַרעס אײַנאײַנעם מיט אַנדערע רייזנדיקע און האָט געגעסן כינעזישע שפּײַז. דאָס אַליין איז נישט קיין קלייניקייט. ער האָט ווייניק געניצט די באַן, אַמ־מערסטנס איז ער געגאַנגען צופוס, אַמאָל האָט ער זיך געזעצט אויף אַ וואָגן, אָדער זיך געלאָזט איבער אַ טײַך. ער איז דורכגעגאַנגען שענסי און שאַנסי; ער האָט געוואַנדערט איבער די ווינטיקע פליינען פון מאָנגאָליע און האָט זיך אײַנגע־שטעלט דאָס לעבן אין באַרבאַרישן טורקעסטאַן; ער האָט פאַרבראַכט וואָכנלאַנג מיט די נאָמאַדן פונעם מדבר און האָט מיטגערייזט מיט די קאַראַוואַנען, וואָס האָבן געטראָגן די ציגל־טיי איבער דעם וויסטן מדבר גאָבי. ענדלעך, מיט פיר יאָר שפּעטער, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט אויסגעגעבן זײַן לעצטן דאָלאַר, האָט ער ווידער אַמאָל דערגרייכט פּעקין.

ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. דער לייכטסטער אויפן צו פאַרדינען געלט איז געווען צו שרייבן. און דער רעדאַקטאָר פון אַן ענגלישער צײַטונג אין כינע האָט אײַנגעוויליקט אָפּצונעמען בײַ אים אַ סעריע אַרטיקלען וועגן זײַן רייזע. איך רעכן, אַז זײַן אײַנציקע שוועריקייט איז געווען וואָס אויסצוקלײַבן פון זײַן שפּע דערפאַרונגען. ער האָט געוווּסט אַ סך, וואָס מעגלעך קיין אַנדערע ענגלענדער אין דער וועלט האָט נישט געוווּסט. ער האָט געזען כל המינים זאַכן, מאָדנע, אײַנ־דרוקספולע, שרעקלעכע, צעשטרײַענדיקע און אומדערוואַרטעטע. ער האָט אָנגע־שריבן פיר און צוואַנציק אַרטיקלען. איך וועל נישט זאָגן, אַז זיי זענען געווען אומלעזבאַרע, ווײַל זיי האָבן געוויזן אַ זאָרגפעלטיקע און סימפּאַטישע באַאָבאַכטונג; אָבער ער האָט אַלץ ווי געזען צופעליק, און זיי זענען געווען מאַטעריאַלן פאַר קונסט. זיי זענען געווען ווי דער קאַטאַלאָג פון דער קראָם, וואָס פאַרקויפט אַלץ וואָס איז נייטיק פאַר דער אַרמיי און פלאָט. אַ מינע פאַרן מענטשן מיט פאַנטאַ־זיע, גיכער דער יסוד פון ליטעראַטור איידער ליטעראַטור ממש. ער איז געווען דער פעלד־נאַטוראַליסט, וואָס קלײַבט אויף געדולדיק אַן אַ שיעור פאַקטן, אָבער

וואָס האָט נישט קיין פעיקייטן פאַר פּאַראַלגעמיינערונגען: זיי בלייבן פאַקטן, וואָס וואַרטן אויף דעם סינטעז פון מער קאָמפּליצירטע מוחות ווי זיינער. ער האָט נישט קאַלקולירט, ער האָט נישט קיין פּלאַנצונגען אָדער חיות, נאָר מענטשן. זיין קאָלעקציע איז געווען אומפאַרגלייכלעך, אָבער זיין חכמה איז געווען קנאַפּ.

ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, האָב איך געזוכט צו געפינען ווי אַזוי האָט זיין פאַרשידנאַרטיקע דערפאַרונג אים באַווירקט. אָבער כאָטש ער איז געווען פול מיט אַנעקדאָטן, אַ פריילעכע, פריינטלעכע בריאה, וואָס איז גרייט געווען צו רעדן פון אַלץ וואָס ער האָט געזען, האָב איך נישט געקענט אַנטדעקן, אַז איינע פון זיינע אַוואַנטורעס זאָל האָבן אים אינטים אַנגערירט. דער אינסטינקט צו טאָן די אַלע משונהדיקסטע זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן, האָט געוויזן, אַז ס׳איז אין אים געווען אַ מאָדנער שטריך. די ציוויליזירטע וועלט האָט אים גענודיעט און ער האָט געפילט אַ ליידנשאַפט צו אָפּווייכן פון אויסגעטראָטענעם וועג. די מאָדנע זאַכן פון לעבן האָבן אים געלאָקט. ער האָט געהאַט אַן אומגעזעטיקטן נייגיר. אָבער איך דענק, אַז זיינע דערפאַרונגען האָבן איינפאַך געהאַט אַ שייכות מיטן קערפּער און זענען קיין מאָל נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נשמה-דערפאַרונגען. מעגלעך, אַז דעריבער האָט איר אין האַרצן געפילט, אַז ער איז מיטלמעסיק. די אומבאַדייטונג פון זיין אויסזען איז געווען אַן אמתער שליסל צו דער אומבאַדייטנדיקייט פון זיין נשמה. הינטער דער ווייסער וואַנט איז געווען ווייסקייט.

דערמיט דערקלערט זיך געוויס וואָס, האָבנדיק אַזוי פיל צו שרייבן, האָט ער געשריבן נודנע, ווייל אין שרייבן איז וויכטיקער ווי די רייכקייט אין מאַ־טעריאַל ווי די רייכקייט אין פּערזענלעכקייט.

ר. מאַריי גילקריסט

דער בראָך אין דער וואַנט

עס איז געווען אַ הייסער מאַיאָווער פּאַרמיטאָג און די משופּעדיקע פעלדער זענען געווען בונט מיט אַנעמאָן־בלומען. פיר קוקושקעס האָבן זיך איבערגעשמועסט ער־געץ ווייט אין דעם נעפּלדיקן טאָל; אַ סאָראָקע, וואָס האָט געבויט איר נעסט האָט, ווי מיט קאַסטאַניעטן אומאויפהערלעך געקלאַפּט פון דעם אולם־בוים.

קיזיע אָנווין איז אַראָפּגעגאַנגען קיין העטערטאָן־פּלאַט טראָגנדיק קאָטשקענע אייער אַלס מתנה פאַר דער אַלטער פּראָסגלאָוו. דער פּראָדוקט פון די עופות אויף איר טאַטנס פאַרם איז געווען קיזיעס הכנסה, און זי איז אַזוי געווען באַהאַוונט אין דער קונסט פון דער עופות־צוכט, אַז דאָס גאַנצע דאָרף איז גערן געווען אין אי־רע עצות. זי האָט נישט געהאַט קיין נויט אָפּצושפּאָרן דאָס געלט, וואָס זי האָט פאַר־דינט, ווייל זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון אַ רייכן מענטשן; האָט זי עס דע־ריבער אויסגעגעבן צו קויפן גוטע און פּרעכטיקע קליידער, אַזעלכע וואָס האָבן גע־הויבן די ווערט פון דער דאָרפס־מאָדע.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין קליידל פון העל־בלויער לייוונט וואָס האָט פעסט אַרומגענומען איר שלאַנקע פיגור. אַ קליינער שאַרף פון ווייסע שפּיצן האָט באַדעקט אירע פּלייצעס. דאָס שוועסטערקינד שרה, וואָס האָט געעפנט אַ מאָדע־געשעפט אין דער פּראָווינץ־שטאָט, האָט איר געשיקט דעם פּאַריזער הוט, וועלכער האָט אויסגעזען ממש ווי אַ בינטל עפּל־צוויט, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן פון דעם עפּל־בוים און איז געפאַלן אויף אַ קישן פון גרינעם גראָז.

עס איז בלויז נאַטירלעך, וואָס אַזאַ פּרעכטיק מיידל איז באַלעסטיקט געוואָרן פון פיל חתנים. איין בחור נאָך דעם אַנדערן האָבן זיך אַריינגעשטעלט אין אָוונטן אין שטוב כלומרשט צו הערן איר פאָטערס אַלטע מעשיות, אָבער אין דערווירק־לעכקייט, כדי זיך צו פאַרשאַפן דעם ווילדן פאַרגעניגן אָנצושטעלן שאַפנע אויגן אויף דעם יונגן מיידל. זי האָט אויסגעהערט אַ סך חתונה־פאָרשלאָגן און האָט זיי אַלע אָפּגעוואָרפן. אַצינד האָט איר דערפאַרונג אויסגעלערנט, ווי אָפּצושטויסן אַ קאַנדידאַט מיט גוטמוטיקן חוזק. אַ לאָקאַלע מעשה גייט איבער, ווי אַזוי

דזשאָן הענקאָק האָט געמאַכט זיין פאָרשלאַג. קיזיע האָט דאָס קיינעם נישט דערציילט, אָבער דער אַנטמוטיקטער יונג האָט דאָס אַליין אויסגעפּויקט אין שענק נאָך אַ גלעזל. ווען נאָך אַן אומגליקלעכן שפּיצל איז ער מיט איר געבליבן אַליין אויף אַ וויילע אין צימער, האָט ער אָנגעהויבן אויסשטאַמלען זיין שוואַכע ליבע דערקלערונג. זי האָט ווי אַרויסגעוויזן גרויס שרעק, אָבער זי האָט נאָך פאַרמאָגט גענוג געדאַנקען צו כאַפּן אַן עמער קאַלטע וואַסער און אויסגיסן אויף זיין קאָפּ. ווען ער איז ווידער צו זיך געקומען, האָט זי אויסגעמיטן די ווידערהאָלונג פון זיין שלעכטער אויפפירונג מיט די גרויזאַמע ווערטער: „הערט, טייערער, איך בין צופרידן! איך האָב געמיינט עס האָט אייך אָנגעכאַפּט אַן אַטאַקע!"

איינמאָל בלויז איז איר האַרץ גערירט געוואָרן און דאָס איז געווען ווען רייף פאַראַמור פון ראָקי־העדזש האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע. זיי ביידע זענען געווען שול־חברים און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיי געשטיפט אַרומזוכנדיק נעסטן פון פייגל אין מילטאָן־דייל. זי האָט אָנגעהויבן פון אים צו טראַכטן, נישט ווייסנדיק אַליין דערפון, אָבער, ווען ער האָט צו איר גערעדט, האָט זי אים אַזוי אומברחמנותדיק אויסגעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַליין צוריקגעצויגן. דער בחור האָט צוגעשריבן איר אָפּזאָג דער באַשיידנקייט פון זיין מצב. און כאָטש זינט דאַן איז זיין ליבע צו איר געוואַקסן, האָט ער איר קיינמאָל נישט געזען, סיידן גאָר פון דער ווייטנס.

דאָרט ווי דער וועג פאַרקירעוועט זיך, ווו די יאַגדעס וואַקסן אמגעדיכטסטן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַ טראַכט צו טאָן. אויב זי זאָל פאָרזעצן צו גיין מיט דעם ווייסן, שטויביקן וועג, וועט זי דאַרפן אויפלייגן צוויי מייל; אָבער, ווען זי זאָל עס מאַכן קירצער, צוליב וואָס זי האָט באַדאַרפט אַריבערשפּרינגען פאַרקנס און אַריבערקלעטערן שוואַך געבויטע ווענט פון קאַלך־שטיינער, וואָלט זי געקענט דעררייכן האַטערטאָן־פּלאַט אין ווייניקער פון אַ פערטל שעה.

— איך וועל ריזיקירן, — האָט זי געזאָגט, — דאָרטן זענען רייף פאַראַמורס פעלדער, אָבער ער וועט ניט זיין היינט דאָרטן. איך בין גוט פאַרמאַטערט פון דער היץ.

און זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס קיישל אויף דער באַנק און איז אַריינגעקראָכן צווישן די קנאָטיקע בוימער שטאַמען. אין אַ מינוט אַרום איז זי פריי געגאַנגען איבער דעם ברעג פון אַ טייכל, ווו מאַי־בלומען און שוים־קרויט האָבן שפּעדיק געבליט. ביים הויפּטקוואַל, ווו דאָס וואַסער האָט אַרויסגערונען פון אונטער אַ הויפן זאַמד־שטיינער, האָט זי זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צו אַ טויער, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַ פעלד פון גרינעם ווייץ און אַרומגייענדיק דאָס פעלד, האָט זי דערגרייכט די ערשטע הויכע וואַנט.

עס איז געווען שווער אַרויפצוקלעטערן. ווייל די ערד פון יענער זייט איז געזען העכער און דאָס שוואַכע געזימס איז העכער געווען פון דער העכסטער בליעכץ אין איר הוט. אָבער זי איז געווען יונג און פלינק און זי האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל אייער אויף אַ זיכערן שטיין און האָט אָנגעהויבן

קלעטערן. דאָס איז געווען מער געפערלעך איידער זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, און דער שערסטקע קאַלך־שטיין האָט זיך געקרישלט אונטער אירע פיס.

זי האָט שוין כמעט דערגרייכט דעם שפיץ, ווען איר האַרץ האָט זיך אין איר אַ צאַפּל געטאָן. ווייל די וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען אונטער איר וואָג. זי האָט קוים צייט געהאַט זיך אַ שליידער צו טאָן אין ווייכן גראָז פון יענער זייט, ווען מער פון אַ דריי יאַרד וואַנט זענען אומגעפאַלן אין דעם גרינעם ווייץ.

זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן. נישט געקוקט אויף דער שרעק, האָט איר פאַררויטלט געזיכט אויסגעדריקט אַ צופרידענע מינע פון שעלמישקייט.

עס וועט זיין אַן אָנגענעמע אַרבעט פאַר רייפן איר ווידער אַמאָל אויפצובויען, האָט זי געזאָגט. ווען עס זאָל געווען זיין עמעצן אַנדערש וואַנט וואָלט איך איר גע־ווען באַדאַרפט אויפבויען און נאָך צאָלן שטראָף, אָבער אַזוי ווי זי איז זיינע וועט ער עס אַליין צורעכט מאַכן צוליב מיר. פּלוצלונג האָט זי פון שרעק אַ שוואַכן קוויטש גע־טאָן, ווייל האַרט לעבן איר איז געווען רייף פאַראַמור אַליין. ער איז געזעסן אונ־טער אַ בליענדן עפּלבוים און האָט ענערגיש געשניצט פלעקער. ער האָט כיטרע גע־שמייכלט: עפּעס מענטשן פרעסערישעס איז געווען אין זיין אויסזען.

זי האָט געכאַפּט דאָס קיישל, וואָס איז אַרויס גאַנץ און איז אַנטלאָפן, אָבער ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז איר נאָך מיט גרויסע שריט.

איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געזאָגט קיזיע — האָט ער באַמערקט הויך — און איך רעכן נישט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן אין שפּאַס. לויט דאָ איז דער מנהג, דאַרף יעדערער וואָס וואַרפט אום אַ צווייטנס וואַנט, איר אויפבויען און דו דאַרפסט אויך אַזוי טאָן.

זי האָט זיך אומגעקערט און האָט זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט מיט שטאָלץ.

איך וועל זי נישט אויפבויען.

— דו וועסט שוין יאָ אויפבויען!

זי איז רויט געוואָרן. דו וועסט זיין דער ערשטער מאַן, וועלכער וועט מיך צווינ־גען טאָן אַ זאַך, וואָס איך האָב נישט בדעה צו טאָן, האָט זי געזאָגט, רוק זיך אָפּ און לאָז מיך גיין.

— איך וויל נישט. דו ביסט איבערגעטראָטן: זעסט נישט יענע ברעט מיט דעם אויפשריפט „איבערטרעטער וועלן באַשטראָפט ווערן“? נו, וועל איך באַשטראָפן דערמיט, וואָס איך וועל דיך נייטן אויסצובויען די וואַנט.

— איך וועל שרייען און עמעץ וועט קומען — האָט זי געזאָגט כמעט אַ ווייַ־נענדיקע.

— שריי ביז זאָלסט מיד ווערן און קיינער וועט דיר נישט הערן. דו מוזט מיט חשק גלייך זיך נעמען צו דער אַרבעט!

— דו ביסט אַ חיה, רייף פאַראַמור, מיך אויסצונוצן אויף אַזאַ אופן! איך בין נישט דערצויגן געוואָרן אויפצובויען ווענט.

ער האָט אויף איר געקוקט מיט באַזונדערער צערטלעכקייט. — עס וועט זיין פאַר דיר אַ לעקציע קיזיע. דו האָסט דערנידעריקט מיין שטאָלץ און איך וועל דער־נידעריקן דיינעם. די גרויסע שטיינער גייען צו ערשט. נעם זיך באַלד צו דער אַר־בעט.

צום ערשטן מאָל זינט זי האָט אָפּגעוואָרפן זיין חתונה־פאָרשלאַג האָט זי אים גלייך אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט מאָמענטאַל אָנגענומען אַן אויסזען פון גרויסן שטאָלץ. זי האָט פריִער נישט באַמערקט אַז ער איז פאַר איר געשטאַנען אַן אַ רעקל אָדער אַ זשילעט און מיט שניי־ווייסן העמד, וואָס איז דורכגעוויקט געווען פון שווייס. זי האָט זיך איבערצייגט, אַז קיינער אין שכנות איז נישט געווען אַ העלפּט אַזוי ווירדיק, ווי דער דאָזיקער מאַן.

זי האָט אַראָפּגענומען אירע געלע באַוולנע הענטשקעס. עס האָט זיך געמערקט אַ פאַרדעכטיק ציטערן אַרום אירע ליפּן. זי האָט נישט געוווּסט וואָס איז איר געווען נעענטער — געלעכטער אָדער געוויין און אירע אויגן האָבן העל געפינקלט.

„איך האָס אייך", האָט זי געמירמלט, „אויב איך מוז עס טאָן, וועל איך עס טאָן. איך האָב מורא, אַז די אַרבעט וועט מיך אומברענגען!"

ער האָט הילכיק געלאַכט. — איך וויל נישט האָבן אַזאַ פאַרברעכן אויף מיין געוויסן, האָט ער געזאָגט. איך רעכן, אַז איך וועל דיך דאַרפן באַפרייען פון דער שווערסטער טייל פון דער אַרבעט. דו קענסט אויפקלייבן די קליינע שטיינדלעך און איך וועל אויפקלייבן די גרעסטע.

און אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַרבעטן שווייגנדיקע. ער האָט מיט פאַרגע־ניגן באַמערקט, אַז די שטיינער, וואָס זי האָט געבראַכט זענען נישט גרעסער געווען פון עפּל און עס האָט ביי איר געדויערט פינף מינוט צו ברענגען יעדעס שטיינדל. קיינער פון ביידע האָט נישט גערעדט ביז די ערשטע צוויי רייען זענען געווען אויס־געלייגט.

עס וועט ביי אונדז געדויערן אַ טאָג האָט רייף ענדלעך געזאָגט און עס איז שוין איצט צייט מיטיק צו עסן. איך האָב ברויט, קעז און ביר דאָרט אונטער די בוימער. ווילסטו עסן מיט מיר?

וואָס וועלן מענטשן זאָגן זיי זאָלן זיך דערוויסן? — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט. איך וועל עס נישט טאָן פאַר קיין פאַל.

דו וועסט עס יאָ טאָן, האָט ער געענטפערט. ווערנדיק ווידער אַמאָל שטרענג. איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן.

אַזוי איז זי געצוווּנגען געווען צו פאָלגן. דאָס ברויט און דער קעז האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלדז און פון דעם ביר האָט זי כמעט ווי נישט געטרונקען. זי איז באַלד גרייט געווען זיך אומקערן צוריק צו איר אַרבעט, אָבער ער האָט איר אָפּגע־האַלטן לעבן זיך.

איך רויכער שטענדיק אַ ליולקע טאַבעק נאָכן עסן, האָט ער געזאָגט. לאָמיר אַ ביסל שמועסן וועגן די אַלטע צייטן. דו געדענקסט, ווען איך האָב דערהרגעט אַ צאַפּליע צו קריגן איר באָרד פאַר דיר? איך האָב אַרויפגעקלעטערט אויף דעם גרעסטן בוים אין האָסאָפּ־פאַרק איר אַראָפּצונעמען פון דער צווייג אויף וועלכער זי איז געפאַלן.

קיזיע האָט אַ כמורנע ווי נישט באַמערקט זיינע זיסע רייד. באַלד האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט געוואַלד און האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צענויפקלייבן די שטיי־נער, אַרבעטנדיק דאָס מאָל מער פלייסיק ווי פריִער. אָבער עפּעס וואָס מער זי האָט זיך געאיילט, אַלץ מער איז זי אָפּגעשטאַנען און עס איז שוין געווען פיר אַזייגער, אָבער דער בראָך איז נאָך נישט פאַרלייגט געוואָרן.

זי האָט דערפילט, אַז זי וועט זיך צעוויינען. ער האָט דערהערט און עס האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

קיזיע, מיידל — האָט ער געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטימע — איך רעכן, אַז איך האָב דיך שוין גענוג געפּרוווט, קענסט גיין, איך וועל שוין אַליין ענדיקן.

זי האָט נישט גענומען אין אַכט. נאָר אויסוווישנדיק זיך די טרערן האָט זי געבראַכט שטיינער שנעלער נאָך ווי פריִער. זעענדיק, אַז זי איז אַזוי טויט ערנסט, האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט און אין אַ פּאָר שעה איז די וואַנט געווען געענדיקט.

דאַן האָט קיזיע אויפגעהויבן איר קוישל און האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג אַהיים. זי האָט גאָרנישט גערעדט און איר קאָפּ איז אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער איז געווען צו איר גרויזאַם און אַ שטאַרקער רחמנות האָט אָנגע־פילט זיין האַרץ.

ער האָט זיך געאיילט נאָך איר און האָט איר דעריאָגט אײדער זי איז אַריבער דעם טויער.

קיזיע — האָט ער אויסגערופן — איך בעט זאָלסט מיר אַנטשולדיקן.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קיישל און האָט אים געוויזן אירע הענט. די הויט איז געווען פאַרהאַרטעוועט, פון די שפּיצן פינגער האָט גערונען בלוט. דאָס בילד האָט אים געמאַכט שווינדלען אין די אויגן.

מיין אָרעמע קיזיע, ווילסט מיר נישט מוחל זיין?

אַ שאָטן האָט פאַרדעקט איר פּנים.

דו ביסט אַן אויסוואָרף, אָבער איך וועל דיר מוחל זיין, האָט זי אַרויסגע־שטאַמלט. איך וועל מער נישט אומוואַרפן דיינע ווענט.

ער איז צו נעענטער און האָט איר געכאַפּט אין זיינע אָרעמס.

איך וואָלט עס נישט געווען געטאָן, ווען איך האָב דיך נישט ליב.

עס מאַכט נישט אויס, רייף. וועסט זיין מיין חתן, רעכן איך.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און ער האָט איר אַרויסגעפירט אויף דעם וועג.

סענטדזשאָן אוירווין

קאָלעגן

דער ריכטער מאַקבאַרני איז שנעל אַריין אין קליינעם קאָרידאָר און האָט זיך אָנגעשלאָגן אינעם מענטשן, וואָס איז דאָרט געשטאַנען פון פריער.

— אַנטשולדיקט — האָט ער אַ מורמל געטאָן — עס איז זייער פינצטער.

— ס׳מאַכט נישט הער — האָט דער פרעמדער געענטפערט מיט אַ פריילעכער שטימע — ס׳איז עפעס אומבאַקוועם אַריינצוקומען אַהער פון דער ליכט. נישט אמת? כ׳מיין, פּלוצלינג.

— יאָ — האָט געזאָגט דער ריכטער, אויסדרייענדיק זיך אַ קוק צו טאָן אויף דער נאַסער גאַס. — אָט אַ גאַס רעגן — האָט ער צוגעגעבן.

— יאָ, און קומט אויך אַזוי פּלוצלינג. אַ מאָדנע וועטער האָבן מיר דאָ די לעצטע צייט. נישט אמת? איין מינוט שיינט די זון און די צווייטע ווערט איר דורכ־געווייקט פון רעגן. מ׳איז קיין מאָל נישט זיכער מיט דעם. איך מיין, אַז דאָס איז אַזוי, ווייל דער ים איז אַזוי נאָענט. און די בערג, און אַלץ מיט אַן אַנדער.

— איך רעכן אַזוי — האָט געזאָגט ריכטער מאַקבאַרני מיטן טאָן פון איינעם, וואָס איז גלייכגילטיק צום געשפּרעך פון זיין חבר. ער האָט אים אָנגעקוקט אַ מאָ־מענט, און האָט געזען אַ קליין מענטשל, קענטיק מיט גוטע מאַנירן, מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע ווען ער רעדט, גלייך ווי הינטער זיין געווינלעכסטן וואָרט זאָל שטעקן עפעס אַן אומקלאָרע קאָמישע באַדייטונג, וואָס איז בלויז אים באַקאַנט.

— איר זענט אַ געבוירענער אין דער שטאָט? — האָט געפרעגט דער ריכטער.

— אָ, יאָ, געבוירן און דערצויגן דאָ. איך האָב דאָ אַ געשעפט, פאַרשטייט איר.

— אַזוי!

דער שטורעם איז געוואָרן שטאַרקער בעת זיי זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר און ס׳האָט געדעגנט ווי מיט עמערס.

— ווי אומאָנגענעם! — האָט געמורמלט דער ריכטער מאַקבאַרני — איך געפין זיך אַזוי ווייט פון מיין האָטעל אָן אַ שירעם אָדער רעגנמאַנטל. איך האָף אַז ס׳וועט לאַנג נישט רעגענען.

דאָס מענטשל האָט מאָדנע אַ שמייכל געטאָן ווי איינער וואָס ווייסט בעסער.

— איר קענט קיין מאָל נישט וויסן — האָט ער געזאָגט — היינט איז דאָ ביי אונדז אָפּן ס׳געריכט!

— דאָס געריכט!

— יאָ. אייניקע מענטשן זאָגן, אַז דאָס וועטער מוז זיין שלעכט, ווען עס קומט פאַר אַ פּראָצעס. באַזונדערס ווען עס קומט פאַר אַ פּראָצעס פאַר מאָרד. מאָדנע זאַכן זאָגן מענטשן וועגן דעם געריכט, נישט אמת?

דער ריכטער האָט נישט געענטפערט.

— אָט, למשל, מיין אַלטע מאַמע. זי האָט געוואָלט האָבן, אַז ס׳איז קעגן דעם געזעץ אַ קצב זאָל זיין צווישן די געשווירענע, וואָס משפּטן אַ מענטשנס לעבן. זי האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס קען זיין. פאַרשטייט זיך אַז ס׳איז נישט אמת. איך האָב אַ מאָל געפרעגט איין הער׳ — ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט — האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ זאַך.

— וואָס פאַר אַ משונה זאַך אייער מוטער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ! — האָט געזאָגט דער ריכטער מאַקבאַרני, אויסדרייענדיק זיך צום באַרעדעוודיקן מענטשן.

— אַ יאָ, נישט אמת? פאַרשטייט זיך אַז איצט גלייבט זי שוין מער נישט אין דעם. זי איז געשטאָרבן.

— אַ, אַזוי!

— יאָ, זי איז געווען אַ גוטע אַלטע נשמה. צוויי און זיבעציק יאָר איז זי אַלט געווען און איז געווען ביי די געדאַנקען ביז צום לעצט. אָבער זי האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ס׳איז נישט ריכטיק וואָס זי טראַכט וועגן קצבים, הער, ווען אַפילו די מלכה אַליין זאָל געווען איר שוועגערין ביי דער ביבל. זי האָט געזאָגט, אַז ס׳לייגט זיך אויפן שכל, אַז קצבים זאָל מען נישט דערלויבן צו משפּטן אַ מענטשן. הרגענען בהמות אַ גאַנצן טאָג — האָט זי געזאָגט — מאַכט זיי פאַר אַכזרים און זיי וועלן אייך אויפהענגען פונעם ערשטן קוק.

ריכטער מאַקבאַרני האָט געלאַכט

— אָך — האָט׳ער געזאָגט — דערפאַר איז זי געווען קעגן דעם, אַז קצבים זאָלן זיין צווישן געשווירענע?

— יאָ, הער, און איר האָט דאָס איר נישט געקענט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. פאַרשטייט זיך, אַז קצבים זענען עטוואָס גרויזאַם. אָן צווייפל. ס׳לייגט זיך אויפן שכל וואָס זי האָט געזאָגט. איר קענט נישט האַלטן אין איין צעשטערן לעבנס, ווי זיי טוען עס, און נישט ווערן עטוואָס פאַרהאַרטעוועט, נישט אמת? איך פלעג איר בלויז זאָגן איינס: ס׳איז נישטאָ אַזאַ געזעץ. אָבער זי האָט געוואָלט האָבן, אַז ס׳איז יאָ דאָ. אַן עקשנטע, הער! צוויי און זיבעציק יאָר איז זי אַלט געווען און אַזאַ עקשנטע.

דער ריכטער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פונעם קאָרידאָר, האָט אַרויסגעקוקט אויפן פינצטערן הימל און אויף דער גאַס.

— עס זעט נישט אויס עס זאָל נעמען אַן ענדע — האָט ער געזאָגט.

— ניין — האָט געזאָגט דער פרעמדער — איך רעכן אַז ס׳וועט אַזוי גיך נישט אויפהערן.

— איך קלער ווי וואָלט איך באַקומען אַ פאַעטאָן אָדער אַזוי אַ פור?

דאָס מענטשל האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט געקענט עס פאַר אים טאָן.

— איכ׳ל צוגיין צום ראָג פון דער גאַס — האָט ער געזאָגט — ווען עס וועט אַ ביסל אויפהערן רעגענען, און וועל זען צי קען איך באַקומען אַ פאַעטאָן פאַר אייך.

— איר זענט זייער ליבלעך...

— אָ, ס׳איז נישט אַזאַ גרויסע זאַך, הער! איר זענט אַ פרעמדער דאָ, און אויב מיר זאָלן נישט קענען עפּעס טאָן פאַר אַ פרעמדן, ווייס איך נישט וואָס מיר וואָלטן ווערט געווען?

אַ פּאָר מינוט זענען זיי געשטאַנען שווייגנדיקע, און דאַן האָט דאָס מענטשל אָנגעהויבן ווידער צו רעדן.

— איך ווייס, מיר דאַכט זיך, אַז ער מוז זיך פילן אַ ביסל מאָדנע היינ־טיקע נאַכט.

— אַנטשולדיקט — האָט אויסגערופן ריכטער מאַקבאַרני.

— דער בחור, וועמען מ׳וועט מאָרגן פּראָצעסירן. ער איז אַ יונגער בחור, ער האָט דערהרגעט אַ מיידל, מיט וועלכער ער איז אַרומגעגאַנגען.

— אָ, יאָ! יאָ, יאָ!

— כ׳רעכן איר האָט געהערט, איפּערזוכט!

דער ריכטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַלזאָ, איין זאַך קען איך נישט פאַרשטיין. ווען איך זאָל אומגיין מיט אַ מיידל, און זי זאָל מאַכן קונצן, כ׳מיין נאָכלויפן אַנדערע בחורים, וואָלט איך זי נישט דערהרגעט. איך וואָלט איר איינפאַך געהייסן גיין צום טייוול. ס׳איז נאַריש געהאַנגען צו ווערן צוליב איר. אייניקע מענטשן האָבן מאָדנע נאַטורן, נישט אמת?

— דאָס איז אמת.

— מיר זענען נישט אַלע גלייך, פאַרשטייט זיך. עס וואָלט נישט געטויגט ווען מיר זאָלן אַלע זיין יאָ גלייך. אָבער איך מיין צו זאָגן, אַז איך קען נישט פאַרשטיין אַ בחור, וואָס הרגעט אַ מיידל פאַר אַזאַ זאַך, כ׳מיין צו זאָגן, עפּעס זעט עס נישט אויס צו זיין קלוג.

— געוויס נישט.

— ניין, און דאָך טוען זיי אַזוי. איך האָב געקענט עטלעכע פאַלן. גענוג אָנ־שטענדיקע יונגע בחורים, זעט איר, און זיי גייען טאָן אַזאַ זאַך, ס׳איז עפּעס אַ שאָד.

— יאָ...

— פאַרשטייט זיך, אַז איר מוזט זיין פעסט וועגן דעם. עס וואָלט נישט געטויגט זיי לאָזן פריי... אָבער אַט דער יונגער סמיט, איצט — ער איז נישט געווען קיין שלעכטער בחור. אַ ביסל אַ היציקער, האָט ער געטאָן דאָס זעלבע און מ׳וועט אים אויך אויפהענגען...

— ווי אַזוי ווייסט איר אַז מ׳וועט אים אויפהענגען?

— יאָ, מ׳וועט אים שוין אויפהענגען! דער ריכטער קען זיך נישט העלפן: קלאָר. קלאָרער קען נישט זיין. איך זאָג דער ריכטער וויל דאָס נישט. קיינער וואָלט עס נישט געוואָלט. אָבער מ׳מוז עס טאָן. איר האָט דאָך געמאַכט עס זאָלן זיין ריכטער, און אויב מענטשן הרגענען איינס ס׳אַנדערע, מוזן די ריכטער פאַרמשפּטן זיי צום טויט. זיי קענען זיך נישט העלפן. אַט אַזוי פאַרשטיי איך עס.

— איר זענט גערעכט. דאַכט מיר אַז ס׳רעגנט ווייניקער. כ׳גלייב, אַז ס׳וועט אין גאַנצן באַלד אויפהערן.

— זיי קענען זיך נישט העלפן. מ׳מוז עס טאָן. און אויב מ׳מוז, מוז זיך דאָך געפינען עמעץ וואָס זאָל עס טאָן. דאָס איז וואָס איך האָב געזאָגט מיין מאַמען וועגן קצבים. ס׳איז קיין געדאַנק נישט זיי צו שעלטן, און אָנרופן האַרט־האַרציקע, ווען מ׳עסט פלייש. איר קענט נישט האָבן קיין פלייש אויב ס׳וועלן נישט זיין קיין קצבים. איך גלייב נישט זיי זאָלן עס טאָן פאַר ווילטאָג!

— נו, אַוודאי נישט — האָט געזאָגט ריכטער מאַקבאַרני — ווי מיינט איר, איר וואָלט געקענט טאָן וואָס איר האָט מיר ערשט צוגעזאָגט: מיר צו רופן אַ פאַעטאָן, איך באַדויער וואָס כ׳מוז אייך באַלעסטיקן...

— קיין באַלעסטיקונג, הער.

דאָס מענטשל איז צו צום אַריינגאַנג פון קאָרידאָר און איז דאָרט אַ מאָמענט געבליבן שטיין, אויפשטעלנדיק דעם קאָלנער פון זיין רעקל.

— איר ווייסט — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום ריכטער — מ׳וועט אים גאַנץ גוט אויפהענגען. זיי קענען זיך גאָרנישט העלפן.

— יאָ, יאָ — האָט דער ריכטער געזאָגט אומגעדולדיק.

— איר ווייסט — האָט פאַרגעזעצט דאָס מענטשל — דאָס איז דער ערשטער פאַל אין דער שטאָט. מיר האָבן דאָ אַ נייע תפיסה. איך בין עטוואָס פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָצעס.

— נאַטירלעך.

— איך קען אים גוט, הער. אָפט פלעגט ער קומען אין מיין צירולניע זיך אָפּראַזירן. אַ זייער אַקוראַטנער איז ער געווען, אַ זייער אַקוראַטנער. ר׳האָט נישט געקענט לײַדן מ׳זאָל עס מאַכן איינס און צוויי. אַ זייער איידעלע הויט געהאַט.

— איר זאָלט קיין פאַריבל נישט האָבן...

— חס ושלום. איך האָב קיין מאָל נישט געטראַכט, אַז עס וועט קומען צו דעם.

ער פלעגט רעגולער קומען אין מיין צירולניע. עס האָט מיר אויף קיינעם נישט אַזוי ווי געטאָן ס'האַרץ ווי אויף אים...

ריכטער מאַקבאַרני איז צוגעגאַנגען אַהין וווּ ס'מענטשל איז געשטאַנען און ער האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס.' — דאַכט זיך מ'הערט רעדער — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, איר קענט פאָרן, הער. אָט לויף איך זוכן אַ פאַעטאָן, הער. ס'וועט נישט געדויערן קיין האַלבע סעקונדע!

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז צוגעקומען אַ פאַעטאָן און דער ריכטער איז אַרויס פונעם קאָרידאָר.

— ווילט איר נישט איך זאָל אייך הייסן אָפּפירן אַהיים? — האָט ער געזאָגט צום אומבאַקאַנטן.

— דאָס איז זייער פיין פון אייך, הער. איך האָב נישט ווייט צו פאָרן...

איר זענט געווען זייער געפעליק — האָט ווייטער געזאָגט דער ריכטער — איך וועל עס טאָן מיט פאַרגעניגן.

— גוט, איך דאַנק אייך, הער.

זיי זענען אַריין אין פאַעטאָן, און דער ריכטער האָט געזאָגט דעם פרעמדן דעם נאָמען פונעם האָטעל וווּ ער איז געשטאַנען.

— איר וואָלט אים בעסער הייסן אייך פריִער אָפּפירן אַהיים און נאָך דעם מיך נעמען צום האָטעל.

— יאָ, הער — ער האָט געזאָגט דעם פורמאַן דעם נאָמען פון זיין גאַס. — דאָס איז דער נאָמען פונעם האָטעל וווּ דער ריכטער ווינט — האָט ער געזאָגט בעת זיי האָבן אַוועקגערירט.

דער ריכטער מאַקבאַרני האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט געשמייכלט.

— יאָ — האָט ער געזאָגט — איך בין דער ריכטער.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך געגעבן אַ גלייך אויס און האָט אים נייגעריק באַטראַכט.

— אַזוי, איר זענט דער ריכטער! — האָט ער געזאָגט — זעט איר, דאָס איז מאָדנע! איך און איר זענען מיר פון דעם זעלבן פאַך, אַזוי צו זאָגן.

— אַזוי!

— יאָ, אַ מאָדנע צוזאַמענטרעף, איר און איך רעדן וועגן דעם וואָס מיר וועלן טאָן מיט אים.

— מיט וועמען?

— מיט אים וואָס האָט דערהרגעט דאָס מיידל. ער וואָלט אַ ביסל געווען איי־בערראַשט, ווען מ'זאָל עס אים דערציילן.

— איך פאַרשטיי אייך נישט — האָט געזאָגט דער ריכטער מאַקבאַרני.

— פאַרוואָס, ס'איז דאָך גאַנץ איינפאַך, הער. איר זענט דער ריכטער און איך בין דער הענקער.

דער ריכטער מאַקבאַרני האָט זיך אויפגעזעצט, און דער שמייכל איז פאַר־שוווּנדן פון זיינע ליפּן. ער האָט געפּרוּווט רעדן, אָבער די ווערטער זענען געבליבן אים שטעקן צווישן די ציין און האָבן נישט געוואָלט אַרויס.

— אין איינעם און דעם זעלבן פּאַך איר און איך — האָט געזאָגט דאָס מענטשל — איר הייבט אָן און איך ענדיק. אַ מאָדנע צוזאַמענטרעף. גיי ריכט זיך, אַז איך רעד צו אייך און איר זענט דער ריכטער און איך דער הענקער! ער פלעגט קומען אין מיין צירולניע זיך ראַזירן. אַזאַ אַקוראַטנער איז ער געווען... אַ, וואָס זאָגט איר, הער?

דער ריכטער מאַקבאַרני האָט גאָרנישט געזאָגט.

— דאַכט זיך מיר, אַז איר זענט מיד, הער. געווען אויף זייער שפּעט. איך גיי דאָ אַראָפּ. איר ווייסט ווען איך טראַכט דערפון, איז עס עפּעס אַ מאָדנע צוזאַ־מענטרעף... אַ גוטע נאַכט, הער! אַ גוטע נאַכט!

עדגאַר אַלען פּאָ

(געבוירן אין 1809 — געשטאָרבן אין 1849)



עדגאַר אלען פּאָ איז געבוירן געוואָרן אין 1809 אין באָסטאָן. ווען ער איז געווען אַ קינד פון 2 יאָר, זענען זיינע עלטערן געשטאָרבן איבערלאָזנדיק נאָך צוויי קינדער, אַן עלטער ברודערל, וויליאַם, און אַ שוועסטערל, ראָזאַלי. דאָס ברודערל איז געשטאָרבן יונג; דאָס שוועסטערל איז משוגע געוואָרן און בלויז עדגאַר, דער פּאָעט, נאָוועליסט און קריטיקער, האָט דערגרייכט אויסצוואַקסן און אָפּמאַטערן זיך אויף דעם עולם ביז 40 יאָר.

די געשיכטע פון די קורצע 40 יאָר פון דעם דאָזיקן גרויסן פּאָעט, עסעיסט, מייסטער פון דער דעטעקטיוו־מעשה, און איינער פון די ערשטע שעפער פון דער מאָדערנער קורצער דערציילונג, לייענט זיך ווי די פאַנטאַסטישסטע פון אַלע עדגאַר פּאָס גרויל־ און געשפּענסט־מעשיות.

זיינע פּאָעמען „די גלעקער״ און „די ראָב״, זיינע עסעיען „די פילאָסאָפיע פון שרייבן״, „דער פּאָעטישער פּרינציפּ״; זיינע דערציילונגען, בכלל די גאַנצע שאַפונג פון עדגאַר אַלען פּאָ האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער ליטעראַטור פון פראַנקרייך, אויף די פראַנצויזישע סימבאָליסטן, וועלכע האָבן, ווידער, באַאיינפלוסט די פּאָעטן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, באַזונדערס דעם אַמעריקאַנער ט. ס. עליאָט.

עדגאַר פּאָ, דער זשורנאַליסט און דערציילונג־שרייבער האָט מיטגעאַרבעט אין פיל זשורנאַלן, און ווו ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט האָט די צאָל אַבאָנענטן זיך פאַרגרעסערט. ער גופא האָט אָבער גאָרנישט געהאַט דערפון. זיין פּערזענלעך לעבן איז, ווי געזאָגט, געווען טראַגיש. די נייגונג צו שכרות און שפּיל האָבן אים געקירצט זיינע יאָרן. ער איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער באַהעם.

די „בריטאַניקאַ״ רעזומירט זיין לעבנסווערק ווי פאָלגט:

„...אין מיטן פון פיל רוטינע אַרבעט און נישט ווינציק דורכפאַלן האָט ער געשאַפן אַ קליינע צאָל פּאָעמען און אַ הייפל קורצע געשיכטעס פון זעלטענער און אייגנאַרטיקער שיינקייט. די לידער דריקן אויס אַ מעלאַנכאָליש עמפינדלעכע עמאָציע און זענען דורכגעדרונגען פון אַבסאָלוט אייגענער מוזיק. די דערציילונגען גיבן אַ פאָרעם צו גרויל און מורא מיט פּאָרטרעפלעכער גענויקייט פון רעאַליטעט, אָדער בויען אויס פאַרפּלאָנטערטע מיסטעריעס מיט דער גרעסטער פלינקייט. ער איז געווען אַ געוויסנהאַפטיקער ליטעראַרישער קינסטלער, וועלכער האָט זאָרגפעלטיק רעווידירט און פאַרפאָלקאָמט זיין ווערק״.

די פאָלגנדיקע דערציילונג „דאָס האַרץ וואָס האָט אויסגעגעבן״ איז איינע פון די קורצסטע, בעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע דערציילונגען פון דעם גאָר אַמעריקאַנער מייסטער.

דאָס האַרץ וואָס האָט אויסגעגעבן

אמת! נערוועז, שטאַרק, שרעקלעך נערוועז בין איך געווען און בין, אָבער פֿאַרוואָס ווילט איר זאָגן אַז איך בין משוגע? די ליידן האָבן פֿאַרשאַרפֿט מײַנע חושים, נישט צעשטערט, נישט פֿאַרטעמפּט זיי. מער פֿון אַלע איז מײַן געהער שאַרף געוואָרן. איך האָב געהערט אַלע זאַכן אין הימל און אויף דער ערד. כ׳האָב אויך געהערט פֿיל זאַכן אין גיהנום. ווי אַזוי־זשע בין איך משוגע? הערט, און באַמערקט ווי רויִק, ווי קאַלטבלוטיק איך קען אײַך דערציילן די גאַנצע געשיכטע.

ס׳איז אוממעגלעך איבערצוגעבן ווי אַזוי דער געדאַנק איז מיר צום ערשטן מאָל אַרײַן אין קאָפּ, אָבער איין מאָל פֿאַרטראַכט, האָט ער מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט טאָג און נאַכט. קיין מאָטיוו, קיין האַס־געפֿיל. איך האָב ליב געהאַט דעם אַלטן מאַן. ער האָט מיר קיין מאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן. ער האָט מיך קיין מאָל נישט באַליידיקט. זײַן גאָלד האָב איך נישט פֿאַרלאַנגט. איך רעכן ס׳איז געווען זײַן אויג! יאָ, דאָס איז עס געווען: איין אויג זײַנס איז געווען ווי פֿון אַ רויב־פֿויגל, אַ בלאָס בלוי אויג, מיט אַ בעלמע פֿאַרצויגן. ווען ס׳איז געפֿאַלן אויף מיר, איז מיר מײַן בלוט פֿאַרקילט געוואָרן. און אַזוי ביסלעכווײַז, זייער פּאַמעלעך האָב איך מיר גענומען אין געדאַנק אַרײַן צו נעמען דעם אַלטנס לעבן און אַזוי אַרום זיך באַפֿרײַען פֿון דאָזיקן אויג אויף אייביק.

אָט דאָס איז די הויפּטזאַך. איר האַלט מיך פֿאַר משוגע. משוגעים ווייסן גאָרנישט. אָבער איר וואָלט מיך באַדאַרפֿט זען. איר וואָלט באַדאַרפֿט זען ווי קלוג איך האָב געהאַנדלט, מיט וויפֿל פֿאָרזיכטיקייט, מיט וואָסערע פֿאָרויסרעכענונג, מיט וואָסערע צביעות איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט.

איך בין קיין מאָל נישט געווען פֿרײַנדלעכער צו דעם אַלטן מאַן ווי אין פֿאַרלויף פֿון דער גאַנצער וואָך איידער איך האָב אים דערהרגעט. און אַלע נעכט, אַרום האַלבער נאַכט, האָב איך איבערגעדרייט דעם שליסל פֿון זײַן טיר און איר געעפֿנט. אַך, ווי שטיל! און נאָכהער, ווען כ׳האָב געעפֿנט גענוג פֿאַר מײַן קאָפּ, האָב איך אַרײַנגעשטעקט אַ בלינדן לאַמטערן, אײַנגאַנצן אַ פֿאַרמאַכטן, אַ פֿאַרמאַכטן

אַזוי, אַז קיין שיין זאָל נישט אַרויסשטראַלן און דאַן האָב איך אַריינגעשטעקט מיין קאָפּ. אָ, איר וואָלט געלאַכט ווען איר זעט ווי כיטרע איך האָב אים אַריינגעשטעקט! איך האָב אים באַוויגן פּאַמעלעך, זייער, זייער פּאַמעלעך, איך זאָל נישט שטערן דעם אַלטנס שלאָף. ס'האָט ביי מיר געדויערט אַ שעה אַריינצושטעקן דעם גאַנצן קאָפּ אין דער עפענונג, אַז איך זאָל אים קענען אינגאַנצן זען ווי ער ליגט אויף זיין בעט. אָ, וואָלט אַ משוגענער געווען אַזוי קלוג? און דאַן, ווען מיין קאָפּ איז שוין געווען אינגאַנצן אין צימער, האָב איך אויפגעעפנט דעם לאַמטערן פּאָרזיכטיק. אָ, אַזוי פּאָרזיכטיק, פּאָרזיכטיק (ווייל די האַקן האָבן געסקריפּעט), האָב איך אים אויפגעעפנט פונקט אַזוי פיל אַז איין איינציקער שטראַל איז געפאַלן אויף דעם ווילדן אויג. און אַט אַזוי האָב איך געטאָן אין פאַרלויף פון זיבן לאַנגע נעכט יעדע נאַכט, פונקט אין האַלבער נאַכט. אָבער שטענדיק האָב איך געפונען דאָס אויג פאַרמאַכט און דעריבער איז מיר אוממעגלעך געווען צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. ווייל נישט דער אַלטער האָט מיך אויפגערעגט, נאָר זיין שלעכט אויג. און אַלע פרימאָרגן, ווען באַגינען איז געקומען, בין איך אַ פריילעכער אַריין אין זיין צימער און האָב גערעדט מוטיק צו אים, רופנדיק אים פריינטלעך ביים נאָמען, און האָב אים געפרעגט ווי ער איז איבערגעשלאָפן די נאַכט. אַזוי, זעט איר, וואָלט ער שוין באמת צו אַלט געווען ווען ער וואָלט חושד זיין אַז יעדע נאַכט, פונקט צוועלף, האָב איך אויף אים געקוקט ווען ער איז געשלאָפן.

אויף דער אַכטער נאַכט בין איך מער ווי געוויינלעך פּאָרזיכטיק געווען צו עפענען די טיר. אַ זייגערס מינוט־ווייזער האָט זיך שנעלער באַוועגט פון מיין האַנט. קיין מאָל פאַר יענער נאַכט האָב איך נישט געפילט די גרויס פון מיין אייגענעם כוח, פון מיין פאַרשטאַנד. איך האָב קוים געקענט איינהאַלטן די געפילן פון מיין זיג. צו באַגרייפן אַז דאָרט בין איך געווען, עפענענדיק די טיר ביסלעכ־ווייז, ביסלעכוויוז, און ער זאָל אַפילו נישט חלומען וועגן מיינע באַהאַלטענע מעשים אָדער געדאַנקען. איך האָב מיט פרייד געשמייכלט ביי דעם געדאַנק. און אפשר האָט ער מיך געהערט, ווייל ער האָט זיך פלוצלינג אַ ריר געטאָן אין בעט, אַזוי ווי דערשראָקן. איצט קענט איר מיינען אַז איך האָב זיך צוריקגערוקט. אָבער ניין. זיין צימער איז געווען שוואַרץ ווי סמאָלע פון דער געדיכטער פינצטערניש (ווייל די לאָדנס זענען געווען גוט פאַרמאַכט, אויס מורא פאַר מערדער), און דעריבער האָב איך געוווסט, אַז ער האָט נישט געקענט זען ווי די טיר עפנט זיך, און איך האָב איר געשטופּט מיט זיכערקייט, מיט זיכערקייט.

איך האָב געהאַט מיין קאָפּ אינעווייניק און האָב שוין געהאַלטן ביים עפענען דעם לאַמטערן, ווען מיין פוס האָט זיך אויסגעגליטשט, און דער אַלטער איז אויפגעשפרונגען אין בעט און האָט אויסגעשריגן: „ווער איז דאָרט?"

איך בין שטיל געבליבן און האָב גאָרנישט געזאָגט. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער שעה צייט האָב איך נישט באַוויגן מיט קיין מוסקול. ער איז נאָך געזעסן

אין בעט זיך צוהערנדיק, פּונקט ווי איך פּלעג טאָן נאַכט נאָך נאַכט, צוהערנ־דיק זיך ווי די אַלטע זייגערס קלאַפּן אויפן וואַנט.

נאָר אָט האָב איך דערהערט אַ שוואַכן קרעכץ און איך האָב געוווּסט אַז דאָס איז דער קרעכץ פון טויט־שרעק. ס׳איז נישט געווען קיין קרעכץ פון ליידן אָדער אומגליק. אָ, ניין! ס׳איז געווען דאָס שטיל פאַרשטיקטע קול וואָס הייבט זיך אויף פון דער טיפעניש פון דער נשמה ווען זי איז איבערפולט מיט שרעק. איך האָב גוט געקענט דאָס קול. אַ סך נעכט, פּונקט האַלבע נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט איז געשלאָפן, האָט עס זיך אַרויסגעריסן פון מיין אייגענעם האַרצן, און ס׳האָט פאַרטיפט מיט זיין שרעקלעכן אָפּקלאַנג דעם פּחד וואָס האָט מיך געפּייניקט. איך זאָג, איך האָב דאָס גוט געקענט. איך האָב געוווּסט, וואָס דער אַלטער מאַן האָט געפילט, און האָב אויף אים רחמנות געהאַט, כאָטש אין האַרצן האָב איך זיך געפרייט. איך האָב געוווּסט אַז ער איז געלעגן וואַכעדיק די גאַנצע צייט זינט דעם ערשטן שוואַכן גערויש, ווען ער האָט זיך אַ ריר געטאָן אין בעט. זיין פּחד איז פון דעם געוואַקסן. ער האָט געפּרוּווט זיך איינרעדן אַז ס׳איז גאָרנישט, אָבער ער האָט נישט געקענט. ער האָט זיך אַליין געזאָגט: ס׳איז גאָרנישט, דער ווינט בלאָזט אין קוימען, אַ מויז גריזשעט דעם פּאָל, אָדער: ס׳איז איינפאַך אַ גריל, וואָס האָט אַ טשירקע געטאָן. יאָ, ער האָט געפּרוּווט זיך באַרויִקן מיט די דאָזיקע השערות, אָבער אומזיסט. אַלץ אומזיסט, ווייל דער טויט, דערנענטערנדיק זיך צו אים, האָט פאַר זיך געוואָרפן זיין שוואַרצן שאָטן און האָט אינגאַנצן איינגעהילט דעם קרבן. און עס איז געווען די טרויעריקע ווירקונג פונעם אומבאַמערקבאַרן שאָטן וואָס האָט פאַראורזאַכט אים צו פילן, כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט געזען און נישט געהערט, — צו פילן די אָנוועזנהייט פון מיין קאָפּ אין זיין צימער.

נאָכדעם ווי כ׳האָב געוואַרט אַ לענגערע צייט זייער געדולדיק, און איך האָב נישט געהערט אַז ער זאָל זיך צוריקלייגן, האָב איך באַשלאָסן צו עפענען אַ ביסל אַ זייער, זייער קליינעם שפּאַלט אין לאַמטערן. און אַזוי האָב איך געטאָן. איר קענט זיך פאָרשטעלן ווי שטיל, שטיל, ביז אַמענדע האָט זיך פון שפּאַלט אַרויס־געריסן אַן איין און איינציקער שוואַכער שטראַל, ווי דער פאָדעם פון אַ שפּין, און איז געפאַלן אויפן ווילדן אויג.

ס׳איז געווען אָפן, ברייט־ברייט אָפן און איך בין אַריין אין רציחה, קוקנדיק אויף דעם. איך האָב עס געזען מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט, אַ שטיק פאַס־קודנע בלויקייט מיט אַן עקלדיקער בעלמע פאַרצויגן, און ס׳האָט מיר פאַרקילט דעם מאַרך אין מיינע ביינער. אָבער איך האָב מער גאָרנישט געקענט זען פונעם אַלטן מאַנס פּנים אָדער קערפּער, ווייל איך האָב געריכטעט דעם שטראַל, ווי אינס־טינקטיוו, פּונקט אויפן פאַרשאָלטענעם אָרט.

און איצט — האָב איך אייך נאָך נישט געזאָגט, אַז דאָס וואָס איר האָט אָנ־גענומען פאַר משוגעת איז נאָר געווען פאַרשאַרפטקייט פון די חושים — איצט,

זאָג איך, האָט זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן אַ נידעריקער טעמפּער שנעלער קלאַפּ, ווי פון אַ זייגער וואָס איז איינגעוויקלט אין וואַטע. איך האָב געקענט יענעם קלאַפּן זייער גוט. עס איז געווען דאָס קלאַפּן פונעם אַלטנס האַרץ. עס האָט פאַרשטאַרקט מיין רציחה, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק פאַרשטאַרקט דעם סאָלדאַטס מוט.

אָבער אַפילו דאַן האָב איך זיך איינגעהאַלטן און בין געבליבן שטיל. איך האָב קוים געאָטעמט. איך האָב געהאַלטן דעם לאָמטערן באַוועגלאָז. איך האָב געפּרוּווט ווי זיכער איך קען האַלטן דעם שטראַל אויפן אויג. דערווייל האָט זיך דאָס גיהנום־דיקע קלאַפּן פאַרשטאַרקט. ס׳איז געוואָרן שנעלער און שנעלער, העכער און העכער מיט יעדער רגע. דעם אַלטנס שרעק האָט געמוזט זיין אויסערגעוויינלעך. ס׳איז געוואָרן העכער און העכער מיט יעדן מאָמענט! איר פאַרשטייט מיך גוט? איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך בין נערוועז, אַזוי בין איך. און איצט, אין דער טויטער שעה פון דער נאַכט, אין מיטן דער פּחדימפּולער שטילקייט פון יענעם אַלטן הויז, האָט דער דאָזיקער מאָדנער גערויש מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ גרויסער שרעק. דאָך בין איך געשטאַנען שטיל נאָך עטלעכע מינוט. אָבער דאָס קלאַפּן איז געוואָרן העכער און העכער! איך האָב געטראַכט: דאָס האַרץ מוז פּלאַצן. און איצט האָט מיך באַהערשט אַ נייער אַנגסט, דאָס קלאַפּן וואָלט געקענט דערהערן דער שכן! דעם אַלטנס שעה האָט געשלאָגן! מיט אַ הויכן ברום האָב איך אויפגעפּראַלט דעם לאָמטערן און בין אַריינגעשפּרונגען אין צימער. ער האָט אַ קוויטש געטאָן, אַן איין און איינציקן קוויטש. איך האָב אים אַראָפּגעשלעפּט אויפן פּאָל און האָב איבערגעקערט דאָס שווערע בעט אויף אים. איך האָב דאַן פריילעך געשמייכלט, קלערנדיק אַז דאָס שטיקל אַרבעט איז שוין אַזוי ווייט אָוועק. אָבער אַ סך צייט האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט מיט אַ פאַרשטיקטן קלאַפּן. דאָס האַרץ האָט מיך נישט געאַרט, מ׳וואָלט עס נישט געהערט פון יענער זייט וואַנט. אמענדע האָט עס אויפגעהערט. דער אַלטער מאַן איז געווען טויט. איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין האַרץ און האָב זי דאָרטן געהאַלטן אַ סך מינוטן. ס׳האָט נישט געקלאַפּט. ס׳איז געווען שטיין־טויט. זיין אויג וואָלט מיך מער נישט באַאומרויקט.

אויב איר האַלט מיך נאָך אַלץ פאַר משוגע, וועט איר מער פון מיר אַזוי נישט טראַכטן, נאָך דעם ווי איך וועל באַשרייבן מיט וואָס פאַר אַ קלוגע פאָרזיכטיקייט איך האָב באַהאַלטן דעם קערפּער. די נאַכט איז געלאָפן און איך האָב געאַרבעט אין איילעניש, אָבער שטיל. פאַר אַלעמען האָב איך צעגלידערט דעם מת. איך האָב אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, די הענט און די פיס.

נאָכהער האָב איך אויפגעריסן דריי ברעטער אין פּאָל פון צימער, און האָב אַלץ אַהין אַריינגערוקט. דערנאָך האָב איך צוריקגעלייגט די ברעטער אַזוי קונציק, אַזוי כיטרע, אַז קיין מענטשלעך אויג, אַפילו נישט זיינס, וואָלט געקענט באַמערקן עפּעס שלעכטס. ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס אויסצווואַשן וואָס פאַר אַ ס׳איז נישט

פּלעק ערגעץ־ווו. איך בין געווען געגוג פּאַרזיכטיק דערצו. אַ צעבער האָט אַלץ אַריינגענומען. כאַ־כאַ.

ווען כ׳האָב געענדיקט די דאָזיקע אַלע אַרבעטן איז געווען פיר אַזייגער, נאָך פינצטער ווי האַלבע נאַכט. ווען ס׳האָט געקלונגען די שעה, האָב איך דערהערט אַ קלאַפּן אין דער גאַס־טיר. איך בין אַראָפּ אונטן צו עפענען מיט אַ גרינג האַרץ, ווייל פאַר וואָס האָב איך מורא געהאַט? עס זענען אַריין דריי מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעשלייכט מיט פּערפעקטער לייכטקייט, ווי פּאָליציסטן. געשרייען האָט מען געהערט ביים שכן ביינאַכט. אַ חשד אַז מ׳פאַרנעמט זיך מיט שלעכטע שפּילן איז געפאַלן. וועגן דעם האָט מען צוויסן געגעבן דער פּאָליציי און זיי, די פּאָליציסטן, זענען געשיקט געוואָרן צו באַזוכן די דירה.

איך האָב געשמייכלט. פאַר וואָס האָבן איך געהאַט מורא צו האָבן? איך האָב באַגריסט די הערן. דאָס געשריי, האָב איך געזאָגט, איז געווען מיין אייגנס, פון שלאָף. דער אַלטער, האָב איך געזאָגט, איז אָפּוועזנד, ער איז אין פּראָווינץ. איך האָב געפירט מיינע געסט איבערן גאַנצן הויז. איך האָב זיי געוויזן זיינע אוצרות — גאַנץ, נישט גערירט. אינעם ענטוזיאַזם פון מיין זיכערקייט, האָב איך אַריינגעבראַכט בענקלעך אין צימער און האָב זיי געבעטן אָפּרוען פון זייער אַרבעט, בשעת איך זעלבסט, מיט ווילדער פרעכהייט פון פאָלקאָמען זיג, האָב אַוועקגעשטעלט מיין אייגן בענקל אויפן סאַמע אָרט איבערן קרבן.

די פּאָליציסטן זענען געווען באַפרידיקט. מיין אויפפירונג האָט זיי איבערצייגט. איך בין געווען אויסערגעוויינלעך רויק. זיי זענען געזעסן, און בעת איך האָב געענטפערט פריילעך, האָבן זיי געפּלאַפּלט וועגן געוויינלעכע זאַכן. באַלד אָבער האָב איך דערפילט ווי איך ווער בלאַס און האָב געוואָלט זיי זאָלן שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען. מיין קאָפּ האָט מיר וויי געטאָן און ס׳האָט מיר אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן, אָבער זיי זענען נאָך געזעסן און וויטער געפּלאַפּלט. דאָס קלינגען איז געווען קלאָרער. איך האָב גערעדט פרייער פּטור צו ווערן פון דעם דאָזיקן געפיל, אָבער ס׳האָט פאַרגעזעצט און ס׳האָט זיך געהערט קלאָר, אַזוי אַז ענדלעך האָב איך אויסגעפונען, אַז דער גערויש איז נישט אין מיינע אויערן.

געוויס בין איך דאַן געוואָרן זייער בלאַס, אָבער איך האָב געשמועסט גיכער און מיט אַ געהעכערטער שטימע. דאָך איז דאָס קלאַפּן געוואַקסן, און וואָס האָב איך געקענט טאָן? ס׳האָט זיך געהערט אַ נידעריק, טעמפּ, שנעל קלאַפּן, זייער ענלעך צום קלאַפּן פון אַ זייגער, וואָס איז איינגעהילט אין וואַטע. איך האָב שווער געאָטעמט און דאָך האָבן עס די פּאָליציסטן נישט געהערט. איך האָב גערעדט גיכער, מיט מער ברען. אָבער דאָס קלאַפּן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. פאַר וואָס האָבן זיי נישט געוואָלט אַוועקגיין? איך האָב געשפּרייזט איבערן פּאָל הין און צוריק מיט שווערע טריט, ווי אַן אויפגערעגטער ביז משוגע צו ווערן איבער דער אָנוועזנהייט פון די דאָזיקע לייט. אָבער דאָס קלאַפּן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אָך גאָט,

וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך בין אַריין אין רציחה. איך האָב געברומט, איך האָב געזידלט, איך האָב געדרוקט דאָס בענקל אויף וועלכן איך בין געזעסן און האָב מיט דעם געריבן איבער די ברעטער. אָבער דאָס קלאַפּן איז געוואָרן אַלץ העכער און ס׳האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ס׳איז געוואָרן העכער, העכער, העכער! און די לייט האָבן נאָך אַלץ געמיטלעך געפּלאַפּלט און האָבן געשמייכלט. איז דאָס געווען מעגלעך, אַז זיי זאָלן נישט האָבן געהערט? אַלמעכטיקער גאָט! ניין, ניין! זיי האָבן געהערט, זיי האָבן חושד געווען! זיי האָבן געוווּסט! זיי האָבן געחוזקט פון מיין שרעק! אַזוי האָב איך געטראַכט און אַזוי טראַכט איך. אָבער וואָס ס׳זאָל נישט זיין, איז בעסער פון דער גסיסה! וואָס ס׳זאָל נישט זיין איז דערטרעגלעכער פון דעם חוזק! איך האָב מער נישט געקענט איבערטראָגן די דאָזיקע היפּאָקריטישע שמייכלען! איך האָב דערפילט, איך מוז זיך צעשרייען, אָדער איך שטאַרב. און אָט ווידער אַמאָל, שאַ, העכער! העכער! העכער! —

— אויסוווּרפן! — האָב איך געשריגן, — מאַכט זיך נישט! איך בין זיך מודה אין מיין פאַרברעכן, רייסט אויף די ברעטער! דאָ אָט־אָ־דאָ! — דאָס איז דאָס קלאַפּן פון זיין פאַסקודנע האַרץ...

נאַטהעיניעל האַדאָרן

(געבוירן אין 1804 — געשטאָרבן אין 1864)

נאָרד אַמעריקאַנער באָוועליסט, געבוירן אין מאַסאַטשוזעטס. דער פּאָעט לאָנגפעלאָו איז געווען זיינער אַ שול־חבר. פון זיין פריער קינדהייט אָן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ליידנשאַפט צו לייענען. נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט די מיטל־שולע, איז האַדאָרן געוואָרן אַ באַאַמטער אין צאָל־אַמט.. אָבער ער האָט באַלד דעם אַמט פאַרלאָזן און זיך אין גאַנצן געווידמעט דער ליטעראַטור.

אין עלטער פון 37 יאָר איז ער אַריינגעטראָטן אין אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו, אין ברוק־פארם. אָבער ער האָט אים פאַרלאָזט אין עטלעכע חדשים אַרום און האָט געדונגען אַ הויז אין קאָנקאָרד, ווו עס האָט פריער געלעבט עמערסאָן.

אין 1850 האָט ער געשאַפן זיין קלאַסיש ווערק, די באָוועלע „דאָס רויטע אות", דער אינהאַלט פון וועלכער שפּילט זיך אָפּ אין דער פוריטאַנער באָסטאָן פונעם 17טן יאָרהונדערט. פון די מער באַקאַנטע ווערק פון האַדאָרן איז „דאָס הויז פון זיבן דעכער", און זיינע ביכער פאַר קינדער.

די גרעסטע טייל פון זיינע ווערק איז דורכגעדרונגען פון מיסטיציזם און זיין ווען תופס זיין דעם סוד וואָס הויערט אויף די גרענעצן פון דער אָפענער און פאַרבאָרגענער רעאַליטעט.

זיין סטיל איז גראַציעז און רייך. נאַטהעניעל האַדאָרן איז פאַר אַ צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס נאָרד אַמעריקאַנער שרייבער, וואָס איז באַשאָנקען געוואָרן מיט דער רייכסטער פאַנטאַזיע.

„דער דרייפאַכער גורל" איז איינע פון נאַטהעניעל האַדאָרנס* בעסטע דערציילונגען.

דער דרייפאַכער גורל

איך האָב צייטנווייז געמאַכט אַ ניט געוויינלעכן און נישט אומאַנגענעמענעם רושם שילדערנדיק אַ ריי אינצידענטן, אין וועלכע איך האָב דעם גייסט און מעכאַניזם פון דער צויבער־מעשה קאָמבינירט מיט די כאַראַקטערן און מאַנירן פון דעם געוויינלעכן לעבן. אין דער פאָלגנדיקער קליינער דערציילונג האָב איך אַרויפגעוואָרפן אַ שלייער פון ווילדן און וואונדערלעכן אויף אַ שילדערונג פון אַמעריקאַנער טיפּן און לאַנדשאַפטן, און דאָך האָף איך נישט צו האָבן אין גאַנצן אָפּגעריבן די וואַרע נאַטור־ניואַנסן. דאָס קען גיכער באַטראַכט ווערן אַלס אַלעגאָריע איידער אַ דערציילונג פון געשעענישן, וואָס פּרעטענדירט רעאַליטעט. די שרייבער פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט וואָלטן עס אַרויסגעבראַכט אין דער פאָרעם פון אַ מזרח־

מעשהלע. איך האָב זיך געסטאַרעט אַריינצוגעבן אין איר לעבעדיקע וואַרעמ־קייט ווי מען האָט געקענט אַריינהויכן אין יענע פאַנטאַסטישע שאַפונגען.

אין דעם בין השמשות פון אַ זומער־טאָג איז אַ הויכע, טונקעלע פיגור, וועמען דאָס לאַנגע און ווייטע וואַנדערן האָט צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַן אויסלענ־דער, אַריינגעקומען אין אַ דאָרף נישט ערגעץ אין אַ ווייטן לאַנד, נאָר אין אונדזערע היימישע מקומות. דער שטעקן אויף וועלכן דער דאָזיקער וואַנדערער האָט זיך אָנ־געשפּאַרט, איז געווען זיין באַגלייטער פון דעם אָרט אַן וווּ ער איז געוואַקסן, אין די דזשאַנגלען פון אינדאָסטאַן; די הויט וואָס האָט פאַרשאָטנט זיין טונקעלן שטערן, האָט אים געשיצט פון דער שפּאַנישער זון; זיינע באַקן זענען שוואַרץ געוואָרן פון די רויט־הייסע ווינטן פון דעם אַראַבישן מדבר, און האָבן אויך געפילט דעם פרירנדיקן אָטעם פון דער פּאָלאַרישער געגנט. וואַנדערנדיק לאַנג צווישן ווילדע און גע־פערלעכע מענטשן, האָט ער נאָך געטראָגן אונטער זיין וועסטל דעם יאַטאַגאַן וועלכן ער האָט אַמאָל אַריינגעהאַקט אין דעם גאָרגל פון אַ טערקישן באַנדיט. אין יעדן פרעמדן קלימאַט האָט ער פאַרלוירן עפּעס פון זיינע אַמעריקאַנישע שטריכן; און האָט אפשר אומבאַוווּסטזיניק געבאָרגט ביי יעדן פאָלק אַ נייע אייגנשאַפט; אַזוי אַז ווען דער וועלט־וואַנדערער האָט ווידער באַטראָטן די גאַס פון זיין געבורטס דאָרף, איז קיין חידוש נישט וואָס ער איז דורכגעגאַנגען און נישט דערקענט געוואָרן, כאָטש ער האָט אַרויסגערופן שטוינונג און נייגער ביי אַלעמען. דאָך, ווען זיין האַנט האָט זיך נישט ווילנדיק אָנגערירט אין איינער אַ יונגער פרוי, וואָס איז געגאַנגען אויף אַן אָוונט־קאָנפערענץ, איז זי אַפּגעשפּרונגען און שיעור נישט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

ראַלף קרענפילד, איז געווען דער נאָמען וואָס זי האָט אַרויסגערעדט.

— קען דאָס זיין מיין אַמאָליקע שפּיל — חברטע פייט עגערטאָן? — האָט אַ טראַכט געטאָן דער וואַנדערער, באַקוקנדיק איר פיגור. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגע־שטעלט.

ראַלף קרענפילד האָט פון קינדווייז אָן זיך געפילט באַשטימט פאַר אַ הויכן גורל. ער האָט זיך אַריינגענומען דעם געדאַנק — מיר נעמען זיך נישט אונטער צו זאָגן צי איז ער אים אָנטפּלעקט געוואָרן דורך כישוף אָדער אין אַ נביאישן חלום, אָדער גאָר האָט זיין שאַפנדיקע פאַנטאַזיע איינגעקריצט אירע אייגענע באַפעלן אין אים ווי דער אָראַקל פון אַ סיבילע — ווי דאָס זאָל נישט געווען זיין, אָבער ער האָט אַריינ־גענומען דעם געדאַנק אין קאָפּ אַריין און האָט אים געהאַלטן אַמשטאַרקסטן צווישן די איבעריקע פונקטן פון זיין גלויבן, אַז דריי ווונדערלעכע געשעענישן אין זיין לעבן דאַרפן באַשטעטיקט ווערן דורך דריי מופתים.

די ערשטע פון די דאָזיקע דריי פּאָטאַליטעטן, און אפשר די איינציקע אויף וועלכער זיין יוגנטלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך מיט גרויס ליבע פאַרהאַלטן, איז געווען די אַנטדעקונג פון דעם מיידל, וואָס זי איינע אַליין, פון אַלע מיידלעך פון דער וועלט,

האָט אים געקענט גליקלעך מאַכן מיט איר ליבע. ער האָט באַדאַרפט אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט ביז ער זאָל באַגעגענען אַ פּראַכטפולע פרוי, וועלכע טראָגט אויף איר האַרץ אַ טייערן שטיין אין דער פאָרם פון האַרץ; צי דער שטיין איז אַ פּערל, אַ רובין, עסמעראַלד, קאַר־פונקל, אַן אָפּאַל, אָדער אַן אומשעצבאַרער דימענט איז פּאַר ראַלף קרענפילד געווען אַ קליינער חילוק, געננוג איז ער זאָל זיין אין דער פאָרעם פון האַרץ. טרעפנדיק זיך מיט דער ליבלעכער פרעמדער האָט ער באַדאַרפט זיך צו איר ווענדן בזה הלשון: — ‚מיידל, איך האָב דיר געבראַכט אַ שווער האַרץ. מעג איך עס אויסלאָדן פאַר דיר?” און אויב זי איז זיין באַשערטע כלה — אויב זייערע קרוב־בישע נשמות זענען באַשטימט געוואָרן זיך צו פאַראייניקן דאָ אונטן, וועלכע די אייביקייט וועט נאָך ענגער פאַרבינדן — וועט זי ענטפערן, אָנווייזנדיק מיט איר פינגער אויף דעם שטיין אין דער פאָרם פון אַ האַרץ, „דער צייכן וועלכן איך האָב דיר געטראָגן אזוי לאַנג, איז די פאַרזיכערונג אַז דו קענסט דיין האַרץ אויסריידן!”

און די צווייטע זאַך איז געווען ראַלף קרענפילדס פעסטער גלויבן אַז ערגעץ אין דער ערד ליגט באַהאַלטן אַ גרויסער אוצר, אָבער ווו, וועט קיינעם נישט געוויזן ווערן אויסער אים. ווען זיינע פיס וועלן אָנרירן דאָס מיסטעריעזע אָרט, וועט דער־שינען אַ האַנט פאַר אים, אָנצייגנדיק אַראָפּ — צי די האַנט וועט זיין געשניצט פון מאַרמל־שטיין, אויסגעהאַקט אין ריזיקער גרויסביים ברעג פון אַ פעלזיקן אָפּגרונט, אָדער גאָר אַ פייעריקע האַנט אין ליידיקן רוים דאָס האָט ער נישט געקענט זאָגן: אָבער, ווייניקסטנס, האָט ער געקענט זיך פאָרשטעלן אַ האַנט מיט איר וויַיז־פינגער אַראָפּ און אונטן איז געווען אָנגעשריבן אין לאַטייניש דאָס וואָרט עפאָדע, דאָס הייסט גראָב! און גראָבנדיק דאָרטן וועט דער אוצר — אין גאָלדענע מטבעות, סתם גאָלדשטיקער, טייערע שטיינער, אָדער מיט אַנדערע ווערטפולע זאַכן וועלכע דער אוצר אַנטהאַלט — זיכער באַלוינען זיין אַרבעט.

די דריטע און לעצטע פון די וווּנדערלעכע געשעענישן אין דעם לעבן פון דעם דאָזיקן פון דער השגחה באַשטימטן מאַן, האָט געזאָלט זיין דאָס דערגרייכן פון גרויס איינפלוס און אויבערמאַכט איבער זיינע מיטמענטשן. צי ער וועט זיין אַ קעניג אָדער אַ גרינדער פון אַ דינאַסטיע, דער זיגרייכער פירער פון אַ פאָלק וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט, דער אַפּאָסטאָל פון אַ געלייטערטער און באַנייטער אמונה, איז געבליבן פאַר דער צוקונפט צו אַנטשיידן. אַלס אַנזאָגער פון דעם וווּנדער, דורך וועלכן ראַלף קרענפילד, זאָל דערקענען די אָנדייטונג, האָבן אים באַדאַרפט באַזוכן דריי חשובע מענטשן. דער עלטסטער פון זיי האָט באַדאַרפט זיין אַ ווירדיקע און מאַיעסטעטישע פערזאָן, געקליידט, קען מען זיך פאָרשטעלן, אין די פלאַטערנדיקע מלבושים פון אַן אַלטן חכם, וואָס טראָגט אַ שטעקן, אָדער אַ רוט פון אַ נביא. מיט דעם דאָזיקן שטעקן, אָדער רוט, וועט דער חשובער חכם אָנצייכענען אין דער לופטן עפּעס אַ פיגור, און נאָך דעם וועט ער מודיע זיין זיין הימלישע שליחות וואָס, אויב ער וועט זי אויספאָלגן, וועט זי אים פירן צו גלאָררייכע רעזולטאַטן.

מיט דעם דאָזיקן שטאָלצן שיקזאַל פאַר אים, אין דעם פולן גלאַנץ פון זיין פאַנטאַסטישער יוגנט, האָט זיך ראַלף קרענפילד אַוועקגעלאָזט זוכן דאָס מיידל, דעם אוצר, און דעם געאַכטעטן חכם מיט זיין מתנה פון גרענעצלאָזער הערשאַפט. האָט ער זיי געפונען? צום באַדויערן ניט מיט דעם אויסזען פון אַ טריומפירנדיקן מענטשן, וועלכער האָט אויסגעפירט אַן איידעלערע שליחות איידער אַלע אַנדערע מענטשן, נאָר גיכער מיטן אומעט פון איינעם וואָס האָט געקעמפט קעגן אויסערגעווינלעכער און אומאויפהערלעכער קעגנערשאַפט, האָט ער זיך אומגעקערט אַצינד צו זיין מאַמעס הייזל. ער איז צוריקגעקומען, אָבער בלויז אויף אַ צייט, אַוועקצולייגן דעם וואַנדער־שטעקן, גלויבנדיק אַז זיין מידע מענערישקייט וועט צוריקגעווינען עפּעס פון יוגנטלעכער בויגזאַמקייט דאָרט, וווּ זיין דרייפאַכער שיקזאַל האָט זיך אים פריער באַוויזן. ווייניק ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין דאָרף; ווייל עס איז נישט געווען איינס פון יענע גליקלעכע ערטער ווו די שפּע פון איין יאָר זעט זיך מער אָן איידער דער חורבן פון אַ יאָרהונדערט: נאָר אַזוי ווי אַ גרויע האָר אין אַ יונגענמאַנס קאָפּ, אַן אַלטמאָדיש קליין דערפל, פול מיט אַלטע מיידן, אַלטע אולם־ביימער, און מיט מאָך באַוואָקסענע הייזקעס. ווייניק זענען געווען דאָרט די ענדערונגען. די פאַרוועלקטע אולם־ביימער האָבן אַפילו יאָ געהאַט אַ מער מאַיעסטעטישן אויסזען; די פון וועמער שוואַרץ־געוואָרענע הייזער זענען באַצירט געווען מיט אַ געדיכטן דאַך פון גרינעם מאָך; און אָן צווייפל, זענען דאָרט געשטאַנען עטלעכע מצבות מער אויף דעם בית־עולם, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצטע נעמען, אַ מאָל היימישע אין דאָרף. און דאָך, אונטערפירנדיק אַ סך־הכל צו דעם גאַנצן שאָדן, וואָס די פאַרלאָפענע צען יאָר האָבן אָפּגעטאָן, האָט עס אויסגעזען גלייך ווי ראַלף קרענפילד זאָל געווען האָבן אַוועק יענעם אין דער פרי, געחלומט אַ חלום במשך פון אַ גאַנצן טאָג ביז פאַרנאַכט און דאַן זיך ווידער אומגעקערט. אָבער זיין האַרץ האָט אים געקלעמט, ווייל דאָס דאָרף האָט אים נישט געדענקט ווי ער האָט געדענקט דאָס דאָרף.

„אָט דאָ איז די ענדערונג!“ האָט ער געזיפצט, שלאָגנדיק זיך אין האַרצן. „ווער איז דער דאָזיקער מענטש פון געדאַנק און זאָרג, אַ מידער פון אומוואַנדערונגען איבער דער וועלט, און אַ פולער מיט אַנטוישטע האָפענונגען? די יוגנט וועלכע איז אַוועק אַזוי פריידיק קערט זיך נישט מער צוריק!“

און אָט איז ראַלף קרענפילד געשטאַנען לעבן זיין מוטערס טויער, לעבן קלײנעם הייזל ווו די אַלטע פרוי האָט זיך, מיט בצמצומדיקע מיטלען, דורכגעלעבט אין דער צייט פון איר זונס לאַנגער אָפּוועזנהייט. אַריינשלייכנדיק זיך פון יענער זייט פּלויט, האָט ער זיך אַנגעשפּאַרט אין אַ גרויסן, אַלטן בוים, פאַרגעסנדיק זיין אומגעדולד, ווי עס פּאַסירט אָפט מיט מענטשן אין די אינטערוואַלן ווען יאָרן ווערן דורכגעלעבט אין איין מאָמענט. ער האָט אויף אַ רגע אַ בליק געטאָן אויף דער דירה — אירע פענצטער האָבן אָפּגעשלאָגן די הימלישע שיין, איר טיר מיטן האַלבן מילשטיין

פאַר אַ שוועל, און דער שוואך אויסגעטראָטענער שטעג וואָס פירט פון איר צום טויער. ער האָט זיך ווידער באַפריינדעט מיט זיין יוגנט פריינט, דעם אַלטן בוים אין וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפאַרט: און באַמערקט עפּעס וואָס האָט ביי אים ארויסגערופן אַ מעלאַנכאָלישן שמייכל. דאָס איז געווען אַ האַלב אָפּגעריבענער אויפשריפט — דאָס לאַטייניש וואָרט עפּאָדע, וועלכעס ער געדענקט צו האָבן אויסגעשניטן אין דער קאָרע פון דעם בוים, אַרבעטנדיק דערביי אַ גאַנצן טאָג, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן זיין דערהויבענעם שיקזאַל. מען וואָלט עס געקענט אָננעמען פאַר אַ באַזונדערן צופאַל דאָס, וואָס די קאָרע, פונקט איבער דעם אויפשריפט, האָט אַרויסגעבראַכט אַ מין אָנוווּקס געפורעמט ווי אַ האַנט מיט דעם וויַיז־פינגער אַראָפּ צום וואָרט פון מזל. אַזאַ וויַיניקסטנס, איז געווען איר אויסזען אין דער טונקעלער שיין.

„אַצינד וואָלט אַ גלויביקער מענטש" האָט ראַלף קרענפילד ווי נישט ווילנדיק געזאָגט צו זיך אַליין, „געקענט חושד זיין אַז דער אוצר וועלכן איך האָב אַרומגעזוכט איבער דער וועלט, ליגט נאָך אַלעמען באַגראָבן לעבן דער טיר פון מיין מאַמעס הייזל. דאָס וואָלט יאָ געווען אַ שיינער וויץ!"

מער האָט ער וועגן דעם נישט געטראַכט; וויַיל איצט האָט זיך די טיר געעפנט, און אַן עלטערע פרוי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, אַריינקוקנדיק אין דער פינצטער געוויר צו ווערן ווער האָט עס געקענט זיך אַריינברענגען אין איר רשות און זיך אַוועקשטעלן אין שאָטן פון איר בוים. דאָס איז געווען ראַלף קרענפילדס מוטער. מיר וועלן איבערהיפּערן זייער באַגעגעניש. און לאָזן די מוטער זיך פרייען און דעם זון אָפּרוען — אויב עס איז מעגלעך פאַר אים פולשטענדיקע רו!

אָבער ווען דער פרימאָרגן האָט אויפגעשיינט, האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט אַ פאַרזאָרגטן פנים; וויַיל זיין שלאָף און זיין וואָר זענען גלייך פול געווען מיט טרוימען. דער גאַנצער אייפער מיט וועלכן ער האָט פולשטענדיק געברענט צו אַנטדעקן די דרייפאַכע געהיימעניש פון זיין שיקזאַל האָט ווידער אויפגעפלאַקערט. די מחנה פון זיינע פריע וויזיעס האָט אויסגעזען זאָל אים האָבן דערוואַרט אונטער זיין מוטערס דאַך, און האָבן זיך געשטופּט מיט עזות צו באַגריסן זיין צוריקקער. אין דעם גוט באַקאַנטן צימער — אויף דעם קישן ווו זיין קינדהייט האָט געדרימלט — האָט ער פאַרבראַכט אַ מער ווילדע נאַכט איידער ווען אין אַן אַראַבישן געצעלט, אָדער ווען ער האָט געלייגט אָפּרוען זיין קאָפּ אין די געשפּענסטלעכע שאָטנס פון אַ ווילדן וואַלד. אַ נישט־דאָזיקע מויד האָט זיך אונטערגעגנבעט צו זיין בעט, און האָט אַוועקגעלייגט איר פינגער אויף דעם קלאַפּנדיקן האַרץ; אַ פלאַמיקע האַנט האָט געברענט אין דער פינסטער, ציַיגנדיק אַראָפּ צו אַ געהיימניש אין דער ערד; אַ גרייז גרויער חכם האָט באַוועגט זיין נביאישן שטעקן און האָט אָנגעוויזן דעם טרוימער אַ טראָן פון אַ מלוכה. די זעלבע געשפּענסטער, כאָטש שוואַכע ביי דער שיין פון טאָג, האָבן דאָך אַרומגעשוועבט איבער דעם הייזל, און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די היימישע

פּנימער וועלכע זענען אַהער געקומען איבער דער נייס פון ראַלף קרענפּילדס צוריק־קער, אָפּצוגעבן אים שלום צוליב זיין מאַמען. דאָרט האָבן זיי אים געטראָפן, אַ הויכן, טונקעלן, פּרעכטיקן מאַן פון אויסלענדישן אויסזען, וואָס איז העפלעך אין די מאַנירן און איידל אין געשפּרעך, אָבער מיט אַ מאָדנעם בליק, וואָס האָט עפּעס ווי געזוכט אין דעם אומזעבאַרן.

דערווייל האָט זיך די אַלמנה קרענפּילד געטומלט אין הויז, אַ פריילעכע וואָס זי האָט ווידער עמיצן צו ליבן, און וועגן וועמען צו זאָרגן, און פאַר וועמען זי קען זיך אויפרעגן און קווענקלען פון די קליינלעכע טאָג־טעגלעכע דאגות. עס איז שוין כמעט געווען צוועלף, ווען זי האָט באַמערקט דריי אָנגעזעענע פּערזאָן קומען אין גאַס, דורך דער בריענדער זון־שיין און די שאָטנס פון די אולם־בוימער. ענדלעך האָבן זיי דער־גרייכט איר טויער, און אויפגעעפנט די קליאַמקע.

„זע ראַלף!" האָט זי אויסגערופן, מיט מוטערלעכן שטאָלץ, „אָט קומט דער סטאַ־ראָסטע האָקווּוד מיט נאָך צוויי חשובע באַלעבאַטים דיך זען! דערצייל זיי אַ שיי־נע לאַנגע מעשה וועגן דעם וואָס דו האָסט געזען אין פרעמדע לענדער".

דער ערשטער פון די דריי געסט, דער סטאַראָסטע האָקווּוד, איז געווען אַ גרוי־סער בעל גאווה, אָבער אַן אויסגעצייכנטער אַלטער, דער קאָפּ און פירער פון אַלע דאָרפס־עניינים, און אָנערקענט פון אַלעמען אַלס איינער פון די קליגסטע מענטשן אויף דער וועלט. ער האָט געטראָגן, לויט אַ מאָדע וואָס אפילע דאַן איז זי שוין גע־וואָרן אַלט, אַ דריי שפּיציקע הוט, אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע, וועלכן ער האָט גיכער גענוצט צו פּאַכן מיט אים אין דער לופטן איידער צו העלפן פאַרגרע־סערן די שנעלקייט פון זיינע פיס. זיינע צוויי חברים זענען געווען עלטערע און בכבודיקע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן, אויס אכטונג צו שטאַנד און ירושהדיקער עשירות, זיך געהאַלטן אַ ביסל פון הינטערן סטאַראָסטע. ווען זיי האָבן זיך דערנענ־טערט איבער דעם שטעג, האָט ראַלף קרענפּילד זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דעמבענעם בענקל, האָט האַלב באַוווסטזיניק געקוקט אויף די דריי געסט, און האָט איינגעפלאָכטן זייערע באַקאַנטע פיגורן אין דעם ראָמאַנטיזם וואָס האָט דורכגעדרינגען זיין גייסטי־קע וועלט.

„אָט", האָט ער געטראַכט, שמייכלענדיק פון זיין איינבילדונג, „אָט קומען דריי עלטערע פּערזאָנען, און דער ערשטער פון די דריי איז אַן ערנווירדיקער חכם מיט אַ שטעקן. אפשר וועט מיר די דעלעגאַציע ברענגען די בשורה פון מיין גורל.

בעת דער סטאַראָסטע האָקווּוד מיט זיינע קאָלעגן זענען אַריין, האָט ראַלף זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט געמאַכט עטלעכע שריט צו זיי; זיין פּרעכטי־קע פיגור און טונקל געזיכט, ווען ער האָט זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר זיינע געסט, האָט פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע חשיבות אין קאָנטראַסט מיט דער געמאַכטער וויכטי־קייט פון דעם סטאַראָסטע. דער אַלטער הער, לויט זיין אומפאַרענדערלעכער גע־ווינהייט, האָט פריער געגעבן אַ קונציקן דריי מיט זיין שטעקן אין דער לופטן,

נאָך דעם, האָט ער אויסגעטאָן זיין דריי שפּיציקע הוט, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, און ענדלעך איז ער איבערגעגאַנגען צוויסן טאָן זיין שליחות.

„מיינע קאָלעגן און איך" האָט אָנגעהויבן דער סטאַראָסטע „זענען באַלאָדן מיט וויכטיקע פליכטן, אַזוי ווי מיר זענען צוזאַמען די אויסגעווײַלטע פון דעם דאָרף, אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי טעג, האָבן מיר זיך געבראָכן די מוחות וועמען אויסצו־וויילן אַלס פּאַסיקע פּערזאָן צו פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן פּאָסטן און וואָס זאָל בע־מען אויף זיך דעם אַמט און פאַרוואַלטונג. ווען מען באַטראַכט אים ווי געהעריק, קען ער געוועכנט ווערן נישט נידעריקער פון דעם אַמט פון מלכים און הערשער. און אַזוי ווי איר, אונדזערער אַ געבוירענער דאָרפסמאַן, פאַרמאָגט געזונטן נאַטירלעכן פאַרשטאַנד, און אַ גוט אַנטוויקלטן דורכן וואַנדערן אין פרעמדע לענדער, און אַז געווי־סע קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס פון אייער יוגנט זענען אָן צווייפל שוין לאַנג פאַרשוווּנדן געוואָרן; נעמענדיק די אַלע זאַכן, זאָג איך, אין באַטראַכט, זענען מיר מיט דער מיי־נונג, אַז די השגחה האָט אייך געשיקט אַהער אַצינד פאַר אונדזער ציל".

אין צייט פון דער רעדע, האָט קרענפּילד מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם רעדנער, גלייך ער זאָל זען עפּעס מיסטעריעזעס און נישט דאַיקס, אין דער פּאַמפּע־זער קליינער פיגור, און גלייך ווי דער סטאַראָסטע זאָל זיין געקליידט אין די פּלאַ־טערנדיקע מלבושים פון דעם אַלטן חכם, אָנשטאָט אין אַ פּירעקיקן ראָק, אַ וועסטל מיט לאַצן, פּליושענע הויזן און זיידענע זאָקן. און זיין שטוינען איז נישט גע־ווען אומזיסט; ווייל דאָס דרייען פון דעם סטאַראָסטעס שטעקן, איז כדאַי צו דער־ציילן, האָט פּונקט אָנגעצייכנט אין דער לופטן דעם צייכן וועלכער האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן די שליחות פון דעם נביאישן חכם, וועמען קרענפּילד האָט אַרומגע־זוכט איבער דער וועלט.

„און וואָס", האָט ראַלף קרענפּילד געפרעגט, מיט ציטער אין זיין שטימע, „וואָס קען זיין דער אַמט, וועלכער דאַרף מיך גלייך מאַכן מיט מלכים און הערשער?"

„נישט קיין קלענערער ווי צו ווערן לערער אין אונדזער דאָרפס־שול, האָט גע־ענטפערט דער סטאַראָסטע האָקווד; „דער פּאָסטן איז געוואָרן וואַקאַנט אַצינד אי־בער דעם טויט פון דעם געערטן לערער ווייטייקער, נאָך דעם ווי ער האָט אים פאַר־נומען פופציק יאָר".

„איך וועל באַטראַכטן אייער פאַרשלאָג", האָט געענטפערט שנעל ראַלף. „און וועל אייך צעוויסן געבן מיין באַשלוס אין דריי טעג אַרום".

איבערבייטנדיק נאָך עטלעכע ווערטער, האָט דער עלטסטער פון דאָרף מיט זיי־נע חברים זיך געזעגנט. אָבער פאַר קרענפּילדס פאַנטאַזיע זענען נאָך זייערע גע־שטאַלטן געווען אָנוועזנד, און האָבן אַלץ מער און מער אָנגענומען די צורות מיט דער חשיבות פון יענע פיגורן וועלכע זענען צו ערשט פאַר אים דערשינען אין חלום, און נאָך דעם האָבן זיי זיך באַוויזן פאַר אים אויף דער וואָר, אָננעמענדיק אַ היימישן אויסזען צווישן די איבעריקע באַקאַנטע זאַכן. זיין געדאַנק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף

די געזיכטס־שטריכן פון דעם סטאַראָסטע, ביז זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די פון דעם אויסגעחלומטן חכם, און איינער איז בלויז געוואָרן דער שאָטן פון דעם אַנדערן, דאָס זעלבע פּנים האָט ער אַצינד געטראַכט, האָט אויף אים געקוקט פון דער כעאָפּס־פּיראַמידע; דאָס זעלבע געשטאַלט האָט צו אים געוווּנקען פון צווישן דער זיילן־אַלעע אין דער אַלאַמבראַ; די זעלבע פיגור האָט זיך נעפּלדיק אַנטפּלעקט אין דער אויפגייענדיקער פּאַרע פון דעם גרויסן גייזער. ביי יעדער אָנשטרענגונג פון זיין זכרון האָט ער דערקענט עפּעס אַ שטריך פון דעם געטרוימטן שליח פון שיק־זאַל, אין דעם דאָזיקן פּאָמפּעזן, טומלדיקן, קליינעם גרויסן מענטשן פון דעם דאָרף. פאַרזונקען אין אַזעלכע מחשבות איז ראַלף קרענפּילד געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין דעם הייזל, כמעט ווי נישט געהערט און שוואַך געענטפערט אויף זיין מאַמעס טויזנט פראַגן וועגן זיינע וואַנדערונגען און אַוואַנטיורעס. אין צייט פון זון־אונטערגאַנג האָט ער זיך אויפגעהויבן צו מאַכן אַ שפּאַציר, און פאַרבייגייענדיק דעם אַלטן אולם־בוים, האָט זיין אויג זיך ווידעראַמאָל פאַרהאַלטן אויף דער האַנט וואָס ווייזט אַראָפּ צו אַ האַלב אָפּגעריבענעם אויפשריפט.

ווען קרענפּילד איז געגאַנגען איבער דער גאַס פון דאָרף, האָבן די גראַדע שטראַלן געוואָרפן זיין שאָטן ווייט פאַר אים; און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי ווי זיין שאָטן האָט געשפּאַנט צווישן ווייטע קעגנשטאַנדן, אַזוי איז אים אַ פאָרגעפיל נאָכגעגאַנגען אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן. און ווען ער איז צוגעקומען נאָענט פון יעדן קעגנשטאַנד, וועלכן זיין הויכער שאָטן האָט דערגרייכט פאַר אים האָט ער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איינע פון די באַקאַנטע דערינערונגען פון זיין קינדהייט און יוגנט. יעדער קירעווע אין דעם וועג איז אים געווען באַקאַנט. אַפילו די מער פאַר־געגנגלעכע איינגשאַפטן פון דער לאַנדשאַפט זענען געווען די זעלבע וואָס אין די אַמאָליקע צייטן. אַ טשערעדע קי האָט זיך געפּאַשעט ביים וועג, און האָבן אים דערפרישט מיט זייער שמעקנדיקן אָטעם. „ער איז זיסער", האָט ער געטראַכט, „איי־דער די פּערפומען וואָס מען האָט אָנגעלאָדן אויף אונדזער שיף פון די בשמים־אינדזלען". די קיילעכדיקע קליינע פיגורקע פון אַ קינד האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון אַ טיר, און איז געבליבן לאַכנדיק שיעור נישט אונטער קרענפּילדס פיס. דער טונקעלער און פרעכטיקער מאַן האָט זיך אָנגעבויגן און אויפהייבנדיק דאָס קינד, האָט ער דאָס דערלאַנגט זיין מאַמען. „די קינדער", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — און האָט אַ זיפץ געטאָן און אַ שמייכל — „די קינדער דאַרפן זיין אונטער מיין השגחה!" און בעת אַ שטראָם נאַטירלעכע געפילן האָט אַ שפּרודל געטאָן ווי אַ קוואַל אין זיין האַרצן, איז ער צוגעקומען צו אַ דירה, אין וועלכער ער האָט נישט געקענט נישט אַריינגיין. אַ זיס קול, וואָס האָט אויסגעזען צו קומען פון אַ טיפער און צאַר־טער נשמה האָט געזונגען אַן אומעטיק לידל אינעווייניק.

ער האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ און איז דורך, דורך דער נידעריקער טיר. ווען זיין פוס האָט זיך געשטעלט אויף דעם שוועל, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דעם טונ־

קעלן אינעווייניק פון צימער תחילת גיך, און נאָך דעם מיט ווייניקער זיכערע טריט, אַ יונגע פרוי. זיי האָבן זיך באַגעגנט. אַ באַזונדערער קאָנטראַסט האָט זיך געמערקט אין זייערע ביידע פיגורן; ער טונקל און פינטאַרעסק — אזא איינער וואָס האָט גע־קעמפט מיט דער וועלט — אויף וועמען אַלע זונען האָבן געשיינט און אויף וועמען אַלע ווינטן האָבן געבלאָזן אין פאַרשידענע ריכטונגען; זי — בעט, אויפגערוימט און רויק — רויק אַפילו אין איר אויפרעגונג — גלייך אירע אַלע עמאָציעס זענען גע־ווען אונטערטעניק דעם פרידלעכן גאַנג פון איר לעבן. דאָך האָבן זייערע פנימער, ווי נישט ענלעך זיי זענען געווען, געהאַט אַן אויסדרוק וואָס האָט נישט אויסגעזען צו זיין אַזוי פרעמד — אַ שיין פון קרובישע געפילן, וואָס האָבן ווידער אויפ־געפלאַקערט פון אונטער דעם האַלב פאַרלאָשענעם אַש.

„איר זענט אַן אָנגעלייגטער גאַסט!" האָט געזאָגט פּעיט עגערטאָן.

אָבער קרענפילד האָט נישט געענטפערט גלייך; ווייל זיין אויג האָט זיך פאַר־האַלטן אויף אַ צירונג אין דער פאָרם פון אַ האַרץ, וואָס פּעיט האָט געטראָגן ווי אַ שפּילקע אויף איר שויס. געמאַכט איז די שפּילקע געווען פון געווײנלעכן ווייסן קוואַרץ; און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עס אַליין אויסגעשניצט פון איינעם פון יענע אינדישע פיילן־שפּיצן וועלכע מען קען אַזוי אָפט געפינען אויף די אַלטע ערטער פון די רויט־הויטיקע מענטשן. זי איז געווען פּרעציז לויט דער פאָרעם פון יענער וואָס עס האָט געטראָגן דאָס געטרוימטע מיידל. ווען קרענפילד האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין פאַנטאַסטישער רייזע האָט ער געשענקט די דאָזיקע שפּילקע, אין אַ גאָלדענער איינפאַסונג, אַלס אַן אָנדענק־מתנה צו פּעיט עגערטאָן.

— אַזוי, פּעיט, איר האָט אָפּגעהיט דאָס „האַרץ!" — האָט ער ענדלעך געזאָגט.

— יאָ — האָט זי געענטפערט, ווערנדיק רויט — און דאָן פריילעכער — און וואָס נאָך האָט איר מיר געבראַכט פון יענער זייט ים?

— פּעיט — האָט געענטפערט ראַלף קרענפילד , אַרויסרעדנדיק די פּאַטאַלע ווערטער אונטער אַ נישט קאָנטראָלירטן אימפּולס — איך האָב אייך גאָרנישט גע־בראַכט אויסער אַ שווער האַרץ! — מעג איך עס אויסלאָדן פאַר אייך?

— דער צייכן, וועלכן איך האָב געטראָגן אַזוי לאַנג — האָט געזאָגט פּעיט, אַוועקלייגנדיק איר ציטערנדיקן פינגער אויף דעם האַרץ, איז די פאַרזיכערונג, אַז איר מעגט!

— פּעיט! פּעיט! — האָט אויסגערופן קרענפילד און האָט איר אומגעאַרעמט, דו האָסט פּותר געווען מיין ווילדן און מידמאַכנדיקן חלום!

יאָ, דער ווילדער טרוימער איז ענדלעך געווען וואָך. צו געפינען דעם געהיימען אוצר וואָלט ער געווען באַדאַרפט באַאַרבעטן די ערד אַרום זיין מאַמעס וווינונג און שניידן אירע פרוכטן; אַנשטאַט קריגערישן באַפעל, קעניגלעכער אָדער רעליגיעזער

מאַכט, איז אים באַשערט געווען צו רעגירן איבער די קינדער פון דאָרף! און אַצינד איז דאָס געטרוימטע מיידל פֿאַרשווּנדן פון זיין פאַנטאַזיע און אויף איר פּלאַץ האָט ער געזען זיין יוגנט־חברטע. וואָלטן אַלע, וואָס האָבן אַזעלכע ווילדע פאַרלאַנגען, בלויז אַ קוק געטון אַרום זיך, וואָלטן זיי אָפט געפונען זייער ספערע פון פליכטן, ווילזיין און גליק, אין די געגנטן און אויף דעם אָרט, וווּ די השגחה אַליין האָט באַ־שטימט זייער גורל. אַז ווייל איז צו די וועלכע לעזן די רעטעניש, נישט אַנקומענדיק צו אַ לאַנגער וועלט וואנדערונג, און אידער זיי פאַרשווענדן דאָס לעבן אומזיסט!

הענרי קילער באָנער

(געבוירן אין 1855 — געשטאָרבן אין 1896)

הענרי קילער באָנער (געבוירן אין 1855) האָט זיין ערשטע וויכטיקע דערציילונג פון ניו־יאָרקער לעבן פאַרעפנטלעכט אין דער עלטער פון 31 יאָר אונטערן טיטל „דער אינזעקט".

מיט 5 יאָר שפּעטער זענען דערשינען אין עטלעכע בענד זיינע „קורצע דערציילונגען", אָבער באַרימט געוואָרן איז ה. ק. באָנער דורך די ווערק, וועלכע ער האָט פאַרעפנט־לעכט אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן.

זיינע דערציילונגען זענען דורכגעדרונגען פון הומאָר, פּשטות און פאַטאָס.

די אָריגינעלע דערציילונג „אַ בריוו און אַ צייטונגס־אַרטיקל", קען דינען אַלס מוס־טער פון ה. ק. באָנערס סטיל.

זיין שרייבערישע קאַריערע האָט געדויערט צען יאָר. ער איז געשטאָרבן אין 1896.

אַ בריוו און אַ צייטונגס־אַרטיקל

דער בריוו

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, דעם 16טן, 1883.

מיין טייערער וויל.

ס'איז שווער צו גלייבן איר זאָלט געדענקען, אָבער היינט איז געוואָרן פינף יאָר זינט כ'האָב חתונה געהאַט, און מאָרגן — ס'וועט זיין מאָרגן, איידער דער בריוו וועט ווערן פאַרענדיקט, איז מיין געבורטסטאָג — דער פערציקסטער. מיין קאָפּ איז פול מיט יענע געדאַנקען, וועגן וועלכע די געוויינהייט פון מיין לעבן באַוועגט מיך זיי אויסצולייגן אויף פאַפּיר, ווו איך קען זיי אַמבעסטן אויסדריקן און וואָס מוז נאָר געשריבן ווערן פאַרן פריינטלעכסטן אויג. ס'איז נישט קיין קליין גליק אין מיין לעבן וואָס איך האָב איין פריינד, פאַר וועמען איך קען אויפשליסן מיין האַרץ ווי איך קען עס טאָן פאַר אייך.

די פרוי האָט ערשט געלייגט שלאָפן דאָס קינד. מיינט נישט אַז אַפילו ביי דער געלעגנהייט פון דעם היינטיקן פאַמיליע־יום־טוב, איז אים דערלויבט געוועזן צו זיין וואַכעדיק ביז האַלב צוועלף. ער איז געגאַנגען שלאָפן ווי געוויינלעך, אַכט אַזייגער, לאָזנדיק אַ טרער. אָבער ווען זיין מאַמע האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין צימער

פּונקט איצט, ווי איר געוווינהייט איז, האָב איך דערהערט זיין קליין שטימעלע און איך האָב איר נאָכגעפאָלגט און האָב פאַררוקט דעם פאָרהאַנג פון דער טיר אויף אַ זייט און כ׳האָב אַריינגעקוקט. אָבער איך בין נישט אַריינגעגאַנגען אין צימער.

דער אַבאַזשור־לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ געלן שיין אויף איין אָרט — צוקאָפּנס פונעם קליינעם בראָנדזענעם וויגל, ווו מיין פרוי איז געשטאַנען אויף די קני לעבן מיין יינגעלע. איך האָב געזען דאָס קליינע פּנימל וואָס איז אַזוי ענלעך אויף איר, געווענדט צו איר. ס׳האָט זיך געמערקט אַ שמייכל אויף דעם וואָס איז געווען, ווייס איך, אַן אָפּשפּיגלונג פון אירן. ער האָט געפּרוּווט צו זיין וואַכעדיק און האָט געפּינטלט קאָמיש מיט די אויגן. אָבער די וואַכעדיקייט איז פון אים אַוועק אונטערן צויבער פון יענעם שמייכל, וואָס איך האָב נישט געקענט זען. זיינע ברוינע אויגן האָט ער פאַרמאַכט און געעפנט און ווידער פאַרמאַכט, ווייל די צאַרטע גליקלעכע רו פון אַ קינדס שלאָף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אים און ער איז אַוועק אַהין וווהין מיר, אין אונדזערע טיפסטע שלאָפן, קענען אים נאָכפאָלגן. דאַן, איידער איך האָב געקענט זען מיין פרויס געזיכט, ווען זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אים געקושט, האָב איך געלאָזט פאַלן דעם פאָרהאַנג און בין צוריקגעקומען אַהער צו זיצן ביים פייער, און ווידער זען מיט גייסטיקע אויגן יענץ הייליק בילד, און צו חלומען וועגן יענעם אומבאַשרייבלעכן גליק, וואָס איז אַזוי מיסטעריעז, נישט פאַרדינטערהייט געקומען צו מיר.

איך זאָג אייך, ווייל, יענער מאָמענט איז געווען פאַר מיר ווי איינער פון די מאָמענטן פון דערוואַכונג, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער קינדהייט, ווען מיר כאַפּן אויף דעם גאַנג פון אַ חלום אַ צו פיל זיסן, ער זאָל זיין פון דעם עולם, אַ דערפרייענדע וויזיע, וואָס איז פאַרשוווּנדן איידער אונדזערע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט; אַזאַ וואָס איז נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן ווי עפּעס אַ דאָיקע אידייע, וואָס לאָזט איבער נאָך דעם ווי זי גייט אַוועק, אַזאַ גרויסע און צאַרטע פרייד, וועגן וועלכער דיכטער זאָגן אונדז אַז זי איז אַן אָנדענק פון עפּעס אַ הימל פון וואַנען אונדזערע יונגע נשמות זענען נישט לאַנג געקומען. איר קענט פאַרשטיין ווי דאָס איז, אַז מיר איז כמעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז ס׳קען גאָר מעגלעך זיין אַזעלכע זאַכן אין מיין לעבן; ווייל איר ווייסט וואָס דאָס לעבן איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך בין ווי אַ מאַן, וואָס האָט פאַרבראַכט זיינע ערשטע דרייסיק יאָר אין אַ הייל. ס׳דאַרף אַוועק מער פון אַ יאָרצענדליק אויף דער ערד, אַז ער זאָל אָנהייבן גלייבן אין דער בלויקייט פונעם הימל.

איך בין איצט געזעסן פאַרן קאַמין מיט מיינע פיס אויף דער בערנפעל, וואָס איר האָט אונדז געשיקט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. די ליכט פונעם פייער האָט צעיאָגט די שאָטנס איבערן צימער, איבער מיינע ביכער און מיינע בילדער און איבער אַלע פיינע און לוקסוסיעזע זאַכן, וועלכע דערפרייען מיינע אויגן און האַרץ, און באַפרידיקן דאָס געשמאַק, וואָס וואַקסט אַלץ העכער, וואָס מער מ׳באַפרידיקט עס. איך

האָב געמאַכט אַ חשבון, אַזוי צו זאָגן, פון מיין גליק — די מאַטעריעלע אוצרות, דאָס גליק, וואָס איך האָב געפונען אין דעם רום מיט וועלכן די וועלט האָט מיך באַשאָנקען און דעם אוצר פון אַלע אוצרות, וואָס געפינט זיך פון יענער זייט שוועל אינעם צווייטן צימער — אינעם צווייטן צימער? ניין, דאָרט, דאָ, אין יעדן צימער, אין יעדן ווינקעלע פון הויז, אָנפילנדיק עס מיט שלום, ס׳איז דער נאָבעלער און הייליקער גייסט פון ליבע.

ווי איך בין אַזוי געזעסן און געטראַכט, איז מיין געדאַנקענגאַנג אַוועק צו יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך צוערשט באַגעגנט, צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק — ס׳וועט צוויי און צוואַנציק אין קומענדיקן פעברואַר. נאָך אין צוויי און צוואַנציק יאָר אַרום, וועל איך נישט פאַרגעסן יענעם מיאוסן ערשטן טאָג אין שטאָטישן צימער פונעם „מאָרגנזשורנאַל". איך זע דאָס גרויסע, טונקעלע צימער, מיט דער קנאַפּער גאַז־באַלייכטונג. דאָ און דאָרט אַ בלאַס געזיכט ביי אַ שרייב־טיש און אין די פאַנטאַסטישע פלעקן אויף די מיט טינט פאַרשמירטע ווענט, זעט זיך דאָס גאַנצע עקלדיקייט. אַ ווינטער־רעגן האָט געגאָסן אין דרויסן. איך האָב געקענט פילן זיין קעלט און פייכטקייט אין צימער, כאָטש ווייניק האָט מען געקענט זען דורך די פינצטערע פענצטער־שויבן. דאָס טיפּאָגראַפיע־צימער, וואָס איז אין הינטערגרונט האָט פאַרשפּרייט אַ ריח פון טינט און בענזין, וואָס האָט אַדורכגעווייקט די פייכטע אַטמאָספער. דאָס גערויש פון די גרויסע דרוק־מאַשינען וואָס האָבן געדרוקט דעם וואָכנבלאַט, האָט זיך דערטראָגן פון אונטן. איך בין דאָרט געזעסן אין מיינע נאַסע מלבושים און האָב דאָרט געוואַרט אויף מיין ערשטער באַשטימונג. איך בין אַלט געווען אַכצן יאָר. אָרעם ווי אַ קלויסטער־מויז, גרין, אַ פאַרצוויפלטער און דאָך האָפענונגספול. ווי געווייינלעך אַ יונג יינגל, און מיט גאַרנישט אין קאָפּ אויסער דעם לאַטיין און גריכיש פון איין יאָר גיין אין שולע. מיין געמיט איז געווען זייער נידערגעשלאָגן. מיין האַרץ האָט נערוועז געקלאַפּט יעדעס מאָל, ווען איך האָב דערהערט יענעם שטאָטישן רעדאַקטאָרס קול, ווי ער האָט אויסגערופן זיינע סאָלדאַטן איינס נאָך ס׳אַנדערע און האָט זיי צעשטעלט יעדן אויף זיין פּאָסטן. איך האָב בלויז געקענט שטיל בעטן, אַז ער זאָל מיר געבן אַ „גרינגן פּאָסטן" און איך זאָל נושא חן זיין טוענדיק מיין אַרבעט. גאָט מיינער, וויל, וואָס פאַר אַ קפדן באַלדווין איז געווען, נישט קוקנדיק אויף זיין גוט האַרץ! געדענקט איר יענץ שאַרף גרילצנדיק קול זיינס און דעם שרעקלעכן „מאַכט עס בקיצור"! וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעיאָגט די גרעסטע מעגלעכקייט צו זיין קורץ פון אַ מענטשנס מוח און האָט אים געמאַכט אויסשטעלן זיינע ווערטער אָפּגעהאַקטע; באַלדווין איז נאָך אין „זשורנאַל". איך קלער וואָס פאַר אַן אָרעמער טייוול ציטערט אין דעם מאָמענט אין יענער שווערער פאַרלעגנהייט.

אַן אומגליקלעכער טאָג איז עס געווען! די שעהן האָבן זיך געצויגן פאַמעלעך, ווי ווייטיק. קליינע פאַרשמירטע טייוואָלים מיט נאַקעטע אָרעמס זענען אַריין פון

טיפּאָגראַפיע און ווידער אַרויס, טראָגנדיק די פּלאַטערנדיקע קאָרעקטורן. מענטשן פאַרשמוצטע, מיט איינגעפאַלענע אויגן, זענען אַריינגעקומען פון דרויסן, האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע דורכגעווייקטע רעגנשירעמס זיך טריקענען לעבן פייער, און זיי זענען אַריין אין לייבן־גרוב צו שפּייזן אים מיט נייעס, און זענען ווידער אַרויסגעשיקט געוואָרן צו נעמען זייערע כמעט אָפּגעקאָכטע רעגנשירעמס און גיין ברענגען אַנדערע נייעס, יעדער איינער, האָב איך געטראַכט, האָט אויף מיר געוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג און נייגער און מיך גלייך פאַרגעסן. יעדער איינער האָט עפּעס אַ באַשעפטיקונג — יעדער איינער אויסער מיר. די מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט מיט מיר האָט מען אויסגערופן איינס נאָך ס׳אַנדערע און זיי געשטעלט צו דער אַרבעט. איך בין געבליבן אַליין.

דאַן איז געקומען אַ נייע שרעק צו פּייניקן מיין שוין אַזוי אויך נערוועז צערייצטער פאַנטאַזיע, האָט מיין אויפזעער פאַרגעסן זיין מענטש? אָדער האָט ער נישט געקענט געפינען קיין גענוג גראָבע אַרבעט פאַר מיינע קרעפטן? דאָס האָט מיך תּחילת אָנגעפילט מיט שרעקלעכער חרפּה און נאָך דעם מיט גרויס צאָרן און געפיל פון אומרעכט. פאַרוואָס דאַרף ער מיך אַזוי גרינגשעצן? האָב איך קיין רעכט נישט מען זאָל מיך ווייניקסטנס פּרוּוון? איז דען פאַראַן עפּעס אַן אַרבעט וואָס ער וואָלט געקענט זען אַז איך זאָל איר נישט מאַכן אָדער שטאַרבן? איך וואָלט געגאַנגען צו אים און אים געזאָגט אַז איך בין געקומען אַרבעטן, און וואָלט אים געצוווּנגען מיר צו געבן אַרבעט. ניין, איך וואָלט איינפאַך געקראָגן געזידלט און צוריקגעשיקט אויף מיין פּלאַץ ווי אַ שול־יינגל, אָדער מעגלעך אָפּגעזאָגט אויפן שטעל. איך מוז ליידן מיין דערנידערונג אין דער שטיל.

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב איך דערזען אַריינקומען מיט אייער שטראַלנדיק, ראָזעווע, קינדיש געזיכט און גריסנדיק אַלעמען. אין האַרצן האָב איך אייך געשאָלטן פאַר אייער זאָרגלאָזיקייט און אייער פריילעכן בליק פון זעלבסטזיכערקייט. וואָסערע אָנשטרענגונגען פון קאַמף און דערפאָלג האָבן אייך אויפגעהויבן העכער פאַר מיר — אייך, דעם רעפּאָרטער, איבער מיר, דעם אָנפאַנגער! און פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערטראָגן דער שרעקלעכער רוף — באַרקלעי! באַרקלעי! — איכ׳ל הערן יענעם שניידנדיקן גרילץ ווען איך וועל שטיין פאַרן בית דין של מעלה. איך בין אַריינגעקומען און האָב באַקומען מיינע באַפעלן און בין אַרויס מיט זיי אין עפּעס אַ מין צעטראָגנקייט וואָס האָט באַדאַרפט מאַכן באַלדווינען גלייבן אַז איך בין אַ אידיאָט. און דאַן זענט איר געקומען און איר האָט מיט מיר געשלאָסן אַ קאַלטע באַקאַנטשאַפט צו באַהאַלטן אייער איידעלע כוונה. איר האָט מיר געגעבן אַן אָנדייטונג ווי צו באַקומען אַ פולן באַריכט פון דעם צוויי־יאָריקן צוזאַמענפאָר פון דער מינעראַלאָגישער געזעלשאַפט. איך וואָלט פאַר אייך געוועזן געקעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, אין יענעם מאָמענט.

ס׳איז געוועזן אַ קלייניקייט, אָבער די פריינטשאַפט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן

מיט וואַרעמער האַרציקייט איז געוואַקסן אין משך פון צוויי און צוואַנציק יאָר אין קעגנזייטיקן צוטרוי און לאָיאַליטעט, און דאָס וואַקסן דערהייבט די זוימען.

אַ קרעפטיק וואַקסן איז דאָס געווען אין די ערשטע טעג. ס׳איז געווען אין שפּעט פרילינג ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַ צימער צוזאַמען אויפן פּלאַץ פון הייליקן מאַרקוס. אַ גרויס און אָרעם צימער אויפן דריטן שטאָק אין יענעם „חרובן האָטעל", און פאַר צוועלף לאַנגע יאָר האָט עס אונדז געהאַלטן מיט אונ־דזערע האָפענונגען און פאַרצווייפלונגען, אונדזערע ליידן און פריידן.

איך גלייב נישט איך זאָל האָבן פאַרגעסן די קלענסטע קלייניקייט פון אונדזער צימער. אָט איז דער אָרעמער איינפאַכער קאַמין, וואָס איז געמאַכט פון ציגל און וואָס באַשטייט נאָר פון אַ וואַנט־פאַרטיפונג אויף צו דערהאַלטן אַ פייער, ווען מיר האָבן זיך נאָר געקענט פאַרגינען צו מאַכן פייער. אָט איז דער גרויסער אַלטער טיש — אונדזער ערשטער דערוועראַרבונג — ווו מיר זענען געזעסן און געאַרבעט פאַר אומשטערבלעכקייט אין די קנאַפּע פרייע מינוטן פון אַרבעט צוליב פּרנסה. אייער שרייב־טיש, מיטן כתב יד פון אייער קאָנקאָרדאַנץ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָ־מיע שטייט רעכטס, מיינער — לינקס. ער אַנטהאַלט די נישט געענדיקטע דראַמע און די פּאָעמען וואָס וואָלטן בעסער געמעגט בלייבן נישט פאַרענדיקט. אָט שטייען צוויי שמאָלע בעטלעך — אייערס אויף לינקס ביי דער טיר, גלייך ווי איר קומט אַריין, מיינס — אויף רעכטס.

ווי מאָדנע איז וואָס איך קען דאָס אַלץ זען אַזוי קלאָר, איצט ווען אַלץ איז אַזוי פאַרשידן!

איך דערמאָן זיך ווי איך פלעג אַהיים קומען איינס באַנאַכט, שלעפּנדיק מיינע מידע פיס איבער די פינצטערע, שטילע טרעפּ, און אָנשפּאַרן זיך אין דער וואַק־לענדיקער פאַרענטשע. איך עפן די טיר. נאָך איצט פיל איך דעם אַלטמאָדישן מעשענעם קנאָפּ אין מיין האַנט — און איך קוק אויף לינקס. אָך, איר זענט שוין אין דער היים און אין בעט. איך דאַרף נישט קוקן צום טיש. דאָרט איז דאָ געלט — אַ ביסל — אין געמיינזאַמען אוצר; לויט אונדזער אויסגלייך, ווייס איך, שטייט דאָרט אויף יענעם טיש צוויי פלעשער ביר, אַ האַלב לעבל קאָרנברויט און אַ שטיק שווייצער־קעז פון אַ צוויי טפחים די גרויס. איר זעטיקט אייער הונגער אין שלאָף, ווייל איינער דאַרף נישט עסן ביז דער אַנדערער קומט. איך וועק אייך אויף און מיר עסן צוזאַמען און רעדן פון טאָג וואָס איז אַוועק, און פון דעם וואָס האָט זיך אָנגעהויבן.

מאָדנע, איז עס נישט וואָס מיר איז בלויז געבליבן צו פילן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ דערינערונג — איך מיט מיינע פיס אויף דער בערנפעל וואָס וואָלט אונדז ביידע געמאַכט פאַר בעטלערס — אָדער אַפילו אַ טוץ ווי מיר — צו קויפן אַזאַ אין יענע טעג. מאָדנע וואָס מיין מוח טראַכט פון יענער שווערער אַרבעט אין מיין יוגנט. איך וואָס האָב געקראָגן אַ נאָמען און רום, ווי די וועלט וואָלט געזאָגט. איך,

צו וועמען יונגע מענטשן קומען נאָך אַן עצה און אַ דערמוטיקונג ווי צו אַן אויס־געפּרוּווטן וועטעראַן! מאָדנע וואָס איך טראַכט פון אַ צייט, ווען אַפילו אייער אמתע און אומדערמידלעכע פריינטשאַפט האָט נישט געקענט פאַרלעשן אַ שטאַרקן דורשט אין מיין האַרץ, אַ דורשט נאָך אַ נענטערע און אינטימע פריינטשאַפט. איך, מיט דער צאַרטסטער פרוי נישט ווייט פון די אויגן; אַפילו אין איר שלאָף איז זי נישט ווייטער פון מיר ווי מיין אייגענע נשמה.

מאָדנע פון אַלעמען איז וואָס דער משוגע־מאַכנדער שמערץ פון ווייטיק, דאָס געפיל פון עלנט וואָס איז אויף מיר אַראָפּ נאָך דעם ווי אונדזער לאַנגע חברשאַפט איז אויפגעלייזט געוואָרן אויף שטענדיק, איצט איז בלויז אַ דערינערונג ווי אַלע דערינערונגען, וואָס ווערן אַרויסגערופן פון זייערע רו־פּלעצער אין דער נשמה, וועגן וועלכע מען דענקט אַ מינוט און מ׳שיקט זיי אַוועק מיט אַ זיפץ, מיט אַ שמייכל! ווי ווירקלעך איז דאָס אַלץ געווען פונקט צען יאָר צוריק! וואָסערע גרוי־סער ווייטיק איצט! גלייבט מיר — יאָ, איך וויל איר זאָלט מיר גלייבן — אַז אין יענע ערשטע שעהן פון עלנט וואָלט איך פריינטלעך געווען אויפגענומען דעם טויט; טויט וואָלט אויף מיר רויק געווען געפאַלן ווי שלאָף איז געפאַלן אויף מיין יינגעלע אינעם צווייטן צימער.

איר האָט גאָרנישט געוווסט דערפון; איך רעכן אַז איצט וועט איר בלויז אַ העלפט גלייבן דערפון; ווייל אונדזער אָפּשייד איז געווען גענוג מענלעך. איך האָב געהאַלטן גענוג שטייף מיין אויבערשטע ליפּ ווי איר, כאָטש ס׳איז אויף איר געווען ווייניקער האַר ווי אויף אייערער. מעגלעך ס׳וועט אייך אויסזען איבערטריבן, אָבער ס׳איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אונדז. איר האָט געקערט אייער פּען צו מאַכן געלט, צום רוף פון ליבע; איר זענט געפאָרן קיין סטילוואָטער חתונה האָבן מיטן ריכטערס טאָכטער און צו ווערן אַ גרויסער לאַנד־אייגנטימער און דער אינטענדענט פון סטילוואָטער און אַ מיליאָנער — אָדער וואָס איר זענט איצטער און אַ סך פון דעם האָט איר פאַרויסגעזען אָדער פאַרגעפילט, וויניקסטנס. האָפענונג איז עפּעס. אָבער איך? איך בין איבערגעבליבן אויפן דריטן שטאָק פון אַן אָרעם פּענ־סיאָן־הויז אויפן פּלאַץ פון הייליקן מאַרקוס, מיין לעצטער גוטער פריינט איז פון מיר אַוועק; מיט קיין אַנדענק אָדער האָפענונג צו ליבן און לעבן, און מיט מיין לעצטער געשיכטע צוריקגעשיקט פון אַלע רעדאַקציעס.

מיר וועלן נישט רעדן וועגן דעם. דערלויבט מיר גיין צוריק אין מיין ליבער ביבליאָטעק מיט די ביכער און בילדער און ברענענדיקן קאַמין, וווּ איך זעץ זיך מיט מיינע פיס אויף אייער בערנפעל, און הער מיין ווייבס טריט אין צווייטן צימער.

פאַר אייער אויער, ווייל אונדזער פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג און אַזוי ענג, אַז צו יעדן פון אונדז האָט דער שוואַכסטער קלאַנג פון אַנדערנס קול געדעכט קלאָרער ווי פאַרמולירטע ווערטער; פאַר אייער אויער מוז קלינגען עפּעס ענלעכעס צו באַדויערן — באַדויערן פאַר די אַלטע צייטן — אין דעם וואָס

כ׳האָב נאָר וואָס געזאָגט. און וואָלט דען דאָס געווען אַ ווונדער, ווען ס׳זאָל אַזוי זיין? אַן אָרעמער סאָלדאַט פונעם גורל וואָס איז געשטעלט געוואָרן צו דער אַרבעט פון אַ מאַן ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ רעקרוט ביז אַ יונגן וועטעראַן אין יענער גרויסער, ביטער־קעמפנדער, אומרויִקער פּיאָנערן־אַרמיי פון זשורנאַליסטן; ער איז געוואָרן אַ מאַן מיט אַמאָל, וואָס וויל אויסגלייכן זיינע פאַרשטאַרצטע גלידער און זיי אויפלעבן אין דער וואַרעם פונעם היימישן קאַמין. וואָלטן זיינע פיס נישט אָנגעהויבן צו ציטערן פונעם דורכגעמאַכטן וועג, וואָלט ער נישט וויל געוואָרן צו דערפילן ווידער אַמאָל דעם רעגן אויף זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים? וואָלט איר עס געהאַלטן פאַר מאָדנע ווען ביינאַכט זאָל עס אים וואַרפן אין זיין ווייסן, פּוכאָוון בעט, ווענדיק עס פאַרבייטן פאַר אַ קאָלדרע אויפן פעלד, מיט אַ גרויסער פּראָצעסיע שטראַלנדע וועלטן איבערן קאָפּ, אין בלויען רוים פון דער נאַכט? און ווען אַפילו דאָס ליבע געזיכט אויפן קישן לעבן אים זאָל אויפוואַכן און קוקן אויף אים מיט אַ פאָרוווּרף־מאַכנדיקער פאַרוווּנדערונג; און ווען אַפילו וואַרעמע אָרעמס וואָלטן אים צוריקגעצויגן צו זיין נייער פרייגדן; וואָלט דען נישט זיין האַרץ אין חלום זיך געצאַפּלט נאָכן ריטם פונעם פויק אָדער נאָך דער מוזיק פון לידער געזונגענע ביים פייער פון לאַגער?

ס׳איז אַזוי געווען אין אָנפאַנג, אין דעם אומגלויבלעכן גליק פון ערשטן יאָר, און אַפילו נאָכן קינדס געבורט. איך ווייס, ס׳זענען אַוועק מאָנאַטן איידער איך האָב געקענט אָננעמען דאָס קינד אַלס אַ פאַקט. ווען אין וואָסער נישט איז מאָמענט זאָל ער געווען פאַרשווונדן פון מיינע אויגן, מיטן וויגל אינגאַנצן, וואָלט איך זיך נישט געוווּנדערט. איך בין נישט זיכער געווען אין זיין עקסיסטענץ ביז ער האָט נישט אָנגעהויבן צו ווייזן זיין מוטערס אויגן.

יאָ, אַפילו אין יענע טעג האָט עפּעס פון מיין אַלט לעבן געווירקט אין מיר. איך האָב געהאַט מאָמענטן פון יענער אַלטער באַרבאַרישער פרייהייט פון וועלכער מיר האָבן געגאָסן — פילנדיק אַז מיר זענען אומפאַראַנטוואָרטלעך פאַר קיינעם אין דער וועלט אויסער דעם אייגענעם ווילן — דאָס געפיל פון אומגעצוימטער, זאָרגלאָזער מאַכט.

געדענקט איר די נאַכט ווען מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט ביז זונען־אויפגאַנג? איר געדענקט ווי הייס ס׳איז געווען צוועלף אַזייגער, ווען מיר זענען אַרויס פון דער ביוראָ? און ווי די לבנה־שיין אויף דער סטאַטוע פון שטאָט־פּאַלאַץ האָט גלייך ווי אונדז איינגעלאַדן אין פעלד אַריין, ווו ס׳האָט נישט געשיינט קיין גאַז־ליכט און קיין פאַקעלן האָבן נישט געפלאַקערט. און אַזוי זענען מיר געגאַנגען פּאַמעלעך צו צפון, דורך די טונקעלע, שטילע, שטאָטישע גאַסן; דורך יענער פיבערדיקער, אומרויִקער צענטראַלער געגנט, וואָס ליגט צווישן דער ווערטלאָזיקייט פון דער הוסטאַן־גאַס אין דער רויִקער און רחבותדיקער ווירדיקייט פון טונקל־שטיינערנע וועגן, ווו די פאַרשלאָסענע און טונקעלע דירות האָבן אויסגעזען ווי גרויסע קברים

אין בלאַסן שיין פון דער לבנה. מיר זענען דורכגעגאַנגען די פאַרשטעטישע הייזלעך; מיר זענען דורכגעגאַנגען די מיט גערטנער אַרומגערינגלטע ווילעס, און פונעם בערגל וואָס שטייט אויף ספּאיטן דעיוויל איז עס געווען, פון וואַנען מיר האָבן דערזען דעם ערשטן שטראַל פונעם פרימאָרגן.

ס׳וואָלט ווייניק געווען געווירקט אין יענעם מאָמענט אונדז פּרוּוון אָפּצוהאַלטן פון צו שפּאַנען אויף דער רחבותדיקער ערד, אויס ריינער פרייד פון פרייען אַרומ־וואַנדערן. וואָס האָט געקענט צוריקהאַלטן? קיין פאַמיליען־בונד אָדער פאַרוואַנד־שאַפט. אַלץ וואָס מיר וואָלטן באַדאַרפט איבערלאָזן אויף דער וועלט. זענען געווען אייניקע ווערטלאָזע שרייבעכצן אויף עטלעכע בויגנס פּאַפּיר. און מיט זאַכן פון יענעם מין זענען אונדזערע ביידנס קעפּ געווען פול. איך רעכן אַז ס׳איז בלויז געווען אַ צופאַל וואָס אָנהייבנדיק יענעם שפּאַציר האָבן מיר נישט פאַרגעזעצט אונדזער גאַנג ביז ס׳זאָל אונדז אויסגיין די נשמה.

און אַזוי פלעגט יענער אַוואַנטוריסטישער גייסט מיך באַפאַלן פון צייט צו צייט. ס׳זענען געווען מאָמענטן ווען אויף אַ מינוט האָב איך פאַרגעסן אַז איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד. ס׳זענען געווען צייטן ווען כ׳האָב זיי געפילט ווי אַ משא. פאַר וואָס טאָר איך דאָס נישט זאָגן, עס איז די געשיכטע פון יעדן פאַרהייראַטן מאַן — ווייניקסטנס פון יעדן מענלעכן מאַן — און מעג ער אַפילו זיין פאַרהייראַט מיט דער בעסטער פרוי אין דער וועלט. דאָס מיינט נישט קיין מאַנגל אין ליבע. עס איז אומפאַרמיידלעך ווי דער ענטפער פון בלוט אין אייך אויפן רוף פון טראָמפּייט.

צוערשט האָב איך זיך געשראָקן און כ׳האָב געקעמפט קעגן דעם ווי קעגן עפּעס וואָס וואָלט געקענט אויסוואַקסן איבער מיר. איך האָב זיך אַליין פאַרגע־וואָרפן פאַרראַט אין געדאַנק. אך! וואָסערע נויט האָב איך געהאַט צו קעמפן? וואָסערע נויט האָב איך געהאַט צו צוימען יענע רעבעלישע געדאַנקען, ווען מיין ווייבס ליבע האָט געשאַפן יענעם וווּנדער, וואָס מאַכט פון צוויי גייסטער איינס?

וואָס איז עס די דאָזיקע פאַרייניקונג וואָס קומט צו אונדז אומגעריכט און בלייבט פאַר דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט אַן אומפאַרשטענדלעכע מיסטעריע? וואָס איז עס, וואָס מאַכט אונדזער אומפאַרהייראַטע ליבע אַזוי אומבאַדייטנד קינ־דיש? איר און איך, וועלכע ווייסן דאָס, ווייסן אַז ס׳איז נישט די איינפאַכע פרוכט פון אינטימיטעט און געוווינהייט, כאָטש אין איר וואַקסן גייט זי האַנט אין האַנט מיט די לעצטע. מיר ווייסן אַז אויף עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן אופן איז געגעבן געוואָרן דעם מאַן צו פאַרשטיין אַ פרויס נשמה ווי ער פאַרשטייט זיין אייגענע, און דער פרוי — אַריינצוקוקן אין אַ מאַנס האַרץ ווי ווען ס׳זאָל זיין איר אייגנס. אָבער דער פריינט וואָס זיצט ביי מיין טיש, זעענדיק אַז מיין ווייב און איך פאַר־שטייען זיך איינס ס׳אַנדערע אויפן ווונק, ווייסט נישט מער ווי פון דער אינטעלי־גענץ פונעם בליק צווישן באַנטע פריינט, וואָס פאַרנעמט אָפּט דעם פּלאַץ פון אַ געשפּרעך. ער טרוימט קיין מאָל נישט פונעם זיסן פאַרגעניגן מיט וועלכן מיר

רעדן זיך צונויף איינער מיטן אַנדערן אין אַ שפּראַך וואָס ער קען נישט פאַרשטיין — וואָס ער קען נישט הערן — אַ שפּראַך וואָס האָט נישט קיין פאָרמולירטע ווער־טער — ווו איין געפיל ענטפערט דעם צווייטן.

איז עס נישט וווּנדערלעך וואָס איך וויל געבן אַן אויסדרוק מיין דאַנקבאַרקייט מיט וועלכער איך האָב געזען מיין לעבן אַזוי בלײַען — מיין דאַנקבאַרקייט פאַר דער ליבע, וועלכע האָט מיך געמאַכט נישט בלויז גליקלעך, נאָר, אַזוי גלייב איך באַשיידן, אויך קלוגער און פאַר אַ בעסערן מענטשן. אָבער איך קען צו גוט די הילפסלאָזיקייט ווען מ׳וויל פּרוּוון געפינען ווערטער צו באַשרייבן וואָס, ווען וואָלט איך אַפילו געווען אַ דיכטער, וואָלט מיין בעסט געזאַנג געווען דאָס שוואַכסטע ווידער־קול פון דעם.

מיר האָט אויסגעדאַכט אַז איך האָב יעצט געהערט אַ גערויש הינטער מיר. באַלד וועט מיין פרוי אַריין שטיל אין צימער, און שטיל וועט זי צוגיין ווו איך זיץ, טרעטנדיק שטיל איבער אייער בערנפעל, און זי וועט אַרויפלייגן איין האַנט אויף מיין לינקן אַקסל, בעת די אַנדערע וועט זיך אַראָפּגליטשן איבער דער מיט וועלכער איך שרייב, ביז זי פאַלט און פאַרמאַכט לייכט און מיט ליבלעכער קראַפט מיין האַנט, וואָס האַלט די פען, און איך וועל זאָגן: „בלויז די לעצטע ווערטער צו ווילן און זיין פרוי, טייערע". און זי וועט אָפּלאָזן מיין האַנט, און זי וועט אויפהייבן אירע צו צערטלען די גרויע האָר אויף מיינע שלייפן; ס׳איז אַ געוווינ־הייט וואָס זי האָט גלייך ווי ס׳וואָלט דאָרט געווען אַ נעבעכדיקער שראַם, און זי וועט זאָגן: „גריס זיי ליבלעך אין מיין נאָמען און שרייב, זיי זאָלן אומבאַדינגט קומען אויף יום־טוב. איך וויל זיי דערציילן ווי אונדזער ווילי איז אויסגעוואַקסן". און ווען זי זאָגט „אונדזער ווילי", פאַרמאַכט זי אינסטינקטיוו די האַנט אויף מיין אַקסל, קלאַ־מערנדיק זיך אין מיר; און זי וועט אָנבייגן איר קאָפּ און אָנשטעלן איר פּנים קעגן מיינעם, און איך וועל זיך אויסדרייען און איר אַריינקוקן אין די אויגן.

זייט געדולדיק צו מיר, מיין טייערער וויל, ביז איך וועל האָבן געזאָגט פאַר וואָס איך האָב געשריבן דעם דאָזיקן בריוו און וואָס ער באַדייט. איך האָב פאַר־באַהאַלטן איין זאַך פאַר אייך און אין פאַרלויף פון די לעצטע זעקס מאָנאַטן. איך לייד פון אַ האַרץ־פעלער, און דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען שטאַרבן אין יעדן מאָמענט. עפּעס אַזוי, פיל איך — איך ווייס אַז דער מאָמענט איז נאָענט; איך וועל באַלד גיין צו יענעם שמאָלן בעטל, וואָס שטייט רעכטס ביי דער טיר, און איך גלייב נישט כ׳זאָל מאָרגן אויפשטיין מיט דער זון אין מיינע אויגן, צו באַקוקן דאָס צימער און צו זען אַז דער חבר איז אַוועק.

וויל איך בין אין אַלטן צימער, וויל, ווי איר ווייסט, און ס׳זענען נישט אַוועק קיין צען יאָר זינט איר זענט אַוועק — בלויז צוויי טעג. דאָס בילד וואָס האָט מיר אויסגעזען רעאַל, ווען איך האָב געשריבן די דאָזיקע בלעטלעך וועפּט זיך אויס, און די קליינע גאַז־לעמפּלעך טוקן זיך און פאַרזינקען ווי תמיד אין די

פרימאָרגן־שעהן. איך הער דעם געדודער פון דער לעצטער האַרלעם־באַן, ווי זי פייפט און גייט אָפּ, און דאָס שאַרפע קלינגען פון די וואָגן־גלעקער צערייסט די שטילקייט. דער ווינט וואָיעט אין קוימען און בלאָזט אַריין גרויע אַש אין קאַמין. איך האָב נאָר וואָס פאַרברענט מיינע פּאַפּירן און די דראַמע,ביידע שופלאָדן זענען ליידיק איצט; און גאָר באַלד וועלן ביידע ליידיקע בענקלעך קוקן איינס צום אַנדערן איבערן נאַקעטן טיש. וואָס פאַר אַ ווילדן חלום האָב איך געחלומט אין דער דאָזיקער פוסטקייט! ערשט איצט, האָב איך באמת געקלערט, אַז ס׳איז אַ ווירק־לעכקייט. איך האָב געגלויבט אַז איך האָב געהערט אַ פרויס טריט הינטער מיר, און איך האָב זיך אויסגעדרייט.

זייט געזונט, וויל, געבענטשט מיט גרויסער ליבע, איך גיי שלאָפן. אפשר וועל איך הערן יענעם צאַרטן טריט ערב טאָג, און די בלאַסע ליכט וועט אַריינשיינען דורכן צעבראָכענעם לאָדן, און עס וועט נעמען אַן ענדע פון דער לאַנגער עלנטקייט.

נאָך דעם ווי איך וועל זיין טויט, וויל איך איר זאָלט נישט טראַכטן וועגן מיר ווי איך בין געווען, נאָר ווי איך וואָלט באַדאַרפט זיין. איך האָב געפּרוווט אייך דערציילן ווי איך האָב געפירט לעבן אייך אַ גליקלעך און העכער לעבן פון האָפענונג און שטרעבן ווי דאָס וואָס איר האָט געזען. איך האָב געפּרוווט איבערלאָזן אין אייער זכרון אַ בילד פון מיר פון וועלכן איר וועט זיך נישט אָפּזאָגן עס צו דער־מאָנען, ווען איר וועט האָבן אַ רויִקע שעה און צייט צו טראַכטן פונעם פריינט, וועמען איר האָט גוט געקענט; אָבער וועמען איך קענט, מעגלעך, איצט בעסער ווען ער איז טויט.
רעזשינאַלד באַרקליי.

— 2 —

דער צייטונגס - אַרטיקל

(פון „ניו־יאָרק העראַלד“ פון נאָוו׳ 18, 1883)

רעזשינאַלד באַרקליי, אַ זשורנאַליסט, איז געפונען געוואָרן טויט אין זיין בעט, אין זיין צימער וואָס געפינט זיך אויף דער גאַס הייליקער מאַרקוס, נומער 15, נעכטן אין דער פרי. קיין אויספאָרשונג איז נישט געמאַכט געוואָרן, ווייל, ווי ס׳איז באַוווסט, האָט דער ה׳ באַרקליי געליטן פון אַ האַרץ־פעלער און זיין טויט איז געקומען אומדערוואַרטעט. דער פאַרשטאָרבענער איז געקומען פון אָניידאַ־פּראָווינץ, און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ יונגן און פעיִקן זשורנאַליסט, וואָס גיט גרויסע האָפענונגען. עטלעכע יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פונעם „זשורנאַל“ און איז געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון פאַרשידענע צייטונגען פון אַנדערע שטעט. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין מאָנאַטלעכע זשורנאַלן מיט לידער און קורצע געשיכטעס וועלכע האָבן געצייגט דאָס פאַרמאָגן, אין אַ געוויסער מאָס, פון פאָרשטעלונגס־קראַפט. ה׳ באַרקליי איז אַלט געווען ביי אַ דרייסיק יאָר און איז געווען אומפאַרהייראַט.

שערוווד אַנדערסאָן

(געבוירן אין יאָר 1876 — געשטאָרבן אין יאָר 1941)

דער נ. אַמעריקאַנער באַדייטנדיקער שריפט־שטעלער, שערוווד אַנדערסאָן, איז געבוירן געוואָרן אין אָהייאָ אין 1876. פון דער עלטער פון 14 יאָר האָט ער געאַרבעט אויף די קרויט־פעלדער, אין שטאַלן פון גייעג־פערד און אין פאַבריקן. נאָך זיין מיליטער־דינסט, וועלכע איז אויסגעפאַלן אין דער צייט ווען עס איז פאָרגעקומען די מלחמה צווישן נ. אַמעריקע און שפּאַניע פאַר דער באַפרייונג פון קובאַ פון שפּאַנישן יאָך, (אין 1898) האָט אַנדערסאָן אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן פון ווידמענען זיך דער ליטעראַטור, אָבער ווייטער פון טראַכטן איז דאָס נישט געגאַנגען.

עס האָבן נאָך באַדאַרפט אַריבער אַ פּאָרצענדליק יאָר ביז ליטעראַטור איז געוואָרן זיין לעבנס־דרך און באַרוף. ער האָט געהייראַט, איז געוואָרן דערפאָלגרייכער פאַרוואַלטער פון אַ פאַרבן־פאַבריק. ביז איין מאָל אין אַ טאָג האָט ער דראַמאַטיש דערפילט, אַז ער „שטעקט אין רוטין", האָט ער איבערגעלאָזט זיין פאַבריק און זיין פאַמיליע און איז אַוועק קיין שיקאַגאָ, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיטן פאָעט קאַרל סענדבורג, בען העכט און אַנדערע, וועלכע האָבן אים סטימולירט אָנשטאָט צו פאַבריצירן פשוטע פאַרבן אַרייַנברענגען פאַרבן און קאָלאָריט אין דער מאָדערנער נאָרד אַמעריקאַנער ליטעראַטור. אונטער דער ווירקונג פון די דערמאָנטע האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע נאָוועלע וועגן דעם לעבן פון אַ ייִנגל אין אייאָווא (1916). דאַן איז דערשינען זיין ווערק „מארטשינג מען", שילדערנדיק די עקספּלאָטאַציע פון די קוילן־גרעבער פון פענסילוואַניע.

זיין בעסטע באַקאַנט ווערק, „ווינעסבורג, אָהייאָ", איז דערשינען אין 1919, און האָט נישט נאָר געהאַט אַ ווירקונג אויפן לעבן פונעם מחבר גופא, נייערט האָט געענדערט דעם גאַנג און ריכטונג פון דער נאָרד אַמעריקאַנער שיינער ליטעראַטור.

העמינגוועי, פאָלקנער, וואָלף און אַנדערע זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון שערוווד אַנדערסאָן.

אין 1920 איז דערשינען שערוווד אַנדערסאָנס מערקווירדיק ווערק „די אָרעמע ווייסע", אַ קונסט־ווערק, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט מייסטערהאַפט ווי אַזוי די מאַשין און די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, בכלל, מאַכט

חרוב די נשמה פון אַ שטאָט. דאָס דאָזיקע ווערק איז, אגב, זיינער צייט איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש פונעם רעדאַקטאָר פון דער אַנטאָלאָגיע אונטערן טיטל „נעבעך די ווייסע”.

שערוווד אַנדערסאָן האָט פיל געוואַנדערט, פיל געזען און טיף געפילט און מיטגעפילט זיינע מיטמענטשן אין די 65 יאָר וואָס ער האָט געלעבט אויף דעם עולם.

אַלס מוסטער פון דעם מייסטערס קרעפטיקן און טיף־מענטשלעכן טאַלענט קען דינען פאָלגנדיקע פראַכטפולע, טרויעריקע און ערשטקלאַסיקע דערציילונג.

טויט אין די וועלדער

— 1 —

זי איז געווען אַן אַלטע פרוי און האָט געלעבט אויף אַ פאַרם נישט ווייט פון שטאָט, ווו איך האָב געלעבט. אַלע דאָרפסלייט און קליינשטעטלדיקע האָבן געזען אַזעלכע אַלטע פרויען, אָבער קיינער ווייסט נישט קיין סך וועגן זיי. אַזאַ אַלטע פרוי קומט צו פאָרן אין שטאָט אָנטרייבנדיק אַן אַלט פערד, אָדער צו פוס מיט אַ קויש אויפן אָרעם. זי קען אַ מאָל האָבן עטלעכע הינער און אייער צו פאַרקויפן. זי ברענגט זיי אין אַ קיישל און טראָגט זיי אַוועק צום קלייטניק. זי באַקומט פאַר זיי חזיר־פלייש און פאַסאָליעס; אַ פונט אָדער צוויי צוקער און אַ ביסל מעל.

נאָך דעם גייט זי אַוועק צום קצב און בעט אויס אַ שטיקל פלייש פאַרן הונט. זי קויפט אַ מאָל עפּעס פאַר צען אָדער פופצן סענט, אָבער דאַן בעט זי צולאָג. אין מיינע צייטן פלעגן די קצבים טיילן לעבער יעדן, וואָס האָט נאָר געוואָלט נעמען. אונדזער פאַמיליע פלעגט שטענדיק באַקומען. איין מאָל האָט מיינער אַ ברודער געבראַכט אַ גאַנצן לעבער פון אַ קו פון אַ יאַטקע, וואָס איז געשטאַנען לעבן מאַרק. מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל לעבער, אַז עס איז שוין געגאַנגען צוריק. ס'האָט קיין מאָל קיין סענט נישט געקאָסט. זינט דאַן האָב איך פיינט באַקומען דאָס וואָרט לעבער.

די אַלטע האָט באַקומען אַ שטיקל לעבער און אַ מאַרך־ביין. זי האָט קיין מאָל קיינעם נישט געמאַכט קיין וויזיטן, און קוים זי האָט איינגעהאַנדלט וואָס זי האָט באַדאַרפט, האָט זי זיך געלאָזט צוריק אַהיים. ס'איז געווען אַ היפּשע משא פאַר אַזאַ אַלטן קערפּער. קיינער האָט איר נישט געהאָלפן. מענטשן שמייסן דורך געווינלעך דעם שליאַך און באַמערקן קיין מאָל נישט אַזאַ אַלטע.

איינע אַזאַ אַלטע פלעגט קומען אין שטאָט אַריין, פאַרבייגייענדיק אונדזער דירה אין דער צייט פון אַ זומער און אַ האַרבסט, ווען איך בין קראַנק געווען אויף רעוומאַטיזם־אָנצינדונג. זי איז שפּעט אַהיימגעגאַנגען טראָגנדיק אַ שווערן פּאַק אויף די פלייצעס. צוויי אָדער דריי הינט זענען איר נאָכגעגאַנגען.

אויף דער אַלטער איז גאָרנישט געווען צו זען אויסערגעוויינלעכס. זי איז געווען איינע פון יענע אַנאָנימע ברואים וועמען קיינער קען כמעט נישט, אָבער זי איז מיר עפּעס אַריין אין זכרון. איך האָב ערשט אַצינד, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פּלוצלינג זיך דערמאָנט אין איר און וואָס מיט איר איז געשען. ס'איז אין דעם אַ גאַנצע מעשה. זי האָט, דאַכט מיר, געהייסן גריים און האָט געוווינט מיט איר מאַן און זון אין אַ קליינער נישט אָפּגעווייסטער הייזקע אויפן ברעג פון אַ קליין טייכל אַ פיר מייל פון שטאָט.

דער מאַן און זון זענען געווען אַ געמיין פּאָרל. כאָטש דער זון איז אַלט געווען בלויז אַ יאָר איין־און־צוואַנציק, איז ער שוין געהאַט געזעסן אין תּפיסה. מ'האָט זיך געשושקעט, אַז דער פרויס מאַן האָט געגנבעט פערד און האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער פּראָווינץ. פון צייט צו צייט, ווען עס איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ פערד, איז דער מאַן אויך פאַרשוווּנדן. קיינער האָט אים קיין מאָל נישט געכאַפּט. איין מאָל, ווען איך האָב זיך געפונען אין טאָם ווייטהעדס פערד־שטאַל, איז אַהין אַריינגעקומען דער מאַן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. צוויי אָדער דריי אַנדערע מענער זענען דאָרט געווען, אָבער קיינער פון זיי האָט צו אים נישט גערעדט. ער איז געזעסן אַ פּאָר מינוט און נאָכהער האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן. אין זיינע אויגן האָט זיך געמערקט אַ בליק פון אַרויספאָדערונג.

— מילא, נו, איך האָב געפּרוּווט זיין פריינטלעך. איר האָט נישט געוואָלט מיט מיר רעדן. דאָס זעלבע האָט מיר פּאַסירט אומעטום וווהין איך בין געקומען אין דער דאָזיקער שטאָט. נו, און אויב אַ מאָל וועט איך פעלן איינס פון אייערע פיינע פערדלעך, וועט איר דאַן רעדן?

ער האָט פאַקטיש גאָרנישט געזאָגט.

— איך וואָלט גערן יעדן פון אייך אַריינגעפּאָרן אין די ציין — האָבן זיינע אויגן געזאָגט. איך דערמאָן זיך ווי דער בליק אין זיינע אויגן האָט מיך אויפגעשוידערט.

דער אַלטער האָט געהערט צו אַ פאַמיליע, וואָס האָט אַמאָל געהאַט געלט. געהייסן האָט ער גריימס, דזשעיק גריימס. איך דערמאָן זיך אַלץ קלאָר אַצינד. זיין פאָטער, דזשאָן גריימס, האָט פאַרמאָגט אַ זעג־מיל, ווען דאָס לאַנד איז געווען ביי אָן ער האָט געמאַכט געלט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן טרינקען און זיך יאָגן נאָך פרויען, ווען ער איז געשטאָרבן האָט ער קיין סך נישט איבערגעלאָזט.

דזשעיק האָט אַ תכלית געמאַכט פונעם איבעריקן. זייער שנעל איז נישט געבליבן קיין געהילץ צום שניידן און זיין פעלד איז כמעט אין גאַנצן פאַרשאַכערט געוואָרן.

זיין פרוי האָט ער באַקומען ביי אַ דייטשן פאַרמער, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט ביים ווייץ־שניט אין אַ יוני־טאָג. זי איז געווען אַ יונג קינד דאַן און דערשראָקן

צום טויט. דער פּאַרמער, פאַרשטייט איר, איז עפּעס געווען אַ צו נאָנטער שמעלקע מיטן מיידל — זי איז געווען אַ פריילעך מיידל, און זיין ווייב האָט זיך געהאַט אירע חשדים. ווען דער מאַן איז נישט געווען אין דער היים, האָט זי אויסגעלאָזט דאָס האַרץ צום מיידל. דאַן ווען דאָס ווייב איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן, האָט זיך דער פּאַרמער צו איר געטשעפּעט. דאָס מיידל האָט דערציילט דעם יונגן דזשעיק אַז אין דער אמתן איז גאָרנישט פאָרגעקומען צווישן איר און דעם פּאַרמער. אָבער ער האָט נישט געוווסט צי ער זאָל איר גלייבן אָדער נישט.

ער האָט זי לייכט דעראָבערט ביים ערשטן מאָל, וואָס ער איז מיט איר אַרויס אויף אַ שפּאַציר. ער וואָלט מיט איר נישט געווען חתונה געהאַט, ווען דער דייטשער פּאַרמער זאָל נישט געווען אים הייסן זיך פּאַרנעמען. ער איז מיט איר אַ מאָל אין אַ נאַכט, ווען ער האָט דאָרט געדראָשן, אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין זיין פערד און וועגעלע, און נאָך דעם איז ער דעם נעקסטן זונטיק אוונט געקומען נאָך איר.

איר האָט זיך איינגעגעבן אַרויס פון שטוב, אַז דער באַלעבאָס זאָל נישט זען. אָבער ווען זי האָט געהאַלטן ביים אַריינקריכן אין וועגעלע, איז ער אויסגעוואַקסן. עס איז געווען כמעט פינצטער, און ער איז פּלוצלינג ווי פון דער ערד אַרויסגע־שפּרונגען לעבן פערדס קאָפּ. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד ביים ציימל און דזשעיק האָט אַרויסגעכאַפּט זיין בייטש.

זיי האָבן פאַרפירט אַ געשלעג. דער דייטש איז געווען אַ ביטערער פאַרשוין. מעגלעך אַז ס׳האָט אים נישט געאַרט אויב זיין ווייב וועט זיך דערוויסן. דזשעיק האָט אים דערלאַנגט איבערן פּנים און די פּלייצעס מיט דער בייטש, אָבער דאָס פערד האָט אָנגעהויבן בריקען און ער האָט געמוזט אַראָפּ אויף דער ערד.

דאַן האָבן זייביידע זיך גענומען שלאָגן. דאָס מיידל האָט עס נישט געזען. דאָס פערד איז זיך צעלאָפן און איז אָפּגעלאָפן כמעט אַ מייל איידער דאָס מיידל האָט עס געקענט אָפּשטעלן. דאַן האָט זי עס צוגעבונדן צו אַ בוים ביים שליאַך. (איך חידוש זיך ווי אַזוי איך וויים דאָס אַלץ. דאָס האָט מיר געמוזט פאַרבלייבן אין זכרון פון די קליינשטעטלדיקע מעשיות וואָס כ׳האָב געהערט, ווען איך בין געווען אַ יינגל). דזשעיק האָט זי אויסגעזוכט נאָך דעם ווי ער האָט זיך ספּראַוועט מיטן דייטש. זי איז געזעסן אויפגעדרייט אין וועגעלע, אַ דערשראָקענע צום טויט, און האָט געוויינט. זי האָט אים דערציילט אַ סך מעשיות, ווי אַזוי דער דייטש האָט זיך גע־וואָלט נעמען צו איר, ווי אַזוי ער האָט זי איין מאָל פאַריאָגט אין שפּייכלער, ווי אַזוי אַן אַנדערש מאָל, ווען זיי זענען ביידע געווען אַליין אין שפּייכלער האָט ער אויף איר צעריסן דאָס גאַנצע קליידל. דער דייטש, האָט זי געזאָגט, וואָלט איר יענץ מאָל געווען באַזיגט, ווען ער זאָל נישט פּונקט אין יענעם מאָמענט געווען דערהערן אָנקומען זיין ווייב. זי האָט זיך אומגעקערט פון איינקויפן אין שטאָט און זי האָט געדאַרפט אַריינפירן דאָס פערד אין שטאַל. דער דייטש האָט זיך אָפּ־געטראָגן צו די פעלדער און זיין ווייב האָט אים נישט געזען. ער האָט געזאָגט דעם

מיידל, אַז ער וועט זי דערהרגענען אויב זי וועט אויסזאָגן. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט געזאָגט אַ ליגן, אַז זי האָט פאַרטשעפּעט דאָס קליידל ביים פאַרמישן עסן פאַר די בהמות. איך דערמאָן זיך אַצינד, אַז זי איז געווען אַ פריילעך מיידל און האָט נישט געוווּסט ווו איר טאַטע־מאַמע זענען. מעגלעך אַז זי האָט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין טאַטן. איר ווייסט וואָס איך מיין.

— 2 —

זי האָט חתונה געהאַט מיט דזשעיקן און האָט געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער, אָבער די טאָכטער איז געשטאָרבן.

דאַן האָט זי זיך פאַרנומען מיט האָדעווען בהמות. דאָס איז געווען איר אַר־בעט, ווען זי האָט מיידלוויז געאַרבעט ביים דייטש, האָט זי געקאָכט עסן פאַרן דייטש מיט זיין ווייב. דאָס ווייב איז געווען אַ קרעפטיקע פרוי מיט גרויסע היפּטן און האָט אַממערסטנס געאַרבעט מיט איר מאַן אין פעלד. זי האָט זיי געשפּייזט, געשפּייזט די קי אין שטאַל, די חזירים, די פערד און עופות. יעדער מאָמענט פון יעדן טאָג פון איר מיידלש לעבן איז אַוועק אין שפּייזן עמעצן.

שפּעטער האָט זי געהייראַט דזשעיק גריימס און האָט אים באַדאַרפט שפּייזן. זי איז געווען אַ שוואַכע בריאה, און דריי אָדער פיר יאָר נאָך דער חתונה, נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן צווי קינדער, איז איר שלאַנקע פּלייצע געוואָרן איינגעהויקערט.

דזשעיק האָט שטענדיק געהאַט אַ מחנה גרויסע הינט אַרום דער שטוב, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער פוסטער זעג־מיל נישט ווייט פונעם טייכל. ער האָט שטענדיק געהאַנדלט מיט פערד, ווען ער האָט נישט געגנבעט. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע מחנה אויסגעטריקנטע אָרעמע פערד אַרום זיך. ער האָט אויך פאַרמאָגט דריי אָדער פיר חזירים מיט אַ קו. זיי האָבן זיך אַלע געפּאַשעט אויף די געציילטע עטלעכע העקטאַר לאַנד, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן פון דער גריימס נחלה און דזשעיק האָט ווייניק געהאַט וואָס צו טאָן.

ער האָט זיך פאַרשולדיקט ביים קויפן אַ דרעש־מאַשין, און האָט זי געהאַלטן עטלעכע יאָר. אָבער עס האָט זיך נישט באַצאָלט. מענטשן האָבן אים נישט געטרויט. מ'האָט מורא געהאַט ער זאָל ביינאַכט נישט צוגנבענען די תבואה. ער האָט געמוזט פאָרן זייער ווייט צו באַקומען אַרבעט, און עס האָט געקאָסט צו טייער אַהין צו קומען. ווינטער פלעגט ער גיין אויף יאַגד און האָט אָנגעהאַקט אַ ביסל האָלץ, וואָס ער פלעגט פאַרקויפן אין אַ נאָענטער שטאָט. ווען דאָס יינגל איז אויסגעוואָקסן, איז ער געווען פונקט ווי זיין פאָטער. זיי פלעגן זיך ביידע איינאַיינעם אָנשיכורן. אויב ס'איז גאָרנישט געווען וואָס צו עסן אין שטוב, ווען זיי זענען אַהיימגעקומען, האָט דער מאַן דערלאַנגט דער אַלטער אַ שנייד איבערן קאָפּ. זי האָט פאַרמאָגט עטלעכע הינדלעך, האָט זי גלייך געמוזט איינס קוילענען. ווען מ'וועט אַלע אויסקוילענען,

וועט זי מער נישט האָבן קיין אייער אַרויסצופּירן אין שטאָט אַריין, און דאַן וואָס וועט זי טאָן

זי האָט אַ גאַנץ לעבן געדאַרפט טראַכטן ווי אַזוי אַלעמען אָנצוהאָדעווען. צו האָדעווען די חזירים, וועלן זיי פעט ווערן און מ׳וועט זיי קענען קוילען אין האַרבסט. נאָך דעם ווי מ׳האָט זיי געקוילעט, האָט דער מאַן צוגענומען די גרעסטע טייל פלייש אין שטאָט אַריין און האָט עס דאָרט פאַרקויפט. אויב ער האָט זיך נישט מקדים געווען דאָס צו טאָן, האָט עס געטאָן דאָס יינגל. טייל מאָל האָבן זיי זיך געשלאָגן. און ווען זיי פלעגן זיך שלאָגן, איז די אַלטע געשטאַנען ביי דער זייט און האָט געציטערט.

זי האָט זיך צוגעוווינט צו שווייגן וואָס עס זאָל נישט געשען — דאָס איז געווען באַשלאָסן. טייל מאָל, ווען זי האָט אָנגעהויבן אויסזען אַלט — זי איז נאָך קיין פערציק נישט אַלט געווען — און איר מאַן און זון זענען נישט געווען אין דער היים, האַנדלענדיק מיט פערד, שיכורנדיק, אויף יאַגד אָדער פאַרנעמענדיק זיך מיט גנבה, איז זי אַרומגעגאַנגען איבערן הויז און הויף און געמורמלט צו זיך אַליין.

ווי אַזוי וועט זי אַלעמען קענען שפּייזן? — דאָס איז געווען איר פּראָבלעם. די הינט האָט מען געמוזט שפּייזן. קיין היי איז נישט געווען אין שפּייכלער פאַר דער קו און פאַר די פערד. אויב זי וועט נישט געבן קיין עסן די עופות, וועלן זיי דאָך נישט לייגן קיין אייער. און אויב זי וועט נישט האָבן צו פאַרקויפן קיין אייער, ווי אַזוי־זשע וועט זי קענען איינקויפן זאַכן אין שטאָט? זאַכן וואָס זי האָט נייטיק צו דערהאַלטן דאָס לעבן פון פאַרם. דאַנקען גאָט וואָס זי האָט כמעט נישט געדאַרפט, אין אַ געוויסער מאָס, אויסהאַלטן דעם מאַן. דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן נאָך זייער חתונה און נאָך דעם ווי די קינדער זענען געבוירן געוואָרן. וווהין ער פלעגט אַהינקומען אויף זיינע לאַנגע רייזעס האָט זי נישט געוווּסט. טייל מאָל פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן פון דער היים אויף גאַנצע וואָכן, און נאָך דעם ווי דאָס יינגל איז אונטערגעוואַקסן, פלעגן זיי ביידע אַוועק צוזאַמען.

אין דער היים האָבן זיי אַלץ געלאָזט אויף איר און זי האָט נישט געהאַט קיין געלט. זי האָט קיינעם נישט געקענט. קיינער האָט צו איר נישט גערעדט אין שטאָט. ווען ס׳איז געקומען דער ווינטער האָט זי געמוזט קלייבן שפּענדלעך צו מאַכן פייער, און האָדעווען די בהמות מיט זייער ווייניק תבואה.

די בהמות אין שטאַל האָבן צו איר גערופן הונגעריקע. די הינט זענען איר נאָכגעגאַנגען. ווינטער האָבן די הינער געלייגט זייער ווייניק אייער. זיי האָבן זיך געטוליעט אין די ווינקלען פונעם שפּייכלער און זי האָט אויף זיי געהאַלטן אַן אויג. אויב אַ הון לייגט אום ווינטער אַן איי אינעם שפּייכלער און איר געפינט עס נישט, ווערט עס פאַרפרוירן און שפּאַלט זיך.

אין איין ווינטער טאָג איז די אַלטע אַוועק אין שטאָט אַריין מיט עטלעכע אייער און די הינט זענען איר נאָכגעגאַנגען. זי איז נישט אַרויס ביז כמעט דריי

אַזייגער און דער שניי איז געווען אַ געדיכטער. זי האָט זיך נישט געפילט זייער גוט אין משך פון עטלעכע טעג, איז זי אַרומגעגאַנגען און האָט געוואָרטשעט, אַרעם געקליידט, די פּלייצע איינגעהויקערט. זי האָט גענומען אַן אַלטן תּבואה־זאַק אין וועלכן זי האָט אַריינגעלייגט טיף אונטן די אייער. קיין סך אייער האָט זי נישט געהאַט. אָבער ווינטער איז דער פּרייז אויף אייער אַ הויכער. זי וועט באַקומען פלייש פאַר די אייער, אַ ביסל געזאַלצן חזיר־פלייש, אַ ביסל צוקער און מעג־לעך אויך אַ ביסל קאַווע. אפשר וועט דער קצב איר שענקען אַ שטיקל לעבער און פלייש פאַר די הינט.

ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנגער צייט וואָס עמיצער האָט צו איר גערעדט פריינטלעך. דער קצב איז געווען אַליין אין יאַטקע ווען זי איז אַהין אַריין און ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן ווען ער האָט דערזען אַזאַ אַלטע פרוי פון קרענקלעכן אויסזען אַרויסגיין אין אַזאַ טאָג. עס איז געווען אַ ביטערע קעלט און דער שניי, וואָס האָט בייטאָג אויפגעהערט, האָט איצטער ווידער געשאָטן. דער קצב האָט עפּעס געזאָגט וועגן איר מאַן און איר זון, האָט זיי געשאָלטן, און די אַלטע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק פון דערשטוינונג. ער האָט גע־זאָגט, אַז אויב איר מאַן אָדער זון וועלן פאַרזוכן פון דער לעבער אָדער פון די שווערע מאַרך ביינער און דעם פלייש אויף זיי וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זאַק, זאָלן זיי זיך בעסער דערוואַרגן.

וואָס, דערוואַרגן? ניין, מ'מוז אַלעמען געבן עסן. מענטשן דאַרף מען געבן עסן, די פערד וועלכע ברענגען איצט קיין נוצן נישט, אָבער וועלכע מ'וואָלט געקענט פאַרקויפן, דאַרפן אויך עסן, און די אָרעמע מאָגערע קו וואָס האָט נישט געגעבן קיין מילך שוין דריי חודשים.

פערד, קי, חזירים, הינט, מענטשן.

— 3 —

די אַלטע האָט געמוזט זיך לאָזן צוריק אַהיים איידער ס'ווערט פינצטער. די הינט זענען איר נאָכגעגאַנגען, שמעקנדיק צום שווערן זאַק אויף אירע פּלייצעס. ווען זי איז צוגעקומען צום עק שטאָט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פּלויט און האָט אַרומגעבונדן דעם זאַק אויף די פּלייצעס מיט אַ שטריק וואָס זי האָט געטראָגן אין איר קעשענע פאַר דעם צוועק. אַזוי וועט זיין לייכטער צו טראָגן. די הענט האָבן איר וויי געטאָן. עס איז איר שווער געווען ווען זי האָט געמוזט אַריבערקריכן פּלויטן, און איין מאָל איז זי אַראָפּגעפאַלן אין שניי. די הינט זענען אַרום איר אַרומגעשפּרונגען. זי האָט זיך לאַנג געראַנגלט איידער זי האָט זיך ווידער געקענט אויפהייבן, אָבער זי האָט זיך אויפגעהויבן. דאָס קלעטערן איבער פּלויטן איז געווען אַן אופן ווי אַזוי צו פאַרקירצן דעם וועג איבער אַ באַרג און דורך אַ וואַלד.

זי וואָלט געוווּן געקענט גיין מיטן שליאַך, אָבער דאַן וואָלט דער וועג געוווּן מיט א מייל וייטער. זי האָט מורא געהאַט אַז זי וועט עס נישט קענען באַווייזן. און, חוץ לזה, מוז מען דאָך די בהמות געבן עסן. עס איז געבליבן ווייניק היי, ווייניק פּאַפּשוייעס. אפשר וועלן דער מאַן מיטן זון עפּעס אַהיים ברענגען ווען זיי וועלן קומען. זיי זענען אַוועקגעפאָרן אין דעם איינציקן וועגעלע וואָס די פאַמיליע האָט פאַרמאָגט, אַ צעבראָכן וועגעלע, אַ שוואַך פערד צוגעטשעפּעט צום וועגעלע, צוויי אַנדערע שוואַכע פערד געשלעפּט ביי אַ שטריק.

זיי זענען געפאָרן פאַרקויפן פערד, פאַרדינען אַ ביסל געלט אויב ס'וועט זיך לאָזן. זיי קענען אַהיים קומען שיכור. עס וואָלט נישט געוווּן שלעכט צו האָבן עפּעס גרייט אין שטוב ווען זיי וועלן צוריק קומען.

דער זון האָט געהאַט ליבע־באַציִונגען מיט אַ פרוי אין דער דיסטריקט־שטאָט, וואָס מיט אַ פופצן מייל וייטער. דאָס איז געווען אַ שלעכטע פרוי, אַן אויסגעלאַסענע. איין מאָל, זומער־צייט, האָט דער זון איר געבראַכט אַהיים. אָבער זי און דער זון האָבן געשיכורט. דזשעיק גריימס איז נישט געוווּן אין דער היים און דער זון און זיין פרוי האָבן זיך געשאַפן מיט דער אַלטער גלייך ווי זי זאָל געווען זיין זייער דינסט. איר האָט עס נישט איבעריק געאַרט; זי איז געווען געוווינט דערצו. וואָס ס'זאָל נישט געווען געשען האָט זי קיין מאָל גאַרנישט געזאָגט. אַזאַ איז געווען איר שטייגער. זי האָט זיך דאָס אויסגעלערנט ווען זי איז געווען אַ יונג מיידל ביים דייטש און די גאַנצע צייט זינט זי האָט געהייראַט דזשעיקן. יענץ מאָל, ווען דער זון האָט געבראַכט די פרוי אין שטוב אַריין זענען זיי דאָרט פאַרבליבן אַ גאַנצע נאַכט, שלאָפנדיק צוזאַמען, גלייך זיי זאָלן געווען זיין פאַרהייראַט. דאָס האָט נישט שטאַרק איבערראַשט די אַלטע. שוין לאַנג, נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן, האָט זי זיך אָפּגעוווינט איבערראַשט צו ווערן.

מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס האָט זי זיך אין אַנגסטן געשלעפּט איבער אַן אָפּענעם פעלד, האָט געבראָדזשעט אין שניי און איז אַריין אין די וועלדער.

עס איז דאָרט געווען אַ וועג, אָבער עס איז שווער געווען צו גיין אויף דעם וועג. פונקט אויף יענער זייט באַרג, ווו דער וואַלד איז געווען געדיכטער, האָט זיך געפונען אַן אויסגעקאָרטשעטער פלאַץ. האָט עמעצער אַמאָל געטראַכט דאָרט אויסצובויען אַ הויז? דער פלאַץ איז געווען גענוג גרויס צו קענען אויפשטעלן אַ שטוב מיט אַ גאָרטן. דער וועג איז געלאָפן ביי דער זייט פון דעם פלאַץ און ווען זי איז אַהין צוגעקומען האָט די אַלטע זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אונטער אַ בוים.

עס איז געווען נאַריש. ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיטן פּאַק אָנגעשפּאַרט אין שטאַם פונעם בוים איז איר געוואָרן גוט, אָבער וואָס וועט זיין מיטן אויפהייבן זיך? אַ מאָמענט האָט איר געמוטשעט דער געדאַנק און דאַן האָט זי רויק פאַרמאַכט די אויגן.

זי האָט געמוזט אָפּשלאָפן אַ צייט. ווען אייך איז אַזוי קאַלט קען אייך שוין קעלטער נישט ווערן. דער בייטאָג איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער און דער שניי איז געפאַלן געדיכטער ווי פריִער. דאַן, אין אַ ווײַלע אַרום, האָט זיך דאָס וועטער אויסגעלייטערט. די לבנה האָט זיך אַפילו באַוויזן.

פיר גריימס־הינט זענען נאָכגעגאַנגען דער פרוי גריימס אין שטאָט אַרײַן. אַלע הויכע, דאַרע הינט. אַזעלכע מענטשן ווי דזשעיק גריימס מיט זיין זון האַלטן שטענדיק אַזעלכע הינט. זיי דערלאַנגען זיי יעדן שטויס מיטן פוס און באַהאַנדלען זיי שווידערלעך, אָבער זיי בלייבן. די גריימס־הינט האָבן געמוזט אַליין זאָרגן כדי צו דערהאַלטן אין זיך די נשמה און זיי האָבן דאָס געטאָן בעת די אַלטע מיט איר פלייצע אָנגעשפּאַרט אין בוים איז געשלאָפן. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך קראָליקעס אין די וועלדער און אין דערבייאיקע פעלדער.

שפּעטער זענען אַלע הינט צוריקגעקומען. זיי זענען עפּעס געווען אויפגערעגט. אַזעלכע קאַלטע און קלאָרע לבנה־נעכט ווירקן אויף הינט. מעגלעך אַז דער אור־אַלטער אינסטינקט דערוואַכט אין זיי פון יענער צייט, ווען זיי זענען געווען וועלף און האָבן אַרומגעוואַנדערט אין די וועלדער מחנותווייז אין די ווינטער־נעכט.

די הינט האָבן געכאַפּט צוויי אָדער דריי קראָליקעס און האָבן געשטילט זייער הונגער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שפּילן, אַרומלויפנדיק אין אַ קרייז איבער דעם פּלאַץ. אַרום און אַרום זענען זיי געלאָפן, יעדן הונטס נאָז ביים עק פון צווייטן הונט. אויף דעם אויסגעהאַקטן אָרט, אונטער די שניי־באַלאָדענעביימער און ביי דער שיין פון דער ווינטערדיקער לבנה איז דאָס געווען אַ מאָדנע בילד, ווי זיי זענען אַזוי שטיל געלאָפן אין אַ קרייז און געטופּעט אין ווייכן שניי. די הינט האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין קול. זיי זענען געלאָפן אַרום און אַרום אין אַ קרייז.

מעגלעך אַז די אַלטע האָט דאָס געזען איידער זי איז געשטאָרבן. מעגלעך אַז זי האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעכאַפּט און האָט געקוקט אויף דעם מאָדנעם בילד מיט טונקעלע אַלטע אויגן.

ס׳איז איר נישט געווען שטאַרק קאַלט איצט. זי האָט בלויז געוואָלט שלאָפן. זי האָט מעגלעך זיך דערמאָנט אין אירע מיידלשע יאָרן ביים דייטש, און פריִער, ווען זי איז געווען אַ קינד און איידער איר מאַמע איז אַוועק און האָט איר אי־בערגעלאָזט.

אירע חלומות האָבן געקענט זיין זייער אָנגענעמע. נישט קיין סך אַנגענעמענע זאַכן האָט איר פּאַסירט. פון צייט צו צייט איז איינער פון די הינט אַרויס פון קרייז און איז צוגעקומען זיך אַוועקשטעלן לעבן איר. דער הונט האָט צוגע־טוליעט זיין מאָרדע צו איר פּנים. זיין רויטע צונג האָט אַרויסגעהאָנגען.

דאָס אַרומלויפן פון די הינט האָט געקענט זיין אַ מין לויה־צערעמאָניע. מעגלעך אַז דער פּרימיטיווער וואָלפישער אינסטינקט, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין דער נאַכט ביי די הינט, האָט זיי דערשראָקן.

„איצט זענען מיר מער נישט קיין וועלף. מיר זענען הינט, די דינער פון מענטשן. בלייב לעבן, מענטש! ווען דער מענטש שטאַרבט ווערן מיר צוריק וועלף".

ווען אַ הונט איז צוגעקומען ווו די אַלטע פרוי איז געזעסן מיט איר פּלייצע אָנגעשפּאַרט אין בוים און האָט צוגעטוליעט זיין נאָז צו איר פּנים, איז ער גע־בליבן צופרידן און איז צוריק אַוועק לויפן מיט די איבעריקע. יעדער פון די גריימס־הינט האָט געטאָן עס אין דעם אָוונט, איידער זי איז געשטאָרבן. איך האָב זיך דאָס אַלץ דערוווּסט שפּעטער, ווען איך בין אויסגעוואַקסן אַ מאַן, ווייל איין מאָל אין וואַלד אין אַן אַנדער ווינטער־נאַכט האָב איך געזען אַ מחנה הינט טאָן דאָס זעלבע. די הינט האָבן געוואַרט איך זאָל שטאַרבן, ווי זיי האָבן געוואַרט אויף דער אַלטער אין יענער נאַכט ווען איך בין געווען אַ קינד, אָבער ווען דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט בין איך געווען אַ יונגערמאַן און האָב לחלוטין נישט גע־האַט בדעה צו שטאַרבן.

די אַלטע איז געשטאָרבן שטיל און רויק. ווען זי איז געווען טויט און ווען איינער פון אירע הינט איז צוגעקומען נאָענט און האָט איר דערזען טויט, האָבן אַלע הינט אויפגעהערט צו לויפן.

זיי זענען זיך צונויפגעקומען אַרום איר.

יאָ, זי איז געווען טויט אַצינד. זי האָט געשפּייזט די גריימס־הינט ווען זי האָט געלעבט, וואָס וועט איצט זיין?

דער פּאַק איז געלעגן אויף איר פּלייצע, אינעם זאַק האָט זיך געפונען דאָס שטיק געזאַלצענע חזיר־פליייש פאַר די הינט, די מאַרך־ביינער. דער קצב האָט פּלוצלינג באַקומען רחמנות אויף איר און האָט שווער אָנגעלייגט דעם זאַק. עס איז געווען אַ שווערע משא פאַר דער אַלטער פרוי.

אַ שווערע משא פאַר די הינט אַצינד...

— 4 —

איינער פון די הינט איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די אַנדערע און האָט אָנגעהויבן שאַרן אינעם פּאַק אויף דער אַלטער פרויס פּלייצע. וואָלטן די הינט געווען וועלף באמת, וואָלט דער איינער געווען דער פירער פון דער סטאַיע; וואָס ער האָט געטאָן האָבן די איבעריקע נאָכגעטאָן.

אַלע האָבן אַריינגעלאָזט זייערע ציין אינעם זאַק וואָס די אַלטע האָט אַרומ־געבונדן מיט שטריק אַרום איר פּלייצע.

זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם קערפּער פון דער אַלטער אויף דעם אָפּ־געריייניקטן פּלאַץ. דאָס אַלטע קלייד איז באַלד אַראָפּגעריסן געוואָרן פון איר פּלייצע. ווען מ'האָט איר מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געפונען, איז איר קלייד געווען אין גאַנצן אַראָפּגעריסן ביז די היפטן, אָבער די הינט האָבן נישט געטשע־

פּעט איר קערפּער, זיי האָבן בלויז דאָס פלייש פונעם זאַק אויפגעפרעסן. איר קערפּער איז געווען שטייף פאַרפרוירן ווען מ׳האָט איר געפונען, און די אַקסלען אַזוי שמאָל און דער קערפּער אַזוי קליין, אַז טויטערהייט האָט ער אויסגעזען ווי דער קערפּער פון עפּעס אַ רייצנד יונג מיידל.

אַזעלכע זאַכן האָבן פּאַסירט אין שטעט פון דער מידעלוועסט, אויף אַרו־מיקע פאַרמס, ווען איך בין געווען אַ יינגל. אַ יעגער וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט כאַפּן קראָליקעס, האָט געפונען דער אַלטערס קערפּער און האָט איר נישט אָנגע־רירט. עפּעס, דער אויסגעטראָטענער קיילעכדיקער שטעג אויף דעם מיט שניי באַדעקטן פלאַץ, די שטילקייט, דאָס אָרט ווו די הינט האָבן אַרומגעשלעפּט דעם קערפּער פרווונדיק אַרויסבאַקומען דעם זאַק, אָדער אים אויפעפענען — דאָס אַלץ האָט דעם מאַן דערשראָקן און ער איז איילנדיק אַוועק אין שטאָט אַריין.

איך האָב זיך דאַן געפונען אויף דער הויפּט־גאַס מיט איינעם פון מיינע ברידער, וואָס פלעגט פאַרטיילן די נאָכמיטאָג־צייטונגען צווישן די קראָמען. עס איז שוין כמעט געווען נאַכט.

דער יעגער איז אַריין אין אַ קליייט און האָט דערציילט דאָס נייעס. נאָכדעם איז ער אַוועק אין אַן אייזן־קראָם און פון דאָרט אין אַן אַפּטייק. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפזאַמלען אויף די טראָטואַרן. דאַן האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט מיטן וועג וואָס פירט צום וואַלד.

מיין ברודער האָט געדאַרפט צעטראָגן צייטונגען, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. אַלע זענען אַוועק אין וואַלד אַריין. דער באַגרעבער און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר זענען אַוועק. עטלעכע מענטשן זענען אַרויף אויף אַ וואָגן און זענען אַרויסגעפאָרן צום וואַלד, אָבער די פערד האָבן נישט געהאַט קיין שאַרפע פּאָד־קאָוועס און האָבן זיך געגליטשט אויף די גליטשיקע וועגן. זיי זענען נישט געפאָרן גיכער פון אונדז, וועלכע זענען געגאַנגען.

דער שטאָט־קאָמיסאַר איז געווען אַ הויכער מאַן, וואָס איז פאַרווונדעט גע־וואָרן בעת דעם בירגער־קריג. ער האָט געטראָגן אַ שווערן שטעקן און האָט גיך אונטערגעהונקען איבערן וועג. איך און מיין ברודער זענען אים נאָכגעגאַנגען, און צו אונדז זענען צוגעשטאַנען אַנדערע מענער און יינגלעך.

עס איז געוואָרן פינצטער ווען מיר זענען צוגעקומען אַהין ווו די אַלטע איז אַראָפּ פונעם שליאַך, אָבער עס איז אויפגעגאַנגען די לבנה. דער קאָמיסאַר האָט געטראַכט מעגלעך אַז עס האַנדלט זיך פון אַ מאָרד. ער האָט דעם יעגער געשטעלט פראַגן. דער יעגער איז געגאַנגען מיט אַ ביקס איבערן אַקסל, אַ הונט איז אים נאָכגעגאַנגען. נישט אַלע מאָל איז אַ יעגער פון קראָליקעס זוכה צו זיין אַזוי אָנ־געזען. ער האָט פולשטענדיק אויסגענוצט די געלעגנהייט, גייענדיק אין דער שפּיץ פון דער פּראָצעסיע אינאיינעם מיטן פּאָליציי־קאָמיסאַר. „איך האָב אויף איר נישט געזען קיינע ווונדן. דאָס איז אַ שיין יונג מיידל. איר פּנים ליגט איינ־

געגראָבן אין שניי. ניין, איך האָב זי נישט געקענט". פאַקטיש האָט דער יעגער נישט אַ קוק געטאָן אויפן קערפער פון דער נאָענט. ער האָט זיך דערשראָקן. עמעצער האָט איר געקענט האָבן דערהרגעט און עמיצער האָט געקענט אַפירשפּרינגען פון הינטער אַ בוים און אים אויך דערהרגענען. פאַרנאַכט אין וואַלד, ווען די ביימער זענען אַלע נאַקעט און אַ ווייסער שניי ליגט אויף דער ערד, ווען אַלץ איז שטיל אַרום, דרינגט אַריין עפּעס אַ שוידער אין האַרצן און אין מוח. אויב עפּעס מאָדנע אָדער אומהיימלעכס געשעט דאַן לעבן אייך, איז דאָס איינציקע וואָס איר טראַכט, זיך אָפּצוטראָגן פון דאָרט און וואָס גיכער.

דער המון מענער און יינגלעך זענען צוגעקומען אַהין ווו די אַלטע האָט געקרייצט דאָס פעלד און האָבן זיך געלאָזט, נאָכגייענדיק דעם קאָמיסאַר און דעם יעגער, באַרג אַרויף אין די וועלדער.

איך און מיין ברודער האָבן געשוויגן. ער האָט געהאַלטן זיין פּעקל צייטונגען אין אַ טאַש פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. ווען ער וועט צוריקקומען אין שטאָט אַריין וועט ער דאַרפן צעטראָגן די צייטונגען איידער ר'וועט קענען אַהיים גיין עסן וועטשערע. אויב איך זאָל גיין, ווי ער האָט אָן ספק געטראַכט, וועלן מיר ביידע פאַרשפּעטיקן. די מאַמע אָדער אונדזער יינגערע שוועסטער וועט דאַרפן דערוואַרעמען אונדזער וועטשערע.

יאָ, מיר וועלן האָבן וואָס צו דערציילן. אַ יינגל קריגט נישט אָפט אַזאַ געלעגנהייט. עס איז געווען אַ מזל־זאַך וואָס מיר ביידע זענען גראָד אַריינגעקומען אין דער קראָם ווו דער יעגער איז געווען. דער יעגער איז געווען אַ פּויערישער טיפּ. קיינער פון אונדז האָט אַזאַ איינעם פריער נישט געזען.

דער המון מענער און יינגלעך איז ענדלעך צוגעקומען צום אָפּגערייניקטן פּלאַץ. די פינצטערניש קומט אָן שנעל אין אַזעלכע ווינטער־נעכט, אָבער די פולע לבנה האָט אַלץ געמאַכט קלאָר. מיין ברודער און איך זענען מיר געשטאַנען לעבן בוים אונטער וועלכן די אַלטע איז געשטאָרבן.

זי האָט נישט אויסגעזען אַלט, ליגנדיק דאָרט אַ פאַרפרוירענע אין דער לבנה־שיין. איינער האָט איר איבערגעדרייט אין שניי און איך האָב אַלץ געזען. מיין קערפער האָט געשוידערט פון עפּעס אַ מאָדנע מיסטיש געפיל, און מיין ברודערס קערפער דאָס זעלבע. מעגלעך אַז ס'איז געווען פון קעלט.

קיינער פון אונדז האָט פריער נישט געזען אַ פרויען־קערפער. מעגלעך, אַז דער שניי, וואָס איז צוגעקלעפּט געוואָרן צום פאַרפרוירענעם לייב, האָט עס געמאַכט אויסזען אַזוי ווייס און ליבלעך, אַזוי מערמלשטיין־ענלעך. קיין פרוי איז נישט געקומען מיטן עולם פון שטאָט, נאָר איינער פון די מענער, דער שטאָטישער שמיד, האָט אויסגעטאָן זיין מאַנטל און האָט איר איבערגעדעקט. דאַן האָט ער איר גענומען אויף די הענט, און האָט זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין.

אַלע איבעריקע זענען שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען. אין יענעם מאָמענט האָט קיינער נישט געוווּסט ווער זי איז.

— 5 —

איך האָב געזען אַלץ, כ׳האָב געזען דעם אָוואַל אויפן שנײ, ווי אַ מיניאַטור־געיעג־טראַקט איבער וועלכן די הינט זענען געלאָפן; איך האָב געזען ווי די מענטשן זענען געווען געהיימניספול, כ׳האָב געזען די ווייסע, נאַקעטע פּלייצע וואָס האָט אויסגעזען צו זיין יונג, כ׳האָב געהערט די שושקערייען פון די מענער.

מ׳האָט אַוועקגעטראָגן דעם קערפּער צום באַגראָבער און ווען דער שמיד, דער יעגער, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר און עטלעכע אַנדערע זענען אַריין אינעווייניק, האָבן זיי פאַרמאַכט די טיר. ווען דער טאַטע זאָל דאָרט געווען זיין, וואָלט ער אפשר געקענט אַהין אַריין, אָבער מיר יינגלעך האָבן נישט געקענט.

איך בין אַוועק מיט מיין ברודער צעטראָגן די רעשט צייטונגען, און ווען מיר זענען געקומען אַהיים האָט מיין ברודער דערציילט דאָס נייעס.

איך האָב געשוויגן און האָב מיך פרי געלייגט שלאָפן. מעגלעך אַז מיר איז נישט געפעלן געוואָרן דער אופן ווי אַזוי ער האָט עס דערציילט.

שפּעטער, אין שטאָט, האָב איך געמוזט האָבן געהערט פראַגמענטן פון דער אַלטערס לעבנס־געשיכטע. אויפן צווייטן טאָג האָט מען איר דערקענט און מען האָט געמאַכט אַן אויספאָרשונג.

דעם מאַן און דעם זון האָט מען ערגעץ אויסגעזוכט און מען האָט זיי געבראַכט אין שטאָט אַריין. מ׳האָט געפּרוּווט זיי פאַרמישן אין דער אַלטערס טויט, אָבער ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. זיי האָבן פּערפעקט דערוויזן, אַז זיי זענען אין דעם מאָמענט פון איר טויט געווען זייער ווייט פון איר.

דאָך איז די שטאָט געווען קעגן זיי. זיי האָבן געמוזט עוקר זיין. וווּהין זיי זענען אַהינגעקומען האָב איך קיין מאָל נישט געהערט.

איך געדענק בלויז דאָס בילד דאָרט אין וואַלד, די מענער וואָס זענען געשטאַנען אַרום, די נאַקעטע פיגור וואָס האָט אויסגעזען ווי פון אַ מיידל, מיט דעם פּנים אין שנײ, די שפּורן פון די פאַרביי־לויפנדע הינט, און דעם קלאָרן קאַלטן ווינטערדיגן הימל אויבן. ווייסע שטיקער כמאַרעס האָבן זיך געטראָגן איבער דעם הימל. זיי האָבן זיך געיאָגט איבער דעם שטיקל אָפענעם הימל צווישן די ביימער.

די סצענע אין וואַלד איז פאַר מיר געוואָרן, אָן דעם איך זאָל מיר געבן רעכענונג דערפון, דער יסוד פאַר דער אמתער מעשה וואָס איך דערצייל אייך דאָ. די פראַגמענטן, ווי איר זעט, האָבן געמוזט צונויפגעשטיקעוועט ווערן לאַנגזאַם, אַ סך שפּעטער.

מעשיות זענען פאַרלאָפן. ווען איך בין געווען אַ יונגערמאַן האָב איך געאַרבעט

אויף אַ פאַרם ביי אַ דייטש. דאָס דינסט מיידל האָט מורא געהאַט פאַר דעם בעל הבית. דעם פאַרמערס ווייב האָט איר געהאַסט.

איך האָב דאָרט געזען זאַכן. איין מאָל, שפּעטער, האָט זיך מיט מיר פּאַרלאָפן אַ כמעט מוראדיקע, מיסטעריעזע אַוואַנטורע מיט הינט אין אַ וואַלד אויף אַן אָפּגעריי־ניקטן פלאַץ, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־שיין אין אַ ווינטער־נאַכט. ווען איך בין געווען אַ שול־יינגל, און אין אַ זומער־טאָג, בין איך מיט אַ חבר אַרויס אויף אַ שפּאַציר לענג אויס אַ טייכל עטלעכע מייל אויסער דער שטאָט און בין געקומען צום הויז ווו די אַלטע פרוי האָט געלעבט. קיינער האָט אין שטוב נישט געוווינט זינט זי איז געשטאָרבן. די טירן זענען געווען אַרויסגעריסן פון זייערע זאַוויאַסעס, אַלע פענצטער־שויבן זענען געווען צעבראָכן. בעת איך מיט דעם חבר זענען מיר געשטאַ־נען אויף דעם וועג אינדרויסן, זענען צוויי הינט, אָן ספק איינפאַכע וואַנדערנדע פאַרם־הינט, געקומען צו לויפן פון הינטערן הויז. די הינט זענען געווען הויכע, דאַרע הינט, זיי זענען צוגעקומען צום פּלויט און האָבן דורכדרינגענדיק געקוקט אויף אונדז, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם וועג.

די גאַנצע זאַך, די מעשה פון דער אַלטער פרויס טויט, איז פאַר מיר געווען, ווען איך בין געוואָרן עלטער, ווי אַ ווייטע מוזיק. די נאָטן האָט מען געמוזט אויפנעמען לאַנגזאַם, איינציגווייז. עפּעס האָט מען געמוזט משער זיין.

די פרוי וואָס איז געשטאָרבן איז געווען באַשטימט צו שפּייזן בהמות און חיות. יעדנספּאַל דאָס איז געווען דאָס איינציקע וואָס זי האָט ווען געטון. זי האָט געשפּייזט בהמות ווען זי איז געבוירן געוואָרן, אַלס קינד, אַלס יונג מיידל ווען זי האָט געאַר־בעט אויף דער פאַרם ביים דייטש, נאָך דעם ווי זי האָט חתונה געהאַט, ווען זי איז געוואָרן אַלט און ווען זי איז געשטאָרבן. זי האָט געהאָדעוועט קי, עופות, חזירים, פערד, הינט און מענטשן. איר טאָכטער איז געשטאָרבן קינדווייז, און מיט איר איינ־ציקן זון האָט זי נישט איבערגעביטן קיין וואָרט. אין דער נאַכט וואָס זי איז געשטאָרבן האָט זי געאײַלט אַהיים, טראָגנדיק אויף די פּלייצעס שפּייז פאַר בהמות.

זי איז געשטאָרבן אין די וועלדער, און אַפילו נאָך דעם טויט האָט זי געשפּייזט לעבעדיקע באַשעפענישן.

איר זעט, עס איז מעגלעך אַז ווען מיין ברודער האָט אין יענער נאַכט דער־ציילט די מעשה ווען מיר זענען געקומען אַהיים און מיין מאַמע און שוועסטער זענען געזעסן און געהערט, האָב איך געטראַכט אַז ער האָט נישט דערציילט ריכטיק. ער איז געווען צו יונג און דאָס זעלבע איך. אַזאַ עכטע געשעעניש האָט זיך איר שיינקייט.

איך וועל אייך נישט פּרוּוון אונטערשטרייכן דעם מוסר־השכל. איך דערקלער אייך בלויז פאַר וואָס איך בין דאַן נישט געווען צופרידן און בין אַזאַ אויף שטענדיק פאַרבליבן. איך רעד דערפון בלויז כדי איר זאָלט קענען פאַרשטיין פאַר וואָס איך בין געצווונגען געווען פּרוּוון אייך איבערדערציילן די דאָזיקע איינפאַכע מעשה נאָך אַ מאָל.

אַנאַטאָל פראַנס

(געבוירן אין 1844 — געשטאָרבן אין 1924)

אַנאַטאָל פראַנס, איז דער פסעוודאָנים פון זשאַק אַנאַטאָל פראַנסואַ טיבאַ, וועלכער איז געווען נאָוועליסט, דערציילער, פּאָעט, קריטיקער און היסטאָריקער.

דער גרויסער סאַרקאַסטיקער און בעל־רחמים אַנאַטאָל פראַנס, איז באַרימט געוואָרן אין זיין צייט אַלס דער יורש פון רענאַנען און „פרינץ פון דער ליטעראַטור”.

אין 1897 האָט פראַנס דערגרייכט דעם אַפּאָגיי פון זיין רום. אין זיינע ווערק האָט ער געקעמפט קעגן אומטאָלעראַנץ, אומרעכט, דיקטאטור, דעמאַגאָגיע. פאַרן יידישן לייענער איז באַזונדערס כדאי צו דערמאָנען, אַז צוזאַמען מיט עמיל זאָלאַ, האָט אַנאַטאָל פראַנס בשעתו פאַרטיידיקט דרייפוסן. אין 1921 האָט ער באַקומען די נאָבל־פרעמיע.

דאָס ווערק, וואָס האָט אים תחילת באַרימט געמאַכט איז „דער פאַרברעכן פון סילוועסטער באָנאַר”, אָבער די שפּעטערדיקע לאַנגע ריי פון אַנאַטאָל פראַנס' מייסטער־ווערק, ווי די היסטאָרישע נאָוועלע „טהאַיס”, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן אין אַלעקסאַנדריע פונעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, „מעסיע בערזשערע אין פּאַריז”, „דאָס אינדזל פון די פּינגווינען”, „דער רעוואָלט פון די מלאכים”, און פיל אַנדערע, ווען געלייענט און באַוווּנדערט ווערן פון די קומענדיקע דורות אַזוי ווי פון אונדזער דור.

דער קונצנמאַכער

אין די צייטן פון קעניג לואי האָט געלעבט אַן אָרעמער קונצנמאַכער מיטן נאָמען באַרנאַבאַס. אַ געבוירענער פון קאָמפּיען, וועלכער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, באַווייזנדיק כל המינים פלינקע קונצן.

אין שיינע טעג פלעגט ער אויסשפּרייטן אויפן מאַרק אַן אָפּגענוצטן אַלטן טעפּיך, און נאָך דעם ווי ער האָט צוגעצויגן אַ גרופּע קינדער און ליידיקגייער דורך געוויסע וויצן, וואָס ער האָט אויסגעלערנט ביי אַן אַלטן קונצנמאַכער, וועלכע ער פלעגט בוכשטעבלעך איבערחזרן אויף דעם זעלביקן אופן, נישט ענדערנדיק קיין איינציק וואָרט, פלעגט ער אָננעמען די משונהדיקסטע פּאָזעס און באַלאַנסירן אַ בלייענעם טעלער אויפן שפּיץ פון זיין נאָז. תחילת האָט דער המון זיך באַצויגן צו אים גלייכגילטיק, אָבער ווען ער האָט, די הענט און דעם קאָפּ אויף דער ערד, מיט די פיס געשליידערט אין דער לופטן און צוריקגעכאַפּט מיט זיי זעקס קופּערנע באָלן, וואָס האָבן געבליאַסקעט אין דער זון־ליכט; אָדער ווען ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק אַזוי, אַז זיין נאַקן האָט אָנגערירט די פּיאַטעס, אָנעמענדיק די פאָרעם פון אַ פּערפעקטן ראָד, האָט ער אין אַזאַ פּאָזע געמאַכט קונצן מיט אַ טוץ מעסערס. דעמאָלט האָט זיך אַ געמורמל פון פאַרערונג אַרויסגעריסן ביים עולם, און קליינע מטבעות האָבן גערעגנט אויף זיין טעפּיך.

דאָך האָט באַרנאַבאַס פון קאָמפּיען, ווי די גרעסטע טייל פון יענע וואָס ציִען חיונה פון זייערע אויפטוען, געמאַכט אַ שווער לעבן. פאַרדינענדיק זיין ברויט מיטן שווייס פון זיין פּנים, האָט ער איבערגעטראָגן אַ גרעסערן חלק פון זיינע צרות, וואָס זענען אונדז אַלע געפאַלן בירושה איבערן חטא פון אָדם הראשון.

חוץ דעם האָט ער נישט געקאָנט אַרבעטן אַזוי פיל וויפל ער וואָלט געוואָלט, ווייל כדי אַרויסצווייזן זיין וווּנדערלעכן טאַלאַנט, האָט ער באַדאַרפט האָבן — אַזוי ווי דיביימער — די וואַרעמקייט פון דער זון און די היץ פונעם טאָג. אין ווינטער צייט איז ער נישט געווען אַנדערש ווי אַ בוים, וואָס איז אויסגעטאָן פון זיינע בלעטער, פאַקטיש האַלב טויט. די פאַרפרוירענע ערד איז געווען צו האַרט פאַרן קונצנמאַכער. ווי דער זשוק, וועגן וועלכן עס רעדט מאַרי דע פראַנס, האָט ער געליטן אין דער צייט פון שלעכטן סעזאָן פון הונגער און קעלט. אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ באַשיידן האַרץ, האָט ער געליטן אין דער שטיל.

ער האָט קיין מאָל נישט געטראַכט צו פיל וועגן דעם אורשפּרונג פון עשירות

און אויך נישט וועגן דער אומגלייכקייט פון מענטשלעכע אומשטענדן. ער האָט געגלייבט באמונה שלימה, אַז אויב די דאָזיקע וועלט איז שלעכט מוז יענע וועלט זיין אומבאַדינגט גוט. און דער דאָזיקער גלויבן האָט אים געשטאַרקט. ער איז נישט געווען ענלעך צו יענע קלוגע ברואים, וואָס פאַרקויפן זייערע קלוגע נשמות צום טייוול. ער האָט קיין מאָל נישט דערמאָנט גאָטס נאָמען אומזיסט. ער האָט געלעבט אַ לעבן פון אַן ערלעכן מאַן. און כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין אייגן ווייב, האָט ער נישט געגלוסט דעם שכנס ווייב, ווייל די פרוי איז דער פיינט פון שטאַרקע מענער, ווי מיר ווייסן פון שמשון הגיבורס לעבנס־געשיכטע אַזוי ווי זי איז פאַרשריבן אין די הייליקע שריפטן.

באמת איז זיין מוח נישט געווענדט געווען אין דער ריכטונג פון ליידנשאַפט־לעכע תענוגים. פיל מער איז אים אויסגעקומען צו ליידן, ווען ער האָט געמוזט זיך באַגיין אָן דעם טרונק איידער זיך אָפּזאָגן פון ווייבער. ווייל כאָטש ער איז נישט געווען קיין שיכור, האָט ער הנאה געהאַט פון אַ גלעזל בראָנפן, ווען דאָס וועטער איז געווען קאַלט. ער איז געווען אַ גוטער מענטש, וואָס האָט מורא פאַר גאָט, און איז פרום אין זיין פאַרערונג פון דער הייליקער בתולה. ווען ער פלעגט אַריינקומען אין אַ קלויסטער, פלעגט ער קיין מאָל נישט פאַרפעלן זיך צו שטעלן אויף די קני פאַרן בילד פון גאָטס מאַמע און איר אָפּריכטן אַזאַ תפילה:

— האַרנטע מיינע, גיב השגחה אויף מיין לעבן ביז איך וועל שטאַרבן, און ווען איך וועל שטאַרבן, מי זיך איך זאָל געניסן די פריידן פון גן־עדן.

איין מאָל אין אָוונט, נאָך אַ רעגנדיקן טאָג, בעת ער איז געגאַנגען אַ טרויע־ריקער און איינגעהויקערטער מיט זיינע באַלן אונטערן אָרעם און די מעסערס איינ־געוויקלט אין זיין אַלטן טעפּיך, זוכנדיק עפּעס אַ שאָפּע, וווּ ער זאָל קענען אָן וועט־טשערע גיין שלאָפן, האָט ער דערזען גיין מיט דעם זעלבן וועג אַ מאָנאַך. און מיט דרך־ארץ האָט ער אים באַגריסט. אַזוי ווי זיי זענען ביידע אין איינעם געגאַנגען, האָבן זיי פאַרפירט אַ געשפּרעך.

— פריינד — האָט געזאָגט דער מאָנאַך — ווי קומט עס וואָס איר זענט אין גאַנצן געקליידט אין גרין? דאַרפט איר אפשר שפּילן דעם נאַר אין עפּעס אַ מיס־טעריע?

— ניין, פאָטערל — האָט געענטפערט באַרנאַבאַס — מיין נאָמען איז באַר־נאַבאַס און פון פאַך בין איך אַ קונצנמאַכער. דאָס וואָלט געווען דער פיינסטער באַרוף אין דער וועלט, ווען איך וואָלט נאָר געהאַט צו עסן יעדן טאָג.

— פריינד באַרנאַבאַס — האָט געענטפערט דער מאָנאַך — זייט פאַרזיכטיק מיט אייערע ווערטער. עס איז נישטאָ קיין פיינערער באַרוף ווי דער פון אַ מאָנאַך. דער גייסטלעכער זינגט אַ לויב צו גאָט, זיין מאַמען און אַלע הייליקע. דאָס לעבן פון אַ מאָנאַך איז אַן אייביקער הימן צו זיין ליבן נאָמען.

און באַרנאַבאַס האָט געענטפערט:

— פּאַטערל, איך בין מודה, אַז כ׳האָב גערעדט ווי אַן עם־הארץ. מיין שטאַנד קען נישט פאַרגליכן ווערן מיט אייערן, און כאָטש עס האָט עפּעס אַ ווערט דאָס טאַנצן און באַלאַנסירן אויף דער שפּיץ נאָז אַ שטעקן אויף וועלכן איר האָט אַרויפגעלייגט אַ מטבע, האָט עס קיין זין נישט צו פאַרגלייכן מיט אייערע פאַרדינסטן. פּאַטערל, הלוואַי וואָלט איך געקענט אַזוי ווי איר זינגען תּפילות אַלע טאָג, באַזונדערס די תּפילה צו דער זייער הייליקער בתולה, צו וועמען איך בין באַזונדערס איבערגעגעבן. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך אָפּגעלאָזט פון דער קונסט דורך וועלכער איך בין באַקאַנט פון סואַסאָן ביז באָווע און מער ווי זעקס הונדערט שטעט און דערפער, וואָלט איך נאָר געקענט אַריינקומען אינעם לעבן פון מאָנאַסטיר.

דער מאָנאַך איז געווען גערירט פונעם קונצנמאַכערס באַשיידנקייט און אַזוי ווי ס׳האָט אים נישט געפעלט קיין אורטיילונגס־קראַפט, האָט ער אין באַרנאַבאַסן דערקענט איינעם פון יענע גוט־גענייגטע מענטשן, וועגן וועלכע יעזוס האָט געזאָגט — זאָל דער פרידן זיין מיט זיי אויף דער ערד — און ער האָט דעריבער געענטפערט:

— פריינד באַרנאַבאַס, קומט מיט מיר און איך וועל זען איר זאָלט אַריין אין מאָנאַסטיר, ווו איך בין פּריאָר. דער וואָס האָט געפירט מרים די מצרית דורכן מדבר האָט מיך געשיקט אויף אייער וועג איך זאָל אייך ברענגען די דערלייזונג.

אויף אַזאַ אופן איז באַרנאַבאַס געוואָרן אַ מאָנאַך. אין מאָנאַסטיר, אין וועלכן ער איז אַריינגעטראָטן, האָבן די מאָנאַכן מיט גרויס פּראַכט געפייערט דעם קולט צו דער הייליקער בתולה. יעדער פון זיי האָט איר געבראַכט די גאַנצע חכמה און פעיִקייטן וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

דער פּריאָר האָט געשריבן ביכער, אין וועלכע ער האָט אויסגערעכנט, לויט די כללים פון סכאָלאַסטיק, אַלע מעלות טובות פון גאָטס מאַמע. ברודער מאָריס האָט איבערגעשריבן די דאָזיקע חיבורים מיט אַ שיינער האַנטשריפט אויף פּאַרמעט, בעת ברודער אַלעקסאַנדער האָט זיי דעקאָרירט מיט דעליקאַטע מיניאַטורן, וואָס שטעלן פאָר די מלכּה פון הימל זיצן אויף שלמה המלכס טראָן, מיט פיר לייבן וואָס שטייען פאַר שומרים צופוסנס. אַרום איר קאָפּ, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הייליקער שיין, זענען געפלויגן זיבן טויבן — די זיבן געשאַנקען פונעם הייליקן גייסט: מורא, פרומקייט, וויסן, מאַכט, משפּט, בינה און חכמה. לעבן איר האָבן זיך געפונען זעקס גאָלדהאָריקע מיידן: באַשיידנקייט, פאַרנונפט, צוריקגעצויגנקייט, אַכטונג, מיידלשאַפט און געהאָרכזאַמקייט. ביי אירע פיס זענען צוויי קליינע פיגורן פון בלענדנדיקער ווייסקייט און פולשטענדיק נאַקעטע, געשטאַנען אין אַ תּחנונים־פּאָזע. דאָס זענען געווען נשמות, וואָס בעטן איר אַלמעכטיקע ישועה פאַר זייער דערלייזונג. האָט ברודער אַלעקסאַנדער אויסגעמאָלט חוהן ביי דער זייט פון מאַריען, כּדי מ׳זאָל קענען זען אין איינער און דער זעלבער צייט זינד און איר אויסלייזונג. די פרוי אין איר פאַלן און די בתולה בעת איר דערהייבונג. צווישן די אַנדערע פיל־געליבטע בילדער אין דעם בוך זענען געווען

דער מקור מים חיים; דער קוואַל, די ליליע, די לבנה, די זון און דער פאַרשלאָסענער גן־עדן וועגן וועלכן עס רעדט זיך אַ סך אינעם ספר פון מזמורים; דער שער השמים און די עיר אלקים — די אַלע זענען געווען פאַרשטעלונג־בילדער פון דער הייליקער בתולה.

אויך ברודער מאַרבאַרד איז געווען איינער פון מאַריעס געליבטע קינדער. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אויסהאַקן סטאַטועס פון שטיין, אַזוי אַז זיין באָרד, זיינע ברעמען און זיינע האָר זענען ווייס געווען פונעם שטויב. זיינע אויגן זענען שטענדיק געווען געשוואָלן און פול מיט טרערן. אָבער ער איז געווען אַ שטאַרקער און גליקלעכער מאַן אויף זיין עלטער. עס איז געווען אויסער שום ספק אַז די מלכה פון גן־עדן האָט השגחה געגעבן אויף די לעצטע יאָרן פון איר זון. מאַרבאַרד האָט זי פאַרגעשטעלט זיצן אויף אַ שטענדער. איר שטערן איז געווען אַרומגענומען מיט אַ הייליקער שיין, מיט אַ פערלדיקן קרייז. ער האָט אַ סך געאַר־בעט, אַז די פאַלדן פון איר קלייד זאָלן פאַרדעקן אירע פיס, כדי עס זאָלן אויסקו־מען ווי דער נביא האָט געזאָגט: „מיין געליבטע איז ווי אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן״.

ציימנוויז האָט ער זי פאַרגעשטעלט אַלס אַ חנעוודיק קינד און איר בילד האָט ווי געזאָגט — גאָט, דו ביסט מיין גאָט!

עס זענען אויך געווען אין מאָנאַסטיר פּאָעטן, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט פּראָזע־שריפטן אין לאַטיין און מזמורים לכבוד דער דערבאַרעמדיקסטער בתולה מאַריע. עס איז פאַקטיש אויך געווען איינער צווישן זיי, וועלכער האָט דערציילט די נסים פון אונדזער האַרנטע אין גראַמען אויף פשוטן לשון.

גיבנדיק זיך רעכענונג פון דער גרויסער קאָנקורענץ אין תהלות ותשבחות און פון דער שפע גוטע ווערק, איז באַרנאַבאַס אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און האָט באַדויערט זיין עם־ארצות און פּראָסטקייט.

— אַך! — האָט ער געזיפצט ווען ער איז איין מאָל אַרומגעגאַנגען אינעם קליינעם שאָטנדיקן גאָרטן וואָס ביי דער מאָנאַסטיר־וואַנט — איך בין אַזוי אומ־גליקלעך, ווייל איך קען נישט, ווי מיינע ברידער, געבן אַ ווערדיקן לויב צו דער הייליקער גאָטס מאַמע, צו וועמען איך האָב געהייליקט די גאַנצע ליבע פון מיין האַרץ. אַך, איך בין אַ נאַר, איך קען נישט קיין קונסט. האַרנטע איך קען נישט קיין קלוגע דרשות, קען נישט שרייבן קיין פיינע חיבורים וואָס זאָלן זיין גוט צוגעגרייט לויט כללים; קען נישט מאָלן קיין שיינע בילדער, נישט שניצן קיין סטאַטועס, אָדער מאַכן ריטמישע לידער! איך קען גאָר נישט!

אַזוי האָט ער זיך געקלאָגט און איז אַריינגעפאַלן אין עצבות.

אין אָוונט ווען די מאָנאַכן האָבן געשמועסט צוזאַמען, האָט ער געהערט ווי איינער פון זיי האָט דערציילט פון אַ מאָנאַך, וואָס האָט מער נישט געקענט ווי בלויז „אווע מאַריאַ״. מ׳האָט אים פאַראַכטעט פאַר זיין אומוויסנקייט. אָבער נאָך דעם

ווי ער איז געשטאָרבן, האָבן פון זיין מויל אַרויסגעשפּראָצט פינף רויזן, לכבוד די פינף אותיות פונעם נאָמען מאַריאַ.

הערנדיק אַזאַ מעשה האָט באַרנאַבאַס זיך אַן איבעריק מאָל איבערצייגט אין דער היילקער בתולהס גוטסקייט. אָבער ער האָט זיך נישט געטרייסט מיטן ביישפּיל פונעם גליקלעכן נס, ווייל זיין האַרץ איז פול געווען מיט עקסטאַז און ער האָט געוואָלט לויבן די גרויסקייט פון זיין האַרנטע אין הימל.

ער האָט געזוכט ווי אַזוי דאָס צו טאָן, נאָר אומזיסט. יעדער טאָג האָט אים געבראַכט אַ גרעסערן צער. ביז איין מאָל אין דער פרי איז ער פריידיק אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין בעט און איז אַוועקגעלאָפן אין קלויסטער, וווּ ער איז געבליבן אַליין מער ווי אַ שעה צייט. ער האָט זיך אַהין ווידער אומגעקערט נאָך מיטאָג און זינט דאַן פלעגט ער יעדן טאָג גיין אין קלויסטער אַריין אין דעם מאָמענט, ווען ער איז געווען פּוסט, פאַרברענגענדיק די גרעסערע טייל פון דער צייט מיט די אַנדערע מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך געווידמעט די ליבעראַלע קונסטן און דער וויסנשאַפט. ער איז מער נישט געווען מרה־שחורהדיק און האָט אויפגעהערט קרעכצן. אַזאַ משונה אויפפירונג האָט אַרויסגערופן נייגעריקייט ביי אַנדערע מאָנאַכן. זיי האָבן זיך געפרעגט, וואָס איז די מעשה וואָס ברודער באַרנאַבאַס איז זיך אַזוי אָפּט מיחד אין קלויסטער. און דער פּריאָר, וואָס זיין עסק איז געווען צו וויסן אַלץ וואָס זיינע מאָנאַכן טוען, האָט באַשלאָסן נאָכצוקוקן באַרנאַבאַסן. איין מאָל, ווען באַרנאַבאַס איז געווען אַליין אין קלויסטער, איז דער פּריאָר אין באַגלייטונג פון צוויי פון די עלטסטע ברידער אַהין אַריין, כדי זיך אונטערצוקוקן דורך די קראַטעס פון דער טיר וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק.

זיי האָבן דערזען באַרנאַבאַסן פאַרן בילד פון דער היילקער בתולה. זיין קאָפּ איז געלעגן אויפן פּאָל און זיינע פיס אין דער לופטן, שלידערנדיק זיינע זעקס קופּערנע באַלן און אַ טוץ מעסערס. לכבוד דער היילקער בתולה האָט ער אויסגעפירט יענע קונצן, וואָס האָבן אים אַמאָליקע צייטן געמאַכט דעם גרעסטן שם. נישט פאַרשטייענדיק, אַז ער האָט געשטעלט זיין בעסטן טאַלאַנט צו דינסט פון דער היילקער בתולה, האָבן די עלטערע ברידער אויפגעהויבן אַ גוואַלט, אַז עס איז אַ חילול הקודש. דער פּריאָר האָט געוווּסט, אַז באַרנאַבאַס איז אַ כשערע נשמה, אָבער ער האָט געמיינט, אַז דער מענטש איז אַראָפּ פון זינען. אַלע דריי האָבן זיך אַ נעם געטאָן אים אַרויסצושלעפּן פונעם קלויסטער. פּלוצלינג האָבן זיי דערזען די בתולה לאַנגזאַם אַראָפּנידערן פונעם אַלטאַר און אָפּווישן מיט איר בלויען מאַנטל דעם שווייס וואָס האָט גערונען פונעם קונצנמאַכערס שטערן.

דאַן האָט דער פּריאָר אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ ביזן פּאָל און האָט געזאָגט:

— געבענטשט זענען די וואָס האָבן אַ ריין האַרץ, ווייל זיי וועלן זען גאָט.

— אָמן! — האָבן אָפּגעענטפערט די ברידער, פאַלנדיק מיט די פּנימער צו דער ערד.

זשאַן רישפּען

(געבוירן אין 1849 — געשטאָרבן אין 1930)

זשאַן רישפּען איז געבוירן געוואָרן אין אַלזשיר (מעדעא) ווו זיין פאָטער איז געווען אַ מיליטער־דאָקטער.

די ערשטע יאָרן פון דעם פראַנצויזישן פּאָעט, באָוועליסט און דראַמאַטורג זענען פאַריבער אין דער אַטמאָספער פון אַ מיליטער־גאַרניזאָן. ווען ער איז אויסגעוואַקסן האָט ער שטודירט מעדיצין. אין 1870 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי און געקעמפט אין דער מלחמה צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

זשאַן רישפּען איז געווען אַ באָהעם, אַ וואַנדערער. ער האָט זיך תחילת אויפגעהאַלטן אין מאָנמארטר (פּאַריז), זיך פאַרבונדן מיט זשורנאַליזם און דאַן געוואַנדערט איבער אייראָפּע.

צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאָעטן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אַ געוויסע צייט אויך רימבאָ, האָט רישפּען געקעמפט קעגן סאָציאַלע און ליטעראַרישע קאָנווענציאָנאַליזמען. די דאָזיקע פּאָעטן האָבן געדענקט, אַז די ווערטער פון אַ שרייבער דאַרף געשאַצט ווערן לויט דער אָנערקענונג פון די פּשוטע פאָלקס־מענטשן.

דאָס באַרימטסטע ווערק פון זשאַן רישפּען איז דערשינען אין 1876 אונטערן טיטל „לאַ שאַנסאָן דע גע" (דאָס ליד פונעם וואַגאַבונד"). אין דעם דאָזיקן בוך לידער באַזינגט דער פּאָעט דאָס לעבן פון די פראַנצויזישע וואַגאַבונדן מיט דעם שאַרפסטן רעאַליזם. זיינע שפּעטערדיקע ווערק אין פּאָעזיע און פּראָזע, שילדערנדיק דאָס לעבן פונעם אָרעמען פאָלק, האָבן געהאַט אַ השפּעה אויפן פראַנצויזישן נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור. זיינע קורצע געשיכטן דערמאָנען עדגאַר פּאָ און האָפמאַנען. אייניקע פון זיינע באָוועלן, באַזונדערס „בראַווזשאַן", „מוטיקע מענטשן" און „ליע קאַדע" (דער יונגערמאַן) זענען פון דויערהאַפטן ווערט. זיינע טעאַטער־פּיעסן, באַזונדערס „ליע פליבוסטיע" (דער פּיראַט) און „ליע שעמינאָ" (דער וואַגאַבונד) האָבן רישפּענען באַרימט געמאַכט.

אין 1908 האָט די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע אַריינגענומען דעם פּאָעט צווישן אירע „אומשטערבלעכע".

אַ שוישפּילער פון געבוירן, אַ סענסועלער לעבעיונג און ראָמאַנטיקער מיט אַ לשון פון די פּאַריזער הפקר־יונגען, איז רישפּען אַ געוויסע צייט געזעסן אין טורמע פאַר „ברעכן די מאָראַל" מיט זיינע לידער וועגן די וואַגאַבונדן, אָבער בישט געקוקט אויף זיין ווילדן טעמפּעראַמענט און שטורמישער נאַטור פון אַ באָהעם, האָט זשאַן רישפּען דערגרייכט אַ טיפן עלטער פון 81 יאָר.

קאָנסטאַן גינאַר

דאָס פּאַר־פּאָלק גינאַר, וועלכעס האָט געהייראַט אויס ליבע, האָט לײדנשאַפֿט־לעך געוואָלט געבוירן אַ זון. און דאָס דאָזיקע געגאַרטע קליין וועזן, וועלנדיק צו־איילן די פּאַרווירקלעכונג פֿון זייער באַגער, איז געקומען אויף דער וועלט פֿאַר דער צייט. זיין מוטער איז געשטאָרבן, און זיין פֿאָטער, נישט קענענדיק איבער־טראָגן דעם צער, האָט זיך אויפגעהאָנגען...

קאָנסטאַן גינאַרס קינדהייט איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטע אָבער אַן אומ־גליקלעכע. אין שולע איז ער אָפֿט באַשטראָפֿט געוואָרן, כאָטש ער האָט עס נישט פֿאַרדינט, און מ'האָט אים געגעבן עקסטראַ אויפֿגאַבן צו מאַכן. ער האָט אויך אַריינ־געכאַפּט קלעפּ, וועלכע זענען געווען באַשטימט פֿאַר אַנדערע קינדער. ער איז קראַנק געוואָרן בשעת די עקזאַמענס. ער האָט געענדיקט זיין לערנען מיט דער רעפּוטאַציע פֿון אַ היפּאָקריט און באַלוואַן.

בשעת דעם עקזאַמען אויף זיין מאַטורע, האָט ער אָנגעשריבן די לאַטיינישע קאָמפּאָזיציע פֿאַר זיין שכן, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן, בעת ער גופֿא איז דורכגעפֿאַלן, ווייל ער זאָל האָבן קאָפּירט.

אַזעלכע אומגליקלעכע לעבנס־דעבוטן וואָלטן אַ געוויינלעכער פּערזאָן געווען פֿאַרביטערט, אָבער קאָנסטאַן גינאַר האָט געהאַט אַן אײדעלע נשמה. און זייענדיק איבערצייגט, אַז גליק איז דער שכר פֿון טוגנט, האָט ער באַשלאָסן צו באַזיגן פֿאַר־ביטערטקייט מיט הערא͏ָיזם.

דאָס קאָמערציעלע הויז ווו ער האָט געאַרבעט, האָט זיך אין איין פֿרימאָרגן אָנגעצונדן. ווען ער האָט דערזען די פֿאַרצווייפֿלטע מינע אויפֿן פּנים פֿון זיין באַ־לעבאָס, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין די פֿלאַמען אַרויסצוראַטעווען די ווערט־זאַכן פֿון דער פֿייער־קאַסע. זיינע האָר האָבן זיך אָפּגעסמאַליעט און זיינע אָרעמס און הענט אָפּגעבריט. אָבער עס איז אים געלונגען, איינשטעלנדיק זיין לעבן, אויפֿ־צוברעכן די קאַסע און אַרויסנעמען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ ווערט.

פּלוצלינג האָט ער דערפֿילט, אַז מען שלעפּט אים אַרויס. צוויי פּאָליציי־לייט האָבן אים געצויגן פֿאַרן קאָלנער.

מיט אַ מאָנאַט שפּעטער האָט מען אים פֿאַראורטיילט אויף פֿינף יאָר תּפֿיסה פֿאַר האָבן געוואָלט צוגנבֿענען דאָס געלט וואָס האָט זיך געפֿונען אין קאַסע.

אַ בונט איז אויסגעבראָכן אין תּפֿיסה, און וועלנדיק אַרויסראַטעווען איינעם פֿון די אַטאַקירטע וועכטער, האָט ער אומגערן אַ שטויס געטאָן דעם לעצטן, וועלכער איז אומגעפֿאַלן און איז דערמאָרדעט געוואָרן פֿון די בונטאָווטשיקעס.

אָן צערעמאָניעס איז קאָנסטאַן גינאַר איבערגעשיקט געוואָרן אין דער פֿעסטונג פֿון קאַיען. אָבער אַ זיכערער אין זיין אומשולד, איז ער אַנטלאָפֿן און האָט זיך אומגעקערט קיין פֿראַנקרייך אונטער אַן אַנדער נאָמען. דענקענדיק אַז ער האָט איבערגעשפּיצט דעם גורל, האָט ער ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן טאָן זיינע גוטע מעשׂים.

איין מאָל, אויף אַ יאַריד, האָט ער דערזען אַ צעפּלאָשעט פֿערד, וואָס איז אַוועק מיטן וואָגן, וועלכער איז שיעור נישט אַריינגעפֿאַלן אין אַ גראָבן. ער האָט גלייך זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן פֿערד, האָט זיך אויסגעוויכנעטביידע הענט, צעבראָכן אַ פֿוס און אַ ריפּ; אָבער ער האָט געראַטעוועט דעם וואָגן. דאָס פֿערד אָבער האָט זיך פֿאַרקירעוועט, האָט זיך אַריינגעריסן אינעם המון און צעטראָטן אָן אַלטן, צוויי פֿרויען און דריי קינדער. קיינער איז נישט געזעסן אין וואָגן...

אַ צופֿרידענער פֿון העלדנטאַטן, באַשליסט אַצינד קאָנסטאַן גינאַר צו טאָן גוטס אין דער שטיל, און ער ווידמעט זיך צו לינדערן עלנט און נויט. אָבער דאָס געלט וואָס ער ברענגט צו אָרעמע פֿרויען ווערט זאָרגלאָז פֿאַרשווענדט אין די שענקען דורך זייערע מענער. די וואַרעמע לייבלעך, וועלכע ער פֿאַרטיילט צווישן אַרבעטער, וואָס זענען שוין געווינט געווען צום שלעכטן וועטער, מאַכן בלויז אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרקילן. אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער הונט, וועלכן ער נעמט אויף מיט פֿאַרגעניגן, ווערט משוגע און צעבייסט זעקס שכנים. און אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן, פֿאַר וועמען ער כלאָפּאָטשעט אויס אַ פּאָסטן אין דער אַרמיי, גיט אויס שפּעטער די פּלענער פֿון דער פֿעסטונג דעם שונא.

קאָנסטאַן גינאַר האָט געטראַכט, אַז געלט טוט אָן מער שאָדן ווי גוטס. האָט ער אָנשטאָט צו צעטרענצלען זיין פֿילאַנטראָפּיע באַשלאָסן צו קאָנצענטרירן זי אויף איין מענטשן. ער האָט דעריבער אַדאָפּטירט אַ יונגע יתומה, וואָס איז כּלל נישט געווען שיין, אָבער איז באַגאַבט געווען מיט זעלטענע מעלות.

ער האָט זי אויפֿגעהאָדעוועט מיט דער גאַנצער צערטלעכקייט וואָס אַ פֿאָטער קען אַרויסווייזן אַ קינד; אַך! ער איז געווען אַזוי גוט, אַזוי געטריי, אַזוי איידל צו איר, אַז איין מאָל אין אָוונט האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיינע פֿיס און האָט זיך אים דערקלערט אין ליבע. ער האָט איר געפּרוּווט געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער האָט שטענדיק געטראַכט פֿון איר ווי וועגן זיין טאָכטער, און אַז ער וואָלט זיך געפֿילט

שולדיק אין האָבן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, ווען ער זאָל נישט אויסהאַלטן דעם נסיון פאַר וועלכן זי שטעלט אים.

ער האָט מיט איר איינגעטענהט אויף אַ פּאָטערלעכן אופן, כדי איר צו איבער־צייגן, אַז דאָס וואָס זי האָט אָנגענומען פאַר ליבע איז בלויז די דערוואַכונג פון אירע חושים. ער האָט איר דאָך פאַרשפּראָכן אַז ער וועט איר אויסזוכן אַ חתן אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

דעם צווייטן אין דער פרי האָט ער זי געפונען אויסגעצויגן טויט איבער זיין שוועל.

דאַן האָט קאָנסטאַן גינאַר אויפגעגעבן זיין ראָל פון אַ „גוטן צויבערער" און האָט זיך געשווירן, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער, כדי צו טאָן גוטס, זיך צופרידן שטעלן מיט איינפאַך אויסמיידן שלעכטס.

מיט אַ שטיקל צייט נאָך דער לעצטער געשעעניש, איז ער דורך אַ צופאַל אַרויף אויף די שפּורן פון אַ פאַרברעכן, וועלכן איינער פון זיינע גוטע פריינד האָט געהאַלטן אין באַגיין.

ער האָט לייכט אים געקענט פאַרמסרן פאַר דער פּאָליציי; אָבער ער האָט בע־סער געוואָלט שטערן אים דעם פאַרברעכן אָן דעם ער זאָל חרוב מאַכן דעם פאַר־ברעכער. ער האָט דעריבער זיך געגרייט אָנצוכאַפּן אַלע פעדעם פונעם קאָמפּלאָט און האָט געוואַרט אויפן ריכטיקן מאָמענט אים צונישט צו מאַכן. אָבער דער אויס־ווורף וועמען ער האָט געוואָלט איבערשפּיצן האָט קלאָר דערזען די שפּיל און האָט אַזוי געמאַכט, אַז דער פאַרברעכן זאָל אויסגעפירט ווערן, אַליין זאָל ער אַנטלויפן און קאָנסטאַן גינאַר זאָל אַרעסטירט ווערן.

די רעדע וואָס דער ראַיאָנע פּראָקוראָר האָט געהאַלטן קעגן קאָנסטאַן גינאַר, איז געווען אַ מייסטער ווערק פון לאָגיק. ער האָט דערמאָנט דאָס גאַנצע לעבן פונעם באַשולדיקטן, זיין נעבעכדיקע קינדהייט, זיינע שטראָפן, זיין דורכפאַל ביים עקזאַ־מען, די געוואַגטקייט פון זיין ערשטער גנבה, זיין העסלעכע קאָנספּיראַציע אין דעם תפיסה־בונט, זיין אַנטלויפן פון קאַיען, זיין צוריקקער קיין פראַנקרייך אונטער אַ פרעמדן נאָמען...

פון דעם מאָמענט אָן האָט דער רעדנער געשטיגן ביז צום שפּיץ פון יורידי־שער עלאָקווענץ. ער האָט געשטעמפּלט דעם באַשולדיקטן אַלס היפּאָקריט פון גוטס־קייט; אַלס פאַרדאַרבער פון ערלעכע היימען, וועלכער האָט, כדי צו באַפרידיקן זיינע ליידנשאַפטן אָוועקגעשיקט דעם מאַן אין די וויינשענקען צו צעטרענצלען געלט... אַ פאַלשער ווילטוער, וועלכער האָט דורך מתנות געווונען אַ גוטן שם... אַ מאָנסטער פאַרשטעלט אינעם מאַנטל פון פילאַנטראָפּיע.

ער האָט אַנאַליזירט מיט שוידער די ראַפינירטע פאַרדאָרבנקייט פונעם זשוליק, וועלכער האָט זיך אינטערעסירט מיט משוגענע הינט בלויז כדי זיי אָפּצולאָזן אויף מענטשן. אַ טייוול, וועלכער האָט ליב בייז לשם בייז. האָט ריזיקירט צו ווערן

אַ קאַליקע און האָט אָפּגעשטעלט אַ צעווילדעוועט פערד, וואָס איז אַנטלאָפן. צוליב וואָס? בלויז כדי צו דערפאַרן די שרעקלעכע פרייד פון לאָזן די בעסטיע זיך אַריינרייסן אין דער מאַסע צו צעטרעטן מענער, פרויען און קינדער.

אָ, אַזאַ פאַרשוין איז פּעיִק אויף אַלץ! אָן אַ שאָטן פון צווייפל איז ער באַגאַנגען אַ סך אַנדערע פאַרברעכנס פון וועלכע מיר וועלן קיין מאָל נישט וויסן. עס זענען געווען טויזנט און איין מאָטיוון צו גלייבן, אַז ער איז געווען דער מיטשולדיקער אין יענער אַפּערע צו פאַראַטן פראַנקרייך. און וואָס אָנבאַלאַנגט יענער יתומה, וועלכע ער האָט אויפגעהאָדעוועט און וועמען מען האָט געפונען טויט אין דער פּרי אויף זיין שוועל. ווער אויסער אים האָט זי געקענט דערהרגענען? יענער מאָרד איז געוויס געווען דער בלוטיקער עפּילאָג פון איינער פון יענע נידערטרעכטיקע דראַמעס פון שאַנד, וואַקכאַנאַליע און געמיינקייט פון וועלכע מ׳וואַגט קוים צו רעדן.

נאָך אַזוי פיל חטאים איז נישט נייטיג געווען זיך צו פאַרהאַלטן אויפן לעצטן פאַרברעכן. נישט געקוקט אויפן אַבסאָלוטן לייקענען פון דעם באַשולדיקטן, זענען געווען קלאָרע באַווייזן, און ער וואָלט באַדאַרפט פאַרמשפּט ווערן מיט דער האַרבסטער שטראָף. ער וואָלט דאַן באַשטראָפט געוואָרן גערעכטיק און נישט צו שטרענג, ווייל ער איז נישט געווען בלויז אַ געוויינלעכער פאַרברעכער, נאָר אַן אמתער טייוול פון פאַרברעכנס; איינער פון יענע נידערטרעכטיקע און היפּאָקריטישע מאָנסטערס, וועלכע מאַכן אונדז שיעור נישט צווייפלען אין טוגנט און ווערן פאַרצווייפלט פון דער מענטשלעכער נאַטור.

אין אָנבליק פון אַזאַ אָנקלאַגע איז קאָנסטאַן גינאַרס אַדוואָקאַט נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי נאָר דערקלערן זיין קליענט פאַר אַ משוגענעם. ער האָט געטאָן ס׳בעסטע וואָס ער האָט געקענט... ער האָט גערעדט פון פּאַטאָלאָגישע פאַלן, האָט ווי־סנשאַפטלעך עקספּאָנירט וועגן די „נערוועזע צערודערונגען פון פאַרברעכער", האָט פאַרגעשטעלט זיין קליענט אַלס אומפאַראַנטוואָרטלעכן מאָנאָמאַניאַק, אַ מין אומבאַוווסטזיניקן גולם. ער האָט געענדיקט זאָגן, אַז אַזעלכע אַנאָמאַליעס ווערן באַהאַנדלט אין משוגעים־הויז און נישט אין תפיסה.

קאָנסטאַן גינאַר איז איינשטימיק פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

טוגנטהאַפטיקע מענטשן, וואָס זענען ווילד געוואָרן פון אויפרעגונג, פאַר האַס צו דעם דאָזיקן פאַרברעכער, זענען אַנטציקט געווען פון פרייד און האָבן געשריגן בראַוואָ! בראַוואָ!

דער טויט פון קאָנסטאַן גינאַר איז געווען אַזוי ווי זיין קינדהייט: מוסטערהאַפט און אומגליקלעך. ער איז אַרויף אויף דעם עשאַפאָט אָן מורא און אָן פּאָזע. זיין געזיכט איז געווען רויִק אַזוי ווי זיין געוויסן, מיט דער רויִקייט פון אַ מאַרטירער, וואָס יעדער האָט על פּי טעות אָנגענומען פאַר דעם גלייכגילט פון אַ ברוט.

אין דעם העכסטן מאָמענט, ווייסנדיק אַז דער תליון איז געווען אָרעם און אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע, האָט ער שטיל אַרויסגעפּליסטערט, אַז ער לאָזט אים איבער

זיין גאַנץ פאַרמעגן. דער הענקער, אַן איבערגעראַשטער פון דער דאָזיקער לעצטער פּראָזע, איז געווען געצוווּנגען צו געבן דריי העק איידער דער קאָפּ פון זיין ווויל־טעטער איז אַראָפּגעפאַלן...

מיט דריי מאָנאַטן שפּעטער, האָט אַ פריינד פון קאָנסטאַן גינאַר, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ ווייטער רייזע, זיך דערוווּסט פונעם טרויעריקן סוף פון יענעם ערלעכן מאַן. וועמענס מעלות ער האָט געקענט. כדי גוט צו מאַכן אויף וויפל ער האָט געקענט די אומגערעכטיקייט פונעם גורל, האָט ער באַשטעלט אַ פּראַכט־פולן מירמלנעם מאָנומענט און האָט אָנגעשריבן די עפּיטאַפיע פאַר זיין פריינד. דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז זיין פריינד זאָל שטאַרבן דעם צווייטן טאָג פון בלוט־שטורץ. אַזוי ווי אָבער ער האָט באַצאָלט דעם באַטרעף אין פאָראויס, איז די מצבה אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן קבר פונעם אומגליקלעכן גינאַר.

דער אַרבעטער, וואָס האָט באַדאַרפט אויסקריצן די עפּיטאַפיע, האָט באַשלאָסן צו קאָרעגירן אַן אות, וועלכעס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ טעות אין מאַנו־סקריפּט. און דער אָרעמער מענטש פון גוטע מעשים, וועלכער איז שלעכט פאַר־שטאַנען געוואָרן ביים לעבן, ליגט אויף אַלע אייביקייטן אונטער דעם פאַלגנדיקן אויפשריפט:

ד אָ ל י ג ט ק אָ נ ס ט אַ ן ג י נ אַ ר ה אָ ם ד ע ר י ע ן — (אַ מאַן אַ גאָרנישט).

דער מצבה־קריצער האָט קאָרעגירט דעם אָריגינאַל פון דער עפּיטאַפיע פון „האָם דע ביען", אַ גוטער מאַן, אויף „האָם דע ריען".

זשאָרזש ראָדענבאַך

(געבוירן אין 1855 — געשטאָרבן אין 1898)

דער בעלגישער פּאָעט זשאָרזש ראָדענבאַך האָט שטודירט אין יורידישן פאַקולטעט פון גענט, וווּ ער האָט זיך באַקענט מיטן באַרימטן פּאָעט עמיל ווערהאַרן. נאָך דעם ווי ער האָט זיך גראַדויִרט, איז ראָדענבאַך אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. אויף אַ צייט האָט ער זיך אומגעקערט קיין בעלגיע, וווּ ער האָט פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט. אָבער אין 1887 איז ער איבער אַ בייס אַוועק קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געלעבט ביז זיין טויט.

זיינע ערשטע שאַפונגען זענען געווען לידער וועגן בעלגישן לעבן „ליע פּויִע ע ליע שאַמפּ", „אַד אַ ליאַ בעלזשיק", און אַנדערע. אָבער אין פּאַריז האָט ער געשאַפן זיינע בעסטע ווערק.

די לידער און נאָוועלן פון דעם דאָזיקן באַדייטנדיקן בעלגישן פּאָעט, דער פריינד פון עדמאָנד גאָנקור, זענען דורכגעדרונגען מיט דער אַטמאָספער פון דער בעלגישער שטאָט און דאָרף וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן, און שפּיגלען אָפּ דעם גייסט און שטימונגען פון זיין דור און זיין לאַנד.

דער שטאָט־יענער

אַנומלט האָב איך דערקענט די פּלייצע פון מיין פריינד איקס. ער איז געגאַנגען פאַר מיר איבער דער גאַס. מען האָט געקענט זען, אַז ער איז גליקלעך פון זיין פריילעך געגנגעלע און פון די גיכע באַוועגונגען פון זיין שטעקעלע. מיט דעם לעצטן האָט ער געצייכנט אַראַבעסקן אין דער לופטן, וועלכע זענען וואַרשיינלעך געווען ענלעך צו די שטריכן פון זיין דלאָניע, וואָס האָבן באַהאַלטן זיין גורל.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך באַמערקט, אַז ער גייט נאָך אַ פרוי. וואָס? איקס גייט נאָך אַ פרוי? אַ מאַן פון אַ פעסטער פּאָזיציע, אַ חשובער, אינטעליגענטער פּאָפּולערער מאַן, וואָס איז נאָך שיין און בכוח נושא חן צו זיין אין די סאַלאָנען פון דער געזעלשאַפט?

מען האָט קיין מאָל נישט געהערט, אַז ער זאָל האָבן געשפּילט אַ ליבע אָדער אַפילו אַ פלירט. נאָך מער, ער איז געווען פאַרהייראַט און מענטשן האָבן געגלייבט אַז ער איז אַבסאָלוט טריי זיין ווייב.

און דאָך איז ער נאָכגעגאַנגען אַ פרעמדער פרוי. איך בין געווען זיכער, אַז זיין

לעבן מוז זיין מער קאָמפּליצירט ווי ס׳האָט אויסגעוויזן. געוויס האָט אַ מאַן מיט אַזאַ פיינעם כאַראַקטער ווי זיינער נישט געקענט זיין חשוד אין געמיינער פאַר־דאָרבנקייט אָדער אין ווולגאַרער תאווה?

דאָרט ווו ס׳ענדיקט זיך די גאַס איז ער געבליבן שטיין. ער האָט ווי אויפגעגעבן זיין ציל. פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרקירעוועט אין מיין ריכטונג און מיר האָבן זיך באַגעגנט.

— אָ! דאָס מאָל האָב איך אייך געפּאַקט! — האָב איך אויסגערופן — אַזוי, איר גייט נאָך פרויען אין די גאַסן?

— געוויס גיי איך נאָך. אין דער אמתן איז דאָס די איינציקע אורזאַך פאַר וואָס איך גיי אַרויס אין דרויסן.

אָן צווייפל האָט מיין אויסדרוק אויסגעגעבן אַ געוויסע דערשטוינונג אָדער אומצוטרוי צו דער מעגלעכקייט ער זאָל איראָניזירן. ער האָט געדענקט, אַז ס׳איז דער מאָמענט זיך צו האַלטן ביי זיינעם, גלייך ווי דאָס וואָס ער זאָגט וואָלט געווען אמת און ער מוז עס תיכּף אַרויסזאָגן.

— אַוודאי — האָט ער געזאָגט — יעדער איינער לאָזט זיך אַרויס אויף יאַגד אין דער צייט פון יאָר! איך פאָר נישט אויף דער פּראָווינץ. מיין פעלד איז דאָ. די גרויסע הויפּטשטעט זענען וועלדער. די פרוי איז אַ טייערע און פילגעשטאַלטיקע וואַלד־חיה. איך לאָז זיך אַרויס יעדן פאַרנאַכט, איך גיי אויף יאַגד. איך צי גוט אַרויף מיינע הענטשקעס, מיין הוט, מיין גאַנצער הילוך איז אין אָרדענונג, אַקוראַט ווי אַ יעגער, וואָס גיט אַכטונג, אַז זיינע ביקסן און הינט זאָל זיין אין אָרדענונג.

— און איך האָב הנאה פון דער עמאָציע, פון די זיסע אַנגסטן בשעתן לויערן, פון נאָכקוקן, פאַרפאָלגן, פון באַזיגן — אַקוראַט ווי אַ יעגער.

— און ווי אַ יאַגד אויף חיות איז דאָ אויך פאַראַן כלערליי מינים. עס זענען פאַראַן פרויען וועלכע שוועבן דורך די גאַסן מיט אַ פליגל־געפלאַטער. עס זענען פאַראַן פרויען, וועלכע גייען פאַרביי אין די פאַרביקע פאַזאַן־קליידער. עס זענען פאַראַן פרויען, וועלכע באַווייזן זיך און ווערן פאַרשווונדן אין מיטן פונעם המון אַזוי ווי האָזן אין גראָז. עס זענען פאַראַן פרויען וואָס ווילן אייך אַטאַקירן, ווי אַ ווילדער חזיר, ביי דעם ערשטן פרווו זיך צו דערנענטערן.

צו פאַרפאָלגן די דאָזיקע אַלע ווילדער חיות! נאָכגיין אָט די אַלע פרויען! און זיי אַ גוטער יעגער אַנלאָדן ווי געהעריק אַ ביקס; בייטן די מוניציע; אויסקלייבן די פּאַסיקע קויל, צילן אין פויגל אָדער אים לאָזן פריי? זיך צו ווענדן צו אַ פרוי מיט איין וווּנדערבאַרע פראַזע, אָדער אויף גיך אַרויסרעדן עטלעכע קורצע און שיינע ווער־טער, וועלכע פאַרדעקן ווי מיט אַ פליגל אַ קול וואָס וויל פּראָטעסטירן?

אַזוי אַרום פאָדערט זיך אַ גרויסע רויִקייט אינעם בליק. צו דערקענען אויפן מאָמענט אַ פרויס באַזונדערע קוואַליטעט, פונקט ווי אַ יעגער דערקענט די נאַטור פונעם פויגל לויטן געוויש פון זיין פלי אין דער שטילקייט, ווען ער זעט אים נישט.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט טריי אייער פרוי! — האָב איך געזאָגט היפש דערשטוינט.

— איך בין אַבסאָלוט טריי — האָט געענטפערט מיין פריינד. — אָבער דאָס איז עפּעס אַנדערש. קיין עכטער יעגער עסט קיין מאָל נישט די חיות, וואָס ער דערמאָרדעט. ער פילט נישט קיין טעם אין יאַגד־פלייש, צי דאָס איז קוראַפּאַטווע, פאַזאַן, הירשן אָדער האָזן־פלייש. וואָס באַלאַנגט מיר, באַזיץ איך קיין מאָל נישט די פרוי, וועלכער איך גיי נאָך. יענע נאָך וועלכער איך יאָג זיך — אויב אייך געפעלט בעסער.

— יאַגד איז אַ גייסטיק פאַרגעניגן, אַ גרויסע פרייד. דער גאַנצער תענוג פון איר באַשטייט אין דעם וואָס עס קומט פריער און שפּעטער. זיך אָנטאָן, באַוואָפענען, אַרויסלאָזן זיך אין וועג אַריין, לויערן, נאָכפאָלגן דער ווילדער חיה, זי צווינגען אַרויסצוקריכן פון דער באַהעלטעניש. דערפאַרן יעדע קליינע נייגעריקייט; קענען די טאַקטיק פון דעם ספּאָרט, דאָס נאָכשפּירן, די עמאָציע, די אומזיכערקייט פון דערפאָלג, דאָס אַוועקפליען פונעם פויגל פון אונטער די הענט — אַ זאַך וואָס געדויערט בלויז אַ רגע. דאָך איז אַלץ אָפּהענגיק פון אָט דער רגע. נאָך דעם די באַפרידיקונג פון אַ מאַנס שטאָלץ, דער חשבון פון די געכאַפּטע חיות און פייגל, און דער איבערגעטריבענער באַריכט וואָס מ׳גיט אָפּ וועגן די אייגענע העלדנטאַטן צו אַנדערע... אָט די זענען די געהיימע פאַרגעניגנס פונעם יאַגד. זיי זענען איינע און די זעלבע, צי איר יאָגט נאָך אַ פרוי אָדער אַ חיה. דער מאָמענט פון אויסשיסן איז בלויז איין דעטאַל...

— איר זענט זייער קלוג — האָב איך באַמערקט צו מיין פריינד. אָבער אייער חכמה און פאַנטאַזיע זענען מיר אויס צו זיין אַמהעכסטנס געקינצלט!

— לחלוטין נישט! — האָט ער פּראָטעסטירט — זיי זענען די לויטערסטע ווירקלעכקייט. איך טו עקזאַקט אַזוי ווי איך האָב אייך דערציילט. ווען איך זאָל נישט געווען אַנטדעקן דעם דאָזיקן ספּאָרט, וואָלט איך געשטאָרבן פון לאַנגוויל אין די גאַסן. דאָס איז מיין אופן פון אונטערהאַלטן זיך, ווען איך לאָז מיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר. ווי איך האָב געזאָגט, גיי איך אויף יאַגד! וואָס פאַר אַ מעשיות, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע מעשיות פון יאַגד איך וואָלט געקענט דערציילן!

און די אַקצידענטן, די געפאַרן פון יאַגד. יענער זיסער טעם פון די אומבאַדייטנדיקע סכנהלעך, ווען מען יאָגט נאָך די חיה ביז צו איר נאָרע. מער ווי איין מאָל האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ דערפאַרונג. דאַן דאָס נאָכיאָגן אַ פרוי איז אַן אויפרייצונג, אַ פיבער. עס קומט אַ מאָמענט, ווען איר קענט זיך מער נישט אָפּשטעלן. אין אַזעלכע פאַלן, האָב איך נאָכגעפאָלגט די פרויען, וואָס איך בין נאָכגעגאַנגען אין הייזער, ווו זיי האָבן פיליכט געלעבט, אין האָטעלן ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַלס געסט אָדער וווהין זיי האָבן מיך געלאָקט, ווייל איך בין זיי געווען אַנגענעם.

עס פּאָדערט זיך אַ פּלינקייט, אַ פּאַרשפּיצטער חוש־הריח, מען דאַרף פאַר־מולירן אַ באַשלוס אויפן מאָמענט, דאַן האַנדלען. נאָכפאָלגן אַט פון דער נאָענט, און אַט פון דער ווייטנס, אַ קורצע ווײַלע אָדער פּאָר אַ לאַנגער צייט. שמייכלען אָדער אָננעמען אַ שלאָבערדיקע מינע. אויסזען סענטימענטאַל אָדער אַ דראַבערער. נאָכגיין אַ פרוי טרעפּ אַרויף אָדער שטיין און וואַרטן אונטערן פענצטער. עס זענען פאַראַן פרויען, וועלכע מען מוז פאַרטשעפּען אין שטילע גאַסן, אַנדערע אינעם טומל פון בולוואַר. איינע מוז מען אַריינגאַרן אין אַ דורכגאַנג און אַ צווייטע אין אַ פּאַעטאָן.

איך האָב אַזוי געהאַנדלט קלוג און ווירקזאַם אויף פאַרשידענע אופנים... מיט טויזנט שפּיצלעך! און דאָס אַלץ נישט ווייטער פון דער זיכערקייט־גרענעץ, ביז דעם מאָמענט ווען די פרוי וויליקט איין. אַ באַלדיקע אונטערטעניקייט, איינ־שטימיק צו אַ זעונג אין דער צוקונפט, אָדער איינפאַך אַן אָנגענעמע שפּילעוו־דיקייט, וואָס זאָגט דאָך אָן דערפאָלג נישט געקוקט אויף דעם אָנשטעל — דאָס איז געווען גענוג, אין אַלע פאַלן, מיך צו באַפרידיקן.

אַזוי שנעל ווי דאָס איז געשען, האָב איך אויפגעגעבן דעם ספּאָרט. אין אַנדע־רע ווערטער, איך בין אַנטלאָפן פון דעם געשפּרעך, פון דער זעאונג, פון דער פאַר־ווירקלעכונג. בלויז די זיכערקייט אין דערפאָלג האָט מיך אינטערעסירט. ווען איך האָב דאָס באַקומען איז געווען פאַר מיר גענוג. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז קיין עכטער יעגער עסט נישט די חיות וואָס ער דערמאָרדעט. אויך איך האָב קיין אינ־טערעס נישט אין די פרויען, וועלכע איך באַזיג...

מיין פריינד איז געבליבן שטיל. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער ווייט, אָנ־שטעלנדיק זיינע גרויע אויגן, ווי אַ נייער קרבן זאָל זיך געווען באַוויזן. איבער דעם וואָס ער האָט מיר אָקאָרשט געהאַט דערציילט, האָב איך באַמערקט צום ערשטן מאָל ווי גרוי עס זענען זיינע אויגן — גרוי ווי שטאָל, ווי אַ רער פון אַ ביקס... אין דער זעלבער צייט האָבן זיינע נאָזלעכער געציטערט. זיין נאָז איז געווען פון אַ יאַגד־הונט, וואָס האָט אויפגעכאַפּט אַ ריח. פרויען זענען פאַרבייגעגאַנגען אין דער דיסטאַנץ, באמת גראַציעזע, אַזוי ווי פייגל אין פילפאַרביקע קליידער פון פאַזאַנען — נאָר לאָז זיך אויף דער יאַגד און כאַפּ זיי!

דאָך האָט מיין פריינדס מעשה מיך באַאומרויִקט און מיר פאַרשאַפט אַנגסטן. וואָס איז דער זין פון דער ציללאָזער אויפרייצונג, פון דער גייסטיקער פאַרווירונג? איך האָב פאַרבאָרגן מיין אומרו־געפיל, דאָך האָב איך אים עפּעס דערפון איבער־געגעבן.

—זייט פאַרזיכטיק! — האָב איך געזאָגט — דער דאָזיקער פאַרגעניגן קען ווערן געפערלעך. עס איז אין דעם אַלעם פאַראַן אַ מאָדנע מאַניע, פיללייכט אַ סאַ־דיסטישער שטריך.

— יעדנפאַלס — האָט ער געענטפערט — בין איך נישט דער איינציקער. די גרויסע הויפּטשטעט זענען פול מיט יעגערס אַזוי ווי איך. טייל מאָל, ווען איך בין נאָכגעגאַנגען אַ פרוי, האָב איך באַמערקט ווי פיר אָדער פינף אַנדערע גייען איר נאָך פון הינטן. עקזאַקט ווי אין געיעג! דער פויגל פליט צווישן עטלעכע ביקסן...

נאָך מער, עס זענען פאַראַן כל המינים חיות און כלערליי געשמאַקן! עס זע־נען אויך פאַראַן ספּעציאַליסטן. איינקע געפעלן געוויסע מינים פרויען — בלאָנדע אָדער ברונעטע, שלאַנקע פרויען און דינע, דיקע פרויען מיט אַ קערפּער פון מאַ־יעסטעטישע חיות. אַנדערע ווידער האָבן בעסער ליב פרויען, וועלכע זענען יונג, אָבער וועמענס האָר זענען גרוי. פרויען אין טרויער האָבן זייערע פאַרערער, אין די שטאָט־גערטנער, ווו זייערע שוואַרצע קליידער פּאַסן זיך אַזוי פּרעכטיק מיט טויטע בלעטער. אַנדערע מענער לויערן אויף אַלמנות...

די דאָזיקע זענען יעגערס, וועלכע עסן די חיות, וועלכע זענען שוין פאַרווונ־דעט. ווייל דאָ אויך איז פאַראַן כלערליי יעגער. דער מאַן וואָס יאָגט זיך נאָך יונגע בתולות איז ענלעך צו יענעם, וועלכער יאָגט זיך נאָך ווילדע קאַטשקעס. דער מאַן וועלכער גייט נאָך דווקא שטרענגע פרויען, איז ענלעך צו דעם יעגער פון ווילדע חזירים...

— און וויפל שאַצט איר? — האָב איך געפרעגט מיין פריינד — אויב עס זענען פאַראַן אַזוי פיל יעגער אין די וועלדער פון די גרויסע שטעט, מוזן די שוואַכע ווייבלעכע באַשעפענישן פאַלן בשפע.

— יאָ, עס איז פאַראַן אַ סטאַטיסטיק. פון די פרויען וועלכע מען גייט נאָך, איז די פּראָפּאָרץ פון די וואָס פאַלן איינס צו פיר. אין די דאָזיקע ציפערן מוז מען אַריינרעכענען די פרויען פון די פּראָווינצן און אויסלענדער, וועלכע ווערן פאַר־בלענדט פון פּאַריז, וואַנדערן אַרום און פאַלן לייכט. און דאַן איז אַלץ אָפּהענגיק פון אַזאַ קלייניקייט — איין וואָרט, איין באַזונדערער מאָמענט, דער גורל, די פלינקייט פון דעם יעגער.

אָט אין דעם איז באַזונדערס שטויגענד די אַנאַלאָגיע צו יאַגד. אַ פרוי איז ווי אַ ווילדע חיה — איר פאַרלירט זי אַזוי לייכט ווי איר פאַנגט זי.

דזשאָוואַני באָקאַטשאָ

(געבוירן אין יאָר 1313 — געשטאָרבן אין יאָר 1375)

פון דעם פּערזענלעכן לעבן פון דזשאָוואַני באָקאַטשאָ, — דער אומשטערבלעכער קלאַסי־קער פונעם איטאַליענישן רענעסאַנס, — איז בלויז באַקאַנט וואָס ער גופא האָט וועגן זיך דערציילט. און וואָס ער האָט דערציילט, זאָגן ליטעראַטור־היסטאָריקערס, איז לויטער פּאָע־טאַזיע...

דער שעפער פון „דעקאַמעראָן" איז אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור אַלס „פאָטער פון דער איטאַליענישער פּראָזע". פון באָקאַטשאָן האָבן פיל גרויסע שרייבערס, איטאַליענער און אויסלענדער, געלערנט סטיל און לשון, אייגער פון די גרעסטע, וועלכער האָט אים קאָפּירט און נאָכגעמאַכט, איז געווען דער ענגלישער קלאַסיקער זשאָפרי טשאָסער.

די מעשה „דריי רינגען" האָבן מיר איבער־געזעצט פון „דעקאַמעראָן" (ערשטער טאָג — דריטע מעשה).

לעסינג האָט זי איינגעפלאָכטן אין זיין גרויס ווערק „נתן החכם".

די דריי רינגען

סאַלאַדין איז געווען אַזאַ בראַווער און גרויסער מאַן, אַז ער האָט געשטיגן פון אַן אומבאַדייטנדער פּערזאָן צו ווערן סולטאַן פון בבל, און האָט אָפּגעהאַלטן אַ סך נצחונות איבער טערקישע און קריסטלעכע פּרינצן. דער דאָזיקער מלך, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט געפירט אַ סך מלחמות, און, פאַלגליך, געמאַכט אַ סך אויסערגעוויינלעכע הוצאות איז ער געבליבן מיט אַ ליידיקער מלוכה־קאַסע און האָט באַדאַרפט אַ גרויסע סומע געלט. נישט וויסנדיק ווי אַזוי ער וואָלט געקענט באַקומען גענוג צו באַפרידיקן זיינע נויטן, האָט ער ענדליך זיך דערמאָנט אין אַ רייכן יידן פון אַלעקסאַנדריע, מיט דעם נאָמען מלכי צדק, וועלכער האָט געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט. דער דאָזיקער ייד, האָט ער געגלייבט, וואָלט געווען ביכולת אים צו העלפן; אָבער דער ייד, ווידער, איז געווען אַזוי קאַרג אַז ער וואָלט עס מיט דעם גוטן ווילן קיין מאָל נישט געטאָן, און סאַלאַדין האָט קיין חשק געהאַט אים דערצו צו צווינגען. אָבער אַזוי ווי נויט ברעכט אייזן, האָט ער ענדלעך, נאָך אַ סך טראַכטן ווי אַזוי אַמבעסטן דאָס דורכ־צופירן באַשלאָסן צו נוצן געוואַלט אונטער עפּעס אַ געזעצכטן אויסרייד. ער האָט דע־ריבער אים געשיקט רופן, און האָט אים העכסט פריינטלעך אויפגענומען; האָט אים געבעטן זיצן, און האָט אים אַזוי געזאָגט: „ערלעכער מאַן, איך האָב געהערט פון פּאַר־

שידענע פּערזאָנען אַז דו ביסט זייער קלוג, און ביסט אַ ידען אין אמונה־זאַכן; וואָלט איך מיט פאַרגעניגן פון דיר געוואָלט הערן וועלכע רעליגיע האַלטסטו פאַר דער אמת׳ער. די יידישע, די מאַכמעדאַנישע, אָדער די קריסטלעכע?״ דער ייד (וואָס איז באמת געווען אַ קלוגער) האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז סאַלאַדין האָט בדעה אים צו פאַרנאַרן אין אַ פאַסטקע; און באַגרייפנדיק אַז דער סולטאַן וועט אים באַזיגן אויב ער וועט שטעלן העכער וועלכע נישט איז פון די דריי רעליגיעס, האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט ווי אַזוי אויסצומיידן די נעץ און ענדלעך האָט אים זיין דערפינדערישע פאַנטאַזיע באַזאָרגט מיט דעם פאָלגנדן ענטפער: „די פראַגע וואָס אייער מאַיעסטעט האָט מיר געשטעלט איז זייער מאָדנע; און כדי איך זאָל אייך קענען אויסדריקן מיינע געפילן, מוז איך אייך בעטן מיר דערלויבן צו דערציילן אַ קורצע מעשה״.

— איך דערמאָן זיך צו האָבן אָפט געהערט וועגן אַ גרויסן און רייכן מאַן, וועלכער האָט פאַרמאָגט צווישן זיינע זעלטנסטע און טייערסטע צירונג אַ אויסערגעוויינלעך שיינעם און ווערטפולן רינג; און היות ער איז געווען שטאָלץ מיט אָט דעם ווערטפולן חפץ, און האָט געוואָלט אַז ער זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן אין זיין משפּחה, האָט ער געלאָזט אַ צוואה, אַז דער פון זיינע זין וועמען ער שענקט אַוועק דעם רינג, ווערט באַשטימט אַלס זיין יורש, און אים מוז מען אָפּגעבן כבוד ווי דעם קאָפּ פון דער פאַמיליע. דער זון וואָס האָט באַקומען דעם רינג, האָט אויך געלאָזט אַזאַ צוואה זיינע קינדער, און דער רינג איז איבערגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן אין משך פון אַ סך דורות, ביז ער איז אַריינגעפאַלן צו אַ פּערזאָן וועלכע האָט געהאַט דריי זין, אַלע לייטישע און געטרייע, און אַלע גלייך געליבטע פון זייער פאָטער. און די יונגעלייט, וויסנדיק די ווערט פון דעם רינג, און וועלנדיק יעדער פון זיי זיין דער ערשטער אים צו געווינען, האָבן אָנגעהויבן בעטן זייער פאָטער, וואָס איז געוואָרן אַלט, דעם רינג. דער גוטער מאַן, וואָס האָט גלייך ליב געהאַט זיינע אַלע דריי זין, האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט; און אַזוי ווי ער האָט יעדן פון זיי צוגעזאָגט דעם רינג און האָט זיי אַלע געוואָלט צופרידנשטעלן, איז ער אַוועק בסוד צו אַ גאָלדשמיד און האָט באַשטעלט צוויי אַנדערע, וואָס זענען געווען אַזוי ענלעך צום ערשטן, אַז ער אַליין האָט קוים געקענט דערקענען דעם עכטן, און פאַר דעם טויט האָט ער בסוד געגעבן איינעם צו יעדן פון זיינע זין. שפּעטער האָבן זיי אַלע געפאָדערט די בכורה און די ירושה, קריגנדיק זיך און באַווייזנדיק יעדער זיין רינג; און די רינגען זענען געווען אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן, אַז מען האָט נישט געקענט אונטערשיידן וועלכער פון זיי איז דער עכטער. זיי זענען אַוועק זיך לאָדן, און ביז היינט איז נאָך נישט אַרויס דער פּסק. און דאָס זעלבע איז געשען, אדוני מלך, מיט די דריי אמונות וואָס דער אויבערשטער האָט אונדז געגעבן, און וועגן וועלכע האָסט מיך געפרעגט: יעדער איינער גלויבט אַז ער איז דער אמתער יורש פון גאָט, היט זיין תורה און פאָלגט אויס זיינע געבאָטן; אָבער וועלכער עס האָט רעכט איז אַזוי אומבאַוווסט ווי אין פאַל מיט די רינגען.

סאַלאַדין האָט פֿאַרשטאַנען אַז דער ייִד האָט אויסגעמיטן די נעץ וואָס ער האָט פֿאַרשפּרייט פֿאַר אים; ער האָט דעריבער באַשלאָסן אים דערציילן אָפֿן אין וואָס ער נויטיגט זיך, צו זען אויב ער וועט אים לייען געלט, אויסזאָגנדיק אים צו דער־זעלבער צייט וואָס ער האָט געפּלאַנט צו טאָן ווען זיין קלוגער ענטפֿער זאָל עס נישט געווען פֿאַרהיטן. דער ייִד האָט פֿריי געגעבן וויפֿל ער האָט פֿאַרלאַנגט. סאַלאַדין האָט אים שפּעטער באַצאָלט מיט גרויס כּבֿוד, האָט אים געשאָנקען גרויסע מתּנות, חוץ דעם האָט ער אים געהאַלטן אין זיין הויף, און איז פֿאַרבליבן זיין פֿריינט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט.

גראַציאַ דעלעדאַ

(געבוירן אין 1875 — געשטאָרבן אין 1936)

גראַציאַ דעלעדאַ איז געבוירן געוואָרן אין סאַרדיניאַ, אין דער שטאָט נואָראָ. די גרעסטע טייל פון אירע קורצע דערציילונגען זענען אינספּירירט געוואָרן פון דער נאַטור פון איר געבוירן־אינדזל. אירע ערשטע דערציילונגען אין וועלכע מען האָט באַלד געמערקט איר עכטן קינסטלערישן טאַלענט, האָט זי אָנגעשריבן אין עלטער פון 17 יאָר.

אירע ווערק שפּיגלען אָפּ לאָקאַלן קאָלאָריט און אין אַזעלכע נאָוועלן ווי „ל'אינטשענדיאָ נעל'אָליוועטאָ", „לאַ מאַדרע", „די פרוי און דער גייסטלעכער" איז פאַראַן פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער און כאַראַקטער־שטודיומס.

די העלדן פון גראַציא דעלעדאַס ווערק זענען אין גרעסטן טייל פרויען און אַלע זענען זיי ווייבלעך, פּסיכאָלאָגיש מער רעאַליסטיש ווי אירע מענער־העלדן.

איין קריטיקער דערקלערט צווישן אַנדערן: „...עס בלייבט אַ פאַקט, אַז גראַציאַ דעלעדאַ האָט איבערגעלאָזט פיל גוט־געשילדערטע, אויפריכטיקע און רירנדיקע דערציילונגען און אַז איר גאַנצע שרייבערישע קאַריערע איז געווען מערקווירדיק און וווּנדערבאַר דורך דעם וואָס זי האָט פאַרשטאַנען אירע פעלערן און האָט אָנגעשריבן נאָוועלן פון וואָס א מאָל גרעסערן אינטערעס.

„אויב איר ווערק, גענומען אַלס גאַנצעס, זעט אויס ווי עס האָט שטעלן וואָס חזרן זיך איבער, איז דאָס אויך אימפּאָזאַנט.

אַ טוץ פון גראַציאַ דעלעדאַס נאָוועלן וועלן אויף תמיד פאַרבלייבן קאָמפּעטענטע און אינספּירירנדיקע, און מען מעג זאָגן, אַז זי האָט קיין מאָל נישט אָנגעשריבן קיין שלעכט בוך".

צען יאָר פאַר איר טויט (אין 1926) האָט די הומאַנע איטאַליענישע שריפטשטעלערן באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

„די האָזעכע", גראַציאַ דעלעדאס קורצע דערציילונג, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דער אַנטאָלאָגיע, קען דינען אַלס ביישפּיל פון אַ מייסטערהאַפטער נאַטור־שילדערונג, וועלכע איז קאָליר־פול, קרעפטיק און פול מיט לעבן.

די האָזעכע

אַ קליין אינדזל האָט זיך אויפגעהויבן אין מיטן פון אַ ברייטן טייך. און אין מיטן פון דעם אינדזל האָט געשיינט אַ קליינע אָזערע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ טייכל פון אַ גרינלעכן זילבער, אַרומגערינגלט מיט טאָפּאָלן און ווערבעס, קוסטעס פון ווילדער אַקאַציע און הויכע, ווייכע פלושיקע גראָזן באַזעצטע מיט מאָדנע רויטע זון־בלומען. אָפּגעשפּיגלט אין דעם דאָזיקן קליינעם טייכל, האָט די גאַנצע נאַטור, ווי אַ בילד, אויסגעזען שענער און פאַנטאַסטישער.

בייטאָג האָט דער הינטערגרונט פונעם האַרבסטיקן הימל, מיט זיינע וועקסלדיקע פאַרבן און קאַפריזנע וואָלקנס; ביינאַכט, די גרויסע רויטע לבנה און גלאַנצנדיקע שטערן, די ציטערנדיקע געשפּענסטער פון די טאָפּאָל־ביימער אָפּגעשפּיגלט אינעם טיפן שפּיגל פון דער אָזערע, געגעבן דעם מקום אַ ראָמאַנטישן אויסזען.

און אין אָוונט האָט דער יעגער, וואָס האָט פאַראַנקערט זיין שיפל ביי די קרומע ברעגעס פון דעם ווילדן אינדזל און געלאָזט שפּורן פון גנבהשע פוסטריט אויף דעם אומבאַרירטן זאַמד, געזען די רויטע לבנה זיך באַווייזן דורך די טאָפּאָלעס. און דאַן ווידער, נאָך שענער ווי פריער, זיך אָפּשפּיגלען אין די וואַסערן פונעם קליינעם טייכל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם ליכטיקן וואַסער־בילד, אַ באַצויבערטער פון דער אומבאַקאַנטער וועלט און דעם וויטן מיסטעריעזן הימל, וואָס האָבן זיך ווי באַוויזן אינעם סאַמע צענטער פון דער ערד. אַן אַלטע האָזעכע, וואָס האָט געלעבט צווישן די אַקאַציעס אויפן ברעג, האָט דערזען דעם טונקעלן מאַן, איר שרעקלעכן שונא. און זי איז אַנטלאָפן גיך, לאַנג און שטיל, מיט אירע אויערן פאַרשפּיצט און שטייף ווי מעסערס, וואָס זענען גרייט געווען זי צו פאַרטיידיקן.

דער מאַן איז געבליבן ביי זיינע חלומות. די האָזעכע האָט פאַרלוירן אירע, אָבער האָט געראַטעוועט ס'פּעלעכל. ווען זי האָט דערגרייכט די טיפּעמישן פונעם וואַלד, איז זי אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ טונקעלן קוסט, און האָט לאַנג געוואַרט, איינהערנדיק זיך, אַרומשמעקנדיק די לופט מיט איר קליין ציטערדיק נעזל. און ס'האַרץ האָט איר געקלאַפּט הויך. אין משך פון לאַנגע חדשים האָט עס אַזוי שטאַרק נישט געקלאַפּט.

און ריכטיק, נאָך דער לעצטער פאַרפלייצונג, ווען אַלע האָזן אויפן אינדזל זענען פאַרשוווּנדן, דערשאָסן אָדער געפאַנגען געוואָרן דורך די פישער, אָדער אַוועקגעשלעפּט געוואָרן דורכן שטורמישן טייך, האָט די אַלטע האָזעכע געמיינט, אַז זי איז די איינציקע האַרנטע פונעם פלאַץ, און האָט געחלומט אָפּצולעבן דאָרט אַליין און רויִק אַלע אירע יאָרן. זי איז געווען אַלט, מיד און איינזאַם. אירע קינדער האָבן זי פאַרלאָזן, און די זכרים האָבן מער קיין חשק נישט געהאַט צו איר. זי האָט געקענט רויִק בלייבן אין אַן איינזאַמען ווינקל פונעם אינדזל, אָן מורא און אָן סכנה.

פרילינג־צייט, ווען די טייכן האָבן זיך צעגאָסן האָט זי געלעבט צווישן אייניקע ביימער־שטאַמען, וואָס דאָס וואַסער האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן הויכן ברעג איבערן קליינעם טייכל. קיינער האָט נישט געטראַכט אַריבערצוגיין דאָס בלאָטיקע ווילדע אינדזל. און אַפילו שפּעטער, ווען דאָס זאַמד האָט אויסגעטריקנט און דאָס גראָז האָט אויסגעוואַקסן אויף די ברעגעס פונעם טייכל, האָט קיין יעגער אָדער פישער נישט באַזוכט דאָס אינדזל.

שטילקייט און איינזאַמקייט... בלויז די נאַכטיגאַלן אין די הויכע טאָפּאָליעס, האָבן אויסגעזונגען זייער צער אין מיטן פון אַ שאַרשקען פון בלעטער און האָבן געגריסט דאָס רינענדיקע וואַסער. און די בלעטער, געטובלטע אין דער שטילער לבנה־שיין, האָבן געזאָגט:

— אַדיע, וואַסער, בעסער איז צו רינען איידער שטיין שטיל.

און דאָס וואַסער האָט געענטפערט איילנדיק צום ים:

— אַדיע, בעסער איז צו שטיין שטיל איידער רינען און רינען אָן אויפהער.

און די אַלטע האָזעכע האָט זיך איינגעהערט. זי איז געווען באמת גליקלעך. זי האָט זיך געפילט שטאַרקער פון די ביימער און פלינקער פונעם וואַסער, ווייל זי האָט געהאַט די צופרידנקייט פון קענען שטיין שטיל אָדער לויפן ווען זי וויל.

עס זענען אַריבער חדשים. די נאַכטיגאַלן זענען געבליבן שטיל און די טאָפּאָל־בלעטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן. די אַלטע האָזעכע האָט זיך קיין מאָל פריִער אין איר לעבן נישט געפילט אַזוי רויִק און זיכער, און אַצינד, אין גאַנצן אומגעריכט, איז דער דאָזיקער שרעקלעכער, פינצטערער געשפּענסט געקומען ווידער. און פאַר וואָס איז ער צוריקגעקומען?

זי איז געלעגן אַ צונויפגעדרייטע אונטער די קוסטעס. אירע גרויסע אויגן זענען געווען באַוועגלאָז אונטער זייערע רויטע דעקלעך. זי האָט געקענט זען פון דער ווייטנס אַ פּאַס זאַמד באַגאָסן מיט לבנה־שיין, באַזוימט מיט וואַלד אַ מין אָפן פלאַץ, ווו אויך זי פלעגט אין די גליקלעכע טעג פון איר יוגנט, אַרומשפּרינגען און נאָכלויפן דעם אייגענעם שאָטן, אָדער וואַרטן אויפן געליבטן אין העלע לבנה־נעכט.

איין שאָטן האָט זיך באַוויזן איבערן זאַמד, און דאַן אַ צווייטער. די אַלטע האָזעכע האָט געטראַכט, אַז זי חלומט. אָבער די שאָטנס זענען צוריקגעקומען, זענען געבליבן שטיין, און האָבן ווידער אָנגעהויבן זייער פאַנטאַסטישע שפּיל. עס איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז דאָס זענען צוויי האָזן. און דאַן האָט דאָס אַלטע באַשע־פעניש פאַרשטאַנען פאַר וואָס איר שוואַרצער שונא, דער יעגער בייגאַכט, איז צו־ריקגעקומען צום אינדזל.

דאַן האָט דער בייזער צאָרן, אַזוי בייז ווי נאָר דער צאָרן פון אַ האָז קען זיין, אויפגעפלאַקערט ביי איר אין האַרצן. אָנשטאָט זיך צו איבערצייגן, אַז זי האָט גע־מאַכט אַ טעות, מיינענדיק אַז זי איז אַליין געבליבן אויפן אינדזל, האָט זי געטראַכט, אַז אירע מיט־האָזן האָבן פאַרכאַפּט איר אינדזל, נישט האָבנדיק קיין רעכט דאָס צו טאָן.

די עלטער און די איינזאַמקייט האָבן זי געמאַכט ווילד און עגאָיִסטיש. זי איז אַ סך מער אין כעס געווען פון דעם באַווייזן זיך פון די האָזן, איידער פון איר פינצטערן שונא. ווען זי האָט זיך איינגעשטעלט אַרויסצוגיין פון איר באַהעלטעניש, צו גיין צום זאַמדיקן פּאַס, און זי האָט דערזען, אַז די צוויי האָזן זענען געווען פאַר־ליבטע, איז איר צאָרן געוואָרן נאָך שטאַרקער און בייזער ווי פריִער.

דאָס האָט נישט געשטערט די צוויי האָזן ווייטער צו שפּילן, שפּרינגען און אַרומלויפן. די „זי" איז געווען רונדיק און דיק. אירע שיעור נישט דורכזיכטיקע אויערן זענען געווען רויטע אינעווייניק און געל־ברוין אין דרויסן. זי איז געווען אַ שפּי־לעוודיק קליין באַשעפעניש. זי איז אַרומגעלאָפן אַרום דעם „ער" און האָט זיך געמאַכט ווי נישט זעענדיק אים, דאַן האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן אויפן זאַמד. און ווען איר געליבטער איז צוגעקומען נאָענט, איז זי אויפגעשפּרונגען און אַנטלאָפן. דער „ער" ווידער, איז געווען מאַגער און מיד פון ליידנשאַפט און פרייד. ער האָט קיינעם נישט געזען אויסער איר. ער איז איר נאָכגעלאָפן און האָט זיך אויף איר געוואָרפן אומדערבאַרעמדיק. זיי זענען געווען גליקלעך, פריילעך און זאָרגלאָז, ווי אַלע גליקלעכע פאַרליבטע.

די אַלטע האָזעכע איז נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף זיי. און אַפילו נאָך דעם ווי דאָס ליבע פּאָרל, מידע פון שפּילן און צערטלען זיך, איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן, איז זי נאָך פאַרבליבן דאָרט קוקנדיק, און אירע אויערן זענען געווען פאַר־שפּיצט און האָבן געציטערט ווי צוויי בלעטער אינעם ווינט.

***

נעכט און טעג זענען אַוועק, די לבנה איז פאַרשוווּנדן און די אָוונטן זענען ווידער געווען פינצטערע.

די אַלטע האָזעכע איז נישט געגאַנגען צוריק צו די ברעגן פונעם טייכל. זי האָט מורא געהאַט פאַרן יעגער. זי איז געליגן באַהאַלטן אין דער טונקעלער גע־דיכטעניש פונעם וואַלד, און בלויז אַ מאָל האָט זיך זיך איינגעשטעלט גיין צום אָפּענעם זאַמד־פּאַס אין וואַלד, צו זען ווי די צוויי געליבטע שפּילן זיך פריילעכע.

דאַן האָט זי אַ מאָל אין אַ טאָג דערהערט אַ שאָס, דאַן אַ צווייטן, און נאָך אַנדערע, ווי אַ ווייט ווידערקול.

און יענע נאַכט — כאָטש עס איז אויך געווען אַ נאַכט פאַר אמתע פאַרליבטע, אַ שטילע און וואַרעמע, די נייע לבנה האָט פאַרזונקען הינטער די נאַקעטע טאָפּאָל־ביימער — האָבן די צוויי פאַרליבטע זיך מער נישט געוויזן.

דער פינצטערער שונא האָט זיי געמוזט האָבן געכאַפּט. די אַלטע האָזעכע איז אַזוי געווען איבערוועלטיקט פון איר טריומפירנדיקער שאַדנפרייד, אַז זי האָט אָנגע־הויבן אַרומטאַנצן אויפן זאַמד, וואָס האָט נאָך געהאַט די שפּורן פון די אומגליק־לעכע פאַרליבטע.

אָבער דאָס הילכן פון מענטשלעכע טריט האָט איר געמאַכט אַנטלויפן. בלינד און שווער־אָטעמענדיק האָט זי דורכגעשאָסן דעם וואַלד, און האָט שוין כמעט געהאַט דערגרייכט דעם אַנדערן ברעג טייך, ווו זי איז געליגן באַהאַלטן ביז פאַרטאָג אויף אַ פּלאַץ, ווו זי איז קיין מאָל פריִער נישט געווען.

ווען ס'איז געוואָרן טאָג האָט זי זיך גערירט. דער וואַלד איז נאָך געלעגן איינ־

געהילט אין נעפּל. די קוסטעס האָבן געטריפֿט מיט גרויסע טראָפּנס אייז־וואַסער. די האָזעכע איז אַרויס צו באַקוקן זיך מיטן פּלאַץ. זי איז אַראָפּ אין אַ מין קליינער הייל, און דאָרט האָט זי אַנטדעקט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט געקענט איר לאָזן אומגערירט, כאָטש זי איז געווען אַזאַ שלעכטע. זי האָט געפֿונען אַ נעסט פֿון יונגע העזעלעך. צוויי זענען דאָרט געלעגן, ווייכינקע, קליינע ברוימלעך, מיט דורכזיכ־טיקע אויערן און גרויסע, באַוועגלאָזע, שטראַלנדיקע אויגן. זיי מוזן זיין די קינדער פֿון יענע צוויי האָזן, וואָס דער יעגער האָט דערהרגעט.

איינס פֿון די העזעלעך האָט געלעקט זיין ברודערס קאָפּ און אויערן. ווען ער האָט דערזען די אַלטע האָזעכע, האָט ער זי אָנגעקוקט, אויסגעשטרעקט זיין נעזל און דאַן אָפּגעטראָטן, ווי עטוואָס דערשראָקן פֿון דער אייגענער חוצפּה.

די אַלטע האָזעכע איז אַוועק איר וועג, אָבער שפּעטער איז זי צוריקגעקומען און האָט געזען ווי די צוויי אָרעמע קליינע העזעלעך שפּילן זיך און לעקן איינס ס׳אַנדערע.

עס איז געווען אַ טרויעריקער, קאַלטער טאָג. פֿאַרנאַכט האָט אָנגעהויבן רע־גענען, און די אַלטע האָזעכע איז אַוועק צוריק צו איר ערשטער נעסט צווישן די ביימער־שטאַמען אויבן אויפֿן הויכן ברעג פֿונעם טייכל. עס האָט גערעגנט און גע־רעגנט, אָבער די אַלטע האָזעכע האָט זיך דערפֿון נישט געפֿילט טרויעריקער. פֿאַר־קערט, רעגן האָט געמיינט דער סוף פֿון פּיין וועטער און פֿאַלגלעך רויִקייט און איינזאַמקייט. באַלד וועט דאָס זאַמד ווידער ווערן ווייך, און קיין יעגער וועט זיך נישט איינשטעלן דורכצוגיין די נאַסע, נאַקעטע וועלדער.

און וואָס וועט זיין מיט די אָרעמע העזעלעך? וואָס וועט געשען מיט זיי דאָרט אונטן, אין זייער קליינער הייל? האָט די איינזאַמע אַלטע האָזעכע זיך דערמאָנט אין אירע אייגענע קליינע העזעלעך, אין דער וואַרעמקייט פֿון זייער נעסט, און אין די פֿריידן פֿון אַ מאַמע? עס איז שווער צו זאָגן. אָבער יעדנפֿאַלס האָט זי פֿאַרלאָזט איר באַהעלטעניש פֿאַרטאָג און איז אַראָפּ זען ווידער אַ מאָל די העזעלעך. די אָרעמע קליינע באַשעפֿענישן זענען נאָך געשלאָפֿן איינס אויף ס׳אַנדערע. אָבער אַפֿילו אין זייער שלאָף האָבן זיי געמוזט וואַרטן אויף זייער מוטער, ווייל ווען די אַלטע האָזע־כע איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אויסגעשטרעקט זייערע נעזלעך און געטרייסלט מיט זייערע קליינע אויערלעך.

און די אַלטע האָזעכע האָט געקוקט אויף זיי מיט אירע גרויסע, פֿייכטע אויגן, און אויך זי האָט אויסגעצויגן איר נאָז, גלייך זי זאָל געוועזן דערפֿילן דעם ריח פֿון דער נעסט.

***

עס האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען. אין משך פֿון אַכט טעג און אַכט נעכט האָט אַ שלייער פֿון נעפּל און רעגן אַרומגענומען און פֿאַרדעקט דאָס אינדזל. דאָס

טײַכל איז װי פֿול געװען מיט שװאַרצער שימערירנדיקער טינט, און דאָס װאַסער האָט זיך געהויבן און געהויבן ביז ס'האָט כמעט דערגרייכט דער האָזעכעס מקום־מקלט. זי האָט געפּרוּװט גיין נאָך אַ מאָל זען די העזעלעך. אָבער דאָס זאַמד איז געװען צו װייך — עס איז געװען אָנגעזאַפּט מיט װאַסער. עס איז געװען לחלוטין אוממעגלעך צו דערגרייכן דעם קליינעם טאָל. עס האָט גערעגנט און גערעגנט. און אַ כמורנע ברומען האָט זיך דערהערט פֿון װייטנס, װי דער קלאַנג פֿון אַ פֿײַנטלעכער אַרמיי פֿון אינװאַדירער, װאָס טראָגן זיך דורך איבער דעם לאַנד און צעשטערן אַלץ.

די אַלטע האָזעכע האָט נישט געקענט דעם קלאַנג. דאָס איז געװען דער טײַפּער געמורמל פֿונעם טײַך, װאָס בושעװעט. זי האָט נישט געװאַגט צו פֿאַרלאָזן איר באַהעלטעניש, כאָטש דער הונגער האָט איר געפּײַניקט און זי האָט נישט געהאַט מער פֿון עטלעכע טרוקענע בלעטער צום עסן. איין מאָל האָט זי געמוזט פֿאַרבלײַבן אָן עסן, װײַל דאָס װאַסער האָט דערגרייכט ביז די שטאַמען, און עס איז געװען אַ סכּנה אין גאַנצן זיך אַרױסצורירן.

דאָס װאַסער האָט זיך געהויבן און געהויבן, גרוי, פֿינצטער און שטיל. ערד, לופֿט און הימל האָבן אויסגעזען װי איין מאַסע קאַלט און מוטנע װאַסער.

אָבער אין אָװנט פֿונעם אַכטן טאָג האָט דער רעגן אויפֿגעהערט, און מיט אַ מאָל האָבן די כמאַרעס זיך געשפּאָלטן. דאָ און דאָרט האָט זיך דער בלאַס־גרינער הימל באַװיזן, דורך דעם אַשיקן נעפּל, און אין אַ שפּאַלט צװישן די כמאַרעס, און אין די טיפֿענישן פֿון אַ מינע, האָט געשײַנט דאָס געזילבערטע גאָלד פֿון דער לבֿנה.

דאָס װאַסער איז אָפּגעפֿאַלן. עס איז װי צוריקגעטראָטן, מיד פֿון דעראָבערן, אָװעקטראָגנדיק אַ שלל בלעטער, צװײַגן, זאַמד און טויטע חיות.

אויף מאָרגן האָט די זון געשײַנט אויפֿן חרובֿן פּלאַץ, און די אָרעמע, דורכגענעצטע, אויסגעהונגערטע האָזעכע האָט פֿאַרלאָזט איר באַהעלטעניש, האָט זיך געװאַרעמט און אַרומגעקוקט.

דאָס טײַכל איז פֿאַרשװוּנדן. אַ לאַנגזאַמער, בלאָטיקער שטראָם האָט זיך געצויגן אונטער דעם הויכן ברעג, װאָס האָט אַרויסגעשטעקט װי אַ דאַמבע. און דאָס װאַסער האָט נאָך אָװעקגעשלעפּט זײַן רויב און זײַנע קרבנות.

און פּלוצלינג, צװישן די נאַקעטע צװײַגן און די טרוקענע בלעטער און מיליאַסן קליינע בלעזלעך, װי גלעזערנע פּאַטשערקעס פֿון אַ צעשאָטענעם האַלדזבאַנד, האָט די האָזעכע דערזען די צװיי קליינע העזעלעך, טויט, לאַנגע און דינע, מיט זייערע אויגן, ברייט צעעפֿנטע און זייערע אויערן אויפֿגעהויבענע, זענען זיי געשװוּמען מיטן װאַסער, איינס נעבן ס'אַנדערע, װי צװיי גוטע קליינע ברידערלעך, װאָס האָבן זיך ליב געהאַט אַפֿילו נאָכן טויט.

אַצינד איז די אַלטע האָזעכע באמת געװען איינע אַליין אויפֿן אינדזל.

דזשאָוואַני פּאַפּיני

(געבוירן אין 1881 — געשטאָרבן אין 1958)



פּאַפּיני איז געבוירן געוואָרן אין פֿלאָרענץ, זיינע עלטערן זענען געווען פֿון אָרעמען שטאַנד; דער פֿאָטער א בעל־מלאכה, אַ סטאָליער, אַ פֿריידענקער, און זיין מוטער אַן איינפֿאַכע קאַטוילין.

אין זיין בוך „און הואָמא פיניטאָ" (1912), שילדערט פּאַפּיני זיינע קינדער־יאָרן. דאָס זענען טרויעריקע זכרונות פֿון אַן אַמביציעזן יוגנטלעכן, וועלכער „שלינגט" ביכער, וועלנדיק פֿאַרגעסן אין דעם עולם השקר און טרוימענדיק וועגן העכערע וויזיעס. דער יונגער דזשאָוואַני פּאַפּיני האָט פֿאַרטראַכט אייבער אַליין אָנצושרייבן אַן ענציקלאָפּעדיע פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן.

שוין מיט זיין ערשטן ליטעראַרישן זשורנאַל, וועלכן ער האָט געגרינדעט צוזאַמען מיטן איטאַליענישן קריטיקער דזשוזעפּע פּרעצאַליני אין 1903, „לעאָנאַרדאָ", האָט ער געבראַכט אַ ליטעראַרישן און פֿילאָסאָפֿישן רענעסאַנס אין איטאַליע.

דזשאָוואַני פּאַפּיניס פֿילזייטיקע ליטעראַריש פֿילאָסאָפֿיש און פּאָעטיש שאַפֿן איז אַזוי קאָמפּליצירט און סתירותדיק ווי עס איז אונדזער הייַנטיקע צערודערטע וועלט. עס האָט מיט אים געוואָרפֿן פֿון איין עקסטרעם צום אַנדערן ווי אין כף־הקלע. ער האָט געשריבן וועגן ניטשע, טאָלסטאָי, וויליאַם דזשעמס און אַנדערע; האָט מיט פֿאַרביטערונג אַטאַקירט געלערנטע און פֿילאָסאָפֿן. אין זיין בוך „פּאַנע ע ווינאָ" עקספּאָנירט ער אַ שטאַנדפּונקט אז פּאָעזיע מיינט נישט בלויז דער ריטעם און די מוזיק פֿון סטראָפֿן און ווערטער, נייערט די שטרעבונג נאָך אייביקן אמת.

בלויז אויסרעכענען די נעמען פֿון פּאַפּיניס ווערק וואָלט פֿאַרנומען פֿיל פּלאַץ.

דער דאָזיקער קינסטלער איז דער טיפּישער עקספּאָנענט פֿון אַן עפּאָכע, וועלכע איז אויפֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון היסטאָרישע געשעענישן, פֿון אַ מענטשהייט וואָס האָט פֿאַרלוירן ס׳גלייכגעוויכט, פֿון אומבאַהאָלפֿענע, צעטומלטע דורות, וועלכע הויערן כסדר אויפֿן ראַנד פֿון אומקום, אָבער וועלכע האָפֿן דאָך אויף אַ ליכטיקער צוקונפֿט.

דער בעטלער פון נשמות

תחילת נאַכט האָב איך געהאַט אויסגעגעבן די לעצטע פּרוטות אין אַ קאַפע און די געווײנלעכע משקה האָט מיר נישט געבראַכט די אינספּיראַציע וואָס איך האָב געזוכט און דאָן נויטיק געהאַט. אין יענע צייטן האָב איך כמעט געהונגערט, געהונגערט נאָך ברויט און נאָך רום, און איך האָב נישט געהאַט קיין עלטערן און קיין ברידער אויף דער וועלט. דער אַרויסגעבער פון איין זשורנאַל — אַ בלאַס און שוויי־גנדיק מענטשל — האָט אָנגענומען מיינע דערציילונגען ווען ער האָט נישט געהאַט עפּעס בעסערס וואָס צו דרוקן און ער פלעגט מיר געבן יעדעס מאָל פּופציק לירעס. נישט מער נישט ווינציקער, וועלכע עס זאָל נישט געווען זיין די ווערט און די גרויס פון דער זאַך וואָס איך האָב אים געבראַכט.

אין יענער יאַנואַר־נאַכט איז די לופט געווען דורכגעזאַפּט פון ווינט און גלעט־קער־געקלאַנג — פון אַ בייזען און הודזשענדן ווינט און פון אַ שרעקליך מאָנאָטאָנע גלעקער־געקלאַנג. איך בין אַריין אין דעם גרויסן קאַפע (ווייסע שיין, שלעפּערדיקע פּנימער) און האָב לאַנגזאַם אויסגעליידיגט מיין טעפּעלע, מאַכנדיק אַ אָנשטרענגונג אויפצוּוועקן אין מיין מוח, עפּעס אַ דערינערונג פון מאָדנע אוועטורעס, איינעקשנ־דיק זיך צו אימפּולסירן מיין פאַנטאַזיע עס זאָל אַרויסקומען וואָס פאַר נישט איז מעשה, וואָס זאָל מיר דערלויבן אָפּלעבן עטלעכע טעג. איך האָב נויטיק געהאַט טאַקע אין יענער נאַכט אָנצושרייבן אַ דערציילונג צו קענען גיין אין דער פרי צו מיין אַרויסגעבער וועלכער האָט מיך גענוג געשטיצט איך זאָל קענען עסן צו זאַט. איך בין, דעריבער, געווען קרענקלעך אויפמערקזאַם צום שטראָם פון מיינע געדאַנקען, גרייט צו וואַרפן זיך אויף דער ערשטער אידייע, אויף דער ערשטער וויזיע, וועלכע זאָל טויגן אָנצופילן דאָס קליינע הייפל ווייסע שוין נומערירטע בלעטלעך, וועלכע זענען געלעגן פאַר מיר. עס זענען אַזוי אַוועק פיר מיט אַ פערטל שעה פון אומזיסטן און נערוועזן וואַרטן. מיין גייסט איז געווען ליידיק, מיין געמיט שווער און מיין מוח מיד. איך האָב, דעריבער, אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש מיינע לעצטע סענטן און בין אַרויסגעגאַנגען. קוים איך האָב זיך געפונען אין דרויסן, האָט איין צופעליקע

פראזע באַהערשט מיין גייסט — איין פראַזע וועלכע איך האָב געהערט איבערחזרן פיל מאָל און וועמעס אויטאָר איך האָב זיך נישט געקענט דערמאָנען.

— אויב וועלכער נישט איז מענטש, מעג זיין אויך אַ פשוטער, זאָל קענען דערציילן זיין אייגן לעבן, וואָלט ער אָנגעשריבן איינע פון די גרעסטע נאָוועלעס וואָס מען האָט ווען אָנגעשריבן".

אין פאַרלויף פון אַ צען מינוט האָט די דאָזיקע פראזע מיך געהאַלטן אין איר מאַכט און באַהערשט מיין מוח אָן אַ שום רעזולטאַט. אָבער ווען איך בין שוין גע־ווען לעבן מיין שטוב, האָב איך מיך פלוצים פאַרהאַלטן און האָב מיך געפרעגט:

— פאַר וואָס זאָל איך דאָס נישט טאָן? פאַר וואָס זאָל איך נישט דערציילן דאָס לעבן פון עפּעס אַ מענטשן, פון עפּעס אַ אמתן מענטשן, פון דעם ערשטן פשוטן מענטשן וואָס וועט מיר אַנטקעגנקומען? איך בין נישט קיין פשוטער מענטש און פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך אַזוי פיל מאָל אויסדערציילט אין מיינע דערציי־לונגען אַז איך האָב שוין נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. עס איז נויטיק איך זאָל תיכף ומיד געפינען אַ מענטשן וועמען איך זאָל נישט קענען. אַ געוויינלעכן מענטשן, און איך זאָל אים צווינגען מיר זאָגן ווער איז ער און וואָס טוט ער. היינטיקע נאַכט האָב איך אַן אַבסאָלוטע נויטיגקייט אין אַ מענטשלעך לעבן! איך וויל קיינעם נישט בעטן קיין געלט־נדבה, אָבער איך וועל פאָדערן און בעטן בהכרח אַ ביאָגראַפיע־נדבה".

דער דאָזיקער פּראָיעקט איז געווען אַזוי איינפאַך און אָריגינעל אַז איך האָב באַשלאָסן אים באַלד נעמען אויספירן. איך האָב זיך פאַרקירעוועט און בין אַוועק צום צענטער פון שטאָט, ווו איך האָב אין יענער שפּעטער שעה נאָך געקענט געפינען איי־ניקע מענטשן. און אַזוי האָב איך מיך פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם און משונה בעטלער וואָס זוכט אַ קרבן. איך בין געגאַנגען גיך, קוקנדיק פאָראויס, אַריינשטעכנדיק די אויגן אין דעם געזיכט פון די דורכגייער, סטאַרענדיק זיך ריכטיק אויסצוויילן דעם וואָס דאַרף שטילן מיין הונגער. אַזוי ווי אַ נאַכט־גנב אָדער אַן איבערפאַלער האָב איך מיך אַוועקגעשטעלט לויערן אין דעם אַריינגאַנג פון אַ טיר און איך האָב געוואַרט אַז עס זאָל פאַרבייגייען עפּעס אַ מענטש, דער פשוטער מענטש, ביי וועמען איך זאָל בעטן די נדבה פון אַ ווידוי.

דעם ערשטן וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אונטער דעם לאַמטערן — ער איז גע־גאַנגען אַליין און האָט מיר אויסגעזען צו זיין אין די מיטעלע יאָרן — האָב איך נישט געוואָלט אָפּשטעלן ווייל זיין פנים וואָס איז געווען דורכגעאַקערט פון מאָדנע קנייטשן, איז געווען צו אינטערעסאַנט און איך האָב געוואָלט דורכפירן דעם עקספּערימענט אין ווייניקער גינסטיקע אומשטענדן. נאָך דעם איז דורכגעגאַנגען אַ יונגערמאַנטשיק איינגעהילט אין אַ פעלערינע, אָבער זיינע צעשויבערטע האָר און זיינע אויגן פון אַ קייער פון האַשיש האָבן מיך אָפּגעהאַלטן ווייל איך האָב אין אים חושד געווען אַ טרוימער, אַ פאַנטאַסט, אַ מענטש וואָס איז נישט גענוג געוויינליך און אַלגעמיין. דער דריטער וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, אַן אַלטער און אין גאַנצן אָן אַ באָרד, האָט טרויע־

ריק אונטערגעזונגען אַ שפּאַניש פֿאָלקס־לידל, וואָס האָט אים באַדאַרפֿט דערמאָנען אַ לעבן פֿול מיט זון און מיט ליבע, אַ גאָלדן, באַקכאַנאַליש, דרום־לעבן. אויך ער האָט מיר נישט געטויגט און איך האָב אים נישט פֿאַרהאַלטן.

איך אַליין קען נישט באַשרייבן פּינקטלעך דעם כּעס וואָס איך האָב געפֿילט אין יענעם מאָמענט. שטעלט אייך פֿאָר יענעם מאָדנעם בעטלערישן גנבֿ, אַ הונגעריקן, אויפֿגערעגטן, וואָס וואַרט אָפּ אויף אַ ראָג־גאַס אַ מענטשן וועלכן ער קען נישט, וועלכער וויל הערן אַ לעבנס־געשיכטע וואָס ער ווייסט נישט, וועלכער ברענט פֿון פֿאַרלאַנג זיך צו וואַרפֿן אויף אַן אומבאַקאַנטן קרבן. און על פּי אַבסורדישן און פֿאַר־דריסלעכן צופֿאַל זענען די מענטשן וועלכע גייען פֿאַרביי נישט די וואָס ער זוכט, זע־נען מענטשן וועלכע טראָגן אויף דעם געזיכט דעם אויסדרוק פֿון זייערע חשיבֿות און פֿון זייער גאָרנישט געוויינלעך לעבן. וואָס וואָלט איך נישט געוועזן געגעבן אין יע־נעם מאָמענט צו זען פֿאַר מיר איינעם פֿון יענע אומצאָליקע באַלעבעסלעך מיט די רויטע און רויקע פּנימער ווי די פֿון יונגע חזירים, וועלכע האָבן מיר אַזוי פֿיל מאָל געעקלט און אַרויסגערופֿן געלעכטער!

אין יענער נאַכט בין איך געווען אַן עקשן און געוואַגטער, איך האָב נאָך געוואַרט אונטער דעם לאַמטערן וועלכער האָט מאָמענטנווייז זיך צעשטראַלט לויט דער באַוועגונג פֿון דעם ווינט. די גאַסן זענען שוין געווען פּוסט אין יענער שעה און דער ווינט האָט צעיאָגט די נאַכט־וואַנדערער. בלויז איייניקע דורכאייַלענדיקע שאָטנס האָבן באַלעבט די שטאָט. איינער פֿון אָט די שאָטנס איז, ענדלעך, פֿאַרבייגעגאַנגען אונטער דעם לאַמטערן ווו איך בין געשטאַנען און געוואַרט און איך האָב, תּיכּף דערזען אַז ער, טויג מיר. דאָס איז געווען אַ מאַן וועלכער איז געווען נישט יונג און נישט אַלט, נישט צו שיין און נישט מיט אַן אומאַנגענעמענעם געזיכט, מיט רויקע אויגן, צווויי פֿאַרדרייטע וואָנסעס, אָנגעטאָן אין אַ שווערן נאָך נישט אָפּגעטראָגענעם מאַנטל.

קוים איז ער איבערגעגאַנגען עטלעכע טריט בין איך אַוועק נאָך אים און האָב אים אָפּגעשטעלט. דער מענטש האָט אָפּגעטראָטן פֿון שרעק און האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט זיך צו פֿאַרטיידיקן, אָבער איך האָב אים תּיכּף באַרויִקט.

— האָט נישט קיין מורא, הער — האָב איך אים געזאָגט מיט מיין מעלאָדישער שטימע, — איך בין נישט קיין מערדער, קיין גנבֿ און אַפֿילו נישט קיין בעטלער. דעם אמת געזאָגט, בין איך יאָ אַ בעטלער, אָבער איך בעט נישט קיין געלט. איך וויל אייך מער נישט בעטן ווי נאָך איין זאַך, און אַ זאַך וואָס קאָסט אייך גאָרנישט: די געשיכטע פֿון אייער לעבן.

דער מענטש האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן און האָט זיך איבער אַ נייעס אָפּגע־רוקט. איך האָב מיר געגעבן רעכנונג אַז ער מיינט איך בין משוגע און דעריבער האָב איך פֿאַרגעזעצט מיט דער גרעסטער רויִקייט:

— איך בין נישט דאָס וואָס איר גלויבט, הער, איך בין נישט קיין משוגענער. איך בין בלויז עטוואָס ענלעך צו אַ משוגענעם, איך בין אַ שריפֿטשטעלער. איך

דאַרף אָנשרייבן אויף מאָרגן אַ דערציילונג און די דאָזיגע דערציילונג וועט מיך אָפּראַטעווען פון הונגער און איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן ווער זענט איר און וואָס פאַר אַ לעבן איר האָט געהאַט כדי איך זאָל קענען אויסאַרבעטן דעם סיוזשעט פון מיין דערציילונג. איך נויטיק זיך זייער אין אייך, אין אייער ווידוי, אין אײַער לעבן. זאָגט מיר נישט אָפּ די דאָזיקע טובה, זאָגט נישט אָפּ אַן אומגליקלעכן די דאָזיקע הילף. איר, דער וועמען איך האָב געזוכט און מיט דעם שטאָף וואָס איר וועט מיר געבן וועל איך, אפשר, אָנשרייבן מיין מייסטער־ווערק.

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט דער מענטש אויסגעוויזן צו זיין גערירט און האָט שוין אויף מיר נישט געקוקט מיט שרעק, נאָר גיכער מיט מיטלייד.

— אויב מיין לעבן איז אייך אַזוי נויטיק — האָט ער געזאָגט — האָב איך גאָרנישט דאַקעגן אייך עס צו דערציילן, באַזונדערס ווען עס איז אַזוי פּשוט. איך בין געבוירן געוואָרן מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק ביי באַמיטעלטע, ערלעכע און שטילע עלטערן, מיין טאַטע איז געווען אַ באַאַמטער, מיין מוטער האָט געהאַט אַ קליינע הכנסה. איך בין געווען דער איינציקער זון און צו זעקס יאָר האָב איך אָנגעהויבן גיין אין שולע. צו עלף יאָר האָב איך געענדיקט די אָנפאַנג־לימודים, נישט לערנענדיק צופיל און אויך נישט צו ווייניק. צו עלף יאָר בין איך אַריין אין גימנאַזיע, צו זעכצן אין ליציי, צו ניינצן אין אוניווערסיטעט. צו פיר און צוואַנציק האָב איך באַקומען דעם דיפּלאָם, נישט האָבנדיק קיין מאָל אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון גלענצנדער אינטעליגענץ און אויך נישט פון אומגליקלעכער טפּשות, ווען איך האָב באַקומען דעם דיפּלאָם האָט מיין פאָטער מיר געזען אַ פּאָסטן אין דער אייזנבאַן און האָט מיר פאַרגעשטעלט פאַר מיין כלה. מיין שטעלע נעמט ביי מיר צו אַכט שעה אין טאָג און פאַדערט מער נישט ווי אַ ביסל זכרון און געדולד. אַלע זעקס יאָר ווערט מיין געהאַלט אויטאָמאַטיש פאַרגרעסערט מיט 200 לירעס. איך ווייס אַז צו 64 יאָר וועל איך האָבן אַ פּענסיע פון 3453 לירעס מיט 62 סענטימען. מיין כלה האָט מיר קאָנווענירט און איך האָב איר צום יאָר געהייראַט. עס זענען קיינמאָל נישט געווען צווישן אונדז קיין גוצלאָזע סענטימענטאַליזמען. איך האָב איר געמאַכט אַ באַזוך דריי מאָל אין וואָך, האָב איר געבראַכט מתנות צו איר געבורטסטאָג און ווייַנאַכט און איר געגעבן צוויי קושן. איך האָב מיט איר צוויי קינדער, אַ אינגל מיט אַ מיידל. דאָס אינגל איז אַלט צען יאָר און שטודירט אויף אינזשעניער, דאָס מיידל איז אַלט ניין יאָר און וועט זיין אַ לערערקע. איך לעב רויִק אָן דאגות און אָן פאַרלאַנגען. איך שטיי אויף אַלע אין דער פרי אַכט אַזייגער, און ניין אין אָוונט גיי איך אין אַ קאַפע ווו איך רעד פון דעם רעגן און פון דעם מיניסטעריום מיט פיר קאָלעגן פון דער אַרבעט. און אַצינד אַז איך האָב אייך שוין דערציילט וואָס איר האָט געוואָלט לאָזט מיך גייען, ווייל עס זענען שוין פאַר איבער צען מינוט פון דער שעה ווען איך דאַרף זיך אומקערן אַהיים.

און נאָך דעם ווי ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט מיט גרויס רויִקייט, האָט זיך דער מענטש געלאָזט אַוועקגיין. אַ מאָמענט בין איך געבליבן ווי צעטומלט פון שרעק. דאָס

דאָזיקע מאַנאָטאָנע, געוויינלעך, רעגולער, פּאָראויסגערעכנט, אויסגעמאָסטן און לייִדיק לעבן, האָט מיך אָנגעפילט מיט אַזאַ שאַרפן צער, מיט אַזאַ אינטענסיוון שוידער אַז איך האָב זיך שיעור נישט צעוויינט און אַנטלאָפן. דאָך האָב איך מיך געקענט באַהערשן.

„אָט האָסטו — האָב איך געזאָגט צו מיר אַליין — דעם באַרימטן נאָרמאַלן און געוויינלעכן מענטשן אין נאָמען פון וועלכע די שטרענגע דאָקטוירים פאַראַכטן אונדז און פאַרדאַמען אַלס משוגעים אין דעגענעראַטן! אָט איז דער מוסטער מענטש, דער טיפּ, דער אמתער העלד פון אונדזער צייט, דאָס קלײנע ראָד פון דער גרויסער מאַשין, דער קלײנער שטיין פון דער גרויסער מויער — דער מענטש וואָס שפּייזט זיך נישט מיט קראַנקע חלומות און משוגענע פאַנטאַזיעס. דער דאָזיקער מענטש וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר אוממעגלעך, נישט עקזיסטירנד, אויסגעחלומט, שטייט פאַר מיר — אַ שוידערלעכער אין דעם אומבאַוווּסטזיין פון זיין קאַלירלאָזן גליק“.

אָבער דער מענטש האָט נישט געוואַרט ביז דעם סוף פון מיינע געדאַנקען און האָט זיך געקליבן אַוועקגיין, נאָך זייענדיק דערשיטערט האָב איך מיך אַוועקגעשטעלט פאַר אים און האָב אים געפרעגט:

— אמת, אַז עס איז מער קיין זאַך נישט געשען אין אייער לעבן? עס איז אייך קיין מאָל גאָר נישט געשען? קיינער האָט אייך נישט געפּרוּווט דערמאָרדן? אייער פרוי האָט אייך נישט אָפּגענאַרט? עס האָבן אייך נישט גערודפט אייערע העכערע?

— קיין זאַך פון דעם אַלעמען איז מיר נישט געשען — האָט ער העפלעך געענטפערט — קיין זאַך פון דעם וואָס איר זאָגט. מיין לעבן איז דורכגעגאַנגען רויִק, שטיל, רעגולער, אָן אַ סך פריידן, אָן גרויסע ליידן, אָן אַוואַנטורע...

— קיין אַוואַנטורע, הער — האָב איך אים איבערגעריסן, — קיין שום אַוואַנטורע? סטאַרעט זיך גוט צו דערמאָנען, נישטערט אין אייער זכרון, איך קען נישט גלויבן אַז עס זאָל אייך קיין מאָל גאָרנישט האָבן פּאַסירט, קיין מאָל, קיין איין־אייציק מאָל. אייער לעבן וואָלט געווען צו שרעקלעך!

— איך פאַרזיכער אייך אַז איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין שום אַוואַנטורע — האָט געענטפערט דער געוויינלעכער מענטש, מאַכנדיק אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו זיין העפלעך. דאָס באַגעגעניש מיט אייך, הער שריפטשטעלער, איז מיין ערשטע אַוואַנטורע. אויב עס לוינט אייך קענט איר עס דערציילן.

און נישט געבנדיק מיר קיין צייט אים צו ענטפערן איז ער אַוועק, באַרירנדיק לייכט דעם ראַנד פון זיין הוט. איך בין נאָך אייניקע מאָמענטן געבליבן שטיין אויף דעם זעלבן פּלאַץ, ווי אונטער דעם רושם פון עפּעס אַ שרעקלעכער זאַך. איך האָב מיך אומגעקערט אין דער פרי אין מיין צימער און האָב נישט אָנגעשריבן די דערציילונג. זינט יענער נאַכט וואַג איך מער נישט צו לאַכן פון די פּשוטע מענטשן.

די אידעען פון בענרובי

איך האָב פאַרעפנטלעכט אין אייניקע צייטונגען דעם פאָלגנדיקן אַנאָנס:

„איך דאַרף אַ סעקרעטאַר אַ שפּראַכן־קענער, אַ פילאָסאָף, אַ נישט פאַרהייראַטן, אַ געדולדיקן און אַ נאָמאַד. זיך פּרעזענטירן ביזן 20סטן יולי, האָטעל „מאָן־רעפּאָ״, צען אַזייגער אין אָוונט״.

אַזוי ווי איך לייד שוין פון אַ צייט פון שלאָפלאָזיקייט, וועט מיר דער עקזאַמען פון די קאַנדידאַטן העלפן איבערצוקומען די נאַכט.

ס׳זענען געקומען דריי און זעכציק, זענען זיבן און פערציק געווען ייִדן. כ׳האָב אויסגעקליבן אַ ייִדן, דעם וואָס האָט מיר אויסגעזען מער אינטעליגענט פאַר אַלע אַנדערע.

דאָקטער בענרובי האָט אַלע מעלות, וואָס איך האָב געזוכט און נאָך אַנדערע, וואָס איך האָב מיר גאָרנישט פאַרגעשטעלט. ער איז אַ קורצער״יונגערמאַן, מיט אַן עטוואָס איינגעהויקערטער פּלייצע, איינגעפאַלענע באַקן, טיפע אויגן, זיינע האָר זענען שוין אַ ביסל גרוילעך און די הויט פון פּנים גרינבלעך ווי די אויבערפלאַך פון אַ שטייענדיקער בלאָטע. ער איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן. זיין ערשטע שולע האָט ער דורכגעמאַכט אין ריגע, באַקומען דעם טיטל דאָקטער פילאָסאָף אין יענאַ, געלערנט מאָדערנע פילאָלאָגיע אין פּאַריז און האָט געגעבן לעקציעס אין באַרצעלאָנאַ און ציריך. ער האָט זייער אַן אָרעם אויסזען און דעם אויסדרוק פון אַ הונט וואָס האָט מורא מ׳זאָל אים נישט דערלאַנגען מיטן שטעקן, אָבער וואָס ווייסט פון דעסטוועגן, אַז ס׳איז אומפאַרמיידלעך.

איך האָב אים געפרעגט אין געלויף פון געשפּרעך, פאַר וואָס זענען די ייִדן געווײנלעך אַזוי אינטעליגענט און אַזוי שרעקעדיק.

— שרעקעדיק? איר מיינט אודאי פיזיש, מאַטעריעלן, בעסטיאַלן מוט. וואָס באַלאַנגט גייסטיקער געוואַגטקייט זענען די ייִדן נישט בלויז מוטיקע, נאָר העלדן. זיי זענען קיין מאָל נישט געווען קיין העלדן אין באַרבאַרישן זין. כ׳גלייב נישט,

אַפילו אין דוד המלכס צייטן, אָבער זיי זענען שטענדיק געווען די ערשטע צווישן אַלע פעלקער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אמתע אויפגאַבע פון אַ מענטש באַשטייט מער אין שאַרפן דעם מוח איידער אין דערמאָרדן זייערע מיטמענטשן.

אויסער דעם האָבן די ייִדן, נאָך דעם ווי זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן, שטענדיק געלעבט אָן אַ מלוכה, אָן אַ רעגירונג, אָן אַן אַרמיי. צעזייטע גרופּעס אין דער מיט פון המונים, וואָס האָבן זיי געהאַסט. ווי־זשע ווילט איר עס זאָל זיך אַנטוויקלען אין זיי דער העראָיזם פון די קרייץ־פאַרער און די „קאָנדאָטיערי״?

נישט צו פאַרניכטעט ווערן, האָבן זיי באַדאַרפט דערפינדן אַ שוץ. זיי האָבן אויסגעפונען צוויי זאַכן: געלט און אינטעליגענץ.

די ייִדן האָבן נישט ליב ס׳געלט. דריי פערטל פון זייער ליטעראַטור, שוין נישט רעכענענדיק די נביאים, איז דער אַפּאָטעאָז פון די אָרעמע. אָבער מענטשן ווערן צעשטערט פון אייזן און געקויפט פאַר גאָלד. נישט קענענדיק אַדאָפּטירן דאָס אייזן, האָבן די ייִדן זיך געשיצט מיטן גאָלד, דעם אַממיינסטן עסטעטישן און נאָבעלן מעטאַל. די פלאָרינען זענען געווען זייערע שפּיזן, די דוקאַטן זייערע שווערדן, די שטערלינגען זייערע ביקסן, און די דאָלאַרן זייערע קוילן־וואַרפער. נישט שטענדיק ווירקזאַמע וואָפן, אָבער וואָס ווייטער מיטן לויף פון די יאָרהונדערטער אַלץ מעכטיקער, אַ דאַנק דעם אויסזען וואָס די ציוויליזאַציע האָט אָנגענומען. דער ייִד וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַפּיטאַליסט, צוליב גערעכטיקער זעלבסטשוץ, האָט זיך טראַנספאָרמירט איבער דער שולד פון אייראָפּעס מאָראַלישער און מיסטישער דעקאַדענץ, אין איינעם פון די באַלעבאַטים פון דער וועלט קעגן זיין גייסט און קעגן זיין ווילן. פריִער האָט מען אים געצוווּנגען צו ווערן רייך, און נאָך דעם האָט מען דערקלערט, אַז דאָס רייכטום איז דער יסוד פון אַלעמען, אַזוי אַז לויטן ווילן פון זיינע פיינט איז דער אָרעמער פון דער ביבל און דער אָפּגעשלאָסענער פון געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם הערשער פון די אָרעמע און רייכע.

דאָס וואָס ס׳האָט פריִער געדינט אַלס שוץ איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינסטרומענטן פון נקמה. אַ סך מעכטיקער ווי דאָס גאָלד איז, לויט מיין מיינונג, די אינטעליגענץ. אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט דער גערעכטער און באַשפיגענער ייִד זיך געקענט נוקם זיין אין זיינע שונאים? דורכן דערנידעריקן, פאַראַכטן, אונטעררייסן און אויפלייזן די אידעאַלן פון די גויים. דורכן צעשטערן די ווערטן אויף וועלכע עס האַלט זיך דאָס קריסטנטום און פאַקטיש, אויב איר וועט זיך גוט צוקוקן צו דער ייִדישער אינטעליגענץ פאַרן לעצטן יאָרהונדערט וועט איר זען, אַז זי האָט קיין אַנדערע זאַך נישט געטאָן אויסער אונטערגראָבן און באַשמוצן אייערע טייערסטע גלייבונגען, די זיילן אויף וועלכע ס׳האַלט זיך אייער געדאַנק. פון דעם מאָמענט, וואָס די ייִדן האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו לעבן פריי, האַלט אייער גאַנצער גייסטיקער בנין ביי איבערקערן זיך.

דער דייטשער ראָמאַנטיציזם האָט געשאַפן דעם אידעאַליזם און האָט רעהאַ־

בילעטירט דעם קאַטאָליציזם. איז געקומען אַ קליינער דיסעלדאָרפֿער ייִד, היינע, און לאַכט אָפּ, מיט זיין פֿריילעכן און טייוולשן זשעני, פֿון די ראָמאַנטיקער, פֿון די אידעאַליסטן און קאַטאָליקער.

די מענטשן האָבן שטענדיק געמיינט, אַז פּאָליטיק, מאָראַל, רעליגיע, און קונסט זענען העכערע מאַניפעסטירונגען פֿונעם גייסט, און אַז זיי האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער בירזשע און דעם מאָגן. קומט אַ ייִדאַ פֿון טרעווערס, קאַרל מאַרקס, און דערווייזט, אַז די אַלע איידעלע מאַטעריעס וואַקסן אַרויס פֿונעם מיסט פֿון דער נידעריקער עקאָנאָמיע.

אַלע שטעלן זיך פֿאָר דעם געניאַלן מענטשן ווי אַ געטלעך באַשעפֿעניש און דעם פֿאַרברעכער ווי אַ מאָנסטער. קומט אַ ייִד פֿון וועראָנע, לאָמבראָזאָ, און ווייזט אונדז בחוש, אַז דער זשעני איז אַן עפּילעפּטישער האַלב־משוגענער און אַז פֿאַר־ברעכער זענען נישט מער ווי אונדזערע לעבנגעבליבענע אורעלטערן, דאָס הייסט אייגענע קרובים.

ביים סוף פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט די אייראָפּע פֿון טאָלסטאָי, איבסען, ניצשע און ווערלען זיך געשאַפֿן אַן אילוזיע, אַז זי לעבט איבער איינע פֿון די גרעס־טע עפּאָכעס פֿון דער מענטשהייט. דערשיינט אַ ייִד פֿון בודאַפּעשט, מאַקס נאָרדוי, און האָט דאָס פֿאַרגעניגן צו דערקלערן, אַז אייערע באַרימטע פּאָעטן זענען דעגע־נעראַטן און אַז אייער ציוויליזאַציע האַלט זיך אויף ליגנס.

יעדער פֿון אונדז איז איבערצייגט צו זיין, אין אַלגעמיין, אַ נאָרמאַלער און מאָ־ראַלער מענטש. קומט אַ ייִד פֿון פֿרייבערג, אין מאָראַוויען, זיגמונד פֿרויד, און אַנטדעקט, אַז אין דעם אָמהעכסטן טוגנטהאַפֿטן און אויסגעצייכנטן מענטשן, ליגט באַהאַלטן אַן אויסוואורף, אַ גואף, אַ רוצח אין פּאָטענץ.

זייט דעם ריטערלעכן מיטלעלטער זענען מיר געווען געוווינט צו באַטראַכטן די פֿרוי ווי אַן אידעאַל, ווי אַ פּערפֿעקטע כּלי. קומט אונטער אַ ווינער ייִד, אָטאָ וויינינגער, און דערווייזט וויסנשאַפֿטלעך און דיאַלעקטיש, אַז די פֿרוי איז אַ געמיין און אָפּשטויסנדיק וועזן, אַ תּהום פֿון פֿאַסקודסטווע און נידעריקייט.

די אינטעלעקטואַלן, פֿילאָסאָפֿן און אַנדערע האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז די אינטעליגענץ איז דער איינציקער מיטל צו קומען צום אמת, דער העכסטער רום דעם מענטשנס. וואַקסט אויס אַ פּאַריזער ייִד, בערגסאָן, און באַקעמפֿט מיט זיין שאַרפֿן און געניאַלן אַנאַליז, די איבערהערשאַפֿט פֿון דער אינטעליגענץ, וואַרפֿט אום די טויזנט־יעריקע געביידע פֿונעם פּלאַטאָניזם און קומט צום שלוס, אַז דער רעזאָנירנדער פֿאַרשטאַנד קען נישט אויפֿכאַפּן די רעאַליטעט.

די אמונהס ווערן כּמעט פֿון יעדן באַטראַכט ווי אַ וווּנדערלעכע צוזאַמענאַר־בעט צווישן גאָט און דעם העכסטן גייסט פֿונעם מענטשן. באַווייזט זיך אַ ייִד פֿון סען־זשערמען דע לעי, שלמה ריינאַך, און קליגט זיך צו דערווייזן, אַז זיי זענען איינ־

פּאַך אַ רעשטל פֿון די אַלטע ווילדע „טאַבוען", סיסטעמען פֿון לא תעשה מיט פֿאַר־ענדערלעכע אידעאָלאָגישע סטרוקטורן.

מיר האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז מיר לעבן רויק אין אַ סאָלידן אוניווערז, וואָס איז איינגעאָרדנט אויף יסודות פֿון צייט און רוים, וועלכע זענען אָפּגעטיילט איינס פֿונעם אַנדערן און זענען אַבסאָלוט. קומט אַ ייִד פֿון אולם, איינשטיין, און דערווייזט, אַז צייט און רוים זענען איינע און די זעלבע זאַך, אַז קיין אַבסאָלוטער רוים עקסיסטירט נישט און קיין צייט אויך נישט, אַז אַלץ האַלט זיך אויף אַן איי־ביקער רעלאַטיוויטעט און אַז דער בנין פֿון דער אַלטער פֿיזיק, דער שטאָלץ פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט, בלייבט אין גאַנצן חרוב.

דער וויסנשאַפֿטלעכער ראַציאָנאַליזם איז געווען זיכער צו האָבן דעראָבערט דעם געדאַנק און צו האָבן געפֿונען דעם שליסל צו דערווירקלעכקייט. פּרעזענטירט זיך אַ לובלינער ייִד, עמיל מעיערסאָן, און צעשטערט אויך די אילוזיע: די ראַציאָ־נאַלע געזעצן אַדאַפּטירן זיך קיין מאָל נישט פֿולשטענדיק צו דער ווירקלעכקייט, שטענדיק בלייבט אַ נישט צעשטערבאַרער און רעבעלירנדיקער עפּעס, וואָס שטעלט זיך קעגן דעם פּרעטענדירטן טריומף פֿונעם באַגרייפֿנדיקן פֿאַרשטאַנד.

און מ׳וואָלט געקענט פֿאָרזעצן. איך רעד שוין נישט פֿון דער פּאָליטיק, ווו דער דיקטאַטאָר ביסמאַרק האָט ווי אַן אַנטאַגאָניסט דעם ייִדן לאַסאַל, ווו גלאַדסטאָן איז איבערגעשטיגן געוואָרן פֿון דיזראַעלין, ווו קאַוווּר האָט פֿאַר זיין רעכטער האַנט אַרטאָמען, קלעמאַנסאָ דעם ייִדן מאַנדל און לענין — טראָצקין.

זעט אַז כ׳האָב איך נישט אויסגערעכנט אומבאַקאַנטע נעמען אָדער פֿון דער צווייטער קאַטעגאָריע. די אינטעלעקטועלע אייראָפּע פֿון היינט, געפֿינט זיך, אין אַ גרויסער מאָס, אונטערן איינפֿלוס אָדער, אויב איר ווילט, אונטער דער גאָט־לאָזיקייט פֿון די גרויסע ייִדן וואָס איך האָב דערמאָנט. געבוירענע אין דער מיט פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער, אָפּגעבנדיק זיך צו פֿאַרשידנאַרטיקע פֿאָרשונגען, האָבן די אַלע דייטשן, פֿראַנצויזן, איטאַליענער און פּאָליאַקן, פּאָעטן און מאַטעמאַטיקער, אַנטראָפּאָלאָגן און פֿילאָסאָפֿן, איין געמיינזאַמען כאַראַקטער, איין ציל: שטעלן אונ־טער אַ פֿרעג־צייכן דעם אָנערקענטן אמת, דערנידעריקן דאָס וואָס ס׳איז דערהויבן, באַשמוצן דאָס וואָס ווייזט אויס צו זיין ריין, צעטרייסלען דאָס וואָס שטייט פֿעסט, באַוואַרפֿן מיט שטיינער דאָס וואָס ס׳איז געאַכטעט.

דאָס דאָזיקע וועלטלעכע פֿאַרשפּרייטן פֿון אויפֿלייזנדיקע גיפֿטן איז די גרוי־סע ייִדישע נקמה קעגן דער גריכישער, לאַטיינישער און קריסטלעכער וועלט. די גריכן האָבן געלאַכט פֿון אונדז, די רוימער האָבן אונדז פֿאַרניכטעט און פֿאַרטריבן, די קריסטן האָבן אונדז געפּייניקט און פֿאַראַכטעט, און מיר, צו שוואַך צו נוקם זיין זיך מיט כּוח, האָבן דורכגעפֿירט אַן עקשנותדיקע און צעשטערערישע אָפֿענסיווע קעגן די זיילן, אויף וועלכע ס׳האַלט זיך די ציוויליזאַציע, וואָס קומט פֿון פֿלאַטאָנס

פילאָסאָפיע און פון דער אימפּעראַטאָרישער און פויפּסטלעכער רוים. און אונדזער נקמה האָט שוין דערגרייכט אַ גוטן פּונקט. ווי קאַפּיטאַליסטן באַהערשן מיר די פינאַנציעלע מערק אין אַ צייט, ווען די עקאָנאָמיע איז אַלץ אָדער כמעט אַלץ. ווי דענקער באַהערשן מיר די אינטעלעקטועלע מערק און צעשטערן די אַלטע הייליקע און וועלטלעכע קרעדאָס, די אַנטפּלעקטע און וועלטלעכע רעליגיעס. דער ייִד פאַראייניקט אין זיך די צוויי שרעקלעכסטע עקסטרעמען: ער איז אַ דעספּאָט אין דער מלוכה פון מאַטעריע, און אַנאַרכיסט אין מלוכה פון גייסט. איר זענט אונדזערע דינער אין דער עקאָנאָמישער אָרדענונג, אונדזערע קרבנות אין דער אינטעלעקטועלער אָרדענונג. דאָס פאָלק וואָס ווערט באַשולדיקט אין האָבן דערמאָרדעט אַ גאָט, האָט אויך געוואָלט דערמאָרדן די אָפּגעטער פון דער אינטעליגענץ און די סענטימענטן און צווינגט אייך זיך צו שטעלן אויף די קני פאַרן העכסטן אָפּגאָט, דעם איינציקן, וואָס איז נאָך געבליבן לעבן — דאָס געלט. אונדזער דערנידערונג, וואָס ציט זיך פון גלות בבל ביזן דורכפאַל פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד און נאָך דעם, ווייטער אין די געטאָס, ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז ענדלעך נישט פאַרשוויגן געוואָרן. דער פאַריער פון די פעלקער קען ענדלעך זינגען אַ ליד פון טאָפּלטן נצחון.

בעת ער האָט גערעדט האָט דער קליינער בענרובי זיך עקזאַלטירט. זיינע אויגן האָבן געבליצט, די מאַגערע הענט האָבן געשניטן די לופט, זיין צאַרט קול איז געוואָרן שטאַרק. ער האָט זיך געגעבן רעכענונג, אַז ער האָט צו פיל געזאָגט און איז פּלוצלינג שטיל געבליבן. אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט אין שטוב. ענדלעך האָט דאָקטער בענרובי, מיט אַ נישט זיכערער, שטילער שטימע מיך געפרעגט:

— איר וואָלט מיר נישט געקענט געבן אַן אַוואַנס פון טויזנט פראַנק? איך דאַרף מיר מאַכן אַן אָנצוג און כ׳וואָלט געוואָלט באַצאָלן אייניקע קליינע חובות...

ווען ער האָט באַקומען דעם טשעק האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געוואָלט זיין גייסטיק.

— נעמט נישט פאַר פּינקטלעך די פּאַראַדאָקסן, וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט היינט אויף דער נאַכט. מיר האָבן צו פיל ליב צו רעדן און אויב מיר הייבן נאָר אָן רעדן מיר שוין... און שטענדיק ענדיקן מיר באַלעסטיקנדיק עמעצן. אויב כ׳האָב אייך מיט עפּעס באַליידיקט, בעט איך אייך איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן.

די נבואה פונעם געפאנגענעם

פון א טיפער געפענגעניש פון פלייש זענען מיר ארויס אויף דער וועלט, פריינד און ברודער מיינער. און קוים אויף דער פריי, ווילן מיר אויסבויען א נייע געפענגעניש, א מער שרעקלעכע, א תפיסה פונעם גייסט. פון יינגווייז אן ארבעטן מיר מיט אונדזערע אומגעדולדיקע הענט, אויפבויענדיק הויכע מויערן; יעדן טאג פארמערן מיר די שטיינער, יעדע טרער דינט אונדז פאר צעמענט, יעדער ווייטאג לאזט אונדז מער איינזאם, יעדע אנטדעקונג מער דערווייטערט. מיט פארחלומטע אויגן פארשליסן מיר זיך אין אונדזער אייגענער פערזאן, ווי אין א זיכערן הויז.

און ווען מיר ווערן דערוואקסענע, איז אונדזער געפענגעניש (אונדזער פעסטונג) פארענדיקט, און בלויז א מאמע אדער א געליבטע זוכט אריינצודרינגען דורך די אויגנשפאלטן אין דער געפענגעניש. און עס הייבט זיך אן די פיינלעכע וואכזאמקייט. דער נשמה וואקסן אן פליגל, אבער די געפענגעניש ווערט ענג, דערנענטערט זיך צו איינער פון די דאזיקע נשמות און איר וועט הערן אן אונטערערדיש, נוצלאז און צארנדיק צאפלען. דאס אויג ווערט מער פעיק צו דער ליכט, אבער די ליכט ווערט קלענער; די שטימע זוכט די ערשטע אקארדן, אבער קיינער הערט איר שוין נישט, קיינער פארשטייט זי נישט. עס ווערן פארגאסן טרערן און קיינער נעמט זיי נישט צונויף. עס ברעכט אויס דער צארן און קיינער דערשרעקט זיך נישט. דער קרייז ווערט וואס א מאל ענגער, די פענצטער פארמאכן זיך. די פעסטונג ווערט טיפער און ווערט ווי פארוואנדלט אין א הייל. דאן געפינען מיר זיך אריינגעקוועטשט און געפייניקט אין דער דאזיקער פעסטונג און געפענגעניש. עס איז נישטא קיין פענצטער, קיין טיר; קיין הימל וועגן וועלכן צו חלומען. קיין שיין וואס זאל נישט האבן אויסגעפרעסט געווארן פון דריקן מיט די הענט די שווארצאפלען. דו ביסט איינגעשלאסן ווי אין אן אטאם, פארבארגן ווי א צעל, שטום ווי א נאכט־חיה, וועלכע האט שוין פארלוירן יעדע האפענונג זיך איינצופארשטיין מיט די מענטשן. און אין דער פינצטער, אין דער שטיל, חזרט דיר איבער א שטימע:

— קיינער וועט נישט זאגן דאס וואס ער האט געוואלט זאגן. קיינער וועט

נישט וויסן דאָס וואָס ער האָט געוווּסט. קיינער וועט דיך נישט באַגלייטן אין טויט. און די שטימע פון דער געפאַלנקייט וועט דיר דינען פאַר נייע געמיינהייטן. דו וועסט ציטערן צווישן דיינע ווענט, און וועסט מאַכן אַ שיינעם אָנגריף און לויפן קעגן דיינע שונאים. דאַן וועסטו זיך אויסצירן און אויסקליידן. אין דיין פויסט וועט בלענדן ווי אַ פאַקל־פלאַם דיין שענסטע פאָן, און דו וועסט זיך אָנטאָן אין די בונט־סטע קליידער, די פלאַטערנדיקע פעדערן, די שענסטע באַפּוצונגען, דעם בליאַס־קענדיקן געווער. און דו וועסט וועלן אַרויס צו דער זון, צו דער ערד, צו דער שיין, צו דער פרייהייט. עס וועט דיך ברי:ען דאָס משיחישע פייער, עס וועט לעבן אין דיין האַרצן דער נביאישער גייסט פון יחזקאל און יוחנן. וועסט וועלן רעדן צו דיינע מיטמענטשן; דו וועסט זיי רופן, ווי אַ זונה, זיי זאָלן קומען צו דיר אין שטוב, וועסט זיי חנפענען מיט גוטע רייד און מיט שמייכלען. און דו וועסט פילן צו אַלע אַ גרויסע, אומבאַקאַנטע ליבע, א ווילדן אימפּולס פון מוטערלעכער צערטלעכקייט, אַ מין אַנגסטן, וועלכע וואָס מער דו ווילסט שטילן, מער ביטער ווערן זיי. דאַן וועט די מענטשלעכע מאַסקע אַליין זיך אויספורעמען אויפן געזיכט, ווי ווייכער וואַקס, אָן דיין הילף, דו וועסט וועלן אַנטפּלעקן דעם אמת, די גוטסקייט, די גרויסקייט, די עשירות, די ווערטער וועלן דיר אויפקומען אין האַלדז ווי אַ קנופּ פון געווייןן, זיי וועלן דיר אַרויסשפּריצן פון האַלדז ווי שטראָמיק וואַסער, דו וועסט דערגרייכן די זיסקייט וואָס מאַכט בלאָס און די דערפינדערישקייט, וואָס שוידערט אויף. דיינע הענט וועלן זיך אויפהייבן אין דער לופטן אַזוי ווי שטאַמען וואָס פאַרשפּרעכן שאָטן נישט געקוקט אויף זייער נאַקעטקייט. דיינע האָר וועלן זיך טרייסלען ווי אַ בלאַט אין אַנגסטן, דיין קערפּער וועט זיך אויסצי:ען ווי ער זאָל וועלן איבערשטייגן דעם באַרג.

דאַן וועלן קומען צו דיין געלעגער ביינאַכט די הייליקע שאָטנס פון די אַלטע נביאים. דו וועסט זען משהן נאָך אַ פאַרבלענדעטן פאַרן ברענענדיקן סנה פון וועלכן עס לאָזן זיך הערן שרעקלעכע געזעצן. וועסט זען קריסטוסן וויינען אונטער די מידע איילבירטן. וועסט זען מאַכמעדן גיין איבער די זאַמדן פון מדבר מיט דער בייזער האָפענונג אין האַרצן. און אַלע וועלן דיר אויסווייזן ברידער און דו וועסט וועלן, אַזוי ווי אַלע, אָנצינדן אַ פאָלק, פאַרשיכורן מיט חלומות אַ ראַסע, באַוועגן אַ וועלט.

דיינע פיס וועלן זוכן די בערג, דיין שטימע וועט זוכן די מאַסן און וועסט וועלן זיין איינער און אַ שעפער. עס וועט זיך דיר אויסדאַכטן, אַז אין דיר האָבן זיך אָנגעהויבן די נייע צייטן און די נייע געזעצן. און דו וועסט קוקן מיט אַ שמייכל אויף די געשטאַלטן פון די אַלטע געטער און דו וועסט דערפילן דעם חשק צו צעברעכן מיט דיינע הענט די אַלטע מזבחות פון די טעמפּלען.

דאָס אַלץ וועסטו פילן, ווען דיין נשמה וועט זיין פול, ווען די הייל, ווו דו ביסט געוואָרן גרויס וועט דיר אויסווייזן צו זיין ענג,ווען דו וועסט גלייבן, אַז פון

דיין איינזאַמער חשבּונות דאַרף געבוירן ווערן די ליכט. און דו וועסט דיך דאַן דערפילן ענלעך צו אַ גאָט און וועסט זאָגן אַז דו ביסט גאָטס זון.

אַזוי וועסטו קומען אויף דער וועלט, רייטנדיק, רייך אין צירונג און קליידער, שטאָלץ ווי אַ קעניג, פֿאַרשווענדעריש ווי אַ סולטאַן, שמייכלענדיק ווי אַ הויף־לץ.

***

מער פֿון אַלץ ווי אַ משוגענער, אָ, פֿריינד און ברודער מיינער! און מער פֿון אַלץ ווי אַ לץ. דיין אַרויסגאַנג וועט זיין דיין מפּלה. דו וועסט אַנדערע געבן אַזוי פֿיל ליכט, אַז דו וועסט זיין דער ערשטער צו פֿאַרבלענדט ווערן. און דו וועסט זיין נאָך מער איינזאַם, ווייל דו וועסט וויסן, אַז פֿון יענער זייט פֿון דער פֿעסטונג איז קיינער נישטאָ און דו האָסט געוואַרט, האָסט געגאַרט אַ המון, פֿריינד, און ברודער מיינער. און איין מאָל, נאָך דעם ווי דו וועסט האָבן געקלונגען אין אַלע דיינע גלעקער, נאָך דעם ווי דו וועסט האָבן געוואָרפֿן אַלע דיינע ווערטער, נאָך דעם ווי עס האָבן געבליאַסקעט אונטער דער זון אַלע דיינע קליידער, נאָך דעם ווי דו האָסט געפּאָכעט מיט אַלע דיינע פֿענער און געבלאָזן אין אַלע טראָמפּייטן, וועסטו זיין איינזאַם, פֿאַרלאָזן און טרויעריק ווי אַ פֿלאַפּלער, ווען דער המון האָט פּלוצלינג געלאָזט אַליין אין מיטן מאַרק. און עס וועט קומען דער טאָג פֿון געוויין; דער טאָג פֿון דעם גרויסן, טיפֿן, שטילן געוויין, אוי, פֿריינד און ברודער מיינער! דער טאָג ווען דו וועסט אַנט-אַנטדעקן דעם מדבּר!

און דאַן וועסטו זיך אויסטאָן פֿון אַלע קליידער, יעדעס וואָרט וועט דיר אויסזען אַ פּוסטער קלאַנג, קליין, לעכערלעך, און אַלטע שאָלעכץ, שמוציקער אָפּפֿאַל, אַ נוצלאָז שפּילעכל. און דיינע פֿענער וועלן אַראָפּפֿאַלן אין בלאָטע און דיינע טראָמפּייטן וועלן בלייבן שטום צו יעדן בלאָז, און בלויז די אַלטע ביימער, וואָס וועלן זיך טרייסלען אונטערן צאָרן פֿון ווינט, וועלן אויסזען ווי זיי שאָקלען מיטן קאָפּ אויס מיטלייד צו דיר. דו וועסט בלייבן נאַקעט אַזוי ווי אַ בעטלער, פֿאַרלוירן ווי אַ וואַגאַבונד אין אַ סטעפּ, פֿאַרצווייפֿלט ווי דו וואָלסט געווען פֿאַראורטיילט צו אייביק לעבן. וועסט האָבן אַלץ געגעבן און וועסט האָבן אַלץ פֿאַרלוירן. די זון וועט דיר שוין מער נישט וואַרעמען, דאָס וואַסער וועט נישט שטילן דיין דורשט, דער אָטעם וועט ווי אַנטלויפֿן פֿון דיין ברוסט. און דאַן וועסטו זיך דערמאָנען אין דעם טראַגישן פֿאַרשווינדן פֿון די נביאים: פֿון משהן וועגן וועלכן מ׳זאָגט, אַז גאָט האָט אים גערופֿן און ער פֿאַרשווינדט; און עס זעען אים שוין מער נישט קיין מענטשלעכע אויגן, און ער באַוויינט אין דער איינזאַמקייט די נישטיקייט פֿון זיין ווערק.

און דו וועסט זיך אויך אָפּגעבן חשבּון, אַז דו האָסט געוואָלט געבן דאָס וואָס דו האָסט נישט געהאַט: דעם אמת — אַז דו האָסט געוואָלט געבן דעם וואָס האָט נישט געהאַט קיין כּלים אויפֿצונעמען דיינע מתּנות — צו האָבן גערעדט און קיינער

האָט דיך נישט פאַרשטאַנען — נישט צו האָבן פאַרשטאַנען וואָס מ׳האָט דיר גע־וואָלט זאָגן.

עס וועט האָבן געקומען דער לעצטער טאָג. דיין נשמה וועט זיין ווי אַ פאַר־וויסטע שטאָט, ווי אַ צעשטערטער טורעם. דו וועסט וועלן נישטערן אין טיפן אַש, כדי צו געפינען אינעם האַרץ פון דער וועלט עפּעס אַ באַהאַלטענעם פלאַם. אָבער אַלץ וועט זיין פאַרלאָשן, אַלץ וועט זיין קאַלט. קיין פונק וועט נישט טוקען צווישן די חורבות, קיין היים וועט נישט פאַרגעלייגט ווערן דעם וואַנדערער. אַלץ וועט זיין טויט, ווייל דו וועסט זיין טויט. וועסט אַפילו נישט האָבן קיין כוח דיר אויסצוגראָבן אַ שיינעם קבר.

***

דאַן, פריינד און ברודער מיינער, וועט דיר מער נישט בלייבן ווי איין זאַך: דיין אַלטע הייל, דיין מיסטעריעזע הייל, דיין פאַרשלאָסענע פעסטונג, וועלכע דו האָסט פאַרלאָזט אין דעם טאָג פון עשירות. דו געדענקסט נאָך די הויכע און שוואַר־צע מויערן, די אונטערערדישע לאַבירינטן, די לאָקנדיקע פינצטערניש. קער זיך אום אָ, דו שטאַרבנדיקער בעטלער אין דיין ייִנגלשער נאַרע! האָב כוח זיך איבער אַ נייס צו פאַרמויערן אין דיין אָפּזונדערונג, פאַרשליס דיך מיט זיבן שליסלען, מיט זיבן שטעמפּלען. זיי דו דער וואָס זיצט אין תפיסה און דער תפיסה־וועכטער. דו מוזט קענען אַזוי ווי די פייגל פון די בערג, שטאַרבן צווישן די פעלדזן.

און לאָז הינטער דיר, הינטער דיין טיר, די רעטזעלהאַפטע געשפּענסטער, וועלכע דו רופסט די אַנדערע. אויב דו ווילסט זיין דו, רוף זיי נישט דיינע מיטמענטשן, כדי צו זיין ענלעך צו זיי, וואָלסטו באַדאַרפט זיין אַן אַנדערער, וואָלסטו באַדאַרפט זיין אַנדערש פון זיך אַליין, אויסשפּרייטן נעצן, זיך איינהילן אין מאָדנע באַפּוצונגען, זיך צודעקן מיט שמוציקע שלייערן. און טראַכט — אַ שווידערלעכע זאַך! — אַז אפשר וועט יעדער איינער טאָן דאָס וואָס דו האָסט זיך געזען געצווונגען צו טאָן. יעדער איינער וועט אַראָפּנידערן צו זען די יורדים, וועט טראָגן אַ מאַסקע צו דער־קענען די פאַרמאַסקירטע. דאַן זאָלסטו שוין מער נישט לאַכן פון דיין שגעון, נישט האָסן דיינע ווערטער, נישט שילטן דיין איינשטעל. עס איז נאָך דאָ צייט גוט צו שטאַרבן. נאַקעט וועסטו זיך אומקערן אין דיין פעסטונג, אָבער ווי שטאַרקער וועט זיין אָט די נאַקעטקייט דיינע איידער דיין אַמאָליקע רייכקייט! וועסט האָבן געלאָזט אין דרויסן וואָס האָט דיך מער פון אַלץ באַשווערט, אַלע דיינע אָנשטעלן און אַלע דיינע טרוימערישע האָפענונגען. דאָס וואָס האָט דיך געפייניקט און דאָס וואָס ס׳האָט דיך גענאָגט פאַרמאָגסטו שוין מער נישט, דו האָסט עס פאַרלוירן צווישן די ווילדע גראָזן פון די טאָלן, אין וועלכע דו האָסט געוואַנדערט, און דעם שליים פון די טייכן וועלכע דו האָסט דורכגעבראָדזשעט.

פריִער האָסטו געוואָלט זאָגן און אַצינד ווייסטו אַז קיינער קען נישט זאָגן,

נאָר זינגען; פריִער האָסטו געוואָלט אַריינדרינגען אין די נשמות פון אַנדערע, און אַצינד ווייסטו, אַז יעדע נשמה איז איינזאַם, איז אומצוטריטלעך, אומדורכדרינגבאַר ווי דיין אייגענע נשמה, פריינד און ברודער. און אויב דו האָסט געוואָלט באַהערשן, ווייסטו אַצינד אַז קיין זאַך קען נישט ווערן דיינע ווייל אַלץ איז דיינס.

אין דעם מאָמענט וועט די הייל, אין וועלכער דו האָסט זיך אומגעקערט נאָך דיין טומלדיקן גירוש דיר נישט אויסווייזן אַזוי ענג און אַזוי פינצטער. מיט יעדן טאָג וועט זי ווערן לענגער, ברייטער, ווי עפּעס אַ ריז וואָלט וועלן מיט כעס צעברעכן די ווענט. און עס וועט אויפהערן אין דיינע אויגן דער ביבלישער אונטערשיד צווישן דער ליכט און דער פינצטערניש. דו וועסט שוין נישט פאַרשטיין דאָס וואָס מ׳האָט דיר יינגלווייז געזאָגט וועגן דער נאַכט און דעם טאָג. דו וועסט האָבן אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון די סכאָלאַסטישע קעגנזאַצן. און די הייל וועט לאַנגזאַם צעגיין ווי אַ נעפּל־קרוין, ווי אַ צויבער־וואַנט, און אַ וועלט וועלכע דו קענסט נישט און ווייסט נישט, וועלכע וועסט נישט קענען אָבער וועסט לעבן, וועט זיין דיין רעאַלער טראָפּעי. און אַ מאָל אין אַ טאָג, אין דער דאָזיקער וועלט פון שטילן לעבן, וועט אַ גרויסע גליטשיקע און תאוותדיקע שלאַנג דיר ווייזן דאָס אָפענע מויל, כדי דו זאָלסט זען איר צעשפּאָלטענע צונג. די אַלטע שוואַכקייט, די אַלטע פאַרדאַרבנקייט, וועלן זיין באַזיגט. חווה וועט שטאַרבן, אָבער נישט געפּרוווט פונעם ביטרע וואָרט, נישט געשפּייזט פון די מאָראַלע עפּל פונעם קאַרגן גערטנער.

און דו וועסט נישט מאַכן קיין שום הימן צו פייערן אָט דעם זיג.

קאַראָלאַ פּראָספּערי

דער שונא

ער איז געזעסן אין זיין קאַבינעט לעבן פענצטער, מיט זיינע עלנבויגנס אויפן טיש, מיט אַ ציגאַר אין זיין מויל, שטאַרנדיק, ווען זיין פרוי האָט געפרעגט פון יענער זייט טיר:

— פּיעטראָ, קען איך אַריינגיין? איך האָב עפּעס זייער וויכטיקס דיר צו זאָגן.

קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האָט געוואַרט אַ מאָמענט און דאַן אײַבערגעחזרט:

— כ׳בעט דיך, בלויז איין מאָמענט. עס איז שרעקלעך וויכטיק, איך מוז דיר עס זאָגן.

זי האָט געעפנט די טיר, האָט אַריינגעקוקט מיט אַ שרעקעוודיקן אַנטשולדיקונג־שמייכעלע און האָט זיך דערנענטערט צו אים אויף די שפּיץ פינגער:

— האָסט אַ סך געאַרבעט! דו ווייסט, עס שאַדט דיר... פאַר וואָס זיצסטו אין דער פינצטער?

זי האָט געפּאָכעט מיט איר טיכעלע צו צעטרייבן דעם רויך, און בעת זי האָט זיך באַוועגן, האָט איר זיידן קלייד לייכט געשורשקעט, און אירע דימענטענע אויערינגלעך האָבן געפינקלט. אין דער שעה ווען זי נעמט אויף געסט, איז זי געווען אַזוי עלעגאַנט.

ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, האָט זיך אויפגעהויבן, האָט אָנגעצונדן די ליכט און איז געבליבן שטיין, ער האָט געקוקט אויף זיין פרוי מיט אַ קאַלטן, שיעור נישט אומצופרידענעם קוק. זיינע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרומט אין אַ געצוווּנגענעם, אומאָנגענעמענעם שמייכל, און ער האָט צעעפנט זיינע נאָזלעכער, אַ געוווינהייט, וועלכע ער האָט געהאַט שטענדיק, ווען ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס בייסיקס.

— צו וואָס אום גאָטס ווילן, פאַרקעמסטו זיך אַזוי אין דיינע יאָרן?

אירע ליפּן האָבן געציטערט, און אירע אויגן אין איר בלאַסן, מידן אָבער נאָך רייצנדיקן געזיכט, זענען געוואָרן רויט און פול מיט טרערן, ווי די אויגן פון אַ קינד. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן:

— מיינע האָר זעען נישט אויס שיין, אויב איך קרייזל זיי נישט פון צייט צו צייט. אַ מענטש מוז דאָך, נאָך אַלעמען, אויסזען אויפגעראַמט, ווען ס׳קומען געסט.

— אָ, אַזוי! — האָט ער אויסגערופן מיט סאַרקאַסטישן ערנסט — געוויס, היינט איז דיין גרויסער טאָג. דאָס גלעקל הערט נישט אויף צו קלינגען.

— אַלזאָ, הער — האָט זי געזאָגט צוקומענדיק נענטער צו אים, פאַרגיבנדיק און שמייכלענדיק ווידער אַ מאָל, זי האָט שיעור נישט אויסגעזען טריומפירנדיק.

— ווער מיינסטו איז היינט געקומען? סיניאָרא סאַלוועטי, גידאָ סאַלוועטיס מוטער. דער אַדוואָקאַט סאַלוועטי. דו ווייסט וועמען איך מיין.

— ניין, איך ווייס נישט — האָט ער טרוקן איבערגעריסן — מאַכנדיק אַן אָנ־שטרענגונג אויסצוזען ווי עס הייבט אים נישט אָן צו אינטערעסירן.

— געוויס מוזטו אים געדענקען, דעם אַדוואָקאַט. אַזאַ שיינער יונגערמאַן, מיט אַזעלכע פּרעכטיקע מאַנירן!

— איך באַדויער זייער. איך געדענק נישט אַזאַ תכשיט...

פאַקטיש האָט ער פּערפעקט גוט געדענקט דעם יונגנמאַן, אָבער בשום אופן האָט ער דאָס נישט געוואָלט מודה זיין.

— גוט, עס מאַכט נישט — האָט זיס געזאָגט זיין פרוי — איך בין זיכער דו וועסט זיך אין אים ווידער דערמאָנען גלייך ווי דו וועסט אים דערזען. די זאַך איז וואָס זיין מוטער האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם גערעדט וועגן העלענען, און ווי איר זון איז פאַרליבט אין איר, און ווי זיי זענען אַלע אַזוי צופרידן דערפון. און — בקי־צור, פּיעטראָ, זיי ווילן איר פאַר אַ שנור. זי האָט געפרעגט צי קען איר מאַן קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום און אָפיציעל בעטן דיין הסכמה. איך האָב געזאָגט, אַז יאָ.

— אָ, אַזוי, דו האָסט געזאָגט אַז יאָ?

— פּיעטראָ טייערער, עס האָט נישט געקענט זיין קיין בעסערער שידוך און חוץ דעם איז העלענע פאַרליבט אין אים אויף אַן אמת.

— אַזוי, העלענע איז פאַרליבט אין אים אויף אַן אמת?

ער האָט גערעדט קאַלט און מיט אַ כיוון, עפּענענדיק און פאַרמאַכנדיק זיינע ליפּן מיט גרויס ענערגיע, ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן, געסמאַקעוועט און הנאה געהאַט פון דער גאַנצער ביטערקייט, וואָס זיין איראָניע האָט פאַרמאָגט. דאַן האָט ער פּלוצלינג בייז אַרויסגעפּלאַצט אין שאַרפע אָפּגעהאַקטע פראַזן:

— און ווי אַזוי איז העלענע געקומען צו פאַרליבן זיך אין אים? ווו האָבן זיי זיך געזען איינער מיטן אַנדערן, וואָלט איך געוואָלט וויסן. און דו — דו וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו צו דערלאָזן אַזאַ זאַך זאָל געשען. דו האָסט דערלויבט דיין טאָכטער זיך צו פאַרליבן אין אַ מאַן, וועמען איך קען אַפילו נישט! איך בין חושד, אַז זיי האָבן זיך שוין איבערגעשריבן אויך. דו ביסט שטענדיק אין די וואָלקנס, דו באַמערקסט קיין מאָל גאָר נישט. אָדער אפשר האָסטו נאָך זיי געמוטיקט זיי זאָלן פירן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ, אַ?

זי האָט פאַרדעקט איר פּנים מיט די הענט, און זיצנדיק אויף דער סאָפע, האָט זי שטיל געוויינט. שאָקלענדיק מיט איר קאָפּ און אַרויסשלוכצנדיק:

— איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זיין צופרידן. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זיין אַזוי ווי איך, פּיטעראָ! פאַר וואָס ביסטו אַזוי? פאַר וואָס? וואָס האָבן מיר געטאָן פאַר אַ שלעכטס? עס איז גאָר נישטאָ קיין אויסערגעוויינלעכס אין דעם. צוויי יונגע מענטשן געפעלן זיך איינס ס׳אַנדערע און דאַן פאַרליבן זיי זיך! וואָס איז, האָבן מיר דען נישט געטאָן דאָס זעלבע, פּיעטראָ? דו ביסט אומגערעכט, דו ביסט ווירקלעך אומגערעכט!

און ער איז געווען אומגערעכט. ער איז אויך אַציַנד געזעסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, וועלכער איז אים שווער געווען ווי בליי. ער האָט געפילט אַ טעמפּן ווייטאָג, ווי אַ בר׳ענדיקע וווּנד. זיינע פיס האָבן געברענט, זיינע אַלע גלידער האָבן אים נישט געדינט, ווי ער זאָל געווען זיין זייער מיד. די דאָזיקע פיזישע נידערגעשלאָגנ־קייט פלעגט שטענדיק קומען נאָך העפטיקע אָנפאַלן פון צאָרן, און אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זיין געוויסן פּראָטעסטירט און אים געפייניקט אַזוי אומדערבאַרעמ־דיק, ווי זיינע מידע נערוון האָבן אים געפייניקט. עס איז געווען פּערפעקט אמת, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין קלעליאַן. ער האָט איר באַגערט און האָט געבעטן איר האַנט, ציטערנדיק בשעת מעשה. ער האָט איר געהייראַט אַ זייער גליקלעכער. אַציַנד איז דאָס געווען אַן אַלטע, זייער אַלטע געשיכטע, פון לאַנג, לאַנג צוריק, מיט אַ פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, אָבער עס איז געווען אמת. ווען אַפילו קלעליא איז אַציַנד געווען מיטליעריק, איר טאַליע נישט מער שלאַנק, און אירע האָר האָבן אָנגעהויבן ווערן גרוי, מיט געקנייטשטע באַקן און מידע אויסגעוויינטע אויגן. ער גופא איז איצט צו פופציק שוין געווען אַזוי אַלט, ווי אַ מענטש פון זיבעציק, אָבער יונגוואַרג איז שטענדיק יונגוואַרג, און קוים הייבן זיי אָן זיך צו ליבן, מיינען זיי אַז עס איז קיין וויכטיקערע זאַך נישטאָ ווי נאָר ליבע, ער איז באמת געווען אומגערעכט.

ער האָט געמאַכט אַן אומבאַשטימטן זשעסט מיט זיין האַנט, און האָט גערעדט מיט אַ געבראָכענער שטימע:

— קלעליאַ, מיינע נערוון... מיר וועלן וועגן דעם רעדן אַ צווייט מאָל...

סיניאָראַ קלעליאַ האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, האָט רו׳ק פאַרלאָזט דאָס צימער, און איז אַוועק דערציילן איר טאָכטער דעם רעזולטאַט פון דעם אינטערוויו. זי האָט איר געזאָגט, אַז איר פאָטער איז געווען אומרו׳ק און אַז ער האָט עטוואָס געטומלט, אָבער אַז עס וועט איבערגיין. אָבער, אום גאָטעס ווילן, זאָג נישט קיין וואָרט. דער טאַטע איז אַזוי נערוועז, מען טאָר אים נישט שטערן. באַלד נאָך דעם ווי זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָט פּראַנטשעסקאָ, דער עלטסטער זון, וואָס האָט געשפּילט פּיאַנאָ, אויפגעהערט שפּילן און האָט זיך אויפגעהויבן פונעם שטול. לו־טשאַנא האָט אָפּגעשטעלט איר שפּיל און בעפינא האָט שעפּטשענדיק געשטודירט די לעקציע. אַפילו די דינסט האָט אָנגעהויבן צוגרייטן דעם טיש זייער שטיל אַרומ־

גייענדיק איבערן צימער אויף די שפּיץ־פינגער, כדי נישט צו באַלעסטקן איר באַ־לעבאָס. אָבער בשעתן עסן אז געווען אוממעגלעך האַלטן געצוימט די קינדערס גע־הויבענע שטימונג. העלענע האָט כמעט נישט געקענט עסן. זי האָט געמאַכט נערוועזע באַוועגונגען מיט די הענט און דעם געזיכט, וואָס האָט איר אין גאַנצן אויסגעגעבן. און איר שיינקייט (זי איז געווען אַזוי ווי איר מוטער, אָבער עטוואָס מער געוואַגטער און מער באַוווסטזיניק פון איר רייץ) האָט ווי געשיינט מיט אַן אינערלעך ליכט. איין מאָל האָט זי אַראָפּגעוואָרפן איר גאָפּל, און בעפּינא, וועלכער האָט אים אויפ־געהויבן פון אונטערן טיש, האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיק געלעכטער. לוטשאַנאַ האָט אָנגעהויבן לאַכן, דאַן האָט פראַנטשעסקאָ אויך געלאַכט, און סיניאָראַ קלעליאַ האָט קינדיש געלאַכט. דאַן האָט פּיעטראָ, כדי אָפּצושטעלן דאָס געלעכטער, וואָס איז אים נישט געווען געפעלן, און האָט אים געמאַכט בייז, זיך אויסגעדרייט צו זיין פרוי און האָט געזאָגט מיט אַן אייז־קאַלטער שטימע:

— איך פאַר מאָרגן קיין פאַלקאָנעטאַ. ווילסטו איינפּאַקן מיין קליידער־רענצל?

— אַזוי...

זי האָט געקוקט צו אים ווי אין אַ חלום, און דאַן צו העלענען, וועלכע איז געוואָרן ווייס ווי אַ ליילעך און די אויגן האָבן איר געברענט. אָבער ווען פּיעטראָ האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט יעדער פאַמיליע־מיטגליד געהאַלטן זיין קאָפּ אַראָפּ אויסער בעפּינאָן, דער יינגסטער, וועמענס געזיכט ס׳האָט געשיינט מיט אומשולדי־קער פרייד — די פרייד פון אַ שול־יינגל, וואָס דערוואַרט אַ יום־טוב.

פּיעטראָ האָט אויפגעהויבן זיין פינגער.

— אַזוי, דו ביסט צופרידן, וואָס דיין טאַטע פאָרט אַוועק, אַ?

דאָס יינגל איז געוואָרן רויט, ווי מען זאָל אים געווען כאַפּן ביי דער האַנט. ער האָט געמאַכט אַ מינע און האָט פאַרביסן זיין ליפּ, ער זאָל זיך נישט דאַרפן צעוויינען.

— ניין, טאַטע, ניין.

פּיעטראָ האָט נישט געהערט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, און זיין פרוי האָט שטיל אים געפרעגט:

— דו וועסט זיך אין גיכן אומקערן, נישט אמת? דו מוזט אַ קלער טאָן וועגן יענער זאַך.

— וואָס פאַר אַ זאַך?

— וואָס הייסט, וועגן העלענעס חתונה, פאַרשטייט זיך! דיין אַוועקפאָרן וועט אויסזען ווי אַ נעגאַטיווער ענטפער — אַן אָפּזאָג — שיעור נישט אַ באַליידיקונג. נאָך אַלעמען שטייט אין קאָן דיין טאָכטערס גליק. עס איז פיל וויכטיקער פון אַלץ וואָס דו האָסט צו טאָן אין פאַלקאָנעטאַ.

אָבער דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, האָט אים געמאַכט נאָך מער פאַרעקשנט ווי שטענדיק.

— אַוודאי, ווען איר פרויען נעמט זיך אין קאָפּ אַריין אידייען וועגן ליבע, איז מער קיין זאַך נישט וויכטיק, נישט געשעפט אָדער עפּעס אַנדערש...

דעם אמת געזאָגט, האָט ער לחלוטין גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן אין פּאַל־קאָנעטא. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין איבעריק גרויסן חשק צו פּאָרן אַהין. בלויז אַן אומקאָנטראָלירטער פאַרלאַנג צו פאַרשאַפן אַנדערע יסורים האָט אים אַהין געטריבן נישט געקוקט אויף אַלץ.

— פּיעטראָ, פאָר נישט אַוועק...

ער האָט אַפילו נישט געענטפערט. ווען ער האָט דערגרייכט די טיר, האָט ער זיך אויסגעדרייט און האָט געזען ווי אַלע זיצן שווייגנדיקע, נישט קוקנדיק אויף אים. און זיין געוויסן האָט אויסגעשריגן:

— זע וואָס האָסט געמאַכט פון דיין פאַמיליע, דיין געליבטער פאַמיליע — אַ באַנדע טעראָריזירטע שקלאַפן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלקאָנעטא.

***

פּאַלקאָנעטא איז נישט בלויז געווען זיין דאַטשע, דאָס איז אויך געווען די היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, ווו זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן פאַר־בראַכט די גרעסטע טייל פון זייערע לעבנס. שטייענדיק דאָרט, אין וויסטן דאָרף, קאַלט מיט פאַרמאַכטע לאָדן אָון באַדעקט מיט שניי, האָט דאָס אַלטע הויז אויסגעזען ווי אַ קבר. די פּויערטע, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דעם, האָט געעפנט די טיר, האָט געמאַכט פייער אין עס־צימער און אין פּיעטראָס שלאָף־צימער אויפן ערשטן שטאָק. און ווען זי האָט דערזען זיין מינע, האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן צו שטעלן אים צו פיל פראַגן וועגן דער פאַמיליע. ער האָט געקוקט אויפן פייער, וואָס האָט זיך ערשט געהאַט צעברענט. דאָס אַלטע מעבל האָט ער אַזוי גוט געקענט, און דעם גאָרטן, וואָס איז געלעגן אין גאַנצן ווייס פון יענער זייט פון די אייזערנע פענצטער־גראַטעס. דאַן האָט ער זיך שווער אַוועקגעזעצט קעגן דעם פייער און האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— ביסטו אַצינד צופרידן? קלעליאַ וויינט, העלענע שלוכצט און די קינדער זע־נען אַלע פריילעך, וואָס ביסט אָפּגעפאָרן. זיי מוזן זאָגן: עס איז אַ חיות ווען ער איז נישטאָ. „ער" — דאָס מיינט מען מיך. קיינער האָט מיך נישט ליב. זיי האָבן פאַר מיר מורא, און באַלד וועלן זיי מיך האַסן.

ער איז געווען אַליין. ער האָט זיך געפילט נידערגעשלאָגן, אָבער זיינע נערוון זענען געווען רויִקער, און אַצינד האָט ער געקענט אַריינקוקן אין זיין נשמה אַריין. זען קלאָר זיינע עוולות, מעסטן זייער גרייס און אָפּשאַצן דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט געטאָן. אַצינד איז געקומען די שעה, די שעה פאַר וועלכער ער האָט אַזוי מורא געהאַט און האָט אַזוי אָפט אָפּגעשטופּט, ווען ער מוז אויסהערן דעם אמתן און

נישט אַנגענעמענעם אורטייל, וואָס זיין געוויסן האָט אַרויסגעטראָגן. ווען ער מוז נעמען זיין גאַנץ אַמאָליק און איצטיק לעבן און עס אויסשפּרייטן פאַר זיך ווי אַ מאַפּע, וועלכע איר וויקלט אויף פאַר זיך און הענגט אויף אויף דער וואַנט מיט פיר קנאָפּקעס. ער וועט זיין זיין אייגענער און שטרענגער ריכטער. זיין פאַרגאַנגען לעבן איז אים געקומען פאַר די אויגן. ביז פינף און פערציק איז ער געווען איידל און פרידלעך, כאָטש עטוואָס מעלאַנכאָליש. ער איז געווען אַ טרייער מאַן, אַ גוטער פאָטער, רויִק און מיושבדיק אין געשעפטן. דאַן האָט לאַנגזאַם די לעבנס־פרייד אין אים אָנגעהויבן אויסגעלאָשן ווערן. דער קוואַל פון זיין גוטסקייט איז אין גאַנצן פאַרטריקנט געוואָרן, אָדער עפּעס אַ האַרטער און שווערער שטיין האָט אים פאַרשטאָפּט. אַ מרה־שחורהדיקע אומצופרידנקייט האָט אָנגעפולט זיין גאַנץ וועזן, פאַרגיפטנדיק זיינע מענטשלעכע באַציִונגען. ער האָט געזען אַלץ באַפאַרבט פון אָט דער אומצופרידנקייט. זיינע נערוון זענען דערשיטערט און פאַרוווּנדעט געוואָרן פונעם שוואַכסטן ריר. זיין ווייבס גוטסקייט, און איר אופן פון רעדן, אירע געהאָרכזאַמע בליקן, איר געדולד, ווען זי האָט זיך צו אים געווענדט, גלייך ווי ער וואָלט זיין קראַנק, איר גלעטנדיקע שטימע, איר פוכיקער, ווייסער האַלדז פון אַ טויב, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, האָט אים איצט שרעקלעך אויפגערעגט ווען ער איז געוואָרן אומרויִק. יעדע שטיפעריי פון די קינדער, ווי קליין עס זאָל נישט געווען זיין, האָט אים אויסגעוויזן אומגעהייער וויכטיק און אומפאַרגעבלעך, און ער האָט זיי צאָרנדיק געיאַדעט שעהן לאַנג. זייער פריילעכקייט האָט אים אויפגערעגט, זייער זאָרגלאָזע און ספּאָנטאַנע פרייד האָט אים אָנגעפולט מיט אַ קאַלטער מעלאַנכאָליע, וואָס האָט דערוויטערט סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש. ער האָט ווי נישט פאַרגינען זיי זייערע שמייכלען און געלעכטערס, און האָט געשווידערט פון זייער יוגנט. זיין ווייב האָט געזאָגט: „פּיעטראָס נערוון"... די קינדער האָבן געזאָגט: „דעם טאַטנס נערוון"... זיי האָבן גערעדט פון זיינע נערוון, ווי זיי וואָלטן געווען שלעכטע, לעבעדיקע באַשעפענישן, בלאַסע און מוראדיקע. שטענדיק אויף דער וואַך צו דערשטיקן יעדעס גליק, וואָס איז געקומען אין שטוב.

און נאָכגעבנדיק די דאָזיקע טיראַניזירנדיקע נערוון, האָט ער סיסטעמאַטיש אָפּגעזאָגט זיינע קינדער אַלץ, וואָס זיי האָבן באַזונדערס געוואָלט, האָט זיי כסדר ווידערגעשפּראָכן און האָט געפּילט אַ פּיינלעכן אימפּולס זיי צו פאַרשאַפן יסורים, ווען עס איז נאָר געווען מעגלעך.נאָכגעבנדיק די דאָזיקע טיראַניזירנדיקע נערוון, האָט ער דאָס מאָל פאַרלאָזט דאָס הויז, צעשטערט העלענעס גליק, פאַרפינצטערט זיין פרויס פרייד און אָפּגעזאָגט צו זען זיין צוקונפטיקן איידעם.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו זיינע פעלערן און האָט זיי געזען באַטראַכט, ווי אַ דאָקטער וואָס בייגט זיך איבער אַ ווונד, נישט שרעקנדיק זיך פאַר דעם שלעכטן ריח, וואָס זעצט פון איר. ער האָט געוווּסט, אַז זיין קרענק איז אים געקומען בירושה. פון די פינצטערע ווינקעלעך פונעם הויז זענען אַרויסגעשווומען די געשפּענסטער

פון זיין יוגנט, כדי אים צו דערמאָנען די געשיכטע פון זיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געזען זיין משפחה. זיינע ברידער און שוועסטער, זיין מוטער מיט איר נעבעכ־דיקן, מאַגערן געזיכט, פאַרווײנט אָבער רויִק, די מירמלנע רויקייט, וואָס זעט נישט קיין האָפענונג אויסער טויט. זיי פלעגן אויך זאָגן: „דעם טאַטנס נערוון”, און האָבן געערדט פון זיי ווי בייזע לעבעדיקע באַשעפענישן, בלאַסע און מרה־שחורהדיקע, וואָלטן אָנגעפולט דאָס גאַנצע הויז. איבער די דאָזיקע נערוון האָט די עלטערע טאָכ־טער געטאָן אַן אוממעגלעכן שידוך, צוליב איינפאַכער פאַרצווייפלונג, אַבי אַרויס פון שטוב. די יונגערע טאָכטער איז אַריין אין אַ מאָנאַסטיר. דער עלטסטער זון איז אַוועק קיין אויסלאַנד אָן אַ סענט אין זיין קעשענע, און ער, פּיעטראָ, דער יינגסטער, האָט מער געליטן פון אַלע איבעריקע, אונטער דער משא פון דעם גרויזאַמען יאָך. ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַלע פּרטים זיין מאַמעס טרערן. די קליינלעכע, העסלעכע, טאָג־טעגלעכע פאַרפאָלגונגען, די סיסטעמאַטישע ווידערשפּרוכן, און ברוטאַליטעט, פון וועלכע עס איז נישט געווען קיין אַנדער רעטונג, ווי צביעות און ליגנס, און האָס צו די נאָענטסטע און טייערסטע... אומגעזעטיקטער עגאָיזם... דער ווילדער פאַרלאַנג זיי צו פאַרשאַפן ליידן... און אַן אייז־קאַלטע חושכדיקע מעלאַנכאָליע, וואָס שטויסט אָפּ רחמים און פאַרשטענדעניש.

אפשר איז זיין פאָטער אויך געווען גוט און ווויל, ווען ער איז געווען אַ יונ־גערמאַן. ער האָט פאַרזונקען אין מחשבות. אפשר האָט ער אויך ליב געהאַט זיין פאַמיליע אויף זיין שטייגער, ליידנדיק די גרויזאַמע ווייטאָגן פון אַן אומדערבאַ־רעמדיקן, שולדיקן געוויסן. אפשר איז אויך ער געווען אַ מאַרטירער און תליון... און פּיעטראָ, וועלכער האָט אַזוי געליטן, אַז ער האָט געפילט, ער וועט אַראָפּ פון זינען, פלעגט אָפט זאָגן:

— אויב איך זאָל טראַכטן, אַז כ'וועל ווען מיינע קינדער פאַרשאַפן אַזעלכע ליידן — אויב כ'וועל האָבן קינדער — וואָלט איך זיך דערוואָרגן מיט מיינע איי־גענע הענט — יאָ, ער פלעגט אַזוי זאָגן. און ער האָט געטראַכט, צי זיינע זין זאָגן אויך נישט אַזוי. דער געדאַנק האָט אים געבויערט אין מוח. ער מוז אים פאַריאָגן. ער איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, איז אַרויס אין דרויסן און איז אַוועק מיט די פאַרוואָרפענע וועגן צו די בערג, אויפן ראַנד פון אַן אָפּגעעם אָפּגרונט. און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער כמעט נישט צוגערירט זיך צום עסן, וואָס מ'האָט אָנגעגרייט פאַר אים. און אין אָוונט האָט ער איינגענומען אַ גרויסע דאָזע פון אַ שלאָף־געטראַנק, וואָס האָט אויף אים אָנגעג־שיקט אַ טיפן שלאָף, ווי טויט. אַזוי זענען אַוועק צוויי, דריי, און פיר טעג. דאָן איין מאָל אין דער פרי (ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַרום צוועלף) איז ער אַראָפּ אונטן און האָט געטראָפן זיין פרוי וואַרטן דאָרט אין גאַסט־צימער. זי איז געקומען מיט אַ שעה אָדער צוויי פריִער, אָבער זי האָט נישט געוואַגט אים אויפצוּוועקן. זי איז

געווען בלאַס און אין אַנגסטן און האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס זענען פול געווען מיט שרעק. דאַן האָט זי אויסגעמורמלט:

— איך האָב נישט געוואָגט צו קומען, אָבער... כ׳האָב מורא, אַז דו ביסט קראַנק, דו ביסט באמת קראַנק.

זי איז געווען דערשוידערט קוקנדיק אויף זיין פּנים — דעם בלאַסן, שלעפּער־דיקן פּנים פון אַ נאַכט־וואַנדלער, אויף זיינע גלאַנציקע אויגן אין זייערע טיפע גרי־בער. ער איז אומגלויבלעך אַלט געוואָרן אין די עטלעכע טעג. זיינע האָר זענען געווען אַזוי ווייס.... און זי האָט אָנגעהויבן וויינען שטיל, צודריקנדיק איר טאַשן־טיכל צו אירע אויגן.

— דו ביסט נישט געזונט... דו וואָלסט באַדאַרפט קומען אַהיים.

ער האָט געקוקט אויף איר ליב, טרויעריק פּנים, דעם פּנים פון אַ פרוי, וואָס איז קיין מאָל נישט אַלט געוואָרן, נישט געקוקט אויף די יאָרן און דעם שווערן לעבן. אויף איר טויבן־האַלדז, וואָס איז געווען געבויגן אין גוטסקייט און געהאָרכ־זאַמקייט. ער האָט געזאָגט:

— איך וואָלט זיך באַדאַרפט אומקערן צוליב העלענען, איך ווייס, אַז כ׳וואָלט זיך באַדאַרפט אומקערן. אָבער איך קען נאָך נישט... איך האָב זאַכן צו דערליידיקן... און איך פיל זיך דאָ בעסער. אָבער איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו, אויב דו ווילסט, וועלכער וועט זיין אַזוי גוט ווי מיין אָנוועזנהייט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש און האָט אָנגעשריבן עטלעכע שורות. דאַן האָט ער זיי איבערגעלייענט זיין פרוי:

„מיין טייערע, ליבע העלענע.

„איך גיב מיין פולע און אומקאָנדיציאָנעלע צושטימונג און וואַרעמסטע הסכמה צו דיין חתונה מיט גידאָ סאַלוועטי. מיינע ברכות זאָלן דיר אָנגיין און מיין ליב־לעכע אומאַרמונג.

דיין פאָטער״.

— גוט אָנגעשריבן?

עס האָט זיך געהערט ווי ער וואָלט געלייענט זיין צוואה.

— דאָס וועט זיין גענוג. העלענע האָט דאָך שוין דערגרייכט די פולע עלטער.

זיין פרוי האָט געקוקט אויף אים מיט דערשטוינונג.

— פּיעטראָ... אָבער פאַרשטייסט נישט... וואָס וועט זיין מיט אַלע אַנדערע זאַכן? דער חתונה־קאָנטראַקט... איר נדן... און אַלע מענטשן... דו קענסט דאָך זיך נישט אָפּזאָגן צו טראַכטן וועגן דעם אַלעמען.

ער האָט געקוקט אין דעם פאַר־פּלאַן צו זען ווען ס׳גייט אָפּ אַ באַן, און האָט איר געזאָגט זי זאָל בעסער אַהיימפאָרן מיט הער באַן פון דריי אַזייגער, עס איז די בעסטע שעה און זי וועט אַהיימקומען באַצייטנס. זי האָט אויף אים געקוקט מיט געבעט:

— און וואָס וועט זיין מיט דיר?

— איך וועל דיך באַגלייטן צום וואָקזאַל.

זי האָט אָנגעטאָן איר הוט און פוטער, אַ שטילע און רעזיגנירטע. ער האָט צו איר געזאָגט, אַזוי צאַרט ווי פריער:

— אָבער דו האָסט גאָרנישט געגעסן, ליבע.

— עס מאַכט נישט אויס, איך בין נישט הונגעריק. אָבער איך בין זיכער, אַז דו וועסט...

— ניין, ניין, כ'וועל נישט.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן לענגערן וועג צום וואָקזאַל. עס איז געווען שטאַרק קאַלט און דער האַרטער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס. פון צייט צו צייט האָט ער איר אונטערגעהאַלטן, זי זאָל זיך נישט אויסגליטשן. און איין מאָל האָט ער זי באַדאַרפט אָנעמען מיטן אָרעם אַרום דער טאַליע. און זי אַ גערירטע פון זיין אומגעווייינלעכער גוטסקייט, האָט אָנגעכאַפּט זיין אָרעם, צוטוליענדיק זיך צו אים, און האָט אים געבעטן מיט טרערן אין אירע אויגן:

— פּיעטראָ, קער זיך אום, קער זיך אום מיט מיר! מאַך אונדז נישט אַלע אומגליקלעך, אַוועקפאַרנדיק פונקט אַצינד...

ער איז ווייטער געגאַנגען האַלטנדיק איר צאַרט.

— אָבער דאָס איז טאַקע די סיבה פאַר וואָס איך קער זיך נישט אום, כדי נישט צו מאַכן אייך אַלע אומגליקלעך. איך מוז אייך פאַרלאָזן! איך מוז זיין אַליין, ווייל איך מוז אַליין ליידן!

— אָבער ווו אַליין? — האָט זי געפרעגט.

— אַליין, דאָ, אָדער אין אַ מאָנאַסטיר — אין דער מדבר, איך ווייס נישט, אָבער איך מוז זיין אַליין. פאַרשטייסטו נישט, אַז עס איז נישט אַזוי פיל צוליב מיר, ווי צוליב אייך? איך וויל איר זאָלט זיין רויק. איך וויל איר זאָלט זיין גליקלעך.

— אָבער ווי אַזוי קענסטו דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן זיין גליקלעך אונטער אַזעלכע אומשטענדן?

זי האָט געוויינט און האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן. פאַר וואָס קענען זיי נישט לעבן רויק? זיי האָבן גענוג געלט, זייערע קינדער זענען געזונטע און גוטע. זיי האָבן געקענט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַלערליי אומגליקן, קראַנקע קינדער, קאָרטן־שפּילער, אָדער אויסגעלאַסענע, און דאָך האָבן די דאָזיקע מענטשן אויסגעזען רויקער ווי זיי.

— יעדע פאַמיליע האָט זיך איר טראַגעדיע — האָט ער געזאָגט. — יעדער איינער טראָגט זיך זיין קרייץ. ביי איין מענטשן איז דאָס אָרעמקייט, ביי אַן אַנדערן אַ ווילדע תאווה, ביי אַ דריטן אַ בזיון; יעדער האָט אַ שונא אין זיין שטוב. איך בין דער שונא פון אונדזער פאַמיליע. איך טראָג זי אין מיר די קרענק פון מיין פאָטער. דו געדענקסט, איך האָב אָפּט דערציילט דיר וועגן מיין טאַטן און זיינע נערוון.

איך דענק — גאָט זאָל מיר מוחל זיין — אַז איך האָב אים באמת געהאַסט, און איך בין נאָך נישט אַזוי קראַנק דאָס נישט צו באַגרייפן. איך ווייס ווי איך האַלט, און איך וויל נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן מיך האַסן און דאָס לעבן וואָס איך האָב זיי געגעבן. אָט פּאָר וואָס איך זאָג, אַז עס מוז נעמען אַ סוף דערצו. איך מוז אייך פאַרלאָזן. איך מוז אייך באַפרייען פונעם שונא. איך קען עס דיר בלויז זאָגן איין מאָל, געדענק. מיין קרענק קען איך גוט, איך האָב זי שטודירט אין מיין פאָטער, ווען איך בין געווען אַ יינגל, און איך ווייס, אַז זי ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. ניין, איך וויל נישט, איך וויל נישט!

זיי זענען איצט געקומען צום וואָקזאַל. אַ קליינער, פּוסטער וואָקזאַל, און ער האָט אויפגעהערט רעדן. זי האָט נישט זייער גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט. זי איז געווען דערשראָקן פון זיינע ווערטער. פּיעטראָס שטימע האָט געקלונגען עטוואָס ווילד. זי האָט געטראַכט:

— איכ׳ל שיקן פראַנטשעסקאָן אים צו איבערצייגן, אָדער גידאָן, וועלכער איז אַן אַדוואָקאַט, ער רעדט אַזוי שיין.

אָבער דאָס האַרץ האָט איר ווי געטאָן. זי האָט אומאַרעמט איר מאַן און האָט געשלוכצט און ביטער געוויינט, מיט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. ער האָט איר געוויס גרויזאַם גורם געווען יסורים, און זייער לעבן איז לעצטנס איבער אים געוואָרן במעט אומדערטרעגלעך. אָבער זי האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו לאָזן אים אַליין ווי אַ הונט, וועלכן קיינער וויל נישט האָבן. זי האָט זיך דערמאָנט אין זייער יוגנט און זייער ליבע אַזוי לאַנג צוריק — איר איינציקע ליבע — און די געשיכטע פון זייער הייראַט אין די ערשטע יאָרן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען. וואָס פאַר אַ טייערער חבר ער איז געווען אין יענער צייט! ער איז געווען אַזוי צערטלעך און ליבלעך, אַזוי רייצנדיק, און אַזוי שטאַרק פאַרליבט! ער האָט איר פאַרגעטערט דאַן. זי האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען איר גאַנץ אַמאָליק גליק אים, אַ גליק וואָס איז איצט שוין לאַנג פאַרשוווּנדן, אָבער וואָס איז נאָך געווען זיס און האָט געלעבט אין איר זכרון.

— עס מאַכט נישט, פּיעטראָ, מיר וואָלטן ווידער געקענט זיין גליקלעך צוזאַמען. איכ׳ל שיקן אַהער צו דיר פראַנטשעסקאָן. ער איז אַזוי גוט. און די קינדער האָבן דיך ליב — דו ביסט, נאָך אַלעמען, נישט געקוקט אויף אַלץ, זייער פאָטער. דו קענסט דאָך נישט מיינען, אַז זיי ווילן דו זאָלסט דאָ בלייבן אייביק אַליין?

זי איז אַרויף אין וואַגאָן און האָט געמאַכט זשעסטן דורכן פענצטער, מיינענדיק, אַז זי וועט שיקן פראַנטשעסקאָן. אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך געזעגנט מיט אים, האָט איר געזיכט באַקומען אַן אויסדרוק פון אומרו, ווי זי וואָלט פּלוצלינג און אינסטינקטיוו דערפילט, אַז זי וועט אים קיין מאָל מער נישט זען.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט און איז לאַנג, לאַנג אַרומגעגאַנגען, ביז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. פראַנטשעסקאָ וועט קומען, ער איז געווען זיכער, און

וועט אים בעטן, מעגלעך אויף די קני, ער זאָל צוריק קומען אַהיים. זיי וועלן אים נישט לאָזן אַליין. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען. דאָס געפיל וואָס זיי האָבן געהאַט צו אים, „נישט געקוקט אויף אַלץ”, ווי זיין פרוי האָט געזאָגט, און מענטשן און געזעלשאַפטלעכע קאָנווענציאָנאַליזמען, דאָס אַלץ האָט עס געמאַכט פאַר זייער פליכט אים פרווון צוריקברענגען. אויב ער וועט צוריקקומען וועט דער שונא זיך אומקערן מיט אים, און דאַן וועלן זיך אָנהייבן לאַנגע יאָרן פון פיין פאַר אים און דער גאַנצער פאַמיליע. ער וועט ברענגען אויף זיינע קינדער די זעלביקעליידן, וואָס ער האָט געליטן אַלס קינד — אפשר ערגערע. פאַר וואָס האָט ער קיין רו נישט אין זיין לעבן? בלויז איין וועג איז פאַר אים געווען אָפן, אויב ער וויל זיך און אַנדערע באַפרייען פון ווייטערדיקע ליידן — דער וועג אויף וועלכן ער גייט איצט, אַ פינצטערער, גלאַטער, איינזאַמער וועג, פול מיט חשכות, און וואָס פירט צום אָפענעם אָפּגרונט. דאָס איינציקע וואָס ער דאַרף טאָן איז צו מאַכן אַ טריט אָדער צוויי: אויסשטרעקן זיינע אָרעמס און פרווון גיין גלייך ווען ער וועט דערפילן דעם תהום אונטער זיך.

***

פראַנטשעסקאָ איז נאָר וואָס געהאַט אַרויס צו פאָרן צום פאָטער, ווען אַ טעלעגראַמע איז אָנגעקומען, אין וועלכער ס׳האָט זיך געזאָגט, אַז דעם טויטן קערפּער האָט מען געפונען צוויי טעג נאָכן אַקצידענט.

יאָנאַס לי

(געבוירן אין 1833 — געשטאָרבן אין 1909)

דער נאָרוועגישער שריפטשטעלער יאָנאַס לי האָט זיך אינספּירירט אין דער פּאָלאַרער נאַטור פון זיין געבוירנלאַנד אין דעם זומער וואָס איז כולו טאָג, כמעט אָן נאַכט, אין די שרעק פון די ווינטער־שטורעמס, אין פישפאַנג און ים־רייזעס. זיינע שילדערונגען פון שטורעמס אויפן ים זענען גראַנדיעז.

אין דער עלטער פון 43 יאָר האָט ער געשאַפן זיין מייסטער־ווערק „דער פילאָט און זיין פרוי". יאָנאַס לי האָט געשריבן דערציילונגען פונעם לעבן פון די נאָרוועגישע ים־לייט, וועלכע בילדן אַ טייל פונעם דאָרטיקן מיטל־קלאַס, דערציילונגען פונעם פאַמיליע־לעבן.

יאָנאַס לי האָט מיטגעפילט אַלע וואָס ליידן און ווערן באַעוולט פון לעבן. זיינע ליטעראַרישע ווערק זענען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דעם ביוראָקראַטיזם, וואָס האָט דערשטיקט דאָס לעבן אין נאָרוועגן.

דער פּראָמינענטער נאָרוועגישער שריפטשטעלער שילדערט די סביבה צו וועלכער ער גופא האָט געהערט (אַדוואָקאַטן און מלוכה־באַאַמטע) אין זיין נאָוועלע „די פאַמיליע אין זשיליע". ער מאָלט די טראַגישע אַספּעקטן פון דעם פאַמיליע־לעבן, ווו דאָס גליק פאַרשווינדט ווען דער מאַן און די פרוי זענען גישט קיין חברים און די העפטיקע קאָנפליקטן מאַכן חרוב די היים. אָבער דאָך איז דאָס ווערק באַשטראַלט מיט אַזאַ אידילישן חן אַז עס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן פון יאָנאַס לי'ס ליטעראַרישע שאַפונגען.

יאָנאַס לי האָט שטודירט אין אוניווערסיטעט פון קריסטיאַניע אין איינעם מיט איבסענען און ביערנסאָנען.

אויסער זיינע גרויסע נאָוועלן, האָט ער געשאַפן פיל קורצע מייסטערהאַפטע דערציילונגען אין אַן איינפאַכן עפּישן סטיל, פון וועלכע מיר נעמען פאַר אַ מוסטער אין אונדזער אַנטאָלאָגיע „די געשיכטע פון אַ הינדעלע".

די געשיכטע פון אַ הינדעלע

אַמאָל איז געווען אַ הינעריש איי, וואָס האָט זיך אומרויִק געקייקלט אין נעסט. די הון האָט עס געהאַלטן אין איין צוריקשטויסן אויף זיין פלאַץ. אַן אויסערגעוויינלעכער לעבנס־כוח מוז זיין אין דעם, האָט זי געטראַכט.

גלייך ווי דאָס הינדעלע איז אויף דער וועלט געקומען און האָט אָוועקגעשאַרט די שטיקלעך שאָלעכץ פון די אויגן, האָט עס אויסגעצויגן דעם האַלדז, האָט געפישטשעט און האָט געוואָלט וויסן די באַדייטונג פון אַלץ אַרום.

די מוטער האָט געקלאַפּט מיט די פֿליגל פֿאַר שרעק פֿון אַזאַ חוצפּהדיקער נייגעריקייט און האָט צוויי מאָל זיך באַדאַרפֿט דערקינדיקן, איידער זי האָט זיך איבערצייגט אַז ס׳איז נישט קיין יונג האָנעלע.

זי האָט אויף דעם הינדעלע געהאַלטן אַן אויג אַ גאַנצן טאָג, און האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די השגחה אויף אירע איבעריקע קינדער. דאָס יונגע באַשעפֿעניש האָט שטאָלץ אַרומגעשפּאַנט און האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט. און ווען די מוטער האָט אין דער צייט פֿון זון־פֿאַרגאַנג צונויפֿגערופֿן אירע עופֿהלעך, האָט דאָס הינדעלע געבורטשעט און איז אָפּגעשטאַנען. און ווען די מוטער איז דעם נאָכגעלאָפֿן און האָט עס אָנגעהויבן פּיקען, האָט עס געענטפֿערט מיט אַ צאָרנדיקן פּישטשען: קי־קי־קי־קי—פּי.

עס האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דאַרף עס גיין אויף דער סידעלע און שלאָפֿן בײַנאַכט, פֿאַרוואָס נישט פֿאַרקערט — בײַטאָג.

נאָך איידער אַפֿילו עס האָט זיך אויסגעלערנט גוט קוואָקען, האָט עס מיט פֿאַראַכטונג אויסגעצויגן דעם האַלדז און האָט קרום אָנגעקוקט די דינסט־מויד, וואָס האָט גערופֿן „טשיק־טשיק" און האָט פֿאַר זיי צעשיט קאָרן און אַרבעס. גלייך הינדעלעך זאָלן לעבן בלויז פֿאַרן איינציקן ציל אַרויסצוקומען צו איר אויפֿן הויף! פּיפּ־פּיפּ־פּיפּ־־פּיפּ — און דאָס הינדעלע האָט בשום אופֿן נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דאַרפֿן זיי, קליינוואַרג, אַרומלויפֿן בלויז אין געלן פּוך, בעת די עלטערע האָבן געטראָגן שוואַרצע, ברוינע און אַפֿילו ראַבע פֿעדערן.

מיט יעדן טאָג איז איר קוואָקען געוואָרן העכער און קלאָרער. און — פּיפּ־פּיפּ־פּיפּ־פּיפּ — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איז פֿאַראַן אַ זין אין דעם, וואָס קליינוואַרג לויפֿט אַרום כמעט מיט אַ הוילן קאָפּ, בעת דער האָן איז פֿאַרפּוצט מיט אַ רויטן קאַם און אַנדערע ענלעכע זאַכן און האָט דאָס רעכט צו קרייען העכער פֿון יעדן איבערן גאַנצן הויף? און די דאָזיקע יונגע, אָנגעבלאָזענע הענער, וואָס גייען אַרום מיט אַזוי פֿיל פּאָמפּע — קו־קאַ־רי־קו — קו־קאַ־רי־קו — אַז מ׳וואָלט געקענט מיינען, זיי וועלן פּלאַצן, און וואָס הייבן אָן קרייען ווי פּריצים און הערשער נאָך איידער עס באַווייזט זיך דער שוואַכסטער סימן פֿון אַ קאַם אויף זייערע קעפּ — מ׳וואָלט געקענט אין דער אמתן מיינען, אַז זיי לייגן די אייער!

מיר וועלן זיך אויסדרייען צו זיי מיט די פּלייצעס און וועלן זיך מאַכן, ווי מיר וואָלטן זיי איגנאָרירט — האָט זי צאָרנדיק אויסגעקוואָקעט צו אירע שוועסטערלעך. יעדע וואָס פֿאַרמאָגט אַ טראָפּן זעלבסט־רעספּעקט דאַרף האַלטן פֿאַר איר אומבאַדינגטן פֿליכט צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע און אַנטלויפֿן אין דעם מאָמענט, וואָס זי דערזעט נאָר אַ שפּיץ פֿון אַ האָנס קעמל.

אָבער לאַנגזאַם, תּחילת איינע און נאָך דעם אַ צווייטע פֿון אירע שוועסטער, האָבן העפּטיק אויפֿגעוואַכט פֿון סענטימענטאַלן קוואָקען און האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז איר גריבלען זיך אין זאַכן און פּריקרע גאווה האָבן גע־

שעדיקט זייערע אינטימע באַציִונגען. האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ געפיל פון צאָרן און אויפרעגונג. גלייך ווי זי האָט נאָר געעפנט דעם שנאָבל עפּעס צו זאָגן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אויף איר, האָבן איר ווילד געפּיקט און אויסגעריסן פעדערן. אַלס אַ רעזולטאַט האָט זי זיך קוים געקענט ווען מער וויזן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט געטראַכט.

און ווי זי האָט אַזוי געטראַכט און אַנטדעקט פעלערן דאָ און דאָרט, האָט זי פּאַמעלעך אָנגעהויבן חושד צו זיין און קלערן, צי האָבן אין דער אמתן אַ שייכות אייער, הינדעלעך און הינער איינס צום אַנדערן. נישט וויכטיק וויפל אייער מ׳האָט געלייגט אָדער וויפל הינדעלעך מ׳האָט אויסגעבריט, איז אַלץ נישט געווען אויפן הויף מער הינדעלעך, אַלטע אָדער יונגע, איידער פריִער. אַלע אין דער פרי איז די באַלעבאָסטע אַרויסגעקומען און האָט צונויפגענומען אוצרות אייער אין פּאַרטוך און האָט זיי אַוועקגעטראָגן.

נאָך דעם זענען די אָרעמע, צעטומלטע הינער ווילד אַרומגעלאָפן, האָבן געזוכט און געזוכט און געוויייטיקט, געוויייטיקט און געזוכט, אָבער זיי האָבן אין אַלץ פאַרגעסן אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן דערהערט דעם האָנס רוף, און אויף מאָרגן זענען זיי געזעסן אויף זייערע נייע אייער, נישט טראַכטנדיק, האָפענונגספול און גליקלעך אַזוי ווי שטענדיק.

אין דער אמתן וואָלט נישט געשאַדט אַריינדרינגען אין תוך אַריין פון זאַכן, האָט זי געטראַכט, און זען ווהין דאָס אַלץ פירט. ווייל די הינער האָבן איר איינפאַך געזאָגט, אַז אַלץ גייט לויטן געזעץ פון דער נאַטור און אָרדענונג.

זי איז לייכט צוגעשפּרונגען צום פּלויט און האָט געקוקט דורך די שפּאַלטן. דאָרט איז געשטאַנען אַ קעסטל, איינגאַנצן ווייס מיט איי־שאָלעכצן! דאָס בילד האָט איר דערדריקט, ס׳האָט איר געקרענקט און זי האָט טאָג און נאַכט בלויז געטראַכט דערפון. דאָס דאָזיקע גאַנצע מיזאַמע אויסבריִען און לייגן אייער פירט צו גאָרנישט, נאָך אַלעמען. די שאָלעכץ — דער בלאַסער סקעלעט — איז דער ענדלעכער ציל.

זייערע אַלע ווונטשן און פאַרלאַנגען, זייער איידל און צאַרט קוואָקען, אין גאַנצן זייער מוטער־ווערדע, מיט וועלכע די הינער שטאָלצירן און פילן זיך אַזוי זיכער — דאָס אַלץ פירט בלויז צום מיסט־הויפן!

זי האָט געקוקט און געקוקט אויף די צעבראָכענע שטיקער שאָלעכץ, וואָס האָבן ביי איר אויסגעזען ווי מצבות אויף אַ בית־עולם, ביז זי איז כמעט פאַרשטאַרצט געוואָרן. און אַ נידערגעשלאָגענע האָט זי אויפגעהויבן איר שטים, האָט נביאות געזאָגט און ווילד געקוואָקעט וועגן די נישט באַוווסטזיניקע, אומווויסנדע און נאַיִווע, וואָס האַלטן זיך נאָך ביי דער אַלטער געוווינהייט פון לייגן אייער.

אויף וואָס די איבעריקע האָבן צווישן זיך געטומלט אין כעס און האָבן געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט. האָט זי עפּעס געוווסט פון אַ מאַמעס פרייד, בעת זי זיצט און וואַרעמט אויס אירע אייער, אויסרעכנענדיק וויפל מאָל די זון

ווערט זיך נאָך מוזן זעצן, איידער די עופּהלעך וועלן זיך אויספּיקן, און צי וועלן זיי זיין ווייסע, ראַבע, שוואַרצע אָדער ברוינע, אָדער וויפל וועלן זיין העגער און זיך איינגעבן אין טאָטן?

און ווען זיי זענען אַרויסגעקראָכן געלינקע און אומבאַהאָלפענע, קאַמישע, נאַרישע און קאַפּריזנע, און די מוטער, אַ טרודע, האָט זיי אַרומגעפירט בעת זי האָט אַרומגעוואַנדערט אַזוי פיל מיט זאָרגן, אַז דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט — דאַן האָט זי געוויס אַנדערע אַרבעט ווי זיך אָפּצוגעבן עקסטראַוואַגאַנטע געדאַנקען! אַזאַ וואָס פירט אויס איר נאַטירלעכע פונקציע דאַרף זיך נישט אָפּגעבן מיט פוס־טער פילאָזאָפיע.

און שטענדיק, ווען ס׳האָט זיי געדראָט עפּעס אַ געפאַר, זענען זיי געקומען צום אויספיר, ווען אַ קאַץ האָט געלויערט אָדער אַ רויב־פויגל האָט געשוועבט אי־בער זיי, איז פאַרשטייט זיך געווען דער האָן. געוויס איז ער געווען זייער נאַטיר־לעכער באַשיצער אין אַזעלכע פאַלן, אָבער ווייניק פאַרשטייט זי, מיט איר גאַנצער איבערגעשפּיצטקייט און גאווה, ווי זייערע הערצער קלאַפּן, ווען דער האָן, זייער שומר, הייבט אויף זיין שטימע און פילט אָן די לופט מיט זיין שטאָלצן און זיכערן קריי.

זי האָט זיך שוין פון זיי פולשטענדיק מיאש געווען. טוען זיי דען עפּעס אַנ־דערש, ווי נאָר זיי טראַכטן שטענדיק פונעם האָן, טרוימען פון אים, רעדן פון אים טאָג ווי נאַכט! קיין איינציקער געדאַנק וועגן עפּעס אַנדערש!

אָבער איר איז באַשערט געווען איבערצולעבן ווייטערדיקע אַנטפּלעקונגען פון די שטרייכער ביים וויטן עק הויף לעבן פלויט געהיימע לעבנס־פּחדים. איין מאָל איז זי אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך פונעם קאָטוך און איז געבליבן שטיין קוקן איבערן פלויט. און זע נאָר — די קעכנע שטייט אויפן גאַניק פון קיך, זי האַלט אַ מעסער אין האַנט און האַקט אָפּ די קעפּ פון די הינדעלעך, איינס נאָכן אַנדערן, אַלטע און יונגע, אַזוי שנעל ווי זי באַווייזט זיי אַרויסצושלעפּן פונעם פּאַדאַלעק, בעת די אומגליקלעכע צאַפּלען זיך אָן די קעפּלעך אויף דער ערד און קלאַפּן זיך אין דער וואַנט.

איצט האָט זי גאַנץ גוט געוווסט ווי די וועלט זעט אויס!

זי האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז און האָט עפּעס געוואָלט זאָגן: איר שטימע האָט איר אָבער נישט געדינט.

וואָס קומט אַרויס פון זיצן און וואַרעמען טאָג־איין טאָג־אויס אייער, ווערנדיק אַליין אויסגעטריקנט, פילנדיק פריַער מיט פרייד דעם ערשטן „פּי־פּי״ פון די קינ־דערלעך, אָדער גראַבלען נאָך דעם אַ צופרידענע, בלינדע און גליקלעכע, אויס־זוכן פאַר זיי קערנער און זיי לערנען שפּעטער אַליין זוכן עסן, ווען ס׳דערוואַרט זיי נישט קיין שום צוקונפט? מ׳האָט זיי בלויז באַדאַרפט פעט מאַכן פאַר דער

שחיטה און דעם טיש — אין אַ געוויסן מאָמענט וועלן זיי דערפילן דעם טעם פונעם בלוטיקן מעסער?

זי האָט געטראַכט און געטראַכט ביז דער קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן ווי טאָן ביים געדאַנק פון דער שרעקלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו לייגן אייער.

זי האָט זיך פאַרגעשטעלט די אומפאַרמיידלעך־ביטערע אַנטוישונג, וואָס די מוטער־הון מוז פילן, ווען מ׳נעמט ביי איר אַוועק די אייער, ווען זיי זענען נאָך וואַרעם, אין דעם מאָמענט כמעט וואָס זיי ווערן געלייגט. און דער שרעקלעכער סוף, ווען אַ טייל אייער ווערן אויסגעוואָרעמט און די קליינע הינדעלעך לויפן אַרום גליקלעכע און זיכערע מיט זייער מוטער — זי קען גאָר אין דער אמתן נישט טראַכטן דערפון. עס איז מער נישט געבליבן ווי נאָר זיי האַלטן אין אומ־וויסנהייט און זיי שיצן אין דער מדבר, וואָס הייסט לעבן, ביז יענער לעצטער שרעקלעכער שעה.

די גאַנצע אַנטוישונג וואָס האָט זיך אַזוי אַריינגעגנבעט אין דער מוטער־ליבע, וועלכע וואָלט באַדאַרפט זיין דאָס לויטערסטע און טרייסטע אויף דער וועלט — זי האָט געחלשט און איז אַרויסגעפאַלן פון דער סידעלע.

זי האָט בלויז געקענט זען איין לייזונג: די גאַנצע הינער ראַסע זאָל אַרויס אין שטרייק און אויפהערן לייגן אייער. האַלב אויסער זיך האָט זי אָנגעהויבן אַרומ־לויפן אין קרייז, האָט אויסגעריסן די שפּילקע־פעדערן פון איר עק און האָט באַ־שלאָסן, אַז איר מיסיע איז צו שרייען און דורך דעם אַפּצוראַטעווען די קומענדיקע דורות פון אַלע די אומגליקן.

מיט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען האָט זי זיך אָפּגעזונדערט אין שאָטן פון די שטרייכער ביים ווייטן עק הויף לעבן פּלויט. דאָרט האָט זי אַרומגעוואַנדערט אין איינזאַמקייט און האָט געזוכט פרידן און קאַמפּאָרט אין מיטן פון די אַנטוישונגען פון לעבן.

איינמאָל ביינאַכט, נאָך אַן אומזיסטער אָנשטרענגונג איינצושלאָפן און אָפּ־רוען, איז זי אַרויס אַ סך פאַרן זון־אויפגאַנג און איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק. דאָס אָפּקילן פון צייט צו צייט איר צעהיצטן, פיבערדיקן קאָפּ אין דער פייכטער קלע־פּיקער ערד און אין דעם טויִקן גראָז, האָט איר עטוואָס באַרויִקט.

ווען זי האָט זיך דורכגעשטופּט דורך אַ קליינעם לאָך אונטערן פּלויט און איז אַרויס אויף דער אַנדערער זייט, האָט די ערשטע שיין פון דער מאָרגן־זון איר אַ זעץ געטאָן אין די אויגן.

און דאָרט, אויפן הויפן מיסט און אייער־שאָלעכץ, איז געשטאַנען אַ יונגער האָן, זיין האַלדז איז געווען אויסגעצויגן און ער האָט לוסטיק געקרייעט קעגן דער אויפגייענדיקער זון.

איידער זי האָט געקענט אינגאַנצן באַגרייפן די סיטואַציע אָדער פאַרשטיין וואָס ס׳איז געשען, האָט זי זיך געלאָזן אַרומשפּאַצירן מיט אים. זי איז געבליבן

שטיין אומבאַוועגלעך, קוקנדיק אויף זיין ווונדערלעך געהויבענער מאַיעסטעטי־שער פיגור, זיין גלאַנציקן שטראַלנדיקן פעדערן־בגד, זיינע פינקלדיקע גרינע פליגל־פעדערן, זיין חנוודיק געבויגענעם עק.

ער האָט מאַיעסטעטיש אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק מיט געמאָסטענע טריט און אויסגעצויגענע פיס. זיין קאָם איז געווען פייער־רויט און זיין שנאָבל ברייט־אָפן, און ווי צו בלאָזן דעם מלחמה־טראָמפּייט, האָט אַרויסגעלאָזט זיין אומ־דערשראָקענעם אַרויסרוף קעגן יעדן פיינט, וואָס האָט געדראָט דעם הינער־הויף.

נאָך יעדעס מאָל וואָס ער האָט אויסגעצויגן זיין האַלדז און האָט אַ קריי געטאָן, האָט ער אַראָפּגעקוקט צו איר, ביז ענדלעך אַ צעטומלטע און הילפלאָזע, פאַרשי־כורט פון זיין גאַנצער פּראַכט, האָט זי געפילט שיר נישט ווי זי וואָלט פעיִק געווען אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אים.

ער איז געקומען אַלץ נענטער און נענטער. טרעטנדיק פאַרביי איר האָבן די אייער־שאָלעכצער געקנאַקט אונטער זיינע פיס, ריטערלעך און גאַלאַנט, און די לידנשאַפט אין זיין שטים איז געוואָרן גרעסער מיט יעדן קריי. זיין פאַרפירערי־שער קו־קאַרי־קו האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן הויף, ביז זי האָט פּלוצלינג דערפילט דאָס שאַרשקען פון פעדערן אַרום איר און ווי דאָס אָנקומען פון אַ שטור־רעם, און משוגע פאַר פרייד האָט זי זיך אונטערגעגעבן און האָט אַלץ פאַרגעסן אינעם עקסטאַז פונעם מאָמענט.

יאָהאַן אויגוסט סטרינדבערג

(געבוירן אין 1849 — געשטאָרבן אין 1912)

יאָהאַן אויגוסט סטרינדבערג איז געבוירן געוואָרן אין שטאָקהאָלם אין אַן אָרעמער פאַמיליע, דער פערטער פון עלף קינדער, דעם 22סטן יאַנואַר פון 1849. די טרויעריקע קינדהייט, די אָרעמקייט און בייזקייט פון זײַנע עלטערן האָבן אין דעם עמפּינדלעכן געניאַלן קינד אַנטוויקלט אַן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס. אין דער אָנפאַנג־שול האָט ער נישט געמאַכט קיין פאָרשריט, און ערשט אין שטאָקהאָלמער ליצעום, וווּ ער האָט אָנגעהויבן לערנען נאַטור־וויסנשאַפט, האָט דערוואַכט זײַן אינטעלעקט. אין עלטער פון 23 יאָר, נאָך צוויי יאָר שטודירן, האָט ער אויפגעגעבן זײַן אוניווערסיטעט־קאַריערע, און זיך אין גאַנצן געווידמעט דער ליטעראַטור.

אויגוסט סטריעדבערג האָט געשריבן דראַמען, נאָוועלן, קורצע דערציילונגען, פּאָעמען און עסייען.

זײַנע דראַמען זענען איבערזעצט אויף אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן און זענען מיט דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אין די אָנגעזעענסטע טעאַטערן פון דער וועלט.

סטרינדבערגס פערזענלעך לעבן — זײַן הייראַט, זײַנע ליבעס, זײַנע בערוון־דערשיטערונגען — איז געווען אַ טראַגעדיע און זײַן סקעפּטישע פילאָסאָפיע אויב נישט מיזאַנטראָפּיע, שפּיגלט זיך אָפּ אין דער גרעסטער טייל פון זײַנע ליטעראַרישע שאַפונגען.

אויגוסט סטרינדבערג איז געשטאָרבן אין שטאָקהאָלם אין 1912. ער ווערט באַטראַכט פאַרן גרעסטן שוועדישן דראַמאַטורג און ליטעראַרישן גאון. זײַן ליטעראַרישע ירושה באַשטייט פון 70 דראַמען, מער ווינציקער, אַ טוץ נאָוועלן, פיל דערציילונגען און עסייען. אַלע געזאַמלטע שריפטן זענען דערשינען אין 55 בענד.

די דערציילונג „ליבע און ברויט" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר סטרינדבערגס סטיל און דעם טאָן פון זײַן ליטעראַרישע שאַפונג בכלל.

ליבע און ברויט

ווען דער יונגער גוסטאַוו פאַלק, דער געהילפס־ראַט, האָט אָפיציעל געבעטן לויזאַס האַנט, ביי איר פאָטער, איז דעם אַלטן הערס ערשטע פראַגע געווען:

— וויפל פאַרדינט איר?

— נישט מער פון הונדערט קראָנען אַ מאָנאַט. אָבער לויזע —

— ס'איבעריקע איז נישט וויכטיק, — האָט איבערגעהאַקט פאַלקס קאַנדידאַט אויף אַ שווער, — איר פאַרדינט נישט גענוג.

— אַך, אָבער לויזע און איך, מיר האָבן זיך זייער ליב! מיר זענען אַזוי זיכער איינער אין אַנדערן.

— גאַנץ וואַרשיינלעך. פון דעסטוועגן דערלויבט מיר אייך צו פרעגן: איז צוועלף הונדערט אַ יאָר דער סך־הכל פון אייערע פאַרדינסטן?

— מיר האָבן זיך צוערשט באַקענט אין לידינגאָ.

— פאַרדינט איר עפּעס אויסער אייער רעגירונגס־געהאַלט? — האָט פאַרגעזעצט לויזעס פאָטער.

— נו, יאָ, איך דענק מיר וועלן האָבן גענוג. און דאַן, איר פאַרשטייט, אונדזער קעגנזייטיקע ליבע —

— יאָ, ריכטיק; אָבער לאָמיך נאָר זען אייניקע ציפערן.

— אַך, — האָט געזאָגט דער ענטוזיאַסטישער ליבהאָבער, — איך קען גענוג פאַרדינען טועגדיק עקסטרע אַרבעט!

— וואָס פאַר אַ מין אַרבעט? און וויפל?

— איך קען געבן לעקציעס אויף פראַנצויזיש, און אויך איבערזעצן, און אויסער דעם קען איך קריגן קאָרעגיר־אַרבעט.

— וויפל פון איבערזעצן? — האָט געפרעגט דער אַלטער, מיט אַ בליישטיפט אין האַנט.

— איך קען נישט זאָגן פּינקטלעך, אָבער אין דעם מאָמענט זעץ איך איבער אַ פראַנצויזיש בוך פאַר צען קראָן דעם בויגן.

— וויפל בויגן זענען אין דעם פאַראַן?

— ביי אַ פאָר טוץ בויגן, רעכן איך.

— זייער גוט. מירן דאָס רעכענען אַ צוויי הונדערט און פופציק קראָנען. אַצינד, וואָס נאָך?

— אָ, איך ווייס נישט. ס'איז עטוואָס אומזיכער.

— וואָס, איר זענט נישט זיכער און איר ווילט חתונה האָבן? ס'זעט אויס איר האָט שוואַכע ידיעות וועגן הייראַט, יונגער מאַן! ווייסט איר, אַז ס'וועלן זיין קינדער, און איר וועט זיי דאַרפן שפּייזן און קליידן, און דערציִען?

— אָבער, — האָט געענטפערט פאַלק, — די קינדער קענען נישט קומען אַזוי שנעל. און מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב, אַז —

— אַז דאָס קומען פון קינדער קען מען פאָרויסזאָגן גאַנץ זיכער. — דאַן, שוין אַ ביסל ווייכער, האָט לויזעס פאָטער ווייטער גערעדט:

— איך רעכן, אַז איר וועט ביידע חתונה האָבן, און איך צווייפל נישט אַז איר האָט זיך ווירקלעך ליב. אַזוי, זעט אויס, וועל איך נאָך אַלעמען מוזן צושטימען. ניצט בלויז גוט אויס די צייט וואָס איר זענט פאַרלאָבט מיט לויזען און פרוווט פאַרגרעסערן אייער הכנסה.

דער יונגער פאַלק איז רויט געוואָרן פאַר פרייד פון דער דאָזיקער צושטימונג,

און ער האָט דעמאָנסטראַטיוו אַ קוש געטאָן דעם אַלטן מאַנס האַנט. גאָט, ווי גליק־לעך ער איז געווען — און זיין לויזע אויך! ווי שטאָלץ זיי האָבן זיך געפילט די ערשטע צייט ווען זיי פלעגן אַרויסגיין צוזאַמען געאָרעמט, און יעדער האָט באַ־מערקט דאָס שטראַלנדיקע גליק פונעם פאַרלאָבטן פּאָרל!

אין די אָוונטן איז ער געקומען איר זען, און האָט מיט זיך געבראַכט די דרוק־בויגנס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו קאָרעגירן. דאָס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויפן פאָטער און האָט געבראַכט דעם אַרבעטזאַמען יונגן מאַן אַ קוש פון זיין כלה. אָבער אין איין אָוונט זענען זיי געגאַנגען אין טעאַטער, און צו־ריקגעקומען אין אַ דראָשקע, דער פּרייז פון דעם פאַרגעניגן איז געווען יענעם אָוונט צען קראָנען. נאָך דעם, אין עטלעכע אַנדערע אויף דער נאַכטן, איז אָנשטאָט צו געבן לעקציעס, פלעגט ער קומען אין הויז פונעם יונגן מיידל איר צו נעמען אויף אַ קליינעם שפּאַציר.

אַזוי ווי דער טאָג פון דער חתונה האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי באַדאַרפט אַ קלער טאָן וועגן מאַכן דעם נייטיקן איינקויף אויסצומעבלירן זייער דירה. זיי האָבן געקויפט צוויי שיינע בעטן פון אמתן ניסן־בוים־האָלץ, מיט שטאַרקע ספּרונ־זשינע־מאַטראַצן און ווייכע פּוכאָווע קאָלדרעס. לויזע האָט געמוזט האָבן אַ בלויע קאָלדרע, ווייל אירע האָר זענען געווען בלאָנדע. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געמאַכט נאָך אַ וויזיט אין די מעבליר־געשעפטן, וו זיי האָבן אויסגעקליבן אַ לאָמפּ מיט אַ רויטן אַבאַזשור, אַ פּרעכטיקע פאַרצעלייענע סטאַטועטקע פון דער ווענוס, אַ קאָמפּ־לעטן טיש־סערוויז מיט מעסערס, גאָפּלען, און פיין גלאָזוואַרג. ביים אויסקלייבן דאָס קיך־געשיר האָבן זיי אַ סך געוווּנען פון דער מאַמעס עצה און הילף. ס׳איז געווען אַ טרודע צייט פאַרן געהילפס־ראַט — אַרומלויפן זוכן אַ דירה, זוכן אַרבעטער, זען, אַז די גאַנצע מעבל זאָל ווערן צונויפגעבראַכט, אויסשרייבן טשעקן און וואָס נישט.

דערווייל איז געווען פולשטענדיק נאַטירלעך, אַז גוסטאַוו האָט נישט געקענט גאָרנישט פאַרדינען עקסטרע. אָבער גלייך ווי זיי וועלן האָבן געהייראַט וועט ער עס לייכט פאַרריכטן. זיי האָבן באַשלאָסן צו זיין ווי מעגלעך עקאָנאָמיש — אָנצו־הייבן בלויז מיט צוויי צימערן, אַ קיך און אַ שפּייז־קאַמער. תחילת האָט לויזע גע־זאָגט, אַז זי וואָלט בעסער געוואָלט דריי צימערן אויפן ערשטן שטאָק. אָבער וואָס מאַכט עס אויס, נאָך אַלעמען, ווען מען האָט זיך אמת ליב?

ענדלעך זענען די צימערן געווען אויסגעמעבלירט. דאָס שלאָפצימער איז גע־ווען ווי אַ קליינער טעמפּל, די בעטן זענען געשטאַנען איינס לעבן אַנדערן ווי קאַרעטעס וואָס לאָזן זיך אין אַ לעבנסלענגלעכער רייזע. די בלויע קאָלדרעס, די שניי־ווייסע ליילעכער און די קישנס־איבערציכן אויסגענייט מיט דעם יונגן פאַר־פאָלקס איניציאַלן, ליבלעך צוזאַמענגעפלאָכטענע, אַלץ האָט געהאַט אַ שטראַלנדיקן, פריילעכן אויסזען. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ הויכע עלעגאַנטע שפּאַניע־וואַנט פאַר לויזען, וועמענס פּיאַנאָ — וואָס האָט געקאָסט צוועלף הונדערט קראָנען — איז

געשטאַנען אין אַנדערן צימער, וועלכעס האָט געדינט פאַר אַ זאַל, עסצימער און שטודיע צוזאַמען. דאָ איז אויך געשטאַנען אַ גרויסער שרייבטיש פון ניסנבוים-האָלץ און אַן עסטיש, מיט בענקלעך אַרום זיי; אַ גרויסער שפּיגל אין אַ גילדענער ראַם, און אַ בוכשאַנק האָט דעם אַלעמען צוגעגעבן אַן אויסזען פון קאָמפאָרט און היימלעכקייט.

די חתונה-צערעמאָניע איז פאָרגעקומען אין אַ שבת צו נאַכטס, און שפּעט אין דער פרי זונטיק איז דאָס גליקלעכע יונגע פּאָרפאָלק נאָך געשלאָפן. גוסטאַוו איז אויפגעשטאַנען פריִער. כאָטש די העלע טאָג-ליכט האָט אַריינגעקוקט דורך די לאָדן, האָט ער זיי נישט געעפנט, נאָר ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ מיט דעם רויטן אַבאַזשור, וואָס האָט געוואָרפן אַ מיסטעריעזע ראָזעווע שיין אויף דער פאַרצעלייענער ווענוס. דאָס פּרעכטיקע יונגע ווייב איז געלעגן מאַט און צופרידן; זי איז גוט געשלאָפן און האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט פונעם סקריפּען פון די פריִע מאַרק-וועגענער, ווייל עס איז געווען זונטיק. די קלויסטער-גלעקער האָבן פריידיק געקלונגען, גלייך זיי וואָלטן געפייערט די באַשאַפונג פונעם מאַן און דער פרוי.

לויִזע האָט זיך איבערגעדרייט, בעת גוסטאַוו איז אַרונטער פון יענער זייט שפּאַניע-וואַנט צו נעמען עפּעס אויף זיך. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך צו באַשטעלן פרישטיק. ווי בלענדנדיק האָבן די נייע קופּערנע און צינענע כלים געשיינט און געגלאַנצט! און אַלץ איז געווען זיין אייגנס — זיינס און אירס. ער האָט געזאָגט דער קעכן זי זאָל גיין אין שכנישן רעסטאָראַן און הייסן שיקן פרישטיק. דער אייגנטימער האָט דערפון געוווסט; ער האָט באַקומען פּינקטלעכע אינסטרוקציעס מיט אַ טאָג פריִער. אַלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט איז געווען מען זאָל אים דערמאָנען, אַז דער מאָמענט איז געקומען.

דער יונגער מאַן קערט זיך אום צום שלאָפצימער און קלאַפּט אָן פאַמעלעך:

— איך מעג אַריין?

ס'הערט זיך אַ קליינער קוויטש. דאַן:

— ניין, טייערער, וואַרט אַ מינוט!

גוסטאַוו גרייט אַליין צום 'טיש. דערווייל ברענגט מען דאָס עסן פונעם רעסטאָראַן. די נייע טעלער, טעפּלעך און גלעזער זענען אויסגעשטעלט אויפן פרישן ווייסן טישטעך. די חתונה בלומען ליגן לעבן לויִזעס פּלאַץ. ווען זי קומט אַריין אין צימער אין איר אויסגעשטיקטן מאָרגן-כאַלאַט, באַגריסן איר די זון-שטראַלן. זי פילט זיך נאָך אַ ביסל מיד, דעריבער נעמט ער איר אויף אַ ווינגשטול און רוקט זי צו צום טיש. אַ טראָפּן אָדער צוויי ליקאָר מונטערט איר אויף; אַ ביסן רויג סטימולירט איר אַפּעטיט. שטעלט זיך פאַר וואָס וואָלט אַ מאַמע געזאָגט ווען זי זעט איר טאָכטער טרינקען בראָנפן. אָבער דאָס איז די פּריווילעגיע פון זיין פאַרהייראַט; איר קענט דאַן טאָן וואָס איר ווילט.

דער יונגער מאַן וואַרט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויף זיין שיי-

נער פרוי. און וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס איז! פאַרשטייט זיך, ער האָט געהאַט גוטע פרישטיקן פריִער אויך, אין זיינע בחור־יאָרן; אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן אָדער באַפרידיקונג האָט ער געהאַט פון זיי? גאָרנישט. אַזוי טראַכט ער בשעת ער פאַרצערט אַ טעלער אויסטריצעס מיט אַ גלאָז ביר. וואָס פאַר אַ טיפּשים זיי זענען, די דאָזיקע בחורים, וואָס ווילן נישט חתונה האָבן! און ווי עגאָיִסטיש זיי זענען! וואָס הייסט, מען וואָלט זיי באַדאַרפט באַשטייערן, ווי היינט. לוּיִזע איז נישט אַזוי שטרענג, טענהדיק צאַרט און זיס, אַז אפשר דאַרף מען אויף די אָרעמע יִינגלעך וואָס קליייבן אויס אַן איינזאַמען לעבן רחמנות האָבן. אַן צווייפל, ווען זיי זאָלן זיין אימ־שטאַנד חתונה צו האָבן, וואָלטן זיי חתונה געהאַט — מיינט זי. גוסטאַוון טוט אַ לייכטער טיאַך אין האַרצן. זיכער איז גליק נישט אַ זאַך צו מעסטן מיט געלט. ניין, ניין! אָבער, אָבער — ווייסעך, עס איז נישט וויכטיק, אַט וועט באַלד זיין אַ מאָסע אַרבעט, און דאַן וועט אַלץ גיין ווי געשמירט. דערווייל דאַרף מען פאַרזוכן די פיינע געבראָטענע קוראַפּאַטקע געפּרעגלט אין סאָוס און ווײַנשעלעך און דעם בורגונדי־ווייַן. די דאָזיקע לוקסוסן, אין איינעם מיט אייניקע טייערע פרוכטן, האָבן אַרויסגערופן ביי דער יונגער ווייב אַ מאָמענטאַלן אומרו, און זי האָט שרעקעדיק אַ פרעג געטאָן גוסטאַוון, צי זיי קענען לעבן מיט אַזאַ מאַסשטאַב. אָבער גוסטאַוו האָט אַריינגעגאָסן מער ווײַן אינעם גלאָז פון זיין קלײנער לוּיִזע, באַרויִקנדיק איר און פאַריאָגנדיק יענע גרונטלאָזע מורא. — אַיין טאָג איז נישט אַלע טעג, — האָט ער געזאָגט. — און מענטשן דאַרפן געניסן פונעם לעבן ווען זיי קענען. אַך, ווי שיין דאָס לעבן איז!

זעקס אַזייגער האָט זיך אַן עלעגאַנטע קאַרעטע מיט צוויי פערד אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר, און דאָס חתונה־פאָרל מאַכט אַ שפּאַציר. לוּיִזע איז רייצנדיק ווען זיי פאָרן איבערן פּאַרק, זיצנדיק אָנגעלענט אַזוי באַקוועם, ווערנד זיי באַגע־גענען באַקענטע גיין צופיס, וועלכע פאַרנייגן זיך פאַר זיי מיט פאַרוואונדערונג און קנאה. דער געהילפס־ראָט האָט געטאָן אַ גוטן שידוך, קערן זיי מיינען; ער האָט אויסגעקליבן אַ מיידל מיט געלט. און זיי, אָרעמע נפשות מוזן גיין. ווי איינגענע־מענער עס איז צו פאָרן, אָן זיך אָנצושטרענגען, צעלייגט אויף ווייכע קישנס! עס איז דער סימבאָל פונעם איינגענעמענעם פאַמיליע־לעבן.

דער ערשטער מאָנאַט איז געווען פון אומאויפהערלעכן פאַרגעניגן — באַלן, הוליאַנקעס, מיטיקן, וועטשערעס, טעאַטערס. אָבער די צייט וואָס זיי האָבן פאַר־בראַכט אין דער היים איז געווען די בעסטע פון אַלץ: עס איז געווען אַן אָנגעננעם געפיל אַהיימצוגעמען לוּיִזען פון אירע עלטערן, אויף דער נאַכט, ווען זיי וועלן קענען פאַרברענגען פריי אונטער זייער דאַך. קומענדיק אַהיים, האָבן זיי זיך גע־מאַכט אַ קליינע וועטשערע און דאַן פלעגן זיי זיצן באַקוועם און שמועסן ביז שפּעט. גוסטאַוו איז אין גאַנצן געווען פאַר עקאָנאָמיע־טעאָרעטיש, אַזוי צו זאָגן. איין טאָג האָט דאָס יונגע פאָרל פאַרזוכט געריכערטע פיש מיט געקאָכטע קאַרטאָפל. ווי זי האָט עס געסמאַקעוועט! אָבער גוסטאַוו האָט זיך צוריקגעהאַלטן, און ווען עס איז

ווידער געקומען דער טאָג פון גערויכערטע פיש, האָט ער באַשטעלט אַ פּאָר קוראָפּאַטקעס. ער האָט זיי געקויפט אויפן מאַרק פאַר אַ קראָן, פריידיק זיך מיט דער גרויסער מציאה, וואָס האָט ביי לוּיזען נישט אויסגעקומען. זי האָט אַנומלט געקויפט אַ פּאָר פאַר וויניקער געלט. אויסער דעם צו עסן עופות איז אַ פאַר־שווענדונג. פון דעסטוועגן וועט זי זיך נישט איינרייסן מיט איר מאַן איבער אַזאַ נאַרישקייט.

אין אַ פּאָר מאָנאַט אַרום איז לוּיזע פאַלק געוואָרן מאָדנע שלעכט געשטימט. האָט זי זיך פאַרקילט אָדער זי איז פּיליכט פאַרגיפטעט געוואָרן פון דעם מעטאַ־לענעם קיך־געשיר? דער דאָקטער וועלכן מען האָט גערופן האָט זיך בלויז אויס־געלאַכט און האָט געזאָגט, אַז זי איז געזונט — אַ מאָדנער דיאַגנאָז, געוויס, ווען די יונגע דאַמע איז געווען ערנסט קראַנק. אפשר איז פאַראַן אַרסעניק אינעם וואַנט־פּאַפּיר. פאַלק האָט דערפון געטראָגן צו אַ כעמיקער, און אים געבעטן מאַכן אַ ריכ־טיקן אַנאַליז. דעם כעמיקערס ראַפּאָרט האָט געזאָגט, אַז דאָס וואַנט־פּאַפּיר איז לחלוטין ריין פון שעדלעכער סובסטאַנץ.

זיין פרויס קראַנקייט איז נישט געוואָרן קלענער. גוסטאַוו האָט אַליין אָנגע־הויבן אויסצופאָרשן. זיין שטודירן אַ מעדיצינישן בוך האָט אים געהאָלפן אויף זיכער געוויור ווערן אין וואָס איר קרענק באַשטייט. זי האָט גענומען וואַרעמע פיס־בעדער, און אין אַ מאָנאַט צייט איז איר צושטאַנד דערקלערט געוואָרן צו זיין אין גאַנצן אַ האָפענונגספולער, דאָס איז געקומען פּלוצלינג — גיכער ווי זיי האָבן דערוואַרט; אָבער ווי איינגענעם איז צו זיין טאַטע־מאַמע! פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קינד וועט זיין אַ יינגל — אַן צווייפל; און מען דאַרף אָנהייבן קלערן וואָס פאַר אַ נאָמען דעם צו געבן. דערווייל האָט אויך לוּיזע גענומען איר מאַן אויף אַ זייט, און האָט אים דערמאָנט, אַז פון דער חתונה אָן האָט ער גאָרנישט פאַרדינט אויסער זיין געהאַלט, וואָס איז געווען ווייט פון צו זיין גענוג. יאָ, אמת, זיי האָבן געלעבט אַ ביסל צו ברייט, אָבער איצט מוז קומען אַן ענדערונג, און אַלץ וועט זיין צופרידנ־שטעלנדיק!

אויפן צווייטן טאָג איז דער געהילפס־ראַט געקומען זען זיין גוטן פריינט דעם אַדוואָקאַט, מיט אַ בקשה צו חתמענען אַ גאַראַנטיע. דאָס וואָלט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באָרגן דאָס געלט וואָס ער האָט נייטיק געהאַט כדי צו קענען אונ־טערקומען געוויסע אומפאַרמיידלעכע הוצאות — ווי ער האָט עס קלאָר געמאַכט זיין פריינט.

— יאָ, — האָט איינגעשטימט דער מענטש פון געזעץ, — חתונה האָבן און אויסהאַלטן אַ פאַמיליע איז אַ טייער געשעפט. איך בין קיין מאָל נישט געווען אימשטאַנד דאָס צו טאָן.

פאַלק האָט זיך דערפילט זייער פאַרשעמט צו זיין צודרינגלעך אין זיין בקשה, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, מיט ליידיקע הענט, האָט מען אים אָנגע־

זאָגט די בשורה, אַז צוויי פרעמדע זענען געווען, און האָבן זיך אויף אים געפרעגט. זיי מוזן זיין לייטענאַנטן, האָט געטראַכט גוסטאַוו, פריינט פון דעם גאַרניזאָן פון דער פעסטונג וואַקסהאָלם. ניין, האָט מען אים געזאָגט. זיי האָבן נישט געקענט זיין קיין לייטענאַנטן; זיי האָבן אויסגעזען פיל עלטער פון לייטענאַנטן. אַך, אויב אַזוי זענען עס געווען צוויי גוטע ברידער וואָס ער האָט געהאַט אין אַפּסאַלאַ; זיי האָבן וואַרשיינלעך געהערט פון זיין חתונה, און זיי זענען געקומען זיך זען מיט אים. די דינסט האָט אָבער געזאָגט, אַז זיי זענען נישט געווען פון אַפּסאַלאַ, נאָר שטאָקהאָלמער, און האָבן געטראָגן שטעקענעס. עס איז אַ רעטעניש — אַ גרויס רעטעניש; אָבער אָן צווייפל וועלן זיי צוריקקומען.

דאַן איז דער יונגער מאַן ווידער אַרויס איינקויפן. ער האָט געקויפט פּילני־צעס — אַ מציאה, פאַרשטייט זיך.

— שטעל דיר נאָר פאָר, — האָט ער אַ טרִיומפירנדיקער אויסגערופן צו זיין ווייב, — אַ קוואָרט אַזעלכע גרויסע פּילניצעס פאַר אַנדערהאַלבן קראָנען, אין דער צייט פון יאָר!

— אַך, אָבער גוסטאַוו טייערער, מיר קענען זיך נישט דערלויבן אַזאַ זאַך!

— ס׳מאַכט נישט אויס, ליבע, איך האָב געקראָגן אַ ביסל עקסטרע אַרבעט.

— אָבער וואָס וועט זיין מיט די חובות?

— חובות? וואָס־זשע איז, איך קלייב זיך צו מאַכן אַ גרויסע הלוואה און וועל זיי אויף אַזאַ אופן גלייך באַצאָלן.

— אָ, האָט אָפּגעענטפערט לויזע — אָבער וואָלט דאָס נישט געמיינט איינפאַך אַ נייער חוב?

— ס׳מאַכט נישט אויס, אַז יאָ. עס וועט זיין אַ דערלייכטערונג. פאַרשטייסטו אָבער צו וואָס דאַרפן מיר רעדן וועגן אַזעלכע אומאַנגענעמע זאַכן? וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע פּילניצעס, טייערע? און מיינסטו נישט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען אַ גלאָז וויין נאָך די דאָזיקע פּילניצעס?

און ער האָט געשיקט די דינסט נאָך אַ פלאַש וויין, דעם בעסטן, נאַטירלעך.

ווען פאַלקס פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר נאָכמיטאָגדיקן דרימל אויף דער סאָפע יענעם טאָג, האָט זי אַנטשולדיקנדיק זיך גענומען רעדן וועגן דעם חוב. זי האָפט, אַז ער וועט נישט זיין אין כעס פון דעם וואָס זי האָט צו זאָגן.

— אין כעס? ניין, פאַרשטייט זיך, אַז נישט וואָס איז עס? דאַרף זי עפּעס געלט אין שטוב אַריין?

לויזע האָט דערקלערט:

— דעם קרעמער האָט מען נישט באַצאָלט, דער קצב האָט אונדז געדראָעט, דער אַנטרייבער פאָדערט אויך מ׳זאָל אים באַצאָלן.

— דאָס איז אין גאַנצן? — האָט געענטפערט דער געהילפס־ראַט — מאָרגן וועל איך זיי אין גאַנצן באַצאָלן — מאָרגן — ביז אַ פּרוטה. אָבער לאָמיר נאָך עפּעס

אַ קלָער טאָג. ווי ווילסטו מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר אין פּאַרק אַריין? ווילסטו דאָך מסתמא נישט נעמען אַ דראָזשקע? גוט, קענען מיר דאָך נעמען דעם טראַמוויי; ער וועט אונדז ברענגען צום פּאַרק.

אַזוי זענען זיי געקומען אין פּאַרק אַריין און האָבן געמיטאָגט אין אַ באַזונדער צימער פונעם „אַלאַמבראַ רעסטאָראַן". ס'איז אויך געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל די מענטשן אינעם אַלגעמיינעם עס־צימער האָבן געמיינט, אַז זיי זענען אַ פּריילעך יונג פּאָרל ליבהאָבערס. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַמוזירט גוסטאַוון, כאָטש לויזע האָט אויסגעזען עטוואָס נידערגעשלאָגן, באַזונדערס ווען זי האָט דערזען די רעכע־נונג. זיי וואָלטן געקענט האָבן פיל מער אין דער היים פאַר אַזאַ סומע.

די מאַנאַטן גייען פאַרביי און איצט אַנטשטייט די נויטווענדיקייט פאַר אַ רעאַלער צוגרייטונג — אַ וויגעלע, וועש פאַרן קינד, אאַ"וו.

פאַלקן קומט נישט אָן אַזוי לייכט צו באַקומען ס'געלט. דער בעל־עגלה און דער קרעמער זאָגן זיך אָפּ ווייטער צו וואַרטן, ווייל אויך זיי האָבן פאַמיליעס אויס־צוהאַלטן. וואָס פאַר אַ שאַקנדיקער מאַטעריאַליזם!

ענדלעך איז דער וויכטיקער טאָג געקומען. גוסטאַוו האָט געמוזט קריגן אַן אַם. און אַפילו ווען ער האָט געהאַלטן זיין ניי־געבוירענע טאָכטער אין זיינע אָרעמס האָט מען אים אַרויסגערופן צו באַרויקן זיינע קרעדיטאָרן. די נייע פאַראַנטוואָרט־לעכקייטן לייגן זיך שווער אויף אים. ער ברעכט שיר נישט צוזאַמען אונטער דער משא. אים געלינגט, אמת, צו קריגן עפּעס איבערצוזעצן, אָבער ווי קען ער מאַכן די אַרבעט, אַז יעדן מאָמענט מוז ער לויפן אין שליחותן? אין דעם דאָזיקן גייסטיקן צושטאַנד ווענדט ער זיך צום שווער נאָך הילף. דער אַלטער נעמט אים אויף קאַלט:

— דאָס איינע מאָל וועל איך דיר נאָך העלפן, אָבער נישט מער. איך האָב אַליין ווייניק, און דו ביסט נישט מיין איינציק קינד.

דעליקאַטעסן מוז איך קריגן פאַר דער מוטער, הינדלעך און טייערן וויין. און דער אַם ומוז מען אויך באַצאָלן.

צום גליק איז פאַלקס ווייב באַלד אויף אירע פיס ווידער. זי איז ווידער ווי אַ מיידל, מיט איר שלאַנקער פיגור. איר בלאַסקייט פּאַסט איר זייער. לויזעס פאָטער זאָגט גאַנץ ערנסט צו זיין איידעם, פון דעסטוועגן:

— איצט, קיין קינדער מער, זייט אַזוי גוט, סיידן איר ווילט אין גאַנצן רויִנירט ווערן.

אַ קורצע צייט האָט די פאַמיליע פאַלק פאַרגעזעצט צו לעבן מיט ליבע און די חובות זענען אַלץ גרעסער געוואָרן. ביז אין איין טאָג האָט באַנקראָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'האָט געדראָעט מ'זאָל צונעמען די שטוב־זאַכן. דאַן איז דער אַלטער גע־קומען און האָט צוגענומען לויזען מיט איר קינד, און בעת זיי זענען געפאָרן אין דער קאַרעטע האָט ער געקלערט דעם ביטערן געדאַנק, אַז ער האָט אָוועקגעגעבן זיין מיידל אַ יונגנמאַן, וואָס האָט איר אים צוריקגעגעבן אין אַ יאָר אַרום געשענדעט.

לויזע וואָלט גערן געווען געבליבן מיט גוסטאַוון, אָבער ס׳איז גאָרנישט געווען ביי וואָס זיך צו האַלטן. ער איז געבליבן אונטן און האָט געקוקט בעת די געריכט־באַאַמטע — יענע לייט מיט די שטעקנס — האָבן אויסגעליידיקט די דירה פון אַלץ, דאָס מעבל, דאָס בעטגעוואַנט, טעפּלעך, פענדלעך, דאָס גאַנצע קיך־געשיר, ביז ס׳איז געבליבן לחלוטין ליידיק.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס רעאַלע לעבן פאַר גוסטאַוון. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן אַ שטעלע אַלס קאָרעקטאָר אין אַ צייטונג, וועלכע פלעגט דערשיינען אַלע אין דער פרי, אַזוי אַז ער האָט באַדאַרפט אַרבעטן ביי זיין שרייב־טיש עטלעכע שעה יעדע נאַכט. אַזוי ווי אָפיציעל האָט מען אים נישט דערקלערט באַנקראָט, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן זיין רעגירונג־שטעלע, כאָטש ער האָט נישט געקענט האָפן אויף קיין העכערונג. זיין שווער האָט נאָכגעגעבן אים צו דערלויבן זיך זען מיט זיין ווייב און קינד אין די זונטיקן, אָבער ס׳איז אים קיין מאָל נישט דערלויבט געוואָרן צו פאַרבלייבן מיט זיי אַליין. ווען ער איז אַוועק אין אָוונט אין רעדאַקציע, פלעגן זיי אים באַגלייטן ביזן טויער, און ער פלעגט זיך אָפּשיידן זייער אַ נידערגעשלאָגענער. ס׳קען פיליכט געדויערן צוואַנציק יאָר אָפּצוצאָלן אַלע זיינע חובות. און דאַן — יאָ, וואָס דאַן? וואָלט ער דאַן געקענט אויסהאַלטן זיין ווייב און קינד? ניין, געוויס נישט. ווען זיין שווער זאָל דערווייל שטאַרבן, וואָלטן זיי געבליבן אָן אַ היים. אַזוי אַז ער מוז נאָך זיין דאַנקבאַר דעם האַרט־האַרציקן מאַן, וועלכער האָט זיי אַזוי גרויזאַם צעשיידט.

אָ, יאָ, בלויז דאָס מענטשלעכע לעבן איז האַרט און גרויזאַם. די חיות פון פעלד געפינען לייכט זייער שפּייז, בעת דער מענטש אַליין פון אַלע באַשאַפענע וועזנס, מוז אַרבעטן און שפּינען. ס׳איז אַ שאַנדע, יאָ, ס׳איז אַ שרעקלעכע שאַנדע, וואָס אויף דער וועלט איז יעדער איינער נישט באַזאָרגט מיט אומזיסטע קוראָפּאַט־קעס און פילניצעס.

קאַרל טשאַפּעק

(געבוירן אין 1860 — געשטאָרבן אין 1927)

קאַרל טשאַפּעק, דער אַנגעזעענסטער נאָ־וועליסט פון דער מאָדערנער טשעכישער לי־טעראַטור, ווערט באַטראַכט אַלס „דער זאָ־לאַ" פון פּראַג.

זיינע ווערק זענען פּעסימיסטישע און פאַ־טאַליסטישע אין וועלכע ער ברענגט אַרויס אַז עפּעס אַ בייזער גורל שפּילט מיטן מענטשן און מאַכט צונישט זיינע פיינסטע שטרעבונ־גען און חלומות.

קאַרל טשאַפּעקס וויכטיקסטע ווערק זע־נען „קאַספּער לען, דער נקמה־נעמער"; די טראַגיקאָמעדיע „טורבינע", דער סיוזשעט פון וועלכער איז די ירידה פון אַ פּראַגער פאַמיליע פון דער העכערער בורזשואַזיע.

קאַרל טשאַפּעק איז אויך דער מחבר פון עטלעכע בענד קורצע דערציילונגען.

דאָס אינדזל

אַמאָל האָט געלעבט אין ליסאַבאָן אַ געוויסער דאָם לויס דע פאַריאַ, וועלכער האָט שפּעטער אָוועקגערייזט צו זען די וועלט, און נאָך דעם ווי ער האָט באַזוכט די גרעסע־רע טייל וועלט, איז ער געשטאָרבן אויף אַזאַ פאַרוואָרפענעם אינדזל ווי מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. ווען ער האָט געלעבט אין ליסאַבאָן איז ער געווען אַ מאַן אַ בר־דעת און בעל שכל. ער האָט געלעבט ווי געוויינלעך אַזעלכע מענטשן לעבן באַפרי־דיקנדיק זיינע באַגערן אויף אַזאַ אופן ער זאָל נישט שעדיקן אַנדערע, און האָט גענו־מען אַנטייל אין אַנגעלעגנהייטן וועלכע זענען געווען אין אַנקלאַנג מיט זיין איינגע־בוירענעם שטאַנד. אָבער אַזאַ לעבן האָט אים ענדלעך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן און איז אים געוואָרן צו לאַסט. דעריבער האָט ער אויסגעטוישט זיין אייגנטום פאַר געלט און האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער ערשטער שיף איבער דער וועלט.

אויף דער דאָזיקער שיף איז ער תחילת אָפּגעשווומען קיין קאַדיס און דאַן קיין פּאַלערמאָ, קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ביירוט, קיין פּאַלעסטינע, מצרים און אַרום אַראַ־ביע, עט ביז ציילאָן. דאַן האָט ער אַרומגערייזט איבער אינדיע און די אינדזלען וואָס שליסן איין יאַוואַ פון וואַנען די שיף איז אַוועק אין אָפענעם ים צו מזרח און דרום. טייל מאָל האָבן זיי באַגעגנט לאַנדסלייט וועלכע זענען געפאָרן צוריק אַהיים און האָבן געוויינט פאַר פרייד ווען זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן זייער געבורטלאַנד.

אין אַלע לענדער וואָס ער האָט באַזוכט האָט דאָס לויס געזען אַזוי פיל אויסער־געוויינלעכע און כמעט וווּנדערלעכע זאַכן, אַז ער האָט געפילט ווי ער זאָל האָבן פאַר־געסן זיין גאַנץ פריערדיקן לעבן.

בעת ער איז אַזוי געפאָרן איבער דעם ברייטן ים, איז זיין שיף פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שטורם און זי איז געשליידערט געוואָרן איבער די כוואַליעס ווי אַ קאָרעק וואָס האָט נישט קיין ציל אָדער אַנקער. אין משך פון דריי טעג האָט דער שטורעם געהאַלטן אין איין בושעווען. אויף דער דריטער נאַכט האָט די שיף זיך אָנגעשלאָגן אין אַ קאָ־ראַלן־אינדזל.

דאָס לויס האָט אין דעם מאָמענט פון דעם שוידערלעכן שטורם זיך דערפילט אויפגעהויבן צו אַ גרויסער הויך און דאַן איינגעזונקען אין וואַסער. אָבער דאָס וואַ־סער האָט אים צוריק אַ הויב געטון און אַרויפגעשליידערט אַ באַוווּסטלאָזן אויף צע־וואָרפן געהילץ.

ווען ער האָט צוריק באַקומען דעם באַוווּסטזיין, האָט ער דערזען אַז עס איז זוניקער האַלבער טאָג און אַז ער שווימט אויף אַ הויפן צעוואָרפענע קלעצער איינער אַליין איבער אַ רויקן ים. אין יענעם מאָמענט האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט אַ אמתע פרייד וואָס ער לעבט.

ער איז אַזוי געשוווּמען ביז פאַרנאַכט און אַ גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן אַנ־דערן טאָג, אָבער קיין סימן פון לאַנד איז נישט געווען צו זען. חוץ דעם האָבן די ביי־מער־שטאַמען אויף וועלכע ער איז געשוווּמען זיך אָנגעהויבן צו צעבינדן דורך דער ווירקונג פון דעם וואַסער, און איין בוים־שטאַם נאָך דעם צווייטן האָט זיך אָפּגע־טשעפּעט, דאָס לויס האָט אומזיסט געפּרוּווט זיי צוזאַמענבינדן מיט פּאַסן וואָס ער האָט געריסן פון זיינע קליידער ענדלעך זענען אים געבליבן בלויז דריי דינע קלע־צער און ער איז אָוועקגעפאַלן אַ מידער. מיט אַ געפיל אַז ער איז אַבסאָלוט פאַרלוירן. האָט דאָס לויס זיך געזעגנט מיט דעם לעבן און האָט זיך איבערגעגעבן דעם ווילן פון גאָט.

אויף דעם דריטן טאָג ביים זון אויפגאַנג האָט ער דערזען אַז די כוואַליעס טראָגן אים צו אַ פּרעכטיקן אינדזל מיט פאַרכישופטע וועלדער און גרינע קוסטעס וואָס האָט אויסגעזען צו שווימען אויף דעם שויס פון דעם אָקעאַן.

ענדליך, אַ באַדעקטער מיט זאַלץ און שוים, האָט ער באַטראָטן די יבשה. אין יענעם מאָמענט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ווילדע פון דעם וואַלד, דאָס לויס האָט געגעבן אַן אומפריינדלעכן געשריי ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיי. דאַן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף די קני תפילה־טון, איז אָוועקגעפאַלן אויף דער ערד און איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דעם ברעג פון דעם אָקעאַן.

ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון גרויסן הונגער, דאָס זאַמד אַרום אים איז אין גאַנצן געווען באַדעקט מיט טריט פון באַרוועסע פּלאַט־פיס. דאָס לויס איז געווען זייער פריילעך ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז אַרום אים

זענען געזעסן אַ סך ווילדע וועלכע האָבן דיסקוטירט און זיך געחידושט וועגן אים. אָבער זיי האָבן אים נישט געטאָן קיין בייז. תיכף איז ער אַוועק זוכן שפּייז, אָבער עס איז שוין געווען פינצטער. ווען ער איז צוגעקומען צו דער צווייטער זייט פון דעם פעלז, האָט ער געזען די ווילדע זיצן אין אַ קרייז און עסן זייער אָוונטברויט. ער האָט געזען מענער, פרויען און קינדער אין יענעם קרייז, אָבער ער האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ ווייטער, נישט זייענדיק גענוג געוואגט צוצוגיין נענטער, ווי ער וואָלט געווען אַ בעטלער פון עפּעס אַ ווייטער פּראָווינץ.

אַ יונגע זי פון דער ווילדער גרופּע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און האָט אים צוגעטראָגן אַ פלאַך קוישל וואָס איז פול געווען מיט פרוכט. לויס האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם קוישל און האָט געשלונגען באַנאַנעס, פייגן, געטריקנטע און פרישע, פרישע פיש, פליש געטריקנטס אין דער זון און זיס ברויט פון אַ גאָר אַן אַנדער מין ווי אונדזערס. דאָס מיידל האָט אים אויך געבראַכט אַ קריגל קוואַלוואַסער און, אַוועקזעצנדיק זיך מיט די פיס אונטער זיך, האָט זי געקוקט ווי ער עסט און טרינקט. ווען לויס האָט זיך אָנגעגעסן, האָט ער דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג אין גאַנצן קערפּער. און האָט אָנגעהויבן דאַנקען אויף אַ קול דעם מיידל פאַר איר עסן און טרינקען, פאַר איר גוטהאַרציגקייט און פאַר דער דערבאַרימדיגקייט פון אַלע אַנדערע. בשעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט ווי זיסע אַנגסטן וואָס האָט פאַרפלייצט זיין האַרץ זיך אויסגעדריקט אין פּרעכטיקע ווערטער וועלכע ער איז קיין מאָל פריער נישט געווען פעיק אַזוי גוט אַרויסצורעדן. דאָס ווילדע מיידל איז געזעסן פאַר אים און האָט געהערט.

דאָם לויס האָט געפילט אַז ער מוז איבערחזרן זיין דאַנקבאַרקייט אַזוי אַז זי זאָל פאַרשטיין און דעריבער האָט ער איר געדאַנקט מיט אַזאַ ברען גלייך ער זאָל תפילה טאָן. דערווייל זענען די ווילדע אַלע אַוועק אין וואַלד און לויס האָט מורא געהאָט אַז ער וועט בלייבן אַליין אויף דעם אומהיימלעכן אָרט מיט דער דאָזיקער גרויסער פרייד אין זיין האַרצן. האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זאַכן דעם מיידל, כדי איר צו פאַרהאַלטן — זאָגנדיק איר פון וואַנען ער קומט, ווי אַזוי די שיף איז אונטערגעגאַנגען און וואָס פאַר אַ ליידן אים איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן אויף דעם ים. די גאַנצע צייט איז דאָס ווילדע מיידל געלעגן פאַר אים אויף איר בויך און האָט שטיל געהערט. דאַן האָט ער באַמערקט אַז זי איז איינגעשלאָפן מיט איר פּנים אויף דער ערד. אַוועקזעצנדיק זיך אַ ביסל ווייטער, האָט ער געקוקט אויף די שטערן אין הימל און זיך צוגעהערט צום גערויש פון דעם ים ביז דער שלאָף האָט אים גובר געווען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָט ער געזוכט דאָס מיידל אָבער זי איז געהאַט פאַרשוווּנדן. בלויז דער אָפּדרוק פון איר גאַנצן קערפּער — גלייך און לאַנג ווי אַ גרינע צווייג — איז געבליבן אין דעם זאַמד. און ווען לויס האָט אַריינגעשפּאַנט אין דעם גריבל, איז דאָס זאַמד געווען וואַרעם און אָנגעהיצט פון דער זון.

דאַן איז ער אַוועק מיט דעם ברעג צו באַטראַכטן דאָס אינדזל. טיילמאָל איז אים אויסגעקומען דורכקרייצן וועלדער און קוסטעס; אָפּט האָט ער געמוזט אַרומגיין דעם ראַנד פון בלאָטעס און קלעטערן איבער גרויסע שטיינער. אַ מאָל האָט ער באַגעגנט גרופּעס ווילדע אָבער ער האָט פאַר זיי נישט מורא געהאַט. ער האָט באַמערקט אַז דער אָקעאַן איז דאָרט געווען פון מער פּרעכטיקן בלויען קאָליר ווי ערגעץ־ווו אַנדערש און אַז עס זענען דאָרט געווען בליענדע בוימער און אומגעווייגלעך שיינע פלאַנצן. אַזוי האָט ער אַרומגעוואַנדערט אַ גאַנצן טאָג, געניסנדיק פון דער שיינקייט פון אינדזל וועלכעס איז געווען דאָס אָנגענעמסטע וואָס ער האָט ווען געזען. אַפילו די איינגעבוירענע, האָט ער געזען, זענען פיל שענער ווי אַנדערע ווילדע שבטים.

דעם צווייטן טאָג האָט ער פאָרגעזעצט זיין באַקוקן דאָס אינדזל, ער איז דאָס דורכגעגאַנגען אַרום און אַרום. די אויבערפלאַך איז געווען כוואַליעדיק — געבענטשט מיט טייכן און גרינס, ממש אַ גן־עדן. אין אָוונט האָט ער דערגרייכט דאָס אָרט ווו ער האָט געלאַנדעט און דאָרט איז געזעסן דאָס יונגע ווילדע מיידל איינע אַליין און געפלאָכטן אירע האָר. לעבן אירע פיס זענען געלעגן די קלעצער אויף וועלכע ער איז אַהין צוגעשווומען. די כוואַליעס פון דעם ים האָבן געשפּריצט אויף די קלעצער און ער האָט ווייטער נישט געקענט וואַנדערן. דאָ האָט זיך דאָם לויס אַוועקגעזעצט לעבן איר און האָט געקוקט אויף דער באַוועגונג פון דער וואַסער און זיינע געדאַנקען האָבן כוואַליעס ווייט אַוועקגעטראָגן. נאָך דעם ווי אַ סך הונדערטער כוואַליעס זענען געקומען און אַוועק, איז זיין האַרץ פאַרפלייצט געוואָרן מיט אומענדליכן צער און ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסרעדן זיין ווייטאָג, דערציילנדיק איר ווי אַזוי ער האָט אומגעוואַנדערט אין משך פון צוויי טעג אַרומגייענדיק דאָס אינדזל אַרום און אַרום, אָבער ער האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין שטאָט אָדער האַפן אָדער אַ מענטשלעך באַשעפעניש וואָס זאָל זיין ענלעך צו אים. ער האָט דערציילט ווי אַזוי זיינע חברים זענען אומגעקומען אויף דעם ים און אַז ער איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן אויף אַ אינדזל פון וואַנען עס איז נישטאָ קיין וועג צוריק; אַז ער איז איבערגעלאָזט געוואָרן איינער אַליין צווישן ווילדע ברואים וועלכע רעדן אַן אנדער שפּראַך אין וועלכער עס איז אוממעגליך געווען צו אונטערשיידן ווערטער אָדער אַ זין. אַזוי האָט ער זיך ביטער באַקלאָגט און דאָס ווילדע מיידל האָט אים געהערט, ליגנדיק אויף דעם זאַמד ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן ווי פאַרוויגט אין אַ שלומער פון דעם טרויעריקן וויג־ליד פון זיינע ליידן. דאַן איז דאָם לויס געבליבן שטיל און האָט לאַנגזאַם געאָטעמט.

אין דער פרי זענען זיי געזעסן צוזאַמען אויף דעם פעלדז, קוקנדיק צום ים וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ פּאַנאָראַמע פון דעם גאַנצן האָריזאָנט. דאָס לויס האָט זיך דערמאָנט זיין גאַנץ לעבן, די עלעגאַנץ און גלאַנץ פון ליסאַבאָן, זיין ליבע, זיינע רייזעס און אַלץ וואָס ער האָט געזען אויף דער וועלט און ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן כדי ער זאָל קלאָרער קענען זיך פאָרשטעלן די פּראַכטפולע סצענעס פון זיין אייגן לעבן.

ווען ער האָט ווידער געעפנט זיינע אויגן, האָט ער דערזען דאָס ווילדע מיידל זיצן אויף די פּיאַטעס און קוקן פאַר זיך מיט אַ טעמפּן בליק. ער האָט געזען אַז זי איז רייצנד, מיט איר קליינעם קערפּער און שלאַנקע פיס, ברוינע ווי די ערד און פיין געטאָקטע.

זינט דאַן איז ער אָפט געזעסן אויף דעם פעלז אויסקוקנדיק אַ שיף זאָל פאַר־בייגיין. ער האָט געזען די זון אויפגיין פון דעם אָקעאַן און פאַרזינקען אין זיינע טיפענישן און ער איז צו דעם צוגעוווינט געוואָרן ווי צו אַלעם איבעריקן. ער האָט מיט יעדן טאָג מער דערפילט די אָנגענעמע זיסקייט פון דעם אינדזל און זיין קלי־מאַט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ אינדזל פון ליבע. טייל מאָל זענען די ווילדע צוגעקו־מען צו אים און האָבן געקוקט אויף אים מיט רעספּעקט זיצנדיק מיט די פיס אונטער זיך אַזוי ווי פּינגווינען. צווישן זיי האָבן זיך געפונען טאַטויִרטע מענער און ערנוויר־דיקע זקנים און די לעצטע האָבן אים געבראַכט עסן ער זאָל קענען לעבן.

ווען עס איז געקומען די צייט פון רעגנס, האָט לוּיס זיך אַריינגעצויגן אין דער הייזקע פון דעם יונגן ווילדן מיידל. אַזוי האָט ער געלעבט צווישן די ווילדע איינגע־בוירענע און איז אַרומגעגאַנגען נאַקעט פּונקט ווי זיי, אָבער ער האָט געפילט פאַראַכ־טונג צו זיי און האָט זיך נישט אויסגעלערנט קיין איין־איינציק וואָרט פון זייער שפּראַך. ער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ נאָמען זיי האָבן געגעבן דעם אינדזל אויף וועלכן זיי האָבן געלעבט, ווי אַזוי זיי האָבן גערופן דעם דאַך איבער זיין קאָפּ אָדער די פרוי וואָס איז געווען זיין איינציקע חברטע. יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט אין דער הייזקע, האָט ער דאָרט געפונען שפּייז צוגעגרייט פאַר אים, אַ געלעגער און די שטילע אומאַרמונג פון זיין ברוינער ווייב. כאָטש ער האָט איר נישט געהאַלטן אין גאַנצן פאַר אַ מענטשלעך וועזן, נאָר מער ענלעך צו די איבעריקע חיות, דאָך האָט ער איר באַהאַנדלט ווי זי וואָלט אים פאַרשטאַנען, דערציילנדיק איר אַלץ אויף זיין אייגענער שפּראַך און פילנדיק זיך פולשטענדיק צופרידן, ווייל זי האָט אים אויפמערקזאַם געהערט. ער האָט איר דערציילט אַלץ וואָס האָט באַשעפטיגט זיין מוח — געשעענישן פון זיין פריערדיקן לעבן אין ליסאַבאָן, זאַכן וועגן זיין היים, פער־טים וועגן זיינע רייזעס. תחילת האָט אים ווייַ געטון הלמאי דאָס ווילדע מיידל האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער און נישט די באַדייטונג פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער ער איז צוגעוווינט געוואָרן אַפילו צו דעם און האָט פאַרגעזעצט אי־בערצודערציילן אַלץ מיט די זעלבע ווערטער, מיט וואַריאַציעס און שטענדיק נאָך דעם האָט ער זי גענומען אין זיינע אָרעמס.

אָבער מיט דער צייט זענען זיינע מעשיות געוואָרן קורצער און מער אָפּגע־האַקט. די אַוואַנטורעס וואָס דאָס לוּיס האָט דורכגעמאַכט זענען אים אַרויס פון זכרון גלייך ווי זיי וואָלטן קיין מאָל גאָרנישט געווען פּאַסירט; גלייך ווי גאָרנישט וואָלט גע־ווען געשען. גאַנצע טעג איז ער אָפּגעלעגן אויף זיין געלעגער פאַרזונקען אין גע־דאַנקען און שווייגן. ער איז צוגעוווינט געוואָרן צו זיין ביי לעבן און פלעגט ווייטער

זיצן אויף דעם פּעלז, אָבער ער האָט מער נישט אַרויסגעקוקט אויף פאַרבייגייענדי־קע שיפן. אַזוי זענען אַוועק אַ סך יאָרן און לוּיִס האָט פאַרגעסן וועגן אומקערן זיך, ער האָט פאַרגעסן זיין פאַרגאַנגענהייט; אַפילו זיין אייגענע מוטער־שפּראַך און זיין מוח זענען געווען אַזוי שטום ווי זיין צונג. אַלע אָוונט האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין הייזקע, אָבער ער האָט קיינמאָל זיך נישט באַקאַנט מיט די איינגעבוירענע מער אינטים ווי אין דעם טאָג ווען ער איז אָנגעקומען אויף דעם אינדזל.

איין מאָל אין אַ זומער איז ער געווען טיף אין וואַלד ווען אַזאַ מאָדנע אומרו איז אים פּלוצים באַפאַלן אַז ער איז אַרויסגעלאָפן פון דעם וואַלד און האָט דערזען אויף דעם אָקעאַן פאַראַנקערט אַ שיינע שיף. מיט אַ האַסטיק האַרצקלאַפּעניש האָט ער אַוועקגעאיילט צום ברעג אַרויפצוקלעטערן אויף דעם פּעלז און ווען ער האָט אים דערגרייכט, האָט ער דערזען אויף דעם פּליאַזש אַ גרופּע מאַטראָסן און אָפיצירן. ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם פּעלדז, ווי אַ ווילדער און האָט זיך איינגעהערט. זייערע ווערטער האָבן באַרירט דעם ראַנד פון זיין זכרון און דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז די ניי־געקומענע האָבן גערעדט אויף זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט געפּרוווט זיך ווענדן צו זיי. אָבער ער האָט בלויז אַרויסגעלאָזט אַ הויכן געשריי. די ניי־געקומענע האָבן זיך דערשראָקן און ער האָט געגעבן אַ צווייטן געשריי. זיי האָבן אָנגעשטעלט זייערע קאַראַבינען, אָבער אין יענער רגע האָט זיך זיין צונג אויפגעבונדן און ער האָט אויסגעשריגן. „סעניאָרעס, — האָט רחמנות!" זיי האָבן זיך אַלע דערפרייט און זענען צוגעלאָפן צו אים. אָבער דאָס לוּיִס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ווילדן איינ־סטינקט צו אַנטלויפן פאַר זיי. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אים אַרומגענומען און פאַרשאָטן מיט פראַגן. אַזוי איז ער געשטאַנען אין מיטן פון דער גרופּע — נאַקעט און אין אנגסטן, קוקנדיק אין אַלע זייטן ווי אַזוי צו מאַכן פּליטה.

„האָב נישט קיין מורא" — האָט צו אים געזאָגט אַן עלטערער אָפיציר. „דערמאָן זיך אַז דו ביזט אַ מענטש. ברענגט אים פליייש און וויין ווייל ער זעט אויס מאָגער און נעבעכדיק. און דו — זעץ זיך אַנידער אָט דאָ צווישן אונדז; רו אָפּ וועסטו זיך דערווייל צוגעווינען צו דער מענטשלעכער שפּראַך אַנשטאָט צו קוויטשן ווי די מאַלפּעס".

זיי האָבן געבראַכט דאָס לוּיִסן זיסן וויין, פאַרפּראַוועטע פליישן און ביסקוויט. ער איז געזעסן צווישן זיי ווי אין אַ חלום און האָט געגעסן און לאַנגזאַם האָט ער אָנ־געהויבן צו פילן ווי זיין זכרון קערט זיך אים אום. די אַנדערע האָבן אויך געגעסן און געטרונקען און געשמועסט פרייענדיק זיך וואָס זיי האָבן געפונען אַ לאַנדס־מאַן. ווען דאָס לוּיִס האָט פאַרצערט אַ טייל פון דער שפּייז, האָט אַ זיס געפיל פון דאַנק־באַרקייט אים אָנגעפילט פּונקט ווי יענץ מאָל ווען דאָס ווילדע מיידל האָט אים געגעבן עסן, אָבער חוץ דעם האָט ער אַצינד געפילט אַ פרייד אין דער פּרעכטיקער שפּראַך וואָס ער האָט געהערט און האָט פאַרשטאַנען און אין די פריינדלעכע מענטשן וואָס

האָבן אים באַהאַנדלט ווי אַ ברודער. די ווערטער זענען אים אַצינד אַרויף אויף דער צונג פון זיך אַליין און ער האָט זיי אויסגעדריקט זיינע דאַנקען ווי ער האָט נאָר געקענט.

„רו אָפּ נאָך אַביסל״, האָט אים געזאָגט דער עלטערער אָפיציר, „וועסטו אונדז קענען דערציילן ווער דו ביסט און ווי אַזוי דו קומסט אַהער. דאַן וועט זיך דאָס לשון, די טייערע באַגאַבונג, אומקערן צו דיר ווייל עס איז נישט פאַראַן קיין שענערס ווי דער כח פון שפּראַך וועלכע דערלויבט אַ מאַן צו רעדן, צו דערציילן זיינע אַווענטורעס און אויסגיסן זיינע געפילן״.

בשעת ער האָט גערעדט האָט אַ יונגער מאַטראָס אָנגעהויבן שטיל אונטערזינגען אַ זמרל וועגן אַ מאַן וואָס איז אַוועקגעפאָרן מעבר לים און זיין געליבטע בעט דעם ים, די ווינטן און דעם הימל זיי זאָלן איר אים אומקערן, אויסדריקנדיק דעם תחנונים — ווי פון דעם מיידל איז די רירנדיגסטע ווערטער וואָס מען קען נאָר געפינען. נאָך אים האָבן אַנדערע געזונגען אָדער דעקלאַמירט אַנדערע לידער פון ענלעכן אינהאַלט, איין ליד איז געווען טרויעריקער פון דעם אַנדערן. אַלע לידער האָבן אויסגעדריקט די בענקשאַפט נאָך אַ געליבטער: זיי האָבן גערעדט פון שיפן וואָס גייען אָפּ אין ווייטע לענדער און פון דעם ים וואָס ענדערט זיך כסדר. ענדלעך איז יעדער איינער פול געוואָרן מיט זכרונות פון דער היים און פון אַלע די וועלכע זיי האָבן געלאָזט הינטער זיך. דאָס לויס האָט פאַרגאָסן פיל טרערן און איז געווען גליקלעך עמאָציאָנירט פון די צרות וואָס ער האָט איבערגעליטן און פון זייער פריידיקן סוף, ווען נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעוווינט געוואָרן פון אַ ציוויליזירטער שפּראַך האָט ער אַצינד דערהערט די פּרעכטיקע מוזיק פון פּאָעזיע. ער האָט געוויינט ווייל עס איז געווען ווי אַ חלום פאַר וועלכן ער האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט צערינען.

ענדלעך האָט זיך דער אַלטער אָפיציר אויפגעהויבן און האָט געזאָגט, „קינדער, אַצינד לאָמיר אויספאָרשן דאָס אינדזל וואָס מיר האָבן געפונען דאָ אין אָקעאַן און איידער די זון זעצט זיך וועלן מיר זיך אַהער אומקערן און צורודערן צוריק צו דער שיף. אין אָוונט וועלן מיר אויפהייבן דעם אַנקער און אָפּרייזן אַהיים. דו, מיין פריינד, האָט ער געזאָגט צו לויסן, אויב דו האָסט עפּעס אייגנס און דו ווילסט עס מיטנעמען מיט זיך פאַר אַן אָנדענק, ברענג עס אַהער און וואַרט אויף אונדז פאַר שקיעה״.

די מאַטראָסן האָבן זיך צעוואָרפן איבערן ברעג פון אינדזל און דאָס לויס איז אַוועק צו דער הייזקע פון דער ווילדער פרוי. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, האָט ער אַלץ לאַנגזאַמער געמאַכט זיינע טריט, קלערנדיק ווי אַזוי זאָל ער זאָגן דער ווילדער אַז ער מוז אַוועקפאָרן און זי איבערלאָזן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווייל ער האָט נישט געקענט אַנטלויפן אָן איר אַרויסצווייזן וועלכע נישט איז דאַנקבאַרקייט ווען ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר צען יאָר. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַלע זאַכן, וואָס זי האָט געטאָן פאַר אים.

ווי אַזוי זי האָט אים צוגעשטעלט שפּייז און געגעבן אַ דירה און האָט אים געדינט מיט איר קערפּער און איר מי. דאַן איז ער אַריין צו איר אין שטיבל, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און האָט גערעדט זייער אַ סך און זייער שנעל, ווי ער וואָלט אַזוי געקענט איר בעסער איבערצייגן. ער האָט איר דערציילט אַז מ׳איז געקומען נאָך אים און אַז ער מוז אַצינד אָפּפאָרן צו דערליידיקן זייער בייטיקע אָנגעלעגנהייטן וועלכע ער האָט אויסגעטראַכט אין אַ גרויסער צאָל. דאַן האָט ער זי גענומען אין זיינע אָרעמס און האָט איר אָפּגעדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן פאַר אים און ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך גיך אומקערן. ער האָט באַגלייט זיינע צוזאָגן מיט שבועות און חרמות. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגערעדט אַ לאַנגע צייט, האָט ער באַמערקט, אַז זי האָט אים אויסגעהערט נישט האָבנדיק די מינדסטע אַנונג פון אַלע זיינע דיבורים. דאָס האָט אים געמאַכט אין כעס, און פאַרלירנדיק דאָס געדולד, האָט ער איבערגעחזרט אַלע זיינע אַרגומענטן אַזוי קאַטעגאָריש ווי מעגלעך און האָט געטופּעט מיט די פיס פון אויפרעגונג. פלוצלינג האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז די מאַטראָסן פאָרן שוין וואַרשיינלעך אַוועק נישט וואַרטנדיק אויף אים. ער איז אַרויס פון דער הייזקע אין מיטן פון זיינע רייד און האָט אַוועקגעאיילט צום ברעג.

אָבער אַזוי ווי קיינער איז נאָך נישט געווען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. דער געדאַנק האָט אים געמוטשעט, אַז עס איז גאַנץ מעגלעך די ווילדע פרוי זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען אַקוראַט וואָס ער האָט איר געזאָגט וועגן דעם, אַז ער מוז אַוועקפאָרן. דאָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַזאַ שרעקלעכע זאַך, אַז ער האָט פלוצלינג אָנגעהויבן לויפן אויף צוריק איר אויפצוקלערן נאָך אַ מאָל. דאָך איז ער נישט אַריין אין איר הייזקע, נאָר האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט צו זען וואָס זי טוט. ער האָט געזען אַז זי האָט צונויפגעקליבן פריש גראָז צו מאַכן פאַר אים אַ ווייך געלעגער אויף ביינאַכט. ער האָט געזען איר אַוועקלייגן פרוכט פאַר אים צו עסן און ער האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז זי אַליין עסט די ערגערע פרוכטן — די קליינע און צוגעפוילטע — און פאַר אים קלייבט זי אויס די שענסטע, די גרעסטע און די בעסטע. דאַן האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַזוי באַוועגלאָז ווי אַ סטאַטוע און האָט געוואַרט אויף אים. פלוצלינג איז דאָס לויסן קלאָר געוואָרן, אַז ער מוז נאָך אויפעסן די פרוכטן, וואָס זענען פאַר אים געוואָרן אָנגעגרייט און זיך אַוועקלייגן אויפן געלעגער, וואָס איז אַזוי זאָרגפעליק אויסגעבעט געוואָרן און דערפילן אירע דערוואַרטונגען איידער ער קען אַוועקפאָרן.

דערווייל האָט זיך די זון געזעצט און די מאַטראָסן זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויפן ברעג אַרויפצוגיין אויף דער שיף. בלויז דאָס לויס האָט געפעלט. זיי האָבן אים גערופן: סעניאָר! סעניאָר! ווען ער איז נישט געקומען האָבן זיי זיך צעוואָרפן אין פאַרשידענע ריכטונגען אויפן ראַנד פונעם וואַלד אים צו זוכן. זיי האָבן אים

גערופן די גאַנצע צייט, אָבער ער האָט זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. זיין האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט אין זיין ברוסט אויס מורא זיי זאָלן אים נישט געפינען. דאַן זענען אַלע קולות שטיל געבליבן און ס'איז געקומען די פינצטערניש. שפּריצנדיק מיט די ווּעסלעס, האָבן די ים־לייט צוגערודערט צו דער שיף און באַדויערט אויפן קול דעם פאַרלוירענעם לעבן־געבליבענעם פונעם שיף־בראָך. דאַן האָט נאָכגעפאָלגט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט און דאָם לויס איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די קוסטעס און האָט זיך אומגעקערט אין דער הייזקע. די ווילדע פרוי איז דאָרט געזעסן באַוועגלאָז און געדולדיק. דאָם לויס האָט אויפגעגעסן די פרוכטן און האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן פרישן געלעגער מיט איר לעבן אים.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, איז דאָם לויס געלעגן אַ שלאָפלאָזער און האָט אַרויסגעקוקט דורך דער טיר פון דער הייזקע, ווו הינטער די ביימער פונעם וואַלד האָט מען געקענט זען דעם מיט זון באַגאָסענעם ים. יענעם ים, אויף וועלכן די פּראַכטפולע שיף האָט נאָר וואָס אָפּגעזעגלט פונעם אינדזל. די ווילדע פרוי איז געלעגן לעבן אים אַ שלאָפנדיקע, אָבער זי איז מער נישט געווען רייצנד ווי אין די פריערדיקע יאָרן, נאָר מיאוס און שרעקלעך. איין טרער נאָך דער אַנדערער האָט אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן אויף איר שויס, בעת דאָם לויס האָט פליסטערנדיק, כדי זי זאָל נישט דערהערן, איבערגעחזרט שיינע ווערטער, וווּנדערבאַרע פּאָעמען, וואָס שילדערן דעם צער פון בענקשאַפט און פון נישטיקן אייביקן באַגער.

דאַן איז די שיף פאַרשוווּנדן הינטערן האָריזאָנט און דאָם לויס איז פאַרבליבן אויפן אינדזל, אָבער ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגערעדט קיין איין איינציק וואָרט זינט יענעם טאָג אָן אין משך פון אַלע זיינע יאָרן ביזן טויט אַריין.

קאַלמאַן מיקשאַט

(געבוירן אין 1847 — געשטאָרבן אין 1910)

דער אונגאַרישער באָוועליסט און שרייבער קאַלמאַן מיקשאַט האָט שטודירט יורי אין דעם אוניווערסיטעט פון בודאַפּעשט, אָבער האָט זיך געווידמעט זשורנאַליזם. זיין פאָטער איז געווען אַ שענקער און אַ קצב. מיקשאַטס ליטעראַרישע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט אַ פיינעם הומאָר און סימפאַטיע צו די פשוטע פאָלקס־מענטשן. פאָליטיש האָט ער געהערט צו דער ליבעראַלער פאַרטיי, וועלכע איז אין אונגאַרן אָנגעפירט געוואָרן אין פאָריקן יאָרהונדערט פון גראַף קאַלמאַן טישא.

מיקשאַט איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין זיין לאַנד, אַז כמעט יעדע וויכטיקע ליטעראַרישע געזעלשאַפט האָט אים אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד. מיקשאַט איז געווען מיטגליד פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע פון אונגאַרן און פרעזידענט פון דעם אונגאַרישן זשורנאַליסטן־פאַראיין. זיינע דערציילונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן. די פולע אויסגאַבע פון זיינע געזאַמלטע ווערק באַשטייט פון 46 בענד.

„פונעם שטאַנדפּונקט פון הומאָר און איראָניע”, זאָגט איין קריטיקער, „האָט מיקשאַט קאָמבינירט פיל קוואַליטעטן. דזשאָנאַטאַן סוויפט און מאַרק טוועין, אַנאַטאָל פראַנס און אַלפאָנס דאָדע, וואָלטן געווען הנאה געהאַט פון מיקשאַט ווען זיי וואָלטן אים געווען געקענט, ווייל יעדער איינער פון די דערמאָנטע וואָלט געווען אַנטדעקט אין דעם אונגאַרישן שרייבער עפּעס וואָס וואָלט פאַרשאַפט פאַרגעניגן זיין חוש פאַר הומאָר אָדער פאַר איראָניע. אָבער דאָס פאַרמינערט נישט דעם חן פון זיין אָריגינאַליטעט אוי־באַדייטונג אַלס וויכטיקער שרייבער פון נאָוועלן און קורצע דערציילונגען”.

די גרינע פליג

דער אַלטער פויער, דער רייכסטער מאַן אין דאָרף, איז געלעגן זייער קראַנק און האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן. גאָט האָט אים געשטראָפט, אָנווייזנדיק אויף אים, ווי אויף אַ ביישפּיל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

— קוקט אויף יאָהאַן גאַל. וואָס מאָלט איר זיך אויס, שטערבלעכע זענט איר? איר זענט גאָרנישט. אָט יאָהאַן גאַל איז באמת אַ יש. אַפילו דער ריכטער גיט אים אַ מאָל די האַנט. די גרעפן פונעם דאָרף קומט צו אים אויף אַ באַזוך. ער איז דער רייכסטער צווישן אייך. דאָך קען איך אים שטראָפן. איך האָב נישט באַדאַרפט אָנ־

שיקן אַ הונגעריקן וואָלף ער זאָל אים בייסן. איך דאַרף אויך נישט אויסוואָרצלען אַ ריזיקן דעמב, וואָס זאָל אַרויפפאַלן אויף אים און דערפּלעטשן. אַ קליין פליגל וועט טאָן די אַרבעט.

פאַקטיש איז עס טאַקע אַזוי געשען. אַ פליג האָט אים אַ ביס געטאָן אין האַנט, באַלד איז זי אים פאַרשוואָלן געוואָרן, שוואַרץ און רויט.

דער גלח און די גרעפין פון שלאָס האָבן אים איבערצייגט צו רופן אַ דאָקטער.

ער האָט חשק געהאַט צו שיקן נאָכן רופא, אָבער זיי האָבן אים איינגערעדט צו טעלעגראַפירן נאָך אַ ספּעציאַליסט קיין בודאַפּעסט. זיי האָבן אויסגעוויילט צו רופן פּראָפעסאָר בירלי. איין וויזיט וועט קאָסטן דריי הונדערט פלאָרינען, אָבער עס וועט האָבן די ווערט.

— שטותים — האָט געזאָגט דער פויער — יענץ קליין פליגל האָט נישט גע־קענט מיר אָנטאָן שאָדן אויף דריי הונדערט פלאָרינען.

די גרעפין איז צוגעשטאַנען און האָט אָנגעבאָטן אַליין צו באַצאָלן דעם דאָקטער. דאָס האָט געווירקט. יאָהאַן גאַל איז געווען אַ שטאָלצער פויער. מען האָט אַוועק־געשיקט אַ טעלעגראַמע און אַ יונגערמאַן, אַ דאַרער און באַברילטער — גאָר נישט קיין אימפּאָזאַנטער, איז געקומען אין דעם פאַעטאָן, וואָס מ'האָט געשיקט נאָך אים צום וואָקזאַל.

מאַדאַם גאַל, דאָס יונגע ווייבל פון דעם עלטערן פויער, האָט אים באַגעגנט ביים טויער.

— זענט איר דער באַרימטער דאָקטער פון בודאַפּעסט? — האָט זי געפרעגט — קומט און באַטראַכט מיין מאַן. ער מאַכט אַן אַזאַ ליאַרעם, ווייל אַ פליג האָט אים אַ ביס געטאָן אין האַנט גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין אַ ביס פון אַ העלפאַנט.

דאָס איז אַבסאָלוט נישט ריכטיק. יאָהאַן גאַל האָט די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט אַפילו נישט דערמאָנט דעם ביס ביז מען האָט אים געפרעגט, און אַפילו דאַן האָט ער געענטפערט זייער קורץ. ער איז געלעגן אויף זיין בעט אַ גלייכגילטיקער און סטאָיִשער. זיין קאָפּ האָט גערוט אויף אַ שאַ־פענער פעל און אַ ליולקע האָט געשטעקט אין זיין מויל.

— וואָס איז געשען אַלטער? — האָט געפרעגט דער דאָקטער — איך האָב גע־הערט, אַז אַ פליג האָט אייך אַ ביס געטאָן.

— יאָ — האָט געענטפערט דער פויער צווישן די ציינער.

— וואָס פאַר אַ מין פליג איז דאָס געווען?

— אַ גרינע פליג — האָט ער קורץ געענטפערט.

— פרעגט אים אויס, דאָקטער — האָט איבערגעריסן די פרוי — איך וועל אַ קוק טאָן אין קיך. איך האָב ביין ברויטן אין אויוון.

— גוט מאַמעלע — האָט געענטפערט גלייכגילטיק דער דאָקטער.

זי האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן ווי פֿאַרוווּנדערט, מיט אירע הענט אויף די היפּטן.

— וואָס? איר זענט געגוג אַלט צו זיין מיין טאַטע! — האָט זי געזאָגט, האַלב באַליידיקט און האַלב קאָקעטירנדיק. — קענטיק איר דערזעט נישט גוט דורך די דאָזיקע פֿענצטער אויף אייערע אויגן.

זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און די פֿיל אָנגעקראָכמאַלעטע קליידלעך האָבן זיך געדרייט ווי דער ווינט ווען זי איז אַרויס, אַ שטאָלצע, מיט אַ געפֿיל פֿון יוגנט און קראַפֿט.

דער דאָקטער האָט איר נאָכגעקוקט ווי זי איז געווען טייוולאָניש פּראַכטפֿול, אַ סך יונגער פֿונעם דאָקטער, און פֿאַרשטייט זיך, נאָך מער יונגער פֿון איר מאַן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן זיך צו פֿאַרענטפֿערן, אָבער זי איז אַרויס אידער ער האָט צייט געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט.

— גוט, לאָזט מיך זען די האַנט. טוט אייך ווי?

— זייער ווי — איז געווען דער ענטפֿער.

דער דאָקטער האָט באַטראַכט זיין געשוואָלענע האַנט און זיין געזיכט איז געוואָרן ערנסט.

— געגוג שלעכט. דאָס מוז האָבן געווען אַ גיפֿטיקער אינזעקט.

— ס'קען זיין — האָט געזאָגט יאָהאַן אָן דער מינדסטער אויפֿרעגונג — איך וואָלט געקענט שווערן, אַז ס'איז נישט געווען קיין געוויינלעכע פֿליג.

— ס'איז געווען אַ פֿליג, וואָס איז געקומען פֿון אַ טויטן קערפּער.

אַ שטומע קללה איז געווען דאָס איינציקע, וואָס יאָהאַן גאַל האָט געענטפֿערט אויף דער נייעס.

— ס'איז אַ גליק, וואָס איך בין געקומען אין צייט. מיר קענען נאָך עפּעס טאָן. מאָרגן וואָלט שוין געווען שפּעט. איר וואָלט געווען טויט.

— מאָדנע — האָט געזאָגט דער פּויער ,אַריינקוועטשנדיק דעם טאַבאַק אין זיין ליולקע מיטן גראָבן פֿינגער.

— בלוט־פֿאַרגיפֿטונג ווירקט שנעל. מיר טאָרן קיין צייט נישט פֿאַרלירן. איר מוזט, אַלטינקער, אָנשטייפֿן אייערע נערוון. מ'וועט מוזן אָפּשניידן אייער האַנט.

— מיין האַנט? — האָט ער געפֿרעגט מיט איבעררעשונג און עטוואָס סאַר־קאַסטיש.

— יאָ. עס מוז געטאָן ווערן.

יאָהאַן גאַל האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט. ער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט ווייטער גערייכערט.

— איר פֿאַרשטייט — האָט דער דאָקטער פֿאַרגעזעצט מיט זיין איבערצייגנ־דיקן טאָן — עס וועט אייך נישט ווי טאָן. איך וועל אייך איינשלעפֿן, און ווען איר וועט זיך אויפֿכאַפּן, וועט איר זיין געראַטעוועט.

— אַ, לאָזט מיך צו רו — האָט דער פויער געזאָגט ווי ער וואָלט מיד געווען פון אַזוי פיל דיבורים; ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן.

דער דאָקטער האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אַזאַ מין עקשנות. ער האָט פאַרלאָזט דאָס צימער און איז אַוועק אַ רעד טאָן מיט דער פרוי.

— וואָס מאַכט מיין מאַן? — האָט זי געפרעגט מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, נישט איבעררייסנדיק איר אַרבעט, כדי צו ווייזן איר פאַראַכטונג צום דאָקטער.

— גענוג שלעכט. איך בין אייך געקומען בעטן. איר זאָלט אים פרוון איבער־צייגן זיך צו לאָזן אַמפּוטירן זיין האַנט.

— גאָט אין הימל; — האָט זי אויסגעשריגן, ווערנדיק אַזוי ווייס ווי איר פאַר־טוך. — מוז מען דאָס טאָן?

— אויב נישט, וועט ער שטאַרבן אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום.

איר פּנים איז געוואָרן רויט, ווען זי האָט אַנגענומען דעם דאָקטער פאַרן אָרעם. זי האָט אים אַריינגעשלעפּט אין צימער פונעם קראַנקן און אַרויפלייגנדיק די הענט אויף אירע היפטן, האָט זי זיך געווענדט צו אים:

— זע איך אויס ווי אַ פרוי, וואָס וואָלט געווען צופרידן צו זיין דאָס ווייב פון אַ קריפּל? איך וואָלט געשטאָרבן פאַר חרפה. נו, וואָס זאָגסטו אויף אים? — האָט זי זיך געווענדט צו איר מאַן און האָט כמעט ווי אויסגעשריגן — לאָז אים נישט דיר אָפּשניידן די האַנט, יאָהאַן. הער אים נישט!

דער אַלטער פויער האָט אויף איר געגעבן אַ פריינטלעכן קוק.

— האָב נישט קיין יסורים, קריסטאַ — האָט ער איר פאַרזיכערט — מ׳וועט דאָ נישט דורכפירן קיין קצבישע אַרבעט. איך האָב נישט בדעה צו שטאַרבן שטיק־לעכווייז.

אומזיסט האָט דער דאָקטער גערעדט צום אַלטן וועגן דער פינצטערניש פון טויט און די שיינקייטן פון לעבן. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ער האָט גערופן די גרעפן פונעם שלאָס זי זאָל אים איבעררעדן, און דעם גלח און אַלע עלאָקווענטע און איבערצייגנדיקסטע רעדנער פונעם דאָרף. יאָהאַן גאַל איז געבליבן פאַרעקשנט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אָפּעררירט.

די רעזיגנאַציע, מיט וועלכער דער פויער באַגעגנט דעם טויט, אַן פאַרבי־טערטקייט, אַן פאַרוואורפן און אַן אומזיסטע טרערן, האָט זיך אויסגעדריקט אין דער רויקייט פון זיין געזיכט און דעם טאָן פון זיין שטימע. דער טויט האָט נישט אַנט־האַלטן קיין פּחדים פאַר אים. אויב עס האָט געשלאָגן זיין שעה, איז ער גרייט געווען אָפּצוגיין אַזוי ווי זיין פאָטער און זיין זיידע זענען אָפּגעגאַנגען פאַר אים.

עס איז געווען קלאָר, אַז דורך ווערטער וועט מען ביים אַלטן קיין מאָל נישט פועלן ער זאָל זיך ראַטעווען. אָבער ענדלעך האָט די אויפריכטיקע זאָרג פונעם שיעור נישט פאַרצווייפלטן דאָקטער אָנגעהויבן רירן דעם אַלטנס האַרץ. אים האָט

ווי געטאָן דעם מענטשנס אויפרעגונג. ער האָט באַדויערט, וואָס דער מאַן זאָל זיין אַזוי געקרענקט, און האַלב־קאָמיש, האַלב־פּאַטעטיש האָט יאָהאַן אָנגעהויבן טרייסטן דעם דאָקטער.

פלוצלינג האָט דער דאָקטער זיך דערמאָנט, אַז געלט קען באַווייזן ניסים, ווען עס האַנדלט זיך פון אַ פּויער און ער האָט געזאָגט:

— איר וועט דאָך סיי ווי דאַרפן באַצאָלן די דריי הונדערטער, צי איך וועל אייך יאָ אַמפּוטירן די האַנט אָדער נישט. עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפן געלט אויב איר וועט זיך נישט אָפּערירן. עס געדויערט בלויז פינף מינוט.

— קענט איר דאָך פאַרשרייבן עפּעס אַ זאַלב, אַבי צו פאַרדינען אייער האָנאָ־ראַר — האָט געזאָגט דער אַלטער אַזוי רויק, גלייך ווי ער זאָל זיך דינגען איבער אַ פּאָר שטיוול.

עס איז געווען אומזיסט. אַן אומצופרידענער און אַנטוישטער, האָט דער דאָק־טער פאַרלאָזט דעם מאַן און איז אַרויס אויף אַ שפּאַציר צו באַקלערן די זאַך און איבעררעדן מיט עמעצן פון די חכמים פון דאָרף. ער האָט אָבער געפונען ווייניק גוטע עצות און עס איז געווען אומזיסט דאָס ברענגען דעם נאָטאַריוס און פרידנס־ריכטער צום קראַנקן. די יונגע פרוי איז כסדר געווען נעבן אים, כדי צונישט־מאַכן יעדן פאַרטראַכטן פּלאַן מצד דעם דאָקטער, און זי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אַריינצושטעלן אַ וואָרט צו פאַרשטאַרקן די עקשנות פון איר מאַן. דער דאָקטער האָט פון צייט צו צייט אויף איר געגעבן אַ בייזן בליק און האָט אַפילו אויף איר אָנגעשריגן:

— האַלט דאָס מויל, ווען מענער רעדן! — האָט ער געזאָגט.

— די הון האָט אויך עפּעס אַ דעה אויפן האַנס מיסטבערגל, — האָט זי אָפּגע־ענטפערט, באַוועגנדיק מיט איר קערפּער.

יאָהאַן גאַל האָט זיך געאיילט צו פאַרהיטן פון אַ קריג.

— טומל נישט אַזוי שטאַרק, קריסטאַ. גיי ברענג בעסער אַ פלאַש ווין פאַר די געסט.

— פון וועלכן פעסל? — האָט זי געפרעגט.

— פונעם צוויי־הונדערט־ליטערדיקן פעסל. אָדער פאַר מיין קבורה־יום־טוב הייב אָן בעסער דאָס דריי־הונדערט־ליטערדיקע פאַס; עס ווערט זויער.

ער האָט פולשטענדיק שלום געמאַכט מיטן געדאַנק פון טויט. די געסט האָבן געטרונקען און אים געלאָזט מאַכן זיין חשבון פאַר גאָט.

אין הויף האָט דער דאָקטער בירלי זיך באַגעגנט מיטן לוין־אַרבעטער, אַ יונ־גער קרעפּטיקער בחור, אַ מאַן אַ בריה.

— גרייט צו דעם פּאַטאָן, איך פאָר אַוועק אין אַ האַלבע שעה אַרום, — האָט ער אים געזאָגט, — און זאָג דער פרוי גאַל, אַז איך וועל נישט בלייבן אויף וועטשערע.

פון יענער זייט טויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נישט ווייסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן. דורכן שפּאַלט פונעם טויער האָט ער געזען דעם בחור צוגיין צו פּרוי גאָל דעם קאָקעטישן בליק וואָס זי האָט געגעבן און די זעלבסט־זיכערע האַלטונג פונעם יונגן בחור, בעת ער האָט זיך צו איר דערנענטערט. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי שפּילן מיט פייער און אַז עס איז פאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן זיי בײדע. דאָס איינציקע, וואָס אים איז איצט געבליבן צו טאָן איז געווען צו באַקומען אַ ביסל מער ידיעות וועגן דעם ענין. עס מוז זיין אַן אַלטע מכשפה אין דאָרף, וואָס ווייסט אַלץ וועגן די ליבע־אינטריגעס פון די דאָרפסלייט, און וועלכע פאַרקויפט ליבע־געטראַנקען. דער נאָטאַריוס מוז אַוודאי וויסן. ער האָט געוווּסט.

— די אַלטע מכשפה רעבעק, — האָט ער געזאָגט, — זי וווינט מיט צוויי טירן ווייטער פון די גאַס.

דער דאָקטער האָט איר דערלאַנגט צוויי זילבערנע מטבעות.

— איך בין פאַרליבט אין אַ פרוי, און איך וואָלט וועלן עפּעס וואָס זאָל מאַכן זי זאָל זיך אין מיר פאַרליבן, — האָט ער געזאָגט.

— אָ, דאָס קען נישט זיין, מיין בחור. איר זעט אויס ווי אַ סטראַשידלע, און ווייבער פאַרליבן זיך נישט געוויינלעך אין אַזאַ מאַן ווי איר.

— אמת, מאַמעלע, אָבער איך וואָלט איר געקענט געבן אַלע מינים זיידנס וואָס איר געפעלט און מער געלט וויפל זי וואָלט געקענט אויסברענגען...

— און ווער איז די פרוי?

— פון יאַהאַן גאָל.

— איר קענט אָפּרייסן יעדע רויז, אויסער די וואָס איז שוין אָפּגעריסן.

דאָס איז אייגנטלעך געווען וואָס דער דאָקטער האָט געוואָלט וויסן.

— און ווער איז דער אַנדערער מאַן? — האָט ער געפרעגט.

— פאָל נאַגי, דער לוין־אַרבעטער. זי מוז זיין פאַרליבט אין אים, ווייל זי קומט אַהער אָפט נאָך ליבע־געטראַנקען. איך האָב איר געגעבן דעם פאַראַיאַריקן שטויב פון אַ דריי־יאָריקער קלעטער־פלאַנץ אַריינצומישן אין זיין ווין.

— און איז יאַהאַן גאָל עפּעס חושד?

— ווי קלוג ער איז נישט, געווינט אים דער ווייבערישער שכל צו יעדער צייט.

דער דאָקטער האָט זיך אומגעקערט צו גאָלן אין הויז אַריין און האָט נאָך געטראָפן די פאַרליבטע פלוידערן, און דער לוין־אַרבעטער האָט בשעת־מעשה אַרומגעווישט מיט אַ שמאַטע די רוקנס פון די פערד, וואָס זענען אַצינד געשטאַנען גרייט אָפּצופירן אים צום וואָקזאַל. זי האָט אים אַ ווונק־געטאָן ער זאָל זיך דער־נענטערן. זי האָט אַריינגעשטעקט איר האַנט אין בוזים ווען דער דאָקטער איז צו־געקומען, און האָט אַרויסגעשלעפּט דריי הונדערט פלאָרינען אין דעפּאָזיטקעס.

— פאַר אייער טרחה, דאָקטער.

— גוט, — האָט געזאָגט דער דאָקטער, — אָבער עס וועט פאַלן אויף אייער געוויסן, שיינע פרוי, דאָס וואָס איך פאַרדין זיי נישט מער.

— מיין נשמה וועט דאָס גאַנץ לייכט איבערטראָגן. זאָרגט זיך נישט.

— זייער גוט. לייגט בלויז אַריין מיין רענצל אין פאַעטאָן, און איך וועל זיך געזעגענען מיט אייער מאַן.

יאָהאַן גאַל איז געלעגן אַקוראַט אַזוי ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט. זיין ליולקע איז געווען פאַרלאָשן, און זיינע אויגן פאַרמאַכט ווי ער וואָלט געדרימלט.

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און האָט זיך איינגעקוקט מיט איין אויג.

— איך בין געקומען מיט אייך זיך געזעגענען, הער גאַל, — האָט געזאָגט דער דאָקטער.

— איר פאָרט אַוועק? — האָט ער גלייכגילטיק געפרעגט.

— איך האָב דאָ גאָרנישט וואָס צו טאָן.

— האָט אייך די פרוי געגעבן דאָס געלט?

— יאָ. איר האָט אַ שיין ווייב, הער גאַל. כ׳לעבן, זי איז פּרעכטיק!

דער פּאַציענט האָט געעפנט זיין צווייט אויג און, אויסשטרעקנדיק זיין געזונטע האַנט דעם דאָקטער, האָט ער בלויז געזאָגט:

— איאָ, אָ?

— אירע ליבלעכע ליפּן זענען ווי קאַרשן.

— ריכטיק. — אַ כמעט גליקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

— פאַל דער זשוליק וועט לעבן אַ גוטן טאָג מיט איר.

דער אַלטער פויער האָט אָנגעהויבן ציטערן, און האָט געקוקט אויף אים.

— וואָס האָט איר געזאָגט, דאָקטער?

דער דאָקטער האָט פּלוצעם פאַרשלאָסן די ליפּן, גלייך ער זאָל האָבן געזאָגט עפּעס וואָס ער האָט נישט בדעה געהאַט צו זאָגן.

— שטותים. עס איז נישט מיין עסק. אַ מענטש האָט אויגן, און אַ מוח, און עט זאַכן, און פאַרשטייט זאַכן. איך האָב חושד געווען דעם מאָמענט, ווען זי האָט נישט דערלויבט אייך אָפּצושניידן די האַנט. האָט איר גאָרנישט חושד געווען? אָבער אַצינד פאַרשטיי איך. געוויס, געוויס.

יאָהאַן גאַל האָט אָנגעהויבן טרייסלען מיט זיינע פויסטן, פאַרגעסנדיק אויף אַ מאָמענט, אַז איין פויסט איז אים געשוואָלן. ער האָט געקרעכצט פון ווייטיק.

— אָ, מיין אָרעם, מיין אָרעם! זאָגט מער נישט קיין וואָרט, דאָקטער!

— קיין וואָרט, — האָט געענטפערט דער דאָקטער.

אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם קראַנקן מאַנס ברוסט בשעת ער האָט אָנגעכאַפּט דעם דאָקטערס אָרעם מיט זיין רעכטער האַנט.

— וועלכער פאַל, דאָקטער? וועלכן פאַל מיינט איר? ווער איז ער?

— ווייסט איר באמת נישט? פאַל נאַגי, אייער געדונגענער אַרבעטער.

דער אַלטער פויער איז געבליבן בלאַס. זיינע ליפּן האָבן געציטערט און דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן צום האַרצן. זיין האַנט האָט אים אַצינד גאָרנישט ווי געטאָן. ער האָט זיך פּלוצעם אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ טיפּש איך בין 'געווען. איך וואָלט דאָס געוווען באַדאַרפט פריִע' באַמערקן... אַזאַ שלאַנגישע פרוי!

— איר דאַרפט נישט זידלען די פרוי, הער גאַל. זי איז יונג; זי איז פול מיט געזונט און לעבן. אָט דאָס איז עס. קען זיין, אַז זי איז נאָך אומשולדיק, אָבער נאָך אַלעמען וועט זי דאָך מעגן חתונה האָבן ווען איר וועט שטאַרבן... און איר וועט שטאַרבן...

דער אַלטער פויער האָט זיך באַוויגן מיט אַנשטרענגונג און האָט זיך אויס־געדרייט צום דאָקטער, וועלכער האָט ווייטער גערעדט:

— איר וועט גאָרנישט פאַרלירן אויב זי וועט הייראַטן אַ יינגערן נאָך דעם ווי איר וועט שטאַרבן. איר וועט גאָרנישט וויסן וועגן דעם ווען איר וועט ליגן אין דער ערד. און חוץ דעם וואָלט איר באַדאַרפט זיין צופרידן וואָס זי וועט האָבן אַ שיינעם בחור פאַר אַ מאַן. אַ שיינער יונג איז אָט דער פאַל!

דער אַלטער פויער האָט געקריצט מיט די ציינער.

— איר דאַרפט נישט זיין נישט פאַרגינעריש, הער גאַל. עס וואָלט געווען אַ שאָד צו לאָזן איר וווּנדערבאַרן קערפּער פאַרוועלקט ווערן אָן ליבע. פאַל איז נישט קיין נאַר. ער לאָזט נישט פאַרביי אַזאַ פרוי און ער זאָל זיך אין איר נישט איינבייסן. חוץ דעם, וועט זי האָבן אין גאַנצן אייער געלט, און די פאַרם. אויך די פרוי וועט שכל האָבן צו מאַכן אַ לעבן. דער איינציקער נאַר פון אייך דריי זענט איר, הער גאַל.

דער פויער האָט געזיפצט און אַ שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. אין זיין האַרצן האָט די ביטערקייט געהאַלטן ביים אַריבערגיין.

— פאַרשטייט איר, הער גאַל, עס וואָלט בעסער געווען איר אומצואַרמען מיט איין האַנט איידער גאָרנישט אומצואַרמען".

דאָס איז געווען צופיל פאַרן אַלטן מאַן. ער איז אויפגעשפרונגען און האָט אויסגעשטרעקט זיין פאַרשוואָלענע האַנט צום דאָקטער.

— נאַט, נעמט אייער מעסער, דאָקטער, און שניידט!

קאַראָלי קיספאַלודי

(געבוירן אין 1788 — געשטאָרבן אין 1830)

קאַראָלי קיספאַלודי ווי זיין ברודער אַלעקסאַנדער זענען באַדייטנדיקע אונגאַרישע שרייבערס, פונעם פאָריקן יאָרהונדערט.

הגם קאַראָלי איז, דער עיקר, באַרימט אַלס דראַמאַטורג, האָט ער אויך אָנגעשריבן מערקווירדיקע קורצע דערציילונגען, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן ערשט היינט געשאַפן געוואָרן.

„די אומזעבאַרע ווונד", מיינען מיר, קען דינען אַלס גוטער מוסטער פון קאַראָלי קיספאַלודיס גרויסן טאַלענט פון אַן ערשט־קלאַסיקן דערציילער.

די אומזעבאַרע ווונד

אין איין פרימאָרגן, נאָך איידער דער באַרימטער כירורג איז אַראָפּ פון בעט, האָט אים אָנגעקלונגען אַ געאיילטער פּאַציענט, וועלכער איז באַשטאַנען, אַז זיין פאַל קען נישט אָפּגעלייגט ווערן אַפילו אויף אַ מינוט. ער האָט געפאָדערט באַלדיקע הילף. דער כירורג האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן און האָט גערופן זיין דינער.

— לאָז אַריין דעם פּאַציענט — האָט ער געזאָגט.

דער מאַן וואָס איז אַריינגעקומען, האָט אויסגעזען צו געהערן צום העכסטן קלאַס פון דער געזעלשאַפט. זיין בלאַס געזיכט און זיין נערוועזע באַנעמונג, האָט אויסגעגעבן פיזישע ליידן. זיין רעכטע האַנט איז געווען אונטערגעבונדן מיט אַ בינדע און כאָטש ער האָט געקענט קאָנטראָלירן זיין געזיכט, האָט אַ פיינפולער זיפץ זיך אַרויסגעריסן פון זיינע ליפּן פון צייט צו צייט.

— זיצט, וואָס קען איך פאַר אייך טאָן?

— שוין אַ וואָך צייט, אַז איך קען נישט שלאָפן. עפּעס אַ קרענק האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין רעכטער האַנט. איך ווייס נישט וואָס דאָס איז. מעגלעך, אַז ס'איז אַ קרעבס אָדער אַן אַנדערע שרעקלעכע קרענק. תחילת האָט עס מיר נישט שטאַרק דערקוטשעט, אָבער שפּעטער האָט עס אָנגעהויבן צו ברענען. ס'איז

מיר אויף אַ מינוט נישט גרינגער געוואָרן. עס פּייניקט מיך שרעקלעך. דער ווייטיק וואַקסט מיט יעדער שעה און ווערט מער און מער שמערצלעך און אומדערטרעגלעך. איך בין געקומען אין שטאָט זיך באַראַטן מיט אייך. אויב איך וועל עס דאַרפֿן איבערטראָגן נאָך אַ שעה, וועל איך משוגע ווערן. איך וויל איר זאָלט עס מיר אויסברענען אָדער אויסשניידן, אָדער טאָן וואָס איר ווילט.

דער כירורג האָט פֿאַרזיכערט דעם פּאַציענט, אַז ס׳איז מעגלעך נישט נייטיק צו אָפּערירן.

— ניין, ניין! איז דער מאַן באַשטאַנען אויף ס׳זייניקע, מ׳דאַרף עס אָפּערירן. איך בין געקומען אומיסטן מען זאָל מיר דאָס קראַנקע אָרט אויסשניידן. קיין אַנדער זאַך וועט נישט העלפֿן.

ער האָט אויפֿגעהויבן זיין האַנט פֿונעם בענדל, מיט קענטיקער אַנשטרענגונג, און האָט פֿאַרגעזעצט:

— איך מוז אייך בעטן נישט צו זיין פֿאַרווּנדערט, אויב איר וועט נישט זען קיין ווּנד אויף מיין האַנט. דער פֿאַל איז גאָר אַן אומגעוויינלעכער.

דער דאָקטער האָט פֿאַרזיכערט דעם פּאַציענט, אַז ער האָט נישט געהאַט די געוויינהייט זיך צו ווּנדערן פֿון אומגעוויינלעכע זאַכן. דאָך האָט ער, נאָך דעם ווי ער האָט זי באַטראַכט, אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין גרויסער שטוינונג, ווייל ס׳האָט אויסגעזען, גלייך ס׳איז אַבסאָלוט גאָרנישט געשען מיט איר. זי איז געווען ווי יעדע אַנדערע האַנט; זי האָט אַפֿילו נישט פֿאַרלוירן דעם קאָליר. פֿון דעסטוועגן איז געווען צו זען, אַז דער מענטש האָט געליטן שרעקלעכע ליידן, ווייל דער אופֿן ווי ער האָט אונטערגעכאַפּט זיין רעכטע האַנט מיט זיין לינקער, ווען דער דאָקטער האָט איר געלאָזט פֿאַלן, האָט עס אַרויסגעוויזן אַנטשיידן.

— ווו טוט אייך ווײ?

ער האָט אָנגעוויזן אַ קיילעכדיק אָרט צווישן דיביידע גרויסע ווענעס, אָבער ער האָט געכאַפּט די האַנט אויף צוריק, ווען דער דאָקטער האָט פֿאַרזיכטיק אָנגע־רירט דאָס אָרט מיטן שפּיץ פֿינגער.

— אָט דאָ טוט אייך ווײ?

— יאָ, שרעקלעך.

— פֿילט איר דעם דרוק, ווען איך לייג אַוועק מיין פֿינגער אויף דעם?

דער מענטש האָט נישט געקענט ענטפֿערן, אָבער די טרערן וואָס זענען גע־קומען אין זיינע אויגן האָבן געענטפֿערט.

— ס׳איז אויסערגעוויינלעך, איך זע גאָרנישט.

— איך אויך נישט. אָבער דער ווייטאָג איז דאָרט און איך וואָלט געוואָלט גיכער שטאַרבן, איידער ווייטער אַזוי ליידן.

דער כירורג האָט זי נאָך אַ מאָל באַטראַכט מיט אַ מיקראָסקאָפּ. ער האָט אָפּ־געמאָסטן דעם מאַנס טעמפּעראַטור, און ענדלעך האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— די הויט איז פערפעקט געזונט. די אַרטעריעס זענען נאָרמאַל, קיין שוואַכ־סטע אָנצינדונג אָדער געשוויר; די האַנט איז אַזוי נאָרמאַל, ווי בלויז יעדע האַנט קען זיין.

—— איך רעכן, זי איז אַ ביסל רויטער אויף דעם אָרט.

דער פרעמדער האָט געמאַכט אַ קרייז אויף דער קער־זייט פון זיין האַנט, די גרויס ווי אַ קליינע מטבע — דאָ.

דער דאָקטער האָט געקוקט אויף דעם מענטשן, ער האָט אָנגעהויבן דענקען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ משוגענעם.

— איר וועט מוזן בלייבן אין שטאָט און איך וועל אייך פּרוּוון העלפן אין די נאָענטסטע עטלעכע טעג, — האָט ער געזאָגט.

— איך קען נישט וואַרטן אַ מינוט. מיינט נישט, דאָקטער, אַז איך בין פון זינען, אָדער אונטער עפּעס אַן איינרעדעניש. די דאָזיקע אומזעבאַרע וווּנד טוט מיר שרעק־לעך וויי און איך וויל איר זאָלט מיר אויסשניידן פּונקט יענע קיילעכדיקע טייל ביז אין ביין אַריין.

— איך וועל עס נישט טאָן, הער.

— פאַר וואָס נישט?

— ווייל ס׳איז גאָרנישט געשען מיט אייער האַנט, זי איז אַזוי געזונט ווי מיינע.

— זעט אויס איר האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם, אָדער אַז איך נאַר אייך אָפּ — האָט געזאָגט דער פּאַציענט, בעת ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ טויזנט פלאָרינען־באַנקנאָט און האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— איר זעט, איך בין ערנסט. דער ענין איז פאַר מיר געגנוג וויכטיק, ווען איך באַצאָל אַ טויזנטער פאַר אים. איך בעט אייך, מאַכט די אָפּעראַציע.

— ווען איר זאָלט מיר פאָרלייגן דאָס גאַנצע געלט פון דער וועלט, וועל איך נישט אָנרירן אַ געזונטן אבר מיטן אָפּעראַציע־מעסער.

— פאַר וואָס נישט?

— ווייל ס׳וואָלט נישט געווען אין אָנקלאַנג מיט דער פּראָפעסיאָנעלער עטיק. די גאַנצע וועלט וואָלט געזאָגט, אַז איר זענט אַ אידיאָט און וואָלט מיך באַשולדיקט אין אויסנוצן אייער שוואַכקייט, אָדער, אַז איך האָב נישט געקענט מאַכן דעם דיאַגנאָז פון אַ וווּנד, וועלכע האָט נישט עקסיסטירט.

—זייער גוט, הער. דאַן וועל איך אייך בעטן אַן אַנדער טובה. איך וועל מיך אַליין אָפּערירן, כאָטש מיין לינקע האַנט איז אומבאַהאָלפן. דאָס איינציקע, וואָס איך וועל אייך בעטן איז, אַכטונג צו געבן אויף דער וווּנד נאָך דעם ווי איך וועל זיך האָבן אָפּערירט.

דער כירורג האָט געזען מיט שטוינונג, אַז דער מענטש איז גאַנץ ערנסט און האָט געקוקט אויף אים, ווי ער האָט אויסגעטאָן זיין רעקל, ווי ער האָט פאַרקאַ־טשעט דעם אַרבל פון זיין העמד. דער מענטש האָט אַפילו אַרויסגענומען זיין טאַשן־

מעסערל, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער אינסטרומענט. איידער דער דאָק־טער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַריינצומישן, האָט דער פּרעמדער געמאַכט אַ טיפן שניט אין זיין האַנט.

— הערט אויף — האָט ער געשריגן אַ דערשראָקענער, דער געליטענער זאָל נישט שעדיקן אַ וווּנד. אַז איר זענט אַזוי זיכער, אַז ס׳מוז געמאַכט ווערן, מילא, וועל איך עס טאָן.

ער האָט זיך דאַן צוגעגרייט צו דער אָפּעראַציע. ווען ס׳איז געקומען צום ריכטיקן שניידן, האָט דער דאָקטער געהייסן זיין פּאַציענט אָוועקצודרייען דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווייל מענטשן ווערן אין אַלגעמיין דערשראָקן אין אָנבליק פון זייער אייגן בלוט.

— ס׳איז אין גאַנצן איבעריק — האָט געזאָגט דער פּאַציענט — איך מוז ווייזן אייך די האַנט איר זאָלט וויסן ווי ווייט צו שניידן.

דער פּרעמדער האָט איבערגעטראָגן די אָפּעראַציע סטאָיש און איז געווען נוצלעך מיט זיינע אָנווייזונגען. זיין האַנט האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטאָן. און ווען דאָס קיילעכדיקע אָרט איז געווען אויסגעשניטן, האָט ער אַ זיפץ געטאָן פון גליקלעכער דערלייכטערונג, ווי אַ משא וואָלט מען אים אַראָפּגענומען פון זיינע פּלייצעס.

— איר פילט גאָר קיין ווייטאָג נישט איצט? — האָט געפרעגט דער כירורג.

— דעם מינדסטן ווייטאָג נישט — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל. ס׳איז ווי מ׳האָט מיר אויסגעשניטן דעם ווייטאָג און דער שוואַכער שמערץ, וואָס האָט פאַראורזאַכט דאָס שניידן איז, ווי אַ קאַלטער ווינט נאָך אַ הייסן וועטער. לאָזט דאָס בלוט רינען, ס׳מאַכט מיר גוט.

נאָך דעם ווי די וווּנד איז געווען פאַרבאַנדאַזשירט, האָט דער פּרעמדער אויס־געזען גליקלעך און צופרידן. ער איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער. ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט דעם דאָקטערס האַנט מיט זיין אייגענער לינקער האַנט.

— איך בין אייך באמת זייער דאַנקבאַר.

דער כירורג האָט באַזוכט דעם פּאַציענט אין זיין האָטעל אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג נאָך דער אָפּעראַציע און האָט אָנגעהויבן צו אַכטן דעם מענטשן, וואָס האָט פאַרנומען אַ הויכע פּאָזיציע אין לאַנד. ער איז געווען געבילדעט און קולטורעל און איז געווען אַ מיטגליד פון איינער פון די בעסטע פאַמיליעס.

נאָך דעם ווי די וווּנד האָט זיך אין גאַנצן פאַרהיילט, האָט זיך דער פּרעמדער צוריקגעקערט אַהיים, וואָס איז געווען אין דער פּראָווינץ.

דריי וואָכן שפּעטער איז דער פּאַציענט ווידער דערשינען אינעם דאָקטערס אויפנאַמס־זאַל. זיין האַנט איז ווידער געהאָנגען אויף אַ בענדל און ער האָט זיך ווידער געקלאָגט אויף דעם זעלביקן פּיינלעכן ווייטיק אויף דעם זעלבן אָרט, ווו ס׳האָט אים וויי געטאָן פאַר דער אָפּעראַציע.

זיין געזיכט איז געווען ווי וואַקס און אַ קאַלטער שווייס האָט זיך געקייקלט איבער זיין שטערן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ לען־שטול און נישט אַרויס־רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט צום דאָקטער ער זאָל אים באַטראַכטן.

— גוטער גאָט, וואָס איז געשען?

— איר האָט עס נישט אויסגעשניטן גענוג טיף — האָט ער אויסגעקרעכצט. דער ווייטאָג האָט זיך אומגעקערט. ס'איז נאָך געוואָרן ערגער ווי פריִער. איך בין שוין כמעט גרייט געווען צו ליידן. איך האָב אייך נישט געוואָלט מער באַאומרויִקן, האָב איך געליטן, אָבער איך קען עס שוין מער נישט איבערטראָגן. איר מוזט מיך אָפּערירן נאָך אַ מאָל.

דער כירורג האָט באַטראַכט דאָס אָרט, דאָס אָרט וווּ ער האָט אָפּערירט איז אין גאַנצן געווען פאַרהיילט און פאַרצויגן מיט אַ פרישער הויט. קיין איינע פון די ווע־נעס האָט נישט אויסגעזען צו זיין צעשטערט, דער פולס האָט געקלאַפּט נאָרמאַל. ער האָט נישט געהאַט קיין פיבער, און דאָך האָט ער געציטערט מיט אַלע אברים.

— איך האָב קיין מאָל נישט געזען אָדער געהערט עטוואָס ענלעכס ווען ס'נישט איז פריִער.

ס'איז גאָרנישט געבליבן צו טאָן, ווי נאָר איבערצוחזרן די אָפּעראַציע. אַלץ איז איבערגעגאַנגען ווי ביים ערשטן מאָל. דער ווייטאָג האָט אויפגעהערט. און כאָטש דער פּאַציענט האָט דערפילט אַ גרויסע דערלייכטערונג, האָט ער דאָס מאָל נישט געשמייכלט. און ווען ער האָט באַדאַנקט דעם דאָקטער, איז עס געווען מיט אַ טרויִעריקן און נידערגעשלאָגענעם אויסדרוק.

— איר זאָלט זיך נישט וווּנדערן, אויב איך וועל זיין צוריק אין אַ מאָנאַט אַרום — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זיך געזעגנט.

— איר דאַרפט נישט טראַכטן וועגן דעם.

— ס'איז אַזוי זיכער, ווי ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל — האָט ער געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ באַשטימטקייט. צום ווידערזען.

דער כירורג האָט דיסקוטירט דעם פאַל מיט פאַרשידענע קאָלעגן זיינע. יעדער פון זיי האָט אויסגעדריקט אַן אַנדער מיינונג. דאָך האָט קיין איינער נישט געקענט געבן אַ צופרידנשטעלנדיקע דערקלערונג.

אַ מאָנאַט איז אַוועק און דער פּאַציענט האָט זיך נישט געוויזן. ס'זענען אַוועק נאָך עטלעכע וואָכן און דאַן, אָנשטאָט דעם פּאַציענט, איז געקומען אַ בריוו פון דעם אָרט, וווּ ער האָט געוווינט. דער כירורג האָט אים געעפנט מיט פאַרגעניגן מיינענ־דיק, אַז דער ווייטאָג האָט זיך נישט אומגעקערט. דער בריוו האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

— טייערער דאָקטער! איך וויל אייך נישט לאָזן אין צווייפל וועגן דער אַנט־שטייאונג פון מיין אומגליק און איך האָב נישט קיין אינטערעס אַוועקצוטראָגן דעם

סוד מיט זיך אין קבר אַריין, אָדער מעגלעך ערגעץ אַנדערש. איך וויל אייך באַקענ־ען מיט דער געשיכטע פון מיין שרעקלעכער קרענק. ס'האָט זיך אומגעקערט שוין דאָס דריטע מאָל איצט און איך קלער נישט מער צו קעמפן דערמיט. איך בין פעיק אייך צו שרייבן דעם דאָזיקן בריוו בלויז, ווען איך האַלט אַ פּייערדיקער קויל אויפן פלאַץ אַלס אַ קעגן־מיטל צו די העלישע פלאַמען, וואָס ברענען אינעווייניק.

צוריק מיט זעקס מאָנאַטן בין איך געווען זייער אַ גליקלעכער מאַן. איך בין געווען רייך און צופרידן. איך האָב געפונען פאַרגעניגן אין אַלץ, וואָס רייצט א מאַן פון פינף און דרייסיק יאָר. ס'איז געווען אַ חתונה אויס ליבע. אַ זייער שיינע, צאַרטע און קולטורעלע יונגע פרוי איז געוואָרן מיין ווייב. זי האָט מיך געליבט און איר האַרץ איז פול געווען מיט דאַנקבאַרקייט. זי האָט געהאַט אַ חברטע אַ גרעפן, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון מיין גוט. אין משך פון זעקס מאָנאַטן איז די צייט געווען אַ גליקלעכע. יעדער טאָג האָט געבראַכט גרעסער גליק ווי דער פאַרגאַנגע־נער.זי פלעגט גיין מיילן גאַנצע מיך צו באַגלייטן, ווען איך האָב באַדאַרפט פאָרן אין שטאָט אַריין און פלעגט נישט וועלן בלייבן אין הויז פון איר לערערן, ווען זי האָט אָפט באַזוכט מער ווי אַ פּאָר שעה. איר בענקען נאָך מיר האָט געשטעלט די אַנדערע פון איר געזעלשאַפט אין פאַרלעגנהייט. זי וואָלט קיין מאָל נישט געטאַנצט מיט אַן אַנדער מאַן און וואָלט עס דערציילט אַלס אַ גרויסן פאַרברעכן, ווען ס'זאָל זיך איר געווען חלומען עמעץ אַנדערש. זי איז געווען אַ ליבלעך און אומשולדיק קינד.

איך קען נישט זאָגן, וואָס עס איז געווען, וואָס האָט מיך געבראַכט צום גלייבן, אַז דאָס אַלץ איז בלויז געווען אָנשטעל. דער מענטש איז גענוג נאַריש צו זוכן אומגליק אין מיטן פון זיין העכסטן גליק.

זי האָט געהאַט אַ קליין ניי־טישל, ווועמענס שופלאָד זי האָט תמיד געהאַלטן פאַרשלאָסן. דאָס האָט מיך אָנגעהויבן פייניקן. איך האָב אָפט באַמערקט, אַז זי האָט קיין מאָל נישט איבערגעלאָזט דעם שליסל אין שופלאָד און זי האָט אים קיין מאָל נישט געלאָזט אָפן. וואָס האָט זי געקענט האָבן צו באַהאַלטן אַזוי פאַרזיכטיק, איך בין משוגע געוואָרן פון אייפערזוכט. איך האָב נישט געגלייבט אירע אומשולדיקע אויגן, אירע קושן און אירע ליבלעכע אומאַרמונגען. אפשר איז דאָס אַלץ בלויז כיטרע נאַרעריי?

איין מאָל איז די גרעפן געקומען צו איר און האָט געפועלט זי זאָל פאַרברענגען אַ טאָג אין שלאָס. איך האָב צוגעזאָגט קומען שפּעטער, בייטאָג.

די קאַרעטע איז קוים אַרויסגעפאָרן פון הויף, האָב איך שוין אָנגעהויבן פּרוּוון עפענען דעם שופלאָד פונעם ניי־טישל. איינער פון די פיל שליסלען, וואָס איך האָב געפּרוּווט, האָט אים ענדלעך געעפנט. נישטערנדיק צווישן די פיל ווייבערישע זאַכן, האָב איך אונטער אַ שטיקל זיידנס געפונען אַ בינטל בריוו. מען האָט זיי געקענט דערקענען ביים ערשטן בליק. זיי זענען געווען, פאַרשטייט זיך, ליבע־בריוו, צוזאַ־מענגעבונדן מיט אַ רויטער סטענגע.

איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אַ קלער צו טאָן, אַז ס'איז נישט שיין צו זיין אַזוי אומדיסקרעט זיך צו דערוויסן די סודות פון מיין ווייבס מיידלשע יאָרן. עפּעס האָט מיך געטריבן פאָרצוזעצן. אפשר זענען די בריוו פון אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד ווען זי האָט שוין געטראָגן מיין נאָמען. איך האָב אַראָפּגענומען די סטענגע און האָב איבערגעלייענט די בריוו איינס נאָך ס'אַנדערע.

— ס'איז געווען די שרעקלעכסטע שעה אין מיין לעבן.

זיי האָבן אַנטפּלעקט דעם אומפאַרציילעכסטן פאַרראַט, וואָס איז ווען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אַ מאַן. זיי זענען געשריבן געוואָרן פון איינעם פון מיינע אינטימסטע פריינד. און זייער טאָן... זיי האָבן אַנטפּלעקט די צאַרטסטע, אינטימסטע און טיפסטע ליידנשאַפט. ווי ער האָט איר געעצהט צו פאַרבאָרגנקייט. וואָס ער האָט געזאָגט וועגן נאַרישע מענער, ווי ער האָט איר געעצהט צו האַלטן איר מאַן אין אומוויסנקייט. יעדער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך אונדזער חתונה, און איך האָב געמיינט, אַז איך בין גליקלעך. איך דאַרף נישט באַשרייבן מיינע געפילן. איך האָב אויסגעטרונקען מיין גיפט ביזן לעצטן טראָפּן. דאַן האָב איך צונויפגעלייגט די בריוו און האָב זיי צוריק אַריינגעלייגט אין זייער פאַרבאָרגענעם פּלאַץ און האָב פאַרשלאָסן דעם שופלאָד.

איך האָב געוווּסט, אַז אויב איך וועל נישט קומען אין שלאָס, וועט זי זיך אומקערן אין אָוונט. ס'איז פּונקט אַזוי געשען. זי איז פריילעך אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע און איז געלאָפן מיך צו באַגעגענען ביים טויער. זי האָט מיך געקושט און אומאָרעמט מיט דער העכסטער צאַרטקייט. איך האָב זיך געמאַכט ווי ס'איז גאָרנישט געשען.

מיר האָבן געשמועסט, געגעסן צוזאַמען אָוונט־ברויט און מיר זענען געגאַנגען שלאָפן, ווי געוויינלעך, יעדער אין זיין אייגן צימער. איך האָב אין יענעם מאָמענט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ זאַך, וואָס איך האָב אויסגעפירט מיט דער עקשנותדיקייט פון אַ מאַניאַק. וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער חוזק איז עס פון דער נאַטור צו באַשענקען פאַרברעכן מיט אַזאַ אָפן פּנים, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, ווען איך בין אַריין צו איר אין צימער צוועלף ביינאַכט און האָב געקוקט אויף איר שיין אומשולדיק פּנים, ווי זי איז געשלאָפן. די גיפט האָט אָנגעהויבן ווירקן אין מיין נשמה און האָט זיך איינגעגעסן אין יעדער ווענע פון מיין קערפּער. איך האָב אַוועקגעלייגט מיין רעכטע האַנט שטיל אויף איר נאַקן און האָב אים אַ דריק געטאָן מיט מיין גאַנצער קראַפט. אויף אַ מאָמענט האָט זי געעפנט אירע אויגן און האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן פאַרוווּנדערט. דאַן האָט זי זיי ווידער פאַרמאַכט און איז געשטאָרבן. זי האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן זיך צו פאַרטיידיקן, נאָר זי איז געשטאָרבן אַזוי רויִק, גלייך ווי זי וואָלט געחלומט. זי האָט נישט געפילט צו מיר קיין האַס אַפילו, ווען איך האָב זי דערהרגעט. איין טראָפּן בלוט האָט אַרויסגעטריפט פון אירע ליפּן און איז געפאַלן אויף מיין האַנט — איר ווייסט ווו. איך האָב עס ערשט באַמערקט אין

דער פרוי, נאָך דעם, ווי ער איז געווען פּאַרטריקנט. מיר האָבן זי מקבר געווען אָן איבעריקע רעש. איך האָב געלעבט אין דער פּראָווינץ אין אַ פּריוואַטן גוט און דאָרט איז נישט געווען קיין קאָנטראָלינדיקע מאַכט אויסצופאָרשן. אויסער דעם וואָלט קיינעם וועגן דעם גאָרנישט איינגעפאַלן, ווייל די פרוי איז געווען מיין ווייב. זי האָט נישט געהאַט קיין קרובים און קיין פריינד און קיינער האָט נישט געפרעגט קיין קשיות, מ׳זאָל דאַרפן אויף זיי ענטפערן. איך האָב אומיסטן אַרויסגעשיקט אַ ידיעה פון איר טויט נאָך דער לוויה, אויסצומיידן די באַלעסטיקונג פון אַנדערע מענטשן.

איך האָב נישט געפילט קיין חרטה. איך בין געווען גרויזאַם, אָבער זי האָט עס פאַרדינט. איך האָב זי נישט געהאַסט. איך האָב זי לייכט געקענט פאַרגעסן. קיין מערדער האָט נישט אָפּגעטאָן זיין פאַרברעכן מיט גרעסערער גלייכגילטיקייט, ווי איך.

ווען איך בין געקומען אַהיים, איז די גרעפין אָנגעפאָרן. זי האָט פאַרשפּעטיקט די לוויה, ווי איך האָב עס געפּלאַנט. זי איז געווען אונטער אַ שרעקלעכן איינדרוק. דער פּחד און די אומדערוואַרטקייט פון דער נייעס, האָט איר כמעט ווי געפּלעפּט. זי האָט גערעדט עפּעס מאָדנע און איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, ווען זי האָט מיך געפּרוווט טרייסטן. איך האָב איר נישט געהערט, דעם אמת געזאָגט, ווייל איך האָב זיך נישט גענייטיקט אין קיין טרייסט. דאָן האָט זי אָנגענומען מיין האַנט אויף אַ זייער אינטימען אופן און האָט געזאָגט, אַז זי וויל מיר פאַרטרויען אַ סוד און זי האָפט, אַז איך וועל אים נישט אויסגעבן.

דאָן האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט איבערגעגעבן אַ בינטל בריוו מיין פאַרשטאָר־בענער פרוי. זי האָט זיי נישט געקענט האַלטן אין איר אייגן הויז איבער זייער באַ־זונדערן כאַראַקטער און האָט מיך געפרעגט צי איך וועל זיין אַזוי גוט צו איר אָפּצו־געבן די דאָזיקע בריוו. איך האָב דערפילט אַ שוידער דורך מיין חוט־השדרה בשעת איך האָב זי געהערט. מיט געמאַכטער רויִקייט האָב איך איר געפרעגט וועגן דעם אינהאַלט פון יענע בריוו. זי האָט אַ ציטער געטאָן ביי דער פראַגע און האָט געזאָגט:

— אייער פרוי איז געווען די טרייסטע און ערלעכסטע פרוי, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט. זי האָט נישט געפרעגט וואָס עס זאָגט זיך אין זיי. זי האָט מיר אַפילו געגעבן איר וואָרט קיין מאָל נישט אַ קוק צו טאָן אין זיי.

— וווּ האָט זי געהאַלטן אייערע בריוו?

— זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיי געהאַלטן אונטערן שלאָס אין שופלאָד פון איר ביי־טישל. זיי זענען צוזאַמענגעבונדן מיט אַ רויטער סטענגע. איר וועט זיי לייכט דערקענען. דרייסיק בריוו אין גאַנצן.

איך האָב זי אַריינגעפירט אין צימער, וווּ דאָס ביי־טישל איז געשטאַנען און האָב געעפנט דעם שופלאָד. איך האָב אַרויסגענומען דאָס בינטל בריוו און איר עס איבערגעגעבן.

— דאָס זענען די בריות?

זי האָט איפּערדיק זיי אַ נעם געטאָן.

איך האָב נישט געוואַגט אויפצוהייבן מיינע אויגן אויס מורא זי זאָל נישט אַרויסלייענען עפּעס פון זיי. באַלד נאָך דעם איז זי אַוועק.

פּונקט אַ וואָך נאָך דער קבורה האָט אַ בראַנדיקער וויטאָג אַריינגעכאַפּט זיך אין דעם אָרט אויף מיין האַנט, וווּ דער טראָפּן בלוט איז געפאַלן אין יענער שרעקלעכער נאַכט. דאָס איבעריקע ווייסט איר. איך ווייס, אַז ס'איז נישט מער ווי אויטאָסוגעסטיע, אָבער איך קען זיך דערפון נישט באַפרייען. ס'איז די שטראָף פאַר דער איבערגעאיילטקייט און גרויזאַמקייט, מיט וועלכער איך האָב דערמאָרדעט מיין אומשולדיק און ליבלעך מיידל. איך וועל מער נישט פּרווון עס צו באַקעמפן. איך גרייט זיך צו פאַראייניקן מיט איר און וועל פּרווון קריגן איר פאַרגעבונג. זי וועט מיר זיכער פאַרגעבן. זי וועט מיך ליב האָבן פּונקט אַזוי, ווי זי האָט מיך געליבט, ווען זי האָט געלעבט. איך דאַנק אייך, דאָקטער, פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן.

מאַנטייראָ לאָבאָטאָ

(געבוירן אין 1882)

בעניטאָ מאַנטעיראָ לאָבאָטאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1882, אין טאַובאַטע. אַ קליין שטעטל פון דעם שטאַט סאַן פּאַולאָ (בראַזיל). ער איז דער אויטאָר פון אייניקע מייסטער־האַפּטע ווערק און איבערזעצונגען אויף פּאָר־טוגעזיש פון לויס קאַרראָל. גרים, אַנדערסען, קיפּלינג, דזשעק לאָנדאָן, און ה. ג. וועלס. אין דעצעמבער פון 1933 האָט זיך געהאַט פאַרקויפט אין בראַזיל 600 טויזנט עקזעמ־פּלאָרן פון זיינע ווערק.

חוץ שריפטשטעלער איז מאַנטייראָ לאָ־באַטאָ אויך נישט קיין שלעכטער מאָלער. די פאָלגנדיקע דערציילונג קען פאַררעכנט ווערן אַלס אַ פּערל פון דעם שאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

די מאַלפּע וואָס איז געוואָרן אַ מענטש

„... וירא אלהים כי טוב״, ער האָט באַשאַפן די ליכט, די שטערן, די לופט, דאָס וואַסער און ענדלעך האָט ער באַשאַפן דאָס לעבן, לויט טויזנטער אופנים אויף דער פרישער און נאַקעטער ערד. און די פלאַנעט האָט געווימלט מיט לעבעדיקע באַשעפע־נישן: דאָ באַקטעריעס און דער מאַסטאָדאָנט, דאָרט מאָך און דער באַאָבאַב, ווייטער כל המינים פיש: די העכסטע פאַרשידנאַרטיקייט פון פאָרמען אינערהאַלב דער פערפעקטער איינהייט פון דעם פּלאַן.

און גאָט, וועלכער האָט געזען אַז אַלץ איז גוט, האָט באַשלאָסן צו באַפעסטיקן זיין ווערק פון לעבן אויף אַלע אייביקייטן מיט דעם באַשאַפן דעם מענטשן און די ליבע, אָט די קאָלאָסאַלע אַפּעטיטן, וואָס זענען איינגעפּאַסט אין דעם שויס פון די ברו־אים ווי אַן אומאויפּערליכער ווילן פון דעם אייביקן קיום. און גלעטנדיק זיך די רי־זיקע ווייסע באָרד זיינע, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די צייט, האָט ער געוואָרפן דאָס צוי־בערוואָרט, וואָס באַוועגט אַלץ און דערקלערט אַלץ:

— פּרעסט אויף איינע די אַנדערע, און אין די אינטערוואַלן זאָלט איר ליבן!

דאַן האָט ער אויסגעאַרבעט פאַר דער ממשלה פון דער חיה׳הייט „די תורה פון דער איינגעבוירענער חכמה״.

ער האָט דער תורה נישט געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען, היות אין אָנהויב האָט

נישט עקזיסטירט קיין מענטש, און עס האָבן, פאָלגלעך, נישט עקזיסטירט קיין נעמען.

עס האָט נישט עקזיסטירט קיין מענטש?...

יאָ, דער מענטש האָט נישט פיגורירט אין די פּלענער פון דעם באַשעפער. די דאָזיקע וווּנדערבאַרע אַנטדעקונג, וואָס וועט ערשט אונטערגראָבן די יסודות פון די פאַרעלטערטע אָפיציעלע אמתן און וואָס וועט מיר אפשר ברענגען די נאָבעל־פּרעמיע, בעט זיך איר אויפשרייבן מיט דער פּען. גוט, אַלזאָ, זאָל זי אַריינדרינגען אין דעם גייסט פון דעם לייענער! אַדיע!

יענע תורה איז נישט געווען קיין תורה שבכתב. תורה שבכתב איז אַ ריין מענטשלעכע דערפינדונג, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די שנעלקייט, מיט וועלכער עס ווערן אַלט די מענטשלעכע תורות און די מענטשלעכע חוקים. שרייבן הייסט מאַכן אומבאַוועגלעך און מאַכן אומבאַוועגלעך הייסט טויטן. אייביקע באַוועגונג, דאָס לעבן, איז נישט פאַרגליווערט.

אָבער, אויב דער אויבערשטער האָט איר נישט אָנגעשריבן, איז ער געגאַנגען ווייטער. ער האָט מיט איר דורכגעדרונגען יעדע פון זיינע ברואים, אַזוי אַז ביים געבוירן ווערן זאָלן זיי שוין קומען אויף דער וועלט רייך אין איינגעבוירענער חכמה און זאָלן האַנדלען אויטאָמאַטיש אין אָנקלאַנג מיט די אומפאַרענדלעכע פאָרשריפטן פון דעם נאַטור־געזעץ.

אָט דער דאָזיקער וויסן אָן לערנען וועט באַקומען פון דעם מענטשן דעם נאָמען אינטויציע פונקט ווי די „איינגעבוירענע חכמה“ וועט הייסן „אינסטינקט“. די צוקונפטיקע מענטשן וועלן זיך אויסצייכענען מיט דער געוווינהייט צו געבן נעמען, און עס וועלן באַקומען אַ רעפּוטאַציע פון געלערנטע יענע, וואָס וועלן מיט מער גלאַנץ און פּאָמפּע זיי באַצייכענען.

אַ גרויסער דאָקטאָר וועט זיין דער, וואָס וועט נעמען דעם דופק ביי אַ קראַנקן, אים באַטראַכטן די באַלייגטע צונג און, אַ ערנסטער, אים זאָגן, אַראָפּנעמענדיק פון זיין מאַיעסטעטישער נאָז די גאָלדענע ברילן: „מעטאַבאָלישער פּאָליגעוריטיס“: און אַ גרויסער געלערנטער יענער, וואָס וועט אָנווייזן מיט דעם פינגער אַ גרופּע שטערן און וועט דערקלערן מיט אַ זיכערער שטימע: „קאָנסטעלאַציע פון דעם צענטאַוור“. קראַנקהייטן און שטערן, מיט אָדער אָן אַ נאָמען, וועלן פאָרזעצן זייער פון פאָראויס באַשטימטן קורס; אָבער קיינע שבחים וועט מען נאָך זאָגן דעם דאָקטאָר, וואָס וועט סתם זאָגן: „אַ קרענק“, אָדער דעם לערער, וואָס וועט באַשיידן אַ מורמל טון: „שטערן“. שכר אָדער שבחים וועט נישט באַקומען דער עם־הארץ, דאָס הייסט דער מענטש, וואָס ווייסט נישט קיין נעמען.

אַזוי האָט גאָט אַריינגעגעבן אין אַלע באַשעפענישן די חכמה פון לעבן, און האָט זיי באַשאַפן אין דער וועלט ווי האַלבע טענער פון אַ סימפאָנישן „פּאָט־פּורי“, פון וועמענס צוזאַמענשפּיל נאָר זיינע אויערן האָבן געהאַט די זכיה צו געניסן.

און גאָט האָט געזען, אַז דאָס איז געווען זייער גוט.

ער האָט באַשאַפן גרויסע זאַכן. דאָס גראַוויטאַציע־געזעץ איז געווען אַ ענין אי־בער וועלכן עס האָט זיך שפּעטער געבראָכן דעם קאָפּ ניוטאָן; אָבער דאָס איז נישט געווען מער פון לויטערער מעכאַניק.

די באַשאַפונג פון דעם עטער, פון דער ליכט און פון דער היץ זענען געווען איבעראַשנדע דערפינדונגען; אָבער דאָס איז נישט געווען מער פון קאַלטער מעכאַ־ניק.

דאָס שענסטע איז געווען דאָס באַשאַפן דאָס לעבן, ווייל זייענדיק איינס פון די העכסטע קונסט־ווערק, האָט נאָר דאָס לעבן געגעבן אַ פולשטענדיקן באַגריף פון די אומענדלעכע רעסורסן פון זיין הויכן שעפערישן טאַלאַנט.

וואָס פאַר אַ סדר אין דעם שיינבאַרן טומל! די באַקטעריע ביי דער זייט פון דעם מאַסטאָדאָנט, דער מאָך אין צוזאַמענלעבן מיט דעם באַאָבאַב, דאָס זויג־פּישל לעבט אַלס פּאַראַזיט פון דעם וואַלפיש... לעבן און לעבן, לעבן פרעסט לעבן, לעבן איז גור־בר לעבן, לעבן באַשאַפט לעבן... דאָס אייביקע אָפּהילכן פון אַ צאַרנדיקן ברומען, גע־שרייען פון ווייטיק, קוועלן פון פרייד, זיפצן פון תענוג וואָס פולן אָן מיט קלאַנגען די אייביקע באַוועגונג פון די פאָרמען: דאָס פליען פון דעם פויגל, דער שפּרונג פון דעם טיגער, דאָס שלענגלען פון דער שלאַנג, דאָס דרייען מיט דעם עק פון פיש...

אַזוי בילדעריש איז ביי אים אַרויסגעקומען די אָפּערע „לעבן", אַז דער העכס־טער עסטעט האָט איר אויסגעקליבן פאַר אַ צעשטרייונג פון זיין אייביקער אומצופרי־דנקייט, און, אַ באַרוישטער פון דער שפּע, מיט דער לאַנגער באָרד צעשפּרייט אויף דעם ווינט, האָט דער באַאַבאַכטנדער עתיק יומין דאן אויסגעזען ווי דער שפּעטערדי־קער געלערנטער, וואָס ווערט אַנטשלאָפן אין די לאַבאָראַטאָריעס איבער דעם מי־קראָסקאָפּ.

דער איינציקער אונטערשייד: דער עתיק יומין איז געווען אַ מאַקראָסקאָפּיסט.

גוט, אַלזאָ, אין אַ געוויסן טאָג פון שטיקנדיקער היץ האָט אַ פּאָרל שימפּאַנזעס געדרימלט גליקלעכע אויף אַ צווייג פון אַ קאָלאָסאַלן בוים. זיי האָבן פאַרדייעט די אויפגעגעסענע באַנאַנעס און האָבן געחלומט צופרידענע פון די מאַרגנדיקע באַנאַנעס. דאָס זענען געווען שימפּאַנזעס אַזוי ווי אַלע אַנדערע, קלוגע מיט דער חכמה, וואָס דער אייביקער האָט אין זיי אַריינגעגעבן, און גוט אַנגעשטעלטע נאָטן פון דער גן־עדן־אָפּערע.

אָבער דער שר פון ווינט האָט אַ זיפץ געטאָן אין זיין הייל און עס איז געוואָרן אַ שטאַרקער שטורעם, וואָס האָט ווילד אַ טרייסל געטאָן דעם בוים אַזוי, אַז דער ער שימפּאַנזע האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, אַראָפּפאַלנדיק און זיך געגעבן אַ זעץ מיט דעם קאָפּ אין דער ערד.

דאָס וואָלט געווען אַריבער ווי יעטווידער אַנדערער קלאַפּ, אָן וויכטיקע קאָנ־סעקווענצן, ווען די שלויהייט פון דער שלאַנג זאָל נישט געווען אַוועקלייגן צופוסנס

פון דעם בוים אַ גרויסן שטיין, אָן וועלכן עס האָט זיך אָנגעשלאָגן דער קאָפּ פון דעם אומגליקלעכן אָראַפּגעפאַלענעם.

דער שימפּאַנזע האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין, און די זי, פול מיט צער, איז אַראָפּגעשפּרונגען אים העלפן. זי האָט זיך געדרייט אַרום דעם בוים און האָט געמאַכט קולות, האָט אים געבלאָזן אין די אויגן, געגלעט, געקניפּט אין דעם פאַרחלשטן לייב און, ענלעך, אַן איבערצייגטע, אַז ער איז טויט, האָט זי אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, שוין מיט דעם געדאַנק אויסצוקלייבן איינעם וואָס זאָל איר טרייסטן אין איר אַלמנהשאַפט.

אָבער דער טייוול, דער שימפּאַנזע, איז נישט געשטאָרבן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער עטוואָס געעפנט די אויגן, האָט אַ פינטל געטאָן זיבן מאָל, האָט זיינע הענט צוגעלייגט צום שטערן, אַ סימן אַז ער האָט אים ווי געטאָן.

פונקט אין יענעם מאָמענט האָט אַ טיגער אַ ברום געטאָן אין דעם נאָענטן דזשאַנגל. זינט די צייטן פון דעם גן עדן „באַוווּנדערן" די טיגערס די מאַלפּעס, פונקט ווי זינט די צייטן פון דעם גן עדן האָסן די מאַלפּעס די טיגערס. פאָלגלעך, האָט דער ברום פון דעם טיגער געהאַט די ווירקונג פון אַ פלאַש אַמאָניאַק אין די נאָזלעכער פון דעם פאַרווונדעטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָך אַ צעטומלטער, און מיט דער הילף פון זיין געליבטער האָט ער אַדױפגעקלעטערט אויף דעם בוים, צו דער צווייג, וווּ מען קען גאַנץ זיכער פאַרגעסן דעם קאָפּ־ווייטיק, קוקנדיק אויף דעם שיינעם בילד ווי אַזוי אַ הונגעריקער טיגער יאָגט זיך נאָך אַ חיה... אויב זי איז נאָר נישט קיין שימפּאַנזע.

זינט יענעם אומגליקלעכן פאַל האָט מער קיין מאָל נישט פונקציאָנירט נאָרמאַל דער מוח פון דעם אָרעמען שימפּאַנזע. עס האָבן אים ווי געטאָן די געהירן, און ער האָט זיך געקלאָגט אויף קאָפּ שווינדל און אויף אַ מאָדנע נישטגוטסקייט.

דאָס איז אַזוי געשען, ווייל ער האָט געליטן אַ זייער ערנסטע וווּנד.

איך זאָג דאָס ווייל איך בין אַ מענטש און קאָן געבן נעמען; אָבער זייענדיק אַ מענטש אַן אומוויסנדער, גיי איך נישט ווייטער און גיב נישט קיין גריכישן נאָמען דער וווּנד. איך באַהויפּט נאָר, אַז ער איז געווען פאַרווונדעט, אין דער איבערצייגונג אַז מיינע פילצאָליקע קאָלעגן לויט דער אומוויסנהייט צו געבן נעמען וועלן מיר פאַרשטייען.

אַ ערנסטע וווּנד, זייער אַ ערנסטע, און פון אומפּאַראויסגעזעענע רעזולטאַטן אַפילו פאַר דער געטליכער חכמה פון דעם האַר פון דער וועלט.

די ביבל האָט שוין באַהאַנדלט דעם ענין הגם בדרך משל, היטנדיק זיך אַנצונעמען דעם פאַל בוכשטעבלעך. משה דער רעדאַקטאָר פון בראשית, האָט געהאַט פּאָעטישע פאַנטאַזיע; אָבער ער האָט נישט פאָראויסגעזען דאַרווינען, נישט דעם כּוח פון דער נאָבעל־פּרעמיע, אַלס דעם גאָלדענעם פאָטער פון גרויסע אַנטדעקונגען. משה

האָט פּאָעטיזירט. ער האָט געמאַכט אַ אדם, אַ חוה, אַ שלאַנג און אַן עפּל, בנוגע וועלכן די מפרשים זענען מחולק, ווייל אייניקע זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ באַנאַנע. ער האָט אַזוי אַרום געשאַפן אַ ווערק מיט דער באַוווּסטזיניקער מייסטערשאַפט פון אַ עדגאַר פּאָ, ווען ער האָט צונויפגעשטעלט זיין „קראָ", אָבער נישט איבערלאָזנדיק, אַזוי ווי פּאָ, קיין פּסיכאָלאָגישן עסעי וועגן דער שאַפונג, אין וועלכן ער באַווייזט, אַז ער האָט די צוזאַמענגעשטעלט לויט אַ פון פאָראויסגערעכנטן חשבון. און, וואָס פאַר אַ שאָד! וויפיל פּאַפּיר, טינט און בלוט וואָלט אַזאַ אויפקלערונג געווען איינגעשפּאָרט דער מענטשהייט, וואָס האַלט זיך אין איין קריגן וועגן דער אויסטייטשונג פון די פּסוקים!

פון דעם נעמט זיך וואָס דער ספר בראשית איז אַ ווערק פון טיפער פּסיכאָלאָגיע, וואָס דרינגט אַריין אַלץ איינס אין די שווערע קעפּ ווי אין די פּעיִקסטע קעפּ פון די פּאַסקאַלן. וואָס עס פעלט אין דעם ווערק איז, אַז עס זאָל שטימען מיט דעם אמת פון די פאַקטן. דעם דאָזיקן אמת, וואָס איז טייערער פון דעם טייערסטן דימענט, האָב איך געפונען אונטער אַ הויפן פון השערות און אַן שום באַרימערײַ פאַרשרייב איך אים דאָ, נישט פאָדערנדיק קיין האָנאָראַר, אָט דאָס הייסט געווען גרויסמוטיק! איך האָב אין מיין רשות דעם אמת פון אַלע אמתן און פאָדער נישט פון דעם קאָנגרעס קיין פּרעמיע! איך שטעל מיך צופרידן נאָר מיט דעם דערציילן די דאָזיקע פּשוטע מעשה...

ביי אונדזער מאַלפּע האָט זינט יענעם פאַל זיך אָנגעהויבן ענדערן דער כאַראַקטער. זיין מוח האָט פאַרלוירן די פרישקייט פון דער אַמאָליקער זאַרגלאָזיקייט, און ער האָט אַרויסגעוואָרפן אייניקע אומגעלומפּערטע שטיקלעך, וועלכע מען וואָלט, אָנשטרענגענדיק זיך, געקענט אָנרופן אידייען.

ער האָט געצעגערט, ער, וואָס האָט קיין מאָל פריִער נישט געצעגערט און האָט שטענדיק געהאַנדלט מיט דעם פּרעכטיקן אימפּעט פון אַ גולם. ער האָט זיך געשובט אַוועלכע פון צוויי באַנאַנעס זאָל ער אויסקלייבן. פאַרכאַפּט פון אומבאַגרייפלעכער אומאַנטשלאָסנקייט, און פיל מאָל פאַרלוירן בײדע, ווייל מאַלפּעס וואָס זענען גיך געשפּרונגען און האָבן זיך נישט געשובט, האָבן זיך מקדים געווען.

כדי אַריבערצושפּרינגען פון איין צווייג אויף דער צווייטער, האָט ער אַצינד ניט נאָר אָפּגעשאַצט דעם מהלך, נייערט די קראַפט פון דעם שפּרונג, אַז ער זאָל קיין טעות האָבן, ער, וואָס האָט, איידער ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, קיין מאָל קיין טעות נישט געהאַט.

אַפילו אין זיינע סענטימענטאַלע באַציִונגען מיט דער אַלטער חברטע, איז דער שימפּאַנזע געוואָרן אַנדערש. באַהערשט פון קראַנקן נייגיר, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די אַנדערע מאַלפּעכעס, האָט זיי פאַרגליכן מיט זיינער, און אַרויסגעלאָזט טיפע זיפצן. און אַזוי איז געקומען אויף דער וועלט דער חטא פון גלוסטן די מאַלפּע פון דעם חבר. . .

פונקט ווי עס האָט פּאַסירט ביים אויסקלייבן די פּרוכטן, האָט ער פון צו פיל ישובן אויפגעגעסן שפּייז, וואָס טויג נישט פאַר מאַלפּעס און פון דעם זענען אַנטשטאַ־נען די ערשטע געדערים־קרענק: ענטעריטיס, קאָליטיס, דיזענטעריע און אַנדערע מינים בויך־ווייטיקן, וואָס זענען אַנשטאַנען אין דעם גן־עדן.

ווען אַדלערס האָבן זיך דורכגעטראָגן אין הימל, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, באַ־טראַכטן זייער האַרמאָניש פליען, דורכגעדרונגען פון אַן אומקלאָרן אומרו און אַ גרויסן באַגער צו זיין אַן אַדלער. דאָס איז געווען די ביי־געבוירענע קנאה, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק צעבליט אין זיינע אָפּשייליכע קינדער. ער האָט מקנא געווען די פייגל, וואָס זענען געשלאָפן אין אַ ווייכער נעסט און די חיות, וואָס האָבן געלעבט אין גוטע היילן פון שטיין. ער האָט אויפגעהערט צו לעבן אויף אַ בוים, ווי עס איז דיקטירט געוואָרן פאַר אַלע פון זיין מין דורך דעם איינגעבוירענעם געזעץ, און ער האָט אָנגעהויבן ארומגייען אויף דער ערד מיט די הינטערשטע פיס, און געווידמעט די פאָדערשטע — די צוקונפטיקע הענט — צו אויסבויען אַ נעסט, ווי ער האָט גע־זען טאָן די קוראָפּאַטקעס, אָדער היילן, ווי עס האָט געטאָן דער אַרמאַדיל.

און שטענדיק אַ נערוועזער, אַן אומרויקער, אומצופרידענער מיט דער איינגע־שטעלטער אָרדנונג אין דעם גן־עדן, האָט ער נאָר געטראַכט פון וואַנדערונגען און „פאַרבעסערונגען", האָט געמאַכט משוגענע העוויות, מיטשלעפנדיק מיט זיך די אָרע־מע באַגלייטערין זיינע, וועלכע האָט, נישט פאַרשטייענדיק גאָר נישט פון דעם אַלע־מען, אין אַלץ אים פאָסיוו, געהאָרכזאַם און מיט ליבע נאָכגעמאַכט.

עס איז געשען דאָס וואָס האָט באַדאַרפט געשען. די וווּנדערבאַרע דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט אין דעם גן־עדן איז באַלד געשטערט געוואָרן דורך דער מאָד־נער אויפפירונג פון דער מאַלפּע, אַרויסרופנדיק די אומצופרידנקייט און פּראָטעסט פון דער אייבערשטן. און אַזוי שטאַרק איז דער אייבערשטער געווען אומצופרידן פון דער פאַלשער נאַטע אין זיין געטלעכער מוזיק, אַז ער האָט באַפוילן דעם מלאך גבריאל, אַז ער זאָל אַרויסטרייבן דעם פאַרעקשנטן אַנאַרכיסט.

**
*

ביז אַט דעם פונקט איז אמת דאָס, וואָס משה דערציילט. פון דאַנען און ווייטער הייבט ער אָן צו פאַנטאַזירן.

און ווירקלעך: גאָט האָט באַפוילן אַרויסצוטרייבן דעם רעבעל און דער מלאך גבריאל האָט געוואָלט דעם באַפעל אויספירן. דער נייגער אָבער, וועלכער מען זאָגט, זאָל זיין אַ ווייבערישער, אָבער ווי מען ווערט דאָ זען איז אַ געטלעכער, האָט גורם גע־ווען, אַז דער בורא עולם זאָל אים צוריקרופן.

— וואַרט, גבריאל! איך בין נייגעריק צו זען צו וואָס פאַר אַן עקסטרעם עס וועט דערגיין די גייסטיקע צערודערונג פון מיין מאַלפּע.

גבריאל איז געווען דער דירעקטאָר פון יענעם זאָאָלאָגישן גאָרטן און אַ דאַנק זיין צוזאַמענלעבן מיטן אייביקן, האָט ער עפּעס דערוואָרבן פון זיין געטלעכער נבואה. פאָלגלעך האָט ער אויסגעזעצט:

— זאָל דיין אייביקייט מיר מוחל זיין; אָבער אויב מיר וועלן לאָזן דעם שווינ־דלער, וועט פון דעם ווערן „מענטשהייט"...

— איך ווייס — האָט געענטפערט דער אייבערשטער — די ווונד אין דעם מאַרך פון מיין מאַלפּע שטעלט אים אַוועק אויסער מיין באַטירלעכן געזעץ און וועט אים פאַרוואַנדלען אין אַ קאָנטראַסט צו דער איינגעשטעלטער האַרמאָניע. עס וועט אין אים אַריין אַ קרענק, וועלכע זיינע קינדער וועלן מיט שטאָלץ רופן אינטעליגענץ, און וואָס וועט — אַז ווי איז צו זיי! — פאַר זיי זיין אַן אומגליק. די דאָזיקע קרענק, דער רעזולטאַט פונעם פאַל, וועט איבערגיין פון עלטערן צו קינדער. אָבער נעם גוט אין אַכט, נאָר צו קינדער זכרים! און זי וועט כסדר וואַקסן און האָבן אַ שוידער־לעכן איינפלוס אויף דער ערד, ענדערנדיק איר אויבערפלאַך אויף אַ זייער מאָדנע אופן. און פאַרבלענדטע פון דער קרענק, וועלן זיך די מענטשן באַטראַכטן פאַר פריי־ווילעגירטע וועזנס, די ערשטע אין דעם אוניווערז, און זיי וועלן קוקן מיט פאַר־אַכטונג אויף די אַנדערע לעבעדיקע. און אַזוי וועט דאָס זיין, ביז איין הער, דאַרווין, וועט קומען און וועט דערווייזן דעם אמתן אורשפרונג פון דעם מענטשן דעם בר־דעת...

— ? !

— אָט ווי דו הערסט. זיי וועלן זיך רופן מענטש בר־דעת, כאָטש דו שמייכלסט גבריאל. און זיי וועלן האַלטן, אַז איך האָב זיי געמאַכט פון ספּעציעלער בלאָטע לויט מיין געשטאַלט און אָפּבילד.

— ! ! !

די אַנדערע שימפּאַנזעס וועלן פאַרבלייבן אַזוי ווי איך האָב זיי באַשאַפן. נאָר דער צווייג, וואָס הייבט זיך אָצינד אָן מיט די קינדער פון דעם פאַרווונדעטן, איז דער באַשטימטער צו ליידן דעם קרענקלעכן אונטערשיד, דער רעזולטאַט, פון וועלכן עס וועט זיין, אַז די ממשלה איבער דער ערד וועט אַריינפאַלן אין די נעגל פון אַ וואָרעם, וועלכן איך האָב נישט פאָראויסגעזען.

— ! ! !

די דאָזיקע אינטעליגענץ כאַראַקטעריזירט זיך דורך דער בענקשאַפט מיך צו זען דורך די זאַכן, און כדי דו זאָלסט פאַרשטיין, גבריאל, וועל איך דיר זאָגן, אַז זי וועט זיין אַזוי ווי פליגלען אָן אַ פויגל, ליכט אָן זון, פינגער אָן אַ פוס...

גבריאל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם אייבערשטנס דיבורים, און ווי דאָס וואָלט געשען מיט מיינע לייענער, האָט ער איבערגעשלאָגן ביי די „פינגער אָן

אַ פּוס״. ביז אַהער האָט מען נאָך עפּעס געקענט תופס זײַן, אָבער װען גאָט האָט אים דערקלערט די לעצטע סענטענץ, װאָלט אַפֿילו אײַנשטײַן נישט פֿאַרשטאַנען קײן רמז...

דערזעענדיק דעם צעטומלטן אױסדרוק פֿון גבריאלן, האָט דער בורא אָפּגעלאָזט די מעטאַפֿיזיק און גערעדט פּיזיש.

— די דאָזיקע אינטעליגענץ װעט פֿאַרפֿאָלקאָמענען ביז זײערע עקסטרעמען די אַכזריות, די ערמה און די נאַרישקײט פֿונעם מענטשן. דורך דער ערמה װעלן זײ װערן דערפֿינדעריש, װײל דערפֿינדערישקײט איז נישט עפּעס אַנדערש װי ערמה אָנגעװענדט צו דער מעכאַניק. און מיטן כּוח פֿון דערפֿינדערישקײט װעלן זײ מאַכן אונטערטעניק די אַנדערע חיות, װעלן אױסבױען שטעט, דורכבױערן בערג, אױס־גראָבן קאַנאַלן, צעשטערן װעלדער, אױפֿרודערן די טיפֿענישן פֿון די ימים און נישטערן אין די געדערעם פֿון דער ערד.

גבריאל איז אױפֿגעציטערט געװאָרן. עס האָט אים דערשיטערט די צוקונפֿטיקע קראַפֿט פֿון דער אױפֿגײענדיקער אינטעליגענץ. אָבער גאָט האָט אַ שמײכל געטאָן. און װען דער אײבערשטער האָט געשמײכלט, האָט זיך גבריאל באַרויִקט.

— האָב קײן מורא נישט. יענע אינטעליגענץ װעט האָבן אײניקע אַטריבוטן פֿון מײַנער, װײל די קויל האָט די אַטריבוטן פֿונעם דימענט; אָבער זי װעט זײַן מײַנע אַזױ װי די קויל איז פֿון דימענט. איר פֿעלער װעט קומען פֿון איר אומפֿולקאָמענעם אורשפּרונג. אינטעליגענץ אָן זכרון, אינטעליגענץ פֿון אַ שימפּאַנזע, דער מענטש װעט שטענדיק פֿאַרגעסן. ער װעט פֿאַרגעסן דאָס װאָס איך האָב געלערנט זײַנע האָריקע פֿאָרגײער, און ער װעט פֿאַרגעסן אױפֿצונעמען די גוטע לעקציע פֿון דער נײַער דערפֿאַרונג. זײַן שאַרפֿזין װעט באַשאַפֿן קונציקסטע װאָפֿן פֿון גרױסער צע־שטערערישער מאַכט; אָבער באַהערשט פֿון האַס, װעלן זײ צעשטערן אײנער דעם אַנדערן אינעם נאָמען פֿון פֿאָטערלאַנד, און בלוטיקע קאַמפֿן, װעלכע זײ װעלן רופֿן מלחמות, געקלײדט מאַלפּיש, אונטער די קלאַנגען פֿון פּויקן און טראָמפּײטן, פֿאַר־געסנדיק, אַז איך האָב נישט באַשאַפֿן קײן שנאה, קײן פּויק און קײן פֿאָטערלאַנד. און זײ װעלן קרײצן ימים, דורכבױערן בערג, פֿליִען אין דער לופֿט און פֿאָרן איבער רעלצן אין אַ משוגענעם געיעג צו באַזיגן שטרעקעס און אָנקומען אױף שנעל, פֿאַר־געסנדיק אַז איך האָב נישט באַשאַפֿן די אײלעניש און נישט דעם רעלץ. און זײ װעלן לעבן אין אָפֿענער מלחמה מיט די חיות, פֿאַרשקלאַפֿנדיק און טױטנדיק זײ פֿאַר דעם אײַנפּאַכן פֿאַרגעניגן צו טױטן, פֿאַרגעסנדיק, אַז איך האָב נישט באַשאַפֿן דעם פֿאַרגעניגן צו טױטן לשם טױטן. און זײ װעלן הערפֿינדן אלף־ביתן און אָן אַ שיעור לשונות און זײ װעלן אָן אױפֿהער דיסקוטירן װעגן גראַמאַטיקעס, און װאָס מער גראַמאַטיקעס זײ װעלן האָבן אַלץ װײניקער װעלן זײ זיך פֿאַרשטײן, און זײ װעלן זיך אַזױ אומפּערפֿעקט פֿאַרשטײן, אַז זײ װעלן דערקלערן פֿאַרן משיח פֿון דער אַלגעמײנער פֿאַרשטענדיקונג אײנעם אַ דאָקטער זאַמענהאָף.

— איך ווייס, איינער וואָס וועט פאַרשלאָגן בטל מאַכן די שפּראַכן.

גאָט האָט אַ שמייכל געטאָן.

— ניין. ער וועט בלויז זיין דער באַשאַפער פון נאָך איין לשון... און זיי וועלן אַנטוויקלען וויסנשאַפטן און אויספאָרשן די גאַנצע מעכאַניק פון די זאַכן, אַנטאַפּנדיק אויף בלינד דעם אַטאָם און די אומזעבאַרע פּלאַנעטע, און זיי וועלן אַלץ וויסן, נאָר נישט דעם סוד פון לעבן. און איין הער, פּאַסקאַל, וואָס וועט זיין זייער געשעצט צווישן זיי, וועט זיך ברעכן דעם קאָפּ צו אויפדעקן די העכסטע סודות, און די מענטשן וועלן זייער באַוווּנדערן די קאָפּברעכעניש. און זיי וועלן באַשאַפן פּיל קונסטן, און זיי וועלן האָבן גרויסע קינסטלער און זיי וועלן קיין מאָל זיך נישט אויסלערנען די איינציקע קונסט, וואָס איך האָב איינגעפלאַנצט אין גן־עדן: די קונסט צו זיין ביאָלאָגיש גליקלעך. און זיי וועלן אָרגאַניזירן דעם פּאַראַזיטיזם אין דעם אייגענעם מין, און זיי וועלן זיך צירן אין אומנאַטירלעכע חסרונות און מעלות. און זיי וועלן דערפינדן די גאווה, די קאַרגשאַפט, די בייזוויליקייט, די צביעות, די פּרעסערייַ, זנות, פּאַטריאָטיזמען, סענטימענטאַליזם, פילאַנטראָפּיזם, פאַרגעסנדיק, אַז איך האָב גאָרנישט באַשאַפן פון דעם אַלעמען און אַז עס האָט אַ קיום נאָר דאָס, וואָס איך האָב באַשאַפן. און מחמת אָט די אַלע מאַלפעריייען, וועט די אינטעליגענץ פונעם מענטשן קיין מאָל נישט באַוויזן צו לייזן קיין איינע פון די עלעמענטאַרע לעבנס־פּראָבלעמען, אין קאָנטראַסט צו די אַנדערע באַשעפענישן, וועלכע וועלן לייזן אַלע פּראָבלעמען אויף דעם גליקלעכסטן אופן. ער וועט נישט וויסן ווי צו עסן. און ביי דער זייט פון מיינע בינען, וואָס האָבן אַזאַ קלוגן שפּייז־רעזשים, וועט דער מענטש שטאַרבן פון הונגער, אָדער נישט־פאַרדייאונג, אָדער וועט אַ קראַנקער פאַרצערט ווערן אַלס קאָנסעקווענץ פון פעלערן אָדער בראָמאַטאָלאָגישע פאַרדאָרבנקייטן. ער וועט נישט וויסן ווי צו וווינען, און ביי דער זייט פון מיינע שפּינען, וועלכע זענען אַזוי גליקלעך אין דעם הויז, וואָס איך האָב זיי אויסגעלערנט בויען, וועלן זיי לעבן אין אָפּשיילעכע חזיר־שטאַלן, אָן ליכט, וווּ נישט די לופט אַפילו, דער דאָזיקער עלעמענט, וואָס הילט אַרום אַלץ, וועט זיין פריש און ריין. ער וועט נישט לייזן דאָס פּראָבלעם צו לעבן אין געזעלשאַפט, און ער וועט פּרובירן טויזנט לייזונגען, גרייזנדיק אין אַלע. און ריזיקע רעוואָלוציעס וועלן זיי אויפטרייסלען פון צייט צו צייט, אין דער פאַרצווייפלונג צו צעשטערן דעם פּאַראַזיטיזם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון דער אינטעליגענץ, און די ניי־אויפגעקומענע פאָרמען פון גלייכגעוויכט וועלן זיך אָנשפּאַרן אויף די זעלבע געמיינקייטן פון די אַלטע צעשטערטע פאָרמען. און דער מענטש וועט קוקן מיט קנאה אויף מיינע חיות, וועלכע זענען גליקלעך. ווייל זיי פאָלגן אויס מיין געזעץ פון דער העכסטער חכמה.

און ער וועט נישט לייזן די פּראָבלעם פון רעגירן, און וואָס מער רעגירונגספאָרמען ער וועט אויסטראַכטן, אַלץ מער וועט ער ליידן אונטער זיי, האָבנדיק פאַרגעסן, אַז איך האָב נישט געשאַפן קיין רעגירונג. און ער וועט באַשאַפן דעם שטאַט,

אַ מאָנסטער מיט באַק־ציינער פון אַ לייב, דורך וועלכן אַ כיטרע מינאָריטעט וועט לעבן אַכזריותדיק פּאַראַזיטיש אויפן חשבון פון אַ אידיאָטישער מאַיאָריטעט. און כדי אויפצוהאַלטן אַ געזונטן און שטאַרקן דעם דאָזיקן מאָנסטער, וועלן די געלערנטע אָנשרייבן ביכער, די מאַטעמאַטיקער וועלן אויסאַרבעטן סטאַטיסטיקעס, די גענעראַלן וועלן באַוואָפענען אַרמייען, די ריכטער וועלן אויפשטעלן טריבונעס, די שטאַטמענער וועלן אָנצייכענען גרענעצן, די פּעדאַגאָגן וועלן אויפוועקן פּאַטריאָטיזמען, די הערשער וועלן מאַכן קאָלאָסאַלע מלחמות און די פּאָעטן וועלן באַזינגען די העלדן פון די שחיטות, כדי די מלחמה זאָל קיין מאָל נישט אויפהערן. ווילסט זען בחוש, גבריאל, וואָס עס וועט מיט זיך פאָרשטעלן די שימפּאַנזאַציע פון דער וועלט? פאַררוק אָט יענעם פּרוכת פון דער צוקונפט און גיב אַ מאָמענט אַ קוק אויף דער מענטשהייט.

גבריאל האָט פאַררוקט דעם פּרוכת און האָט געקוקט. און ער האָט געזען: איבער דער שאָלעכץ פון דער ערד אַ וואָלקן־שטויב, וואָס באַוועגט זיך. אָבער, גערן צו זען גענוי, האָט גבריאל זיך איינגעקוקט און ער האָט דערזען אַ נעבעכדיקן קאַראַוואַן פון פליכעוואַטע שימפּאַנזעס, מאַרשירנדיק אייַלנדיק נישט וויסנדיק וווהין.

אַ אָרעמע טשערעדע! איינע זענען געווען גרויסע, אַנדערע קליינע. די בלאָנדע, יענע — שוואַרצע, גאָרנישט וואָס זאָל דערמאָנען די מוזיקאַלע פּולקאָמענהייט פון די אַנדערע ברואים, וועלכע זענען אַזוי אַלץ איינס אינערהאַלב דעם טיפּ פון יעדן מין. וואָס פאַר אַ מיאוסע פאַרשידנאַרטיקייט! ביי דער זייט פון אַ הערקולעס, אַ צערימטער, אַ הינקענדיקער, איינער מיט קרומע פיס, איינער האָראָבאַטע, איינער ראַכיטיש, איינער אַ וואַקלדיקער, אַ בלינדער אויף אַן אויג, איינער אָן אַ האַנט, אַ בלינדער, אַ נאַר, אַ טויבער, אַ לאַנגער, אַ קאַרליק... לעבעדיקע קאַריקאַטורן, מיט גראָטעסקע צורות, פלוצלינג דער טיפּ שטאַנדאַרד.

און גבריאל האָט זיך דערמאָנט ווי שיין עס זענען די בינען בעת זיי פליִען צוזאַמען, ווו קיין איין איינציקע שטערט נישט די האַרמאָניע פון דעם גאַנצן בילד.

פון דער מענטשלעכער מאַסע האָט זיך אויפגעהויבן אַ כאַאָטישער טומל. גבריאל האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן און האָט געקענט הערהערן אַ הוסטן, אַ ניסן, הייזעריקע קולות, אַ ברומען אין די געדערעם, אַן אַסמאַטיש כריפּען, נעוראַלגישע זיפצן, זידלערייען, באַליידיקונגען, קללות, הילכיקע געלעכטערס, אַ ברומען פון קנאה, קריצן מיט די ציינער, אויסברוכן פון צאָרן, היסטערישע געוואַלטן...

דאַן האָט ער דערזען, אַז אין שפּיץ פון דעם המון זענען געגאַנגען אויסגעווײלטע באַשעפענישן, האַלבע געטער באַדעקטע מיט מעדאַלן, פאַנטאַסטיש געקליידט, באַפּוצט מיט גלעזלעך איינגעפּאַסטע אין מעטאַלענע ראַמלעך, מיט פעדערן פון פייגל אויפן קאָפּ, מיט שנורן, קאָקאַרדעס און פּאַטשערקעס...

— ווער זענען זיי?

— דאָס זענען די שעפן, די מאַגנאַטן, די מושלים. די פירער פון פעלקער. זיי פירן זיי... מען ווייסט נישט וווהין.

און ער האָט געזען: אין מיטן פון דעם המון באַוואָפנטע מענטשן טרייבן די טרויעריקע טשערעדע מיט שווערדן און שטעקנס. און ער האָט געזען אַנדערע מענטשן אין שוואַרצע טאָגעס, וואָס האָבן געלייענט פאַפירן און אַרויסגעטראָגן אורטיילן, אויפהענגענדיק אויף תליות אומגליקלעכע באַשעפענישן, אָפּשניידן קעפּ, און אַנדערע פאַרשליסן אין טורמעס פאַר שקלאַפן, ווו זיי פוילן לעבעדיקערהייט... און ער האָט געזען מענטשן אויף פערד, אויסגעפוצט ווי אין קאַרנאַוואַל, באַשטעקט מיט פעדערן, וועלכע האָבן מושטרירט די מאַסן, זיי באַוואָפנט און זיי געוואָרפן איינע קעגן די אַנדערע. און ער האָט געזען ווי אַזוי נאָך אַ שוידערלעכער שחיטה האָט איין צד פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד אין אומאָרדענונג, און דער אַנדערער צד, פאַרזונקען אין בלוט און צווישן פאַרווונדעטע אין גסיסה, האָט געזונגען אַ טריומף־ליד אין מיטן פון אַ וואַקכאַנאַלישן ענטוזיאַזם, אונטער די קלאַנגען פון מיליטערישער מוזיק. און ער האָט געזען ווי די מענטשן מיט די פעדערן אויף די קעפּ, די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער שחיטה, האָט מען אָפּגעגעבן זייער גרויס כבוד. אַלע האָבן זיי, אַנטציקטע, זיי אַפּלאָדירט און זיי געטראָגן אויף די הענט פון ענטוזיאַזם. און ער האָט געזען ווי אַזוי דער המון מאַרשירט, שטענדיק אומרויק און אויף דער וואָך, ווייל איין ברודער האָט באַגנבעט אַ צווייטן ברודער, דער זון האָט דערמאָרדעט דעם פאָטער און דער פריינד האָט אָפּגענאַרט דעם פריינד, און אַלע האָבן זיך געשאָלטן און זיך פאַראַכטעט און האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען...

אַ דערשוידערטער האָט גבריאל אַראָפּגעלאָזט דעם פּרוכת און האָט געזאָגט צום בורא עולם:

— אויב ס׳וועט אַזוי זיין, טאָ לאָמיר עוקר זיין מיטן שורש אַזוי פיל צוקונפטיק שלעכטס. מיט איין שימפּאַנזע ווייניקער אין דעם גן־עדן און מען וועט האָבן אויסגעמיטן די קאַטאַסטראָפע.

— ניין! — האָט געענטפערט דער בורא עולם — איך האָב אַ קאָנקורענט, דעם צופאַל. ער האָט עס באַשאַפן דעם מענטשן, פאַרוווּנדנדיק די מאַלפּע, און אַצינד וויל איך זען צו וואָס פאַר אַן עקסטרעם עס וועט דערגרייכן דער דאָזיקער נפש, וואָס האָט אָפּגעוויכט און איז געוואָרן פרעמד צו מיינע פּלענער.

גבריאל האָט אַ רגע געפינטלט מיט די אויגן — פערצן מאָל אַמווינציקסטן — אַ דעזאָריענטירטער פון דעם אויסדרוק „וויל איך זען״, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געהערט פונעם אייבערשטנס מויל. איז מעגלעך, אַז ס׳זאָל עפּעס זיין, וואָס איז פאַרהוילן און אומבאַקאַנט פאַר אים? און ער האָט זיך איינגעשטעלט פרעגן דעם רבונו של עולם:

— ווייסטו, הייסט דאָס נישט, גאָט, פריִער אַלץ וואָס ס׳וועט געשען שפּעטער?

דער האַר פון דער וועלט האָט פאַררינצלט דעם מאַיעסטעטישן שטערן און האָט שטיל אַרויסגעמורמלט:

— איך בין, און אויב איך בין, בין איך אויך דער, וועמען מען פרעגט נישט קיין קשיות.

גבריאל איז איינגעשרומפּן געוואָרן ווי געטראָפן פון אַ בליץ, און ער איז פאַרשווּנדן געוואָרן פון דער אַנוועזנהייט פונעם אייביקן מיטן אויסרייד צו איג־ספעקציאָנירן דעם גן־עדן.

***

אַ שיינער פּאַרנאַכט! די גוססדיקע זון האָט געצירט מיט בראַנדז די ריזיקע פלאַנצן, אין וועמענס שאָטנס עס זענען געשלאָפן מעגאַטעריומס מיט די מאָרדעס פאַרגראָבן צווישן זייערע קאָלאָסאַלע פיס.

די אומגעלומפּערטע פאַרהיסטאָרישע פייגל האָבן געוואָרעמט אין זאַמד זייערע אייער, וואָס זענען געווען גרויס אַזוי ווי אַרבוזן.

אַ בער פון די היילן האָט אויסגעלויזט זיין חברטע מיט דער העכסטער אויפ־מערקזאַמקייט פון אַ ליידנשאַפטלעכן ענטאָמאָלאָג. און פון וויטנס האָט זיך דער־טראָגן דאָס ברומען פון עסטעגאָסאַריומס פאַרפאָלגטע פון גיפטיקע פליגן.

טיף אין אַ טאָל פון אַ סך און ריזיקע פלאַנצן, האָבן צווי לאַבערינטאָדאָנטן זיך געליבט אין אַ שטילער און רויקער אידיליע, נישט וויט פון אַ לייב מיט אַ גע־דיכטער גריווע, וואָס האָט געפרעסן דאָס וואַרעמע פלייש פון אַ נאַר וואָס פאַרצוק־טער גאַזעלע.

די פייגל האָבן אויסגעזונגען זייער ליבע אין דיביימער. מאָנסטעריעזע שלענג האָבן מאַגנעטיזירט מאָנסטעריעזע זשאַבעס. בלומען פלייש־פרעסער האָבן צעעפנט זייערע קרוינען־פּיסקלעך אַריינצוכאַפּן די אומפּאַרזיכטיקע חיהלעך.

פרידן, אַבסאָלוטער פרידן, אבסאָלוטער גליק. דאָס לעבן האָט געגעסן דאָס לעבן און דאָס לעבן האָט געליבט, כדי דאָס לעבן זאָל זיך נישט אויסלעשן, אַלץ שטרענג אין אַנקלאַנג מיטן געטלעכן געבאָט.

נאָר אָדם אַליין איז געווען אַ קאָנטראַסט, פינטלענדיק מיט די לעבעדיקע איי־געלעך, ווי ער זאָל האָבן פאַרטראַכט עפּעס אַן אידייע.

גבריאל האָט זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט און האָט אים באַטראַכט. ער האָט געזען ווי אָדם האָט געטראַכט, קוקנדיק צו אַ הייל פון אַ יאַגואַר:

— ער וועט אַרויס, וועל איך אַריין און פאַרמאַכן דעם אַריינגאַנג מיט שטיין, און דאָס הויז וועט זיין מיינס...

חוה איז געשטאַנען לעבן אים אַ שטומע, באַוווּנדערנדיק דעם זכר וואָס דענקט. זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען. זי וועט אים קיין מאָל נישט פאַרשטיין. אָבער זי האָט אים באַוווּנדערט. זי האָט אים נאָכגעמאַכט און פּאַסיוו געפאָלגט.

דערווייל האָט דער יאַגואַר פאַרלאָזט די הייל און איז אַוועק לויערן אויף אַ גאַזעלע.

— פאָלג מיר נאָך! — האָט אָדם געזאָגט צו זיין חברטע.

און ביידע זענען אַריינגעדרונגען אין דער דירה פונעם יאַגואַר, און דעם אַריינגאַנג האָבן זיי פאַרשטעלט מיט אַ שווערן שטיין.

און זיי זענען געבליבן באַלעבאַטים.

גבריאל, וועלכער האָט דאָס אַלץ צוגעזען, האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר, וואָס ער האָט פאַרוויקלט מיט פּאַפּירוס, האָט אַרויסגעלאָזט דריי רינגען רויך צום הימל און געזאָגט צו זיך אַליין:

— ער איז שוין אינטעליגענט. זי וועט קיין מאָל נישט אַוועק ווייטער פון אימיטירן, דאָס איז לאָגיש; נאָר ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין מוח. אָבער איר׳ט זען, אַז מיט דער צייט וועט חווה, די אינסטינקטיווע, שפּילן די פאַרוווּנדעטע...

און דער ערשטער פאַרלוימדער פון דער פרוי, איז אַוועק שפּילן אַ פּאַרטי טאַ־טע־טי מיטן אַלמעכטיקן.

דזשוליאַ דאַנטאַס

(געבוירן אין 1877)

פּאָרטוגעזישער דראַמאַטורג, שרייבער פון קורצע דערציילונגען און פּאָעט.

דאַנטאַס איז געבוירן געוואָרן אין לאַגאָס, אָבער זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין ליסאַבאָן. אין 1899 האָט ער געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און אין דעם זעלביקן יאָר איז אויפגעפירט געוואָרן זיין ערשטע טעאַטער־פּיעסע.

זיינע ווערק שפּיגלען אָפּ דעם דאָקטער־פּסיכיאַטער. זיין דאָקטער־טעזיס, געשריבן אין יאָר 1900, „פּינטאָרעס ע אַרטיסטאַס דע רילהאַפאָלעס”, איז וועגן קינסטלער צווישן די געריר־טע פון זינען. זינט דאַן איז ער געווען שעפעריש אַלס דראַמאַטורג און באָוועליסט. זיינע היסטאָרישע דראַמעס, „דער וואָס שטאַרבט פון ליבע”, „טראַגישער ווידיאַטא”, זיינע פּאָעמען און קורצע דערציילונגען, האָבן אים באַרימט געמאַכט.

דזשוליאָ דאַנטאַס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער פּאָרטוגעזישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן.

ווו איז דער גן־עדן?

— 1 —

איך שטעל אייך פאָר מיין פריינד באָב.

ער איז אַלט פינף יאָר. זיינע האָר זענען אַזוי בלאָנד, אַז זיי זעען אויס צו זיין ווייס. זיינע אויגן זענען אַזוי קיילעכדיק און בלוי, אַז מ׳וואָלט זיי געקענט אָננעמען פאַר פּאָרצעלייענע. ווען ער לאַכט ווערן צוויי חן־גריבלעך אין יעדער באַק. ער איז ערנסט, פעסט, געזונט, פאַרטראַכט און סענטימענטאַל. נאַקעט איז ער אַ מיניאַטור פון הערקולעסן. אָנגעטאָן — טראָגט ער אַ בלוזע פון ווייסן פלאַנעל, אַ שוואַרצן קראַוואַט (באָב איז אַן אָבל) און מאַשן פון בליי־קאָליר. ער דערמאָנט אין איינעם פון יענע פריצייטיק־אַנטוויקלטע שטיפער פון פולבאָס־בילדער. שטענדיק, ווען כ׳זע אים, אַ באַאָבאַכטער, אַ פאַרנונפטיקער, מיט די פיס צעשפּרייט, די הענט אין די קעשענעס, האָב איך דעם איינדרוק ווי אין די דאָזיקע דריי בלאָנדע טפחים קינד — איז דאָ אַ גאַנצער מענטש.

באָב לעבט מיט זיינע עלטערן, וועלכע פאַרערן אים, אין אַ ווילע אַרום לי־

סאַבאַן. ער האָט אַן עלטערע שוועסטער, אָבער אַ סך אַן עלטערע — דאָלי איז שוין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר — וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ מאַמען מיט באָבן, און ווען ער עס ליבט אַ שוועסטערקינד, אַן אינזשעניער, וועלכער איז אַנטשלאָסן חתונה צו האָבן מיט איר איידער ער פאָרט אָפּ קיין לאָנדאָן. זיין שוועסטער, שיין ווי אַ ווענעציאַנער בילד פון ראַזאַלבאַ, וואָלט כמעט געקענט זיין זיין מאַמע. באָב, קליין ווי ער איז, טראַכט נישט מער ווי נאָר צו וואַקסן און ווערן שנעל אַ ריז. זיין קינדישע לאָגיק האָט צומאָל בנוגע דעם ענין מאָדנע איינפאַלן. דעם טאָג, ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, איז נישט געווען ווער עס זאָל אים קענען אַוועקנעמען פון פאַרן געגילדעטן שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין גאַרדעראָבע־צימער פון זיין מאַמען.

— וואָס טוסטו דאָרט, באָב, אַזאַ לאַנגע צייט?

— איך וואַרט.

— אויף וואָס וואַרטסטו?

— זעען מיך וואַקסן. איך בין גאָרנישט אויסגעוואַקסן. איך ווער פינף יאָר אַלט און האָב די זעלבע הייך וואָס נעכטן.

— 2 —

אָבער ס׳איז נישט געווען די דאָזיקע שוועסטער, די גראַציעזע דאָלי, די וואָס איז אים מער פון אַלעמען געווען געפעלן. זיין גרויסע ליבע האָט ער געפילט צו זיין קליין שוועסטערל, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פון אים, אַ לאַלקעלע, אַ בייגיקע, אַ שמייכלענדיקע, שעמעוודיקע מיט אַ גרויסן ראָזעווע באַנד אין אירע האָר, אַ טיפּ פון יענע קאָנווענציאָנעלע קינדער, פון וועלכע ס׳רעדן די פּאָעטן. ער האָט נישט געפילט צו די, (אַזוי האָט מען זי גערופן) אַ ליבע פון אַ קינד, אַזוי ווי צו זיין עלטערער שוועסטער; ס׳איז געווען אַן אַנדער געפיל, וואָס וואָרצלט אין דער איבערצייגונג, אַז פון זיי ביידע איז ער געווען דער שטאַרקערער, און אַז זי, דעליקאַט ווי אַ בלום, האָט זיך געבייטיקט אין זיין שוץ. די מענער האָבן באמת מער נישט ליב ווי די וועזנס וועמען זיי שיצן און באָב, פאַרגעטערנדיק זיין שוועסטער, האָט זיך געפילט מער מאַן. זיין ליבע איז אַזוי ווייט געגאַנגען ביז צו ווערן אַ לאַסט פאַר דער קליינינקער. ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט קיין איין מאָמענט. שטענדיק האָט ער איר געפירט פאַרן אָרעם. ער האָט איר אַוועקגעגעבן אַלע זיינע קאָנפעטן און שפּילעכלעך. זיין ערשטע זאָרג, ביים אויפכאַפּן זיך אין דער פרי איז געווען צו פרעגן אויף די. איין טאָג האָט מען אים געזאָגט, אַז זיין שוועסטער איז קראַנק. ער האָט איר געוואָלט זען, און מ׳האָט אים נישט אַריינגעלאָזט אין צימער. ער האָט געוויינט, ער איז געווען פאַרצווייפלט, אָבער אַלץ אומזיסט. פונעם קליינעם צימערל, וווהין ער האָט נישט געקענט אַריינקומען, זענען פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען אייניקע אַלטע געקליידט אין שוואַרצן, וואָס זענען געווען די דאָקטוירים. ס׳זענען פאַריבער עטלעכע טעג. איין מאָל בייטאָג, ווען ער האָט זיך געשפּילט אין גאָרטן,

האָט באַב דערהערט קולות. ער איז געלאָפן אין שטוב. די מאַמע, אַ געחלשטע, האָבן די משרתים געטראָגן אויף די הענט. דער טאַטע האָט אים געדריקט צום האַרצן און ווער ער האָט אים געקושט, האָט ער זייער געוויינט. אויפן צווייטן טאָג האָט מען געבראַכט אַ סך בלומען. עס זענען געקומען אַ סך מענטשן, עס האָבן זיך פאַרהאַלטן אַ סך אויטאָמאָבילן פאַר דעם הויז. באַב, אַ פאַרשלאָסענער אין איינעם פון די זאַלן פון אונטערשטן שטאָק, האָט געקוקט אין דרויסן און האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. נאָך דעם ווי עס זענען פאַרביבער עטלעכע טעג, אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, האָט מען אים געלאָזט אַריינגיין אין צימער פון זיין שוועסטערל. ער האָט איר נישט געזען און האָט זיך געשטעלט וויינען. דאָס קליינע געלעגער איז געווען צעוואָרפן, די פענסטער צעעפנט און אויף אַ שטענדער, וואָס מען האָט געבראַכט פון דעם געבעט־הויז, איז געליגן אַ תפילה־בוך און אַ קראַנץ רויזן.

— ווו איז די? — האָט געפרעגט באַב, ווען דאָס כליפּן האָט אים געלאָזטריידן.

— זי איז אין גן עדן, מיין זון.

— און ווו איז דער גן עדן?

די מוטער האָט אים אַ קוש געטאָן, האָט אים צאַרט צו זיך צוגעדריקט און גאָר נישט געענטפערט.

— 3 —

פון דאַן און ווייטער, האָט באַב געהאַט איין אידייע: גיין זוכן זיין שוועסטער ווו זי זאָל נישט זיין. אָבער ווו קען זי זיין? ווו זאָל זיך געפינען דער גן עדן? מעגלעך זייער ווייט, זייער ווייט? פאַר וואָס האָט אים נישט געענטפערט זיין מאַמע? פאַר וואָס האָבן אַלע געשוויגן? איין מאָל אין אָוונט, אין צייט פון עסן, מיט דער האָפענונג דער מאַטע זאָל אים זאָגן ווו זיין שוועסטער געפינט זיך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי אים אויף די קני, אים אַרומגענומען און האָט געפרעגט שטיל אין אויער:

— ווו איז דער גן עדן?

— צוליב וואָס דאַרפסטו עס וויסן?

— איך וויל גיין זען די. . .

דער פאָטער האָט געקוקט אויף באַבן מיט אויגן פאַרטונקלטע פון טרערן, ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש אַ וויינענדיקער און האָט נישט געקענט עסן. באַב האָט וואָס אַמאָל פאַרשטאַנען ווייניקער. אַז זיין טאַטע האָט אַזוי געביינקט נאָך די, פאַר וואָס האָט ער איר נישט געשיקט ברענגען? וואָס זאָל זיין דער גן עדן? אַ גאָרטן, אַ צוקער בעקעריי? אַ קלייט פון שפּילעכלעך? אַמווייניקסטנס וואָלט כאָטש זיין אָרים שוועסטערל דאָרט געווען צופרידן, אַזאַ קליינינקע אַז ער האָט איר אין גאַנצן געקענט אַרומנעמען, אַזאַ לאַכנדיקע איז זי געווען, די פרייד פון יענעם הויז. מען זאָל איר האָבן אַוועקגעפירט זייער ווייט? ווי אַזוי האָט ער עס געקענט וויסן, אַז קיינער האָט אים נישט געוואָלט ענטפערן? איין מאָל זונטיק אין דער פרי, ווען עס האָבן שוין

אָנגעהויבן צו בליִען די מאַנדל בוימער פון דעם גאָרטן, האָט ער געזען אַריינקומען דעם אַלטן גלח, וועלכער איז געקומען תפלה טאָן אין געבעט־הויז פון פּאַלאַץ. באַב האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט געזען דעם גלח, ווען מען האָט אַוועקגעפירט די, און אַרומנעמענדיק אים די פיס, כמעט וויינענדיק, האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג מיר, פאַרוואָס וויל מיר די מאַמע נישט זאָגן וווּ עס איז דער גן־עדן?

— מעגלעך אַז זיי ווייסן נישט, מיין קינד.

— און דו ווייסט?

— באמת גערעדט, ווייס איך אויך נישט.

— 4 —

דערווייל האָט דער געשוועסטער קינד, דער אינזשעניר, געבעטן דאַליס האַנט. ער האָט באַשלאָסן אַז די חתונה זאָל פאַרקומען זומער. חתן־כלה און שוועסטער־קינדער, האָבן די צוויי פּאַרליבטע, פריילעכע ווי די נאַכטיגאַלן, געוואַנדערט אַלע בייטאָג און געזונגען איבער דעם גאָרטן. עס איז געווען פעברואַר. עס האָט זיך שוין געפּילט אין דער ליכטיקער אַטמאָספער, דער ערשטער ציטער, דער ערשטער צאַפּל פון דעם פרילינג. אין דער צניעותדיקער שיינקייט פונעם גאָרטן, האָבן די מאַנדלביימער אין ווייסער און ראָזעווער בליִעכץ, פאַרויסגעזאָגט די חתונה פון יענעם גליקלעכן פּאָרל. איין מאָל פאַרנאַכט, מידע שוין פון אַרום שפּאַצירן, האָבן זיי זיך ביידע אַנידערגעזעצט — דאַלי און איר חתן — אין שאָטן פון אַ מאַנדלבוים, וואָס איז געווען באַלאָדן מיט בליִעכץ, אויף אַ באַנק, וואָס איז זיי מער געפעלן (אַזוי זענען אַלע פאַרליבטע), ווייל מ׳האָט איר ווייניק געזען פון פּאַלאַץ. באַהאַלטן פון די נייגעריקע בליקן, האָט געדאַכט אַז יענע ליבע רוט אויף די הענט פון גאָטס שכינה אַליין. דאַלי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף דעם אַקסל פון איר שוועסטער־קינד: דער שוועסטער־קינד האָט געהאַלטן זיינע ליפּן אויף דאַליס ליפּן; און אין דעם מאָמענט פּונקט, ווען אַ קוש האָט געזונגען אין יענע צוויי מיילער וואָס גיסן זיך איבער פון יוגנט, איז באַב, ווי דורך אַ צויבער, דערשינען פאַר די חתן־כלה:

— אַלאָ!

נאָך דעם ערשטן מאָמענט פון צעטומלונג, איז דאַלי געוואָרן ברוגז. זי האָט חושד געווען אַז איר ברודער האָט איר נאָכגעשפּיאָנירט, און האָט אים געדראָט צו דערציילן דער מאַמען. דער חתן, דערווייל, אַ מער פּראַקטישער, האָט געשמייכלט, האָט דורכגעפירט זיין האַנט איבער די בלאָנדע האָר פון באַב, און האָט געזאָגט גלעטנדיק אים:

— באַב איז אַ גוטער יינגל. אויב ער וועט מיר צוזאָגן צו שווייגן, וועל איך אים געבן געלט, ער זאָל זיך קויפן אַ פערד.

— איך וויל נישט קיין פערד.

— אין אַזאַ פאַל וועל איך דיר געבן געלט זאָלסט זיך קויפן אַן אויטאָמאָביל.

— איך וויל נישט קיין אויטאָמאָביל.

— איז וואָס דען ווילסטו ?

באָב איז געוואָרן זייער ערנסט, די אויגן האָבן זיך אים אָנגעפּילט מיט טרערן און ער האָט געשעפּטשעט:

איך וויל זאָלסט מיר זאָגן ווו עס איז דער גן עדן.

דער אינזשעניער האָט געקוקט אויף דאַלין מיט צאַרטקייט, ער האָ טגעפּילט אויף זיינע ליפּן דעם גערוך פון דעם קוש, וואָס זיי האָבן זיך געגעבן, ער האָט זי אַרום גע־נומען פאַר דער טאַליע מיט ליבע, און האָט געזאָגט צום קליינעם:

— אַזוי, באָב, ווייסטו נישט ווו עס איז דער גן עדן ?

— ניין.

— זאָלסטו וויסן אַז דאָ איז ער !

— 5 —

די צייט איז געגאַנגען, חתן־כלה האָבן באַשלאָסן פאַרצוזעצן זייער שפּאַציר, וויל באָב, אַ פאַרוווּנדערטער מיט אויגן ברייט־צעעפנטע, האָט נישט אָפּגעטראָטן פון דאָרט. ווער וואָלט מיר געזאָגט, האָט געטראַכט דאָס קינד, אַז דער גן עדן איז אַזוי נאָענט, אויף דער שטיינערנער באַנק, אונטער דעם דאָזיקן מאַנדל בוים, וואָס בליט? און דערוויל, געטרייסלט פון דעם אָוונט־ווינט, האָבן די בליטן פון דעם מאַנדל־בוים אָנגעהויבן טרויעריק פאַלן, דאַלי און איר חתן האָבן זיך דערווייטערט, געאַרעמט אין דער רויטער ליכט פון דעם מערב.

שוין אויף דער נאַכט, די פאַמיליע האָט זיך אויפגעזאַמלט, ווי דער שטייגער איז, צום עסן. באָבן האָט מען אַרומגעזוכט אין אַלע זייטן. און באָב איז נישט געווען. מען איז אַרומגעלאָפן איבער דעם גאַנצן פּאַלאַץ. זיינע עלטערן זענען געוואָרן זייער אומ־רויִק, ווען דאַלי האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט געזען איר ברודער אין גאָרטן, לעבן דער שטיינערנער באַנק. דער פאָטער אַליין איז אים געגאַנגען זוכן, באַגלייט פון דעם אַלטן דינער. די לבנה איז געווען אַזוי קלאָר און ליכטנד אַז מען האָט נישט באַ־דאַרפט קיין לאַמטערנע. ווען זיי זענען געקומען נאָענט צו דער באַנק, האָבן זיי דער־זען אַ קליינעם אומבאַוועגלעכן נפש, צונויפגעקאָרטשעט פון קעלט. זיי האָבן אים גע־רופן. עס איז געווען באָב. עס איז אויף אים געפאַלן ווי אַ דריבנער רעגן פון זילבער, די לבנה־שיין און דאָס בליעכץ פון דעם מאַנדל בוים...

— וואָס טוסטו אין גאָרטן אין אַזאַ שעה? — האָט אויף אים אָנגעשריגן דער פאָטער.

און באָב, אַ רויִקער, האָט אים געענטפערט מיט אַ ציטעריקער און ווייגענדיקער שטימע:

— איך וואַרט אויף די. . .

א. פּ. טשעכאָוו

(געבוירן אין 1860 — געשטאָרבן אין 1904)

מען האָט אַ מאָל געפרעגט אַן ענגלישן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס זאָל מען לייענען פון וואַלטער סקאָטס ווערק, האָט יענער געענטפערט: „אַלץ!”

איך ווייס נישט אויב דער ענטפער איז געווען ריכטיק, אָבער ווען עס קומט אויסצוקלייבן אַ דערציילונג פון טשעכאָוון פאַר אַן אַנטאָלאָגיע, איז באמת שווער, ווייל טשעכאָווס געניאַלער טאַלענט קומט אַזוי צום אויסדרוק אין זיינע וווּנדערלעכע קורצע דערציילונגען ווי אין זיינע באַרימטע טעאַטער־פּיעסן.

טשעכאָוו ברענגט אַרויס מיט טיפער הומאַנער אויפריכטיקייט די איבערלעכע איבערלעבונגען פון זיינע כאַראַקטערן. אָפט איז כמעט נישטאָ קיין סיוזשעט אין דער דערציילונג, נייערט אַ קאָמיש־טראַגישע סיטואַציע, באַשטראַלט מיטן מייסטערס פיינעם הומאָר, וואָס קריצט זיך איין דעם לייענער אין מוח און אין האַרצן אויפן גאַנצן לעבן.

טשעכאָווס העלדן האָט מען אין רוסלאַנד באַצייכנט מיט די ווערטער „לישניע ליודי” (איבעריקע מענטשן), אָבער די דאָזיקע „איבעריקע”, די דורכגעפאַלענע, די כאַראַקטערלאָזע, פּאַסיווע, וועלכע האָבן, אין זייער פאַרצווייפלונג, געשפּילט און געשיכורט, האָבן ביי די לייענער אַרויסגערופן רחמנות און סימפּאַטיע, ווייל טשעכאָוו האָט זיי געשילדערט ווי אַ גרויסער בעל־רחמים, אַ הומאַניסט. דעריבער האָט דער רוסישער לייענער אינעם אָנהייב פונעם יאָרהונדערט ליב באַקומען טשעכאָוון און ליב באַקומען זיינע העלדן.

טשעכאָווס פּיעסן („טשאַיקאַ”, „דיאַדיאַ וואַניאַ”, „טרי סיאָסטרי” און זיין לעצטע „ווישניאָווי סאַד”) זענען תּחילת געשפּילט געוואָרן פונעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער מיט ריזיקן דערפאָלג, און שפּעטער אין די גרעסטע טעאַטערס פון דער וועלט.

אין די צוואַנציק יאָר פון זיין שרייבערישער קאַריערע, האָט טשעכאָוו אָנגעשריבן אַריבער טויזנט דערציילונגען, פינף טעאַטער פּיעסן און אַ האַלב טוץ איינאַקטערס.

פאַרשטייט זיך, אַז טשעכאָווס אַ דערציילונג האָט נישט געטאָרט פעלן אין אַ בוך פון וועלט־ליטעראַטור.

צוויי העלדן

אָפּגעשטיגן פון דער באַן אין גנילושקי. צו דעם גוט ווו ער האָט געהאַט אַרבעט איז נאָך געווען פון דעם וואָקזאַל אַ היפּשע שטרעקע.

— ווו קען איך קריגן אַ פּאָסט־פערד, כ׳בעט אייך? — האָט ער געפרעגט דעם געפּעק־טרעגער.

— אַ פּאָסט־פערד? פאַר הונדערט מייל אַרום איז דאָ נישט צו קריגן קיין פּאָסט־פערד — וווהין דאַרפט איר?

— קיין דעפּקיאַזשעוו, אין גענעראַל טשאַראַטאָווס גוט.

— אַ, איך וויס שוין — האָט געזאָגט דער טרעגער — אַלזאָ, אויב איר וועט זיך לאָזן אַ ביסל הינטערן וואָקזאַל, איז מעגלעך איר זאָלט טרעפן אַ פויער, וואָס פאָרט אין דער ריכטונג וועלכער זאָל אייך מיטנעמען. זיי שטעלן זיך צו מאָלס אָפּ דאָ.

דער לאַנד־מעסטער האָט אַ קרעכץ געטאָן און איז פּאַמעלעך אַוועק הינטער דער געביידע. נאָך אַ געוויסן אַרומזוכן, האָט ער געפונען אַ פויער, וועלכער האָט, נאָך אַ לאַנגן דינגען זיך, איינגעשטימט אים מיטצונעמען. ער איז געווען אַ מעכ־טיק־געבויטער מאַן, אַ שלעכט געשטימטער, אַ געשטופּלטער פון פּאָקן, אין אַ צע־ריסן ווייבעריש העמד און אין לאַפּטיעס.

— זאָל דער טייוול כאַפּן דיין אַלטן וואָגן! — האָט אַ ברום געטאָן דער לאַנד־מעסטער, צאַרנדיק, בעת ער האָט אַרויפגעקלעטערט אויף דער קאָזלע.

— מ׳קען נישט וויסן ווו ס׳איז דער פון פאָרנט און ווו דער פון הינטן.

— ס׳איז נישט קיין גרויסער אונטערשייד. דאָרט ווו דעם פערדס ווידל איז, דאָרט איז דער פון פאָרנט, און ווו דער פאַרשוין זיצט, איז דער פון הינטן.

דאָס פערד איז געווען אַ יונגס אָבער אַ מאָגערס, מיט דינע פיס און שפּיציקע אויערן. ווען דער פויער האָט אים אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש, האָט עס בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אָבער ווען דער פויער האָט מיט אַ שטראָם קללות דער־

לאַנגט דעם פערד נאָך אַ שמיץ, האָט דער וואָגן אַ סקריפּ געטאָן, ר׳האָט געבומען טרייסלען, און נאָכן פערטן שמיץ האָט ער אַוועק געריקט.

— רעכנסט אַזוי דעם גאַנצן וועג צו פאָרן? — האָט געפרעגט דער לאַנד־מעסטער, וועלכער האָט געשטוינט פונקט אַזוי פיל פונעם טרייסלעניש פון וואָגן וויפל פון דער לאַנגזאַמקייט פונעם פאָראויסרוקן זיך.

— מיר וועלן אַהינקומען אין צייט — האָט געענטפערט דער פויער, אַ צופרידענער. — ס׳איז אַ יונג פערד, אַ מונטערס. אַ שקאַפּע, ווען זי כאַפּט איר גאַנג, פליט זי ווי אַ בליץ.

ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן פינצטער. רעכטס־צו, אַזוי ווייט ווי ער האָט געקענט זען, האָט זיך געצויגן אַ ווייסע, קאַלטע וויסטע. וועד ס׳האָט זיך געלאָזט אויף יענעם וועג, האָט געמוזט באַלד פאַרלירן די ריכטונג. ביים האָריזאָנט, וווּ די סטעפּ האָט זיך באַהעפט מיטן הימל, האָט די קאַלטע רויטקייט פון דער שקיעה געגליט מרה־שחורהדיק. אויף לינקס האָט מען נישט קלאָר געקענט זען קעגנשטאַנדן, וואָס שפּאַלטן די פינצטערניש, וועלכע האָבן אויסגעזען האַלב ווי אַלטע שפּייכלערס און האַלב ווי אַ דאָרף. דער לאַנד־מעסטער האָט נישט געקענט זען וואָס ס׳געפינט זיך פאַר אים, איבערן ברייטן, פעטן הינטן פונעם אַנטרייבער. אַלץ איז געווען טויט־שטיל.

— גוטער גאָט, וואָס פאַר אַ מדבר! — האָט געטראַכט דער לאַנד־מעסטער — בעת ער האָט געפּרווט וואַרעמען זיינע אויערן אינעם מאַנטל־קאָלנער. קיין מענטשלעכער ישוב אַזוי ווייט ווי מען קען זען! ווען מ׳זאָל דאָ איינעם דערמאָרדן — גאָט זאָל היטן! — וואָלט אפילו קיינער נישט געוווּסט. און אויך דער אַנטרייבער מאַכט נישט קיין איבעריק אָנגענעמענעם איינדרוק. וואָס פאַר אַן האַרבאַטע ער איז! ווען אַ הייל־גזלן ווי דער דאָזיקער רירט אייך בלויז אָן, ווערט איר אַ קדוש! און וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענער אויסדרוק איז אויף זיין געזיכט!

— העי, פריינד! — האָט אויסגערופן הויך דער לאַנד־מעסטער, ווי הייסט איר?

— ווי איך הייס? — קלים.

— אַ, קלים. גוט. זאָג מיר קלים, איז זיכער דאָ אין די דאָזיקע מקומות? זענען דאָ פאַראַן רויבער?

— אַ דאַנק גאָט. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אייך ראַבעווען.

— איך בין זייער צופרידן. אָבער אין פאַל ס׳זאָל זיך עפּעס מאַכן, ווייסטו אַלטיטשקער, האָב איך מיט מיר דריי רעוואָלווערס — האָט געשקרנט דער לאַנד־מעסטער און ס׳איז שווער עפּעס צו טאָן קעגן אַ רעוואָלווער, פאַרשטייסטו, איך לייג אַוועק אַ טוץ רויבער לייכט.

ס׳איז געוואָרן פינצטער. פּלוצלינג האָט דער וואָגן אָנגעהויבן הוידען און וואַרפן און האָט זיך פאַרנומען אויף לינקס.

— וווּהין פירט ער מיך — האָט געטראַכט דער לאַנד־מעסטער. ביז איצט

זענען מיר געפאָרן די גאַנצע צייט גלייך און איצט פּלוצלינג פאָרט ער אויף לינקס. מעגלעך ער נעמט מיך אין אַ באַהעלטעניש. מ׳קען קיין מאָל נישט וויסן.

— הער, קלים, — האָט ער געזאָגט הויך — דו זאָגסט ס׳איז נישט געפערלעך דאָ? ס׳איז אַ שאָד, ווירקלעך אַ שאָד. איצט וואָלט אַ קאַמף מיט רויבער געווען ווי ריכטיק פאַר מיר. איך מעג נישט אויסזען אַזוי, אָבער זאָלסט וויסן, אַז איך פאַרמאָג דעם כוח פון אַ בער. איין מאָל זענען מיך באַפאַלן דריי רויבער. און לאָמיך דיר דערציילן — איך האָב איינעם אַזוי אַ שליידער געטאָן און דעם אַנדערן אַ וואָרף געטאָן. איינער איז געבליבן טויט אויפן שטעל, און די אַנדערע צוויי האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר אויף אייביק. ווי אַזוי ס׳קומט צו מיר אַזאַ גבורה ווייס איך אַליין נישט. איך נעם אַזוי אַן אַ מענטשן און גיב אים אַזוי אַ שליידער אַראָפּ און אַ סוף.

קלים האָט געקוקט אויף זיין פאַרשוין, האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן און האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד.

— יאָ, פריינד מיינער — האָט פאַרגעזעצט דער לאַנד־מעסטער — זאָל גאָט היטן דעם וואָס וועט פרוון אַ שפּאַס טאָן מיט מיר. נישט בלויז וואָלט איך אים איבערגעבראָכן הענט און פיס, נאָר ער וואָלט אויך שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, פאַרשטייסטו מיך. איך בין אַ נאָענטער מחותּן מיט דער גאַנצער פּאָליציי און אַלע ריכטער. איך אַליין בין אַ שטאַטס־באַאַמטער, אַ וויכטיקער באַאַמטער. ווען איך פאָר ערגעץ איז מען גלייך מודיע אין אַלע פּאָליציי־באַצירקן. און די פּאָליציי־באַאַמטע זאָרגן שוין גוט, אַז קיין אומגליק זאָל אונדז קיין מאָל נישט געשען. אומעטום אין וועג ליגן זשאַנדאַרן און פּאָליציי־לייט פאַרשטעקט... — בלייב שטיין! בלייב שטיין!

— האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן — וווהין פאָרסטו, צום טייוול?

— איר זעט נישט, הער? אין וואַלד אַריין.

— פאָטער דערבאַרעמדיקער, ער פאָרט דאָך טאַקע אין וואַלד אַריין — האָט געטראַכט דער לאַנד־מעסטער. אוי, ווי איז מיר! אָבער איך טאָר עס נישט אַרויסווייזן. ער האָט געמוזט באַמערקן, אַז איך בין דערשראָקן. פאַר וואָס קוקט ער זיך אום אַלע מאָל צו מיר? פריִער איז ער געפאָרן אַזוי פּאַמעלעך, טריט ביי טריט און איצט יאָגט ער ווי אַ משוגענער...

— העי, קלים, פאַר וואָס טרייבסטו אַזוי דאָס פערד?

איך טרייב עס נישט, עס יאָגט זיך אַליין. קוים האָט עס שוין אָנגעהויבן גיין, קען מען עס מער נישט אָפּשטעלן.

— קוק אַהער, פריינד מיינער, דו לייגסט, איך ווייס גוט, אַז דו לייגסט! אָבער איך ראָט דיך פאַר דיין אייגענער טובה, זאָלסט אָפּשטעלן דאָס פערד. שטעל אָפּ גלייך דאָס פערד!

— פאַרוואָס?

— ווייל אייניקע מיינע גוטע ברידער פאָלגן מיך נאָך פון דער סטאַציע... מיר האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין וואַלד... ס׳וועט זיין פריילעכער, ווען ס׳וועלן

דאָרט זיין פיר פון אונדז... זיי זענען גרויסע, שטאַרקע בחורים, פאַרשטייסטו מיך. יעדער איינער האָט אַ ביקס מיט זיך... וואָס קוקסטו זיך אַרום די גאַנצע צייט? וואָס? איך בין לעכערלעך... יאָ, יאָ... דאַרפסט זיך אַזוי נישט אַרומקוקן די גאַנצע צייט... מ׳זעט אַרום גאָרנישט... בלויז מיינע רעוואָלווערן. אויב דו ווילסט וויז איך זיי דיר... אויב דו ווילסט.

דער לאַנד־מעסטער האָט זיך אַ ריר געטאָן ווי אַ זוך צו טאָן אין קעשענע. אין דעם מאָמענט איז עפּעס געשען אויף וואָס ער האָט זיך, נישט געקוקט אויף זיין שרעק, גאָרנישט געריכט.

קלים איז פּלוצלינג אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און פייל אויס בויגן האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין וואַלד אַריין.

— געוואַלד! — האָט ער געשריגן — געוואַלד! — נעם דאָס פערד און וואָגן אָבער לאָז מיך לעבן; געוואַלד!

ער איז אַריין אין וואַלד. אַ צווייג האָט אַ קראַך געטאָן און דאָן איז אַלץ שטיל געבליבן.

דער לאַנד־מעסטער, וועלכער האָט נישט דערוואַרט אַזאַ אויסוויקלונג פון געשעענישן, האָט צו ערשט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, נאָכהער האָט ער זיך געמאַכט אַזוי באַקוועם אין וואָגן ווי נאָר ער האָט געקענט און האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן וואָס צו טאָן.

— ער איז אַוועק. ער האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן, דער אידיאָט. וואָס זאָל איך איצט טאָן? איך וויס נישט דעם וועג, און אויסער דעם וועלן דאָך מענטשן מיינען, אַז כ׳האָב צוגעגנבעט דאָס פערד און וואָגן. וואָס קען איך טאָן?

— קלים! — האָט ער אויסגעשריגן אַזוי הויך ווי ער האָט נאָר געקענט — קלים!

אַ קאַלטער שוידער האָט אים דורכגענומען ביים געדאַנק ס׳זאָל אים אויסקומען צו פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט אין אַזאַ איינזאַמען אָרט, ווו ער וועט מער גאָרנישט הערן ווי דאָס וואָיען פון וועלף און דאָס מעלה גרהן פון דער שקאַפּע.

— טייערער קלים! — האָט ער גערופן. — טייערער אַלטער קלים! ווו האָסטו זיך באַהאַלטן?

אין פאַרלויף פון צוויי שעה האָט ער געשריגן אומזיסט, ביז ער איז געוואָרן אין גאַנצן הייזעריק און האָט זיך שוין אונטערגעגעבן איבערצופירן די נאַכט אין וואַלד, ווען אַ שטיל ווינטל, וואָס האָט געטראָגן אַ מענטשלעך געוויין, האָט אים דערגרייכט.

— קלים! דו ביסט דאָ, טייערער אַלטער פריינד? קום לאָמיר פאָרן.

— איר וו־ווילט מי־יך דער־הר־געה־נען!

— נאַרישקייטן! איך האָב בלויז געמאַכט אַ שפּאַס. גוטער גאָט, איך האָב בלויז געשפּאַסט, פריינד! ווי קומט צו מיר אַ רעוואָלווער? איך האָב דיר דאָס אַלץ דער־

ציילט, ווייל איך זעלבסט האָב זיך דערשראָקן. קום אַהער, גיי אַריין אין וואָגן, און לאָמיר אַוועקפאָרן, איך ווער פאַרפרוירן.

קלים איז וואַרשיינלעך דערווייל געקומען צום שלוס, אַז אַן אמתער רויבער וואָלט שוין לאַנג געווען אַוועק מיט פערד און וואָגן. און ער איז אַרויס פון וואַלד און האָט זיך דערנענטערט צו זיין פאַרשוין נישט זיכער און מיט ציטערניש.

— נו, וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן, נאַר? איך — איך האָב בלויז געשפּאַסט, און דו ביסט גלייך אַוועק און — אַך, ס׳שיין, ס׳מאַכט נישט. פאָר!

— זאָל אייך גאָט מוחל זיין, הער— — האָט געשעפּטשעט קלים, בעת ער איז אַ דערשלאָגענער אַריינגעקראָכן אין וואָגן. ווען איך זאָל דאָס געווען וויסן פריִער, וואָלט איך אייך נישט געווען מיטגענומען פאַר הונדערט רובל. איך בין שיִעור נישט געשטאָרבן פאַר שרעק.

מיט אַ שמיץ פון זיין בייטש האָט ער געלאָזט זיין שקאַפּע גיין. דער אַלטער וואָגן האָט זיך אַ וויג געטאָן. קלים האָט איר ווידער אַ שמיץ געטאָן, און דער וואָגן האָט אָנגעהויבן טרייסלען. מיטן פערטן שמיץ איז דער וואָגן אַוועק. דער לאַנד־מעסטער האָט זיך איינגעהילט אין זיין פוטער, ער האָט איינגעגראָבן זיינע אויערן אינעם קאָלנער, און די ביידע העלדן האָבן אַוועקגעקייקלט אין דער פינצטערער נאַכט.

מיכאַיל שאָלאָכאָוו

דער דאָזיקער באַרימטער שרייבער איז געבוירן געוואָרן ביי די ברעגן פונעם דאָן.
מ. שאָלאָכאָוו איז איינער פון די פאַרשפּרייטסטע סאָוועטישע שרייבער אין דער מערב־וועלט. דאָס אידענטיפיצירן זיך מיט זיין פאָטערלאַנד און זיין עכטער טאַלענט האָבן אים אַנטפּלעקט אַלס אָריגינעלע און שעפערישע פּערזענלעכקייט.
דאָס ווערק וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט איז „דער שטילער דאָן".

דער פאָטער

די זון דרינגט שוואַך דורך די בלאַס גרינע בוימלעך, וואָס נעמען אַרום דאָס קאָזאַקישע דאָרף. נישט ווייט איז דאָס אָרט וווּ איך דאַרף נעמען דאָס שיפל וואָס דאַרף מיך אַריבער פירן צום אַנדערן ברעג פון דעם דאָן. איך גיי איבער דעם נאַסן זאַמד, פון וועלכן עס זעצט אַ שאַרפער ריח פון פיש אָדער ווי פון איבערפוילט און נאַס האָלץ. דער וועג שלענגעלט זיך דורך די בוימלעך, ווי אַ פאַרווישטער שפור פון אַ האָז. די רויטע און געשוואָלענע זון האַלט זיך אין זעצן אויף דעם בית עולם וואָס אויף יענער זייט דאָרף. דער בלוילעכער בין השמשות קומט אָן הינטער מיר איבער דעם טרוקענעם וועלדל.

דאָס שיפל איז צוגעבונדן צום ליימענעם סלופּ און אונטער דעם שפּיגלט זיך אָפּ דאָס וואַסער מיט אַ לילע פאַרב. די ווערלעס טאַנצן אונטער לייכט, דרייען זיך און קריצן געפאַנגענע אין די לעכער.

דער שיפער שעפּט אויס מיט זיין בלעכענעם שעפל דאָס שמוציקע וואַסער פון דער טיף פון דעם שיפל און גיסט אַריבער פון יענער זייט. ער הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט מיך אָן מיט געלבלעכע און קאָסאָקע אויגן און ברומט אַרויס:

— ווילסט אַריבערפאָרן? איך ענדיק באַלד; בינד אָפּ דערווייל דעם שטריק.

— מיר ביידע אַליין וועלן דען קענען פירן דאָס שיפל?

— מען דאַרף פּרווון. באַלד פאַלט צו די נאַכט. ווער ווייסט צי עס וועט נאָך עמעצער קומען.

דער מענטש גיט ווידער אויף מיר אַ קוק, פאַרקאַשערנדיק זיך די הויזן און זאָגט:

— איך זע, אַז דו ביזט נישט קיין היגער; ווייניקסטנס נישט פון אונדזער געגנט. פון וואַנען קומסטו?

— איך קער זיך אום פון מיליטער דינסט.

דער מענטש לייגט אַוועק דאָס היטל אין שיפל, ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דעם קאָפּ צו פאַרוואַרפן זיינע האָר אויף הינטן, זיי זענען געווען זילבערנע איבערגע־פלאָכטענע מיט שוואַרצע פעדים, און גיט מיר אַ ווונק מיט דעם אויג, ווייזנדיק זיינע אויסגעגעסענע ציין:

— אויף אורלויב אָדער... אַנטלאָפן?

— דעמאָביליזירט. מיין פּאָלק איז אויפגעלייזט געוואָרן.

— אַזוי! דאָס קען הייסן אַ פולשטענדיקער אורלויב...

מיר זעצן זיך ביידע אַריין לעבן די וועסלעס. דער דאָן שלעפּט אונדז שפּילנדיק ביז צו די יונגע בוימלעך פון דעם פאַרפלייצטן וואַלד, וואָס געפינט זיך אויף דעם צווייטן ברעג. מיט אַ טרוקענעם געררויש וואַשט דאָס וואַסער דעם צעשפּאָלטענעם שיף־שנאָבעל. די באַרוויסע פיס פון דעם פישער, וואָס זענען געשטרייפט מיט בלויע אָדערן, ווייזן בינטלעך דיקע מוסקולן. די פיאַטעס, בלויע פון קעלט, זענען קלעפּיק פון האַלטן זיך אויף די גליטשיקע ברעטער. זיינע הענט זענען לאַנגע און ביינערדי־קע: די פינגער קנאָטיקע. אַ מאָגערער און טרוקענער רודערט ער פעסט מיט דער פלייצע איינגעבויגן, אָבער די וועסלע וואָס שניידט געניט די רוקנס פון די כוואַליעס, בלייבט פלוצים שטעקן אין וואַסער.

איך הער דאָס סימעטרישע און פרייע אָטעמען פון דעם מענטשן. זיין געשטריק־טע וואָלענע בלוזע לאָזט אַרויס אַ שטאַרקן ריח פון שווייס, טאַבאַק און וואַסער. פלו־צים לאָזט ער אָפּ די וועסלע און דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר:

— מיר דאַכט זיך אַז מיר שווימען נישט פאָרויס, נאָר אַז מיר ווערן געשטויסן צום וואַלד צו. אַ שלעכט געשעפט!

דאָס שיפל האָט פלוצים אָנגעהויבן גיין אויף צוריק, געשלעפּט פון אַ אימ־פּעטפולן שטראָם, האָט זיך געגעבן אַ שרעקלעכן דריי און האָט זיך אָנגעהויבן גליט־שן אין דער ריכטונג פון דעם וואַלד.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן מיר זיך געפונען פאַרסטרענעט צווישן די ביימער פון דעם פאַרפלייצטן וואַלד. די וועסלעס האָבן זיך צעבראָכן. צעבראָכענע האָבן זיי אַראָפּגעהאַנגען פון די לעכער און האָבן זיך געהוידעט אַהין און אַהער. דאָס וואַסער האָט מיט אַ רעש זיך אַריינגעריסן אין שיפל דורך אַ שפּאַלט אין דנאָ. מיר זענען אַרויף אויף אַ בוים, גרייטנדיק זיך צו פאַרבלייבן דאָרט איבער נאַכט. דער שיפער איז געזעסן לעבן מיר מיט די פיס אָנגעשפּאַרט אין אַ צווייג. ער האָט געזויגן די ליולקע, האָט גערעדט און האָט געהערט דאָס זשומען פון די ווילדע גענדז בשעת זיי האָבן אין זייער פלי דורכגעשניטן די געדיכטע פינסטערניש איבער אונדזערע קעפּ.

— אַזוי, אַזוי; פאַרסטו אַהיים צו זען דיין פאַמיליע; די מאַמע וועט, פאַרשטייט זיך, וואַרטן אויף דיר. אַט קומט אַהיים דער זון, דער ברויט געבער; וועט זיך דער־פרייען דאָס אַלטע האַרץ. יאָ... אָבער דו, פאַרשטייט זיך, טראַכסט גאָר נישט אַז דיין מאַמע ליידט צוליב דיר בייטאָג און וויינט מיט ביטערע טרערן ביינאַכט, גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט... אַזוי זענט איר אַלע ליבע קינדערלעך; אַזוי זענט איר אַלע... כל זמן איר האָט נישט קיין אייגן קינדעלע וואָס איר האָט אַליין געפלעגט און אויסגע־האָדעוועט, פעלט אייך דאָס געפיל צו פאַרשטיין די ליידן פון אייערע עלטערן, וואָס יעדע מאַמע און יעדער טאַטע טראָגן איבער צוליב קינדער!

אַמאָל טרעפט אַז ביים צעשניידן אַ פיש, צעקוועטשט די פרוי די גאַל פון דעם פיש. אויב דו פאַרזוכסט דאַן די יויך, פילסטו אַז זי איז אַזוי ביטער אַז דו קענסט איר נישט עסן. מיט מיר קומט פאָר אויך אַזוי. איך לעב, אָבער איך בין פאַרמשפּט אַראָפּצושלינגען דאָס ביטערסטע. איך האַלט עס אויס. איך טראָג עס איבער מיט גע־דולד, אָבער טייל מאָל טראַכט איך: לעבן, לעבן! ווען קומט דיין ערנסטער סוף?

דו ביסט נישט קיין היגער, ביסט אַ פרעמדער. זאָג מיר צי וואָלט נישט בעסער געווען ווען איך פאַרצי מיט אַ שטריק אַרום קאַרק.

איך האָב אַ טאָכטער; נאַטאַשאַ הייסט זי. זי דאַרף ווערן זיבעצן יאָר. און זי זאָגט מיר: „טאַטע, עס עקלט מיר צו עסן מיט דיר ביי דעם זעלבן טיש. ווען איך זע דיינע הענט — זאָגט זי מיר — דערמאָן איך מיר אַז מיט די הענט האָסטו דערהרגעט די ברידער, און עס קערן זיך אין מיר די קישקעס.

אָבער די שעלמע פאַרשטייט נישט צוליב וועמען דאָס איז געשען. אַז דאָס איז געשעען צוליב איר טאַקע, צוליב די קינדער.

איך האָב פרי חתונה געהאַט, און גאָט האָט מיר געגעבן אַ פרוי וואָס איז געווען אַזוי פרוכטבאַר ווי אַ קראָליכע. אַכט פּיקערס האָט זי מיר געבראַכט איינס נאָך דאָס אַנ־דערע, און ביים געבוירן דאָס ניינטע איז זי געשטאָרבן. די קימפּעט איז דורך בשלום, אָבער אין פינף טעג אַרום האָט איר אַ קדחת צוגעכאַפּט. דאַן בין איך געבליבן איי־נער אַליין. פון די קינדער האָט גאָט נישט צוגענומען קיין איינס, כאָטש איך האָב אים שטאַרק געבעטן ער זאָל עס טון... דער עלטסטער איז געווען איוואַן, געווען געראָטן אין מיר: שוואַרצע האָר, אַ רעגולער פּנים, אַ בראַווער קאָזאַק און אַן אַרבעטזאַמער. דאָס אַנדערע קינד איז געבוירן געוואָרן מיט פיר יאָר שפּעטער פון איוואַנען. דער איז געווען געראָטן אין דער מוטער: אַ קליינער, מיט אַ בייכל, מיט געלע האָר אַזוי ווי ווייץ, כמעט ווייסע, און אויגן בלויליך גרויע. געהייסן האָט ער דאַנילאָ און איז געווען דאָס קינד וואָס איך האָב אַמבעסטן געליבט. פון די איבעריקע זיבן, זענען די עלטערע געווען מיידלעך און די איבעריקע קליינע ווערימלעך...

— איוואַנען האָב איך חתונה געמאַכט אין אונדזער דאָרף, און באַלד האָט ער אויך געהאַט אַ קינד. פאַר דאַנילאָן האָב איך אויך געזוכט עפּעס לייטיש, זענען אַנ־

געקומען די אומרויִקע צייטן. אין אונדזער דאָרף איז פאַרגעקומען אַן אויפשטאַנד קעגן דער סאָוועטישער מאַכט. דאַן איז איוואַן געקומען צו לויפן און האָט געשריגן:

— טאַטע, קום, לאָמיר גיין מיט די רויטע. איך בעט דיר אין קריסטוסעס ווילן! לאָמיר פאַרטיידיגן די רויטע, ווייל זיי זענען זייער גערעכט".

דאַנילאַ האָט אויך געפּרוווט מיך איבערצייגן. זיי האָבן מיך אַ סך געבעטן, אָבער איך האָב זיי געזאָגט:

— זעט קינדער, איך צווינג אייך צו גאָרנישט. גייט וווהין איר ווילט. איך בלייב דאָ, חוץ אייך האָב איך נאָך זיבן מיילער, און מען דאַרף זיי אַלעמען געבן עסן.

— זענען זיי אַוועק פון דער היים. אין דאָרף האָט זיך דער עולם באַוואָפנט, יע־דער מיט וואָס ער האָט געקענט. מיך האָט מען אויך געכאַפּט. אויף דעם פראָנט! איך האָב זיי געזאָגט אויף דעם קאָנצענטראַציע־פּונקט:

— פריינט, אַלע ווייסט איר אַז איך בין אַ טאַטע פון אַ פאַמיליע: זיבן קינדער האָב איך געלאָזט אין דער היים זיך וואַלגערן אויף די ווערעטעס. אויב איך וועל שטאַרבן טאָ ווער וועט אויף זיי אַכטונג געבן?

— מען האָט מיך געלאָזט רעדן וויפיל איך האָב געוואָלט, אָבער עס איז געווען אומזיסט. אַן רחמנות האָט מען מיך געכאַפּט און אַוועקגעשיקט אויף דעם פראָנט.

די פּאָזיציע איז נישט געווען ווייט פון אונדזער דאָרף.

און אין איין טאָג, ריכטיק ערב פּאַסכע, האָט מען אונדז געבראַכט ניין געפאַנ־גענע. צווישן זיי איז געווען דאַנילושקאַ, מיין ליבער זוהן. מען האָט זיי דורכגעפירט איבער דעם מאַרק זיי פאַרצושטעלן דעם קאָמאַנדאַנט. די קאָזאַקן זענען אַרויס פון זייערע הייזער, אַנמאַכנדיק אַ גיהנום־גערודער.

— מען דאַרף דערהרגענען די דאָזיקע הינט! ווען מען וועט זיי שפּעטער פירן אויף דעם פאַרהער. וועלן מיר זיי אָפּדרייען די קעפּ!

— איך שטיי אין מיטן, אַ צוטומלטער, די קני ציטערן מיר, אָבער איך פּרוּוו זיך מאַכן נישט ווויסנדיק ווי עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פון דער סכנה פאַר דאַנילאָן, מיין זון. איך באַמערק ווי די קאָזאַקן שעפּטשן זיך און ווייזן מיר אָן מיטן קאָפּ. נאָך דעם קומט צו מיר צו אַרקאַשאַ, דער אונטער אָפיציר און זאָגט מיר:

— לאָמיר הערן, מיקישאַראַ. דו ווילסט זיין אַנוועזנד ווען מיר וועלן איבער־געבן דעם פּאַספּאָרט די רויטע?

— אודאי וויל איך זיין! אַזעלכע געמיינע קערלען! — האָב איך געענטפערט.

— גוט, אַט האָסטו אַ באַגנעט, בלייב היטן ביים אַריינגאַנג.

— און נאָך דעם גיט ער אויף מיר אַזוי אַ קוק:

— מיר האַלטן אויף דיר אַן אויג, מיקישארא, און שלאָף נישט, פריינדעלע, ווייל עס קען זיך נאָך פאַר דיר אויסלאָזן זייער שלעכט.

— שטיי איך אַזוי פאַר דער טיר און אין מיין מוח לויפט דורך אַ געדאַנק: מאַמע אין הימל, הייליקסטע בתולה! איך וועל דאַרפן טויטן מיין אייגענעם זון?

— אין קאַנצעלאַריע שרייט מען וואָס אַמאָל העכער. מען פירט אַרויס די געפאַנגענע. דער ערשטער איז דאַנילאָ. הערזעענדיק אים ווערט מיר קאַלט אין אַלע אברים. זיין קאָפּ איז געווען געשוואָלן ווי אַ באַרילעכל און די הויט אָפּגעשונדן. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן און האָט אים פאַרקליסטערט דאָס גאַנצע פּנים. אין די האָר זיינע איז געווען איינגעקלאַפּט וואָלענע הענטשקעס, מיט וועלכע מען האָט אים פאַרדעקט די סימנים פון די בינטלעך האָר וואָס מען האָט אים אַרויסגעריסן ביים שלאָגן. די הענטשקעס האָבן איינגעזאַפּט דאָס בלוט, און האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די האָר. אַזוי האָט מען אים געפייניקט נאָך אויף דעם וועג אין דאַרף אַריין. מיין דאַנילאָ ער וויל מיר אַ שמייכל טאָן, אָבער די אויגן זענען פאַרבונדן און איין אויג איז פולשטענדיק פאַרדעקט פון אַ בלוט־קנויל.

עס איז ביי מיר נישט געווען קיין ספק אַז אויב איך וועל אים נישט דערלאַנגען אַ קלאַפּ וועט דער עולם פון דאָרף מיך דערהרגענען אויף דעם שטעל. מיינע קינדערלעך וועלן בלייבן יתומים אויף גאָטס וועלט.

ווען דאַנילאָ איז צוגעקומען דאָרט וווּ איך בין געשטאַנען, האָט ער מיר געזאָגט: „טאַטע, טאַטעלע, זיי געזונט! די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער די באַקן אָפּוואַשנדיק דאָס בלוט. און איך... איך האָב נישט געקענט אויפהויבן די האַנט. אַזוי שווער איז זי מיר געוואָרן. אַזוי ווי אַ קלאָץ. איך האָב געהאַלטן דעם באַגנעט מיט אַ שטאַרקער האַנט. מיט דעם פריקלאַד האָב איך מיין קינד דערלאַנגט אַ זעץ... אָט דאָ... איבער דעם אויער... ער האָט אָנגעהויבן שרייען — אוי, אוי־אוי־אוי!... — האָט זיך מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים און איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד.

מיינע קאָזאַקן האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:

— דערלאַנג אים מיקישאַרא, דערלאַנג אים: ביסט עפּעס צו דעליקאַט מיט דיין דאַנילאָן דערלאַנג אים, אַז נישט וועלן מיר פון דיר אָפּשינדן דאָס פעלעכל.

— דער קאָמאַנדאַנט האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל און האָט אין אַ שטרענגן טאָן עפּעס אַ זאָג געטאָן דער חברה, דאָס איז געווען גלאַט אַזוי אַ אָנשטעל. אָבער זיינע אויגן האָבן געלאַכט.

דאַן האָבן זיך די קאָזאַקן אַ וואָרף געטאָן אויף די געפאַנגענע און האָבן זיי אָנגעהויבן לעכערן מיט די באַגנעטן. עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן, אָבער איך האָב פון דעסטוועגן געזען אויף וואָס פאַר אַ אָרט זיי האָבן געשלעפּט מיין דאַנילאָן. דער אונטער אָפיציר האָט אים אַריינגעשטעקט דעם באַגנעט אין גאָרגל. דאַנילאָ האָט מער נישט געזאָגט ווי: קררר...״

אונטער דעם דרוק פון דער וואַסער האָבן געקרעכצט די ברעטער פון שיפל; דער שטאָם פון בוים האָט שטיל געזיפצט אונטער אונדז.

מיקישאַראַ האָט געפּרוווט דערלאַנגען מיט דעם פוס דעם שיף־שנאָבל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם וואַסער, און ער האָט געזאָגט אָפּטרייסלענדיק דאָס הייסע אַש פון דער ליולקע:

אונדזער שיפל זינקט. מיר וועלן דאַרפן בלייבן זיצן אויף דעם בוים ביז מאָרגן אַ האַלבן טאָג. אַ הינטיש מזל!

אַ ווײַלע איז ער געבליבן שטיל. נאָך דעם האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ צוגעדעמפּטער שטימע:

— מיר האָט מען דערפאַר געמאַכט פאַר אַן אויבערשטן זשאַנדאַר. זייט דאָן זענען שוין אַ סך וואַסערן פאַרלאָפן איבער דעם דאָן, אָבער נאָך היינט הער איך בײַ־נאַכט אַ מין כאָרכלען פון אַ גוסס. פּונקט ווי בעת איך האָב געהערט דאַנילאָן.

אַזוי פּײַניקט מיך מײַן געוויסן.

ביז דעם פרילינג האָבן מיר געהאַלטן דעם פראָנט קעגן די רויטע. שפּעטער איז צו אונדז אַריבערגעקומען דער גענעראַל סעקרעטיוו, האָבן מיר אים געצוווּנגען זיך צוריקציִען ביז פון יענער זייט דאָן, ביז סאַראַטאָווער גובערניע.

כאָטש איך בין געווען אַ טאַטע פון קינדער, האָט מען מיך נישט באַפרייט פון קיין זאַך, ווײַל מײַנע זין זענען געווען מיט די רויטע.

מיר זענען געקומען אין דער שטאָט באַלאַשאָוו. פון דעם עלטסטן זון איוואַן האָב איך גאָרנישט געהערט און געוווּסט. אָבער פּלוצים האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די קאָזאַקן — דער טײַוול ווייסט ווי אַזוי מען האָט זיך דערפון דערוווּסט — אַז איוואַן איז אַוועק מיט די רויטע, אַרײַנטרעטנדיק אין דער 36־טער קאָזאַקישער באַטעריע.

די לײַט פון דאָרף האָבן געדראָעט: אַז מיר וועלן פאַקן וואַנקען, וועלן מיר אים געבן קיִען ערד.

מיר קומען אין אַ דאָרף און אָט לאַגערט דאָרט די 36טע באַטעריע. באַלד כאַפּט מען מײַן וואַנקען, מען בינדט אים און מיט סטוסאָקעס ברענגט מען אים אין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט מען אים געגעבן שרעקלעכע שמיץ און שפּעטער זאָגט מען מיר:

— נעם פיר אים אין פּאָלקאָוואָי שטאָב!

דער פּאָלקאָוואָי שטאַב האָט זיך געפונען מיט אַ צוועלף וויאָרסט ווײַטער פון דעם דאָרף. אונדזער סאָטניק האָט מיר איבערגעגעבן די פּאַפּירן און האָט מיר געזאָגט, אָפּקערנדיק פון מיר די אויגן:

— אָט האָסטו די פּאַפּירן, מיקישאַראַ. פיר אַוועק דעם בחור אין שטאַב אַרײַן. מיט דיר וועט ער גיין גוט, פון די הענט פון זײַן טאַטן וועט ער נישט אַנטלויפן.

דאַן איז צו מיר געקומען אַ געטלעכער געדאַנק. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געוואָלט. מען האָט מיך געשיקט אים באַגלייטן ווײַל מען האָט געטראַכט אַז איך

זועל לאָזן מיין זון אַנטלויפן. שפּעטער וועט מען אים כאַפּן און מען וועט אונדז ביידע געבן דעם פּאַספּאָרט.

איך בין אַריין אין צימער ווו איוואַן איז געזעסן פאַרשלאָסן און איך האָב גע־זאָגט צו די וואָס האָבן געהאַלטן וואַך:

— גיט מיר איבער דעם אַרעסטירטן. איך דאַרף אים אָוועקפירן אין שטאָב אַריין.

— פון אונדזערט וועגן, קענסטו אים נעמען — האָבן זיי געזאָגט — אונדז איז אַלץ איינס.

איוואַן האָט אַרויפגעוואָרפן דעם מאַנטל אויף די אַקסלען, האָט געכאַפּט דאָס היטל, האָט עס צוויי דריי מאָל איבערגעדרייט אין די הענט און האָט עס אַ שליידער געטאָן אויף דער באַנק.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם דאָרף. דער וועג האָט זיך געצויגן איבער אַ באַרג. איך האָב געשוויגן. אַ סך מאָל האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ, איך האָב גע־וואָלט זען צי מען קוקט אונדז נאָך. אַזוי זענען מיר אָפּגעגאַנגען אפשר אַ האַלב וועג. מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ קלויסטער. הינטער אונדז האָט מען גאָרנישט געזען. דאָ האָט זיך וואַנקאַ אויסגעדרייט צו מיר. ער האָט מיר געזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— טאַטע, אין שטאָב וועט מען מיך דערהרגענען. דו פירסט מיך צום טויט. שלאָפט אַלץ דיין געוויסן?

— ניין, וואַניאַ — האָב איך אים געזאָגט, — מיין געוויסן שלאָפט נישט.

— האָסט אויף מיר נישט קיין רחמנות?

— מיין רחמנות, זון מיינער, איז אַזוי גרויס, אַז מיין האַרץ פּלאַצט פאַר ווייטיק.

— אויב דו האָסט רחמנות, לאָז זשע מיך אַנטלויפן, זע, איך האָב נאָך ווייניק געלעבט אויף דער וועלט.

ער איז געפאַלן אויף דער קני, אַראָפּבויגנדיק זיך דריי מאָל ביז צו דער ערד.

— לאָמיר, זון מיינער, צוגיין ביז דעם אָפּהאַנג, דאַן וועסטו אַנטלויפן, און איך וועל לפנים אַ פּאָר מאָל אויסשיסן.

און, מערקווירדיק, ווען ער איז געווען אַ קינד האָט מען מיט צווענגעס נישט גע־קענט אַרויסציען ביי אים קיין גוט וואָרט. אַצינד איז ער מיר געפאַלן אויף דעם האַלדז און האָט מיר געקושט די הענט. . .

מיר זענען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר ווי‍אָרסט. ער האָט געשוויגן. איך האָב אויך געשוויגן. מיר זענען צוגעקומען צום אָפּהאַנג. איוואַן איז געבליבן שטיין.

— אַלזאָ, טאַטעלע, זיי געזונד. אַז מיר וועלן ביידע אַרויס מיט דעם לעבן, וועל איך דיך היטן ביז דעם טויט אַריין. וועסט קיין מאָל פון מיר נישט הערן קיין שלעכט וואָרט.

ער האָט מיך אַרומגענומען. מיין האַרץ האָט זיך געהאַלטן ביי אָפּרייסן.

— לויף, זונעלע — האָב איך אים געזאָגט.

ער איז געלאָפן באַרג אַראָפּ. עטלעכע מאָל האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, און האָט געמאַכט צו מיר מיט דער האַנט. איך האָב אים געלאָזט לויפן צוואַנ־ציק סאַזשען. נאָך דעם האָב איך גענומען די ביקס, האָב אָנגעשפּאַרט אַ קני אין דער ערד, עס זאָל מיר נישט ציטערן די האַנט, און האָב אַ דרוק געטאָן דאָס צינגל... דער שאָס האָט אים געטראָפן דירעקט אין אונטן.

מיקישאַרא האָט לאַנג געזוכט די קראַסילע אין זיין קעשענע, האָט באַזאַכט אַרויסגעשלאָגן פייער פון דעם קרעמען, האָט פאַמעלעך פאַררויכערט זיין ליולקע און האָט געגעבן עטלעכע געשמאַקע צי. אין דער דלאָניע האָט ער געהאַלטן דעם קנויט, וואָס האָט געברענט אָן אַ פלאַם. די מוסקולן פון זיין פּנים האָבן געצוקט. פון אונטער די געשוואָלענע אויגעזלעפּלעך האָבן אַפּיר געקוקט קאָסאָקע אייגעלעך מיט אַ שטרענגן אויסדרוק, און אָן חרטה.

— דאַן... האָט ער געגעבן אַ שפּרונג און איז אָפּגעלאָפן נאָך אַ פּאָר סאַזשן. נאָך דעם האָט ער ביידע הענט צוגעדריקט צום בויך און האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— טאַטע... פאַרוואָס?

ער איז אומגעפאַלן אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבן וואַרפן מיט די פיס. איך בין צו אים צוגעגאַנגען. האָב זיך איבערגעבויגן איבער אים. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן. אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן שוימיק בלוט. איך האָב געמיינט: אַן עק, ער שטאַרבט. אָבער ער איז ווידער געקומען צו זיך. פּלוצים האָט ער געזאָגט, וועלנדיק אָנכאַפּן מיר די האַנט:

— טאַטע, איך האָב אַ זון און אַ פרוי. . .

זיין קאָפּ האָט זיך אים אַראָפּגעלאָזט אויף איין זייט ער האָט געוואָלט פאַרדעקן די וווּנד מיט די פינגער. אָבער עס איז געווען אוממעגלעך... דאָס בלוט האָט זיך גע־גאָסן צווישן די פינגער. . . ער האָט זיך געקרעקט. ער איז אַוועקגעפאַלן אויף די פּלייצעס און האָט מיך אָנגעקוקט שטרענג, אָבער די צונג האָט זיך שוין שווער באַ־וועגט. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט בלויז געקענט אַרויסשטאַמלען:

— טאַ ־ טע, טאַ ־ טאַ ־ טע. . .

— מיר האָבן געגאָסן די טרערן פון די אויגן און איך האָב אים געזאָגט:

— וואַניושאַ: אמת, דו האָסט אַ ווייב מיט אַ זון. איך האָב זיבן. ווען איך זאָל דיך געווען פריי לאָזן, וואָלטן די קאָזאַקן מיך געווען דערהרגעט, און די קינדער וואָלטן באַדאַרפט גיין בעטלען.

— ער האָט נאָך אַ מאָמענט געלעבט און נאָך דעם איז ער געשטאָרבן, האַלטנדיק מיין האַנט אין זיינער. איך האָב אים אויסגעטאָן דאָס מאַנטל און די שטיוול, האָב אים פאַרדעקט דאָס פּנים מיט אַ שמאַטע און האָב זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין. . .

און אַצינד זאָג דו גוטער מענטש: פאַר די קינדער בין איך אַזוי פיל אָפּגעקומען אַז די האָר זענען מיר גרוי געוואָרן... איך אַרבעט פאַר זיי, כדי עס זאָל זיי נישט פעלן

קיין שטיקל ברויט. איך רו נישט בייטאָג און ביינאַכט... און נאָך אַלעמען זאָגן זיי מיר ווי מיין טאָכטער נאַטאַשאַ:

עס איז מיר דערווידער, טאַטע, צו עסן מיט דיר ביי איין טיש. . .

„ווי קען מען דאָס אויסהאַלטן?...

דער שיפער מיקישאַראַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָך דעם האָט ער אויף מיר אַ שווערן און שאַרפן קוק געטאָן. הינטער אים האָט זיך אָנגערוקט אַ כמורנער, נעפּלדיקער בין השמשות. פון דעם רעכטן ברעג טייך, פון דעם שוואַרצן הויפן טאָ־פּאָלן, האָט זיך דערהערט שלעפּערדיק און הייזעריק פון קעלט אַ קול, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין ביטן דעם קוואָקען פון קאַטשקעס:

— מיקישאַראַ! טייוול! גיכער, דאָס שיפל!. . .

איוואַן קאַנקאַר

איוואַן קאַנקאַר איז איינער פון די אָנ־געזעענסטע יוגאָסלאַווישע שרייבער. ער איז באַרימט אַלס נאָוועליסט, דראַמאַטורג און שרייבער פון קורצע דערציילונגען. איוואַן קאַנקאַר איז געבוירן געוואָרן אין דער ענדע פונעם 19טן יאָרהונדערט (גענוי וועז, איז נישט באַוווסט), און איז געשטאָרבן אין 1919.

קינדער און אַלטע

יעדע נאַכט אײדער זיי פלעגן גיין שלאָפן, זענען די קינדער געוווינט געווען זיך אַביסל דורכפּלוידערן. אָוועקזעצנדיק זיך אויף דעם ברעג פון דעם ברייטן אויוון, האָבן זיי גערעדט וועגן אַלץ וואָס איז זיי געקומען אין קאָפּ אַריין. דורך דעם טונקעלן פענסטער האָט דער בין־השמשות אַריינגעקוקט אין צימער אַריין מיט שלעפערדיקע אויגן. פון אַלע ווינקלען האָבן זיך אויפגעהויבן שטילע שאָטנס, און געבראַכט מיט זיך מאָדנע מעשות.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַלץ וואָס איז געקומען אין זייערע קעפּלעך, אָבער אין זייערע קעפּלעך זענען געקומען בלויז שיינע געשיכטעס פון זונשיין און וואַרימקייט געמישטע מיט ליבע און האָפענונג. די גאַנצע צוקונפט איז געווען איין לאַנגער ליכ־טיקער יום טוב. דאָרט אויבן, ערגעץ אונטערן געבלימלטן פאָרהאַנג, האָט דאָס גאַנ־צע לעבן, דאָס שטראַלנדיקע און פולסירנדע, געשטראַמט פון דער ליכט אין דער לויטערקייט. ווערטער זענען געווען אַרויסגעשעפּטשעט און בלויז אויף אַ העלפט פאַרשטענדלעך. קיין מעשה האָט נישט געהאַט קיין אָנהויב, און אויך קיין באַשטימטע פאָרם. קיין מעשה האָט נישט געהאַט קיין סוף. צייטנווייז פלעגן אַלע פיר קינדער רעדן פאַר אַמאָל, און דאָך האָבן זיי נישט איבערגעשלאָגן איינס דאָס אַנדערע. אַלע האָבן זיי געקוקט באַצויבערטע אין אַ פּרעכטיקער הימלישער שיין ווו יעדעס וואָרט איז געווען קלאָר און אמת, ווו יעדע מעשה האָט געהאַט אַ קלאָרע, לעבעדיקע צורה, און יעדע דערציילונג אַ גלאָרייכן סוף.

די קינדער זענען אַזוי ענלעך געווען איינער צום אַנדערן אַז אין טונקעלן בין השמשות האָט דאָס געזיכט פון דעם יונגסטן, פיר יאָריקן טאָנטשעק, נישט געקענט אונטערשיידט ווערן פון דער צען יעריקער לאַיזקען, דער עלטסטער.

אַלע האָבן געהאַט מאָגערע, שמאָלע און לאַנגע געזיכטער, מיט ברייט־צועפּנטע אויגן — דורכדרינגנדיקע אויגן.

יענעם אָוונט האָט עפּעס אומבאַוווּסטעס פון אַ נישט־דאָיק אָרט דערגרייכט מיט ברוטאַלער האַנט אין יענער הימלישער שיין און האָט אומברחמנותדיק אַ זעץ געטאָן איבער די ימים טובים, מעשיות און לעגענדעס. די פּאָסט האָט געבראַכט אַ ידיעה אַז דער טאַטע „איז געפאַלן" אויפן איטאַליענישן פראָנט. עפּעס אַן אומבאַוווּסט, נייעס, מאָדנע, אין גאַנצן אַן אומפאַרשטענדלעכס איז אויסגעוואַקסן פאַר זיי. עס איז דאָרט געשטאַנען, הויך און גרויס, אָבער אָן אַ פּנים, אויגן אָדער אַ מויל. צו גאָרנישט האָט עס נישט געהאַט קיין שייכות, נישט צו יענעם רוישיקן לעבן וואָס איז פאַר דעם קלויסטער און אויף דער גאַס, און אויך נישט צו יענעם וואַרימען בין השמשות אַרום דעם אויוון, ווי אויך נישט צו די מעשיות.

עס איז נישט געווען פריידיק, אָבער אויך נישט באַזונדערס טרויעריק, ווייל עס איז געווען טויט; וואָרעם עס האָט נישט געהאַט קיין אויגן עס זאָל דורך זייערע בליקן קענען אַנטפּלעקן פאַר וואָס און פון וואַנען, און קיין מויל עס זאָל קענען דער־קלערן מיט ווערטער. דער געדאַנק איז געשטאַנען באַשיידן און שרעקנדיק פאַר יע־נעם אומגעהויערן געשפּענסט, ווי פאַר אַ גרויסער שוואַרצער וואַנט, באַוועגלאָז. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער וואַנט און געשטאַרצט אויף איר די אויגן שטום און טעמפּ.

אָבער ווען וועט ער קומען צוריק? — האָט געפרעגט טאָנטשעק, מיט פאַרוווּנ־דערונג.

לאַיזקאַ האָט אים אַ שטורכע געטאָן מיט אַ צאָרנדיקן בליק. „ווי קען ער צוריק קומען אַז ער איז געפאַלן?

אַלע זענען שטיל געבליבן. זיי זענען געשטאַנען פאַר יענער גרויסער שוואַרצער וואַנט, און וואָס איז פון יענער זייט האָבן זיי נישט געקענט זען.

„איך גיי אויך אין דער מלחמה! — האָט אומדערוואַרטעט אויסגערופן דער זיבן יאָריקער מאַטיק, גלייך ער זאָל גיך געווען כאַפּן דעם ריכטיקן געדאַנק. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען אַלץ וואָס איז נויטיק געווען צו זאָגן.

— דו ביסט צו קליין, האָט אַרויסגעזאָגט דער פיר־יאָריקער טאָנטשעק מיט אַ טיפער שטימע. טאָנטשעק איז נאָך געגאַנגען אין אַ בונדעלע!

מילקע, די קלענסטע און שוואַכסטע פון זיי, וועלכע איז געווען איינגעהילט אין איר מאַמעס גרויסן שאַל און איז ענלעך געווען אויף אַ קלימעק פון אַ רייזנדן, האָט געפרעגט מיט איר קליין צאַרט שטימעלע פון ערגעץ פון די שאָטנס:

— וואָס איז עס אַזוינס מלחמה? דערצייל אונדז מאַטעק, דערציילט אונדז יענע מעשה!?

מאַטעק האָט דערקלערט:

—גוט, מלחמה איז דאָס: מענטשן שטעכן זיך איינס דאָס אַנדערע מיט מעסערס, זיי צושניידן זיך איינס דאָס אַנדערע מיט די שווערדן, און שיסן זיך איינס דאָס אַנ־דירע מיט די ביקסן. וואָס מער מען שטעכט און מען צושניידט, איז אַלץ בעסער. קיי־נער וועט דיר גאָרנישט זאָגן, ווייל אַזוי דאַרף צו זיין. דאָס איז מלחמה״.

— אָבער פאַר וואָס שטעכן זיי און צושניידן זיך איינס דאָס אַנדערע?, — האָט מילקע ווידער געפרעגט.

— פאַרן קיסר — האָט מאַטעק געזאָגט, און אַלע זענען שטיל געבליבן.

אין דער טונקעלער ווייטקייט, פאַר זייערע פאַרנעפּלטע אויגן, האָט זיך באַוויזן עפּעס מעכטיקס, וואָס האָט געלויכטן מיט דער שיין פון רום. זיי זענען געזעסן באַ־וועגלאָז, זייער אָטעם האָט נישט געוואגט אַרויסצוגיין דורך זייערע מיילער.

דאַן האָט מאַטעק ווידער אויף גיך צונויפגענומען זיינע געדאַנקען; מעגלעך טאַ־קע צו פאַרטרייבן די שטילקייט וואָס האָט אַזוי שווער געהאָנגען איבער זיי.

— איך גיי אויף דער מלחמה קעגן שונא.

— ווי אַזוי זעט אויס דער שונא? האָט ער הערנער? — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן דאָס דינע קעלכעלע מילקעס.

— פאַרשטייט זיך אַז ער האָט, אלא נישט טאָ ווי וואָלט ער געקענט זיין דער שונא? — האָט ערנסט, שיעור נישט מיט כעס געענטפערט טאָנטשעק. און איצט האָט אפילו מאַטעק אַליין נישט געוווסט דעם ריכטיקן ענטפער.

— איך גלייב נישט ער — ער זאָל זיי האָבן! האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַמעלעך, נישט זיכער.

— ווי קען ער האָבן הערנער? ער איז דאָך אַזאַ מענטש ווי מיר, — האָט געזאָגט לאַיזקע נישט ווילנדיק. נאָך דעם, טראַכטנדיק אַביסל, האָט זי צוגעגעבן, — ער האָט בלויז קיין נשמה נישט.

נאָך אַ לאַנגע פּויזע האָט טאָנטשעק געפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי פאַלט אַ מענטש אין דער מלחמה? אַזוי, אויף צוריק? און ער האָט געוויזן ווי אַזוי.

— זיי דערהרגענען אים אויף טויט — האָט רויק דערקלערט מאַטעק.

— דער טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען אַ ביקס.

— ווי קען ער דיר ברענגען אַ ביקס אַז ער איז געפאַלן? — האָט לאַיזקע שאַרף אים אָפּגעענטפערט.

— און זיי האָבן אים דערהרגעט אויף טויט?

— אויף טויט.

דורך די יונגע און ברייט צעעפנטע אויגעלעך האָבן שטילקייט און צער אַרויס־געבליקט אין דער פינסטערניש, און עפּעס אַן אומבאַוווסטס, וואָס איז פאַר דעם מוח און האַרצן אומבאַגרייפלעך.

איוואַן קאַנקאַר

אין דער זעלבער צייט זענען אויף דער פּריזבע וואָס פאַר דער הייזקע געזעסן דער זיידע מיט דער באָבע. די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער זון האָבן געגליט דורך די טונקעלע בלעטער פון גאָרטן. דער פאַרנאַכט איז געווען אַ שטילער, עס האָט זיך בלויז געהערט אַ פאַרשטיקט לאַנג שלוכצן, אַ הייזעריקס שוין, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון שטאַל. גאַנץ וואַרשיינלעך איז עס געווען דאָס קלאָגן פון דער יונגער מוטער וואָס איז אַהין אַוועק געבן עסן די בהמות.

דאָס אַלטע פּאָר פאָלק איז געזעסן טיף געבויגן, איינס לעבן דאָס אַנדערע און האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי זיי האָבן שוין לאַנג נישט געטאָן. זיי האָבן געקוקט אויף דער הימלישער שקיעה מיט אויגן אָן טרערן, און האָבן נישט גערעדט.

פראַנסיסקאָ גאָמעס דע קעוועדאָ אי ווילליעגאַס

(געבוירן אין 1580 — געשטאָרבן אין 1645)

„דער גרעסטער שפּאַנישער פּראָזע־שרייבער פונעם 17טן יאָרהונדערט נאָך סערוואַנטעסן", ווי עס באַצייכנט אים פיטץ־מאָריס קעלי, איז געבוירן געוואָרן אין מאַדריד ווו זיין פאָטער איז געווען סעקרעטאַר פון פיליפּ דעם צווייטנס פערטער ווייב.

דער פּאָעט און סאַטיריקער האָט שטודירט אין דעם אוניווערסיטעט פון אלקאלא, ווו ער דערלערנט קלאַסישע און מאָדערנע לשונות — איטאַליעניש, פראַנצויזיש, העברעיש און אַראַביש; פילאָסאָפיע טעאָלאָגיע, יורי און עקאָנאָמיע.

ווען קעוועדאָ איז אַלט געווען 21 יאָר האָט ער געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם געלערנטן יוסטוס ליפּסיוס וועגן פּראַגן פון גריכישער און לאַטיינישער ליטעראַטור.

זיין סאַטירע און הומאָר האָט נישט רעספּעקטירט קיין מאַן און קיין קלאַס — זיין שאַרפע פעדער האָט געשריבן קעגן פּאָליטיק, סאָציאַלער עקאָנאָמיע, מלחמה, פינאַנצן, ליטעראַטור און רעליגיע.

אַלס סאַטיריקער און הומאָריסט פאַרנעמט קעוועדאָ דעם אויבן אָן צווישן די שפּאַנישע מייסטערס.

„דאָן פּאַבלאָס ווערט אַ בעטלער" איז איין קאַפּיטל פון קעוועדאָס מאָנומענטאַל ווערק, „היסטאָריאַ דע לאַ ווידאַ דעל בוסקאָן, זשאַמאַדאַ דאָן פּאַבלאָס, עכעמפּלאָ דע וואַגאַבונדאָס, אי עספּעכאָ דע טאַקאַניאָס".

דאָן פּאַבלאָס ווערט אַ בעטלער

גאַנץ פרי איז שוין מיין באַלעבאָסטע אויסגעוואַקסן לעבן מיין בעט. אַ בכבודיקע עלטערע פרוי, אין די אָנשטענדיקע יאָרן, אַריבער די פינף און פופציק מיט אַ פּנים ווי אַ גריישל, אָדער ווי די שאָלעכץ פון אַ נוס, אַזוי איז דאָס פול געווען מיט קנייטשן. זי האָט שטענדיק ליב געהאַט ווערטלעך און פלעגט אָנהייבן רעדן בזה הלשון: — אַ טראָפּן וואַסער פאַלט אַזוי לאַנג אויף אַ שטיין ביז ער מאַכט מיט דער צייט אַ לאָך אין אים; וואָס מען פאַרזייט דאָס שניידט מען; אַז איר גייט באָרוועס צווישן דערנער, מוזט איר זיך צעשטעכן. זון מיינער, דאָן פיליפּ, פּשוט גערעדט, הייב איך אייך נישט אָן צו פאַרשטיין און איך קען נישט באַגרייפן ווי אַזוי איר לעבט. איר זענט יונג און ס'איז קיין חידוש נישט אַז איר זאָלט זיין עטוואָס ווילד און זיך נישט פאַרטראַכטן, אַז אַפילו ווען מיר שלאָפן פאָרן מיר צום קבר. איך וואָס שטיי שוין מיט איין פוס פון יענער זייט, האָב די פּריווילעגיע אייך אַ סך צו דער־

ציילן. עס איז זייער משונה מען זאָל מיר קומען זאָגן ,אַז איר גיט אויס אַזוי פיל געלט און קיינער ווייסט נישט אויף וואָס; אַז זינט איר זענט געקומען אין שטאָט אַריין, האָט איר זיך טייל מאָל געוויזן ווי אַ געלערנטער, טייל מאָל ווי אַ שווינדלער און אַ מאָל ווי אַ ריטער. דאָס אַלץ קומט פון האָבן חברים, ווייל, זון מיינער, זאָגט מיר וועמען זענען אייערע חברים און איך וועל אייך זאָגן ווער איר זענט, און פייגל פון איינע פעדערן האַלטן זיך אין איינעם, און נישט איין גוטער ביסן גייט פאַרלוירן פאַרן געניסן. נאַרעלע וואָס איר זענט: אויב איר דאַרפט ווייבער, ווייסט איר נישט, אַז איך האָב אַ גוטן אויסוואַל פון דעם מין און זיי זענען גרייט אויף מיין ווונק? צוליב וואָס זאָלט איר זיך לאָזן פאַרפירן פון איין זשוליק היינט, און פון אַן אַנדער אויסוואורף מאָרגן, כדי זיך צונויפקומען מיט אַ שמוציקער פאַסקודניצע דאָ און אַ געשטופלטער נקבה דאָרט? איך שווער אייך ביי מיין טאַטנס נשמה, און ווי איך האָף אויף אַ ישועה, אַז כ׳וואָלט איצט נישט געקומען מאָנען אייך דירה־געלט, ווען איך דאַרף נישט האָבן אויף אייניקע אינטימע באַדערפענישן.

דערפילנדיק, אַז איר גאַנצע דרשה און לאַנגע דיבורים האָבן זיך געענדיקט מיט מאָנען געלט, ווייל כאָטש דאָס איז אייגנטלעך ביי איר געווען דער עיקר, האָט זי דערמיט נישט אָנגעהויבן, ווי אַנדערע טוען, נאָר האָט עס באַהאַלטן אויפן סוף. ווען איך האָב באַשלאָסן נישט צו זוכן די געלעגנהייט פון אירע ליבלעכע וויזיטן, דער איצטיקער איז געווען דער ערשטער וויזיט, וואָס זי האָט מיר געמאַכט זינט איך ווין ביי איר אין שטוב, מיטן אויסנאַם פון איין מאָל, ווען זי איז געקומען זיך פאַרענטפערן, ווייל זי האָט געהערט אַז מען האָט מיר דערציילט עפּעס אַ מעשה וועגן איר כישוף, און אַז ווען די פּאָליציי איז געקומען איר נעמען, האָט זי זיי געמאַכט אַ נעפּל פאַר די אויגן, אַז זיי האָבן נישט געקענט געפינען דאָס הויז און נישט די גאַס. זי איז דאַן געקומען מיר זאָגן, אַז דאָס איז אין גאַנצן געווען אַ טעות, ווייל זיי האָבן געמיינט אַן אַנדערן מיטן זעלבן נאָמען, און ס׳איז קיין וווּנדער נישט, ווייל ס׳זענען פאַראַן אַנדערע מיטן זעלבן נאָמען און פון דעם זעלבן פאַך. האָב איך איר באַצאָלט דאָס געלט, און בשעת איך האָב עס געהאַלטן אין אויסציילן, אַזאַ שלים־מזל ווי איך בין און דער טייוול, וואָס פאַרלאָזט מיך קיין מאָל נישט, האָט אַזוי גוזר געווען, אַז די פּאָליציי זאָל פונקט דאַן איר קומען נעמען פאַר איר סקאַנדאַליעז לעבן, און זאָל באַקומען אַ מסירה, אַז איר געליבטער געפינט זיך דאַן אין הויז. זיי זענען גלייך אַריין אין מיין צימער, און דערזעענדיק מיך, און זי לעבן מיר, האָבן זיי אונדז ביידן גענומען. האָבן מיר אַריינגעוואָרפן עטלעכע גוטע קלעפּ און מיך אַראָפּגעזעצט פונעם בעט. די אַנדערע צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זי געהאַלטן פעסט, באַשיטנדיק איר מיט כל המינים פיינע טיטלען. ווער וואָלט זיך געווען געריכט אויף אַ פרוי, וואָס האָט אַזוי אָנשטענדיק געלעבט? דער גערודער וואָס די פּאָליציאַנטן האָבן אָנגעמאַכט און מיינע געשרייען, האָבן אַלאַרמירט דעם געליבטן, אַ פרוכט־הענדלער, וועלכער איז געלעגן אין צווייטן צימער. ער האָט זיך געלאָזט

אַנטלויפן. זיי האָבן אים באַמערקט, און נאָך דעם ווי אַן אַנדער שכן האָט זיי געזאָגט אַז איך בין נישט דער, וועמען זיי זוכן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן נאָך יענעם און האָבן אים געכאַפּט, איבערלאָזנדיק מיך אַ שטאַרק צעקלאַפּטן, מיט אויסגעריסענע האָר. און דאָך, נישט געקוקט אויף מיינע גרויסע שמערצן, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און נישט לאַכן פון די קאָמפּלימענטן, וואָס די הינט האָבן געמאַכט דער אַלטער. איינער האָט געזאָגט:

— ווי גראַציעז דו וועסט אויסזען אין אַ וואָגן, מאַמעלע, ערן וואָרט. עס וועט זיין אַ גרויסער נחת פאַר מיר צו זען, ווי איין אָדער צוויי טויזנט פאַרפוילטע מאַראַנצן און שאָלעכץ פון בוראַקעס פליען דיר אין קאָפּ אַריין.

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— מען האָט שוין געזאָרגט דו זאָלסט זיין שיין אויסגעפּוצט, און ווי געהעריק באַדינט.

ענדלעך האָבן זיי געכאַפּט איר אויסנוצער, האָבן זיי בײדע געבונדן, האָבן געבעטן ביי מיר אַנטשולדיקונג און זענען אַוועק.

איך בין אַכט טעג געלעגן אין שטוב אונטערן אויפזיכט פון אַ דאָקטער, און נאָך דעם האָב איך קוים געקענט אַרויסגיין אין גאַס, ווייל מען האָט מיר געמוזט פאַרנייען דאָס פּנים, און איך האָב נישט געקענט אומגיין אָן קוליעס. צו דער צייט איז מיין געלט געווען אויסגעגעבן, ווייל די הונדערט רענדלעך זענען אין גאַנצן אַוועק אויף דירה־געלט, עסן און רפואות. און כדי אויסצומיידן וויטערדיקע הוצאות האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגיין אויף קוליעס און פאַרקויפן מיין וועש און קליידער, וואָס זענען געווען זייער גוטע. איך האָב אַזוי געטאָן און מיט אַ טייל געלט האָב איך געקויפט אַן אַלט לעדערן רעקל, אַ לייוונטן וועסטל, אַ פאַרלאַטעטן לאַנגן בעטלער־מאַנטל ביז די קנעכל, אַ פּאָר כאָליעוועס און גרויסע אַלטע שיך. דעם באַשליק פונעם מאַנטל האָב איך אָנגערוקט איבערן קאָפּ, און האָב אויפגעהאָנגען אַ גרויסן קופּערנעם יעזוס אויפן האַלדז. אַ זשוליק, וואָס איז געווען אַ מייסטער אין דעם פאַך, האָט מיך אויסגעלערנט דעם טרויעריקן טאָן און די געהעריקע בעטלער־שפּראַך, און איך האָב באַלד זי אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן איבער די גאַסן. זעכציק רענדלעך, וואָס זענען מיר פאַרבליבן האָב איך איינגענייט אין מיין לייבל און אַזוי האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אַלס בעטלער, אַ זיכערער אין מיינע פעיִקייטן. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אַ גאַנצע וואָך, וואָיענדיק אויף אַ קול, און חזרנדיק די לעקציע וואָס מ׳האָט מיר געגעבן בזה הלשון:

— דערבאַרעמדיקע קריסטן, האָט רחמנות אויף אַן אָרעמער, אומגליקלעכער, עלנטער, קראַנקער און צעקאַליעטשעטער באַשעפעניש, וואָס האָט קיינעם נישט אויף דער וועלט — דאָס איז געווען מיין נוסח אין דער וואָכן. אָבער אין די זונטיקן און ימים־טובים האָב איך געענדערט מיין שטימע און האָב אַזוי געזאָגט:

— גוטע, גנעדיקע מענטשן, אין יעזוס קריסטוסעס ווילן, שענקט עפּעס אַן אָרעמען קריפּל, וועמען גאָט האָט באַשטראָפט.

דאַן בין איך אַ ווײַלע שטיל געבליבן, וואָס ווירקט גוט, און האָב ווײַטער פאָרגעזעצט:

— זעט, מײַנע פיס זענען געליימט געוואָרן, ווי איז מיר, פון אַרבעטן אַ סך אין אַ ווײַנגאָרטן, אַלע מײַנע גלידער זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן, און איך בין געווען אַזוי געזונט און שטאַרק ווי יעדער פון אײַך, זאָל דער ליבער גאָט היטן אײַער געזונט און אײַערע פיס.

און אַזוי האָבן די מטבעות זיך אָנגעהויבן שיטן. איך האָב באַקומען אַ סך געלט און בין געווען אויף אַ וועג צו באַקומען אַ סך מער, ווען איך זאָל נישט געווען געשטערט ווערן פון אַ בייזן, שעלמישן יונג, אַ געליימטן אויף בײדע הענט מיט איין פוס, וואָס האָט זיך מיר אומעטום נאָכגעשלעפּט אין אַ וועגעלע און האָט צונויפגענומען מער מטבעות פון מיר, כאָטש ער האָט נישט געבעטן אַ העלפט אַזוי אײדל ווי איך. ווײַל ער האָט געהאַט אַ הייזעריק קול, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ קוויטש, און ער האָט געזאָגט:

— געטרײַע דינער פון יעזוס קריסטוס, זעט ווי גאָט האָט מיך געשטראָפט פאַר מײַנע זינד, גיט אַ פרוטה דעם אָרעמען און גאָט וועט אײַך אומקערן כפל־כפלים. — און דאַן האָט ער צוגעגעבן: „אין דעם זיסן יעזוסעס ווילן". — דאָס האָט אים אַרײַנגעבראַכט אַ גרויסע הכנסה. איך האָב דאָס גענומען אין קאָפּ אַרײַן און שפּעטער האָב איך אויך אַזוי געזאָגט, ווײַל כ'האָב מיר געגעבן רעכענונג, אַז ס'ווירקט אויף די פשוטע מענטשן. בקיצור, איך האָב געביטן דעם נוסח בײַ יעדער געלעגנהייט. און ס'איז קיין סוף נישט געווען צו מײַנע פאַרדינסטן. איך האָב אײַנגעהילט מײַנע בײדע פיס אין אַ לעדערנעם זאַק, און בין געלעגן אין קאָרידאָר פון אַ דאָקטער, מיט אַ בעטלער וואָס איז געשטאַנען אויפן ראָג גאַס, אײנער פון די גרעסטע שווינדלער, וואָס גאָט האָט ווען באַשאַפן, און וועלכער איז ווי געווען אונדזער עלטסטער און האָט פאַרדינט אַזוי פיל וויפל מיר אַלע אין אײנעם. ער איז געווען אַ געברייכטער און זײַן בויך האָט אים אַראָפּגעהאָנגען ווי אַ זאַק. חוץ דעם האָט ער שטײף פאַרבונדן זײַן אָרעם מיט אַ שטריק איבערן אַקסל און דאָס האָט געמאַכט אויסזען זײַן האַנט גלײך זי זאָל געווען זײַן געליימט און געשוואָלן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּלייצע, מיט דעם גאַנצן ברוך אין דרויסן, וועלכע איז געווען אַזוי גרויס ווי זײַן קאָפּ, און האָט אויסגעשריגן: — זעט מײַן אומגליק, זעט ווי גאָט שטראָפט זײַנע דינער. — אויב אַ פרוי איז פאַרבײַגעגענגען: — זיסע, פרעכטיקע דאַמע, זאָל גאָט בענטשן אײַער טײַערע נשמה.

אַ סך האָבן אים געגעבן אַ נדבה, ווײַל ער האָט זיי גערופן „שײנע!" און פלעגן בכיוון דאָרט פאַרבײַגיין, כאָטש דאָס האָט נישט געטראָפן זייער אָפט. אויב עפּעס אַן אָפּגעריסענער סאָלדאַט איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אים אָנגערופן „אײדעלער

קאַפּיטאַן״. אויב גלאַט אַזוי אַ מענטש: „גוטער ווערדיקער מענטש״. און אויב אַ גלח אויף אַן אייזל: „הייליקסטער קאַרדינאַל״. בקיצור, ער איז געווען אַן אומדער־טרעגלעכער חונף און האָט זיך געהאַט אייגנאַרטיקע שטיקלעך ווי אַזוי צו בעטלען אין די ימים־טובים. איך האָב זיך מיט אים אַזוי באַפריינדעט, אַז ער האָט מיר אי־בערגעגעבן אַ סוד, וואָס האָט מיך אין עטלעכע טעג געמאַכט רייך. דער סוד איז געווען, אַז ער האָט געהאַלטן דריי קליינע יינגלעך, וועלכע האָבן געבעטלט אין די גאַסן, האָבן אַוועקגעגנבעט אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער די הענט און האָבן עס געבראַכט צו אים. חוץ דעם האָט ער געהאַט צוויי קליינע יינגלעך, וועמען ער האָט געלערנט אויסשניידן קעשענעס און האָט מיט זיי געאַרבעט אויף שותפות. נאָך דעם ווי מיך האָט אויסגעבילדעט אַזאַ פעיקער מייסטער, האָב איך איבערגענומען דעם זעלביקן שניט. אין ווייניקער ווי אַ חודש צייט האָב איך אָפּגעשפּאָרט רייך געלט, נאָך אַלע הוצאות, אַריבער פערציק רענדלעך. און ענדלעך, ווען מיר האָבן געפּלאַנט זיך אַרויסצולאָזן איבער דער וועלט צוזאַמען, האָט ער מיר אַנטדעקט דעם גרעסטן סוד און דעם קלוגסטן פּלאַן וואָס אַ בעטלער האָט ווען געהאַט אין קאָפּ, וועלכן מיר האָבן אָנגענומען, און וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מירביידע האָבן יעדן טאָג צוגעגנבעט פיר אָדער פינף קינדער, ביז מען האָט זיי אָנגעהויבן זוכן און דאַן האָבן מיר זיך באַוויזן, האָבן זיך נאָכגעפרעגט וואָס פאַר אַ סימנים עס זענען דאָ אויף זיי און האָבן דאַן געזאָגט:

— גוטער גאָט, איך האָב אין אַזאַ שעה געפונען אַ קינד, און ווען נישט איך, וואָלט עס אַ וואָגן געווען איבערגעפאָרן, אָבער איך האָב עס געראַטעוועט.

מען האָט אונדז שיין באַלוינט און עס איז אונדז אַוועק אַזוי גוט, אַז איך האָב שוין געהאַט מיט פופציק רענדלעך מער, און אויך די פיס האָבן זיך מיר אויסגע־היילט, כאָטש איך האָב זיי נאָך אַלץ געהאַלטן איינגעהילט אין שמאַטעס. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מאַדריד און אַוועק קיין טאָלעדאָ, ווו איך האָב קיינעם נישט געקענט און קיינער האָט מיך נישט געקענט. נאָך דעם ווי כ׳האָב געמאַכט דעם דאָ־זיקן באַשלוס, האָב איך געקויפט אַן אַלטן גרויען אָנצוג, אַ שווערד און סטענגעס, האָב זיך געזעגנט מיט באַלטאַסאַרן, דעם דערמאָנטן בעטלער און בין אַוועק איבער די שענקען צו זוכן עפּעס אַ געלעגנהייט ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגן קיין טאָלעדאָ.

מיגעל דע אונאַמונאָ

(געבוירן אין יאָר 1864 — געשטאָרבן אין יאָר 1936)



מיגעל דע אונאַמונאָ, דער עלטסטער פונעם „דור פון 1898”, איז געבוירן געוואָרן אין בילבאַאָ, אין 1864. ער איז אַלט געווען צען יאָר אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון בילבאַאָ אין 1874 (דאָס יאָר ווען מ׳האָט רעסטאַווּרירט די בורבאָנען אין דער פּערזאָן פון אַלפאָנס דעם 12טן, דער פאָטער פון אַלפאָנס דעם 13טן). אין זיין ערשטער נאָוועלע „פּאַס ען לאַ געררא”, וועלכע ער באַטראַכט פאַר זיין בעסט ווערק, האָט ער פאַרצייכנט די דעראינערונגען פון זיין קינדהייט. אין 1891 איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר פּראָפעסאָר פון גריכיש אין דעם אוניווערסיטעט פון סאלאמאנקא. די דאָזיקע באַשטימונג איז, לויט זיין מיינונג, געווען די העכסטע באַערונג, וואָס מ׳האָט אים געקענט אַרויסווייזן. אין 1901 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס רעקטאָר.

אָבער זיינע אַרטיקלען און רעדעס קעגן דער מאָנאַרכיע און קעגן קעניג מיט זיינע פּאָליטיקער האָבן געבראַכט מ׳זאָל אים אַראָפּזעצן פון זיין פּאָסטן. דער סאַלאַמאַנקער רעקטאָראַט איז אים נישט אומגעקערט געוואָרן ביזן אַנטשטיין פון דער רעפּובליק, נאָך דעם ווי ער איז חדשים געווען פאַרשפּאַרט אויפן קאַנאַרישן אינדזל פוערטעווענטורא און האָט כמעט זעקס יאָר אָפּגעריכט גלות, אין פּאַריז און אין הענדאַיאַ.

אונאַמונאָ איז געווען אַן אומדערמידלעכער שרייבער. ער איז געווען מיטאַרבעטער פון שפּאַנישע און דרום־אַמעריקאַנער צייטונגען און זשורנאַלן. זיינע אויפגעזאַמלטע עסייען פאַרנעמען עטלעכע בענד. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער לידער. זיין באַרימטסט ווערק איז, אָן ספק, „ווידאַ דע דאָן קיכאָטע אי סאַנטשאָ”, וואָס איז אַן עקספּאָזע און אַ קאָמענטאַר צוזאַמען. פאַר אונאַמונאָן איז סערוואַנטעס אַן אָרעמער בר־מינן, בעת דאָן קיכאָט איז אַ לעבעדיק וועזן. דאָן קיכאָט האָט, לויט אים, באַשאַפן סערוואַנטעסן. ווען סערוואַנטעס זאָל אויפשטיין תחית המתים, וואָלט אים אונאַמונאָ באַגעגנט מיטן געשריי: „גיי צוריק אין דיין רו אַריין! דאָן קיכאָט דערקענט דיך נישט. ער איז אונדזערער — אונדזערער און דער גאַנצער מענטשהייטס”. אונאַמונאָ האָט געמאַכט אַן

ענלעכן פּירוש אויף וועלאַסקעסעס „קריסטוס“.

אויסער דעם ווערק, זענען פֿאָלגנדיקע זייַנע בעסטע ביכער: „על סענטימיענטאָ טראַכיקאָ דע לאַ ווידאַ“, „לאַ אַגאָניאַ דעל קריסטיאַניסמאָ“, „ווערדאַדעס אַרביטראַריאַס“, „לאַ עסענסיאַ דע עספּאַניאַ“ און „אַבעל סאַנטשעס“. כמעט די אַלע אויסגערעכנטע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן: פֿראַנצויזיש, ענגליש, דייטש, איטאַליעניש, פּויליש; און דער מחבר האָט קאָרעגירט כמעט אַלע איבערזעצונגען.

דער שפּאַנישער דראַמאַטורג כאַסינטאָ בענאַווענטע האָט געזאָגט וועגן אים: „איך גלייב נישט עס זאָל זיך געפֿינען אין דער הײַנטיקער וועלט־ליטעראַטור אַ מער אינטערעסאַנטע פיגור ווי מיגעל דע אונאַמונאָ“. עס איז אויך כדאי צו ברענגען די מיינונג פֿון אַ פֿראַנצויזישער אויטאָריטעט אין שפּאַנישער ליטעראַטור, זשאַן קאַסו: „עס איז די טראַגעדיע פֿון דאָן מיגעל דע אונאַמונאָ, וואָס ער איז שטענדיק אין קריג, אין קריג אַפֿילו מיט זיך גופֿא, אין קריג פֿאַר זײַן פֿאָלק און אַ מענטש פֿון בירגער־קריג, אַ פֿאָלקס־טריבון, קעגן זײַן פֿאָלק, אַ מענטש אַ פּײַנטלעכער, וואָס האָט נישט קיין אָנהענגער, אַן איינזאַמער, פֿאַרטריבענער, אַרויסגעשטויסענער, אַ קול קורא במדבר, פּראָוואָצירנדיק, שטאָלץ, פּאַראַדאָקסאַל, אַזאַ ווען עס איז אוממעגלעך איבערצובעטן, אַ פּײַנט פֿון טויט און דאָך אַזאַ, ווען עס רייצט און פֿאַרצערט דאָס נישט זײַן, אַזאַ וואָס ווערט צעריסן פֿון לעבן און טויט; אַ טויטער און אַזאַ, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים אין איינער און דער זעלביקער צייט, אַן אומבאַזיגבאָרער און שטענדיק באַזיגטער“.

אין דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אים דערציילונג „סאָלעדאַד“ ווערט אויף אַ קינסטלערישן אופֿן פֿאַרטיידיקט יענער פּרינציפּ פֿון גלייַכע רעכט פֿאַר פֿרויען, וועלכע האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

סאָלעדאַד

סאָלעדאַד איז געבוירן געוואָרן מיטן טויט פֿון איר מוטער. לעאָפּאַרדי האָט געזונגען, אַז געבורט איז אַ שפּיל מיט טויט, אַ שפּיל מיט טויט פֿאַר דעם נײַגעבוירענעם, אַ שפּיל מיט טויט פֿאַר איר, וואָס דאַרף דאָס קינד האָבן.

פֿאַר דער אומגליקלעכער סאַנקטואַריאַ, סאָלעדאַדס מוטער, זענען די פֿינף יאָר פֿון איר הייראַט געווען אַ פֿינצטערע און שטילע טראַגעדיע. איר מאַן איז געווען אַן אומדורכדרינגלעכער און ווי אַן געפֿילן. די אומגליקלעכע פֿרוי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי איז עס גאָר געווען מעגלעך זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. זי האָט זיך דערזען אַ פֿאַרהייראַטע צו אים ווי איינע, וואָס כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף. איר גאַנץ מיידלש לעבן איז פֿאַרשוווּנדן אין אַ נעפּלדיקער ווייטקייט און ווען זי האָט דערפֿון געטראַכט, האָט זי זיך דערמאָנט ווי ס'איז איר געווען פֿאַר איר חתונה, גלייך זי זאָל זיך געווען דערמאָנען אין אַן אַנדערער, אַ פֿרעמדער.

צי איר מאַן האָט איר ליב געהאַט אָדער פֿיינט געהאַט האָט זי נישט געקענט זאָגן. זײַן היים איז פֿאַר אים געווען איינפֿאַך אַ פּלאַץ צו עסן און שלאָפֿן, אַ פּלאַץ

פֿאַר דער גאַנצער בהמהשער זייט פון זיין לעבן. ער האָט געאַרבעט אויסער דער היים, ער האָט געהעדעט אויסער דער היים, ער האָט זיך געוויילט אויסער דער היים. ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן זיין שטימע אָדער געזאָגט אַ האַרב וואָרט צו זיין ווייב. ער האָט איר קיין מאָל נישט ווידערשפּראָכן. ווען די אומגליקלעכע סאַנקטואַריאַ האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, אָדער געפרעגט זיין מיינונג וועגן עפּעס, האָט זי אומפאַרמיידלעך באַקומען איינעם און דעם זעלבן ענטפער פון אים:

— זייער גוט, לאָז מיך צו רו, ווי דו ווילסט.

דער דאַזיקער פעסטער „ווי דו ווילסט", פלעגט טרעפן אין דעם קראַנקן האַרץ פון דער אומגליקלעכער פרוי ווי אַ שאַרף מעסער. „ווי דו ווילסט!", האָט די אומגליקלעכע פרוי געטראַכט: דאָס הייסט, אַז איך בין אַפילו נישט ווערט מ׳זאָל מיר ווידערשפרעכן. און דאַן זיין „לאָז מיך צו רו!" — דער דאַזיקער שרעקלעכער לאָז מיך צו רו, וואָס פאַרביטערט אַזוי פיל היימען. אין סאַנקטואַריאַס היים — דאָרט ווו ס׳האָט באַדאַרפט זיין סאַנקטואַריאַס היים — האָבן די דאָזיקע שרעקלעכע ווערטער פאַרפינצטערט אַלץ.

דאָס ערשטע יאָר נאָך איר חתונה האָט סאַנקטואַריאַ געבוירן אַ זון; אָבער אין דער טרויעריקער עלנט פון איר מרה־שחורהדיקער היים האָט זי געבענקט נאָך אַ טאָכטער.

— אַ זון — האָט זי געטראַכט — איז אַ מאַן! מענער האָבן שטענדיק צו טאָן עפּעס אויסער זייערע היימען. דעריבער ווען זי איז געוואָרן טראַגנדיק, האָט זי נאָר געטרוימט פון אַ טאָכטער, און איר טאָכטער וועט מוזן הייסן סאָלעדאַד (איינזאַמקייט). די אָרעמע פרוי איז געוואָרן ערנסט קראַנק. איר האַרץ האָט שוואַך געפלאַטערט. זי האָט געפילט, אַז זי וועט בלויז דערלעבן צו געבוירן איר טאָכטער — איר אַריינצוברענגען אין דער פינצטערער היים. זי האָט צוגערופן איר מאַן.

— אַך, פעדראָ, — האָט זי געזאָגט — אויב עס וועט זיין אַ טאָכטער, ווי כ׳האָף, זאָלסטו איר אַ נאָמען געבן סאָלעדאַד, דו הערסט?

— זייער גוט, זייער גוט — האָט ער געענטפערט — עס איז נאָך דאָ גענוג צייט וועגן דעם צו טראַכטן — און ער האָט געקלערט, אַז אין יענעם טאָג וועט ער נישט קענען גיין שפּילן זיין דאָמינאָ.

— אָבער איך וועל שטאַרבן, פעדראָ, איך האָב נישט קיין כוח דאָס איבערצוקומען.

— שטותים! — האָט ער געענטפערט.

— קען זיין — האָט סאַנקטואַריאַ געענטפערט — אָבער אויב ס׳וועט זיין אַ טאָכטער וועסטו איר אַ נאָמען געבן סאָלעדאַד, נישט אמת?

— זייער גוט. לאָז מיך צו רו, ווי דו ווילסט — האָט ער געמאַכט אַ סוף צום געשפּרעך.

און זי האָט אים געלאָזט צו רו אויף שטענדיק. נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן

איר טאָכטער, האָט זי בלויז צייט געהאַט צו באַגרייפן, אַז ס׳איז אַ טאָכטער, און אירע לעצטע ווערטער זענען געווען: — סאָלעדאַד, געדענק פּעדראָ — סאָלעדאַד!

דער מאַן איז געווען דערשיטערט. און וואָלט זיך געפילט געפאַלן ווען ער זאָל בכלל געווען פעיק זיין עפּעס צו פילן. אַן אַלמן איז זיין עלטער, מיט צוויי קליינע קינדער. ווער וועט אַצינד השגחה געבן אויף זיין הויז? ווער וועט אויסהאָדעווען די קינדער — ביז זיין טאָכטער וועט ווערן גענוג אַלט צו קענען איבערנעמען די ווירטשאַפט פון הויז?... ווידער חתונה האָבן? ניין, דאָס וועט ער נישט טאָן. ער ווייסט שוין וואָס חתונה האָבן באַדייט. ווען ער וואָלט עס נאָר געווען געוווסט פריער! דאָס איז נישט קיין פּלאַן. ער וועט בשום אופן מער נישט חתונה האָבן.

ער האָט סאָלעדאַדן אָוועקגעשיקט אין אַ דאָרף, מ׳זאָל זי האָדעווען ווייט פון דער היים. ער האָט זיך נישט געוואָלט מוטשען מיט זיין קינד און אויסשטיין די פּרעכהייט פון ניאַנקעס. ער געדענקט נאָך ווי שלעכט דאָס איז געווען מיטן אַנדערן קינד, פּעדריטאָן, וואָס איז איצט אַלט געווען דריי יאָר.

סאָלעדאַד האָט כמעט אין גאַנצן נישט געדענקט אירע ערשטע קינדער־יאָרן. איר ערשטע טונקעלע דעראינערונג איז געווען פון דער טרויעריקער מרה־שחורה־דיקער היים און פון דעם הערמעטיש פאַרשלאָסענעם טאַטן אירן, דעם מאַן וואָס האָט געגעסן ביי איין טיש מיט איר און וועמען זי האָט אַ מאָמענט געזען ווען זי איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי און אַ צווייטן מאָמענט, ווען זי איז געגאַנגען שלאָפן. זי האָט אויך געדענקט זיינע קאַלטע, פאַרמעלע קושן.

איר איינציקער חבר איז געווען דער קליינער פּעדריטאָ, איר ברודער. אָבער פּעדריטאָ האָט מיט איר געשפּילט אין שטרענגסטן זין פון וואָרט, דאָס הייסט, ער האָט נישט פאַרבראַכט מיט איר אינאיינעם. ער האָט געשפּילט מיט איר ווי איינער שפּילט מיט אַ שפּילצייג, און ער האָט זיך געוויזן צו וואַקסן אַ מאַן אַ ברוט. אַזוי ווי זיינע פויסטן זענען געווען שטאַרקער פון אירע, האָט ער אויך שטענדיק געהאַט רעכט.

— איר, ווייבער, טויגט צו גאָרנישט, מיר מענער זענען די וואָס הערשן — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט.

סאָלעדאַד האָט פון דער נאַטור פאַרמאָגט אַ פאַרשפּיצטע סענסיביליטעט. זי איז געווען אַ זשעני פון פיינפילערישקייט. פרויען פאַרמאָגן אָפט אָט די אייגנשאַפט. אָבער ווען זי ווערט נישט פאַרשטאַנען, ווערט זי פאַרוועלקט אַן דעם עמעץ זאָל זיך געבן רעכענונג דערפון. תחילת פלעגט סאָלעדאַד, אַ וויינענדיקע און פאַרווונדעטע לויפן צו איר טאַטן, דעם ספינקס, דערוואַרטנדיק פון אים גערעכטיקייט. אָבער דער שטרענגער מענטש האָט זי אויפגענומען מיט זיין קאַלטן:

— זייער גוט, זייער גוט! באַלעסטיק מיך נישט! גיב מיר אַ קוש און זע עס זאָל מער נישט געשען!

דאָס, האָט ער געמיינט האָט אַלץ דערליידיקט, און האָט אים באַפרייט פון ווײ־

טערדיקער באַלעסטיקונג. דער סוף איז געווען, אַז סאָלעדאַד האָט אויפגעהערט צו באַקלאָגן זיך פאַר איר פאָטער וועגן איר ברודערס ברוטאַליטעט און האָט אַלץ איבערגעטראָגן איז דער שטיל, לאָזנדיק אים צו רו און אויסמיידנדיק די דערני־דעריקונג פון זיינע פאַרמעלע קושן.

די פינצטערע מרה־שחורה פון איר היים איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומ־דערטרעגלעך, און די שאָטנס דאָרט זענען געוואָרן אַלץ געדיכטער. איר איינציקע דערלייכטערונג איז געווען די שולע, וווּ איר פאָטער האָט איר באַשטעלט קעסט, כדי צו האָבן איר פון וויטנס אין משך פונעם טאָג. אין שולע האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אַלע אירע חברטעס האָבן, אָדער האָבן אַמאָל געהאַט מאַמעס. איין מאָל, אין אָוונט, בעת דעם אָוונט־ברויט האָט זי זיך איינגעשטעלט צו באַלעסטיקן דעם פאָטער מיט אַ פראַגע:

— זאָג מיר, טאַטע, האָב איך נישט געהאַט קיין מוטער?

— געפעלט דיר אַן איינפאַל! — האָט איר דער פאָטער געענטפערט — אַוודאי האָסטו געהאַט אַ מוטער. יעדער האָט אַ מוטער. — פאַר וואָס פרעגסטו דאָס?

— אויב אַזוי, ווו־זשע איז מיין מוטער, טאַטע?

— זי איז געשטאָרבן בשעת דו ביסט געבוירן געוואָרן.

— אוי ווי טרויעריק!

און דאַן האָט איר פאָטער, אַ מאָל פאַר אַ נאָווינע, אונטערגעבראָכן זיין טעמפּע שווייגזאַמקייט, און האָט איר דערציילט, אַז איר מוטער האָט געהייסן סאַנקטואַריאַ און האָט פאַר איר געשילדערט דעם פאָרטרעט פון יענער טויטער פרוי.

— ווי פרעכטיק זי האָט געמוזט זיין — האָט געזאָגט דאָס קינד.

— יאָ — האָט איר פאָטער איינגעשטימט — יאָ, אָבער נישט אַזוי שיין ווי דו.

די דאָזיקע באַמערקונג, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן, איז אים שטאַרק געפעלן. אויב זיין טאָכטער איז געווען שענער פון איר מוטער, איז דאָס פאַקטיש געווען, ווי ער האָט געמיינט, אַ דאַנק אים.

— און וואָס זאָגסטו, פּעדריטאָ — האָט סאָלעדאַד, וועלכע איז געווען אויפגעג־רעגט פון איר נישט זיכערן שאַרן אין די פאַמיליע־חורבות, געפרעגט איר ברו־דער — געדענקסטו זי?

— ווי קען איך זי געדענקען, אַז זי איז געשטאָרבן, ווען איך בין בלויז דריי יאָר אַלט געווען?

— איך זאָל געווען האָבן דיין עלטער, וואָלט איך זי יאָ געווען געדענקט — האָט געענטפערט דאָס מיידל.

— אָ, פאַרשטייט זיך, איר וויבער זענט דאָך אַזוי קלוג! — האָט אַ שנייד געטאָן איר ברודער, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַר אַ דערוואַקסענעם.

— ניין, מיר זענען נישט קלוג, אָבער איך מיין, אַז מיר האָבן אַ לענגערן זכרון.

— זייער גוט, זייער גוט! הער אויף רעדן נאַרישקייטן און לאָז מיך צו רו!

און אַזוי האָט זיך געענדיקט יענע דענקווירדיקע נאַכט, ווען סאַלעדאַד האָט זיך דערוווּסט, אַז זי האָט געהאַט אַ מוטער.

דאָס האָט איר געגעבן אַזוי פיל נאָכצוטראַכטן, אַז זי האָט כמעט זיך אַליין געקענט דערמאָנען. זי האָט אָנגעפילט איר איינזאַמקייט מיט חלומות וועגן אַ מאַמען.

די יאָרן האָבן זיך געצויגן אַלצאיינע, טרויעריקע און גרויע אַרום דער היים, וווּ דאָס לעבנס־פייער איז געבליבן פאַרלאָשן; איר פאָטער איז נישט געוואָרן עלטער. ער האָט ווי נישט געקענט זיך עלטערן. ער האָט געטאָן איינס און דאָס זעלבע יעדן טאָג, מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ מאַשין. אָבער פון איר ברודער האָט מען אָנגע־הויבן רעדן ביז ער איז געוואָרן אַ שאַנד־וואָרט אין שטאָט און איז ענדלעך פאַר־שווונדן — ווּהין האָט סאַלעדאַד נישט געוווּסט. דער פאָטער מיט דער טאָכטער זע־נען געבליבן אַליין: צוזאַמען אָבער צעשיידט. זיי האָבן בלויז געגעסן און געשלאָפן אונטער איין דאַך.

ענדלעך האָט אויסגעוויזן ווי ס'זאָל אָנהייבן טאָגן אין הימל פון סאַלעדאַד. אַ גאַלאַנטער יונג, וואָס האָט אַ שטיק צייט איר נאָכגעקוקט יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זי געזען דורכגיין די גאַס, האָט איר געמאַכט אַ חתונה־פאָרשלאָג. דער אָרעמער סאַלעדאַד האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס לעבן הייבט אָן עפענען די טירן פאַר איר. און נישט געקוקט אויף עפּעס אַ פאַרגעפיל, וואָס זי האָט אומזיסט געפּרווּט אָפּטרייבן פון זיך, האָט זי אים אָנגענומען. ווי דער פרילינג זאָל האָבן צו איר געקומען.

סאַלעדאַד האָט אָנגעהויבן צו לעבן — אָדער, בעסער געזאָגט, זי איז פאַקטיש צום ערשטן מאָל געבוירן געוואָרן. די באַדייטונג פון אַ סך זאַכן, וואָס האָבן ביז איצט לחלוטין קיין באַדייטונג נישט געהאַט פאַר איר, איז פאַר איר קלאָר געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ סך, וואָס זי האָט געהערט פון אירע לערערקעס און שול־חברטעס, אַ סך וואָס זי האָט געלייענט. אַלץ האָט ווי געזונגען אין איר. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זי באַגריפן די גאַנצע פוסטקייט פון איר היים. און ווען נישט צוליב דעם געשטאַלט פון איר חתן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען פאַר אירע אויגן, וואָלט זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין, געפינענדיק זיך אונטער איין דאַך מיט דעם דאַזיקן מענטשן פון גראַניט — איר טאַטן.

פאַר דער אָרעמער סאַלעדאַד איז דער חתן געווען אַן אמתע פאַרבלענדעניש. אָבער איר פאָטער האָט דאָס ווי נישט באַמערקט, אָדער האָט וויניקסטנס נישט גע־וואָלט באַמערקן. ער האָט קיין מאָל נישט געמאַכט די שוואַכסטע אָנדייטונג דערויף. אויב ער האָט באַגעגנט דער טאָכטערס חתן אַרומדרייען זיך ביי די שטאָכעטן אין יענע גליקלעכע שעהן, ווען זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן, האָט ער זיך גע־מאַכט נישט זעענדיק.

נישט איין מאָל האָט סאַלעדאַד געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם איר פאָטער, ווען זיי זענען ביידע געזעסן ביים אָוונט־ברויט. אָבער די ווערטער זענען איר גע־

בליבן שטעקן אין האַלדז איידער זי האָט זיי געקענט אַרויסרעדן. און אַזוי האָט זי גאָרנישט געזאָגט און האָט ווייטער געשוויגן.

סאַלעדאַד האָט אָנגעהויבן לייענען ביכער, וואָס איר חתן האָט איר געגעבן. אַ דאַנק אים האָט זי אָנגעהויבן זיך דערוויסן עפּעס וועגן דער וועלט. דער דאָזיקער יונגער־מאַן האָט נישט אויסגעזען צו זיין ענלעך צו אַנדערע מענער. ער איז געווען אַ צערטלעכער, אַ פרייַלעכער, אַן אויפריכטיקער, איראָנישער און צומאָל האָט ער איר אַפילו ווידערגעשפּראָכן. אָבער וועגן איר טאַטן האָט ער קיין מאָל נישט אויסגערעדט קיין וואָרט.

דאָס איז געווען איר ערשטער אַריינפאָר אין לעבן — זי האָט אָנגעהויבן טרוימען פון אַ היים. סאַלעדאַד האָט ווירקלעך באַגריפן, וואָס אַ רעאַלע היים קען הייסן: אַזאַ היים ווי אירע שול־חברטעס האָבן געהאַט. און דער געדאַנק, אָדער ריכטיקער דאָס געפיל, האָט נאָך פאַרגרעסערט איר שוידער פונעם געמויזעכץ, אין וועלכן זי האָט געלעבט.

דאַן איז פּלוצלינג, איין מאָל, ווען זי האָט אַמווינציקסטן דערוואַרט, געקומען דער בראָך. איר חתן, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ מאָנאַט, האָט איר אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו, פול מיט ליבע־ווערטער און קאָמפּלימענטן, אין וועלכן ער האָט איר אין מיטן פון די אַלע שבחים דערקלערט, אַז זייערע באַציִונגען מוזן באַטראַכט ווערן פאַר געענדיקט. ער האָט געשלאָסן זיין בריוו מיט פאָלגנדיקער שרעקלעכער פראַזע: „מעגלעך אַז אַ מאָל וועסטו זיך באַגעגענען מיט עמעצן, וואָס וועט דיך קענען מאַכן מער גליקלעך איידער איך".

סאַלעדאַד האָט דערפילט ווי אַ מוראַדיקער שוידער דרינגט איר אַריין אין דער נשמה. זי האָט אַן איבעריק מאָל דערפילט די גאַנצע ברוטאַליטעט פון מענטשן — פון מענער, פון דעם מאַנסביל. אָבער זי האָט עס נישט אַרויסגעוויזן, אַראָפּשליבגענדיק אין דער שטיל און מיט טרוקענע אויגן איר דערנידערונג און ווייטאָג. זי וועט נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט אין דער אָנוועזנהייט פון דעם טאַטן, דעם ספינקס.

— פאַרוואָס — פאַרוואָס האָט איר חתן זי פאַרלאָזט? איז ער מיד געוואָרן פון איר? ווידער אַ מאָל, פאַר וואָס קען אַ מאַן מיד ווערן פון זיין פאַרליבטע? איז מעגלעך געווען ער זאָל האָבן מיד געוואָרן? ניין, דער אמת איז געווען, אַז ער האָט זי נישט ליב געהאַט. סאַלעדאַד וואָס האָט געדורשט נאָך ליבע זינט זי איז געבוירן געוואָרן, האָט דערפילט, אַז דער דאָזיקער מאַן האָט גאָר קיין מאָל זי אין דער אמתן נישט ליב געהאַט. זי האָט זיך איינגעשלאָסן אין דעם אייגענעם איך: האָט געפונען אַ טרייסט אין דעם אָנדענק פון איר מוטער. זי האָט נישט געוויינט, איר פּיין איז געווען צו טיף זי זאָל קענען פאַרגיסן טרערן. דאָס איז געווען אַ פּיין וואָס האָט געבריט און געטריקנט.

איין מאָל אין אָוונט, ביי דער וועטשערע, האָט דער פּאַטערלעכער ספינקס גע־עפנט זיין מויל געגנוג ברייט צו זאָגן:

— יאָ, דאָס זעט מיר אויס צו זיין געענדיקט!

סאָלעדאַד האָט דערפילט גלייך ער זאָל איר געוועזן אַריינשטעכן אַ שפּיז אין האַרצן. זי איז אויפגעשפּרונגען פונעם טיש און איז אַריין צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי שרייענדיק: „מאַמע, מאַמעלע מיינע“! צוזאַמענגעבראָכן אין אַ גסיסה־ספּאַזמע. און שפּעטער איז די וועלט פאַר איר וויסט געוואָרן.

אַזוי זענען אַוועק צוויי יאָר . און דאַן האָט מען איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, איר פּאַטער, דאָן פּעדראָ, געטראָפן טויט אין בעט. ער האָט געליטן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. אָבער זיין טאָכטער, וואָס איז געבליבן איינע אַליין אויף דער וועלט, האָט נישט געוויינט.

סאָלעדאַד איז געבליבן אַליין — אין גאַנצן אַליין. און כדי איר איינזאַמקייט זאָל זיין אַן אַבסאָלוטע, האָט זי פאַרקויפט די נחלה, וואָס איר פּאַטער האָט איר אי־בערגעלאָזט, און מיט דער באַשיידענער סומע, וואָס זי האָט פאַר איר באַקומען, איז זי אַוועק וווינען ווייט, זייער ווייט ווו קיינער האָט איר נישט געקענט און זי האָט נישט געקענט קיינעם.

***

סאָלעדאַד איז יענע פרוי, היינט שוין כמעט אַ זקנה, יענע איינפאַכע אָבער ווירדיקע פרוי, וועמען איר באַגעגנט יעדען פאַרנאַכט גיין זיך געזעגענען מיט דער זון אויף די ברעגעס פונעם טייך — יענץ מיסטעריעז ווייבעלע, וועגן וועלכער קיי־נער ווייסט נישט פון וואַנען זי קומט און ווער זי איז. זי איז יענע איינזאַמע צדקת, וואָס טוט גוטס בסתר, און פאַרלייכטערט מענטשן זייערע צרות אויף וויפל זי קען נאָר. זי איז יענץ ליב בריאהלע, ביי וועמען עס כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס אַ ביטער וואָרט וואָס פאַרראַט אַ צער, וועלכן זי האַלט בסוד.

קיינער קען נישט איר געשיכטע, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ לעגענדע וועגן אַ שרעקלעכער טראַגעדיע אין איר לעבן. אָבער ווי איר קענט אַליין זען, איז אין דעם גאָרנישט געווען, וואָס וואָלט געקענט אָנגערופן ווערן טראַגעדיע אין איר לעבן — העכסטנס, איז אין דעם בלויז געווען יענע געוויינלעכע, זייער געוויינלעכע אומדראַמאַטישע, נישט שרייערישע טראַגעדיע, וואָס צעשטערט אַזוי פיל מענטש־לעכע לעבנס — די טראַגעדיע פון איינזאַמקייט.

עס דערמאָנט זיך נאָר, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז סאָלעדאַד אויסגע־זוכט געוואָרן פון אַ מאַן אַ פּאַרעלטערטן, וואָס האָט אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן, אַן איינגעהויקערטער, ווי אונטער דער משא פון פאַרדאָרבנקייט, וועלכער איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן אינעם הויז פונעם אַלטן ווייבעלע.

— ער איז געווען מיין ברודער! — דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס זי האָט וועגן דעם געזאָגט.

און אַצינד פאַרשטייט איר, וואָס איינזאַמקייט מיינט פאַר דער נשמה פון אַ פרוי — אַ פרוי וואָס דורשט נאָך צערטלעכקייט און בענקט נאָך אַ היים? אַ מאַן אין אונדזער געזעלשאַפט האָט אַ ברייט פלאַץ וווהין צו אַנטלויפן פון איינזאַמקייט. אָבער אַ פרוי — סיידן זי פאַרשליסט זיך מיט איר גוטן ווילן אין אַ קאָנוועגט — ווי איינזאַם זי קען זיין צווישן אונדז!

אָט יענע אָרעמע פרוי, וועמען איר זעט וואַנדערןביים ברעג טייך, אָן אַ ציל אָדער זין, האָט דערפאַרן די גאַנצע שווערקייט פון דער ברוטאַליטעט פונעם חיהשן עגאָיזם פון מענער. וואָס טראַכט זי? וואָס פאַר אַ טעם פילט זי אין לעבן? וואָס פאַר אַ האָפענונג האַלט איר אויף די פיס?

איך האָב געוווּנען די קענטשאַפט — כ׳קען נישט זאָגן די פריינטשאַפט — פון סאָלעדאַד, און איך האָב געפּרוווט זיך דערוויסן איר קוק אויפן לעבן און מענטש־לעכן גורל — דאָס וואָס מ׳וואָלט געקענט אָנרופן איר פילאָסאָפיע. דערווייל האָב איך זיך דערוווּסט ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט. דאָס איינציקע וואָס איך האָב פון איר אַרויסבאַקומען איז איר געשיכטע, וועלכע איך האָב איך ערשט דערציילט.

חוץ דעם האָב איך פון איר געהערט בלויז באַמערקונגען, וואָס זענען פול מיט גראָדן פאַרשטאַנד, אָבער אַזאַ פאַרשטאַנד, וואָס זעט אויס קאַלט און געוויינלעך. זי איז אַ פרוי פון אויסערגעוויינלעכער ליטעראַרישער קולטור, ווייל זי האָט אַ סך געלייענט, און איז זייער וויטיזיכטיק. אָבער זי איז פאַרבליבן אויסערגעוויינלעך עמ־פינדלעך צו באַליידיקונגען אָדער ברוטאַליטעט. זי פירט אַן איינזאַם לעבן. זי איז עלנט און צוריקגעצויגן, כדי אויסצומיידן דאָס גראָבע אַריינקריכן אין דער נשמה אַריין פון די מענטשן.

וועגן אונדז, מענער, האָט זי אַ מאָדנע פאַרשטעלונג. שטענדיק, ווען מיר איז געלונגען אַרויפצוברענגען דעם געשפּרעך אויף דער טעמע פון מענער, איז איר איינציקער ענטפער געווען: „אָרעמע קליינע ברואים!" עס זעט אויס, ווי זי וואָלט האָבן מיט אונדז מיטלייד, גלייך מיר זאָלן זיין אַ נידעריקער סאָרט באַשעפעניש. אָבער זי האָט מיר צוגעזאָגט צו רעדן מיט מיר אַ מאָל וועגן מענער און יענער גרויסער, יענער גרעסטער, יענער וויכטיקסטער פּראָבלעם — די באַציונגען צווישן מענער און פרויען.

— נישט וועגן די געשלעכטלעכע באַציונגען — האָט זי געזאָגט — פאַר־שטייט עס קלאָר. נישט וועגן דעם, נאָר וועגן דער אַלגעמיינער באַציונג צווישן מע־נער און פרויען. צי דאָס איז אַ מאַמע מיט אַ זון; אַ ברודער מיט אַ שוועסטער; אָדער סתם פריינד, פון איין זייט, אָדער אַ מאַן מיט אַ ווייב, חתן־כלה, אָדער געליבטע פון דער צווייטער זייט. דער עיקר, דאָס וויכטיקסטע, איז די אַלגעמיינע באַציונג —

די פראַגע ווי אַזוי אַ מאַן באַטראַכט אַ פרוי צי זי איז זיין מוטער, זיין טאָכטער, זיין שוועסטער, זיין ווייב, אָדער זיין געליבטע. און ווי אַ פרוי באַטראַכט אַ מאַן צי איז ער איר פאָטער, איר זון, איר ברודער, איר מאַן, אָדער איר געליבטער. איך וואַרט נאָך אויף דעם טאָג, ווען סאַלעדאַד וועט מיט מיר וועגן דעם שמועסן.

איין מאָל האָב איך גערעדט צו איר וועגן דער פאַרפּלייצונג פון עראָטישע ביכער, פון וועלכער מיר ליידן היינט; ווייל מ׳קען רעדן מיט סאַלעדאַד וועגן אַלץ, כל־זמן מ׳איז פאַרזיכטיק איר נישט צו פאַרוווּנדן. ווען איך האָב אַרויסגעפירט דעם געשפּרעך דערויף, האָט זי שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט יענעם גרויסע, ליכ־טיקע אויגן אירע, יענע אייביק מיידלשע אויגן, און האָט מיט אַ לייכטן שמייכעלע אויף איר ליפּן מיך געפרעגט:

— זאָגט מיר, איר עסט, נישט אמת?

— נו, אַוודאי עס איך! — האָב איך געענטפערט אַ דערשטוינטער פון איר פראַגע.

— אַלזאָ גוט, ווען איך זאָל אייך, אַ מענטשן וואָס עסט, כאַפּן לייענען אַ קאָך־בוך און זאָל האָבן די נייטיקע מאַכט, וואָלט איך אייך געשיקט אין קיך אַריין וואַשן די טעפּלעך.

און דאָס איז געווען אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט.

פּיאָ באַראָכאַ

(געבוירן אין 1872 — געשטאָרבן אין 1956)

פּיאָ באַראָכאַ איז געבוירן געוואָרן אין סאַן סעבאַסטיאַן דעם 28סטן דעצעמבער 1872. ער האָט געשטודירט מעדיצין אין וואַלענסיאַ, און האָט באַקומען זיין דאָקטער־דיפּלאָם אין מאַדריד אין יאָר 1893. אָבער ער האָט פּראַקטיצירט בלויז צוויי יאָר. זיין ליטעראַרישער באַרוף האָט אים באַוויגן אויפצוגעבן זיין מעדיציניש קאַריערע און זיך באַזעצן אין מאַדריד, וווּ ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין פאַרשידענע צייטונגען.

ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע ביכער „ווידאַס סאָמבריאַס”, אַ זאַמלונג קורצע דערציילונגען, און „לאַ קאַסאַ דע אַיסגאָרי”, אין 1920. די דאָזיקע זענען נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון דריי אַנדערע, וואָס האָבן געשאַפן זיין רעפּוטאַציע אַלס נאָוועליסט: „אַווענטוראַס, איַוועַנטאָס אי מיסטיפיקאַסיאָנעס דע סילוועסטרע פּאַראַדאָקס”; „קאַמינאָ דע פּערפעקסיאָן” און „על מאַיאָראַסגאָ דע לאַבראַס”.

אין 1904 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין באַרימטע טרילאָגיע „לאַ לוטשאַ פּאָר לאַ ווידאַ”, וואָס באַשטייט פון דריי טיילן: „לאַ בוסקאַ, „מאַלאַ היערבאַ” און „אַוראָראַ ראָכאַ”. דאָס זענען באַוועלן פון דער מאַדרידער אונטערוועלט, אויסגעשפּראָכן נאַטוראַליסטיש, אַנאַרכיסטיש און ניהיליסטיש אין זייער הינטערגרונט. זיי ווייזן אַ היפּשן איינפלוס פון גאָרקי און דאָסטאָיעווסקי און אויך שפּורן פון ניטשעס פילאָסאָפיע. די השפּעה פונעם לעצטן איז צו זען אינעם מחברס ווערק אין משך פון זיין ערשטן פּעריאָד.

מען קען זאָגן וועגן אַ סך פון זיינע זייטן, אַז זיי זענען ווי אָנגעשריבן אין אַן אויפגערעגטער שטימונג. זיין אומטאָלעראַנץ אין דעם פאַל צו איבערגלויבן — ווערט אילוסטרירט דורך דער מייסטער־דערציילונג „דער אָפּגרונט”.

פּיאָ באַראָכאַ קען באַטראַכט ווערן אַלס דער שפּאַנישער מחבר, וואָס געניסט דעם גרעסטן פּרעסטיזש אין אויסלאַנד. ער איז אָן ספק דער אַממערסטן געלייענטער מחבר אין שפּאַניש. נישט ווייניק פון די ייִנגערע שפּאַנישע שרייבער האָבן אַ סך צו פאַרדאַנקען זיין איינפלוס.

דער אָפּגרונט

די לאַנדשאַפט איז געווען אַן אומהיימלעכע, בייזע און קאַלטע. העט ווייט ביים האָריזאָנט, אונטער אַ הימל, וואָס האָט געפלאַמט מיט רויטע כמאַרעס, האָט זיך געצויגן די באַרג־קייט סיערא ווי אַ בלוילעכע בליי־וואַנט, מיט שפּיצן געקרוינטע פון פאַנטאַסטישע פעלדזן און אונטער זיי האָבן די אָפּהענג געבלאַנקט מיט פאַסן שניי.

דער פאַסטוך מיט זיין אייניקל האָבן געפּאַשעט זייער טשערעדע בעק אויף די בערג איבער די העכערע אָפּהענג פון די פעדריסאַס, ווו דער שפּיץ פונעם קאָרנעכאַ־פעלדז הייבט זיך אויף שטאָלץ ווי אַ ריזיקער וועכטער, וואָס איז ווי אויסגעהאַקט געוואָרן פון גראַניט.

אַ געלער מאַנטל האָט אַראָפּגעהאָנגען פונעם פאַסטוכס פּלייצעס, כאָליעוועס פון רויען לעדער האָבן אַרומגענומען זיינע ליטקעס ביז די קני; אַ קוטשמע פון ציגענע פעל האָט צוגעדעקט זיין קאָפּ; און אין זיין האַנט, וואָס איז געווען מיט מאָזאָליעס ווי דער פינגער פון אַ פויגל, האָט ער געהאַלטן אַ ווייסן, גראָבן שטעקן פון ווייסדאָרן. ער איז געווען אַ מאַן אַ פּשוטער און פּרימיטיווער. זיינע באַקן, גראָבע ווי די קאָרע פון אַן אַלטן דעמב, זענען טיילווייז געווען באַדעקט מיט אַן אַרויסגעשפּראָצטער באָרד, וואָס איז אַלט געווען עטלעכע טעג, אַ ווייסע און קויטיקע.

זיין אונטערהעלפער, אַ רויטלעך געשפּרענקלט יינגל, וואָס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון אַ בולדאָג וווהין ער איז געגאַנגען, האָט געמאַכט דעם הימל קלינגען מיט די קאָפּשווינדלערישע קרייזן וואָס ער האָט געצויגן מיט זיין שליידערער אין דער לופט איבער זיין קאָפּ, און האָט פריילעך אָפּגעענטפערט די ווייטע קולות פון אַנדערע פאַסטוכער. זיינע געשרייען, וואָס האָבן אָפּגעהילכט ווי דאָס הירזשען פון אַ פערד, האָבן זיך געענדיקט מיט קלאָרע, לאַנגע, זילבערנע טרעלן פון זאָרגלאָזן געלעכטער, וועלכע דאָס ווידערקול פון די בערג האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

פון די בערג־הייכן האָבן דער פאַסטוך מיט זיין אייניקל געקוקט איבער בערג אָןביימער, אָפּהענג און נאַקעטע לאָנקעס, מיט דאָ און דאָרט טונקעלע, קיילעכדיקע

פלעקן פון קוסטעס, וואָס זענען געווען געדיכט באַשפּרענקלט מיט פּיאָלקעס און רויט פון בלײַענדיקן טימיאַן און לאַוואַנדע.

צופוסנס פונעם באַרג, לעבן אַ טײַך־בעט, וואָס איז פול געווען מיט טרוקענע בלעטער, זענען געוואַקסן קוסטעס מיט טונקל־גרינע בלעטער און יונג־וואַלד פון פאַרקריפּלטע זומפּ־דעמבעס.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן און אַ לײַכט ווינטל האָט אָנגעהויבן בלאָזן. די זון האָט לאַנגזאַם פאַרזונקען הינטער די באַרג־שפּיצן. רויטלעכע שלאַנגען און עק־דישן האָבן אַרומגעשווומען איבערן רעגנבויגן־פאַרביקן בלויען ים פונעם הימל. ווען די זון איז אַראָפּ, זענען די כמאַרעס געוואָרן בלאַסער און האָבן פאַרלוירן זייער קאָליר, און די שלענג מיט עקדישן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריזיקע קראָקאָדילן און וואַלפיש. די בערג זענען פאַרשווונדן אין דער ווײַט, און די טיפע טאָלן זענען געוואָרן נאָך ברייטער און נאָך טיפער, ווען דער בין־השמשות האָט זיך אָנגערוקט.

פון ווײַט האָט מען געקענט הערן דאָס קלינגען פון קי־גלעקלעך בעת די בהמות האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די באַרג־שטעגן; דאָס בילן פון הינט, דאָס קרעכצן פון ווינט; און די אַלע קלאַנגען אין איינעם מיט דעם סודותפולן געמורמל פון די בערג, האָבן אָפּגעהילכט אין דער עלנט פון דער לאַנדשאַפט, ווי מיסטעריעזע קולות, וואָס ווערן געבוירן פון איינזאַמקייט און שטילקייט.

— לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן, זונעלע — האָט געזאָגט דער פּאַסטוך — די זון זעצט זיך.

זײַן אונטערהעלפער איז פלינק געלאָפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. האָט געמאַכט מיט די הענט, האָט געפּאַכעט מיטן שטעקן, האָט געקלאַפּט אין דער ערד, געשריגן און געוואָרפן שטיינער, ביז די בעק זענען פאַרטריבן געוואָרן אין אַ ווינקל אויפן באַרג־אָפּהאַנג. דער אַלטער האָט זיי איבערגעציילט. אַ באָק מיט אַ גרויס גלעקל אַרום זײַן האַלדז האָט זיך געלאָזט גיין פאַראויס אַן זייער שפּיץ אַלס זייער פירער, און די טשערעדע האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן פונעם באַרג. ווען זי האָט זיך אַ ריר געטאָן איבערן גראָז, האָט זי אויסגעזען ווי אַ טונקעלע כוואַליע, וואָס פאַרגיסט אַ גרינעם ים. דאָס פרײַלעכע קלינגען פון די גלעקלעך האָט אָפּגעהילכט מאָנאָטאָן.

— ביסטו זיכער, אַז דער באָק פון רעמעדיאָס איז אין דער טשערעדע, זון? — האָט געפרעגט דער פּאַסטוך.

— יאָ, זיידעניו, איך האָב אים געזען — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל.

— מיר וועלן דאַרפן האַלטן אַן אויג אויף אים, ווײַל זאָל מיך דער נישט־גוטער צונעמען אויב כ'האָב נישט געוואָרפן אַן אומחן אויף דעם באָק.

— פאַרוואָס, זיידע?

— ווייסטו נישט, אַז די רעמעדיאָס איז באַרימט איבער אונדזער גאַנצן קאַנט אַלס מכשפה?

— איז עס אמת, זיידע?

— אַזוי האָט געזאָגט דער דיאַק, ווען ער איז אַהער אַנומעלטן געקומען. מ׳זאָגט אויך, אַז זי כאַפּט אַוועק מענטשן און בהמות, און פאַרטיילט ליבע־געטראַנקען. מען דערציילט, אַז מ׳האָט איר געזען פליִען אין דער לופטן צו אַן אַנדער מכשפה.

דער פּאַסטוך האָט דערציילט זיין אייניקל נאָך זאַכן, וואָס מ׳האָט גערעדט אין דאָרף וועגן דער אַלטער, און רעדנדיק אַזוי האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג, פונעם שמאָלן סטעזשקעלע צום ברייטערן שטעג און פון דאָרט צום וועג, ביז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן טויער פון אַ פּאַרקאַן.

פון דאָרט האָט מען געזען העט אונטן, אַ טיפן טאָל, וואָס איז געווען דורכגעצוימט מיט דער בליאַסקנדיקער זילבער־סטענגע פונעם טייך, און זיי האָבן געקענט באַמערקן אויף זיין ברעג דאָס דאָרף, וואָס איז געווען איינגעהילט אין נעפּל. אַ ביסל וויטער, אויפן קאַרק פון אַ באַרג, איז געשטאַנען דער חרובער שלאָס פון די אַלטע פּריצים פון דער געגנט.

— עפן דעם טויער, זון! — האָט אויסגעשריגן דער פּאַסטוך צו זיין אונטערהעלפער.

דאָס יִנגל האָט אויפגעריגלט דעם טויער און די בעק האָבן אַנגעהויבן אַריינשטראָמען אינעווייניק, שטופּנדיק איינס ס׳אַנדערע. אין מיטן פון אַט דעם שטופּעניש האָט זיך איין באָק דערשראָקן, האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס און איז אַוועק מיט דער גאַנצער שנעלקייט באַרג אַראָפּ.

— שטעל אים אָפּ! דאָס איז דער רעמעדיאָס באָק! — האָט געשריגן דער אונטערהעלפער.

— לויף אים נאָך, לויף אים נאָך, זונעלע! — האָט געשריגן דער אַלטער. ער האָט אַ דרויף געטאָן זיין בולדאָג און האָט אים געהייסן נאָכלויפן דעם באָק.

— כאַפּ אים, לאַבאַ, גיי און כאַפּ אים!

דער הונט האָט אַ ביל געטאָן אַלס צייכן פון געהאָרכזאַמקייט, און איז אַוועק ווי אַ פייל.

דער באָק איז געשפּרונגען פון פעלדז צו פעלדז ווי אַ גומענע פּילקע. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויסגעדרייט אַ קוק צו טאָן אויף צוריק, בלייבנדיק שטיין שטייף און שטאָלץ, מיט זיינע שוואַרצע הערנער אויפן פּאָן פון הימל, מיט זיין לאַנג, שפּיציק, טייוולאָניש בערדל. באַהאַלטנדיק זיך צווישן די געדיכטע קוסטעס, האָט ער אונטערגעשפּרונגען און איז געלאָפן.

נאָך אים האָט זיך געיאָגט דער הונט, דערגרייכנדיק אים לאַנגזאַם. דאָס יונגע פּאַסטוכל איז זיי ביידע נאָכגעלאָפן, פאַרשטייענדיק גוט, אַז מען טאָר קיין צייט נישט פאַרלירן. אַ ביסל ווייטער האָט דער געדרייטער באַרג־אָפּהאַנג זיך פאַרוואַנדלט אין אַן איינפאַכן אָפּגרונט. ווען ער איז אַהין צוגעקומען האָט ער געזען

דעם באָק לויפן משוגענערווייז. דער הונט נאָך אים, אין דער ריכטונג פון אַ מאַסע פעלדזן און פאַרשוווּנדן צווישן זיי.

אין מיטן פון די פעלדזן איז געווען אַ הייל, וועלכע, ווי אייניקע האָבן געזאָגט, האָט נישט געהאַט קיין גרונט. מורא האָבנדיק, אַז דער באָק איז אַהין אַריינגעפאַלן, האָט זיך דאָס יינגל איינגעשטעלט אַריבערצוקוקן דעם ראַנד פונעם אָפּגרונט. אויף אַ טראָפּ פון דער וואַנט, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט מאָך איז געשטאַנען דער באָק.

מיטן פּנים איבערן ראַנד פונעם אָפּגרונט, האָט דאָס יינגל געפּרוווט פאַר־וואַרפן אַ שטריק אויף אים. אָבער ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס וועט זיך אים נישט איינגעבן, איז ער אַוועק צוריק אַהין, וווּ זיין זיידע האָט געוואַרט און האָט אים דערציילט, וואָס ס'האָט פּאַסירט.

— פאַרשאָלטענע בעסטיע! — האָט אַ מורמל געטאָן דער אַלטער. — מיר וועלן תיכף זען. אָבער פריער מוזן מיר אַריינטרייבן די טשערעדע אין שטאַל.

ביידע אין איינעם האָבן זיי אַריינגעטריבן די בעק אינעווייניק, און דאַן זענען דער פּאַסטוך מיט זיין אייניקל אַראָפּ צום אָפּגרונט און האָבן זיך דערנענטערט צו זיין ראַנד. דער באָק איז נאָך געשטאַנען דאָרט ווו פריער. איבער אים איז געשטאַנען דער הונט און האָט שטיל געברומט.

— דערלאַנג אַ האַנט, זיידע, איכ'ל אַראָפּגיין — האָט געזאָגט דער אונטער־העלפער.

פאַרזיכטיק, מיין זון. כ'האָב מורא זאָלסט חלילה נישט אַראָפּפאַלן.

;— ס'וועט מיר גאָרנישט געשען, זיידע.

דאָס יינגל האָט צעשאַרט די קוסטעס, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד, איז געקראָכן ביז זייגע הענט האָבן געהאַנגען איבערן אָפּגרונט און מיט די פיס האָט ער געטאַפּט די וואַנט ביז ער האָט געפונען אַן אָנהאַלט. דאַן האָט ער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף איין האַנט, אָנגעכאַפּט דעם באָקס הערנער מיט דער צווייטער און האָט אים געפּרוווט אַרויפשלעפּן.

ווען דער באָק האָט דערפילט, אַז מ'שלעפּט אים, האָט ער געגעבן אַזאַ שרעק־לעכן שפּרונג צוריק, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. ער איז אומגעפאַלן, און אין זיין פאַלן האָט ער מיט זיך מיטגעשלעפּט דאָס יינגל אין דער טיפעניש פו־נעם אָפּגרונט. קיין געשריי, קיין קרעכץ, קיין שוואַכסטער קלאַנג איז נישט גע־קומען פון דער טיף.

דער אַלטער האָט אַראָפּגעקוקט אונטן.

— אייניקל מיינס, אייניקל! — האָט ער ווילד געשריגן. קיין קלאַנג האָט זיך נישט געהערט. — אייניקל, אייניקל! — מיטן זיפצן פונעם ווינט האָט זיך ווי גע־מישט אַ יאָמערלעך געוויין וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם תהום.

האַלב פון זיבעצן פאַר ווייטאָג, איז דער פּאַסטוך אַ פּאָר מינוט געשטאַנען נישט

וויסנדיק וואָס צו טאָן. דאַן איז אים געקומען דער געדאַנק צו בעטן הילף פֿון די אַנדערע פֿאַסטוכער. און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן לויפֿן צום חרובן שלאָס.

עס איז נישט געווען ווייטער ווי אַ שטיין קען גרייכן, און דאָך האָט ביי אים געדויערט אַ האַלבע שעה איידער ער איז אַהין געקומען, כאָטש ער איז געלאָפֿן איבער די פֿעלדער. דער חרובער שלאָס, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל איז געווען אין גאָטישן סטיל. די אָנקומענדיקע פֿינצטערניש האָט פֿאַרהוילן די פֿאַרוויסטונג פֿון זיינע חורבות און אין בין השמשות האָט ער זיך ווי אויסגעצויגן ביז צו פֿאַנטאַסטישע פּראָפּאָרצן.

דער אַלטער איז געגאַנגען און האָט געשטרויכלט. די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. דער ווענוס־שטערן מיט זיין זילבער־שיין האָט זיך באַוויזן איבערן באַרג, אַ צאַרט פֿאַרטרוימט אויג, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויפֿן טאָל.

דורך אַ שמאָלער סטעזשקע האָט דער אַלטער אַרויפֿגעקלעטערט צום שלאָס, און דורך אַ גאָטיש־געבויגענעם טויער איז ער אַריינגעדרונגען אין אַ הויף, וואָס איז פֿול געווען מיט שטיינער, רעשטן פֿון פֿיר צעקרישלטע ווענט, דער איינציקער זכר פֿון דער אַלטער פּריצישער היים.

לעבן אַ לייטער פֿון טורעם, אונטער אַ שטרויען דעכל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף הילצערנע שטאַנגען, האָט ער דערזען ביי דער שיין פֿון אַ רויכערנדיקן פֿאַקל צען אָדער צוועלף מענטשן, פֿאַרגרעבטע פֿאַסטוכער, זיצן אַרום אַ פֿייער. מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט דער אַלטער זיי דערציילט וואָס ס'האָט געטראָפֿן. זיי זענען אויפֿגעשפּרונגען. איינער פֿון זיי האָט אויפֿגעהויבן אַ שטריק פֿון דער ערד און זיי זענען אַרויס פֿונעם שלאָס. דער אַלטער האָט זיי געפֿירט און זיי האָבן געאיילט צום אָפּגרונט.

און בשעת זיי זענען אַהין געגאַנגען האָט זיי געפּייניקט אין דער פֿאַנטאַזיע דער פֿאַקט, אַז דאָס האָט דער באָק פֿון דער אַלטער מכשפה אַראָפּגעשלעפּט דאָס יינגל אין אָפּגרונט.

— און וואָס איז אויב דער באָק איז גאָר אַ טייוול — האָט געזאָגט איינער פֿון זיי.

— ער קען זייער זיין — האָט געענטפֿערט אַ צווייטער — זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן.

די לבנה איז אויפֿגעגאַנגען. שווערע, שוואַרצע כמאַרעס, ווי אַ טשערעדע מאָנסטערס, האָבן באַדעקט אַ טייל הימל. עס האָט זיך דערהערט אַ שטיל קלינגען פֿון גלעקלעך, די נאַכט־פֿייערן פֿון די פֿאַסטוכער האָבן געלויכטן אין דער ווייט.

זיי האָבן דערגרייכט דעם אָפּגרונט און מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן זיי זיך צוגערוקט נאָענט. איינער פֿון זיי האָט אָנגעצונדן אַ הויפֿן טרוקענע צווייגלעך און האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן אין מויל פֿונעם תהום. די שיין האָט באַלויכטן זיינע

אומהיימלעכע וועגט, מיט זייערע אַלע שפּאַלטן און אַרויסשטעקנדיקע פּעלדזיקע שפּיצן. אַ מחנה דערשראָקענע פלעדערמייז האָבן זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומלויפן אין דער לופט.

— ווער איז גרייט זיך אַראָפּצולאָזן? — האָט געפרעגט דער אַלטער מיט אַ שטילער שטימע.

קיינער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו פּרוּוון, אָבער ענדלעך האָט איינער, אַ יונגער, געזאָגט: אַז אויב קיינער רופט זיך נישט אָפּ, וועט ער אַראָפּ. זיי האָבן אים אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק אַרום דער טאַליע, האָבן אים געגעבן אַן אָנגעצונדענע סאָסנע־צווייג פּאַר אַ שטורקאַץ, וועלכע ער האָט גענומען אין איין האַנט, ער איז צו צום אָפּגרונט און איז פאַרשוווּנדן איבערן ברעג. צו ביסלעך האָבן די פּאַסטוכער אַלץ מער און מער נאָכגעלאָזט די שטריק. דער אָפּגרונט האָט געמוזט זיין זייער טיף, ווייל אַ גרויסע טייל פונעם שטריק האָט מען שוין געהאַט אויפגעוויקלט און דער יונגערמאַן האָט נאָך נישט געגעבן קיין סיגנאַל, אַז ער האָט דערגרייכט דעם גרונט.

פּלוצלינג האָט מען דעם שטריק אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן און קולות האָבן זיך דערהערט פון דער טיפעניש פונעם אָפּגרונט. די מענטשן אויבן האָבן שנעל גענומען אַרויפציִען דעם שטריק, און דער יונגער פּאַסטוך איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן מער טויט ווי לעבעדיק. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם פאַרלאָשענעם שטורקאַץ.

— וואָס האָסטו געזען? וואָס האָסטו געזען? — האָבן זיי געפרעגט אַלע פּאַר אַ מאָל.

— איך האָב געזען דעם טייוול! ער איז געווען אין גאַנצן רויט, אין גאַנצן רויט! זיין שרעק איז איבערגעגאַנגען צו אַלע איבעריקע פּאַסטוכער.

— וועט קיינער נישט אַראָפּ מער? — האָט געמורמלט דער אַלטער אין פאַרצווייפלונג — וועט איר לאָזן מיין אָרעם אייניקל אומקומען?

— גערעכט, זיידע. אָבער זעסטו דען נישט, אַז דער אָפּגרונט געהער צום טייוול? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון זיי. —גיי אַליין אַראָפּ אויב דו ווילסט.

מיט אַנטשלאָסנקייט האָט דער אַלטער אַרומגעבונדן דעם שטריק אַרום זיין טאַליע און האָט זיך דערנענטערט צום ראַנד פונעם שוואַרצן תהום. פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער, ווייטער געמורמל, ווי די שטים פון עפּעס אַן איבערנאַטירלעך וועזן. די קני פונעם אַלטן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן איינע אין דער אַנדערער.

— איך וואַג נישט, — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט, — איך וואַג אויך נישט זיך אַראָפּצולאָזן — און ער האָט זיך ביטער צעכליפּעט.

שווייגנדיקע, פינצטערע האָבן די פּאַסטוכער געקוקט אויפן אַלטן. בשעת די טשערעדעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום דאָרף, זענען די פּאַסטוכער, וואָס האָבן זיי

געטריבן, צוגעגאַנגען צום רעדל מענטשן וועלכע זענען געשטאַנען ביים מויל פון אַפּגרונט. ווען זיי האָבן געהערט וואָס ס׳איז געשען, האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט און זענען אַוועק זייער וועג באַרג־אַראָפּ.

מענער און פרויען האָבן זיך אויפגעזאַמלט אַרום די פּאַסטוכער, קאָמענטירנ־דיק שטיל, מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם די געשעעניש. ווי צוגעשמידטע דורך נייגער צום פּלאַץ ווו זיי זענען געשטאַנען, האָבן זיי אַלע אַריינגעקוקט אינעם שוואַרצן מויל פון דעם אָפּגרונט און האָבן זיך צוגעהערט צום שוואַכן, ווייטן און סודותפולן געמורמל, וואָס האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן.

די נאַכט איז געוואָרן שטאָק פינצטער. אָבער זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרט, געפּענטעטע פון פאַרוווּנדערונג. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פון אַ גלעקל, און די מענטשן זענען אַוועק באַרג־אַרויף צו זען פון וואַנען עס קומט.

זיי האָבן דערזען דעם גלח אַרויפקלעטערן דעם באַרג, באַגלייט פון זיין דיאַק, וועלכער האָט געטראָגן אַ שטורקאַץ. אַ פּאַסטוך האָט אים באַגעגנט אויפן וועג און האָט אים דערציילט, וואָס ס׳איז געשען.

דערזעענדיק דעם גלח האָבן מענער און פרויען אָנגעצונדן שטורקאַצן און האָבן זיך געשטעלט אויף די קני. ביי דער בלוט־רויטער ליכט פון די פייער־פלאַמען האָט מען געזען דעם גלח זיך לאַנגזאַם דערנענטערן צום אָפּגרונט. דער אַלטער פּאַסטוך האָט נישט אויפגעהערט קאָנוווּלסיוו צו וויינען. מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף זיין ברוסט, האָט דער גלח אָנגעהויבן צו מאַכן אַ מלא. אין אַ טרויעריקן כאָר האָבן מענער און פרויען אים אָפּגעענטפערט. די רויכערנדיקע שטורקאצן האָבן געשפּריצט פונקען און געקנאַקט. און פון צייט צו צייט, ווען ס׳איז אַ רגע שטיל געוואָרן, האָט זיך געהערט אַ מיסטעריעז געוויין, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן שוואַך און ווייט פון די טיפענישן פונעם תהום.

ווען ער האָט געענדיקט די מלא איז דער גלח אַוועק און אַלע איבעריקע מע־נער און פרויען זענען נאָכגעגאַנגען, העלפנדיק דעם אַלטנס וואַקלענדיקע פיס אים אַוועקטראָגן פונעם פאַרשאָלטענעם מקום...

אין משך פון דריי טעג און דריי נעכט האָט זיך געהערט אַ ווייט, אומבאַשטימט און סודותפול וויינען און קלאָגן, וואָס איז געקומען פון דער טיפעניש פונעם אָפּגרונט.

האָראַסיאָ קיראָגאַ

(געבוירן אין 1879 — געשטאָרבן אין 1937)

האָראַסיאָ קיראָגאַ, אַן אורוגווייער, ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע דערציילער פון לאַטיין־אַמעריקע.

אין 1903 האָט ער זיך באַזעצט אין בוענאָס איירעס, האָט זיך באַטייליקט אין אַ שטודיום־עקספּעדיציע, וועלכע לעאָפּאָלדאָ לוגאָנעס האָט אָרגאַניזירט קיין מיסיאָנעס.

זיינע דערפאַרונגען פון דער טראָפּישער סביבה אין דער דערמאָנטער אַרגענטינער טעריטאָריע, האָבן אים געדינט אַלס שטאָף פאַר זיינע שפּעטערדיקע מערקווירדיקע, עקזאָטישע און פּאַטאַליסטישע דערציילונגען.

האָראַסיאָ קיראָגאַ איז אַ טראַגישע געשטאַלט אין דער וועלט־ליטעראַטור. שוין די טיטלען גופא פון זיינע דערציילונגען וואַרפן אַן אימה: „דערציילונגען פון ליבע, שגעון און טויט"; „דערווילדער", „אַנאַקאָנדאַ" (אַ גיפטיקע שלאַנג פון דרום אַמעריקע).

אין די 58 יאָר פון זיין שטורמישער און צעווייטיקטער עקסיסטענץ — ביז זיין זעלבסטמאָרד — האָט האָראַסיאָ קיראָגאַ באַוויזן צו שאַפן פיל אין פּראָזע און אין פּערזן, אָבער אַמשטאַרקסטן איז זיין טאַלענט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע דערציילונגען פון דער נאַטור, פון די וועלדער פון מיסיאָנעס. זיין פּאַטאַליזם, מיסטעריע און מרה־שחורה ווי זיין פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, דערמאָנען שטאַרק אין עדגאַר פּאָ.

וועגן קיראָגאַס דערציילונגען זאָגט זיין קריטיקער, זיינער אַ לאַנדסמאַן (אַלבערטאָ לאַספּלאַסעס):

„דער רוי־שטאָף, פון וועלכן עס זענען געשאַפן געוואָרן די דאָזיקע דערציילונגען, וועלכע האָבן מיט פולשטענדיקן רעכט באַרימט געמאַכט קיראָגאַן, איז אַן איינפאַכער אָבער רייַנער: די זון, דער טייך, דער אומענדלעכער וואַלד און די חיות, באַזונדערס די שלענג".

אויב מיט דעם פּאַטאַליזם, מיסטעריע און פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז דערמאָנט קיראָגא, ווי געזאָגט, דעם אַמעריקאַנער פּאָ, דערקענט מען אין זיין פּרעכטיק בוך „דערציילונגען פונעם וואַלד", וואָס ער האָט געשריבן פאַר זיינע קינדער, די השפעה פון ראַדיאַרד קיפּלינג: דאָס איז אַ בוך פון באַצויבערנדיקע משלים וווּ די העלדן זענען חיות מיט לשון, ענלעך צו קיפּלינגס „סתם אַזוי זיך מעשיות", ווו דאָס קעמל, דאָס פערד און אַנדערע חיות זענען די „העלדן".

אין די 35 יאָר פון שרייבערישער אַקטיוויטעט, האָט האָראַסיאָ קיראָגאַ זיך פאַרמאָסטן שאַפן אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע זשאַנרען: פּאָעזיע, נאָוועלן און אַפילו דראַמע, אָבער אין וואָס ער האָט דערגרייכט מייסטערשאַפט איז אין דער קורצער דערציילונג.

„די געקוילעטע הון" איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע פון האָראַסיאָ קיראָגאַס דערציילונגען — הן לויטן סטיל און נאָך מער לויטן אינהאַלט.

די געקוילעטע הון

אַ גאַנצן טאָג אויף אַ באַנק זענען געזעסן די פיר אידיאָטן־קינדער פון דעם פּאַר־פּאָלק מאַציני־פּעראַס. זיי האָבן געהאַלטן די צונג צווישן די ליפּן, די אויגן נאַריש און האָבן געדרייט דעם קאָפּ מיט צעעפנטע מיילער.

דער הויף איז געווען אַן ערדענער. געשלאָסן צו מערב מיט אַ ציגלנעם פּאַר־קאַן. די באַנק איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער, מיט אַ פינף מעטער ווייטער און דאָרט האָבן זיי זיך געהאַלטן אומבאַוועגלעך מיט אויגן אָנגעשטעלטע אויף די ציגל. אַזוי ווי די זון פלעגט ביים פאַרגיין, זיך באַהאַלטן פון יענער זייט פּאַרקאַן, האָבן די אי־דיאָטן געהאַט יום־טוב. פון אָנפאַנג האָט די בלענדנדע ליכט געצויגן זייער אויפ־מערקזאַמקייט, ביסלעכווייז האָבן זייערע אויגן אויפגעלעבט; ענדלעך האָבן זיי זיך הילכיק צעלאַכט און אָנגעגאָסענע מיט בלוט פון דעם זעלבן זשעדנע געלעכטער, האָבן זיי מיט בעסטיאַלער פרייד געקוקט אויף דער זון ווי זי וואָלט געווען אַ מאכל.

אַנדערע מאָל, אין אַ שורה אויפן באַנק, האָבן זיי שעהן לאַנג געזשומעט נאָכ־מאַכנדיק דעם עלעקטרישן טראַמוויי — אויך דער שטאַרקער גערויש האָט צע־טרייסלט זייער אינערציע און דאַן פלעגן זיי אַרומלויפן איבער דעם הויף, בייסן זיך די צונג און רעווען. אָבער כמעט שטענדיק האָבן זיי זיך געפונען אין אַ פינצטערן אי־דיאָטישן שלאָף, פאַרלאָשענע, און פלעגן אַ גאַנצן טאָג זיצן אויף זייער באַנק. מיט פיס אַראָפּגעהאָנגענע, רויקע און די הויזן פאַרפּאַפּטע פון קלעפּיקער סליונע.

דער עלטסטער איז אַלט געווען צוועלף און דער קלענסטער — אַכט יאָר. אין זייער גאַנצן אויסזען, שמוציקע און פאַרוואָרלאָזטע, האָט זיך געמערקט דאָס פעלן פון אַ מאַמעס השגחה.

פון דעסטוועגן זענען די דאָזיקע פיר אידיאָטן געווען אַמאָל די פרייד פון זייע־רע עלטערן. דריי חדשים נאָך דער חתונה, האָבן מאַציני און בערטאַ געריכטעט זייער הייסע ליבע פון מאַן צו פרוי און פרוי צו מאַן צו אַ מער לעבנספולער צוקונפט — צו אַ קינד. וואָס פאַר אַ גרעסער גליק איז מעגלעך פאַר צוויי פאַרליבטע, ווי די דאָזיקע הערלעכע באַלוינונג פאַר זייער ליבע, וואָס איז שוין באַפרייט פון דעם גע־

מיינעם עגאָיזם זיך צו ליבן קעגנזייטיק אָן עפּעס אַ צוועק און וואָס קען ערגער זיין פון הוילער ליבע אָן אַ מעגלעכער האָפענונג אויף באַנייונג?

אַזוי האָבן געפּילט מאַציני און בערטאַ, און ווען עס איז געקומען דאָס קינד, פערצן חדשים נאָך דער חתונה, האָבן זיי גערעכנט זייער גליק פאַר פולקאָם. דאָס קינד איז געוואַקסן שיין און שטראַלנד, ביז עס איז אַלט געוואָרן אַ יאָר מיט אַ האַלבן. אָבער אויף דעם צוואַנציקסטן מאָנאַט, האָבן אים אין איין נאַכט אויפגעטרייסלט שרעקלעכע קאָנוווּלסיעס און אויף מאָרגן האָט עס מער נישט דערקענט די עלטערן. דער דאָקטער האָט עס באַטראַכט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אויפמערקזאַמקייט וואָס זוכט די סיבה פון דעם אומגליק אין די קראַנקייטן פון די עלטערן.

אין עטלעכע טעג אַרום, האָבן די פּאַראַליזירטע אברים צוריק באַקומען זייער רירעוודיקייט; אָבער דער שכל, די נשמה, דער אינסטינקט אַפילו, זענען אין גאַנצן פאַרשוווּנדן; עס איז פאַרבליבן אַ פולשטענדיקער אידיאָט אַ פאַרסלינעטער, אַ פאַר־נאַכלעסיקטער אויף אייביק טויט, אויף די קניעס פון דער מאַמען.

— קינד, מיין ליב קינד! — האָט זי געוויינט איבער דער שרעקלעכער חורבה פון איר בכור.

דער פאָטער, אַ פאַרוויסטער, האָט אַרויסבאַגלייט דעם דאָקטער אין דרויסן אַרויס.

אייך מעג מען זאָגן: איך רעכן אַז עס איז אַ פאַרלוירענער פאַל. עס קען זיך בעסערן, דערציִען אויף וויפיל עס וועט אים דערלויבן זיין אָרגאַניזם, אָבער נישט מער.

— יאָ! . . . יאָ! . . . — האָט פאָטאַקעוועט מאַציני — אָבער זאָגט מיר, איר רעכנט, אַז עס איז בירושה, אַז. . . ?

וואָס באַלאַנגט פון דעם פאָטערס צד, האָב איך אייך שוין געזאָגט, וואָס איך האָב געטראַכט, ווען איך האָב דערזען אייער קינד. וואָס באַלאַנגט דער מוטער, איז דאָרט פאַראַן אַ לונג, וואָס אָטעמט נישט גוט. מער זע איך גאָרנישט, אָבער עס הערט זיך אַ ביסל אַ שווערער אָטעם. זעט, מען זאָל איר גוט באַטראַכטן.

מיט אַ צעפּיצלטער נשמה פאַר חרטה, האָט מאַציני פאַרדאָפּלט זיין ליבע צו זיין קינד, דעם קליינעם אידיאָט, וואָס האָט באַצאָלט פאַר דעם זיידנס זינד. ער האָט אויך געמוזט טרייסטן, שטאַרקן אָן אויפהער בערטאַן, וועלכע איז אַזוי טיף פאַרוווּנ־דעט געוואָרן פון דעם דורכפאַל פון איר יונגער מוטערשאַפט.

ווי עס איז גאַנץ נאַטירלעך, האָט דאָס פאַר פאַלק, קאָנצענטרירט זייער גאַנצע ליבע אין דער האָפענונג צו האָבן נאָך אַ קינד. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן און זיין געזונטער און ליכטיקער שמייכל האָט ווידער אָנגעצונדן די פאַרלאָשענע צוקונפט. אָבער צו די אַכצן מאָנאַט האָבן זיך די קאָנוווּלסיעס פון קינד איבערגעחזרט און אויף דעם צווייטן טאָג איז עס געווען אַן אידיאָט.

דאָס מאָל זענען די עלטערן אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן יאוש, ווייל זייער בלוט,

זייער ליבע זענען פאַרשאָלטן מער פון אַלעמען, זייער ליבע! ער אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט, זי צוויי און צוואנציק און זייער גאַנצע ליידנשאַפט צאַרטקייט האָט נישט דערגרייכט צו שאַפן איין אַטאָם נאָרמאַל לעבן. זיי האָבן שוין מער נישט געבעטן קיין שיינקייט און חכמה ווי ביים בכור, נאָר אַ קינד, אַ קינד ווי אַלע!

פון דעם נייעם אומגליק, האָבן אויסגעפלאַמט נייע פייערן פון קרענקלעכער ליבע, אַ וואַנזיניקער ווילן אויסצולייזן מיט אַמאָל און אויף שטענדיק די קדושה פון זייער צערטלעכקייט. געקומען איז אַ צווילינג און עס האָט זיך אין אַלץ איבערגעחזרט דער פּראָצעס, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט די צוויי עלטערע.

אויסער זייער גרויסער פאַרביטערטקייט, איז געבליבן מאַצינין און בערטאַן דאָס געפיל פון שטאַרקער מיטלייד צו זייערע פיר קינדער. מען האָט באַדאַרפט אַרויסרייסן פונעם תהום פון טיפסטער חיהשקייט שוין נישט זייערע נשמות, נאָר דעם אינסטינקט אַליין, דעם פאַרניכטעטן. זיי האָבן נישט געקענט אַראָפּשלינגען, בייטן דאָס פּלאַץ, אַפילו זיך נישט אַוועקזעצן. ענדלעך האָבן זיי זיך אויסגעלערנט גיין, אָבער זיי פלעגן זיך אָנשלאָגן אין אַלץ און האָבן זיך נישט געגעבן קיין רעכענונג פון שטרויכלונגען. אַז מ'האָט זיי געצוואָגן, האָבן זיי געמרוטשעט ביז דאָס בלוט איז זיי געקומען אין פּנים אַריין. זיי האָבן אויפגעלעבט נאָר ביים עסן אָדער ווען זיי פלעגן דערזען העלע קאָלירן אָדער הערן דונערן. זיי פלעגן דאַן לאַכן, אַרויסשטעקן די צינגער און גיסן טייכן סלינע, שיינענדיק פון חיהשן שגעון. דערפאַר אָבער האָבן זיי פאַרמאָגט אַ געוויסע פעיקייט נאָכצומאַכן. אָבער מער האָט מען פון זיי גאָרנישט געקענט דערוואַרטן.

מיטן צווילינג האָט זיך געדאַכט צו האָבן געשלאָסן די שרעקלעכע אָפּשטאַמונג. אָבער אין דריי יאָר אַרום, האָבן זיי זיך איבער אַ נייס פאַרבענקט נאָך אַ קינד, גלייבנדיק, אַז די לאַנגע צייט וואָס איז פאַרגאַנגען, האָט ווייכער געמאַכט דעם גורל.

זייערע האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. און אין דעם דאָזיקן הייסן פאַרלאַנג זייערן, וועלכער איז אויפגערייצט געוואָרן איבער זיין אומפּרוכטבאַרקייט, פלעגן זיי זיך אויפרעגן. ביז איצט האָט יעדער איינער געטאָן זיין חוב צו לינדערן די עלנטקייט פון די קינדער. די פאַרצווייפלונג אָבער צו ראַטעווען נאָך דעם ווי ס'זענען געבוירן געוואָרן פיר חיות, האָט אַרויסגערופן די מעכטיקע נויטוועגדיקייט צו באַשולדיקן איינער דעם אַנדערן, וואָס איז די אייגנשאַפט פון געמיינערע הערצער.

זיי האָבן אָנגעהויבן מיטן פאַרבייטן פאָרנעמען: דיינע קינדער. און אַזוי ווי מער ווי באַליידיקונג איז געווען פאַרביטערטקייט, האָט זיך די אַטמאָספערע אָנגעלאָדן.

— מיר דאַכט — האָט איר איין מאָל אויף דער נאַכט געזאָגט מאַציני, וואָס איז ערשט געקומען און האָט זיך געוואַשן די הענט — אַז וואָלסט געמעגט האַלטן ריינער די קינדער.

בערטאַ האָט ווייטער געלייענט גלייך ווי זי וואָלט נישט געהערט.

— ס׳איז דאָס ערשטע מאָל — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום געענטפערט — אַז איך זע דיך זיך באַאומרויִקן איבערן צושטאַנד פון דײַנע קינדער.

מאַציני האָט עטוואָס אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר מיט אַ געצווונגענעם שמייכל.

— פון אונדזערע קינדער, דאַכט זיך מיר?

— זאָל זײַן פון אונדזערע קינדער, אַזוי ביסטו צופרידן? — האָט זי אויפגעהויבן די אויגן.

דאָס מאָל האָט מאַציני זיך אויסגעדריקט קלאָר:

— כ׳רעכן אַז וועסט נישט זאָגן, אַז איך בין שולדיק, אַ?

— אַוודאי נישט! — האָט געשמייכלט בערטאַ, זייער אַ בלאַסע — אָבער איך אויך נישט, גלייב איך!... מער וואָלט שוין נישט געפעלט!... — האָט זי געמורמלט.

— וואָס וואָלט מער נישט געפעלט?

— אויב ס׳האָט שוין עמעצער די שולד בין איך דאָס נישט, פאַרשטיי עס גוט! דאָס איז וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן.

איר מאַן האָט איר אַ מאָמענט אָנגעקוקט מיט אַ ברוטאַלער כוונה זי צו באַליידיקן.

— זאָל זײַן! — האָט ער אַרויסגערעדט, אָפּווישנדיק זיך ענדלעך די הענט.

— ווי דו ווילסט, אָבער אויב דו מיינסט צו זאָגן...

— בערטאַ!

— ווי דו ווילסט!

דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס און נאָך אים זענען געקומען אַנדערע.

אָבער ביים אומפאַרמיידלעכן חבר ווערן, פלעגן זייערע נשמות זיך פאַראייניקן אין אַ פאַרטאָפּלטן ברען און שגעון נאָך אַ קינד.

און אַזוי איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. צוויי יאָר האָבן זיי געלעבט מיט אַנגסט אין דער טיפעניש פון דער נשמה, דערוואַרטנדיק יעדן מאָמענט נאָך אַ מאָל אַן אומגליק. עס איז אָבער פון דעסטוועגן גאָרנישט געשען, און די עלטערן האָבן אין איר קאָנצענטרירט אין גאַנצן זייער פרייד, וואָס די קליינע האָט אויסגענוצט ביז צום לעצטן גראַד און איז געוואָרן צעלאָזן און שלעכט דערצויגן.

אויב בערטאַ פלעגט נאָך אין דער לעצטער צייט דאָך אַכטונג געבן אויף אירע קינדער, האָט זי, זינט ס׳איז געבוירן געוואָרן בערטעלע, זיך אין גאַנצן אין די איבעריקע פאַרגעסן. נאָר דער אָנדענק זייערער האָט איר הערשווידערט, ווי עפּעס אַ מערדעריי וואָס מ׳האָט איר געצווונגען צו באַגיין. מיט מאַציניִן, אין אַ קלענערער מאָס אַפילו, איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע.

נישט איבער דעם האָט זיך די רו אומגעקערט אין זייערע נשמות. די קלענסטע נישט געזונטקייט פון זייער טאָכטער האָט אַרויסגערופן, איבער דער שרעק

זי צו פאַרלירן דעם האַס צו זייער פאַרפוילטער אָפּשטאַמונג. זיי האָבן אָנגעזאַמלט גאַל פאַר אַ לאַנגער צייט, כדי דאָס גלאָז זאָל נישט בלייבן נישט פול, און ביי דער קלענסטער באַרירונג איז דאָס גלאָז איבערגעגאַנגען. נאָכן ערשטן פאַרביטערטן סכסוך האָבן זיי פאַרלוירן דעם רעספּעקט איינער פאַרן אַנדערן. און אויב ס׳איז עפּעס פאַראַן אַ זאַך, פון וואָס אַ מענטש פילט זיך מיטגעריסן מיט אַן אַכזריותדיקן פאַרגעניגן, איז דאָס, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן צו דערנידעריקן אין גאַנצן זיין מיטמענטשן. פריִער האָבן זיי זיך קאָנטראָלירט, ווייל ס׳האָט זיי ביידן געפעלט גליק. איצט, אַז ס׳איז געקומען, האָט עס יעדער פאַררעכנט אויף זיין חשבון און גע־פילט די שאַנדע פון די פיר נפשות גלייך ווי דער אַנדערער וואָלט אים געצוווּנגען זיי צו שאַפן.

מיט די דאָזיקע געפילן איז שוין פאַר די עלטערע קינדער נישט מעגלעך געווען קיין ליבע. די דינסט פלעגט זיי אָנטאָן, זיי געבן עסן, זיי לייגן שלאָפן, מיט אָפענער גראָבקייט. מען האָט זיי נישט געוואַשן קיין מאָל. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי פאַרבראַכט זיצנדיק לעבן פאַרקאַן, ווייט פון דער מינדסטער צערטלעכקייט.

אויף אַזאַ אופן איז בערטעלע אַלט געוואָרן פיר יאָר. און אין דער דאָזיקער געבורט־נאַכט אירער, אַלס אַ רעזולטאַט פון די נאַשערייען, וואָס די טאַטע־מאַמע האָבן איר נישט געקענט אָפּזאָגן, האָט דאָס קינד אַ ביסל געשווידערט און געפיבערט און דער פחד צו זען איר שטאַרבן אָדער בלייבן אַן אידיאָטקע, האָט אויפגעריסן די אייביקע ווונד.

שוין דריי שעה ווי זיי האָבן נישט גערעדט און דער מאָטיוו איז געווען, ווי כמעט שטענדיק, די שטאַרקע טריט פון מאַציני.

— מיין גאָט! קענסט נישט גיין אַ ביסל שטילער? וויפל מאָל...?

— גוט, אָבער איך פאַרגעס. געענדיקט, איך טו עס נישט אומיסטן.

זי האָט זיך צעשמייכלט מיט פאַראַכטונג.

— ניין, איך גלייב דיר נישט אין גאַנצן!

איך האָב דיר אויך קיין מאָל נישט געגלייבט... שווינדזוכטיקע!

— וואָס! וואָס האָסטו געזאָגט?

— גאָרנישט!

— יאָ, כ׳האָב עפּעס געהערט! הער, איך ווייס נישט וואָס דו האָסט געזאָגט, אָבער איך שווער דיר, איך וואָלט געוואָלט וואָס ס׳נישט איז איידער צו האָבן אַזאַ טאַטן, ווי דו האָסט געהאַט!

מאַציני איז בלאַס געוואָרן.

— ענדלעך! — האָט ער אַרויסגעברומט מיט פאַרשטשעמטע ציינער — ענ־דלעך, שלאַנג, האָסטו געזאָגט וואָס דו האָסט געוואָלט!

— יאָ, שלאַנג, יאָ! אָבער איך האָב געהאַט געזונטע עלטערן, הערסט? געזונטע!

מיין טאַטע איז נישט געשטאָרבן קיין משוגענער! איך וואָלט געוועןגעהאַט קינדער, ווי די גאַנצע וועלט! די דאָזיקע זענען דיינע, אַלע פיר דיינע!

מאַציני האָט אויפגעריסן.

— שלאַנג טובערקולאָזע! דאָס איז דאָך וואָס איך זאָג דיר, וואָס איך וויל דיר זאָגן! פרעג אים, פרעג דעם דאָקטער, ווער איז מער שולדיק אינעם אידיאָטיזם פון דיינע קינדער — מיין טאַטע אָדער דיין געלעכערטע לונג, שלאַנג!

זיי האָבן פאַרגעזעצט וואָס אַ מאָל מיט מער פאַרביטערטקייט, ביז אַ קרעכץ פון בערטעלען, האָט זיי גלייך פאַרמאַכט די מיילער. איינס פאַרטאָג איז די קראַנקייט פאַרשוווּנדן און אַזוי ווי ס׳קומט זיכער פאָר מיט אַלע יונגע פאָרלעך, וואָס האָבן זיך כאָטש איין מאָל הייס געליבט, איז דאָ אויך געקומען דער שלום מיט דער זעלביקער אויפריכטיקייט, ווי וויטיקלעך עס זענען פריִער געווען די באַליידיקונגען.

ס׳האָט אויפגעשיינט אַ פראַכטפולער טאָג און ווען בערטאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געשפּיגן מיט בלוט. די עמאָציעס און די שלעכטע נאַכט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט, האָבן זיכער געהאַט אַ גרויסע שולד. מאַציני האָט איר געהאַלטן געאַרעמט אַ לאַנגע צייט און זי האָט ביטער געוויינט. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

צען אַ זייגער האָבן זיי באַשלאָסן אַרויסצוגיין נאָך מיטאָג. אין דער ערשטער פריִער מינוט האָבן זיי געהייסן דער דינסט קוילענען אַ הון.

דער טאָג, אַ ליכטיקער, האָט אויפגעהויבן די אידיאָטן פון זייער באַנק. אַזוי אַז ווייל די דינסט האָט געקוילעט אין קיך דאָס עוף, לאָזנדיק אים בלוט מיט שפּאָרעוודיקייט (בערטאַ האָט פון איר מאַמען איבערגענומען דעם ריכטיקן אופן ווי צו האַלטן פריש דאָס פלייש), האָט זי דערפילט אונטער זיך ווי אַן אָטעמען. זי האָט זיך אויסגעדרייט און האָט דערזען די פיר אידיאָטן, מיט די אַקסלען געטוליעט איינער צום אַנדערן, שטייען און קוקן פאַרוווּנדעטע אויף דער אָפּעראַציע. רויט... רויט...

— באַלעבאָסטע! די קינדער זענען אין קיך.

בערטאַ איז געקומען. זי האָט נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן ווען עס איז אַהין אַריינקומען. אַפילו נישט אין די שעהן פון פאַרגעסונג און ווידער דעראָבערטן גליק האָט מען געקענט אויסמיידן דאָס שרעקלעכע בילד! ווייל, פאַרשטייט זיך, וואָס שטאַרקער ס׳איז געווען איר ליבע צום מאַן און טאָכטער, אַלץ נערוועזער איז געוואָרן איר שטימונג, ווען זי איז געקומען אין באַרירונג מיט די פאַרזעענישן.

— זאָלן זיי אַרויס, מאַריע! וואַרפט זיי אַרויס, זאָג איך אייך!

די פיר אומגליקלעכע חיות, אויסגעפאַטשטע און ברוטאַל פאַרשטויסענע, זענען זיך געגאַנגען זעצן אויף זייער באַנק.

נאָך מיטאָג זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען. די דינסט איז געפאָרן קיין בוענאָס איירעס און די פאַמיליע — שפּאַצירן איבער די גערטנער. ווען די זון האָט זיך גע־

האַלטןביים זעצן, האָבן זיי זיך אומגעקערט. אָבער בערטאַ האָט געוואָלט אויף אַ מאָמענט אַריין צו די שכנות פון אַנטקעגנאיבער. איר טאַכטער איז גלייך אַנטלאָפן אַהיים.

די אידיאָטן האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג נישט גערירט פון זייער באַנק. די זון איז שוין אַריבערגעגאַנגען דעם פּאַרקן, זי האָט אָנגעהויבן זינקען און זיי האָבן פאַר־געזעצט צו קוקן אויף די ציגל מיט מער נייגעריקייט ווי שטענדיק.

באַלד האָט זיך עפּעס געשטעלט אין מיטן זייער בליק און דעם פּלויט. זייער שוועסטער, אַ מידע פון זיין פינף שעה מיט די עלטערן, האָט זי געוואָלט באַאָבאַכטן אויף אייגענער רעכענונג. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטןביים פּלויט און אַ פאַר־טראַכטע געקוקט אַרויף. זי האָט געוואָלט אַרויפקלעטערן, דאָס איז געווען זיכער. ענדלעך האָט זי זיך אַנטשיידן אַרויפצוגיין אויף אַ בענקל אָן אַ דנאָ. זי האָט אָבער נאָך נישט דערגרייכט. דאַן האָט זי זיך גענומען צו אַ נאַפט־קעסטל, און איר טאָ־פּאָגראַפישער אינסטינקט האָט איר געוויזן ווי אַוועקצושטעלן דאָס קעסטל ווער־טיקאַל דורך וואָס זי האָט געזיגט.

די פיר אידיאָטן, מיט גלייכגילטיקע בליקן, האָבן געזען, ווי זייער שוועסטער איז געלונגען געדולדיק צו האַלטן ס׳גלייכגעוויכט און ווי שטייענדיק אויף די שפּיצן פינגער, האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם האַלדז אויפן שפּיץ פּלויט, צווישן אירע אויסגע־צויגענע הענט. זיי האָבן איר געזען קוקן אויף אַלע זייטן און זוכן אַן אָנלען מיטן פוס אויפצוהייבן זיך נאָך העכער.

אָבער די אידיאָטנס בליקן האָבן אויפגעלעבט. אַן עקשנותדיקע ליכט האָט געברענט אין זייערע שוואַרץ־אַפּלען. זיי האָבן נישט אַוועקגענומען זייערע אויגן פון זייער שוועסטער, ווייל אַ וואַקסנדיקער געפיל פון בעסטיאַלן אַפּעטיט האָט פאַר־ענדערט יעדן שטריך פון זייערע פּנימער. פּאַמעלעך האָבן זיי זיך דערנענטערט צום פּלויט. די קליינע, וועמען עס איז געלונגען צו פאַרטשעפּען דעם פוס, האָט שוין געוואָלט זיך אַוועקזעצן רייטנדיק, אַוודאי זיך אַריבערצוואַרפן אויף יענער זייט, האָט אָבער דערפילט ווי מ׳האָט איר אָנגעכאַפּט פאַרן פוס. אונטער איר האָבן אַכט אויגן געקוקט אויף איר און געוואָרפן אַ פּחד.

— לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך אָפּ! — האָט זי געשריגן וואָרפנדיק מיטן פוס. אָבער מ׳האָט איר געשלעפּט.

— מאַמע! אוי, מאַמע! מאַמעניו, טאַטעניו! — האָט זי שטאַרק געוויינט. זי האָט זיך געפּרוווט אָנהאַלטן אין דעם זוים פון פּאַרקן, אָבער זי האָט געפילט, ווי זי ווערט אַוועקגעריסן און איז געפאַלן.

— מאַמע! אוי, מאַ...! — מער האָט זי נישט געקענט שרייען. איינער פון זיי האָט איר געשטיקט דעם האַלדז און געריסן די קרייזלעך גלייך זיי וואָלטן געווען פעדערן און די אַנדערע האָבן איר געשלעפּט פאַר אַ פוס ביז צו דער קיך, וווּ מ׳האָט

יענעם אין דער פרי געקוילעט אַ הון און ווייל זיי האָבן איר געהאַלטן פעסט, האָבן זיי ביי איר אָוועקגערויבט דאָס לעבן פון מינוט צו מינוט.

מאַציניך, פונעם הויז וואָס אַנטקעגן, האָט זיך אויסגעוויזן צו הערן דאָס קול פון זיין טאַטער.

— דאַכט זיך, אַז זי רופט דיך — האָט ער געזאָגט בערטאַן.

זיי האָבן זיך אומרויקע צוגעהערט, אָבער זיי האָבן מער גאָר נישט געהערט.

פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך אַ מינוט שפּעטער געזעגנט און ווייל בערטאַ איז געגאַנגען זיך אויסטאָן דעם הוט, איז מאַציני געגאַנגען פאָראויס אין הויף.

— בערטעלע!

קיינער האָט נישט געענטפערט.

— בערטעלע! — האָט ער אויפגעהויבן העכער די שטימע, שוין אַ פאַר־ענדערטע.

און דאָס שטילשווייגן איז געווען אַזוי טויט פאַר זיין האַרצן, דעם שטענדיק דערשראָקענעם, אַז זיין פּלייצע איז אים פאַרקילט געוואָרן פון אַ שרעקלעכן פאַר־געפיל.

— טאָכטער מיינע, טאָכטער מיינע! — איז ער שוין געלאָפן אַ פאַרצווייפלטער ביז ענדע. אָבער דורכגייענדיק פאַרביי דער קיך, האָט ער דערזען אויפן פּאָל אַ טייך בלוט. ער האָט מיט כוח אַ שטויס געטאָן די פאַרמאַכטע טיר און האָט אַרויסגע־לאָזט אַ שרעקלעכן געשריי.

בערטאַ, וועלכע האָט זיך שוין אויך געוואָרפן לויפן, הערנדיק דעם אַנגסט־לעכן רוף פון פאָטער, האָט דערהערט דעם געשריי און האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ צוויייטן. אָבער לאָזנדיק זיך אין קיך אַריין, האָט מאַציני, אַ ווייסער ווי טויט, איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— גיי נישט אַריין! גיי נישט אַריין!

בערטאַן איז געלונגען צו זען דעם פּאָל פאַרפלייצט מיט בלוט. זי האָט נאָר געקענט פאַרוואָרפן די הענט אויפן קאָפּ און פאַרזינקען לעבן אים מיט אַ הייזע־ריקן זיפץ.

דריי בריוו... און איין פּוס

הער:

איך דערלויב מיר אייך צו שיקן די דאָזיקע שורות, אפשר וועט איר מיר טאָן די געפעליקייט און זיי פאַרעפנטלעכן אונטער אייער נאָמען. איך בעט עס פון אייך, ווייל מען זאָגט אַז עס וואָלט מיר נישט לייכט אָנגעקומען זיי אָפּדרוקן. אויב איר וועט געפינען פאַר נויטיק, קענט איר צוגעבן מיינע איינדרוקן אַ מענערישן סטיל, דורך וואָס זיי וועלן אפשר עפּעס געווינען.

מיינע פליכטן צווינגען מיך צו נעמען דעם טראַמוויי צוויי מאָל אין טאָג, און עס איז שוין פינף יאָר ווי איך מאַך דורך דעם זעלבן מאַרשרוט. אויף צוריק קער איך מיך אום אַמאָל מיט אייניקע חברטעס, אָבער אַהיין פאָר איך שטענדיק אַליין. איך בין אַלט צוואַנציק יאָר, איך בין הויך, נישט מאָגער און גאָר נישט טונקל. דאָס מויל איז ביי מיר אַביסל צו־גרויס און עטוואָס בלאַס. איך גלויב נישט איך זאָל האָבן קליינע אויגן. דער דאָזיקער צונויפֿשטעל, פון נעגאַטיווע אייגנשאַפטן ווי איר זעט, איז פאַר מיר גענוג, פון דעסטוועגן, צו אורטיילן פיל מענער; אַזוי פיל, אַז איך וואָלט געוואַגט צו זאָגן אַלע.

איר ווייסט גוט, אַז איר, מענער, האָט די געוווינהייט, ביים איינשטייגן אין טראַמוויי, וואַרפן אַ בליק אינווייניק דורך די פענסטערלעך. אַזוי זעט איר אַלע פנימער (פון די פרויען, פאַרשטייט זיך, ווייל זיי זענען די איינציקע וואָס אינטערעסירן אייך). נאָך דעם גייט איר אַריין און איר זעצט זיך אַנידער.

אַלזאָ: גלייך ווי דער מאַן גייט אַראָפּ פון דעם טראָטואַר, דערנענטערט ער זיך צום טראַמוויי און קוקט אַריין אינעווייניק. איך ווייס פונקט, נישט מאַכנדיק קיין טעות, וואָס פאַר אַ מין מאַן דאָס איז. צי איז ער אַן ערנסטער, אָדער ער וויל גוט פאַר־ברויכן די צען סענט, פאַרזיכערנדיק זיך אגב אורחא אַ שנעלע דעראָבערונג. איך דערקען גלייך יענע וואָס ווילן בלויז פאָרן באַקוועם און מער גאָר נישט, און יענע וועלכע געבן אַ פאָרצוג דער אומבאַקוועמלעכקייט ביי דער זייט פון אַ מיידל.

און ווען דאָס פּלאַץ איז לעבן מיר ליידיק, ווייס איך שוין אַקוראַט פון דעם

ערשטן בליק דורך דעם פענסטערל, וועלכע זענען עס די גלייכגילטיקע וואָס וועלן זיך זעצן ווו עס נישט איז; וועלכע זענען דאָס די פּאַראינטערעסירטע (אויף אַ העלפט) וואָס נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך אַוועקזעצן וועלן זיי אויסדרייען דעם קאָפּ אונדז אָפּ־צומעסטן רוּיק; און וועלכע זענען, ענדלעך, די געוואַגטע, וואָס וועלן איבערלאָזן פריי זיבן ליידיקע פּלעצער צו גיין זוכן אומבאַקוועמלעכקייט לעבן מיר ערגעץ טיף אין וואַגאָן.

די דאָזיקע זענען, וואַרשיינלעך, די מער פּאַראינטערעסירטע. קעגן דער אַלגעמיי־נער געוווינהייט פון די מיידלעך וועלכע פּאָרן אַליין, אַנשטאָט זיך אויפצוהויבן און אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ, רוק איך מיך איינפּאַך צו צום פענסטער צו לאָזן געגנוג פּלאַץ דעם זלידנעם.

געגנוג פּלאַץ!... עס רעדט זיך נאָר אַזוי. קיין מאָל זענען די דריי־פערטל פּלאַץ — וואָס אַ מיידל טרעט אָפּ איר שכן אים געגנוג. נאָך רוקן זיך און צורוקן זיך וויפיל עס גלוסט זיך אים, באַפאַלט אים אַן אויסערגעוויינלעכע אומבאַקוועמלעכקייט. מען וואָלט געקענט מיינען ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן. דאָס דאַכט זיך אָבער בלויז אויס אַזוי; וויל אויב אַ מענטש באַאָבאַכטעט אים, מיסטרויענדיק דער דאָזיקער אומבאַוועגלעכ־קייט, וועט ער באַמערקן אַז דער גוף פון דעם הער גליטשט זיך, אומבאַמערקטער־הייט, מיט אַ לייכטקייט וואָס פאַרשאַפט כבוד זיין צעשטרייטן בליק, פּאַמעלעך אין אַן אַנגעבויגענער ריכטונג צום פענסטערל, אַקוראַט ווו דאָס מיידל זיצט אויף וועלכער ער קוקט כלומרשט נישט און וועלכע זעט אויס גייט אים גאַרנישט אָן.

אַזוי זענען זיי; מען וואָלט געמעגט שווערן אַז זיי טראַכטן פון דער לבנה. דער וויל זעצט פאַר דער רעכטער פוס (אָדער דער לינקער) און גליטשט זיך אומבאַ־מערקט אין אַ קרומער ריכטונג.

איך בין מודה אַז אין די דאָזיקע פאַלן זיץ איך אויך נישט ליידיק. אין איין אוי־גנבליק, בעת איך האָב מיך אַ רוק געטאָן צום פענסטער, האָב איך אָפּגעשאַצט די ווערט פון מיין פּרעטענדענט. צי איז ער אַ דרייסטער פון ערשטן מאָמענט, למשל, אָדער ווירקלעך אַ פּאַראינטערעסירטער. איך ווייס צי איז ער אַ גוט יינגל, אָדער אַ וווּלגאַרער טיפּ. צי איז ער אַן עזותדיקער גנב אָדער אַ קעשענע־שניידער; צי ער איז אַ פּאַרפירער, אָדער אַ נעבעכדיקער אויסנוצער.

אויף דעם ערשטן קוק וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אין דער מעשה פון רוקן דעם פוס מיט אַ צורה פון אַ צבועק האָט מען שטענדיק צו טאָן מיט אַ שולדיקן — מיט אַ שלעפּער. עס איז פון דעסטוועגן נישט אַזוי, און עס איז נישטאָ קיין מיידל וואָס זאָל עס נישט האָבן באַמערקט. יעדער טיפּ פאָדערט אַ ספּעציעלע פּאַרטיידי־קונג; אָבער כמעט שטענדיק, באַזונדערס אויב דער יינגל איז זייער יונג אָדער שלעכט געקליידט, האַנדלט זיך עס וועגן אַ שלעפּער.

די טאַקטיק אין דעם לעצטן ענדערט זיך קיין מאָל נישט. קודם כל די אומ־געריכטע אומבאַוועגלעכקייט און דער אָנשטעל צו טראַכטן פון דער לבנה. נאָך דעם,

אַ גיכער בליק אויף אונדזער פּערזאָן, וואָס זעט אויס זיך צו פֿאַרהאַלטן אויף דעם געזיכט, אָבער וועמענס אויסשליסלעכע כּונה איז געווען אָפּצושאַצן די דיסטאַנץ צווישן זיין פוס און אונדזערן. גלייך ווי דאָס איז פעסטגעשטעלט, הויבט זיך אָן די דעראָבערונג.

איך גלויב אַז עס זענען פֿאַראַן ווייניק זאַכן וואָס זאָלן זיין מער קאָמיש ווי דער דאָזיקער מאַנעוור אייערער, ווען איר הויבט אָן פֿאַמעלעך פֿאָרויסרוקן פריער דעם אָפּצאַס און נאכער דעם שפּיץ. איר, פֿאַרשטייט זיך, גיט זיך נישט רעכנונג; אָבער די דאָזיקע כיטרע מייזן־שפּיל מיט שיך נומער 44 און מער, קוקנדיק אויף דער סטעליע מיט אַ טפשעוואַטער צורה (פֿאַר גרויס עמאָציע, מסתמא), האָט קיין גלייכן נישט מיט עפּעס וואָס איר טוט אין ענין פֿון זיך מאַכן לעכערלעך.

איך האָב אויך געזאָגט, אַז איך האָב מיך נישט געלאַנגווייליקט אין די דאָזיקע פֿאַלן. מיין צושטרייונג באַשטייט אין פֿאָלגנדיקן: פֿון דעם מאָמענט אין וועלכן דער פֿאַרפירער האָט אָפּגעשאַצט מיט פולשטענדיקער עקזאַקטקייט די דיסטאַנץ וואָס ער דאַרף דורכמאַכן מיט דעם פוס, איז זעלטן ער זאָל אַראָפּלאָזן די אויגן. ער איז זיכער אין זיין חשבון, און ער האָט נישט וואָס צו רופן אונדזער וואַכזאַמקייט מיט נייע בליקן. דער פֿאַרגעניגן פֿאַר אים באַשטייט, פֿאַרשטייט איר אַליין, אין דער באַרירונג און נישט אין באַאָבאַכטן.

אַלזאָ גוט: ווען דער ליבער פֿאַרשוין איז שוין אויף אַ האַלב וועג, הויב איך אָן דעם מאַנעוור וואָס ער האָט דורכגעפירט, מיט דער זעלבער פּאָרזיכטיקייט און מיט דעם זעלבן צושטרייטן אויסזען, גלייך ווי איך קוק אויף מיין האַנט. בלויז אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג. נישט קיין סך: צען סענטימעטער זענען גענוג.

עס איז כדאי צו זען די דערשטוינונג פון מיין שכן דאַן ווען קומענדיק ענדלעך צום באַשטימטן פּלאַץ, געפינט ער גאָרנישט, גאָרנישט; זיין שיך נומער 44 איז פולשטענדיק אַליין. עס איז גענוג פֿאַר אים; ער וואַרפט אַ בליק אויף דעם פּאָל צוערשט, אויף מיין פּנים דער נאָך דעם. איך בין די גאַנצע צייט טויזנט מייל ווייט פון אים, קוקנדיק אויף מיין האַנט; אָבער דער מאַן גיט זיך רעכענונג.

פון זיבעצן פאַלן (און איך באַשטים די ציפער וויסנדיק די סיבות), איז אין פופצן שטייט מער נישט צו דער אומבאַקוועמער הער. אין די איבעריקע צוויי פאַלן מוז איך אָנקומען צו אַ וואָרנונג־בליק. עס איז נישט נויטיק אַז דער אויסזען פון דעם דאָזיקן קוק זאָל זיין באַפעלעריש, באַליידיקנד אָדער פֿאַראַכטונג; גענוג איז די באַוועגונג מיט דעם קאָפּ זאָל זיין אין זיין ריכטונג צו אים, אָבער אָן צו קוקן אויף אים. דאָס טרעפן זיך מיט דעם בליק פון אַ מאַן וועלכער קען צופעליק ווירקלעך און טיף אונדז געפעלן ווערן, איז אַן ענין וואָס לוינט זיך שטענדיק אויסמיידן אין אַזעלכע פאַלן. אין אַ שלעפּערל קען זיך געפינען דער קרן פון אַ געפערלעכן גנב, און דאָס ווייסן די קאַסירן פון די גרויסע אוצרות און די מיידלעך די נישט מאָגערע, נישט

טונקעלע, מיט נישט קיין גרויסע מיילער און נישט קליינע אויגן, ווי אייער געטרייע דינערן.

מ.ר.

פריילן:

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער פריינשאַפט. איך וועל טאָן וואָס מעגלעך צו געבן פּלאַץ אייערע איינדרוקן אין אַ זשורנאַל, מיט מיין אונטערשריפט, אַזוי ווי איר פאַרלאַנגט. מיך אינטערעסירט, פונדעסטוועגן זייער שטאַרק, און באַזונדערס אַלס אַ מיטשאַפער פון דעם דאָזיקן אַרטיקל וואָס דאַרף דערשיינען צו וויסן פאָלגנדיקס: אויסער די זיבעצן קאָנקרעטע פאַלן וואָס איר האָט פאַרצייכנט, האָט איר קיין מאָל נישט געפילט דעם קלענסטן סענטימענט צו עפּעס אַ שכן אַ הויכן אָדער אַ נידעריקן, אַ בלאָנדן אָדער אַ טונקעלן, אַ דיקן אָדער אַ מאָגערן? האָט איר קיין מאָל נישט געהאַט אַ שוואַך געפיל פון עלנט — דעם ווי מעגלעך שוואַכסטן — וואָס זאָל אייך מאַכן באַזונדערס שווער און מאַכטלאָז דאָס אָפּרוקן פון אייער אייגענעם פוס?

דאָס אייגנטלעך האָב איך געוואָלט וויסן.

האָראַסיאָ קיראָגאַ

הער:

ווירקלעך, איין מאָל, בלויז איין מאָל אין מיין לעבן האָב איך געפילט די דאָזיקע שוואַכקייט אָדער די דאָזיקע אוממעגלעכקייט אין פוס וועלכע איר דערמאָנט. די דאָזיקע פערזאָן זייט איר געווען. אָבער איר האָט עס נישט פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן.

מ. ר.

דער שטראָם

דער מענטש האָט אָנגעטראָטן אויף עפּעס ווייכס, און האָט באַלד דערפֿילט דעם ביס אין פֿוס. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן פֿאָרויס און ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ קללה האָט ער דערזען אַ יאַראַראַקוסו, וועלכע האָט, אַ צענויפֿגעדרייטע, גע־וואַרט צו אַטאַקירן אַ צווייט מאָל.

דער מענטש האָט אַ גיכן בליק געוואָרפֿן אויף זיין פֿיס, וווּ צוויי בלוט־טראָפּע־לעך זענען לאַנגזאַם געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, און האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון גאַרטל זיין מעסער. די שלאַנג האָט דערזען די סכנה און האָט טיף איינגעצונקען דעם קאָפּ אין צענטער פֿון איר ספּיראַל; אָבער דאָס מעסער איז געפֿאַלן אויף איר רוקן און האָט איר צעשפּאַלטן די רוקנביינדלעך.

דער מענטש האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום ביס, האָט אָפּגעווישט די בלוט־טראָ־פּעלעך און האָט אַ מאָמענט געקוקט. אַ שאַרפֿער ווייטיק איז געבוירן געוואָרן פֿון די צוויי וויאָלעטע פּינטעלעך און האָט אָנגעהויבן דורכדרינגען דעם גאַנצן פֿוס. אויף שנעל האָט ער פֿאַרבונדן מיט זיין טיכעלע דאָס קנעכל און איז אַוועק צו זיך אין הייז־קע.

דער ווייטיק פֿון פֿוס איז געוואָרן גרעסער, עס האָט געצויגן און ער איז גע־וואָרן געשוואָלן; באַלד האָט דער מענטש דערפֿילט צוויי אָדער דריי ברענענדע שטעך, וואָס זענען ווי בליצן דורכגעלאָפֿן די וווּנד ביז העכער אַ העלפֿט פֿון דעם גראָבן פֿלייש. ער האָט מיט שוועריגקייט געשלעפּט דעם פֿוס; אין גאָרגל איז אים געוואָרן מעטאַליש טרוקן; עס האָט געברענט דער דורשט און דאָס האָט ביי אים אַרויסגע־רופֿן אַ צווייטע קללה.

ענדלעך האָט ער זיך דערשלעפּט אַהיים און איז אַרויפֿגעפֿאַלן איבער דעם ראָד פֿון אַ צוקער־מיל. די ביידע וויאָלעטע פּינטלעך זענען אַצינד פֿאַרשוווּנדן אין דעם מאָנסטרועזן געשווילעכץ פֿון דעם גאַנצן פֿוס. די הויט איז ווי געוואָרן דינער און האָט געהאַלטן ביי פּלאַצן פֿון שפּאַנונג. ער האָט געוואָלט רופֿן זיין ווייב, און זיין קול

האָט זיך צעקרישלט אין דעם הייזעריקן גערויש פון דעם טרוקענעם גאָרגל. דער דורשט האָט אים פאַרצערט.

— דאָראָטעאָ! — איז אים געלונגען אַרויסצולאָזן, ווי דורך אַ כאָרכלען — גיב מיר בראָנפן!

זיין פרוי איז געקומען צו לויפן מיט אַ פול גלאָז, וואָס דער מענטש האָט אויס־געליידיקט מיט דריי טרינק. אָבער ער האָט קיין טעם אין דעם נישט געפילט.

— איך האָב דיך געבעטן בראָנפן, נישט קיין וואַסער! — האָט ער ווידער אַ רע־ווע געטאָן. — גיב מיר בראָנפן!

— עס איז דאָך בראָנפן, פּאַולינאָ! — האָט געענטפערט די פרוי אַ דערשראָקע־נע.

— ניין, דו האָסט מיר געגעבן וואַסער! איך וויל בראָנפן, זאָג איך דיר!

די פרוי האָט אַוועקגעאיילט אַ צווייטן מאָל און איז צוריקגעקומען מיט דעם גאַנצן בוטעל. דער מענטש האָט אויסגעטרונקען איינס נאָך דאָס אַנדערע צוויי גלעזער, אָבער ער האָט גאָרנישט געפילט אין האַלדז.

— יאָ, עס איז פּאַסקודנע — האָט ער דאַן אַ מורמל געטון, אַ קוק טוענדיק אויף דעם פוס, וואָס איז געווען שוואַרץ און בלוי שוין פון בראַנד־קאַליר. דאָרט ווו עס איז פאַרבונדן געווען מיט דעם טיכעלע האָט אַריבערגעהאַנגען דאָס פלייש ווי אַ מאָנסטרועזער בלוט־וווּרשטעל.

די שאַרפע ווייטאָגן האָבן אַצינד זיך פאַרוואַנדלט אין אומאויפהערלעכע שטעכע־ניש און האָט דערלאַנגט ביז די לענדן. דאָס שרעקלעכע טרוקעניש אין האַלדז, וואָס דער אָטעם האָט ווי נאָך מער אָנגעגליט, איז געוואָרן שטאַרקער. ווען ער האָט זיך גע־וואָלט אויפהייבן, האָט אים אַ מוראדיק ברעכן געהאַלטן אַ האַלבע מינוט מיט דעם שטערן איבער דעם הילצערנעם ראָד.

אָבער דער מענטש האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, און אַראָפּגייענדיק ביז צום ברעג איז ער אַרויף אויף זיין קאַנאָע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר שנאָבל און האָט אָנגעהויבן רודערן ביז דעם מיט פון דעם פּאַראַנאָ. דאָרט וואָלט אים דער שטראָם פון טייך, וואָס פליסט אַרום דעם איגואַסו וואַסער־פאַל, זעקס מייל, געבראַכט אין ווייניקער פון פינף שעה, קיין טאַקורו־פוקו.

דער מענטש איז, מיט בייזער ענערגיע, ווירקלעך געקומען צום צענטער פון טייך; אָבער דאָרט האָבן זיינע פאַרשלאָפענע הענט געלאָזט פאַלן די וועסלע אין שיפל, און ברעכנדיק — דאָס מאָל מיט בלוט — האָט ער געווענדעט זיינע בליקן צו דער זון, וועלכע האָט שוין געהאַט אַריבערגעשפּאַנט דעם וואַלד.

דער גאַנצער פוס, ביז די לענדן, איז שוין געווען איין דעפאָרמירטער און פאַר־שטאַרצטער קלאָץ, וואָס האָט צעשפּאַרט די וועש. דער מענטש האָט צעשניטן דאָס בענדל און האָט מיט דעם מעסער אויפגעטרענט דעם הויזן ביז אַרויף: דער בויך האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ געשוואָלענער, מיט גרויס בלוי־שוואַרצע פלעקן און האָט

שרעקלעך ווײ געטאָן. דער מענטש האָט געטראַכט, אַז ער וועט קײן מאָל נישט קע־נען קומען אַלײן קײן טאַקורו־פּוקו און ער האָט באַשלאָסן בעטן הילף בײ זײן אַלטן גוטן פרײַנט אַלוועס, כאָטש עס איז שוין לאַנג ווי זײ זענען צעקריגט.

דער שטראָם פון טײַך איז אַצינד געלאָפן צום בראַזיליענער ברעג, און דער מענטש האָט לײַכט געקענט זיך אָפּשטעלן. ער האָט זיך אָנגעהויבן שלעפּן איבער דעם ברעג אַרויף; אָבער אָפּגײענדיק צוואַנציק מעטער, איז ער, אַ דערשעפּטער, גע־בליבן ליגן אויף דער ברוסט.

— אַלוועס! — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַלע כוחות; און האָט זיך אומזיסט אײַנגעהערט.

— פרײַנט אַלוועס! זאָג מיר נישט אָפּ אָט די טובה! — האָט ער ווידער געשריגן, אויפהײבנדיק דעם קאָפּ פון דער ערד.

אין דער שטילקײט פון דעם וואַלד האָט זיך נישט געהערט קײן קלאַנג. דער מענטש האָט נאָך געהאַט כוח זיך צו דערשלעפּן צו זײן קאַנאָע, און דער טײַך, וואָס האָט איר איבעראַנײס פאַרכאַפּט, האָט איר שנעל אַוועקגעטראָגן מיט דעם שטראָם.

דער פּאַראַנאַ לויפט דאָרט אין דער טיף פון אַ ריזיקן קעסל, וועמעס ווענט, העכער פון הונדערטער מעטער, נעמען אַרום אימהדיק דעם טײַך. פון די ברעגעס וואָס טראָגן אויף זײערע ראַנדן שוואַרצע באַזאַלט בלאָקן, הײבט זיך אויף אַ וואַלד, אויך אַ שוואַרצער. אין די זײַטן, הינטן, זעט זיך די אײביקע מרה־שחורהדיקע וואַנט, ווו עס שטורעמט אומאויפהערלעך אין דער נידער דאָס בלאָטיקע וואַסער. די לאַנד־שאַפט איז אַ בײזע און עס הערשט אַרום איר די שטילקײט פון טויט. פאַרנאַכט צו, אָבער, באַקומט איר מרה־שחורהדיקע און שטילע שײנקײט אַ באַזונדערע מאַיעסטע־טישקײט.

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט ווען דער מענטש, אַ האַלב אויסגעצויגע־נער אויף דער דעק פון דער קאַנאָע, האָט דערפילט אַ שטאַרקן שוידער. און פּלוצים האָט ער, מיט שטוינונג, שווער אויסגעצויגן דעם קאָפּ; ער האָט זיך דער־פילט בעסער. דער פוס האָט אים כמעט נישט ווײ געטאָן, די דורשט איז געוואָרן קלענער, און זײן ברוסט, שוין אַ פרײַע, האָט זיך צעעפנט, אָטעמענדיק לאַנגזאַם.

עס איז קײן ספק נישט געווען, אַז דער סם האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן. ער האָט זיך געפילט כמעט גוט, און כאָטש ער האָט קײן כוח נישט געהאַט צו באַוועגן מיט דער האַנט, האָט ער געהאָפט צו ווערן אין גאַנצן געזונט ווען דער טוי וועט פאַלן. ער האָט גערעכנט צו זײן אין טאַקורו־פּוקו אין ווײניקער פון דרײ שעה.

דער געמיט צושטאַנד האָט זיך אַלץ פאַרבעסערט און מיט אים איז געקומען אַ שלעפעריקײט, וואָס איז פול געווען מיט זכרונות. ער האָט שוין גאָר נישט געפילט אין פוס אָדער אין בויך. זאָל נאָך לעבן זײן טויף־פאָטער גאַאָנאָ אין טאַקורו־פּוקו? אפשר וועט ער נאָך זען זײן געוועזענעם בעל הבית, מיסטער דוגאַלד און דעם אָפּ־נעמער פון דעם געהילץ.

וועט ער שוין באַלד אָנקומען? דער הימל אויף מערב האָט זיך איצט געעפנט ווי אַ גאָלדענער פּאָרהאַנג און דער טייך האָט זיך אויך באַפּאַרבט. פון דעם פּאַראַגווייער ברעג, וואָס איז שוין טונקל געוואָרן, האָט דער וואַלד געלאָזט פאַלן איבער דעם טייך זיין בין־השמשותדיקע פרישקייט דורך אַריינדרינגענדע אויסשטראַלונגען פון לימע־נע־צוויט און ווילדן האָניק. אַ פּאָרל גואַקאַמאַזשאָ פויגל זענען זייער הויך און שטיל דורכגעפלויגן אין דער ריכטונג צו פּאַראַגוואַי.

דאָרט אונטן, איבער דעם גאָלדענעם טייך, האָט די קאַנאָאַ זיך געטראָגן שנעל, דרייענדיק זיך טייל מאָל אין הקפות אַרום זיך אַליין אין אַ געווירבל. דער מענטש וואָס האָט זיך אין איר געפונען האָט זיך אַלע מאָל געפילט בעסער, און האָט דער־וויל געטראַכט פון דער צייט, וואָס עס איז שוין אַוועק, אַז ער האָט נישט געזען זיין געוועזענעם בעל הבית דוגאַלד. דריי יאָר? מעגלעך, אַז ניין, נישט אַזוי פיל. צוויי יאָר מיט ניין חדשים? אפשר. אַכט חדשים מיט אַ האַלבן? אַ, יאָ, דאָס געוויס.

באַלד האָט ער דערפילט, אַז עס ווערט אים קאַלט ביז דעם האַרצן. וואָס זאָל עס זיין? און דער אָטעם אויך...

מיט דעם אָפּנעמער פון מיסטער דוגאַלס געהילצן, לאָרענסאָ קוביזשאַ, האָט ער זיך באַקענט אין פּאָרט עספּעראַנסאַ איין מאָל אין אַ הייליקן פרייטיק... פרייטיק? יאָ, אָדער דאָנערשטיק...

דער מענטש האָט לאַנגזאַם אויסגעצויגן די פינגער פון דער האַנט.

— אַ דאָנערשטיק...

און ער האָט אויפגעהערט אָטעמען.

אַלוואַראָ זשונקע

(געבוירן אין 1890)

אַלוואַראָ זשונקע איז דער פּסעוודאָנים פון אַריסטידעס גאַנדאָלפי הערעראַ, געבוירן אין 1890.

דער דאָזיקער אָנגעזעענער אַרגענטינער שרייבער האָט זיך אויסגעצייכנט אין פיל ליר טעראַרישע זשאַנרן.

אַלוואַראָ זשונקע, דער פּאָעט, איז מחבר פון ביכער לידער. ער האָט אויך געשריבן אַ סך ליטעראַטור־קריטיק, אָבער זיין אַמייסטן פאַרשפּרייט בוך איז, מעגלעך, „פּאַפּירענע שיפלעך" פון וועלכן מיר נעמען אַריין אין אונדזער אַנטאָלאָגיע די הערלעכע קינדער־דערציילונג „די קרישטאָלענע קויל".

דאָס גאַנצע בוך איז זיינער צייט געווען איבערגעזעצט און פאַרעפנטלעכט פונעם אַנטאָלאָגיע־רעדאַקטאָר.

די קרישטאָלענע קויל

אָ, די אומצאָליקע טרויעריקע קינדער!
לאָמיר זיך ווידמען צו מאַכן שטראָמען פון זייערע רויטע ליפּן
דאָס הייליקע געלעכטער, און מיר וועלן זיין געראַטעוועט. מעגן
מיר אַליין פאַרלירן יעדע האָפענונג, אַבי זי זאָל אויפשטראַלן
אין די קינדער.

באַררעט

יענעם נאָך מיטאָק, בעת דער לערער האָט דערקלערט דעם מעטאָד פון חיסור, האָט סעראַפין מודיע געווען זיין באַנק־חבר:

— היינט קויף איך די קרישטאָלענע קויל.

באַלד האָבן עס געוווּסט זיינע שכנים: איינער האָט עס אַריינגעשעפּטשעט שטיל דעם אַנדערן, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ געהיימער באַפעל:

— היינט קויפט ער די קרישטאָלענע קויל!

— היינט קויפט ער די קרישטאָלענע קויל!

פאַר אַ היפּשער צאָל קינדער האָט שוין דער לערער גערעדט אומזיסט, קיינער האָט אים נישט געהערט, און ווען עס האָט זיך געענדיקט די לעקציע, האָט סעראַפין זיך פאַרוואַנדלט אין אַ העלד, אַ באַוווּנדערטער — זיך געלאָזט אין דער קראָם פון שפּילעכלעך.

פופצן קינדער האָבן אים באַגלייט. אַלע האָבן געוווּסט, ווי אַזוי דער קליינער

סעראַפין האָט געקריגן יענע פֿאַנטאַסטישע פינף פֿעזעס, וואָס עס האָט באַדאַרפט קאָסטן די קרישטאָלענע קויל: יעדן זונטיק פלעגט זיין מאַמע, אַ פרוי וואָס האָט געאַרבעט אַלס וועשין, אים געבן צען סענט, ער זאָל זיך דורכפאָרן אויף די פערדלעך. סעראַפין האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט און האָט באַהאַלטן די צען סענט צו קויפן די קרישטאָלענע קויל. דאָס דאָזיקע אָפּשפּאָרן, דאָס דאָזיקע אָפּזאָגן זיך, האָט געמאַכט דעם קליינעם פּאָר אַ העלד אין די אויגן פון זיינע חברים, וועלכע זענען נישט געווען פעיק נישט אויף דעם ערשטן, נישט אויף דעם לעצטן.

סעראַפין איז אַריין אין קראָם. די איבעריקע זענען געבליבן ביי דער טיר, קוקנדיק אויף אים מיט גרויסע אויגן. דער מער געוואָגטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ; אָבער דאָס האָבן אַלע געהערט, ווען סעראַפין האָט מיט אַ זיכערער שטימע געזאָגט דעם משרת פון קראָם:

— גיט מיר יענע קרישטאָלענע קויל, וואָס איר האָט אין שויפענצטער.

דער משרת איז געגאַנגען זי אַראָפּנעמען, און די קליינע גרופּע קליינוואַרג האָט זיך אויפגעזאַמלט פאַר דעם שויפענצטער, צו זען די שווערע אָפּעראַציע פון אָפּטשעפּן די רויטע און בליאַסקנדיקע קרישטאָלענע קויל פון דעם האקן, אויף וועלכן זי איז דאָרטן געהאָנגען שוין אַזוי פיל חדשים צו רייצן דעם חשק פון דער שול חברה.

דער משרת האָט זי אָפּגעטשעפּעט און אַריינגעלייגט אין סעראַפינס ציטערנדיקע גיריקע הענטלעך. סעראַפין האָט אַרויסגענומען דריי הויפנס צען סענטיקע מטבעות און האָט זיי אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש. ער האָט געזאָגט:

— פינף פּעזעס!

זיין קול האָט געהאַט יענעם זיכערן קלאַנג, וועלכן עס גיט דער שטאָלץ.

דער משרת האָט אָנגעהויבן ציילן די מטבעות. ווען ער האָט געענדיקט, האָט סעראַפין אים געפרעגט:

— עס איז דאָ?

— עס פעלן צען סענט — האָט געזאָגט דער משרת.

סעראַפינען האָט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

— ווי קען עס זיין?... ניין, ניין!.. אָנו, אָנו?

דער משרת, דער לץ, האָט געלאַכט:

— יאָ, יאָ! עס איז דאָ פינף פּעזעס.

— אַ גוטן טאָג! — האָט געזאָגט דאָס קינד און איז אַרויס פון קראָם.

די חברים האָבן אים אַרומגערינגלט, זשעדנע צו זען און אָנצורירן.

— רירט עס נישט אָן!.. רירט זי נישט אָן!..

און שרייענדיק האָט סעראַפין זיך געפרוווט מאַכן אַ וועג צווישן זיינע חברים. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין, טראָגנדיק די קויל פאָרויס, אויפגעהאָנגען אויף אַ פאָדעם. די איבעריקע, לעבן אים, פון הינטן, שפרינגענדיק פון פאָרנט, אָנשלאָגנדיק זיך איינער אין דעם אַנדערן, האָבן גערעדט:

וואָס פאַר אַ שיינע!

— זע, ווי זי בליאַסקעט!

— האַלט זי אויף דער זון, זי זאָל בליאַסקען מער!

— וואָס פאַר אַ רויטע!

— פאַר וואָס האָסטו נישט געקויפט אַ בלויע?... עס איז נישט געווען קיין בלויע?

סעראַפין האָט נישט געענטפערט: אַ ערנסטער און גליקלעכער האָט ער גע־שפּאַנט מיט זיין רויטער און בליאַסקנדיקער קרישטאָלענער קויל, באַטראַכטנדיק זי אין זיינע הענט.

זי איז אין זיינע אייגענע הענט! ביי אים, ווען ער האָט זיך אַלע טאָג, ווען ער איז דורכגעגאַנגען אויף דעם וועג אין שול אַריין, אָפּגעשטעלט אויף איר קוקן אַ ווייַלע... און איצט איז זי געווען זיינע!...

ווען זיי האָבן זיך פאַרנומען ביי אַ ראָג, האָבן זיי זיך געטראָפן מיט כערוואַזיאָן, דעם גרעסטן אין קלאַס, אַ בחורעץ, וועלכער, נישט געקוקט אויף זיינע דרייצן יאָר, איז נישט אַרויס פון דעם צווייטן קלאַס. דערזעענדיק סעראַפינען טראָגן די קריש־טאָלענע קויל, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— די קרישטאָלענע קויל!.. האָסט זי געקויפט?

— יאָ! — האָט געענטפערט סעראַפין און געפּרוווט גיין ווייטער.

אָבער דער בחורעץ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— אַנו, לאָמיר זי זען, לאָמיר זי זען. וויַז אַהער, לאָמיר זי אַ ביסל טראָגן!..

— ניין, ניין, זי קען זיך צעברעכן... ניין, ניין! — האָט כמעט זיך געבעטן סע־ראַפין.

— וויַז אַהער!

— ניין!

— אויף אַ ווײַלע נישט מער. אַזוי!.. — און ער האָט שוין אויסגעשטרעקט די פינגער און געכאַפּט דעם פאָדעם.

— ניין ניין! — האָט אַ ברום געטאָן סעראַפין אין פאַרצווייפלונג.

— טראַך!... די רויטע און בליאַסקנדיקע קרישטאָלענע קויל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

פון אַזוי פיל שלעפּן האָט זיך דער פאָדעם איבערגעריסן, און די קויל, אַ צע־טראַסקעטע אויף טויזנט קליינע שטיקלעך, איז געלעגן אויף דער ערד... און די רויטע פיצלעך האָבן געבליאַסקעט: מען וואָלט געקענט מיינען — טראָפּנס בלוט...

עס זענען פאַריבער אייניקע סעקונדעס פון דערשיטערונג... ווען סעראַפין איז געקומען צום שרעקלעכן באַוווסטזיין, אַז זיין געליבטע קרישטאָלענע קויל ליגט צע־בראָכן אויף דער ערד, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ווייטיקלעכן קוויטש. — אוי!... און האָט זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און געוויינט קאָנוולסיוו, ביטערלעך.

אַלע זענען געווען צעטומלט. כּערוואַזיאָ איז געווען מער צעטומלט פון אַלע. אפשר האָט ער אויך מער געליטן. ער איז צו צום קליינענקן, וואָס האָט געוויינט: — וויין נישט, סעראַפּין; איך...

ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו ענדיקן די פראַזע, ווי סעראַפּין אין זיין פאַרצווייפלונג האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט די פויסטן און ציין, נישט קלערנ־דיק פון אונטערשייד אין כוח און יאָרן.

כּערוואַזיא האָט בלויז צייט געהאַט זיך צו פאַרטיידיקן און צו שרייען:

— איך וועל דיר באַצאָלן!.. אַז איך וועל דיר באַצאָלן! דער טאַטע גיט מיר אַ פּעזע אַלע זונטיק. איך וועל זיי דיר געבן...

סעראַפּין האָט גאָרנישט געהערט. אַ בלינדער האָט ער פאָרגעזעצט אים צו דער־לאַנגען סטוסאַקעס. איין קלאַפּ האָט ער אים דערלאַנגט אין פּנים, און ביי כּערוואַזיאָן איז רויט געוואָרן די נאָז. ער האָט געהערט, ווי אייניקע האָבן געזאָגט:

— ער האָט אים געלאָזט בלוט!

— ער האָט אים געלאָזט בלוט פון דער נאָז!

אויף גיך האָט דער יינגל אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער נאָז און ער האָט זי דערזען פאַרפלעקט מיט בלוט. דאָס האָט אים אויפגעבראַכט. ער האָט געמאַכט אייניקע שריט אויף צוריק, אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל און פאַרקלעמט די פויסטן. אַ צאָרנדיקער האָט ער צו אים אויסגעשריִען:

— איצט באַצאָל איך דיר גאָרנישט!... איצט באַצאָל איך דיר גאָרנישט! איצט לאָמיר זיך שלאָגן!

און ער האָט געוואַרט אויף דעם אָנפאַל פון אַנדערן. סעראַפּין אָבער, אַ דערשראָ־קענער פון זיין האַנדלונג ווי פון די טראָפּנס בלוט, וואָס ער האָט געזען אין כּערוואַ־זיאס מויל, האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

— וועסט מיר באַצאָלן פאַר מיין קרישטאָלענער קויל? — האָט ער געפרעגט.

— ניין! — האָט געענטפערט דער בחורעץ — איך באַצאָל דיר נישט גאָרנישט. איצט באַצאָל איך דיר גאָרנישט!

דער קליינינקער האָט דערפילט, אַז דער כּעס באַהערשט אים ווידער. ער וואָלט זיך גערן געוואָרפן אויף יענעם ווערגעלעץ און וואָלט אים דערשטיקט. ער האָט אָבער גוט געזען, אַז דער לעצטער איז איצט גרייט זיך צו שלאָגן, אויך אַ צאָרנ־דיקער, און ער האָט נישט געוואגט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דערזעענדיק אויף דער ערד די קליינע שטיקלעך, די רויטע, ווי טראָפּנס בלוט צעשאָטענע, וועלכע זענען פריִער געווען אַ פּרעכטיקע קרישטאָלענע קויל, האָט ער ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

כּערוואַזיא האָט געכאַפּט זיין היטל און האָט זיך געלאָזט גיין.

— וועסט מיר באַצאָלן, אַ?

— איך באַצאָל דיר גאָר נישט! — האָט געענטפערט כערוואַזיאַ, אָפּווישנדיק זיך די נאָז, און ער איז פאַרשוווּנדן.

דער קליינינקער, אַן אומגליקלעכער, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט דעם פּנים צו דער ערד צו באַווייגען די שטיקלעך פון דעם, וואָס איז געווען זיין רויטע, בליאַס־קנדיקע, ליבע קרישטאָלענע קויל. עס האָט געקאָסט אַרבעט אייניקע פון זיינע חברים אים אַוועק נעמען פון אָרט און אַוועקשלעפּן ביז אַהיים.

אויף דעם צווייטן טאָג איז סעראַפין נישט געקומען אין שול. אַ חבר, וועלכער האָט געלעבט אין דער זעלבער קאָנווענטיזשע, האָט דערקלערט: „ער איז קראַנק; ער איז אויפגעשטאַנען מיט פיבער“.

כערוואַזיאַ, דערהערנדיק דאָס, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ צעטומלטער, גלייך ווי ער וואָלט דערפילט די בליקן, וואָס זיינע חברים האָבן אויף אים געוואָרפן פון דער זייט.

סעראַפין האָט געפעלט צוויי דריי־טעג, און דער חבר, וועלכער האָט געוווינט אין דער זעלבער קאָנווענטיזשע, האָט אָנגעזאָגט די נייעס דעם לערער: — ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, היינט ביי־טאָג וועט מען אים אַוועקפירן אין שפּיטאָל.

— אָרעם קינד! — האָט אויסגערופן דער לערער — וואָס פאַר אַ שאָד! אַזאַ פלייסיקער!

— איז אַן ערנסטע, די דאָזיקע קרענק? — האָט עמעצער געפרעגט.

— זייער אַן ערנסטע! — האָט געענטפערט דער לערער. — זייער אַ ערנסטע! נישט איינער איז שוין פון איר געשטאָרבן; ווער שמועסט, ווען עס באַקומט זי אַזאַ שוואַך קינד, ווי ער איז...

שטאַרבן!... דאָס וואָרט האָט דערלאַנגט כערוואַזיאָן מיט מער קראַפט, ווי ווען ער וואָלט געקראָגן אַ קלאַפּ. שטאַרבן!... ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין בוך, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, כאָטש ער האָט גאָרנישט געלייענט; ער וואָלט מער נישט געקענט לייענען. ער האָט בלויז צוגעהערט די רייד פון דעם לערער. דער לעצטער האָט פאָרגעזעצט:

— אָרעמער סעראַפין!... לאָמיר אָט וואָס טאָן, קינדער: דאָנערשטיק, אין דעם טאָג פון באַזוכן אין שפּיטאָל גייען מיר אַלע צו אים. ער וועט זיין זייער צופרידן אונדז צו זען.

די קינדער האָבן אויפגענומען דעם פאָרשלאָג מיט פרייד.

— יאָ, יאָ, מיר גייען, מיר גייען!...

און דאָנערשטיק נאָך מיטאָג זענען אַלע, מיט דעם לערער אין דער שפּיץ, אַוועק באַזוכן דעם קראַנקן. איינער האָט געפעלט — כערוואַזיאַ.

דער לערער האָט געקלערט, פאַר וואָס ער האָט געפעלט, און אויף דעם צווייטן טאָג האָט ער אים געפרעגט אין קלאַס:

— פאַרוואָס ביסטו נעכטן נישט געקומען אין שפּיטאָל באַזוכן סעראַפּינען?

כערוואַזיאָ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז רויט געוואָרן, און בשום אופן האָט מען ביי אים נישט געקענט אַרויסקריגן קיין ענטפער.

דער לערער, שוין אַ גרויער מענטש, זייער אַ רויקער, איז מער נישט צוגע־שטאַנען.

— גוט — האָט ער געזאָגט — וועסט גיין דעם קומענדיקן דאָנערשטיק, ווייל מיר רעכענען גיין אַלע דאָנערשטיק אים זען; איאָ, קינדער?

— יאָ, יאָ, יאָ! — האָבן געענטפערט די קינדער פריילעכע.

און דעם צווייטן דאָנערשטיק זענען אַלע, מיט דעם לערער אין דער שפּיץ, ווידער געגאַנגען אין שפּיטאָל.

כערוואַזיאָ איז דאָס מאָל אויך נישט געקומען.

דער לערער, וועלכער האָט אין ערשטן אויגנבליק באַמערקט, אַז ער פעלט, האָט אים געפרעגט אויף דעם צווייטן טאָג:

— פאַר וואָס ביזטו נעכטן נישט געקומען, כערוואַזיאָ?

דאָס יינגל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ שטומער און רויטער.

— ביסט ברוגז מיט סעראַפּינען?

— ניין!

— ניין!

— פאַר וואָס זשע גייסטו אים נישט זען?

בשום אופן האָט מען אים נישט געקענט מאַכן ריידעוודיק.

דעם אַנדערן דאָנערשטיק האָט ער אויך געפעלט.

דעם לערער האָט אָנגעהויבן באַאומרויקן די האַנדלונג פון דעם יינגל, זיין עקשנות נישט צו גיין. און אויפן אַנדערן אין דער פרי האָט ער ווידער געפרעגט אין קלאַס:

— פאַר וואָס ביסטו נעכטן אויך נישט געקומען באַזוכן דעם אָרעמען? ביסט ברוגז מיט אים? אָבער ער איז מיט דיר נישט ברוגז; ער האָט מיך געפרעגט אויף דיר; ער האָט מיך געפרעגט, פאַר וואָס ביסטו אים נישט געקומען באַזוכן, ווי עס האָבן אים באַזוכט די איבעריקע חברים. פאַרוואָס גייסטו נישט, כערוואַזיאָ? געדענק, אַז סעראַפּין איז זייער קראַנק און טאָמער וועט ער שטאַרבן, וועסטו שטאַרק חרטה האָבן...

כערוואַזיאָ, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, מיט מוטנע אויגן, האָט געשוויגן:

אַ יינגעלע, קנאַקנדיק מיט די פינגער אין דער לופט, האָט געשריען:

— הער!

עס האָט זיך געמערקט אין זיין באַוועגונג, אַז ער איז געווען גרייט צו דערציילן דעם לערער אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט און פאַרוואָס כערוואַזיאָ איז נישט געגאַנגען.

אָבער דער לעצטער האָט אויף אים אַזאַ שטרענגן בליק געטאָן, אַז דאָס יינגעלע האָט זיך דערשראָקן.

דער לערער, אַ פּאַרטראַכטער, האָט נישט געקלערט וועגן אים און האָט געפּרוווט אַרויסקריגן אַ הבטחה פון דעם איינגעשפּאַרטן:

— יאָ, וועסט זיין! אַיאָ, וועסט גיין? איך בין זיכער, אַז דו וועסט גיין!

אָבער כערוואַזיא האָט געפעלט אויך דעם דאַנערשטיק. און דער לערער, אַזאַ גוטער און רויקער, האָט זיך אויפגערעגט, ער האָט צו אים ניט גערעדט אַ גאַנצע וואָך. ער האָט געמאַכט, גלייך ווי כערוואַזיא וואָלט גאָר נישט עקסיסטירט. אָבער דעם אַנדערן דאַנערשטיק, ביים סוף פון דער פּרימאַרגנדיקער לעקציע, האָט ער אים גערופן:

— כערוואַזיא, וועסט קומען היינט נאָך מיטאָג אין שפּיטאָג?

און צו דער פאַרוווּנדערונג פון אַלע, האָט ער געענטפערט מיט אַ זיכערער שטימע:

— יאָ!..

— אַך! ווי פריילעך עס וועט זיין דער אָרעמער סעראַפין, ווי פריילעך! שטענדיק פרעגט ער אונדז וועגן דיר. נישט אמת, קינדער, אַז שטענדיק פרעגט ער אונדז וועגן כערוואַזיאן?

— יאָ, יאָ! — האָבן געענטפערט עטלעכע קעלכלעך.

— און ער זעט, נעבעך, אויס אַזוי שלעכט, דער אָרעמער! וועסט זען היינט. ווען דו וועסט אים אָנקוקן, וועסטו אים נישט דערקענען, אַזוי מאָגער איז ער און מיד. געדענק זשע! זאָלסט נישט פעלן! אַ? וועסט נישט פעלן?

— ניין!

— איינס אַ זייגער אין דער פאַרוואַלטונג פון שפּיטאָל. דאָרט וועלן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלען, און מיר וועלן אים גיין זען. מיר זעען אים דורך דער שויב פון אַ פענסטער, ווייל מען לאָזט אונדז נישט אַריינגיין. עס איז אַן אַנשטעקנדיקע קרענק. מיר זעען אים, מיר גריסן אים. מער גאָרנישט. ער באַגריסט אונדז אויך, אַזאַ צופרידענער!..

דעם דאַזיקן דאַנערשטיק, אַ פּאָר מינוט שפּעטער פון דער באַשטימטער שעה, איז כערוואַזיא געקומען צו דער טיר פון דעם שפּיטאָל.

אַ ציטערנדיקער, קענטיק אַן אויפגערעגטער, איז ער אַריין אין זאַל פון דער דירעקציע. עס זענען שוין דאָרט געווען דער לערער און אַ היפּשע צאָל חברים.

איינער פון זיי האָט זיך צוגעאײלט אים אָנצוזאָגן די בשורה:

— ער איז געשטאָרבן!

— וואָס? — האָט אַ מאַך געטאָן כערוואַזיא. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן אויף צוריק. ער האָט ברייט צעעפנט די אויגן, מיט שרעק ביים מויל, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שרעקלעכער העוויה.

אַן אַנדערער האָט געזאָגט:

— ער איז געשטאָרבן די פֿאַבריקע נאַכט.

— די פֿאַבריקע נאַכט אַ פערטל אויף עלף — האָט באַשטיעטיקט נאָך איינער אי־בערגעבנדיק פּינקטלעך די פּרטים, האָבנדיק דאָס פֿאַרגעניגן זיי איבערצוגעבן, ווען ער האָט געזען דעם עפֿעקט, וואָס זיי האָבן געמאַכט.

— טראַך!!!.. פֿון די ציטערנדיקע הענט פֿון דעם יינגל האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דער ערד אַ רויטע בליאַסקנדיקע קרישטאָלענע קויל, וואָס ער האָט געטראָגן באַהאַלטן אין מאַנטל, און האָט זיך צעשאָטן אויף קליינע שטיקלעך... מען וואָלט געקאָנט מיינען טראָפּנס בלוט...

יאַקאָב וואַסערמאַן

(געבוירן אין 1873 — געשטאָרבן אין 1934)

יאַקאָב וואַסערמאַן, דער באַרימטער מחבר פון „די יידן פון צירנדאָרף", פון „מיין וועג אַלס דויטשער אונד יודע", „דער פאַל מאַרריציוס", „קריסטאָפער קאָלומבוס", און צענדליקער אַנדערע באַרימטע ווערק, איז געבוירן געוואָרן אין פירט, לעבן נירנבערג, אָבער האָט זינט 1898, ביז זיין טויט געלעבט אין עסטרייך. זיין קינדהייט איז געווען אַ טרויעריקע; אין דער אַרמיי האָט מען אים געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד; ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, און האָט געלעבט אין מינכען, האָט ער שיעור נישט געהונגערט. אָבער נאָך 1897, דאָס יאָר ווען עס איז דערשינען „די יידן אין צירנדאָרף", און שפּעטער ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ווייטערדיקע ראָמאַנען און דערציילונגען, איז וואַסערמאַן באַרימט געוואָרן אין אייראָפּע און אַמעריקע.

יאַקאָב וואַסערמאַן האָט פיל געדייזט איבער אייראָפּע, אַפריקע און די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ ער האָט געהאַלטן רעפעראַטן. ביז 1933, דאָס יאָר ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז וואַסערמאַן געווען מיטגליד פון דער פּרייסישער אַקאַדעמיע פון ליטעראַטור. ער איז געווען איינער פון די אַמייסטן געלייענטע און איבערגעזעצטע שרייבער אין דער וועלט. איינע פון זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען: „גאַספּאַר האַוזער" (דערשינען אין 1908), „דאָס גענזענמענכען" און שוין דער דערמאָנטער „דער פאַל מאַרריציוס".

לויט זיין וועלט־אָנשויונג איז יאַקאָב וואַסערמאַן אַ ליבעראַלער דעמאָקראַט, וועלכער דענקט אַז דער איינציקער רעזשים אונטער וועלכן אַ מענטש קען זיך אויסלעבן מיט חשיבות איז עכטע דעמאָקראַטיע. די טעמעס פון זיינע ווערק זענען אַזוי פאַרשידן ווי די פּראָבלעמען פונעם מענטשן: גערעכטיקייט, די פּראָבלעם פון שלעכטס, די אכזריות פונעם גורל, די קאָנפליקטן צווישן עלטערן און יונגערן דור. די לאַגע פון יידן, די גרויזאַמע באַהאַנדלונג פון די טורמע־אַרעסטאַנטן, דער מצב פון דער פרוי און, בכלל, דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון דעם מאָדערנעם לעבן.

די בעסטיע

אין איינער פון די געוועזענע הויפּטשטעט פון צענטראַל דייטשלאַנד זענען אויסגעבראָכן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע גרויסע אַרבעטער־אומרוען, אין וועלכע די איינוווינער דערמאָנען זיך נאָך מיט שרעק. טויזנטער שטרייקנדיקע אַרבעטער האָבן זיך אויפגעזאַמלט מחנותוויז אין יענעם נעפּלדיקן פעברואַר־פרימאָרגן און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די רוישיקע גאַסן פונעם שטאָט־צענטער. דער

המון ווילע־יונגען, וואָס גייען געוויינלעך אַרום ליידיק, איז צו זיי צוגעשטאַנען, און די פּאָליציי איז באַלד נישט געווען ביכולת זיך צו ספּראַווען מיט דער דראָענדיקער מאַסע. די אייזערנע שטאַרן האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן איבער די שוי־פענצטער. קאַפעען און רעסטאָראַנען האָבן זיך געשלאָסן אין פּאַנישער אייליקייט. הויז־טירן האָבן זיך פאַרהאַקט און נייגעריקע און דערשראָקענע פּנימער האָבן זיך באַוויזן אין די פענצטער, ווען עס האָבן זיך דערהערט די ווילדע געשרייען און פייפערייען פון די אָנקומענדיקע מאַסן. זיי האָבן זיך דורכגעבראָכן זייער וועג ווי אַ נישט־פאַרהאַלטענער שטראָם. שטיינער זענען געשליידערט געוואָרן אין די הייזער און האָבן אויסגעזעצט די שויבן. דאָ און דאָרט האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די פּאָליציי האָט זיך געזען געצווונגען אָנצונעמען פּאַרטיידיקונגס־מיטלען און האָט זיך גע־גרייט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם המון מיט שווערדן און שטעקנס. אומרו און פאַרביטערטקייט איז געוואַקסן מיט יעדן מאָמענט. די געשרייען און געוואַלדן האָבן געהילכט אַלץ שווידערלעכער. נאַקעטע אָרעמס און בייזע דראָענדיקע פויסטן האָבן זיך געצויגן אין דער הייך. אויגן האָבן געברענט מיט גזלנישער און נקמהדיקער שנאה. ווייבער האָבן אונטערגעגעבן מוט די מענער. קינדער אין שמאַטעס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אויערן־לעכערדיקע קוויטשערייען. און די שוואַכסטע פּראָ־וואָקאַציע, אפשר אַ שלעכט וואָרט און מאָרד און רויב וואָלטן געווען אומפאַר־מיידלעך.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן עפנטלעכן פּאַרק, וועלכן די ערשטע טייל פון דער מאַסע האָט ערשט געהאַט דערגרייכט, אַ גרויסער וואָגן, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ מעבל־וואָגן, אָבער וואָס אָנשטאָט זייטן האָט ער געהאַט ברייטע לייוונטענע פאַרהאַנגען, און אויף זיי איז געווען דער הערב פון דער קיי־זערלעכער פאַמיליע, וואָס האָט ביז נישט לאַנג צוריק געהערשט איבערן לאַנד. דער אָנבליק פון דער פאַרהאַסטער עמבלעם, האָט אויפגעשרויפט דעם צאָרן פון די בונטאָווטשיקעס ביז צום העכסטן גראַד. אין איין מאָמענט איז דער וואָגן אַרומ־גערינגלט געוואָרן. די אָנשטרענגונגען פון דער פּאָליציי זיך דורכצורייסן דורך דעם מענטשלעכן רינג, זענען געווען אומזיסטע. דער אָנטרייבער האָט אָפּגעשטעלט די צוויי פערד, וועלכע האָבן שטאַרק געציטערט, ווייל זיי זענען אַזוי פּלוצלינג גע־צוימט געוואָרן. אַ מאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער רוק־ברעט אין דער הינ־טערשטער טייל פונעם וואָגן, האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ ביקס פון זיין אַקסל און האָט אַ צי געטאָן דאָס צינגל. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר דער אַטאַקע. אַ גוט־געצילטער זעץ האָט אים אומגעוואָרפן. דרייסיק אָדער פערציק אָרעמס האָבן זיך אויסגע־שטרעקט צום פאַרהאַנג וואָס איז דעקאָרירט געווען מיט דער עמבלעם. דעם אָנטריי־בערס היציקע, דראָענדיקע זשעסטיקולאַציע איז געבליבן אומבאַמערקט. אַ וואָרט וואָס ער האָט צו זיי געוואָרפן איז דערטרונקען געוואָרן אינעם רעש און די פאַר־הענגלעך זענען אַראָפּגעריסן און צעפּיצלט געוואָרן. אין דעם מאָמענט וואָס דאָס

איז געשען, זענען אַלע, אַפּילו די געוואַגטסטע פון זיי, אַנגעפילט געוואָרן מיט דער העכסטער שרעק. דאָס פייפן, געוואַלדעווען, וואָיען האָט אויפגעהערט גלייך ווי דורך אַ באַפעל, און די וואָס האָבן געזען דאָס בילד, האָבן באַזיגט דורך זייער דערשיטערנדיקן שטילשווייגן יענע הינטן, וועלכע האָבן בלויז אומקלאָר דערפילט עפּעס אַ בייזע פאַרבאַדייטונג און האָבן געקוקט מיט דערשראָקענע בליקן אויף די נאַקנס, וואָס האָבן זיך געפונען פאַר זיי.

אויפן וואָגן איז געשטאַנען אַ נובישער לייב פונעם קייזערלעכן זאָאָלאָגישן גאָרטן. איבער דעם וואָס ס'האָט טייער געקאָסט דאָס שפּייזן און אויסהאַלטן אים און אויך צוליב אַ געוויסן ווידערווילן צו אַזעלכע שפּילצייג פון זייערע געוועזענע הערשער, האָט די נייע רעגירונג באַשלאָסן צו פאַרקויפן די בעסטיע אַן אויסלענדישער מלוכה. און אַזוי אַרום איז אין יענעם פרימאָרגן דער לייב געשיקט געוואָרן אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע, כדי אים אַריבערצופירן אויף דעם נייעם פּלאַץ.

בעת דער פאַרהאַנג איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פונעם אייזן־געשטעל, האָט זיך דער לייב אויפגעהויבן און האָט באַקוקט די טויזנטער מענטשן אַזוי זיכער, מיט אַזאַ מאַיעסטעטישן אויסדרוק, אַז קיין קול האָט זיך פון זיי נישט געהערט, קיין אָטעם־צוג. אין זיינע בליציקע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס בילד פון אַ פרעמדער וועלט. אָבער וועלכע איז געווען די נאַטור פון דער וועלט דאָרט, אין דרויסן? אַ האַרטע און קאַלטע וועלט אַזוי ווי שטיין, אַ וועלט אָן אַ הימל אָדער האָריזאָנט; אַ וועלט פון סודותפולע קלאַנגען און שלעכטע ריחות. האָט ער געהאַט אַן אָנונג פון די ווילדעליידנשאַפטן, וואָס האָבן אויסגעפּלאַצט פון פאַרצווייפלונג און עלנט; ער, וואָס האָט גאָרנישט געוווסט פון פאַרצווייפלונג און עלנט, און פון ליידנשאַפטן, אויסער די עלעמענטאַרע, וואָס זענען נאַטירלעך פאַר זיין העכערן מין? האָט ער באמת פאַרנומען די אַלע אומרויקע מיאוסע פּנימער פאַר אים, אָדער איז עס בלויז געווען אַ טיילווייזער אַספּעקט אָדער עפּעס אַן איינדרוק פון אַ פּרט, וואָס האָט אים דערגרייכט: אויסגעשטשירעטע ציינער, אַנגעשטרענגטער שטערן, די מאָרדע אויף פאַראויס, דער בייזער צאָרן אינעם בליק, דער נשמהלאָזער קוק פון אַל דאָס בייז, דער פינצטערער חוזק פון די אויסגעמאָגערטע?

אָבער יענע אין דרויסן דאָרט האָבן געפילט, מיט שיעור נישט רעליגיעזער פּיעטעט, עפּעס וואָס איז אים פולשטענדיק געווען אומבאַקאַנט. אין די שמוציקע לעכער ווו זיי האָבן געלעבט און געטראַכט וועגן זייערע איבלען, ווו עס זענען געלעגן זייערע קראַנקע און זייערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן, און ווו זיי זענען באַהערשט געוואָרן פון פינצטערע געדאַנקען וועגן די אומרעכטן, וואָס זענען געווען זייער ירושה פון אַ בייזער אָרדענונג. אויף אַלע זייערע וועגן און רייזעס און אין אַלע זייערע חלומות פון זייערע שקלאַפישע פאַנטאַזיעס, האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט קיין זעאונג וואָס זאָל זיי אַזוי דערמאָנען אין דעם וואָס ליגט הינטער זייער

נועלט, אין דער גרויסקייט און מאַכט פון דער נאַטור. אַן אומבאַשטימטער שוידער האָט פאַרכאַפּט זייערע אין חושך געהילטע נשמות. זיי האָבן געציטערט, זייערע מוס־קולן זענען שוואַך געוואָרן, און זיי האָבן געבויגן די קעפּ און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זייערע געדיכטע רייען זענען געוואָרן שיטער און דאָ און דאָרט איז דאָס פלאַץ געוואָרן ליידיק. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט פאַרן פּאָליציי־מאַן צו פאַרהאַלטן עטלעכע געפּערלעכע אָנפירער, און אויפן מאָמענט איז דער אויפשטאַנד דערשטיקט געוואָרן אין וואָרצל.

פּעקוראַ וואַקאַטסוקי

די פֿאַרשווּנדענע בראָדעווקע

לאַנג צוריק האָט געלעבט אין אַ דאָרף אַן אלטיטשקער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע בראָדעווקע אויף דער רעכטער באַק. אַזוי ווי זי האָט אים שטאַרק באַלעסטיקט, האָט ער אויסגעפּרוּווט אַלערליי תּרופֿות זי זאָל פֿאַרשווינדן, ער איז אַפֿילו געגאַנגען צו אַ דאָקטער. אָבער ער האָט אים גאָר נישט געהאָלפֿן. נישט נאָר וואָס ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די בראָדעווקע, נאָר זי איז נאָך גרעסער געוואָרן.

אין איין טאָג איז דער אַלטער אַוועק אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ. נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, האָט ער זיך געלאָזט אַהיים גיין. אָבער אַ גרויסע שוואַרצע כמאַרע האָט פּלוצים פֿאַרדעקט דעם הימל און דער רעגן האָט באַלד אָנגעהויבן פֿאַלן, תּחילת זייער דריבנע און נאָך דעם שטראָמענווייז.

— גאָט מייַנער! — האָט אויסגעשריגן דער פּויער, — איך זאָל נישט געפֿינען ערגעץ אַ ווינקעלע ווו זיך צו שיצן?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט מיט פֿרייד דערזען אַ גרויסן בוים, וועמעס שטאַם עס איז געווען אויסגעהוילט.

— עך, ווי גוט דאָס איז! — האָט אויסגעשריגן דער אַלטער, — איך וועל פֿון דאַנען נישט אַרויס ביז עס וועט אַריבער דער גאָס־רעגן.

אָבער דאָס וואַסער פֿון הימל האָט אַלץ שטאַרקער געגאָסן און דער שטורעם האָט אָנגעהויבן בושעווען. ריזיקע בליצן האָבן געשפּאָלטן די כמאַרעס. דער טאָג איז אויסגעגאַנגען און לאַנגזאַם האָבן די קלעפּ פֿון די העק אין די בוימער אויפֿגעהערט. בלויז דער ווינט האָט בייז געפּייפֿט צווישן די צווייגן.

דערווייל איז דער שטורעם שטילער געוואָרן. דער רעגן איז געוואָרן קלענער. אַ גערויש ענלעך צו טריט האָט זיך דערטראָגן פֿון דעם שכנותדיקן באַרג צו די אויערן פֿון דעם אַלטן:

— דאָס זענען, אָן צווייפֿל, האָלץ־העקער — האָט ער געטראַכט. — אין דער שעה גייען אַלע אַרויס פֿון וואַלד. מיט גוטע חברים וועל איך קיין מורא נישט

האָבן. איך וועל זיי בעטן זיי זאָלן מיך אַריינעמען אין זייער קאָמפּאַניע דורך צו גיין דעם וועג.

אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון דעם לאָך ווו ער האָט זיך געשיצט, האָט דער אַלטער, מיט אומבאַשרייבלעכער איבעררעשונג, געזען אַז עס האָבן זיך צו אים דער־נענטערט אַ הונדערט רויטע, שוואַרצע און גרינע טייוואָלים, וואָס מאַרשירן אין אַ רייע.

— רחמנות! — האָט ער געזיפצט. אַוועקפּאַלנדיק דאָרט ווו ער האָט זיך געפונען.

דורך אַ גליקלעכן צופאַל, האָט די מחנה טייוואָלים אים נישט אַנטדעקט, דער אַלטער איז געבליבן באַהאַלטן אין דעם לאָך פון בוים, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם.

די טייוואָלים האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַן אויסגעקאַרטשעטן שטיקל פּלאַץ, פונקט קעגן איבער דעם ליידיקן בוים. משונה קולות האָבן באַלד אָנגעפילט דעם גאַנצן וואַלד. דער אַלטער האָט אויך געקענט הערן קלאַנגען פון אַ געזאַנג אַרויסקרי־בנדיק אַזוי שטיל ווי נאָר ער האָט געקענט, איז ער אַרויס פון דעם בוים און האָט זיך אַרומגעקוקט.

די טייוואָלים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרייז פון ביידע זייטן אַרום דעם דיקסטן פון זיי, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין זייער שעף. אַזוי ווי דער אַלטער האָט געזען קלאָר די גאַנצע סצענע, האָט ער אונטערשיידט פאַרשידענע מינים. עס זענען געווען צווישן זיי קאָסאַקע, הערנערדיקע, אַנדערע מיט גרויסע מיילער, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק. . . איינער האָט געזונגען, אַ צווייטער האָט געשפּילט אויף אַ מו־זיקאַלישן אינסטרומענט, אַנדערע האָבן געטאַנצט, די איבעריקע האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט מיט די הענט. אַלע האָבן זיך ווילד פאַרוויילט.

— וואַרשיינלעך איז היינט דער יום־טוב פון די טייוואָלים — האָט געטראַכט דער אַלטער, — עס איז כדאי דאָס צו זען. איך בין זייער אַלט און אין משך פון אַ סך יאָרן קום איך אין דעם וואַלד אַריין. אָבער צום ערשטן מאָל אַז איך זע אַזאַ ספּעק־טאַקל.

אַזוי שטאַרק איז געווען זיין נייגער אַז, פאַרגעסנדיק אין דער מורא, האָט ער געמאַכט אַ טריט פאָרויס צו זען בעסער. פון זיין אָרט האָט דער עלטסטער פון די טייוואָלים געקוקט אויף דעם טאַנץ פון זיינע חברים, טרינקנדיק „סאַקע". פּלו־צים האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אייערע באַוועגונגען זענען שטענדיק די זעלבע. עס איז גאָר נישט דאָ אינ־טערעסאַנטעס אין דעם וואָס איר טוט. קענט איר נישט אויסטראַכטן עפּעס נייעס?

דער אַלטער האָט געקלערט:

— אָט דער איז דער מאָמענט זיי צו באַווייזן מיין טאַלענט פון אַ טענצער.

אָבער נאָך דעם האָט ער בעסער געטראַכט און האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— ניין, ניין! לאָמיר אַזוי שנעל נישט אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. די דאָזיקע שדים קענען מיך נאָך אָפּעסן דעם קאָפּ. און דאַן וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף. נאָך

אַלעמען, זענען זיי אויס צו זיין שוין מיד פון טאַנצן. אָבער אויב עס וועט מיר געלינגען און איך וועל זיי אויסלערנען אינטערעסאַנטע טענץ וועלן זיי מיך נישט אויפפרעסן. לאָמיר איינשטעלן. געגאַנגען.

ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג און אַריינרייסנדיק זיך אין קרייז האָט ער פריילעך אָנגעהויבן טאַנצן אונטער דעם קלאַנג פון דער מעלאָדישער מוזיק פון די שדים.

דערזעענדיק דעם דאָזיקן מענטשן וואָס האָט זיך פּלוצים אַריינגעריסן אין זייער מיט, זענען די טייוואָלים געוואָרן איבערראַשט. דער גוטער אַלטער האָט געטאַנצט מיט משוגענעם ברען אַלע טענץ וואָס ער האָט געקענט, טראַכטנדיק:

— אויב איך וועל טאַנצן שלעכט, וועלן די שדים מיך דערהרגענען.

נאָך דעם ערשטן מאָמענט פון איבערראַשונג האָט איין טייוול אויסגעשריגן:

טשיקאַווע!

אַן אַנדערער האָט געזאָגט:

— באמת אינטערעסאַנט!

און אַ דריטער:

— דאָס איז פיין!

קוים האָט זיך געענדיקט דאָס טאַנצן האָט דער עלטסטער פון די שדים געזאָגט צו דעם אַלטן:

— איך זע ווי מיד דו ביסט. דו האָסט אונדז זייער פאַרווילט. טרינק אַביסל „סאַקע".

דער אַלטער, אַ דערשראָקענער, האָט געענטפערט, נעמענדיק דעם קעלישאָק, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט:

— איך האָב איבערגעריסן אייערע פאַרווײַלונגען, אָבער דער גערויש פון אייער פרייד האָט זיך צו מיר דערטראָגן; און אויך איך בין געוואָרן פריילעך. די קאָמפּלימענטן וואָס איר האָט מיר געמאַכט, פאַרשאַפן מיר נאָך מער כבוד און פאַראורזאַכן מיר נאָך אַ גרעסערע פרייד ווייל אין דער אמתן פאַרדין איך אַ שטראָף פאַר מיין אומהעפלעכקייט.

— אדרבא, האָסט אונדז זייער פאַרווילט. הער נישט אויף צו קומען; וועסט שטענדיק גוט אויפגענומען ווערן קוים דו וועסט נאָר וועלן טאַנצן:

— איך זאָג אייך צו, אויב מיין באַשיידן טאַנצן געפעלט אייך אַזוי.

— אויב אַזוי, ביז מאָרגן!

— זיכער?

— איך דאַרף אייך עס נישט איבערחזרן.

— מיר קענען דיך נישט לאָזן אַוועקגיין אַזוי. גיב אונדז אַ משכון.

— וואָס איר ווילט.

דער עלטסטער האָט זיך באַראָטן מיט זיינע חברים.

— וואָס איז לויט אייער מיינונג דער בעסטער משכון?

איינער פון די שדים, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ידען און האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַזאַ, האָט געענטפערט:

— אַלס משכון דאַרפן מיר נעמען דאָס טייערסטע וואָס ער האָט. אַלזאָ, איך זע אַ בראָדעווקע אויף דער באַק פון דעם אַלטן און איך האָב געהערט זאָגן אַז דער מענטש האַלט פון זיינער אַ בראָדעווקע, ווייל ער דענקט אַז זי איז מזלדיק. דעריבער אויב מיר זאָלן צונעמען די בראָדעווקע ביי דעם אַלטן איז קיין שום ספק נישט אַז ער וועט זיך מאָרגן אומקערן.

— דיין מיינונג זעט אונדז אויס צו זיין לאָגיש. רייסט אים אָפּ די בראָדעווקע! — האָט געזאָגט דער עלטסטער.

די טייוואָלים זענען צוגעגאַנגען צום פּויער, האָבן אָנגעכאַפּט די בראָדעווקע וואָס האָט געמאַכט געשוואָלן זיין באַק, האָבן איר אָנגעהויבן דרייען און האָבן זי אָפּגעריסן אָן שום שוועריקייטן. דער אַלטער איז נאָך צו זיך נישט געקומען פון זיין חלשות, ווען די מיסטעריעזע בריאָים זענען געהאַט פאַרשוווּנדן.

דער גוטער אַלטיטשקער איז אַ מאָמענט געבליבן אומבאַוועגלעך. נאָך דעם האָט ער פּאַמעלעך אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבער דער באַק.

— ווונדערלעך — האָט ער געזאָגט — אַ דאַנק זיי איז מיין בראָדעווקע אין גאַנצן פאַרשוווּנדן און אָן ווייטיק. וואָס פאַר אַ פרייד! ווען איך זאָל פריער דאָס געווען וויסן! איך וואָלט שוין לאַנג געוועזן באַזוכט די שדים.

פול מיט פרייד האָט ער זיך געאיילט אַהיימצוגיין, צו דערציילן די בשורה זיין ווייב.

זי האָט, מיט אַ אומרויִק האַרץ, געוואַרט אויף איר מאַן. ווען זי האָט אים דערזען, האָט זי אים געזאָגט: — נישקשהדיק שפּעט קערסטו זיך אום פון דער אַרבעט. אוודאי האָט דער רעגן דיך פאַרהאַלטן ביז איצט, קום גיך אַריין און רו אָפּ.

נאָך דעם ווי די אַלטע האָט דאָס געזאָגט, האָבן זיך אירע אויגן פאַרהאַלטן אויף דער באַק פון איר מאַן. די בראָדעווקע, וואָס איז נאָך אין דער פרי געווען דאָרט, איז איצט פאַרשוווּנדן. אַ דערשטוינטע האָט זי אויסגערופן:

— טאַטע, טאַטע! וואָס האָסטו געטאָן מיט דיין בראָדעווקע?

דער מאַן, זייער אַ צופרידענער, האָט איר דערציילט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט אין וואַלד. זיין ווייב האָט אויסגעהערט די מעשה פון דער אויסערגעוויינלעכער פּאַסירונג מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן.

צו יענער צייט האָט געלעבט אין שכנות אַ צווייטער אַלטער, וואָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסע בראָדעווקע אויף דער לינקער באַק. די מעשה וועגן גוטן מזל פון זיין שכן האָט אין אים אויפגעוועקט קנאה און האָט אים באַוויגן צו מאַכן אים אַ באַזוך.

— מיין אַלטער פריינט, איז אמת אַז נעכטן פאַר נאַכט האָסטו באַגעגנט די שדים און אַז זיי האָבן ביי דיר אַראָפּגענומען די בראָדעווקע?

— אמת: זע מיין באַק.

— איך וועל, אויב אַזוי, גייען זוכן די דאָזיקע גוטע שדים און זיי בעטן זיי זאָלן ביי מיר אַראָפּנעמען מיינע.

— גוט וועסטו טאָן. גיי צו זיי.

— אָבער ווו וועל איך זיי געפינען?

דער גוטער אַלטער האָט אים פריינטלעך און מיט אַלע פרטים אויסגעמאָלט די שעה און דאָס פּלאַץ, אַ גוט אינפאָרמירטער, האָט דער אַנדערער אַלטער זיך אַוועקגעאיילט אין וואַלד אַריין, איז אַריין אין דעם אויסגעהוילטן בוים, ווי זיין שכן האָט אים געהייסן, און ברענענדיק פון אומגעדולד, האָט ער געוואַרט אויף דעם קומען פון די שדים.

ענדלעך איז די זון פאַרגאַנגען און די טייוואָלים זענען געקומען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם בוים מיט דעם ליידיקן שטאַם און האָבן אָנגעהויבן פאַרברענגען אַזוי ווי אין דער פאַריקער נאַכט. דער עלטסטער האָט געזאָגט, אַרומקוקנדיק זיך:

— עס איז שוין צייט דער אַלטער פון נעכטן זאָל קומען. ער לאָזט אויף זיך וואַרטן.

דער אַנדערער אַלטער, ווען ער האָט דאָס דערהערט, איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, אונטערטאַנצנדיק פריילעך.

— שלום עליכם — האָט ער געזאָגט — איך וואַרט שוין אויף אייך אַ ווײַלע.

— דו ביסט דער אַלטער פון נעכטן?

— יאָ.

— ווייז אויף שנעל דיין טאַנץ.

— מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן.

דער אַלטער האָט געטאַנצט, אַקאָמפּאַנירנדיק זיך מיט געזאַנג און שפּילנדיק מיט אַ פּעכער וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, אָבער דער דאָזיקער אַלטער איז געווען גראָב פון געבוירן און האָט קיין מאָל נישט געלערנט טאַנצן. ער איז געשפּרונגען פון רעכטס אויף לינקס, פאָראויס און צוריק, אָן שום גראַציע אָדער מעטאָד — דאָס איז געווען אומאַנגענעם. ווען דער עלטסטער פון די שדים האָט דאָס געזען, האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט כעס.

— דיין טאַנצן היינט איז אומגליקלעך און קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט דעם פון נעכטן. מיר דאַרפן דיך נישט. אַוועק פון דאַנען.

און נאָך דעם. ווענדענדיק זיך צו זיינע חברים, האָט ער געזאָגט:
— קערט אים אום די בראָדעווקע וואָס ער האָט געלאָזט פאַר אַ משכון.
איין טייוול, וואָס האָט געהיט די בראָדעווקע, האָט זיך געצילט קעגן אַלטן און האָט זי אַ שליידער געטאָן אויף דער באַק וואָס איז געווען ריין. דאָרט איז די בראָדעווקע געבליבן שטעקן.
דער אָרימער אַלטער איז אַזוי אַרום פאַרבליבן מיט צוויי בראָדעווקעס אַנשטאָט איינער. אַ טרויעריקער האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, טראָגנדיק אויף זיין אומגליקלעכן פרצוף אַן אומאַנגענעמע מתנה.

אינהאַלט:

אַריינפיר — 7
ח. נ. ביאַליק — די לעגענדע פון דריי און פיר — 11
שאול טשערניכאָווסקי — מאַסי סאַלאָוויי — 22
אָסקאַר אוּאײלד — דער יונגער מלך — 35
״ ״ דער געטרייער פריינד — 50
״ ״ די נאַכטיגאַל און די רויז — 62
״ ״ דער מוסטערהאַפטער מיליאָנער — 69
״ ״ דער גליקלעכער פרינץ — 75
זשאָרזש בערנאַרד שאָ — דער קייסער און דאָס קליינע מיידל — 86
ראָדיאַרד קיפּלינג — דאָס זומער־פייגעלע וואָס האָט געטופעט מיטן פיסל — 98
דזשאָן גאַלסוואָרטי — דער געפאַנגענער — 110
וויליאַם סאָמערסעט מאָם — די לאַסט־בהמה — 117
״ ״ ״ אַ שטיין וואָס פליט — 120
ר. מאַריי גילקריסט — דער בראָך אין דער וואַנט — 123
סענטדזשאָן אירווין — קאַלעגן — 129
עדגאַר אַלען פאָ — דאָס האַרץ וואָס האָט אויסגעגעבן — 136
נאַטהעניעל האָדאָרן — דער דרייפאַכער גורל — 143
הענרי קילער באָנער — אַ בריוו און אַ צייטונגס־אַרטיקל — 153
שערווּוד אַנדערסאָן — טויט אין די וועלדער — 164
אַנאַטאָל פראַנס — דער קונצנמאַכער — 178
זשאַן רישפּען — קאָנסטאַן גינאַר — 184
זשאָרזש ראָדענבאַך — דער שטאָט־יעגער — 189
דזשאָוואַני באָקאַטשאָ — די דריי רינגען — 195
גראַציאַ דעלעדאַ — די האָזעכע — 199
דזשאָוואַני פּאַפּיני — דער בעטלער פון נשמות — 206
״ ״ די אידעען פון בענרובי — 211
״ ״ די נבואה פונעם געפאַנגענעם — 216

קאַראָלאַ פּראָספּערי — דער שונא — 221
יאָנאַס לי — די געשיכטע פון אַ הינדעלע — 233
יאָהאַן אויגוסט סטרינדבערג — ליבע און ברויט — 239
קאַרל טשאַפּעק — דאָס אינדזל — 249
קאַלמאַן מיקשאַט — די גרינע פליג — 259
קאַרלאָס קיספּאַלודי — די אומזעבאַרע ווונד — 267
מאַנטיירא לאָבאַטאָ — די מאַלפּע וואָס איז געוואָרן אַ מענטש — 277
דזשוליאָ דאַנטאַס — ווו איז דער גן־עדן? — 291
א. פּ. טשעכאָוו — צוויי העלדן — 298
מיכאַיִל שאָלאָכאָוו — דער פּאָטער — 303
איוואַן קאַנקאַר — קינדער און אַלטע — 313
פּ. ג. דע קעווועדאָ — דאָן פּאַבלאָס ווערט אַ בעטלער — 317
מיגעל דע אונאַמונאָ — סאָלעדאַד — 324
פּיִאָ באַראָכאַ — דער אָפּגרונט — 334
האָראַסיאָ קיראָגאַ — די געקוילעטע הון — 342
״ ״ דער בריוו... און איין פּוס — 350
״ ״ דער שטראָם — 354
אַלוואַראָ זשונקע — די קרישטאָלענע קויל — 359
יאַקאָב וואַסערמאַן — די בעסטיע — 367
פּעקוראַ וואַקאַטסוקי — די פאַרשווונדענע בראָדעווקע — 371

אין פֿאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פּרץ — דריי חסידישע דערציילונג
2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פֿון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)
3) י. י. טרונק — כעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)
4) שלמה סיימאָן — אַמעריקע יידן (אויספאַרקויפט)
5) פּראָפ' ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פֿון צייטן
6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)
7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)
8) ש. סיימאָן — תוך יידישקייט
9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
(פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)
10) אברהם זאַק — אין אומרו פֿון יאָרן
(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען
12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פֿון תקופות (אויספאַרקויפט)
13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)
17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)
18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)
19) משה דלוזשנאָווסק — דערציילונגען און דראַמעס
20) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)
21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורך דער ז. גזשעוואַטש־פּרעמיע)
22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)

23) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום אין פראַנקרייך
24) דוד איגנאַטאָוו — אָפּגעריסענע בלעטער
25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאַמפּאַדור
26) נח גאָלדבערג — אויף צוואָרפענע וועגן
27) י. ה. פישמאַן — פריער און שפּעטער
28) ל. לאַסאָווין — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון
29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן)
30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט
31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מײַן זכרון
32־33 אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)
34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן
35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן
36) ב. ריווקין — ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע
37) יצחק פּערלאָוו — קלאַרע אינגבער
38־39) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)
40) שלמה סיימאָן — צווייגן
41) מ. אַקערמאַן — פאַרלאָשענע שטערן
42) מרדכי וו. בערנשטיין — דאָס איז געווען נוסח אַשכנז
43) שלמה ראָזענבערג — די כוזרים
44) אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט ליטעראַטור (איבערגעזעצט און צונויפגעשטעלט פון י. איסאַקסאָן)

אין גיכן דערשיינט:

י. י. טרונק — משיח־געוויטער

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:
EDITORIAL "IDBUJ"
BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87 - 9566 — BUENOS AIRES

Este libro se terminó de imprimir
el día 20 de abril de 1961, en los
Talleres Gráficos ZLOTOPIORO
HERMANOS, calle San Luis 3149,
Buenos Aires, Rep. Argentina.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
EDITORIAL "IDBUJ"
Buenos Aires

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

ANTOLOGIA
DE LA
LITERATURA MUNDIAL

Traducida y preparada
por
ISAAC ISAACSON

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1961